STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09418

# DI YIDISHE TOKHTER FUN TOLEDO

Lion Feuchtwanger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליאָן פויכטוואַנגער

# די יידישע טאָכטער פון טאָלעדאָ

ליאָן פויכטוואנגער

# די יידישע טאָכטער פון טאָלעדאָ

ערשטער באַנד

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1960

LION FEUCHWANGER

# ŻYDÓWKA Z TOLEDO

TOM PIERWSZY

Tłumaczył z niemieckiego: M. Rakowski

איבערגעזעצט פון דייטש: מ. ראַקאָווסקי

Redaktor: Sz. Belis

רעדאַקטאָר: ש. בעליס

Wydawnictwo „IDISZ-BUCH" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5916. Nakład 4000 egz. Druk ukończono w kwietniu 1960 r.
Ark. druk. 22, ark. wydaw. 19. Papier druk. sat. III kl. 61 × 86, 80 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8 C-77

געווידמעט מאַרטאַ און הילדע

# ערשטער טייל

דער קעניג האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידישקע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פאָרמאָסאַ, די יפת־תואר, און האָט פאַרגעסן זיין ווייב.

אַלפאָנסאָ דער קלוגער,
אַלגעמיינער כראָניק־יאָר 1270

קיין טאָלעדאָ גייט אַלפאָנסאָ
מיט דער קעניגין דער יונגער.
נאָר די ליבע איז אַ בלינדע.
איז אַ יידישקע — אויף וווּנדער —
אים אין אויג אַריינגעפאַלן...
רופן רופט מען זי פאָרמאָסאָ —
נישט אומזיסט דער ליבער נאָמען.
ס'האָט איר שיינקייט ביי דער מלכה
איר דעם קעניג צוגענומען,
האָט ער שנעל אין אַלץ פאַרגעסן,
אויך — אין האַרץ פון זיין פרינצעסין.

„די ליבע־אינטריגעס פון אַלפאָנסאָ דעם אַכטן מיט דער שיינער יידישקע, ראָמאַנסן פון לאָרענצאָ דע סעפּול־וועדאַ יאָר 1551“.

# קאַפּיטל איינס

אַכציק יאָר נאָכן טויט פֿון זייער נביא מאַהאָמעד האָבן די מוסולמענער אויפֿגעבויט אַ וועלט־מלוכה, וואָס האָט זיך אָן אַן איבעררייס געצויגן דורך אַזיע און אַפֿריקע, לענגאויס די דרומדיקע פּליינען פֿון מיטללענדישן ים און זיך אויסגעשפּרייט ביז צו די ברעגעס פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן. אינעם אַכציקסטן יאָר פֿון זייערע מלחמה־דעראָבערונגען זענען זיי אַריבער דעם שמאָלן מערבֿדיקן וואַסער־פּאַס פֿון מיטללענדישן ים, אַריינגעדרונגען אין אַנדאַלוזיע קיין שפּאַניע, האָבן צעשמעטערט די דאָזיקע מלוכה, וועלכע די קריסטלעכע וועסטגאָטן האָבן געשאַפֿן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, און מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט באַזעצט דעם גאַנצן האַלב־אינדזל ביז צו די פּירענעען.

די נייע הערשער האָבן מיטגעבראַכט אַ העכערע קולטור און פֿאַר־וואַנדלט דאָס לאַנד אין דער שענסטער, צומבעסטן געאָרדנטער און רייכ־סטער געגנט אין אייראָפּע. פּלאַנירט דורך באַהאַוונטע אַרכיטעקטאָרן און קלוגע בוי־אויפֿזעער, זענען אויסגעוואַקסן גרויסע פּרעכטיקע שטעט, וועלכע יענער וועלט־טייל האָט זינט די רוימער אַזוינס נישט געקענט. קאָרדאָווע, די רעזידענץ פֿון די מערבֿדיקע קאַליפֿן, איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿונעם גאַנצן מערבֿ.

די מוסולמענער האָבן די פֿאַרנאַכלעסיקטע לאַנדווירטשאַפֿט ווידער דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה און דורך קלוגער באַוואַסערונג שטאַרק געהויבן די פּרוכטבאַרקייט פֿון באָדן. דורך נייער הויך־אַנטוויקלטער טעכ־ניק, האָבן זיי פֿאַרסירט די באַרג־אַרבעט. זייערע וועבער האָבן צוגעשטעלט די טייערסטע טעפּיכער און די זעלטנסטע שטאָפֿן, זייערע מעסלער און סקולפּטאָרן — די איידעלסטע האָלץ־שניצערייען, די קירזשנער — אַלע מינים פּוטערוואַרג. זייערע שמידן האָבן אויסגעאַרבעט די פֿיינסטע קענג־שטאַנגען פֿאַר פֿרידלעכע ווי פֿאַר מלחמה־צוועקן, זייערע שווערדן, שפּאַגעס און קינדזשאַלן זענען געווען שאַרפֿער און שענער, ווי ביי די נישט מוסול־

מענישע פֿעלקער. וועגן זייערע בלי־זיין פֿון גרויסער ווידערשטאַנדסקראַפֿט, וועגן זייערע ווייט־שיסנדיקע האַרמאַטן, געהיימען וואָפֿן האָט די קריסטלעכע וועלט געערט מיט באַוואונדערונג.

מען האָט אויך געשמועסט וועגן אַ געהיימען, זייער געפֿערלעכן און שטאַרבלעכן עקספּלאָזיע־אויסמיש, האָט אַזוי־גערופֿענע „פֿליסיק פֿייער".

דער שיף־פֿאַרקער פֿון די שפּאַנישע מוסולמענער, אָנגעפֿירט דורך באַהאַוונטע מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען, איז געווען אַ שנעלער און זיכערער. האָבן זיי געפֿירט אַ פֿאַרצווייגטן האַנדל און געקאָנט פֿאַרזאָרגן זייערע מערק מיט אַלע אויסאַרבעטונגען פֿון דער איסלאַמישער וועלט־מלוכה.

קונסט און וויסנשאַפֿט האָבן קיינמאָל אַזוי נישט געבליט אונטערן האַזיקן הימל. דערהויפּט קונסט און צירלעכקייט האָט מען באַנוצט, כּדי אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופֿן צו באַפּוצן די הייזער. אַ פֿאַרצווייגטער דערציונגס־סיסטעם האָט געגעבן אַלעמען די מעגלעכקייט זיך צו לערנען. קאָרדאָווע האָט געהאַט דריי טויזנט שולן. יעדע גרעסערע שטאָט האָט געהאַט איר אוניווערסיטעט, און ביבליאָטעקן זענען געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט נישט אָנגעזען זינט דעם פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון העלענישן אַלעקסאַנדריע. פֿילאָזאָפֿן האָבן אויסגעברייטערט די גרענעצן פֿון קאָראַן, האָבן איבערגעזעצט אויף זייער אייגנאַרטיקן דענקאופֿן די ווערק פֿון דער גריכישער וועלט־חכמה, איבערגעשאַפֿן זיי פֿונדאָסניי. אַ בונטע, בליענדיקע סיפּור־המעשה־קונסט האָט געעפֿנט פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע ביז איצט אומבאַקאַנטע רוימען. גרויסע דיכטער האָבן פֿאַרפֿײַנערט די קלינגענדיקע צאַרבישע שפּראַך אַזוי ווייט, אַז מען האָט אויף איר געקאָנט אויסדריקן די דינסטע געפֿיל־ניואַנסן.

צו די באַזיגטע האָבן די מוסולמענער זיך באַצויגן מילד. פֿאַר זייערע קריסטן האָבן זיי איבערגעזעצט די עוואַנגעליע אין אַראַביש. די צאָלרייכע ייִדן פֿאַר וועלכע די קריסטלעכע וועסטגאָטן האָבן איינגעשטעלט אויסנאַמגעזעצן, האָבן איצט באַקומען בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג. יאָ, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון איסלאַם האָבן די שפּאַנישע ייִדן געפֿירט אַ גליקלעכער לעבן ווי קיינמאָל זינט דעם אונטערגאַנג פֿון זייער אייגענער מלוכה. זיי האָבן צוגעשטעלט די קאַליפֿן מיניסטאָרן און הויף־דאָקטוירים, האָבן אויסגעבויט פֿאַבריקן, פֿאַרצווייגטע האַנדלס־אונטערנעמונגען, האָבן געלאָזט זייערע שיפֿן איבער אַלע שבעה ימים. נישט פֿאַרגעסנדיק זייערע אייגענע העברעישע שפּראַך, האָבן זיי אַנטוויקלט פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען

אין אַראַביש, האָבן איבערגעזעצט אַריסטאָטעלעסן און פֿאַרשטאַלצן זייער לערע מיט דער תורה פֿון זייערע אייגענע באַרימטע ספֿרים און מיט דער דאָקטרינע פֿון דער אַראַבישער וועלט־חכמה. זיי האָבן געשאַפֿן אַ פֿרייע, דרייסטע ביבל־קריטיק, האָבן באַנייט די העברעיִשע פּאָעזיע.

אַריבער דריי הונדערט יאָר האָט געדויערט דער האָזיקער אויפֿבלי. שפּעטער איז אָנגעקומען אַ גרויסער שטורעם און אַלץ צעשטערט.

נאָכדעם ווי די מוסולמענער האָבן פֿאַרכאַפּט דעם שפּאַנישן האַלב־אינדזל, זענען די צעקלאַפּטע אָפּטיילונגען פֿון די קריסטלעכע וועסטגאָטן אַנטלאָפֿן אין די שווער־צוטריטלעכע צפֿונדיקע בערג, וווּ זיי האָבן געשאַפֿן קליינע אומאָפּהענגיקע גראַפֿשאַפֿטן און פֿון דור צו דור האָבן זיי פֿון דאָרט געפֿירט קעגן די מוסולמענער אַ פּאַרטיזאַנער־קריג, אַ גערילאַ. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געקעמפֿט אַליין, אָבער שפּעטער האָט דער פּויפּסט אין רוים דערקלערט אַ קרייץ־צוג און גרויסע פּרעדיקער האָבן מיט פֿלאַמענדיקע ווערטער געפֿאָדערט מען זאָל דעם איסלאַם פֿאַרטרייבן פֿון די לענדער, וואָס ער האָט אַוועקגענומען פֿון די קריסטן. און אָט האָבן זיך פֿון אַלע זייטן אַ לאָז געטאָן די קרייץ־צוגלער צו הילף די יורשים פֿון די געוועזענע קריסטלעכע הערשער פֿון שפּאַניע — קרוב פֿיר יאָרהונדערטער האָבן געוואָרט די האָזיקע לעצטע וועסטגאָטן, ביז וואַנען זיי האָבן ענדלעך אַ שפּאַר געטאָן אויף דרום. די שלאַבערדיקע, אויסגעאיידלטע מוסולמענער זענען ניט געווען איינשטאַנד זיך קעגנצושטעלן זייער ווילדן דראַנג. אין עטלעכע יאָרצענדליקער האָבן די קריסטן צוריק דעראָבערט דעם גאַנצן צפֿונדיקן טייל פֿונעם האַלב־אינדזל ביז צום טייך טאַכאָ.

ווערנדיק שטאַרק אָנגעגריפֿן פֿון די קריסטלעכע אַרמייען, האָבן די מוסולמענער אַרויסגערופֿן צו הילף זייערע ברידער פֿון אַפֿריקע, ווילדע פֿאַנאַטישע מלחמה־לייט, ס׳רוב פֿונעם גרויסן דרומדיקן מדבר סאַהאַרע. זיי האָבן פֿאַרהאַלטן דעם פֿאַרויסמאַרש פֿון די קריסטן, זיי האָבן אָבער אויך פֿאַריאָגט די קולטורעלע פֿרייִדענקערישע מוסולמענישע פֿירשטן, וועלכע האָבן ביז איצט געהערשט אין אַנדאַלוזיע. זיי האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן קיין שום אָפּנייג אין די פֿראַגן פֿון אמונה. דער אַפֿריקאַנער קאַליף יוסוף האָט פֿאַרכאַפּט די הערשאַפֿט אין אַנדאַלוזיע. כדי אויסצורייניקן זיין לאַנד פֿון אַלע אומגלויביקע, האָט ער גערופֿן די פֿאָרשטייער פֿון די ייִדן אין זיין הויפּט־קוואַרטיר און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— אין נאָמען פֿון אַלמעכטיקן, באַרמהאַרציקן גאָט! דער נביא

האָט אייערע אָבות פאַרזיכערט טאָלעראַנץ און די לענדער פון די גלויביקע, אָבער מיט איין תנאי, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן אין די אַלטע ספרים. ווען אייער משיח וועט במשך פון אַ האַלבן יאָרטויזנט נישט קומען — און אייערע אָבות האָבן הגרויף מסכים געווען — האָט מוזט איר אים, מאַכמעדן, אַלס נביא פון די נביאים אָנערקענען, ווייל ער האָט אייערע גאָטס=אויסדערוויילטע פאַרטונקלט. פינף הונדערט יאָר זענען שוין אַריבער. אַלזאָ, זייט מקיים דעם אָפּמאַך, אָנערקענט דעם נביא, ווערט מוסולמענער, אָדער פאַרלאָזט מיין אַנדאַלוזיע!

אַ סך יידן, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז זיי פאַרווערט געוואָרן מיטצונעמען זייער האָב און גוטס, האָבן אויסגעוואַנדערט פון לאַנד. ס'רוב זענען אַוועק קיין צפון=שפּאַניע, ווייל די קריסטן וועלכע זענען דאָרט ווידער געוואָרן די הערשער, האָבן, כדי צוריק אויפצובויען דאָס רואינירטע לאַנד, זיך געניטיקט אין דער ווירטשאַפטלעכער, האַנטווערקערישער און אין פיל אַנדערע קענטענישן פון די יידן. זיי האָבן די יידן פאַרזיכערט בירגערלעכע גלייכבארעכטיקונג, וואָס זייערע אָבות האָבן זיי געהאַט פריער צוגענומען, און פיל אַנדערע פריווילעגיעס.

א פיל יידן איז האָך פאַרבליבן אין מוסולמענישן שפּאַניע און האָט אָנגענומען דעם איסלאַם. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געוואָלט ראַטעווען זייער פאַרמעגן און שפּעטער, ביי א גינסטיקער געלעגנהייט, פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך אומקערן, צו דער אַלטער אמונה. אָבער בלויז האָס פאָטערלאַנד איז זיס, און דאָס לעבן אין דער שיינער אַנדאַלוזיע איז זיס. הערבער האָבן זיי זיך נישט געאייַלט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. היות נאָכן טויט פון קאַליף יוסוף איז געקומען צו דער מאַכט נישט אַזאַ שטרענגער פירשט, האָבן זיי זיך ווידער געוואַקלט אַרויסצופאָרן. לסוף האָבן זיי בכלל אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אויסוואַנדערן. אַלע אומגלויביקע איז מאַקע געווען פאַרבאָטן צו פאַרבלייבן אין אַנדאַלוזיע, אָבער אַלס באַווייז פון גלויבן איז גענוג געווען פון צייט צו צייט אַריינכאַפּן זיך אין מעטשעט און פינף מאָל א טאָג איבערחזרן דעם אני=מאַמין: „אַללאַה איז גאָט און מאַכמעד איז זיין נביא“. אין געהיים האָבן די פריערדיקע יידן געקאָנט אויספילן זייערע אַלטע מנהגים. און אין דער פון יידן=פרייער אַנדאַלוזיע זענען געווען פאַרבאָרגענע יידישע בתי=תפילות.

דאָך האָבן געוווסט די הויזיקע אַנוסים, אַז זייער געהיימניש איז פאַר אַ סך מענטשן קיין סוד נישט, און אַז אין פאַל פון א מלחמה וועט זייער

אַפּיקורסות אויפֿגעדעקט ווערן. זיי האָבן געוווּסט, אַז אויב עס ברעכט אויס אַ נייער הייליקער קריג, זענען זיי פֿאַרלוירן. און ווען זיי האָבן כּדין יעדן טאָג געבעטן וועגן שלום, האָבן זיי עס געמאָן ניט בלויז מיט די ליפּן.

ווען איבראַהים האָט זיך אין הויף אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּ פֿונעם איינגעפֿאַלענעם פּאַנטאַן, האָט ער דערשפּירט אַז ער איז פֿאַרמאַטערט. אַ גאַנצע שעה צייט האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אַרום דער חורבה.

און ער האָט באמת ניט געקאָנט פֿאַרלירן קיין צייט. גאַנצע צען טעג האָט ער פֿאַרבראַכט אין טאָלעדאָ. דעם קעניגס ראַטגעבער האָבן מיט רעכט געפֿאָדערט אַן ענטפֿער — צי וועט ער איבערנעמען די הויפּט־אַרענדע פֿון די שטייערן, אָדער ניין.

דער סוחר איבראַהים פֿון מוסולמענישן קעניגרייך אין סעווילע האָט פֿיל געשעפֿטן דורכגעפֿירט מיט די קריסטלעכע פֿירשטן פֿון שפּאַניע, אָבער אַזאַ אומגעהויערע אונטערנעמונג האָט זיך אים נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן. שוין יאָרן לאַנג איז די פֿינאַנסיעלע לאַגע פֿונעם קעניגרייך קאַסטיליע געווען זייער אַ קריטישע און זינט דער קעניג אַלפֿאָנסאָ האָט מיט פֿופֿצן חדשים צוריק געהאַט אַ דורכפֿאַל מיט זיין לייכטזיניקן מאַרש אויף סעווילע, איז זיין ווירטשאַפֿט פֿולשטענדיק רויִנירט געוואָרן. דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט זיך גענייטיקט אין געלט. אין אַ סך געלט, און טאַקע באַלד.

דער סוחר איבראַהים פֿון סעווילע איז געווען רייך. ער האָט פֿאַרמאָגט שיפֿן, גיטער, געהאַט קרעדיט אין אַ סך שטעט פֿון דער איסלאַמישער וועלט און אויך אין די האַנדלס־צענטערן פֿון איטאַליע און פֿלאַנדריע. אָבער אויב ער וועט זיך אַנטשליסן אויף דאָס ריזיקע קאַסטילישע געשעפֿט, דאַן מוז ער אַריינלייגן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן, און דער גרעסטער חכם קאָן ניט פֿאָרויסזען, צי קאַסטיליע וועט איבערלעבן די מהומה, וואָס שטייט איר פֿאָר אין די נאָענטסטע יאָרן.

פֿון דער אַנדער זייט איז דער קעניג אַלפֿאָנסאָ געווען גרייט אויף געוואַלדיקע קעגנזייטיקע הנחות. אַלס משכּון האָט מען אים פֿאָרגעלייגט די שטייערן און צאָלן, די הכנסות פֿון דער באַרג־אינדוסטריע און ער איז געווען זיכער, אַז קוים שאַפֿט ער דאָס געלט, וועט ער נאָך גינסטיקערע באַדינגונגען דערגרייכן. מען וועט אים אפֿילו איבערגעבן די קאָנטראָל איבער אַלע הכנסות. אמת טאַקע, אַז זינט די קריסטן האָבן אָפּגענומען דאָס לאַנד ביי די מוסולמענער איז דער האַנדל און די האַנטווער־

קעריי שטאַרק געפֿאַלן. אָבער קאַסטיליע, דאָס גרעסטע פֿון אַלע שפּאַנישע לענדער, איז זייער פֿרוכטבאַר, באַזיצט אָן אַ שיעור באָדן־אוצרות, און איבראַהים האָט געהאַט בטחון, אַז עס וועט אים געלונגען צו דערפֿירן דאָס לאַנד צו דער פֿריערדיקער מדרגה.

אַזאַ אונטערנעמונג קאָן מען נישט אָנפֿירן פֿון דער ווייטנס. ער מוז זיין וואַכיק אויפֿן אָרט. ער דאַרף פֿאַרלאָזן זיין מוסולמענישע סעווילע און איבערפֿאָרן אין דער קריסטלעכער טאָליעדאָ.

פֿינף און פֿופֿציק יאָר איז ער איצט אַלט. ער האָט דערגרייכט אַלץ, וואָס ער האָט זיך געווונטשן, אַ מענטש אין זיינע יאָרן און מיט זיינע דערפֿאָלגן דאַרף בכלל נישט טראַכטן וועגן אַזאַ מין ריזיקאַלישער אונטערנעמונג.

איבראַהים איז געזעסן אויף די איינגעפֿאַלענע טרעפּ פֿונעם לאַנג אויסגעטריקנטן פֿאָנטאַן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער האַנט. און ער איז מיטאַמאָל געקומען צום באַשלוס, אַז אויב אַפֿילו עס וואָלטן אים פֿון פֿאָרויס קלאָר געווען אַלע אומזיכערע פּאַסירונגען פֿונעם פֿאַרשטייענדיקן געשעפֿט, וואָלט ער סיי ווי סיי געקומען קיין טאָלעדאָ אין דעם האָזיקן הויז.

אָט די האָזיקע משונהדיקע חורבה האָט דאָס אים אַהער געצויגן.

אַז אַלטע אויסטערלישע פֿאַרבינדונג איז אַנטשטאַנען צווישן אים און דעם האָזיקן הויז. ער, איבראַהים, דער גרויסער פֿינאַנסיסט פֿון דעם שטאָלצן סעווילע, דעם עמירס פֿריינד און ראַטגעבער, האָט נאָך פֿון די יונגע יאָרן אָנגענומען דעם גלויבן פֿונעם נביא מאַכמעד, אָבער פֿון געבורט איז ער נישט קיין מוסולמענער, נאָר אַ ייד און דער האָזיקער בנין קאַסטילאָ־דע־קאַסטראָ האָט געהערט זיינע אבות, צו דער משפחה איבן עזרא, די גאַנצע צייט פֿון דער מוסולמענישער הערשאַפֿט אין טאָלעדאָ. ווען אָבער דער דעמאָלטיקער אַלפֿאָנסאָ דער זעקסטער האָט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק פֿאַרכאַפּט די שטאָט ביי די מוסולמענער, זענען די באַראָנען דע־קאַסטראָ געוואָרן די באַלעבאַטים פֿונעם האָזיקן הויז. אַ סך מאָל איז אויסגעקומען איבראַהימען צו זיין אין טאָלעדאָ און יעדעס מאָל האָט אים געצויגן צו די טריבע מויערן פֿונעם האָזיקן שלאָס. אָבער איצט, אַז דער קעניג האָט פֿאַרטריבן די דע־קאַסטראָס און דאָס הויז ביי זיי צוגענומען, האָט ער ענדלעך געקאָנט באַטראַכטן דאָס אינעווייניקסטע פֿונעם שלאָס און זיך מיישב זיין, צי לוינט נישט אַמאָל צוריקצובעקומען די נחלה פֿון זיינע אבות.

מיט שנעלע טריט און מיט גיריקע פאַרשנדיקע אויגן האָט ער דורכגעשפּרייזט די לאַנגע טרעפּ און באַטראַכט די פּילצאָליקע זאַלן, צימערן, קאָרידאָרן, די הויפן. עס איז געווען אַ וויסטע העסלעכע געביידע, מער פעסטונג ווי פּאַלאַץ. דעם אמת גערעדט, האָט זי אַמאָל, בעת איבראַהימס אבות, די איבן עזראס, האָבן דאָרט געוווינט, אויך אַזוי אויסגעזען. אָבער זענען די צימערן געווען באַקוועם מעבלירט לויטן אַראַבישן געשמאַק און די הויפן האָבן אויסגעזען ווי שטילע גערטנער. עס האָט אים שטאַרק געלאָקט צו רעסטאַווירן דאָס הויז פון זיינע אבות און דעם מגושמדיקן, וויסטן קאַסטיליאַ־דע־קאַסטראָ פאַרוואַנדלען אין אַ שיינעם פּרעכטיקן קאַסטיליאַ איבן עזרא.

סאַראַ אומזיניקע פּלענער! אין סעוויליע איז ער דער פּרישט פון די סוחרים, גערן געזען אין עמירס הויף, צווישן דיכטער, קינסטלער, געלערנטע, וואָס דער עמיר האָט געזאַמלט אַרום זיך פון דער גאַנצער אַראַבישער וועלט. ער האָט זיך דאָרט געפילט אויסגעצייכנט און פּונקט אַזוי האָבן זיך גוט געפילט זיינע ליבע קינדער — דאָס מיידל רעביא און דאָס יינגל אַבמער. איז עס נישט געווען קיין עבירה און אַ משוגעת אפילו צו שפּילן זיך מיט אַזוינע געדאַנקען, ווי צו פאַרבייטן דאָס אייגענע, פיינע סעוויליע אויף דער באַרבאַרישער טאָלעדאָ?

עס איז נישט געווען קיין משוגעת און אויך נישט קיין עבירה.

איבן עזראס משפּחה, די סאַמע יחסנישע משפּחה פון שפּאַנישן האַלב־אינדזל, האָט אין משך פון לעצטן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים. די צרות, וואָס די אַפריקאַנער האָבן ביים אַריינדרינגען קיין אַנדאַלוזיע געבראַכט אויף יידן, האָט איבראַהים, אַלס יינגל, אַליין איבערגעלעבט און דעמאָלט האָט מען נאָך אים גערופן יהודה איבן עזרא. פּונקט ווי אַלע אַנדערע יידן פון קעניגרייך סעוויליע איז אויך די משפּחה איבן עזרא אַנטלאָפן אויף צפון, אין דער קריסטלעכער שפּאַניע. אים אָבער, אַלס יינגל, האָט די משפּחה פאַרפליכטעט צו פאַרבלייבן און אָנגענומען דעם גלויבן פון איסלאַם. ער איז געווען באַפריינדעט מיטן פּירשטס זון אַבדולאַ, און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געהאָפט צו ראַטעווען אַ טייל פון זייער פאַרמעגן. ווען אַבדולאַ איז געוואָרן דער מושל האָט ער אים, איבראַהימען, אָפּגעגעבן זיין רייכטום. דער פּירשט האָט געוווסט, אַז זיין פריינד איבראַהים האַלט זיך טיף אין האַרצן ביי זיין אַלטן גלויבן. אַ סך מענטשן האָבן דערפון געוווסט, אָבער ער האָט דערפון נישט געמאַכט קיין וועזן. איצט האָט געהאַלטן ביי אַ נייער מלח־

מה פון די קריסטן קעגן די גלויביקע מאַכמעדאַנער, און אין אַזאַ הייליקן קריג וועט דער צמיר אַברולא מער נישט קאָנען באַשיצן דעם אפּיקורס איבן איבראַהים. ער וועט מוזן אַנטלויפן, ווי זיינע אבות אין דער קריסטלעכער שפּאַניע, איבערלאָזן זיין פאַרמעגן און בלייבן אַ בעטלער. איז דען נישט פיל קליגער שוין איצט אַוועקלאָזן זיך קיין מאָלעדאָ און געניסן פון זיין רייכקייט און גלאַנץ.

עס ווענדט זיך בלויז אין אים. ער דאַרף נאָר וועלן, וועט ער אין מאָלעדאָ נישט האָבן קיין קלענערן כבוד, ווי אין סעווילע. ער האָט נאָר געמאַכט אַ לייכטן רמז און שוין האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען וועט שטעלן אין זיין רשות דעם אַמט פון דעם יידישן פינאַנס-מיניסטער שושן, וועלכער איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק. דאָ אין מאָלעדאָ, ווען ער וואָלט זיך אפילו אָפן צוריקגעקערט צום יידנטום, וואָלט ער בלי ספק געקאָנט באַקומען יעדע שליחות, וואָס ער וואָלט זיך נאָר געווונטשן.

דורך אַ שפּאַלט פון דער מויער האָט דער קאַסטעלאַן *) אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין. שוין גאַנצע צוויי שעה געפינט זיך דאָ דער פרעמדער. וואָס זעט ער דאָ אין דעם צעשטערטן בנין? ער זיצט דאָ, דער אומגליקלעכער, גלייך ביי זיך אינדערהיים, פונקט ווי ער וואָלט דאָ געוואָלט פאַרבלייבן אויף שטענדיק. די מענטשן פון דעם פרעמדן, וואָס וואַרטן אויף אים אין אויסערלעכן הויף, האָבן דערציילט, אַז אין זיין הויף אין סעווילע באַזיצט ער פופצן ראַסעווע פערד און אַכציק משרתים. צווישן זיי דרייסיק שוואַרצע. זיי זענען חייך און לעבן בשפע, די אומגליקלעכע. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס דער קעניג, אונדזער הערשער, האָט די לעצטע צייט געליטן אַ מפּלה, וועט דאָך קומען אַ צייט, ווען די הייליקע בתולה און סאַנטיאַגאָ וועלן אַרויסווייזן צו אונדז זייער חסד, דעמלט וועלן מיר אויסהרגענען אַלע מוסולמענער און אַוועקנעמען אַלע זייערע אוצרות.

און דער פרעמדער זיצט ווייטער און ווייזט נאָך אַלץ נישט אַרויס קיין כוונה אַוועקצוגיין.

יאָ, דער סוחר איבראַהים פון סעווילע איז געזעסן און געטרוימט. קיינמאָל אין זיין לעבן איז ער נאָך נישט געשטאַנען פאַר אַזאַ ריזיקאַלישן שריט. אַמאָל, ווען די אַפריקאַנער זענען אַריינגעדרונגען אין אַנ-

---

*) פאַרוואַלטער פון שלאָס.

ראַלוזיע און ער איז איבערגעגאַנגען צום איסלאַם, איז ער געמלט קוים אַלט געווען דרייצן יאָר. ער איז געמלט נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט. די משפחה האָט פאַר אים אַליין באַשלאָסן. אָבער איצט מוז ער אַליין טאָן אויף אייגענער אחריות.

הערלעך האָט געשטראַלט די שטאָט סעווילע אין רייפקייט און שפע. אָבער דאָס איז געווען איבערדרייפקייט — האָט געזאָגט זיין אַלטער פריינד מוסאַ. די זון פון דעם מערבדיקן איסלאַם האָט איבערגעשריטן דעם זעניט און איצט הייבט זיך אָן דער אונטערגאַנג. דאָ, אין דעם קריסטלעכן שפּאַניע, אין דעם דאָזיקן קאַסטיליע האָט זיך אָנגעהויבן דער באַגינען, דער אויפשטייג. אַלץ איז דאָ געווען פרימיטיוו. זיי האָבן אַלץ צעשטערט, וואָס דער איסלאַם האָט געבויט און אויס גויט ווי עס איז פאַרלאַטעט. די לאַנדווירטשאַפט איז געווען פאַראָרעמט, פאַרעל־מערט, די האַנטווערקערייי — נישט אָרגאַניזירט. שיטער איז געוואָרן די באַפעלקערונג אין לאַנד, און די, וואָס זענען פאַרבליבן פאַרשטייען זיך אויף מלחמה, אָבער נישט אויף עניינים פון שלום. ער, איבראַהים, וועט אַראָפּברענגען מענטשן, וואָס האָבן געלערנט, וויאַזוי צו פּראָדוצירן, וואָס פאַרשטייען אַרויסצוברענגען אויף דער שיין דאָס, וואָס ליגט אומ־בוצליעד אין דער ערד.

עס וועט זיין זייער שווער אין דער לאַנדווירטשאַפט פונעם אָפּגע־שטאַנענעם קאַסטיליע אַריינצוהויכן אָטעם און לעבן. אָבער גראָד דאָס האָט אים געצאָקט.

דערצו האָרף ער אָבער האָבן לאַנגע אומגעשטערטע יאָרן פון שלום.

מיטאַמאָל האָט ער דערשפּירט, אַז דאָס איז אַ געטלעכער רוף, וואָס ער האָט געהערט נאָך מיט פופצן חדשים צוריק, ווען דאָן אַלפאָנסאָ האָט נאָך זיין מפּלה אָנגעבאָטן וואָפנשטילשטאַנד דעם עמיר פון סעווילע. דער קריגערישער אַלפאָנסאָ איז געווען גרייט אויף פאַרשידענע הנחות, ווי למשל: אָפּטרעטן געווויסע געביטן, באַצאָלן אַ הויכע אַנטשעדיקונג. אָבער ווען דער עמיר האָט געפאָדערט אַ וואָפנשטילשטאַנד, וואָס זאָל דויערן אַכט יאָר, איז ער דערויף נישט איינגעגאַנגען. אָבער איבראַהים האָט געבעטן זיין פריינד, דעם עמיר, און אים שטאַרק צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך בעסער באַגנוגענען מיט אַ קלענערן טעריטאָריעלן געווינס און פאַרקלענערן די אַנטשעדיקונג איידער אָפּטרעטן פון וואָפנשטילשטאַנד־טערמין. לסוף איז עס אים געלונגען און עס איז אונטערגעשריבן און נעחתמעט געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף אַכט גוטע לאַנגע יאָרן. יאָ,

גאָט אַליין האָט אים דערמאָנט, ער זאָל זיך אומקערן צו זיין אייגענעם פאָלק; ער האָט אים דערמאָנט. — ניין. ער האָט אים דערמאָנט; — ווען אַבראַהאַם... 

גאָט אַליין האָט אים דערמיט געטריבן און געהייסן: זאָלסט קעמפן פאַר שלום! גיב נישט נאָך, קעמף פאַר שלום!

און דער זעלבער אינערלעכער רוף האָט אים איצט געטריבן קיין טאָלעדאָ. ווען עס דערגייט צו אַ נייעם הייליקן קריג — און אַזוינס קאָן פּאַסירן — וועט דער אַוואַנטוריסט דאָן אַלפאָנסאָ זיך באַמיען צו ברעכן דעם וואָפנשטילשטאַנד מיט סעווילע. אָבער דערמאָלט וועט ער, איבראַהים, זיין אויפן אָרט און באַמיען זיך ווירקן אויפן קעניג מיט פאַרשידענע שפּיצלעך; דראָונגען, חכמה. און אויב עס וועט אים דאָך נישט געלונגען אָפּצוהאַלטן דעם קעניג, וועט ער לכל הפחות אָפּשלעפּן דעם קריג.

חוץ דעם וועט פאַר יידן, פאַר זיינע יידן זיין אַ ברכה, ווען ביים אויסברוך פון אַ מלחמה, וועט ער, איבראַהים, פאַרנעמען אַן אָרט אין קעניגלעכן ראַט. די יידן וועלן, ווי פריער, זיין די ערשטע, אויף וועלכע די קרייץ־טרעגער וועלן אָנפאַלן, אָבער ער וועט דערצו נישט דערלאָזן.

ווייל ער איז זייער ברודער.

דער סוחר איבראַהים איז נישט געווען קיין ליגנער, ווען ער האָט זיך גערופן מוסולמענער. ער האָט פאַרערט דעם אַללאַה און דעם נביא. ער האָט גענאָסן פון אַראַבישער דיכטונג און וויסנשאַפט. די מוסולמענישע מנהגים זענען ביי אים געווען אַ ליבע רגילות. ער האָט פון געוווינשאַפט פינף מאָל אין טאָג זיך געוואַשן לויטן מוסולמענישן דין, פינף מאָל אַ טאָג זיך געוואָרפן אויף דער ערד מיטן פּנים צו מעקאַ, כדי אָפּצוריכטן זיין תפילה, און ווען ער איז געשטאַנען פאַר אַן ערנסטן באַשלוס, אָדער פאַר אַ וויכטיקער האַנדלונג, פלעגט ער פילן אַ נויטווענדיקייט זיך ווענדן צו אַללאַה און אָפּזאָגן די ערשטע סורא פון קאָראַן. אָבער ווען ער פלעגט זיך אום שבת טרעפן מיט אַנדערע יידן פון סעווילע אין אַ פאַרבאָרגענער שול, אין אַ קעלער פון זיין הויז, כדי צו פאַרערן דעם גאָט פון ישראל און לייענען די תורה, דערמאָלט האָט ער געפילט אַ פריידיקע אומרואיקייט אין האַרצן. ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז זיין טיפסטער אני־מאמין, און דורך דער האַזיקער אָנערקענונג פון העכסטן אמת רייניקט ער זיך אָפּ פון די האַלבע אמתן און פון היצר וואָד.

דאָס איז געווען אַדוני, דער אַלטער גאָט פון זיינע אבות, וואָס האָט אָנגעצונדן אין זיין האַרץ דעם געבענטשטן פאַרלאַנג — זיך צוריקצוקערן קיין טאָלעדאָ.

שוין אַמאָל, ווען דאָס גרויסע אומגליק האָט פּאַסירט מיט די אַנדאַלוזישע יידן, האָט איינער פון די איבן עזראס, זיין פעטער יהודה

איבן עזרא פון קאַסטיליע אַ סך טובות געטאָן זיין פאָלק ישראל. אָט דער דאָזיקער יהודה, אַ גענעראַל פון דעמלטיקן אַלפאָנסאָ דעם זיבעטן, האָט פאַרטיידיקט די גרענעץ-פעסטונג קאַלאַטראַוואַ קעגן די מוסולמענער און הערמעגלעכט טויזנטער, צענדליקער טויזנטער באַדראָטע יידן צו אַנטלויפן אין זיכערע ערטער. איצט וועט דער אַמאָליקער סוחר איבראַהים אויספירן אַן ענלעכע שליחות.

ער וועט זיך צוריקקערן אין זיין היימישן הויז.

זיין שנעלע שטאַרקע פאַנטאַזיע האָט אים געשילדערט ווי אַזוי דאָס הויז וועט אויסקוקן. אָט שפריצט דער פאָנטאַן ווידער, שטיל טונקלט דאָס בליעכץ אין זיין הויף. אַ רואיק פילאַרטיק לעבן פליסט אין די רוימען פון זיין הויז, אַ באַוווינטס פון מענטשן, דער פיס טרעט איבער די דיקע טעפיכער אָנשטאָט דעם שטיינערנעם באָדן, אויף די ווענט — שריפטן אין העברעיש און אַראַביש, פסוקים פונעם גרויסן ספר און פון אַראַבישער דיכטונג. אומעטום פליסט קיל דערקוויקנדיק וואַסער, וואָס גיט זיינע טרוימען און געדאַנקען דעם געהעריקן ריטם.

אַזוי וועט אויסקוקן זיין הויז, און האָרט וועט וווינען דער, וואָס איז יהודה איבן עזרא.

נישט געבעטענע קומען די שורות פון ברכות, מיט וועלכע ער וועט באַצירן זיין הויז, די פסוקים פונעם גרויסן ספר פון זיינע אבות, וועלכע וועלן אים פון דעמלט אָן פאַרבייטן דעם קאָראַן: „וואָרום דעמלט וועלן בערג צעשמעטערט ווערן און היגלען וועלן איינפאַלן, אָבער מיין חסד וועט זיך פון דיר נישט אָפּקערן און מיין ברית-שלום וועט נישט צעשטערט ווערן“.

אַ פוסטער גליקלעכער שמייכל האָט באַדעקט זיין פנים. מיט זיין אינערלעכן בליק האָט ער געזען די שטאָלצע פסוקים פון דער געטלעכער הבטחה, ווי זיי וועלן מיט שוואַרץ, בלוי, רויט און גאָלד-קאָליר זיך ציען איבער די פרעסקן און באַצירן די וואַנט פון זיין שלאָף-צימער. זיי וועלן זיך איינקריצן אין זיין האַרץ פאַרן שלאָף און אים באַגריסן פרימאָרגן ביים אויפשטיין.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעגלייכט זיינע גלידער. ער וועט לעבן, הא, אין טאָלעדאָ אונעם ניי-אויפגעבויטן הויז פון זיינע אבות. ער וועט אין דעם אָרעמען, פאַרצערטן קאַסטיליע אַריינהויכן אַ נייעם אָטעם. ער וועט מיטהעלפן צו דערהאַלטן דעם שלום און שאַפן אַ מקום מקלט פאַרן געראָדפטן פאָלק ישראל.

מאַנריקע דע־לאַראַ, דער ערשטער מיניסטער האָט געלייענט פאַרן קעניג אַלפאָנסאָ דעם אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיטן סוחר איבראַהים פון סעוויליע און וואָס דאַרף נאָך אונטערגעשריבן ווערן. די קעניגין איז בייגעווען ביים לייענען. זינט לאַנגע יאָרן זענען די פירשטינס פון קריסטלעכן שפּאַניע געווען מיטהערשער און זיי איז געגעבן געוואָרן די פּריווילעגיע אָנטייל צונעמען אין די מלוכה־ענינים.

די דריי דאָקומענטן אין דער אַראַבישער שפּראַך, אין וועלכע די אָפּמאַכן זענען געשריבן געוואָרן, זענען געלעגן אויפן טיש. עס האָט זיך געפּאָדערט אַן אויספירלעכער ראַפּאָרט, און דאָן מאַנריקע האָט אַ סך צייט געפּטרט, כדי אויפצוקלערן אַלע פּרטים.

דער קעניג האָט אויסגעהערט מיט אַ האַלבן אויער. דאָניאַ לעאָנאָר און דער ערשטער מיניסטער האָבן אים לאַנג געדאַרפט איינרעדן איידער ער האָט באַוויליקט אָנצונעמען דעם אומגלויביקן אין זיין דינסט. דאָס איז ער דאָך געווען דער הויפּט־שולדיקער אַדאַנק וועמען ער האָט מיט פופצן חדשים צוריק געמוזט אונטערשרייבן אַזאַ האַרבן שלום־אָפּמאַך.

אָט דער דאָזיקער שלום־אָפּמאַך! זיינע ראַטגעבער האָבן אים אויפגעוויזן, אַז ער איז זייער אַ גינסטיקער. דאָן אַלפאָנסאָ האָט נישט געמוזט, ווי ער האָט זיך פריער געשראָקן, אַוועקגעבן די פעסטונג אַלאַרקאָס, — זיין באַליבטע שטאָט, וואָס ער האָט ביים ערשטן פעלדצוג אָפּגענומען ביים שונא און זי איינגעגלידערט אין זיין מלוכה. אויך די קריגס־אָנטשעדיקונג איז נישט געווען זייער גרויס. אָבער אַכט יאָר וואָפנשטילשטאַנד! דער יונגער אומגעצוימטער קעניג, אַ וועלכער העלד און הורך, האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, ווי אַזוי ער וועט גאַנצע אַכט יאָר לאָזן די אומגלויביקע זיך גרויסן מיט זייער זיג און מיט דעם דאָזיקן מאַן, וואָס האָט אים אָנגעוואָרפן אַזאַ שענדלעכן אָפּמאַך, זאָל ער ווידער שליסן אַ צווייטן נאָך שווערערן אָפּמאַך! זאָל איך דעם דאָזיקן מאַן פון הייַנט אָן שטענדיק האָבן אַרום זיך און אויסהערן זיינע פאַרדעכטיקע פאָרשלאָגן! גאַנץ אַנדערש האָט ער תופס געווען אַלע סיבות, ווען די קלוגע קעניגין און זיין געשיקטער פריינד מאַנריקע האָבן אים אַלץ אויפגעקלערט. זינט איבן שושן, זיין גוטער רייכער העברעער איז געשטאָרבן איז אַלץ שווערער געוואָרן צו באַקומען געלט פון די גרויסע סוחרים און וועלט־באַנקירן, און חוץ דעם דאָזיקן איבראַהים איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער, וואָס זאָל קאָנען האַלטן זיינע פינאַנסן.

בעת ער האָט אויסגעהאַרכט מאַנריקען, האָט ער אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער קעניגין.

מען האָט זי נישט צו אָפט געזען אין קעניגלעכן שלאָס פון טאָלעדאָ. זי איז געבוירן געוואָרן אין הערצאָגטום אַקוויטאַניע, אין מילדן דרום־פראַנקרייך, ווו די זיטן זענען געווען הויפישער און שענער, ווי דאָס לעבן איז טאָלעדאָ. הגם די שטאָט געפינט זיך שוין הונדערט יאָר אין די הענט פון די קאַסטילישע קעניגן, האָט זי איר אויסגעוויזן פאַרגרעבט, ווי אַ קריגס־לאַגער, כאָטש זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלפאָנסאָ מוז פאַרברענגען זיין גרעסטן טייל צייט אין זיין דאָזיקער הויפטשטאָט, נאָענט צום אייביקן שונא, אָבער זי האָט באַשלאָסן צו האַלטן הויף אין בורגאָס, אויף צפון פון קאַסטיליע, נאָענט צו איר היימלאַנד.

אַלפאָנסאָ, נישט ריידנדיק מיט קיינעם דערפון, האָט קלאָר געוווסט צוליב וואָס דאָניאַ לעאָנאָר איז דאָס מאָל געקומען קיין טאָלעדאָ. דאָס איז געווען זיכער צוליב דער בקשה פון דאָן מאַנריקע. זיין מיניסטער און ליבער פריינד האָט קענטיק געהאַלטן, אַז אָן דער קעניגינס הילף וועט ער נישט קאָנען באַוועגן דעם קעניג מסכים צו זיין, אַז אַן אומגלויביקער זאָל ווערן זיין קאַנצלער. אָבער ער האָט אַליין פאַרשטאַנען די דאָזיקע נויטווענדיקייט און וואָלט דעריבער סיי ווי סיי דערויף איינגעגאַנגען אָן דאָניאַ לעאָנאָרס הילף. דאָך איז ער געווען צופרידן פון דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג געבלאָזן. עס איז אים געווען אָנגענעם צו האָבן דאָניאַ לעאָנאָר לעבן זיך.

ווי זאָרגפול זי האָט זיך אויסגעפוצט, און עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט בלויז וועגן אַ ראַפּאָרט פון גוטן מאַנריקע. תמיד באַמיט זי זיך אויסצוזען רייצנד און גלייכצייטיק פירשטליך. ס'זעט אויס אַ ביסל קאָמיש, אָבער ס'געפעלט אים. זי איז נאָך געווען כמעט אַ קינד, ווען זי האָט מיט פּוּפּצן יאָר צוריק פאַרלאָזט דעם ענגלישן הויף פון איר טאַטן הענריק און געוואָרן זיין כלה. אָבער אין דער דאָזיקער אָרעמער, שטרענגער קאַסטיליע, ווו צוליב די אייביקע מלחמות האָט מען ווייניק צייט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט הויף־עטיקעט, האָט זי דאָך אַלע יאָרן אויפגעהאַלטן דעם חוש פאַר איר היימלענדישער קורטואַזיע.

אַלץ נאָך קינדעריש, נישט געקוקט אויף אירע ניינאונצוואַנציק יאָר, איז זי דאָ געזעסן אין איר שווער פּראַכטיק קלייד. נישט געקוקט אויף איר נידעריקן וווקס, האָבן אירע געדיכטע העל־בלאָנדע האָר איר צוגעגעבן אַ מאַיעסטעטישן אויסזען. אונטער איר הויכן אייזל־אויסגע-

מאָקטן שטערן האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע, קלוגע, גרינע אויגן. אפשר עטוואָס צו קאַלטע און סקעפּטישע, אָבער דער לייכטער אומבאַשטימטער שמייכל האָט צוגעגעבן דעם רואיקן פּנים וואַרעמקייט און פריינדלעכקייט.

זי האָט לייכט געשמייכלט איבער אים, זיין ליבע האָניע לעאָנאָר. גאָט האָט אים געגעבן שכל און דאָן אַלפאָנסאָ האָט פאַרשטאַנען פונקט אַזוי גוט ווי איר מאַמע, דער ענגלישער קעניג, אַז די ווירטשאַפט פון אַ מלוכה איז נישט קנאַפּער וויכטיק ווי די אַרמיי. אָבער די כיטרע אומוועגן, הגם זיי פירן זיכערער צום ציל, ווי די שווערד, זענען דאָך פאַר אים צו לאַנגזאַם און צו לאַנגווייליק. ער איז געווען אַ זעלנער און נישט קיין בעל־חשבון, אַ זעלנער און דווקא מאַקע נאָר אַ זעלנער. און דאָס איז דווקא גוט און אין אַ צייט, ווען גאָט האָט די קריסטלעכע פירשטן אָנגעבאָטן אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן די אומגלויביקע.

אויך דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען. זי האָט געלייענט אויפן פּנים פון איר אַלפאָנסאָ דעם קאַמף פון זיינע אינערלעכע ווידערשפּרוכן, וואָס האָט געברויזט אין אים: ער פאַרשטייט און גיט זיך אונטער, סקריפּעט מיט די ציין און בונטעוועט זיך. ער איז נישט געווען קיין מלוכה־מאַן. קיינער האָט עס נישט אַזוי גוט געוווסט ווי זי, די טאָכטער פון אַ מלך און אַ מלכה, וועלכע האַלטן מיט זייער דרייסטער כיטרער פּאָליטיק דעם אָטעם פון דער וועלט זינט צענדליקער יאָרן. ער האָט געהאַט גענוג שכל, ווען ער האָט געוואָלט, אָבער זיין ווילד געמיט צעברעכט ווידער און ווידער די מויער פון זיין פאַרשטאַנד. און מאַקע פאַר דער האַזיקער ברויזנדיקער, אומגעצוימטער ענערגיע האָט זי אים ליב.

— דו זעסט, הער קעניג און אויך דו קעניגין לעאָנאָר — האָט דאָן מאַנריקע אויפגעקלערט — ער האָט זיך פון קיין איין באַדינג נישט אָפּגעזאָגט. און דאָך גיט ער פיל מער, ווי יעדער אַנדערער וואָלט געגעבן.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט זיך אָנגערופן מיט צאָרן:

— און דעם פּאַלאַץ נעמט ער זיך אויך צו! אַלס אַלבאַראָקע!*)

— ניין, הער קעניג, — האָט מאַנריקע אָפּגעענטפערט, — זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב פאַרגעסן דיר צו דערציילן. ער וויל נישט מען

*) אַלבאַראָקע — איז אַ העפלעכקייט־מתנה, וואָס מען האָט לויטן מנהג געשאָנקען ביים שליסן אַן אָפּמאַך (איבערזעצער).

זאָל אים דעם פּאַלאַץ שענקען. ער וויל אים קויפֿן. פֿאַר טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי.

דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע סומע, אַ סך מער, ווי די אַלטע חורבה איז ווערט געווען. אַזאַ „לאַרזשעס", אַזאַ ברייטער זשעסט פּאַסט פֿאַר אַ גרויסן אַדון. אָבער ווען עפּעס אַ סוחר איבראַהים פֿון סעווילע טוט אַזאַ זאַך, צי איז עס נישט קיין חוצפּה? אַלפֿאָנסאָ האָט זיך אויפֿגעהויבן און אָנגעהויבן שפּרייזן אַהין און צוריק.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט פֿון אים דאָס אויג נישט אַראָפּגענומען. דער דאָזיקער איבראַהים וועט זיך גוט אָנמאַטערן, ביז ער וועט איר דאָן אַלפֿאָנסאָ צופֿרידנשטעלן. ער איז דאָך אַ ריטער, אַ קאַסטילישער ריטער. ווי גוט ער זעט אויס, אַן אמתער מאַנסביל און נישט געקוקט אויף זײַנע דרייסיק יאָר איז ער נאָך אַ ייִנגל. לעאָנאָר האָט אַ טייל פֿון איר קינדהייט פֿאַרבראַכט אין דאָמפֿראָנטשלאָס. דאָרט איז געשטאַנען אויסגעשניצט פֿון האָלץ אַ גרויסער, יונגער, שטרענגער, הייליקער געאָרג, דער מעכטיקער באַשיצער פֿונעם דאָזיקן שלאָס. זײַן פּנים האָט איר שטענדיק דערמאָנט דאָס דרייסטע, אָנטשלאָסענע, עטוואָס אויסגעמאָגערטע פּנים פֿון איר אַלפֿאָנסאָ. זי האָט אַלץ אין אים ליב געהאַט: די רויטלעך בלאָנדע האָר, זײַן קורצע צעלייגטע באָרד, אָפּגעראַזירט ביי די ליפּן, אַזוי, אַז זײַן לאַנג שמאָל מויל האָט זיך דייטלעך אָנגעזען. צוממייסטן אָבער האָט זי ליב געהאַט זײַנע גרויע ענערגישע אויגן, און ווען זײַן האַרץ האָט געברויזט האָבן זיי געשפּריצט מיט אַ בייזן פֿייער, אַזוי האָט ער אויך איצט אויסגעזען.

ער בעט וועגן איין הנחה, — האָט מאַנריקע געזאָגט, — ער וויל אַליין זיך ווייזן פֿאַר דײַן קעניגלעכער מאַיעסטעט און פֿון דיר פּערזענלעך באַקומען די אונטערגעשריבענע דאָקומענטן. זײַן עמיר, — האָט מאַנריקע אויפֿגעקלערט, — האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ ריטער און ער האַלט זיך מיט כּבֿוד. דערמאָן זיך, דאָן אַלפֿאָנסאָ, אַז אין די לענדער פֿון די אומגלויביקע פֿאַרנעמט דער סוחר אַזאַ בכּבֿודיק אָרט, ווי דער ריטער, ווײַל זייער נבֿיא גופֿא איז געווען אַ סוחר.

אַלפֿאָנסאָ האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט פּלוצלונג באַקומען אַ גוטע שטימונג. ווען ער האָט געלאַכט, האָט די יוגנט פֿון אים אַרויסגעשטראַלט. ער האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— אָבער העברעיש וועל איך דאָך נישט מוזן מיט אים רעדן?

— זײַן לאַטײַן איז גוט פֿאַרשטענדלעך, — האָט זאַכלעך אָפּגעענטפֿערט מאַנריקע. — אָפּילו קאַסטיליש רעדט ער נישט שלעכט.

דאָן אַלפֿאָנסאָ איז ווידער געוואָרן ערנסט.

איך האָב גאָרנישט קעגן דעם ייִדישן אַלפֿאַקים (בעל־יועץ) — האָט ער געזאָגט, אָבער מאַכן אײַער ייִד פֿאַר אַן Escrivano mayor*) דאָס מוזט איר פֿאַרשטיין, איז קעגן מײַן ווילן.

דאָן מאַנריקאָ האָט אויפֿראָסנײַ דעם קעניג אויסגעטײַטשט דאָס, וואָס ער האָט די לעצטע וואָכן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— מיר האָבן אַ גאַנצן יאָרהונדערט מלחמה געהאַלטן און זיך פֿאַרנומען מיט דעראָבערונגען, האָבן מיר קיין צײַט נישט געהאַט צו זאָרגן וועגן אונדזער ווירטשאַפֿט. דאַקעגן, די מוסולמענער האָבן יאָ געהאַט צײַט. ווען מיר ווילן איבערשטײַגן די אַראַבער, דאַרפֿן מיר די ייִדישע חכמה, די בײַגעוודיקייט פֿון זייער שׂכל, זייערע געשעפֿטס־באַציונגען. ס'איז געווען אַ גליק פֿאַר די קריסטלעכע פֿירשטן, וואָס די מוסולמענער האָבן זייערע ייִדן פֿאַרטריבן פֿון אַנדאַלוזיע. איצט האָט דײַן פֿעטער פֿון אַראַגאָן זײַן ייִד — דאָן יוסף איבן עזרא און דער קעניג פֿון נאַוואַראַ — זײַן בן־זרח.

— אויך מײַן פֿאָטער, — האָט זיך אָנגערופֿן דאָניאָ לעאָנאָר, — האָט זײַן ייִד אהרן פֿון ליניקאָלן. פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרשפּאַרט ער אים, נאָכדעם שלעפּט ער אים ווידער אַרויס פֿון תּפֿיסה און שענקט אים ערד און כּבֿוד.

און דאָן מאַנריקע פֿאַרענדיקט:

— עס וואָלט אַ סך בעסער געווען פֿאַר קאַסטיליע, ווען אונדזער ייִד איבן שושן וואָלט נישט געשטאָרבן.

דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט זיך אָנגעכמורעט. ס'האָט אים פֿאַרדראָסן, ווען מ'האָט עס אים דערמאָנט. די מלחמה קעגן דעם עמיר פֿון סעוויליע, וואָס האָט זיך אַמאָל אַזוי טרויעריק פֿאַרענדיקט, וואָלט ער שוין מיט פֿיר יאָר צוריק אויפֿסנײַ אָנגעהויבן, ווען דער אַלטער איבן שושן וואָלט אים נישט אָפּגעהאַלטן. איצט זאָל ער, ווי עס ראָטן אים דאָניאָ לעאָנאָר און מאַנריקע, אויף זײַן אָרט אַוועקזעצן דעם דאָזיקן איבראַהים פֿון סעוויליע, וועלכער וועט אים ווידער אָפּהאַלטן פֿון זײַנע שנעלע באַשלוסן? צוליב דעם אפֿשר און נישט אַזוי צוליב ווירטשאַפֿטלעכע טעמים, האָבן

---

*) אַן עלטסטער שרײַבער. דאָ — פֿינאַנס־מיניסטער (שפּאַניש).

זיי אים אַזוי עקשנותדיק צוגערעדט צו דערנענטערן דעם דאָזיקן ייִד. זיי האַלטן אים, אַלפֿאָנסאָ, פֿאַר צו היציק און קריגעריש און האָבן נישט געגלייבט, אַז ער וועט זיין פֿעיִק צו כיטרען, שפּלדיקן געדולד, וואָס אַ קעניג מוז אויסבאַרויגנט האָבן אין אַזעלכע קרעמערישע צייטן.

— דאָס איז דאָך געשריבן אין אַראַביש, — האָט ער מיט אַן אומעטיקער שטים געזאָגט, צעוואַרפֿנדיק די דאָקומענטן, — איך קאָן אפֿילו נישט איבערלייענען, וואָס איך דאַרף אונטערשרייבן.

דאָן מאַנריקע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער וויל אָפּשלעפּן מיטן אונטערשרייבן.

— אויב דו באַפֿעלסט, העד קעניג, — האָט ער גערן געענטפֿערט,

— וועל איך הייסן די אָפּמאַכן איבערשרייבן אויף לאַטיין.

— גוט, — האָט געזאָגט אַלפֿאָנסאָ — און באַשטעל מיר דעם ייִד נישט פֿריער פֿון מיטוואָך.

די אויריענץ, בעת וועלכער עס האָבן געזאָלט אויסגעטוישט ווערן די אונטערשריפֿטן, איז פֿאָרגעקומען אין אַ קליינעם צימער פֿון שלאָס. דאָניאַ לעאָנאָר האָט אויך געוואָלט בייזיין אויף דעם אויפֿנעם. זי איז געזעסן זייער נייגעריק אָנצוקוקן דעם ייִד.

דאָן מאַנריקע איז געווען אין אַן אַמטלעכן לבוש. צוגעפּעסטיקט אויף אַ גאָלדענער האַלדז־קייט, האָט ער געטראָגן דעם צייכן פֿון קעניגלעכן געהיימראַט, און דער ברוסט — דעם הערב פֿון קאַסטיליע, הדרי טורעמס פֿון „בורגלאַנד”. אויך לעאָנאָר האָט געטראָגן דעם געהעריקן טואַלעט. דאַקעגן אַלפֿאָנסאָ איז געווען היימיש געקליידט, נישט אַזוי ווי עס איז אָנגענומען ביים אונטערשרייבן אַ מלוכה־אַקט. ער האָט געטראָגן אַ מין קורטקע מיט ברייטע לויזע אַרבל אין באַקוועמע שיך.

אַלע האָבן דערוואַרט, אַז איבראַהים וועט לויטן מנהג פֿאַלן אויף זיין קני אין אָנבליק פֿון דער קעניגלעכער מאַיעסטעט. איבראַהים איז נאָך פֿאָרלויפֿיק נישט געווען דעם קעניגס אונטערטאַן, דאַקעגן איז ער דערווייל געווען אַ גרויסער האַר פֿון דער מוסולמענישער וועלט־מלוכה. ער האָט געטראָגן די מלבושים פֿון איסלאַמישן שפּאַניע, אַ שווערן, בלויען מאַנטל פֿון חשובע לייט, וואָס פֿאָרן אויף אַ פֿרייער רייזע אין אַ הויף פֿון אַ קריסטלעכן קעניג. ער האָט זיך בלויז טיף פֿאַרנייגט פֿאַר דאָניאַ לעאָנאָר, פֿאַרן קעניג און דאָן מאַנריקע.

די קעניגין האָט די ערשטע גענומען דאָס וואָרט:

— שלום צו דיר, איבראַהים פון סעוויליע, — האָט זי געזאָגט אויף אַראַביש.

די געבילדעטע לייט פון די קריסטלעכע מלוכות אויפן שפּאַנישן האַלב־אינדזל האָבן אַ חוץ לאַטיין אויך גערעדט אַראַביש.

די העפלעכקייט האָט געפאָדערט, אַז אויך אַלפאָנסאָ זאָל אָפּענטפערן אין אַראַביש, און אַזוי האָט ער בדעה געהאַט צו טאָן, אָבער די חוצפּה פון דעם מאַן, וואָס איז נישט געפאַלן כורעים, האָט אים באַוויגן צו רעדן לאַטיין:

Salve domine Jbrahim*) — האָט ער אַ ברום געטאָן.

דאָן מאַנריקע האָט אין אַ פּאָר אַלגעמיינע פראַזן דערקלערט צו וועלכן צוועק דער סוחר איבראַהים איז געקומען. בינו־לבינו האָט דאָניאָ לעאָנאָר מיט אַ רואיקן צערעמאָניאַלן שמייכל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דאַמע, געקוקט פאַר זיך, און באַטראַכט דעם גאַסט. ער איז געווען מיטלוועקסיק, אָבער אין זיינע הויכע שיך, נישט געקוקט אויף זיין וואַקלעדיקער האַלטונג, האָט ער אויסגעזען גענוג הויך. פון זיין מאַט־ברוינלעך פּנים, איינגעראַמט אין אַ קורץ בערדל, האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שטילע מאַנדלאַרטיקע קלוגע, עטוואָס גאַוודיקע אויגן. דער לאַנגער פיין־צוגעשניטענער בלויער רייזע־מאַנטל איז געהאָנגען אויף זיינע פּלייצעס.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט מיט קנאה באַטראַכט דעם טייערן שטאָף. אין דער קריסטלעכער וועלט איז געווען שווער אויסצואַרבעטן אַזאַ מין שטאָף. אָבער ווען דער מאַן וועט זיין ביי זיי אין היכל, וועט ער פאַר איר, אפשר, קאָנען איינשאַפן אַזאַ שטאָף און גאַנץ מעגלעך אויך זעלטענע פאַרפומען, פון וועלכע זי האָט זיך אַ סך אָנגעהערט.

דער קעניג האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בעט, ענלעך צו אַ סאָפּקע. ער איז געזעסן האַלב־ליגנדיק אין אַ באַטאָנט נאַכלעסיקער פּאָזע.

— איך האָף, — האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי דאָן מאַנריקע האָט פאַרענדיקט, — איך האָף, אַז די צוואַנציק טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי, וועלכע דו האָסט פאַרשפּראָכן איינצוזאָלן, וועסטו ברענגען צו דער געהעריקער צייט.

— צוואַנציק טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי איז אַ גרויסער סכום, — האָט איבראַהים אָפּגעענטפערט — און פינף חדשים איז זייער ווייניק צייט. אָבער דאָס געלט וועט זיין צו פינף חדשים, הער קעניג מיטן תנאי,

---

*) זיי באַגריסט, הער איבראַהים (לאַטיין).

אַז די פּולמאַכטן, וואָס דער אַפּמאַך גאַראַנטירט, וועלן נישט בלייבן אויפן פּאַרמעט.

— דיינע ספקות זענען גאַנץ פאַרשטענדלעך, איבראַהים פון סעווילע, — האָט דער קעניג געזאָגט. — די פולמאַכטן, וואָס דו האָסט יך אויסגעדונגען, זענען אומדערהערטע. מיינע ראַטגעבער האָבן מיר דערקלערט, אַז דו ווילסט אַרויפליגן אַ האַנט אויף אַלץ, וואָס גאָט חסד האָט מיר געשאָנקען: אויף מיינע שטייערן, אויף מיינע צאָלן, אויף מיינע אייזן-און זאַלץ-גרובן. דו ביסט זייער גיריק, נישט אָנצוזעטיקן, איבראַהים פון סעווילע.

דער סוחר האָט אָפּגעענטפערט גאַנץ רואיק:

— ס'איז מיר שווער צו זעטיקן, ווייל איך מוז דיך זעטיקן, הער קעניג. דו ביסט שטאַרק אויסגעהונגערט. גוט, איך טראָג אַריין די צוואַנציק טויזנט גאָלד-מאַראַוועדי. אָבער ווייל פון דעם דאָזיקן געלט, פון וועלכן עס געהערט מיר נאָר אַ קליינע פּראָוויזיע, וועל איך צוריק איינקאַסירן, בלייבט אַ פּראַגע. דיינע גראַנדן און Ricos hombres*) זענען שווערע העזהדיקע הערן. זיי מוחל דעם סוחר, דאַמע, — האָט ער זיך מיט טיפער פאַרנייגונג געווענדעט צו דאָניאַ לעאָנאָר, און אָנגעהויבן רעדן אַראַביש, — ווען ער רעדט אין דיין ליכטיקער קעגנוואַרט וועגן אַזעלכע נישטיקע, לאַנגווייליקע זאַכן.

— איך בין דערפאַר, — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט צו איבראַהימען, — אַז דו זאָלסט זיך באַגנוגענען צו זיין מיין אַלפאַקים (בעל-יועץ), ווי מיין ייד איבן שושן. ער איז געווען אַ גוטער ייד און איך באַדויער זיין טויט.

— עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, הער קעניג, — האָט איבראַהים אָפּגעענטפערט, — וואָס דו פאַרטרויסט מיר אָן דאָס אָרט פון אַזאַ קלוגן, טיכטיקן מענטש. אָבער אויב איך האָב באַשלאָסן דיר צו דינען לויט מיין ברענענדיקן פאַרלאַנג, קאָן איך זיך נישט באַגנוגענען מיט די פולמאַכטן פונעם איידעלן שושן — זאָל אים אללאה מזכה זיין מיט אַלע פרייד פון גן-עדן.

פונקט ווי איבראַהים וואָלט גאָרנישט געזאָגט, האָט דער קעניג ווידער גענומען דאָס וואָרט און זיך געווענדעט אין דער לאַנדס-שפּראַך, אויף אַ קאַסטיליש-לאַטייניש זשאַרגאָן: — אָבער איך האַלט, אַז דיין

---

*) רייכע לייט (שפּאַניש).

פאַרלאַנג אָנצופירן מיט מיין חתימה איז, איידל געזאָגט, נישט אָנשטענדיק.

— איך וועל דיינע שטייערן נישט קאָנען איינמאָנען, הער קעניג, ווען איך וועל זיין בלויז דיין אַלפּאַקיס, — האָט ער אַרויסגעזאָגט פאַוואָליע, מיט אַ לייכט אָנגעשטרענגטער קאַסטילישער שפּראַך. — איך מוז פאַרלאַנגען צו זיין דיין עסקריוואַנאָ, ווייל ווען איך וועל נישט אָנפירן מיט דיין חתימה, וועלן דיינע גראַנדן מיך נישט פאָלגן.

— דיין שטים און דער אויסוואַל פון דיינע ווערטער, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ געענטפערט, — איז גאַנץ באַשיידן, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער דו וועסט מיך נישט אָפּנאַרן. דאָס, וואָס דו מיינסט, איז זייער שטאָלץ און איך וואָלט אפילו געזאָגט, — און דאָ באַנוצט ער אַ געמיין לאַטייניש וואָרט, — דו ביסט אומפאַרשעמט.

— דער קעניג מיינט, אַז דו האַלטסט פון זיך זייער שטאַרק, — האָט זיך דאָן מאַנריקע שנעל אַרייַנגעמישט.

— יאָ, אַזוי טאַקע מיינט דער קעניג, — האָט געזאָגט דאָניאַ לעאָנאָר מיט איר קלאָרער שטימע, גאַנץ פריינדלעך און אויף אַ גוטן לאַטיין.

ווידעראַמאָל האָט זיך דער סוחר טיף פאַרנייגט, צוערשט פאַר לעאָנאָרען, נאָכדעם פאַר דאָן אַלפאָנסאָ.

— איך קען מיין ווערט, — האָט ער געזאָגט — און איך קען דעם ווערט פון די קעניגלעכע שטייערן. איר דאַרפט מיך נישט שלעכט פאַרשטיין, — האָט ער ווייטער גערעדט. — סיי דו, קעניגין, סיי דו, גרויסער און שטאָלצער קעניג, און אויך דו, איידעלער דאָן מאַנריקע. גאָט האָט דאָס דאָזיקע שיינע לאַנד קאַסטיליע מיט אַ סך אוצרות געבענטשט און מיט מעגלעכקייטן אָן אַ שיעור. אָבער די מלחמות, וואָס דיין מאַיעסטעט און דיינע אבות האָבן געמוזט פירן, האָט אייך נישט איבערגעלאָזט קיין צייט צו געניסן פון גאָטס ברכה. איצט האָסטו באַשלאָסן, הער קעניג, צו פאַרזיכערן דיינע לענדער מיט אַכט יאָר שלום. סאַראַ געוואַלדיקע אוצרות קאָן מען אין די דאָזיקע אַכט יאָר אַרויסשלעפּן פון דיינע בערג, פון דיין פרוכטבאַרן באָדן, פון דיינע טייכן! איך קען מענטשן, וועלכע וועלן אויסלערנען דיינע קנעכט מאַכן בעסערע אַקעראייזנס און צו פאַרמערן זייערע שאָף. און איך זע, אַז גרויס איז די צאָל און גרויס איז דער ווערט פונעם אייזן, וואָס וואַקסט אין דיינע בערג, איך זע קופּער, לאַפּיס־לאַזולי, קוועקזילבער, זילבער און איך וועל אַראָפּברענגען געשיקטע הענט,

וועלכע וועלן עם אַלץ אַרויסשלעפּן, וועלן עם צוגרייטן, מישן, אויסמישן און שמידן. איך וועל פון די איסלאַמישע לענדער מענטשן אַראָפּברענגען, הער קעניג, וועלכע וועלן אַוועקשטעלן דיינע וואָפן־וואַרשטאַטן אויף דער זעלבער מדרגה ווי די וואַרשטאַטן פון סעוויליע און קאָרדאָווע. און עס געפינט זיך אַ שטאָף, וועגן וועלכן איר אויף דעם דאָזיקן רייכן צפון־באָרן האָט קוים געהערט. דער דאָזיקער שטאָף רופט זיך אָן פּאַפּיר, אויף וועלכן עס שרייבט זיך לייכטער ווי אויף פּאַרמעט. אַז מען דערגייט דעם סוד פון זיין אויסאַרבעטונג קאָסט עס פופצן מאָל ביליקער ווי פּאַרמעט. און אויף דיין טייך טאַבאָ איז אַלץ דאָ, וואָס ס׳איז נייטיק, כדי אויסצואַרבעטן דעם דאָזיקן שטאָף. און דעמלט וועט די וויסנשאַפט, דאָס דענקען און דיכטונג באַרייכערט און פאַרטיפט ווערן אין אייערע לענדער, הער קעניג און פרוי קעניגין.

ער האָט גערעדט מיט פּאַטאָס און איבערצייגונג. ער האָט געצילט זיינע גלאַנצנדיקע, ווייט־דורכדרינגלעכע אויגן דאָ אויפן קעניג, דאָ אויף דאָניאַ לעאָנאָר, וואָס האָבן געהאָרכט אויפמערקזאַם, כמעט גערירט פון זיין רעדע. אַלפאָנסאָ האָט געהאַלטן, אַז איבראַהימס רייד זענען טיילווייז לעכערלעך און טיילווייז פאַרדעכטיק. פאַרמעגנס ווערן נישט דערוואָרבן דורך טרחה און שווייס, נאָר ווערן דעראָבערט מיטן שווערד. אָבער אַלפאָנסאָ האָט געהאַט פאַנטאַזיע. ער האָט געזען די אוצרות און דעם אויפבלי, וואָס דער מאַן האָט פאַר אים געמאָלט. אַ ברייטער, פריילעכער שמייכל האָט זיך צעלייגט איבער זיין פּנים, ווידער האָט ער אויסגעזען זייער יונג און דאָניאַ לעאָנאָר האָט פון אים געקוואָלן.

ער האָט געעפנט דאָס מויל און מודה געווען:

—דו רעדסט גוט, איבראַהים פון סעוויליע, און מעגלעך, אַז אַ טייל, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט וועסטו אויספילן, דו מאַכסט דעם איינדרוק פון אַ קלוגן, טיכטיקן מאַן.

אָבער באַלד האָט ער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַזאַ קרעמערישער פּלאַפּלעריי, האָט תיכף געענדערט דעם לשון און געזאָגט מיט חוזק:

— איך האָב געהערט, אַז דו האָסט אַ טייערן פּרייז באַצאָלט פאַר מיין שלאָס, פאַר דעם פריערדיקן קאַסטיליאַ דע קאַסטראָ. צי האָסטו דען אַ צאָלרייכע משפּחה, וואָס דו נייטיקסט זיך אין אַזאַ גרויסן בנין?

— איך האָב אַ זון און אַ טאָכטער, — האָט דער סוחר אָפּגעענטפערט. — אָבער איך האָב אַ סך פריינד, מיט וועלכע איך האָב ליב זיך

שואל־עצה זיין און פירן אַ שמועס. ס'זענען אויך דאָ פיל מענטשן, וואָס וועגדן זיך צו מיר נאָך הילף און עס איז ניחא אין די אויגן פון גאָט, — נישט צו פאַרגעסן דעם פּאַרוואָגלטן און געבן אים אַ האַר איבערן קאָפּ.

— עס וועט דיך נישקשהדיק אָפּקאָסטן, דיין גאָט צו דינען, — האָט געזאָגט דער קעניג. — און איך האָב געטראַכט דיר צו שענקען דעם דאָזיקן שלאָס אַלס מתנה אויף אַ גאַנץ לעבן.

— דאָס הויז, — האָט דער סוחר אָפּגעענטפערט זייער העפליך — האָט נישט שטענדיק געהייסן קאַסטיליאַ דע קאַסטראָ. אַמאָל האָט עס זיך אָנגערופן קאסר איבן עזרא און דעריבער ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק אים האָבן. דיינע ראַטגעבער, הער קעניג, האָבן דיר מסתם דערציילט. נישט געקוקט דערויף וואָס איך טראָג דעם אַראַבישן נאָמען, בין איך אַ מיטגליד פון דער משפּחה איבן עזרא. און מיר, די איבן עזראס, האָבן נישט קיין טבע צו וווינען אין הייזער, וועלכע געהערן נישט צו אונדז. עס איז נישט געווען קיין חוצפּה פון מיין זייט, הער קעניג, וואָס האָט מיך באַוויגן זיך צו ווענדן נאָך אַן אַנדער אַלבאָראַקע *) — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ פאַרטרוילעכער, הכנעהדיק־העפלעכער שטים.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט מיט חידוש אַ פרעג געטאָן:

— אַן אַנדער אַלבאָראַקע?

— דער הער עסקריוואַנאָ מאַיאָר, — האָט דאָן מאַנריקע דער־קלערט, — האָט פאַרלאַנגט און פון אונדז באַקומען דאָס רעכט, אַז יעדן טאָג זאָל אים געליפערט ווערן אַ שאָף פון די קעניגלעכע סטאַדעס, פאַרן געברויך פון זיין קיך.

— עס גייט מיך שטאַרק אָן די דאָזיקע פּריווילעגיע, — האָט איב־ראַהים זיך געווענדעט צום קעניג, — ווייל דיין זיידע, דער ליכטיקער מלך אַלפאָנסאָ, האָט מיינעם אַ פעטער געגעבן די זעלבע פּריווילעגיע. ווען איך וועל זיך אַריבערקלייבן קיין טאָלעדאָ און זיך שטעלן אין דיין דינסט, וועל איך אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט מעלדן, אַז איך קער זיך אום צוריק צו דער אמונה פון מיינע אבות. איך וועל אָפּוואַרפן דעם נאָמען איבראַהים און ווידער זיך אָנרופן יהודה איבן עזרא, ווי יענער פעטער מיינער, וועלכער האָט אין דיין זיידנס צייטן פאַרטיידיקט די פעסטונג קאַלאַטראַוואַ. זאָל מיר דערלויבט זיין, הער קעניג און פרוי קעניגין, אַרויסצוזאָגן אַ נאַריש, אָפנהאַרציק וואָרט. ווען איך וואָלט

*) מתנה.

דאָס זעלבע געקאָנט טאָן אין סעווילִיע, וואָלט איך מיין שיין היימלאַנד נישט פאַרלאָזן.

— עס פרייט אונדז זייער, וואָס דו האָסט אַזוי אָפּגעשאַצט אונדזער טאָלעראַנץ, — האָט זיך אָנגערופן דאָניאַ לעאָנאָר.

— ווייסטו נישט האָבן קיין שום שוועריקייטן ביים אַרויספאָרן פון סעווילִיע? — האָט אַלפאָנסאָ אָפּנהאַרציק אַ פרעג געטאָן.

— ווען איך וועל האָרט ליקווידירן מיינע געשעפטן, — האָט יהודה געזאָגט, — וועל איך האָבן שאָדן, אָבער פאַר קיין אַנדערע שוועריקייטן האָב איך נישט קיין מורא. אַדאַנק גאָטס חסד, האָב איך געוווּנען דאָס האַרץ פונעם עמיר. ער איז אַ מאַן פון הויכן, פרייען פאַרשטאַנד, און ווען עס וואָלט געווען אָפּהענגיק בלויז פון אים, וואָלט איך נאָך אין סעווילִיע זיך אָפן צוריקגעקערט צו דער אמונה פון מיינע אבות. עס וועלן אים אויפגעקלערט ווערן די סיבות און ער וועט מיר נישט שטערן.

אַלפאָנסאָ האָט אָנגעקוקט דעם מאַן, וואָס איז דאָ אין הויפישער באַנעמונג פאַר אים געשטאַנען און גערעדט מיט אויפריכטיקער חוצפה. דער מאַן האָט געשיינט צו זיין טיִוּלאָגיש קלוג אָבער נישט ווייניקער געפערלעך. אויב ער פאַראַט זיין פריינד דעם עמיר צי קאָן ער זיין געטריי די פרעמדע קריסטן?

גלייך ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט דעם קעניגס געדאַנקען האָט יהודה מיט אַ פרייִלעכער שמײכל געזאָגט:

— קוים האָב איך פאַרלאָזן סעווילִיע, קאָן איך זיך שוין אַהין נישט צוריקקערן. אַלזאָ, זעסטו, הער קעניג, ווען איך וועל דיר שלעכט דינען, דאַן בין איך אין דיינע הענט.

— איצט שרייב איך אונטער, — האָט דאַן אַלפאָנסאָ קורץ, כמעט גראָב דערקלערט.

פריער פלעגט ער זיין נאָמען אונטערשרייבן אויף לאַטיין: Alfonsus rex Castilios *) אָדער Ego Rex*) אין די לעצטע צייטן פלעגט ער אונטערשרייבן אין דער פאָלקס־שפּראַך — אויף פּראָסט לאַטיין, אָדער קאַסטיליש.

— עס וועט זיין גענוג, — האָט אַלפאָנסאָ מיט שפּאַס געזאָגט, — אויב איך וועל צוגעבן **) Jo el Rey

*) „אַלפאָנסאָ קעניג פון קאַסטיליע אָדער „איך דער קעניג" (לאַטיין).
**) איך דער קעניג (שפּאַניש).

— דיינע איניציאלן, אפילו דיין שמיר מיטן פען איז פאר מיר גענוג, הער קעניג, — האט יהודה אויך מיט שפאס אפגעענטפערט.

דאן מאנריקע האט דערלאנגט אלפאנסאן די פעדער. דער קעניג האט אונטערגעשריבן אלע דריי דאקומענטן מיט א בייז פנים, שנעל, פארביסן, גלייך ווי מען וואלט אים ארייגעשלעפט אין א פאסקודנער אומפאראנטווארטלעכער אוואנטורע. יהודה האט זיך צוגעקוקט. ער איז געווען שטארק צופרידן פון דעם, וואס עס איז געשען. פול מיט פריידיקער שפאנונג אויף דער צוקונפט, איז ער געווען דאנקבאר דעם גורל, זיין גאט אללאה, זיין גאט פון ישראל. ער האט געשפירט ווי דאס איסלאמישע פארלאזט אים און אומבאמערקט גייט אין אים אויף די ברכה, וואס צר פלעגט אלס ייגל מוזן זאגן ביים דערגרייכן עפעס גייעס: געלויבט זאלסטו זיין, ארוני, אונדזער גאט, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה.

דאן האט ער אויך אונטערגעשריבן די פאפירן, מיט א געווישן יראת־הכבוד זיי דערלאנג דעם קעניג און מיט א כיטרעז בליק געשטאגען און געווארט. אלפאנסא איז דערשטוינט געווארן, ווען ער האט דערזען די אונטערשריפט. ער האט אויסגעגלאצט די אויגן און אנגעכמורעט דעם שטערן. די אותיות זענען אים אויסגעקומען פרעמד.

— וואס זאל דאס באדייטן, — האט ער אויסגערופן. — דאס זענען דאך נישט קיין אראבישע אותיות.

— איך האב זיך דערלויבט, הער קעניג, — האט יהודה העפלעך דערקלערט — אונטערצושרייבן אין העברעיש, און הכנעהדיק צוגעגעבן: מיין פעטער, וועלכער איז אדאנק דעם חסד פון דיין ליבטיקן זיידן דער־הויבן געווארן צו א פירשט, האט אויך תמיד אונטערגעשריבן אין העב־רעיש: „יהודה איבן עזרא, הנשיא, דער פירשט“.

אלפאנסא האט געצוקט מיט די אקסלען און זיך אויסגעדרייט צו דאניא לעאנאר. עס איז געווען קענטיק, אז ער האלט די אוידיענץ פאר פארענדיקט.

— איך בעט אייער גנאד, — די הענטשקע — האט יהודה געזאגט.

די הענטשקע איז געווען א סימבאל פון א וויכטיקן אויפטראג, וואס איין רימער פלעגט געבן א צווייטן. נאך א גליקלעכן אויספירן פונעם אויפטראג פלעגט די הענטשקע צוריקגעגעבן ווערן.

אלפאנסא האט איינגעפונען, אז במשך פון א שעה צייט איז ער גע־נוג אויסגעשטאנען פון דעם חוצפהדיקן ייד, און ער איז שוין גרייט געווען אים אפצוזאגן. אבער דאניא לעאנאראס בליק האט אים אפגעהאלטן.

— יהודה האָט זיך געשטעלט אויף איין קני. און אַלפּאָנסאָ האָט אים דערלאַנגט די הענטשקע.

און גלייך, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר דעם, וואָס איז געשען, איז ער אַריבער אויף דער געשפּעטלעכער זייט פונעם ענין און געזאָגט אַזוי:

— און איצט שאַף מיר תיכף די צוואַנציק טויזנט מאַראַוועדי.

אָבער דאָניאַ לעאָנאָר האָט שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף יהודהן מיט אירע גרויסע גרינע דורכדרינגלעכע אויגן און געזאָגט מיט איר צאַרטער שטימע:

— מיר פרייען זיך, וואָס מיר האָבן זיך מיט דיר באַקענט, הער עס־קריוואַנאָ.

איידער יהודה האָט פאַרלאָזן די שטאָט טאָלעדאָ, כדי צו ליקווידירן זיינע געשעפטן אין סעווילע, האָט ער אויסגעזוכט דעם ראש פון דער יידישער קהילה, פון דער אַלאַכאַמאַ — דאָן אפרים בר־אבא.

דאָן אפרים איז געווען אַ קליינער מאָגערער ייד, בערך זעכציק יאָר אַלט סיי אין אויסזען, סיי אין הילוך. קוקנדיק אויף אים האָט קיינער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן סאַראַ מאַכט ער האָט, ווייל דער ראש פון דער יידישער קהילה אין טאָלעדאָ איז געווען מיט פירשטן גלייך. די יידישע קהילה, די אַלאַכאַמאַ האָט געהאַט איר געריכטס־וועזן. קיינע שום מאַכט־אָרגאַנען האָבן נישט געהאַט קיין רעכט זיך אַריינצומישן, קיינער האָט אויף איר קיין שליטה נישט געהאַט, חוץ זייער פרנס דאָן אפרים און דער קעניג.

דאָן אפרים, קליין און צונויפגעקאָרטשעט פון קעלט איז געזעסן אין אַ חדר פאַרלייגט מיט שטוב־זאַכן און ספרים. נישט געקוקט אויפן וואַרע־מען וועטער איז ער געווען איינגעהילט אין אַ פעלץ און לעבן אים איז געשטאַנען אַ פייערטאָפּ.

ער איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין קעניגלעכן שלאָס און הגם די נאָמינאַציע פונעם סוחר איבראַהים האָט געדאַרפט ענדגילטיק באַשטימט ווערן ערשט נאָכדעם ווען ער וועט צוריקקומען קיין טאָלעדאָ, האָט דאָך דאָן אפרים שוין געוווּסט, אַז דער מאַן פון סעווילע האָט איבערגענומען די אַרענדע פון דעם הויפּט־שטייער־אַמט און איז געוואָרן דער יורש פונעם אַלפאַקים איבן שושן. אים אַליין האָט מען פאַרגעלייגט די דאָזיקע אַרענדע, אָבער פאַר אים איז אַזאַ מין

געשעפט געווען צו ריזיקאַליש און דער אַמט פון אַן אלפאקים צו געפערלעך צוליב זיין גרויסן פאַרנעם. אים איז געווען גוט באַקאַנט די לעבנסגעשיכטע פון סוחר איבראהים. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ פאַרבאָרגענער ייִד און האָט פאַרשטאַנען די אינערלעכע און אויסערלעכע סיבות, וואָס האָבן אים באַוועגט אַריבערצוטראָגן זיך קיין קאַסטיליע. אפרים האָט אַ סך מאָל צוזאַמען מיט אים געמאַכט גרויסע געשעפטן, אַ סך מאָל — גרויסע געשעפטן קעגן אים, און עס איז אים געווען נישט אָנגענעם, וואָס דער דאָזיקער צווייוידייטיקער זון פון דער משפחה איבן עזרא האָט באַשטימט טאָלעדאָ פאַר דער הויפּט־רעזידענץ פון זיינע אונטערנעמונגען.

דאָן אפרים איז געזעסן און מיט די נעגל פון איין האַנט געריבן די דלאָניע פון דער צווייטער האַנט און געוואַרט, וואָס דער גאַסט וועט אים דערציילן. דאָן יהודה האָט געפירט דאָס געשפרעך אין העברעיש, אין אַ באַלעזענעם שיינעם העברעיש. ער האָט מיטגעטיילט אפרימען, אַז ער האָט גענומען אין אַרענדע די הכנסות פונעם קעניגלעכן אוצר פון טאָלעדאָ און אויך פון קאַסטיליע.

— לויט ווי איך האָב געהערט, האָסטו דעם פאָרשלאָג איבערצונעמען די גענעראַל־אַרענדע אָפּגעוואָרפן — האָט דאָן יהודה פריינדלעך געזאָגט.

— יאָ, — האָט אָפּגענטפערט דאָן אפרים, — איך האָב געוויגן און געמאָסטן און אָפּגעוואָרפן. איך האָב דעם ירושה־אַמט פון אונדזער אלפאקים איבן שושן, — זכר צדיק לברכה — אויך אָפּגעוואָרפן. דער דאָזיקער אַמט האָט מיר אויסגעוויזן צו גלענצנדיק פאַר אַ באַשיידענעם מענטש.

— און איך האָב עס אָנגענומען, — האָט פשוט געזאָגט דאָן יהודה.

דאָן אפרים איז אויפגעשטאַנען און זיך פאַרנייגט.

— איך ווינטש דיר גליק, הער אלפאקים, — האָט ער געזאָגט און היות יהודה האָט נאָר לייכט, שווייגנדיק געשמייכלט האָט ער צוגעגעבן:

— אָדער אפשר דאַרף איך זאָגן, הער אלפאקים מאיאָר?

דאָן יהודה האָט קוים באַהערשנדיק זיין טריומף־געפיל, געזאָגט:

— זיין מאַיעסטעט דער קעניג האָט באַוויליקט מיך צו דערהייבן צו איינעם פון זיינע פאַמיליאַרעס *). יאָ, דאָן אפרים, איך וועל זיין איינער פון די פיר געהיים־ראַטן און איך וועל זיצן אין דער קוריאַ **).

---

*) בני־בית.

**) העכסטער ראַט.

איך וועל אָנפירן מיט די געשעפטן פון אונדזער הער דעם קעניג, אַלס עסקריוואַנאַ מאַיאָר.

דאָן אפרים האָט אים אויסגעהאָרכט מיט א געפיל פון באַוואונדערונג געמישט מיט עקל, מיט א געפיל פון פרייד און אומעט. וואָס האָט דער דאָזיקער משוגע־דרייסטער דערפאַר באַצאָלט? — האָט ער געטראַכט. און וווהין וועט אים דערפירן זיין נאַרישע גאווה! זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין פון אן אומגליק, וואָס דער דאָזיקער מאן קאָן נאָך אראָפּברענגען אויפן פאָלק ישראל!

דאָן אפרים איז געווען אויסערגעוויינלעך רייך. עס זענען אַרומגע־גאַנגען קלאַנגען וועגן דער אומגעהייערער עשירות פונעם סוחר איבראהים פון סעווילִיע, אָבער אין דער שטיל האָט דאָן אפרים געהאַלטן, אַז ער איז נישט ווייניקער רייך ווי דער דאָזיקער שטאָלצער משומד. אָבער ער אפרים, האָט זיין געלט פארבאַהאַלטן און איז געבליבן אין שאָטן. דאַקעגן איברא־הים פון סעווילִיע איז געווען אן אמתער איבן עזרא און האָט ליב געהאַט מע זאָל פויקן איבער דער גאַנצער וועלט פון אים און פון זיין רייכקייט. און איצט, ווער ווייס, וואָס ער וועט אָפּטאָן דער דאָזיקער טאַלענטירטער צווייִדייטיקער און געפערלעכער מאַן, ווען ער וועט, פרווונדיק גאָט, זיך שטעלן אויפן אָנגעזעענסטן אָרט אין טאָלעדאָ!

אפרים האָט זיך פאָרזיכטיק אָנגערופן:

— מיט איבן שושן האָט די אַלאַכאַמאַ שטענדיק זייער גוט געלעבט.

— האָסטו מורא, דאָן אפרים? — האָט יהודה פריינדלעך געפרעגט. האָב נישט קיין מורא! איך בין ווייט פון געדאַנק אַריינצומישן זיך אין די ענינים פון דער קהילה פון טאָלעדאָ, אָדער זי צו באַדריקן. איך בין גע־קומען אַהער דיר זאָגן, אַז איך וועל אַליין ווערן אירס א מיטגליד. זיי ווייסן, אַז דעם גלויבן פון הגרים קינדער האָב איך אין מיין האַרצן תמיד געהאַלטן ווי א ווייטן שפּראָץ פון דער יידישער אמונה. ווי נאָר איך וועל איבערנעמען מיין אַמט, וועל איך צוריקקערן צום ברית־אברהם און פאַר דער גאַנצער וועלט מפרסם זיין דעם נאָמען, וואָס מיינע אבות האָבן מיר געגעבן: יהודה איבן עזרא.

דאָן אפרים האָט זיך באַמיט אויסצוזען פריידיק און איבערראַשט, אָבער זיין באַאומרואיקונג איז געוואָקסן. פונקט ווי ער אַליין, אַזוי דאַרף זיך די אַלאַכאַמאַ שטאַרק נישט וואַרפן אין די אויגן. אין די דאָזיקע צייטן, ווען שפּאַניע איז באַדראָט פון נייע קרייץ־צוגן, וואָס וועט זיכער דערפירן צו נייע יידן־העצעס, איז קלוג און טאָפּלט נויטווענדיק צו האַלטן זיך אין

דער זייט. און אבראהים פון סעווילע מיט זיין איבערגאַנג צום ייִדנטום ווערט צוציען די בליקן פון דער גאַנצער וועלט צו די ייִדן פון טאָלעדאָ! יאָגן זיך נאָך כבוד האָבן די איבן עזראַס שטענדיק ליב געהאַט. זיי האָבן שטענדיק זשאָנגלירט, ווי קונצנמאַכער אויף אַ יאַריד. ביז איצט זענען זיי לכל-הפּחות געווען בלויז אין סאַראַגאָסע, אין לאַגראָניאָ, אין טולוזע, אָבער אַפּרוּמס טאָלעדאָ איז פון זיי פריי געווען. און איצט האָט זיך געזעצט אויף איר קאַרק דער מעכטיקסטער און געפערלעכסטער פון דער משפחה איבן עזרא!

דער פרומער, זייער קלוגער אפרים איז געווען אַ מענטש מיט יושר. אמת טאַקע, די איבן עזראַס מיט זייער באַרימעריי און מיט זייער געיעג נאָך כבוד זענען אים נישט שטאַרק געווען צום האַרצן. אָבער ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז זיי זענען געווען די ערשטע ספרדים פון די שפּאַנישע ייִדן, און אַז זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך אַ סך געלערנטע, דיכטער, סאָלדאַטן, סוחרים, דיפּלאָמאַטן, וועמענס נעמען האָבן באַצירט דאָס פאָלק ישראל און זיי זענען געווען מפורסם סיי אין דער איסלאַמישער סיי אין דער קריסטלעכער וועלט. קודם-כל האָבן זיי אין היינטיקן יאָרהונדערט, אין אַן עת-צרה, מיט אַ פולער האַנט געהאָלפן די אומגליקלעכע ייִדן. זיי האָבן טויזנטער ייִדן אויסגעלייזט פון גויאישער שקלאַפעריי און פאַר טויזנטער געשאַפן אַ מקום-מקלט אין שפּאַניע און אין דער פּראָוואַנס *). אויך דער דאָזיקער איבן עזרא, וועלכער זיצט דאָ פאַר אים, איז באַשאָנקען מיט גרויסע פעיקייטן און ביי אַזוינע שווערע באַדינגונגען איז ער געוואָרן דער גרעסטער סוחר אין סעווילע. אָבער דער דאָזיקער רודף-כבודניק מיט זיין געפערלעך-העזהדיקער גאווה, ברענגט ער דען נישט מער סכנה איידער ברכה פאַרן פאָלקס ישראל?

וועגן דעם אַלעם האָט דאָן אפרים אַ טראַכט געטאָן אין די ערשטע דריי רגעס נאָכן אָנקומען פון דאָן יהודה. אין דער פערטער רגע האָט ער געזאָגט מיט יראת-הכבוד:

— דיין קומען צו אונדז, דאָן יהודה, איז פאַר אונדז אַ גרויסער כבוד. דער אַלאַכאַמאַ פון טאָלעדאָ האָט גאָט צוגעשיקט צו דער ריכטיקער צייט דעם ריכטיקן מאַן, וואָס זאָל מיט איר אָנפירן. און דערלויב מיר צו דיינע אַלע לאַסטן צוגעבן נאָך אַ נייעם עול, מיין אַמט, וואָס איך וועל איבערגעבן אין דיינע הענט.

*) דרום-פראַנקרייך.

אין זיך האָט ער געטראַכט: דו, אַלמעכטיקער גאָט, באַשטראָף ניט אַזוי האַרב דאָס פאָלק ישראל! דו האָסט דעם דאָזיקן משומד דעם דאָזיקן אָפּטריניקן אַריינגעגעבן אַ דעה אין האַרצן ער זאָל זיך צו אונדז צוריקקערן. אָבער דערלויב אים ניט דאָ, אין דיין טאָלעדאָ, אַרויסצוווייזן אַזויפיל באַריםמצריי און גאווה, כדי ניט צו דערוועקן קיין קנאה־ושנאה ביי די גויים קעגן פאָלק ישראל!

דאַן יהודה האָט ביגו־לביגו געזאָגט:

— ניין, דאָן אפרים. ווער קאָן בעסער פון דיר אָנפירן מיט די עניינים פון דער אַלאַכאַמאַ? אָבער איך וויל שטאָלץ זיין, ווען איר וועט מיר שבת מכבד זיין מיט אַן עליה, ווי אַלע אַנדערע גוטע יידן. שוין היינט מוזטו מיר דאָן אפרים דערלויבן אויסבעסערן דעם גורל פון אייערע אָרעמעלייט. דערלויב מיר דיר איבערגעבן אַ קליינע מתנה, לאָמיר זאָגן — פינף הונדערט גאָלד־מאַראַוועדי.

דאָס איז געווען אַ נדבה, וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט געשענקט, און יהודהס חוצפהדיקע, שפילערישע, קאָמעדיאַנטישע, זינדיקע גאווה האָט געשראָקן און אויפגערעגט דאָן אפרימען. ניין, ווען דער דאָזיקער מאַן וועט אַרומגיין אין טאָלעדאָ אין זיין פולן גלאַנץ, דעמלט קאָן ער, אפרים, לענגער ניט פאַרבלייבן אַלס פרנס פון דער אַלאַכאַמאַ.

— לייג דיך איבער נאָכאַמאָל, דאָן יהודה, — האָט ער זיך געבעטן, — די אַלאַכאַמאַ וועט זיך ניט באַגנוגענען מיט אַן אפרים, ווען אין טאָלעדאָ געפינט זיך יהודה איבן עזרא.

— מאַך ניט פון מיר קיין שפּאַס, — האָט יהודה רואיק אָפּגעענטפערט — קיינער ווייסט ניט בעסער פון דיר, אַז די אַלאַכאַמאַ וועט ניט וועלן פאַר איר פירער אַ מאַן, וועלכער האָט אין משך פון פערציק יאָר זיך געהאַלטן ביים גלויבן פון הגרס קינדער און פינף מאָל יעדן טאָג זיך אָנערקענט צו מאַכמעדן. און דו אַליין ווייסט דער ערשטער ניט וועלן, אַז אַ משומד זאָל ווערן ראש־הקהילה פון טאָלעדאָ. זיי זיך מודה.

אויפדאָסניי האָט אפרים דערשפּירט ווידערווילן גלייכצייטיק מיט באַוווּנדערונג. ער האָט מיטן קיין איין וואָרט ניט געגעבן אָנצוהערן וועגן זיין שאַנד־פלעק. אָבער יהודה אַליין האָט דערפון גערעדט מיט אומפאַרשעמטער אָפנקייט, אַפילו מיט גאווה, מיט דעם פאַרשאָלטענעם שטאָלץ פון די איבן עזראס.

— ניט איך האָב דאָס רעכט דיך צו משפטן — האָט ער געזאָגט.

— נעם עס אין באַטראַכט, מיין האר און לערער אפרים, — האָט

דאָן יהודה געזאָגט, קוקנדיק אים אין פּנים אַריין, — בכלל האָבן מיר הגרים זין זינט מיין ערשטער שדעקלעכער באַליידיקונג קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, להיפּוך, זיי זענען געווען זייער מילד צו מיר, ווי וואַרעם רויזן־וואַסער, און האָבן מיך גענערט מיטן פעטס פון זייער לאַנד, זייערע מנהגים האָב איך ליב געקריגן און, הגם מיין האַרץ האָט זיך צייטנווייז קעגנגעשטעלט, זענען דאָך געווויסע זימן אָנגעוואָקסן אויף מיר, ווי א צווייטע הויט. עס טרעפט אַפילו, אַז ווען איך שטיי פאַר א וויכטיקער לעזונג, ווענד איך זיך, אויס רגילות צו מאַכמעדס גאָט מיט די ערשטע פּסוקים פון קאָראַן. זיי זיך מודה, דאָן אפרים, ווען אַזעלכע זאכן וואָלטן דערגאַנגען צו דיינע אויערן. צי וואָלסטו נישט געטראַכט מיך אַרייַנצולייגן אין חרם?

דאָן אפרים האָט געהאַט עגמת־נפש, וואָס יהודה האָט אים ווידער פאַרשטאַנען. נישט געקוקט אויף זיינע פייגע און שייגע כוונות, האָט דער דאָזיקער יהודה געמוזט זיין א פאַרברעכער און אַן אַפּיקורס און דאָן אפרימען האָט זיך בעת מעשה פאָרגעשטעלט דאָס אויסטערלישע בילד, ווי ער שטייט אויף בעלעמער פון בית־מדרש און אונטער די קולות פון שופר לייגט ער אים אַריין אין חרם. אָבער דאָס זענען געווען פוסטע טרוימען. ס'איז אַלץ איינס לאָמיר זאָגן, ווי ער וואָלט אַריינגעלייגט אין חרם דעם הויפט־קאַליף, זיין מאַיעסטעט דעם קעניג.

— קיין שום משפחה האָט אַזויפיל נישט אויפגעטאָן פאַרן פאָלק ישראל, ווי די משפחה פון איבן עזרא, — האָט אפרים העפליך געזאָגט.

— ס'איז אויך באַוווסט, אַז היין טאַטע האָט זיך געשמדט, איידער דו ביסט געוואָרן בר־מצווה.

— האָסטו געלייענט דעם שליחות־בריוו, — האָט יהודה געפרעגט, — אין וועלכן אונדזער האר און רבי, משה בן מימון, פאַרטיידיקט די דאָזיקע, וועלכע האָבן באַונס אָנגענומען מאַכמעדס גלויבן?

— איך בין א פּשוטער מענטש, — האָט געענטפערט אפרים, און מיש מיך נישט אַריין אין רבנישע וויכוחים.

— זאָלסט וויסן זיין, דאָן אפרים, — האָט יהודה געזאָגט מיט התלהבות, — אַז עס איז נישט אַדורך קיין איין טאָג איך זאָל נישט האָבן געטראַכט וועגן דער תורה. אין קעלער פון מיין הויז, אין סעווילע, האָב איך געהאַט א בית־מדרש און יעדן פרייטיק־צונאַכט פלעגט זיך צונויפזאַמלען א גאַנצער מנין און געהאַלטן כדת וכדין איך וועל זיך אויך באַמיען, אַז מיין בית־מדרש זאָל אין סעווילע עקזיסטירן אויך דאַן, ווען

איך וועל זיך אַהער אַריבערקלייבן. עמיר אַבדולאַ איז אַ גוטהאַרציקער מענטש און מיינער אַ פריינד. ער וועט קוקן דורך די פינגער און מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער ווייסט פון גאָרנישט.

— ווען האָסטו בדעה צו קומען? — האָט דאָן אפרים געפרעגט.

— איך גלויב, אַז אין דריי חדשים אַרום, — האָט יהודה געענטפערט.

— קאָן מיר דערלויבט זיין דיך צו פאַרבעטן צו זיך אַלס גאַסט? — האָט פאַרגעלייגט דאָן אפרים, — מיין הויז איז גאַנץ באַשיידן.

— איך דאַנק דיר, — האָט יהודה געענטפערט. — איך האָב גראָד זיך איינגעשאַפט אַ הויז. איך האָב פון זיין מאיעסטעט, אונדזער קעניג, זיך דערוואָרבן דעם קאַסטיליאָ דע קאַסטראָ. איך וועל אים רעסטאַווירן פאַר זיך, פאַר מיינע קינדער, פאַר מיינע פריינד און פאַר מיינע דינער

דאָן אפרים האָט נישט געקאָנט פאַרבאָרגן זיין טיפן פחד.

— די „קאַסטראָס“, — האָט אפרים געוואָרנט, — זענען מער נקמה־דורשטיק און מער אכזריותדיק ווי די *) Ricos hombres ווען דער קעניג האָט ביי זיי צוגענומען דאָס הויז, זענען זיי אַרויס מיט ווײַסטע דראָונגען. זיי ווילן עס אָננעמען פאַר אַ געוואַלדיקן בזיון, ווען אַ ייד וועט דאָרט וווינען. זיי זיך גוט מיישב, דאָן יהודה. די דע־קאַסטראָס זענען זייער מעכטיק און האָבן אַ סך אָנהענגער. זיי ווילן אַ האַלבע מלוכה אויפעסן קעגן דיר און קעגן דעם גאַנצן פאָלק ישראל.

— איך דאַנק דיר פאַר דיין וואָרענונג, דאָן אפרים, — האָט יהודה געזאָגט, — דער אַלמעכטיקער האָט מיר געגעבן אַ חאַריץ, וואָס ווייסט נישט פון קיין שרעק.

*) ווערטלעך — רייכע לייט. (שפּאַניש).

# קאַפּיטל צוויי

מיט באַגלייטונגס־בריוו פון קעניג איז אָנגעקומען קיין טאָלעדאָ דאָן יהודה׳ס סעקרעטאַר און אינטענדענט, איבן אָמאַר. מיט אים זענען אויך אָנגעקומען מוסולמענישע אַרכיטעקטאָרן, קינסטלער און באַלמעלאָכעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע אַרבעט אין דע קאסטראָ־שלאָס. די ענערגיע, מיט וועלכער מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט און דער פארשווענדערישער פארנעם האָבן אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט. דערנאָך זענען אָנגעקומען כל־המינים באַדינער און שפּעטער — וועגענער מיט פארשידנאַרטיקע הויז־מכשירים, אַ חוץ דרייסיק מויל־אייזלען און צוועלף פערד. און ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט אַלץ מער משונהדיקע קלאַנגען וועגן דעם פרעמדן, וואָס דאַרף קומען.

צום סוף טאַקע איז ער אַליין אָנגעקומען. מיט אים איז אויך געקומען זיין טאָכטער רחל, זיין זון אַלאַזאַר און זיין איבערגעגעבענער פריינד — דער דאָקטער מוסא איבן־דאאוד.

יהודה האָט שטאַרק ליב געהאַט זיינע קינדער. און ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי וועלן זיינע קינדער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין דעם פּרעכטיקן סעווילע זיך אַקלימאַטיזירן אין פּרימיטיוון קאַסטיליע.

מלא, זיין ענערגישן פערצן־יאָריקן אַלאַזאַר וועט געווים געפעלן ווערן די גראָבע ריטערלעכע וועלט. אָבער וואָס וועט זיין מיט זיין רעכיא, מיט זיין טייערער רחל?

צאַרט, מיט מילדער זאָרג קוקט ער, ווי זי רייט לעבן אים. זי האָט געריטן לויטן מנהג — אין מענער־קליידונג. יינגלש זיצט זי אין זאָטל, א ביסל אומגעשיקט, קאַנטיק אָבער דרייסט און קינדעריש, די טשאַלמע האַלט קוים איין אירע געדיכטע שוואַרצע האָר. מיט אירע גרויסע גרויבלויע אויגן באַטראַכט זי מענטשן און הייזער אין דער שטאָט, וואָס ווערט איצט איר היימלאַנד.

יהודה האָט געוווּסט, אַז זי וועט נישט שאַנעווען קיין מי צו מאַכן טאָלעדאָ פאַר איר היימלאַנד. ווי נאָר ער איז געקומען קיין סעווילי׳ע האָט ער איר אויפגעקלערט, וואָס עס טרייבט אים פונדאַנען. מיט איר דער זיבעצן־יאָריקער האָט ער אַזוי אָפנהאַרציק גערעדט, פּונקט ווי מיט אַ מענטש אין זײַנע יאָרן און זײַן דערפאַרונג. ער האָט געשפּירט, אַז זײַן רחל, וועלכע איז צייטנווייז געווען זייער קינדעריש, האָט דאָך אים גוט פאַרשטאַנען. זי האָט געהערט צו אים, און אין דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַן אמתע איבן עזרא: מוטיק, קלוג, שרעקט זיך נישט פאַר קיינע שום ענדערונגען, פול מיט געפילן און פאַנטאַזיע.

אָבער צי וועט זי זיך צופּאַסן צו די דאָזיקע קריסטן און זעלנער? צי וועט זי אין דעם נאַקעטן, קאַלטן טאָלעדאָ נישט בענקען נאָך איר סעווילי׳ע? דאָרט האָט זי יעדער ליב געהאַט. נישט בלויז אירע חברטעס אין איר עלטער, נאָר אַפילו הויכע לייט פון עמירס סביבה, געלערנטע, קלוגע דיפּלאָמאַטן, דיכטער, קינסטלער האָבן ממש געקוואָלן פון די נאַיווע מערקווירדיקע פראַגן און באַמערקונגען פון דעם דאָזיקן אונטער־וואַקסנדיקן קינד, רחל.

פּונקט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן זענען זיי איצט אין טאָלעדאָ, אין שלאָס דע־קאַסטראָ, וועלכער וועט פון איצט אָן ווערן ווידער דער שלאָס פון איבן עזרא.

יהודה איז געווען שטאַרק איבעראַשט, קוקנדיק אין וואָס זײַנע באַהאַוונטע מיטהעלפער האָבן אין אַזאַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט דאָס דאָזיקע ווייסטע הויז. די שטיינערנע פּאָדלאָגע, וואָס האָט פריער בײַ יעדן שריט און טריט געקלונגען איז איצט געווען באַדעקט מיט ווייכע דיקע טעפּיכער. לענגאויס די ווענט זענען געווען אויסגעשטעלט סאָפעס מיט באַקוועמע וואַלקעס און קישנס. פאַרשידענע רויטע, בלויע און גילדענע פרעסקן האָבן באַצירט די ווענט. אַראַבישע און העברעישע אויפשריפטן, געוועבט אין קינסטלערישע אָרנאַמענטן האָבן דאָ און דאָרט געקוויקט דאָס אויג. קליינע פאָנטאַנען, דורך אַ קלוג־צוגעטראַכטן רערן־סיסטעם, האָבן אָפּגעפרישט די לופט. עס איז געווען אַ באַזונדער צימער פאַר יהודהס ביכער. אַ סך זענען געלעגן אויף טישן, באַצירט מיט קינסטלערישע פאַרביקע איניציאַלן מיט אויפשריפטן אויף די רוקנס.

און אָט איז דער פאַטראָ דער הויף, אין וועלכן ער האָט דעמסטמאָל אָנגענומען דעם וויכטיקן באַשלוס, און אָט די פאָנטאַנען, אויף וועמענס

ראנדן ער איז געזעסן. שטיל, ריטמיש שפּריצט דאָס וואַסער אַרויף און אַראָפּ, פּונקט, ווי ער האָט זיך דאָן פאַרגעשטעלט. די געדיכטע טונקעלע בלעטער פון די ביימער האָבן פאַרטיפט די שטילקייט. דורך די בלעטער האָבן אַרויסגעקוקט העל־געלבלעכע פּאָמעראַנצן און מאַט־געלע ציטרינען. אַרומגעשניטן זענען געווען די ביימער. אויסטערליש געפינקלט האָבן די גלייכע בונטע בלומען־בייטן, און אומעטום האָט געפלאָסן קוויקנדיק וואַסער.

דאָניאַ רחל האָט מיט אַלע אנדערע באַטראַכט דאָס נייע הויז דורכדרינגלעך, אויפמערקזאַם, שווייגנדיק, אָבער טיף אין האַרצן צופרידן. זי האָט זיך איינגעאָרדנט אין צוויי צימערן, וועלכע זענען פאַר איר באַ־שטימט געוואָרן. זי האָט אויסגעטאָן די ענגע מענער־קליידער און אָנגע־הויבן אָפּצורייניקן דעם שטויב און אָפּווישן דעם שווייס נאָך דער לאַנגער נסיעה.

לעבן איר שלאָף־צימער איז געווען אַ באָד־צימער. אינעם באָדן, אונטער וועלכן עס האָט געפלאָסן דאָס וואַסער, איז געווען איינגעאָרדנט אַ טיפער באַסיין מיט רערן פאַר וואַרעם און קאַלט וואַסער. באַדינט פון איר אַם מאַאַד און פון איר דינסט פאַטימאַ האָט זיך רחל געבאָדן. זי איז צופרידן געלעגן אינעם וואַרעמען וואַסער און מיט אַ האַלבן אויער זיך צוגעהערט צו דער פּלוידעריי פון דער אַם און דער דינסט.

אָבער באַלד הערט זי אויף זיי צו הערן, ווערט פאַרזונקען אין אירע וואַנדערנדיקע געדאַנקען.

אַלץ איז דאָ געווען ווי אין סעווילע, אַפילו די וואַנע, אין וועלכער זי איז געלעגן, אָבער זי אַליין איז שוין מער נישט געווען רעכיאַ, נאָר דאָניאַ ראַקעל.

געפינענדיק זיך בעת איר נסיעה אונטער כסדרדיקע נייע איינדרוקן, האָט זי נישט געקאָנט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען אויף דעם, וואָס עס קומט פאָר. אָבער איצט, אַז זי איז שוין אָנגעקומען אויפן אָרט און רויִק געלעגן אין דער וואַרעמער וואַנע, האָט זי צום ערשטן מאָל מיט אַלע אירע חושים דערשפּירט די פאָרגעקומענע ענדערונג. ווען זי וואָלט נאָך געווען אין סעווילע, וואָלט זי אַוועקגעלאָפן צו איר חברטע לאַילאַ, כדי מיט איר זיך דורכצושמועסן. לאַילאַ איז געווען אַן אומרויִקנדיק מיידל. זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען און מיט קיין זאַך נישט געקאָנט העלפן, אָבער זי איז דאָך געווען אירס אַ חברטע. דאָ האָט זי נישט געהאַט קיין שום חברטעס. אַלע מענטשן און אַלץ אַרום איר איז געווען פרעמד. דאָ

איז נישט געווען קיין אזכאַר־מעטשעט; דאָ הערט מען נישט פון דעם אזכאַר־מעטשעט די שטים פונעם מועדזין *), וואָס דערמאָנט אָן דער צייט פון וואַשן און פון תפילה, וועמענס קול הילכט ווי אַלע אַנדערע, אָבער זי איז צו אים געווען צוגעוווינט. דאָ איז נישטאָ קיין כאַטיב, וואָס זאָל איר דערקלערן די אומפאַרשטענדלעכע שטעלן פון קאָראַן. זי וועט מוזן רעדן מיט אַ האַרטן קאָמישן לשון, און אַרום איר וועלן זיך געפינען מענטשן מיט גראָבע שטימען, פרעכע מאַניערן און רויע געדאַנקען — קאַטויליער, קריסטן, באַרבאַרן.

זי איז געווען גליקלעך אין דעם ליכטיקן וווּנדערלעכן סעווילי. איר פאָטער איז געווען צווישן די ערשטע אין שטאָט. און ווייל זי איז געווען זיינס אַ טאָכטער, האָבן זי אַלע ליב געהאַט. ווי וועט זי זיך דאָ פילן? צי וועלן די היאָזיקע קריסטן פאַרשטיין סאַרא גרויסער מאַן איר פאָטער איז? צי וועלן זיי זיין מבינים אויף איר, אויף איר וועזן, אויף אירע מאַניערן? צי וועט זי אין זייערע אויגן נישט אויסקוקן פונקט אַזוי פרעמד, ווי די קריסטן אין אירע אויגן?

און איצט איז צוגעקומען נאָך אַ גרעסערע נייעס: איצט איז זי פאַר דער גאַנצער וועלט אַ יידיש קינד.

זי איז אויסגעוואַקסן אין מוסולמענישן גלויבן. אָבער ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע — האָט פּאַסירט גלייך נאָך דער מאַמעס טויט, ווען זי איז אַלט געווען ביי פינף יאָר, — האָט דער טאַטע זי אָפּגערופן אין אַ זייט און שטיל אויפן אויער איר פאַרטרויט, אַז זי געהערט צו דער יידישער משפחה איבן עזרא און אַז דאָס איז אַ גרויסער סוד, וועגן וועלכן זי טאָר קיינעם נישט דערציילן. שפּעטער, ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט ער איר אַנטפּלעקט, אַז אַחוץ דעם, וואָס ער איז אַ מוסולמענער, איז ער נאָך אַ ייד, און ער האָט איר דערציילט וועגן דער תורה און יידישע מנהגים. דאָך האָט ער איר נישט באַפוילן צו פירן זיך לויט די דאָזיקע מנהגים. און ווען זי האָט איינמאָל צופעליק אַ פרעג געטאָן, אין וואָס זי זאָל גלויבן און וואָס זאָל זי טאָן, האָט ער איר פריינדלעך אָפּגעענטפערט, אַז דאָס איז נישט קיין צוואַנג־זאַך, און אַז זי וועט אויסוואַקסן וועט זי אַליין אַנטשיידן, צי זאָל זי אויף זיך נעמען די גרויסע,

*) אַ מוסולמענישער שמש, וואָס רופט פון דער הייך פון מעטשעט־טורעם צו תפילה.

טייל־ווייז געפּערלעכע פאַרפליכטונג צו האַלטן אין געהיים די יידישע רעליגיע.

דעם טאַטנס עצה האָט זי אויסגעפילט מיט שטאָלץ.

איינמאָל, ווען זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, האָט זי קענען איר ווילן אָנפאַרטרויט איר חברטע לאילא, אז זי שטאַמט פון דער משפחה איבן עזרא. לאילא האָט גאַנץ פשוט געענטפערט, אַז זי האָט עס געוווסט און נאָך א רגע שווייגן האָט זי צוגעגעבן: „אָרעם קינד!“

רחל האָט שוין מער קיינמאָל נישט גערעדט מיט לאילאן וועגן דעם דאָזיקן סוד. אָבער ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט צום לעצטן מאָל, האָט לאילא געוויינט מיט ביטערע טרערן און געזאָגט: „איך האָב שטענדיק געטראַכט, אַז אַזוינס וועט פּאַסירן“.

אָט די דאָזיקע נאַרישע רחמנות, וואָס זי האָט אַרויסגערופן ביי לאילאן, האָט איר געשטויסן מער צו דערווייסן זיך, ווער זענען עס אַזוינע די יידן צו וועלכע זי און איר פאָטער געהערן. די מוסולמענער האָבן זיי באַצייכנט מיטן נאָמען „עם הספר“. אַלזאָ, זי מוז זיך מיטן דאָזיקן ספר באַקענען.

זי האָט זיך געווענדעט צו מוסא איבן דאַאוד, צום פעטער מיסא, וועלכער האָט געלעבט אין איר טאַטנס הויז, געווען זייער געלערנט און געקענט א סך לשונות, ער זאָל זי לערנען העברעיש. ס'איז איר זייער לייכט אָנגעקומען דאָס לערנען און אינגיכן האָט זי זיך אויסגעלערנט לייענען דעם תנ״ך.

פון אירע פריסטע יאָרן האָט זי געהאַט א נייגונג צום פעטער מוסא, אָבער אין די ליגן-שעהן האָט זי אים ערשט גוט דערקענט. דער דאָזיקער באָגעסטער פריינד פון איר פאָטער איז געווען א הויכער, דאַרער מאַן, עלטער פון איר טאַטן. טיילמאָל האָט ער אויסגעזען גאָר אַלט און טיילמאָל זייער יונג. אינמיטן פון זיין אויסגעמאָגערט פּנים האָט אַרויסגעקוקט א פלייצישיקע שטאַרק-אויסגעבויגענע נאָז, איבער וועלכער עס האָבן געלויכטן גרויסע, שיינע אויגן, וועלכע האָבן געקאָנט אַריינדרינגען טיף אין דער נשמה. ער האָט זייער פיל איבערגעלעבט. דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַרן פרייז פון גרויסע ליידן אויסגעקעמפט זיין אומגעהויערן וויסן און די פרייהייט פון גייסט. אָבער מוסא האָט דערפון נישט גערעדט. טיילמאָל האָט ער דערציילט דער קליינער רחל פון ווייטע לענדער און פון מערקווירדיקע מענטשן, און דאָס האָט איר מער אָנגערעגט, ווי אַלע לעגענדעס און מעשהלעך, וואָס רחל האָט ווען עס איז געהערט אָדער

געלייענט. דאָ איז פֿאַר איר געזעסן איר פֿרײַנד און פֿעטער מוסאַ, וועלכער האָט עס אַלץ אַליין איבערגעלעבט.

מוסאַ איז געווען אַ מוסולמענער און האָט אָפּגעהיט אַלע מנהגים, אָבער שוואַך איז געווען זײַן גלויבן; ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרבאָרגן זײַנע ספֿקות אין אַלץ, וואָס איז נישט וויסנשאַפֿט. אײנמאָל, ווען ער האָט מיט איר געלייענט ישעיה הנביא, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז געווען אַ גרויסער דיכטער, אפֿשר גרעסער פֿון דעם נביא מאַכמעד און פֿון דעם קריסטלעכן נביא.

דאָס האָט זי איבערראַשט. זי, וואָס איז געווען אָנגעהעריק צו מאַכמעדס גלויבן, ווי מעג זי בכלל אַרײַנקוקן אין תנ"ך? ווי אַלע מוסולמענער האָט זי יעדן טאָג געלייענט די ערשטע ס ו ר ע פֿון קאָראַן, ווו אין לעצטן, זיבעטן פּסוק שטייט געשריבן: „זאָל דער אַללאַה דערווייטערן זײַנע גלויביקע פֿון וועג פֿון די יעניקע אויף וועלכע ער איז אין גרימצאָרן". און איר פֿרײַנד דער כ אַ ט י ב פֿון דעם אזכּאַר־מעטשעט האָט איר דערקלערט, אַז די דאָזיקע מענטשן אויף וועלכע דער אַללאַה איז אין גרימצאָרן, מיינט מען די ייִדן, און אַלס סימן, אַז דער אַללאַה איז אויף זיי אין גרימצאָרן באַווײַזט דאָס אומגליק, וואָס ער האָט אויף זיי אָנגעשיקט. צי גייט זי נישט אויף אַ פֿאַלשן וועג, ווען זי לייענט דעם תנ"ך? זי האָט זיך געמאַכט האַרץ און געפֿרעגט וועגן דעם איר פֿעטער מוסאַ. ער האָט פֿרײַנדלעך אַ לאַנגע צײַט אויף איר געקוקט און געענטפֿערט אַז לויט זײַן מיינונג איז דער אַללאַה געווים נישט אין כּעס אויף די איבן עזראס.

דאָס האָט רחלען באַרואיקט. יעדער איינער זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז דער אַללאַה האָט זיך באַצויגן מיט גרויס חסד צו איר טאַטן. נישט בלויז הכמה און אַ גרויס האַרץ האָט ער אים געגעבן, נאָר האָט אים אויך באַשאָנקען מיט נחלות און רום.

רחל האָט ליב געהאַט איר פֿאָטער. אין אים האָט זי געזען די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַלע העלדן פֿון די פֿאַרביקע לעגענדעס און דערציילונגען, וועלכע זי האָט אַזוי גערן געהערט, וועגן חשובע הערשער, קלוגע ווזירן, געלערנטע דאָקטוירים, הויף־לײַט און כּישוף־מאַכער און אויך וועגן יונגעלײַט, וואָס ברענען אויס ליבע און צו וועמען די פֿרויען זיך רײַסן. חוץ אַלעמען איז אויף איר פֿאָטער געהאָנגען אַ גרויסער געפֿערלעכער סוד: ער איז אַן איבן עזראַ.

פֿון אַלע אירע איבערלעבונגען האָט זיך צום טיפֿסטן אײַנגעקריצט אין איר האַרצן דער פֿאַרגעפֿלטער, שטילער געשפּרעך, אין וועלכן דער

טאַטע האָט אַנטפּלעקט פאַר זיין קינד דעם סוד, אַז ער געהערט צו די איבן עזרא'ס. אָבער שפּעטער האָבן מער וויכטיקע רייד געשטעלט אין שאָטן דעם דאָזיקן געשפּרעך. אָט, געמלעד, ווען איר פאָטער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין לאַנגער נסיעה קיין צפונדיקן ספרד, בפרט קריסטלעכן שפּאַניע, האָט ער זי אָפּגעפירט אין א זייט און ווי דעמלט איר דערציילט וועגן די סכנות, וואָס די געהיימע ייִדן פון סעווילע דראָט אין פאַל ווען די הייליקע מלחמה וועט אויסברעכן. און דאַן מיט א טאָן פון א מעשה-דערציילער, כמעט מיט שפּאַס פאָרגעזעצט: „און דאָ, איר גלויביקע, הייבט זיך אָן די געשיכטע פון דריטן ברודער, וועלכער איז פון א העלן זיבערן טאָג אַוועק אין דער מאַט-גאָלדענער רעמערונג פון הייל“. דחל האָט תיכף פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. זי האָט מיט אַ טאָן ווי די צוהערער פון די מעשהלעך, געפרעגט: „און וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם דאָזיקן מאַן?“ אָט, כדי דאָס זיך צו דערוויסן, — האָט דער פאָטער אָפּגעענטפערט, — וועל איך גיין אין דער בין-השמשותדיקער הייל. נישט אַראָפּנעמענדיק פון איר זיין צאַרטן בליק, און אָפּוואַרטנדיק א ווײַלע, כדי זי זאָל קומען צו זיך פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט איר אַקאָרשט אַנטפּלעקט, האָט ער ווייטער גערעדט: „ווען דו ביסט נאָך א קינד געווען, מיין טאָכטער, האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו וועסט מוזן מאַכן דעם אויסוואַל. אָט איצט האַנדלט זיך טאַקע וועגן דעם. איך רעד דיך נישט אָפּ און איך רעד דיך נישט צו. דאָ זענען פאַראַן א סך מאַנצבילן, יונגע, קלוגע, געלערנטע, זייער שיינע, וועלכע וועלן זיין גליקלעך דיך צו האָבן פאַר א ווייב. און אויב דו ביסט מסכים, וועל איך דיר געבן אַזאַ איינעם און מיט דיין נדן וועסטו זיך נישט האָבן וואָס צו שעמען. באַרעכן זיך גוט. און אין א וואָך אַרום וועל איך דיך פרעגן, וואָס דו האָסט באַ-שלאָסן. זי האָט אָבער גלייך געענטפערט: „זאָל מיין טאַטע אַזוי גוט זיין און נאָך היינט מיך פרעגן, שוין איצט“. „אַלזאָ, פרעג איך דיר איצט“, האָט דער פאָטער געענטפערט און זי האָט געזאָגט: „וואָס מיין טאַטע טוט, איז גוט, און ווי ער וועט באַשליסן, וועל איך אויך באַשליסן“.

ס'איז אים וואַרעם געוואָרן אויפן האַרצן פון דעם, וואָס זי שפּירט זיך אַזוי אינערלעך פאַרבונדן מיט אים און זיין פּנים האָט געשיינט פון פרייד.

דעמלט האָט ער איר דערציילט וועגן די געשעענישן אין דער ייִדי-שער וועלט. שטענדיק האָבן זיי געפירט א געפערלעך לעבן, אויך איצט ווערן זיי באַדראָט סיי מצד די מוסולמענער, סיי מצד די קריסטן, ווייל

גאָט האָט געשטעלט פאר א נסיון זיין אייניציק אויסדערוויילט פאָלק. אָבער פון צווישן דעם דאָזיקן אויסדערוויילטן און פיל געפּרוּווטן פאָלק האָט גאָט אויסדערוויילט איין גליד — די משפחה איבן עזרא. און אויף איינעם פון די דאָזיקע איבן עזראס האָט גאָט אַרויפגעלייגט א שליחות. ער האָט געהערט גאָטס קול און אָפגעענטפערט: „דאָ בין איך!" און הגם דער זעלבער האָט זיך ביז אַהער געהאַלטן אין דער זייט פון דער יידישער וועלט, מוז ער זיך איצט אַנטפּלעקן און שטעלן זיך אין דער מיט.

דאָס וואָס דער פאָטער האָט אויפגעעפנט פאר איר דאָס האַרץ און איר אָנפאַרטרויט אַלץ, פונקט ווי זי האָט אים אַלץ אָנפאַרטרויט — האָט זיי ביידן צונויפגעגאָסן אין איין וועזן.

אָנגעקומען איצט אויף א באַשטימטן אָרט און ליגנדיק רואיק אין דער וואַרעמער וואַנע, הערט זי אין זיך ווידער זיינע ווערטער. באמת, אין די דאָזיקע ווערטער האָבן שטיל געקלונגען די ביטערע טרערן פון איר חברטע לאילא. אָבער לאילא איז געווען א קליין מיידל, וואָס האָט גאָרנישט געוווסט און גאָרנישט פאַרשטאַנען, אָבער זי איז געווען דאַנקבאַר דעם גורל, וואָס האָט זי געמאַכט פאר איבן עזרא און זי איז געווען גליקלעך און פול מיט דערוואַרטונג.

זיך אויפגעכאַפּט פון אירע טרוימען האָט זי ווידער דערהערט די פּלאַפּלעריי פון איר ליבער נאַרישער אַלטער אם סאאַד און פון דער פאַרפּראַצעוועטער פאַטימאַ. ביידע פרויען זענען געלאָפן אַהער און אַהין פון באָד־צימער אין שלאָף־צימער און צוריק און האָבן זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען אין די נייע צימערן. רחלען זעט עס אויס קאָמיש; זי איז דאָך געווען קינדיש און נאַריש.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זיך באַטראַכט פון אַלע זייטן. אָט דאָס דאָזיקע נאַקעטע, האַלב־פאַרברוינטע מיידל, באַגאָסן מיט וואַסער איז שוין מער נישט רעכיא, נאָר דאָניא ראַקעל איבן עזרא. מיט א שמייכל אויפן פנים פרעגט זי האַסטיק די אַלטע: „האָב איך זיך געענדערט, בין איך געוואָרן אן אַנדערע? זאָג שנעל!" און היות די אַלטע האָט נישט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט, האָט זי מיטן זעלבן שמייכל צו איר צוגעשטאַנען: „איך בין דאָך איצט א קאַסטיליערין, א טאָלעדאָרין, א יידישקע!" א צעטומלטע האָט די אם געפּלאַפּלט מיט איר הויכער שטים: „נעם נישט אויף זיך קיין זינד, רעכיא, מיין שוואַרצאַפּל פון אויג, מיין טעכטערל, דו רעכט־גלויביקע. דו גלויבסט דאָך אין דעם נביא!" מיט א שמייכל האָט רחל טיפזיניק אָפגעענטפערט: „איך שווער ביי הער באָרד

פונעם נביא, אַז דאָ אין מאַלעדאָ וווינט איך אַליין נישט. ווי ווייט איך גלויב אינעם נביא". די אַלטע האָט מיט גרויס שרעק זיך צוריקגעצויגן: „זאָל דער אַללאַה פּאַרהיטן דיין צונג, רעביא, מיין טאָכטער, מאַך נישט אַזעלכע שפּאַסן". דערויף האָט רחל געענטפערט: „איצט וועסטו מיך רופן רחל! דו וועסט מיך ענדלעך רופן רחל, רחל, רחל, חזר עס איבער!" און זי האָט זיך אַריינגעשליידערט אין דער וואַנע, באַשפּריצנדיק די אַלטע אַם.

ווען יהודה האָט זיך געמאָלדן אין קעניגלעכן שלאָס, האָט אים דאָן אַלפאָנסאָ תיכף אויפגענומען.

„נו, — האָט ער געפרעגט מיט טרוקענער העפלעכקייט, — וואָס האָסטו אויפגעטאָן, מיין עסקריוואַנאָ?"

יהודה האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט. עס זענען בייגעווען זיינע פינאַנ־סיסטן, זיינע יוריסטן, וועלכע האָבן רעווידירט און דערגאַנצט אַלע שטייערן און צאָלונגען. אין עטלעכע וואָכן וועט ער אָנגעבן גענויע ציפערן, הונדערט און דרייסיק פּאַבליטע זענען צונויפגערופן געוואָרן, ס'רוב פון די מוסולמענישע געביטן און אויך פון פּראָווינס, פון איטאַליע, אַפילו פון ענגלאַנד, כדי צו פאַרבעסערן די לאַנדווירטשאַפט, די באַרג־אינדוס־טריע, די האַנטווערקערײַ און די וועגן. יהודה האָט זיך געשטיצט אויף ציפערן, וואָס ער האָט געלייענט פון זכרון.

ס'האָט אויסגעוויזן, אַז דער קעניג הערט מיט בימול. ווען יהודה האָט פאַרענדיקט האָט ער געפרעגט:

— צי איז נישט צווישן אונדז געווען קיין רייד וועגן בייע פערד־פערמעס, וואָס דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן איינצואָרדענען? וועגן דעם האָסטו אין דיין באַריכט נישט דערמאָנט. דו האָסט אויך צוגעזאָגט אַוועקצושטעלן גאָלדשמיד־וואַרשטאַטן, וועלכע וועלן אויסקלאַפּן גאָלדענע מטבעות. האָסטו עפּעס אויפגעטאָן אין דער דאָזיקער ריכטונג?

אין זיינע פּילצאָליקע באַריכטן האָט יהודה באַר איינאיינציק מאָל דערמאָנט וועגן דער אויסבעסערונג פון דער פערד־צוכט און וועגן איינ־אָרדענען גאָלדשמיד־וואַרשטאַטן. אים האָט געחידושט דאָן אַלפאָנסאָס גוטער זכרון.

— מיט גאָטס און מיט דיין הילף הער קעניג, — האָט ער געענט־פערט, — וועט אפשר מעגלעך זיין אין אַ וועלכע עס איז הונדערט חדשים אָנצוויאָגן דאָס, וואָס עס איז אין הונדערטער יאָר פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

דאָס וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין דריי חדשים, איז נישט קיין שלעכטע התחלה.

— עפּעס איז טאַקע אויפגעטאָן געוואָרן, — האָט דער קעניג מודה געווען, — אָבער איך בין נישט געאיבט אין דער קונסט פון ווארטן. איך זאָג דיר גאַנץ אָפן, דאָן יהודה, אַז מיר דאַכט זיך, אַז דער שאָדן פון דיין אַרבעט וועט זיין פיל גרעסער ווי די נוצן. מיינע באַראָנען, צי זיי האָבן געוואָלט, צי זיי האָבן נישט געוואָלט, צי זיי האָבן עס געטאָן מיט געוויסע אויסריידן אָבער פריער האָבן זיי דאָך געצאָלט קריגס־שטייערן, וועלכע זענען געווען, ווי מען האָט מיר רעפערירט, דער עיקר פון די מלוכה־הכנסות. אָבער איצט, זינט דו ביסט געוואָרן מיין עסקריוואַנאָ פארדופן זיי זיך אויפן דויערהאַפטן שלום, וואָס האָט זיך פאַר אונדז געעפנט, און צאָלן נישט מער.

יהודהן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער קעניג איז געווען אומ־דאַנקבאַר פאַר זיינע דערגרייכונגען און אים געמאַכט וויט־גייענדיקע פאָרווורפן; ער האָט זייער באַדויערט, וואָס די קעניגין לעאָנאָר איז צוריקגעפאָרן קיין בורגאָס. איר מונטערע ליכטיקע אָנוועזנהייט וואָלט דעם שמועס צוגעגעבן א מער פריינדלעכן טאָן. אָבער ער האָט פאַרביסן די ציין און אָפּגעענטפערט מיט א טאָן פון יראת־הכבודיקער איראָניע:

— אין דער היגזיכט זענען דיינע גראַנדן געגליכן צו דיינע נישט־פּריווילעגירטע אונטערטאַנען. ווען מען דאַרף געבן געלט ווענדן זיי אָן פאַרשידענע תירוצים. די אַרגומענטן פון דיינע באַראָנען האָבן נישט קיין ממשות און מיינע געשיקטע שטייער־באַאַמטע האָבן די בעסטע מאָטיוון אויף אָפּצוּווארפן זייערע טענות. כ'וועל דיך דעריבער מיט טיפער הכנעה בעטן זאָלסט אונטערשרייבן אַן אויפפאָדערונגס־בריוו צו דיינע ריקאָס־האָמברעס, *) וואָס שטיצן זיך אויף די דאָזיקע מאָטיוון.

הגם דער קעניג איז געווען שטאַרק פאַרביטערט אויף דער אומ־פאַרשעמטקייט און גאווה פון זיינע גראַנדן, האָט אים דאָך פאַרדראָסן, וואָס דער דאָזיקער ייד רעדט וועגן זיי אָן שום דרך־ארץ. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער נייטיקט זיך אין דעם דאָזיקן ייד. ער האָט זיך אָפּגערופן:

— דו האָסט מיך מיט די דאָזיקע פאַרשאָלטענע אַכט יאָר וואָפנ־

---

*) רייכע לייט.

שטילשטאַנד געפּענטעט. איצט מוז איך אָנקומען צו דער הילף פֿון הענדלער און פֿאַרשידענע שרייבערישע קונצן.

יהודה האָט זיך געצאַמט.

— אויף דיינע באַראַטונגען, — האָט יהודה געענטפֿערט, — האָט מען דערמלט פּעסטגעשטעלט, אַז דו נייטיקסט זיך אין אַ לאַנגן שלום, פּונקט ווי עס נייטיקט זיך אין דעם דער עמיר פֿון סעווילי̇ע. די לאַנד־ווירטשאַפֿט און האַנטווערקערײַ איז פֿאַרוואָרלאָזט. די באַראָנען דריקן דײַנע בירגער און פּויערים. דו מוזט האָבן אַ לענגערע צײַט פֿון שלום כּדי דאָס אַלץ צו ענדערן.

— יאָ, — האָט אַלפֿאָנסאָ געזאָגט מיט פֿאַרבימערונג, — איך מוז דעם קריג מיט די אומגלויביקע איבערלאָזן פֿאַר אַנדערע און דו וועסט אַרבעטן און מאַכן געשעפֿט.

— עס האַנדלט זיך נישט וועגן געשעפֿט, הער קעניג, — האָט יהודה געדולדיק אויפֿגעוויזן, — דײַנע באַראָנען האָבן באַקומען חוצפּה דווקא דערפֿאַר, ווײַל אין מלחמה־צײַט נייטיקסטו זיך אין זיי, דעריבער דאַרפֿסטו זיי דערמאָנען, אַז דו ביסט קעניג.

אַלפֿאָנסאָ איז צוגעגאַנגען זייער נאָענט צו יהודהן, אים אָנגעקוקט מיט זײַנע גרויע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן אים גלײַך אין פּנים אַרײַן.

— סאַראַ קרומע וועגן האָסטו דיר אויסגעקליבן, מײַן כיטרער העד עסקריוואַנאָ, כּדי דײַן געלט מיט פּראָצענטער אַרויסצושלעפּן פֿון מײַנע באַראָנען?

יהודה האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

— איך האָב אַ סך קרעדיט, הער קעניג, — האָט ער געזאָגט, — און אויך פֿיל צײַט. דעריבער קאָן איך דײַן קעניגלעכער מאַיעסטעט לײַען אַ סך געלט. און איך האָב נישט קיין שום מורא, אויב עס וועט אַפֿילו אויסקומען צו וואַרטן זייער לאַנג אויף חזרה. אויף אַזעלכע פּרינציפּן איז באַזירט מײַן פּלאַן. מיר וועלן פֿון דײַנע גראַנדן פֿאַרלאַנגען, זיי זאָלן אין פּרינציפּ אָנערקענען דײַן שטייער־רעכט, אָבער קיין שנעלע צאָלונג וועלן מיר פֿון זיי נישט פֿאָדערן. זייערע צאָלונגען וועלן מיר אָפּלייגן און ווידער אַמאָל אָפּלייגן. אָבער מיר וועלן פֿון זיי פֿאָדערן זיי זאָלן אונדז אַנטקעגנ־קומען מיט קליינע הנחות. מיר וועלן פֿאָדערן זיי זאָלן געבן זייערע שטעט און דערפֿער Fueros*) — רעכט, פּריווילעגיעס, וועלכע וועלן

*) פֿרײַער האַנדל.

די דאָזיקע באַוווּנטע ערטער גאַראַנטירן אַ געוויסע אומאָפּהענגיקייט. מיר וועלן זיך באַמיען, אַז וואָס מער שטעט און דערפער זאָלן אַרויסגעריסן ווערן פון די הענט פון דיינע בּאַראָנען, און בלויז דיך זאָלן זיי האָרכן און נאָר פאַר דיר זיין פאַראַנטוואָרטלעך. דיינע בירגער וועלן צאָלן שטייער גערנער און פּינקטלעכער, ווי דיינע באַראָנען, און די שטייערן וועלן זיך פאַרגרעסערן. אין דער אַרבעט פון דיינע פּויערים און באַלמעלאָכעס אין דעם האַנדל אין די שטעט, — אין דעם שטעקט דיין כוח, הער קעניג. גיב זיי מער רעכט, און די מאַכט פון דיינע ווידערשפּעניקע גראַנדן וועט פאַרקלענערט ווערן.

אַלפאָנסאָ איז געווען צו קלוג, נישט צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען דער איינציקער ווירקזאַמער וועג, כּדי צוצוברעכן די אומפאַרשעמטע באַראָנען. אויך אין אַנדערע קריסטלעכע קעניגרייכן פון שפּאַניע: אין אַראַגאָן נאַוואַרא, לעאָן האָט מען געפּרוּווט בירגער און פּויערים אַנטקעגנשטעלן קעגן די גראַנדן. אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַ פאַרזיכטיקן אופן. אַלע קעניגן האָבן אַליין אָנגעהערט צו די גראַנדן און נישט צום המון; זיי זענען אַלע געווען ריטער, זיי האָב אַפילו אין האַרצן נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק זיך צו פאַרבינדן מיטן ערב־רב קעגן די גראַנדן. קיינער האָט ביז איצט נישט געהאַט די דרייסטקייט אים אָפּן צו מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג. אָט דער דאָזיקער פּרעמיער, וואָס האָט נישט קיין שום באַגריף וועגן ריטערטום און איידעלע מאַניערן, האָט זיך נישט געקווענקלט אַרויסצוגיין מיט אַזאַ פאָרשלאַג. דער אופן פון זיין רעדן איז געווען געמיין און געמיין זענען אויך געווען זיינע פאָרשלאַגן. אַלפאָנסאָ איז אים דאַנקבאַר געווען און גלייכצייטיק געהאַסט.

— צי גלויבסטו באמת, — האָט דער קעניג געשפּאַסט, — אַז מיט דיין שרייבעכץ און פּלאַפּלעריי וועסט דיר געלינגען צו צווינגען אַזעלכע באַראָנען, ווי נוניעז דע לאַראַ אַדער אַרענאַס אָפּצוזאָגן זיך פון זייערע שטעט און פּויערים? מיינע באַראָנען זענען ריטער, דו כיטרעץ, נישט קיין סוחרים און אַדוואָקאַטן.

ווידעראַמאָל האָט יהודה אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג.

— די דאָזיקע ריטער דיינע, — האָט יהודה געענטפערט, — וועלן זיך מוזן אויסלערנען פאַרשטיין, אַז רעכט, געזעץ און אָפּמאַך זענען פּונקט אַזוי שטאַרק און ממשותדיק, ווי זייערע שלעסער און שווערדן. איך האָף, אַז איך קאָן זיי דאָס אויסלערנען, אויב איך וועל האָבן די גנעדיקע מיטהילף פון דיין מאַיעסטעט.

דער קעניג האָט זיך געווערט קעגן דעם איינדרוק, וואָס דאָן יהודהס רואיקייט און זיכערקייט האָבן אויף אים געמאַכט. ער האָט עקשנותדיק געזאָגט:

— לאָמיר אָננעמען, אַז זיי וועלן געבן אַ געוויסן שמוציקן ווינקל מאַרק־פרייהייט. אָבער שטייערן וועלן זיי מיר נישט צאָלן. דאָס זאָג איך דיר זיכער. און זיי זענען גערעכט. אין פרידנס־צייטן דאַרפן זיי קיין שום שטייערן נישט צאָלן, — אַזוי האָב איך געשוווירן, אונטערגעשריבן און גע־חתמעט, בעת זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ קעניג „יא על העי"*) און איצט ווייס, אַדאַנק דיין חכמה, לאַנגע יאָרן נישט זיין קיין מלחמה. דער־רויף פאַררופן זיי זיך, אויף דעם שטיצן זיי זיך.

— זאָל מיר דיין מאַיעסטעט מוחל זיין, — האָט דאָן יהודה נישט נאָכגעגעבן, — וואָס מיר קומט אויס צו פאַרטיידיקן דעם קעניג קעגן דעם קעניג. דיינע באַראָנען זענען נישט גערעכט, זייערע אַרגומענטן האָבן נישט קיין גרונט אונטער זיך. טיף אין האַרצן גלויב איך, אַז אַכט לאַנגע יאָר וועט קיין מלחמה נישט זיין, אָבער שפּעטער, ווי די וועלט קען דיך, וועט ווי דער זיין מלחמה. און קריגס־הילף דאַרפן דיר דעמלט דיינע באַראָנען געבן. אַלזאָ, איז מיין חוב אַלס עסקריוואַנאָ באַציימנס צו זאָרגן פאַר דער צו־קונפטיקער פינאַנסירונג. דאָס וואָלט געווען קעגן דעם שכל־הישר — אָנ־דייבן צו קלייבן געלט דאַן, ווען די מלחמה וועט אויסברעכן. מיר וועלן בלויז פאָדערן אַ קליינע יאָר־באַשטייערונג און די ערשטע צייט אויסשליס־לעך פון דיינע שטעט, וועלכע וועלן באַקומען געוויסע פרייהייטן און וועלן גערן געבן אויף מלחמה־צוועקן. דיינע באַראָנען קענען נישט זיין אַזוי נישט ריטערלעך און אָפּזאָגן דיר דאָס, אויף וואָס דיינע בירגער וועלן איינגיין.

דאָן יהודה האָט געגעבן אַלפאָנסאָן אַ ביסל צייט אויף איבערצולייגן זיך, נאָכדעם זיכער פאָרגעזעצט:

— נעמענדיק דאָס אין באַטראַכט, וועסטו, הער קעניג, דורך אַן אַקט פון העכסטער ריטערלעכער גרויסהאַרציקייט, צווינגען דיינע באַראָ־נען מסכים צו זיין אויף די דאָזיקע קליינע שטייערן.

— האָסטו נאָך נישט אַלץ אַרויסגעזאָגט? — האָט אַלפאָנסאָ גע־פרעגט מיט חשד.

---

*) איך, דער קעניג.

— עס געפינען זיך, — האָט יהודה געזאָגט, — נאָך פון דער לעצטער נישט געלונגענער מלחמה, אַ סך געפאַנגענע אין די הענט פון עמיר פון סעווילִיע. דײַנע באַראָנען וועלכע זענען מחויב אויסצולייזן די דאָזיקע געפאַנגענע, טוען עס זייער לאַנגזאַם.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט זיך פאַררוימלט. עס האָט עקזיסטירט אַזאַ געזעץ און מנהג, אַז דער וואַסאַל, דער באַראָן מוז אויסלייזן זײַנע קריגסקנעכט, וועלכע זענען בעת מלחמה אַרייַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. די באַראָנען האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט אויסצופילן דעם דאָזיקן חוב, אָבער דאָס מאָל האָבן זיי עס געטאָן זייער אומגערן, ווייל זיי האָבן פאַרגעוואָרפן דעם קעניג, אַז צוליב זיין איילעניש האָט ער געליטן אַ מפלה און די מלחמה פאַרשפילט. דאָן אַלפאָנסאָ וואָלט ליבערשט מיט גאווה געמאָלדן: „איך נעם די אויסלייזונג פון אַלע געפאַנגענע אויף מיין חשבון, קמצנים וואָס איר זענט!" אָבער עס האַנדלט זיך וועגן אַן אומגעהויערער סומע, און ער קאָן זיך נישט דערלויבן אויף אַזאַ זשעסט.

אָבער דאָ האָט זיך יהודה אָנגערופן:

— כ'לייג פאָר מיט יראת=הכבוד, אַז די געפאַנגענע זאָלן אויסגעלייזט ווערן אויפן חשבון פון דיין מלוכה=אוצר. און אויף די הערן, וואָס האָבן דערפון געגאָסן, זאָל אַרויפגעלייגט ווערן די פאַרפליכטונג אין פרינציפּ צו אָנערקענען, אַז זיי דאַרפן שוין אָנהייבן צו צאָלן שטייערן אויף מלחמה=צוועקן.

— וועט מיין אוצר זיין אימשטאַנד עס אויסצופילן, — האָט אַלפאָנסאָ דורך=אַגב אַ פרעג געטאָן.

— איך וועל שוין דערפאַר זאָרגן, הער קעניג, — האָט מיטן זעלבן טאָן געענטפערט יהודה.

דאָן אַלפאָנסאָס פנים האָט אויפגעשטראַלט.

— דאָס איז אַ גרויסאַרטיקער פּלאַן, — האָט ער מסכים געווען. — און צוגייענדיק נאָענט צו זיין עסקריוואַנאָ, רירט ער זיך צו און שפּילט זיך מיט זיין ברוסט=פּלאַטע, — דו פאַרשטייסט אַ געשעפט, דאָן יהודה, — האָט ער צוגעגעבן.

אָבער צוגלייך מיט צופרידנהייט האָט זיך אין אים דערוועקט אַ ביטער געפיל, אַז וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ מער אָפּהענגיק פון דעם דאָזיקן העסלעכן הענדלער.

— אַ שאָד בלויז, — האָט ער ביין געזאָגט, וואָס מיר קענען נישט די דע=קאַסטראָס אויף אַזאַ מין אופן באַרשעמען. און זעסט, — האָט ער

צוגעגעבן, — אויך מיט די דע־קאַסטראָס האָסטו פאַרקאָכט אַ מיאוסע מעשה.

די האַזיקע פאַרקריפּלונג פון פאַקטן האָט אויפגעבראַכט דאָן יהודהן. די שנאה צווישן דעם קעניג און די דע־קאַסטראָס האָט זיך געצויגן פון אַלפאָנסאָס קינדער־יאָרן, זינט ער האָט ביי זיי צוגענומען דעם שלאָס אין מאַלאַגאַ, און איצט האָט ער געוואָלט די גאַנצע שולד אַרויפלייגן אויף דאָן יהודהן.

— איך ווייס, — האָט יהודה געענטפערט, — אַז די דע־קאַסטראָס האָבן דיר פאָרוואַרפן, אַז זייער שלאָס האָט באַשמוצט אַ געמלטער הונט, אָבער דו ווייסט עס גאַנץ גוט, הער קעניג, אַז שוין יאָרן לאַנג שמט זיי אויף דיין מאַיעסטעט פעך און שוועבל.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט.

— נו גוט, — האָט ער געזאָגט, צוקנדיק מיט די אַקסלען, — פּרוּוו דאָך אַדורכפירן דיינע קונצן און שפּיצלעך. אָבער זיי וויסן, אַז מיינע באַראָנען זענען פאַרביסענע קעמפער און וועלן נישט אַוועקלייגן דאָס געווער.

— עס איז אַ גרויסער חסד פאַר מיר, הער קעניג, — האָט יהודה געענטפערט, — וואָס דו אָנערקענסט מיין פּלאַן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איין קני און געקושט דעם קעניגס האַנט. עס איז געווען אַ מענלעכע קרעפטיקע האַנט, דאָ און דאָרט באַוואַקסן מיט רויטלעכע האָר, אָבער אומבאַוועגלעך און אָן האַנק זענען געלעגן זיינע פינגער אין דאָן יהודהס האַנט.

אין אַ טאָג אַרום האָט מאַנריקע דע לאַראַ, דעם קעניגס ערשטער מיניסטער, באַזוכט איבן עזרא אין זיין פּאַלאַץ, כדי צו באַגריסן דעם נייעם עסקריוואַנאָ. אים האָט באַגלייט זיין זון גאַרסעראַן, אַ נאָענטער פריינד פון דאָן אַלפאָנסאָ.

דאָן מאַנריקע, וועלכער איז געווען אינפאָרמירט וועגן נעכטיקן געשפּרעך מיטן קעניג, האָט זיך אויסגעדריקט:

— איך בין געווען איבערראַשט, וואָס דו האָסט אונדזער האַר, דעם קעניג, געגעבן אַזאַ אומגעהויערן צושטייער, כדי אויסצולייזן אונדזערע געפאַנגענע. אָבער צי איז עס נישט אַ ביסל געפערלעך, — האָט ער מיט שפּאַס געזאָגט, — ווען אַ מעכטיקער קעניג איז איינעם שולדיק אַזויפיל געלט?

דאָן יהודהן האָט אָפּגענומען דאָס לשון. ער האָט נישט געקאָנט שטילן דעם צאָרן, וואָס דעם קעניגס גאווה און אומצוטרוי האָבן דערוועקט אין

זיין הארץ. ער האָט גוט געוווסט, אַז דאָ, אין באַרבאַרישן צפון, רעכנט מען זיך בלויז מיט קריגס־לייט; צו געווינלעכע מענער, וואָס זאָרגן פאַרן ווילשטאַנד פון לאַנד, באַציט מען זיך מיט ביטול. אָבער ער האָט באַין אופן נישט געגלויבט, אַז מען זאָל אים מאַכן אַזעלכע שוועריקייטן.

דאָן מאַנריקע האָט עם גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרענטפערן דעם קעניגס גראָבקייט, האָט ער געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט פאַראיבל האָבן אויפן יונגן קריגערישן מאָנאַרד, וועלכער איז גרייט אַלע שוועריקייטן צו אַנטשיידן מיט דער שווערד, איידער מיט אָפּמאַכן. פון זיין קינדהייט אָן איז דאָן אַלפאָנסאָן אויסגעקומען אַריבערצוּוואַנדערן פון איין קריגס־לאַגער אין צווייטן, און ער פילט זיך אין פעלד מער היימיש. ווי ביים פאַרהאַנדלונגס־טיש. אָבער דאָן מאַנריקע איז דאָ נישט געקומען, כדי צו רעדן וועגן געשעפטן, נאָר צו באַגריסן זיין קאָלעגע דאָ, אין טאָלעדאָ, און ער האָט געבעטן דאָן יהודהן ער זאָל אים, מיט זיין זון, באַווייזן דאָס הויז, וועגן וועלכן די גאַנצע שטאָט דערציילט נסים.

יהודה האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. פאַרבייגייענדיק נעבן שטילע, טיף־גייענדיקע באַדינער, זענען זיי געגאַנגען איבער צימערן פאַרשפּרייטע מיט טעפּיכער, איבער קאָרידאָרן און טרעפּ. דאָן מאַנריקע האָט געלויבט די איינריכטונג ווי אַ מבין, דאָן גאַרסעראַן — נאַיוו און מיט התפּעלות.

אין גאָרטן האָבן זיי באַגעגנט דאָן יהודהס קינדער.

— דאָס איז דאָן מאַנריקע דע־לאַראַ, — האָט יהודה פאָרגעשטעלט, — דער ערשטער בעל־יועץ פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט און זיין זון, דער ריטער, דאָן גאַרסעראַן.

רחל האָט באַטראַכט די געסט מיט קינדערישן נייגיר. זי האָט גענומען פריי אָנטייל אינעם געשפּרעך. אָבער אין איר לאַטיין, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט זיך געלערנט מיט התמדה, זענען אַריינגעפאַלן אַ שפּאָר ביסל גרייזן, און לאַכנדיק איבער אירע פעלערן, האָט זי געבעטן מען זאָל רעדן אַראַביש. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבעדיק געשפּרעך. ביידע געסט לויבן איר חן און וויציקייט אין אַ מאָדנער געבלומטער שפּראַך, וואָס האָט טאָפּלט פּרעטענציעז געקלונגען אין אַראַביש. רחל לאַכט און די געסט לאַכן מיט.

דער פערציגיעריקער אַלאַזאַר, בטבע נישט קיין שטמעוודיקער, האָט געפרעגט דאָן גאַרסעראַנען וועגן פערד און ריטערלעכע איבונגען. דער יונגער הער, אונטערן רושם פונעם יינגלס פרישקייט און לעבעדיקייט, האָט

מיט התמדה אָפּגעענטפערט. דאָן מאַנריקע האָט פריינדלעך געראָטן יהודהן, ער זאָל זיין ייִנגל אָנשטעלן אין אַן אַרעליק הויז אַלס פּאַזש. יהודה האָט געענטפערט, אַז ער האָט שוין דערפון אַליין געטראַכט. ער האָט אָבער נישט אַרויסגעזאָגט זיין געהיימע האָפענונג, אַז דער קעניג אַליין וועט אים נעמען צו זיך אַלס פּאַזש.

אַנדערע גראַנדן, קודם־כּל די פריינד פון דאָן מאַנריקע דע־לאַראַ, האָבן אים נאָכגעמאָן און געקומען אויף באַזוך צום נייעם עסקריוואַנאָ־מאַיאָר.

באַזונדערס גערן קומען יונגעליים. עס לאָקט זיי די געזעלשאַפט פון דאָניאַ ראַקעל. די טעכטער פונעם אַדל ווייזן זיך געוויינטלעך ביי גרויסע יום־טובים אין הויף, אָדער אין דער קירך. אַליין זעט מען זיי קיינמאָל נישט. מען דאַרף מיט זיי פירן נאָר פוסטע העפלעכקייט־געשפּרעכן. דער־פאַר איז פאַר זיי געווען אַן אָנגענעמער איבעררייס צו אונטערהאַלטן זיך מיט דער טאָכטער פון יידישן מיניסטער, וואָס איז געווען ווייניקער צערע־מאָניאַל, און דאָך אין אַ געוויסער מאָס אַ דאַמע. זיי האָבן געשאָטן מיט לאַנגע פוסטע קאָמפּלימענטן, ווי דאָס האָט געפאָדערט די קורטואַזיע. רחל האָט פריינדלעך אויסגעהערט די פאַרליבטע פלאַפּלערייען, און געהאַלטן זיי פאַר לעכערלעך. טיילמאָל אָבער דערשפּירט זי, אַז אונטער זיי ליגט באַהאַלטן גראָבקייט און גיריקייט. און זי ווערט שרעקיק און צוריק־געהאַלטן.

די געזעלשאַפט פון די קריסטלעכע רימער איז שוין דערמיט אַליין געווען איר נוצלעך, וואָס בעת די שמועסן האָט זי באַקומען אַלץ מער און מער הגילות אין דער לאַנדשפּראַך. האָט זיך אויסגעלערנט דעם אָפיציעלן לאַטיין פונעם הויף און געזעלשאַפט, דעם אַלטעגלעכן קאַסטילישן וווּלגאַרן לאַטיין.

די הערן זענען אויך געווען אירע דינסט־גרייטע באַגלייטער, ווען זי פלעגט אַרויספאָרן צו באַקענען זיך מיט דער שטאָט.

זי איז געזעסן אין אַ טראָג־שטול. פון איין זייט איז געריטן דאָן גאַרסעראַן דע־לאַראַ אָדער עסטעבאַן איליאַן און פון דער אַנדערער זייט איר ברודער אַלאַזאַר. אין אַ צווייטן טראָג־שטול איז געזעסן די אם סאַאַד. פאָרלויפער האָבן פאַרן צוג געמאַכט אַ וואַרע און שוואַרצע דינער האָבן אים אָפּגעשלאָסן. אַזוי האָבן זיי זיך געצויגן איבער דער שטאָט טאָלעדאָ.

אין משך פון דער קריסטלעכער הונדערט־יאָריקער הערשאַפט האָט די שטאָט טאָלעדאָ לגבי די איסלאַמישע צייטן נישט ווייניק פאַרלוירן

פון איר גרויסקייט און פּראַכט. זי איז נישט געווען אַזוי גרויס ווי סעוויליע, אָבער דאָך האָבן דאָרט געוווינט הונדערט טויזנט און מיט דער סביבה אפשר ביי צוויי הונדערט טויזנט מאַן. טאָלעדאָ איז אין יענע צייטן געווען די גרעסטע שטאָט אין דעם קריסטלעכן שפּאַניע, גרעסער פון פּאַריז און פיל גרעסער פון לאָנדאָן.

אין יענע קריגערישע צייטן זענען אַלע גרויסע שטעט געווען פעסטונגען. אפילו דאָס פרייליכע סעוויליע. אָדער אין טאָלעדאָ איז חוץ דעם יעדער קוואַרטאַל געווען אַרומגעצוימט מיט געמויערטע ווענט און טורעמס און אַ סך הייזער פונעם אדל זענען געווען פעסטונגען פאַר זיך. באַפעסטיקט זענען געווען אַלע טויערן, קירכן און בריקן, אָנהייבנדיק פון הויכן פינצטערן שטאָט־היגל וואָס האָט זיך געצויגן אַריבער דעם טייך טאַכאָ אין פעלד אַריין. אין דער שטאָט גופא, אויפן באַרג־שיפּוע זענען שטאָקנאַרטיק ענג געווען אָנגעוואָרפן הייזער אויף הייזער. די טרעפּ־וועגן זענען געווען טונקל און שמאָל, אָפטמאָל שטאַרק משופּע און האָבן אויסגעזען אין רחלס אויגן ווי פאַרדעכטיקע תהומען. אומעטום זענען עקן, ווינקלען, טויערן און ווידעראַמאָל שווערע ריזיקע הייזער מיט אייזן באַשלאָגענע טויערן.

די גרויסע סאָלידע געביידעס האָבן כמעט אַלע געשטאַמט פון די מוסולמענישע צייטן און צוליב נויטווענדיקייט געהאַלטן געוואָרן אין אָרדענונג און זיך ווייניק געענדערט. רחל איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ איז פריער, ווען דאָס האָט געהערט צו די מוסולמענער, געווען אַ סך שענער. דעריבער איז איר געווען אָנגענעם זיך צוצוקוקן צום בונטן מענטשן־געווימל, וואָס האָט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט אָנגעפילט די גאַסן, הויפּטזעכלעך דעם הויפּטפּלאַץ, דעם „סאָקאָדעווער“ און דעם אוראַלטן מאַרק. מענטשן האָבן געליאַרעמט, פערד האָבן געהירזשעט, אייזלען האָבן געשריגן, אַלץ האָט זיך געשטופּט אויף איינאַנדער, זיך געשמיסן און איינער דעם צווייטן געשטערט, פאַרשטאָפּט דעם דורכגאַנג. אויף די גאַסן איז פול געווען מיט אָפּפאַל און שמוץ. רחל האָט כמעט פאַרגעסן די שיינע אָרדענונג פון סעוויליע, אַזוי צופרידן איז זי געווען פונעם ברויזנדיקן לעבן אין טאָלעדאָ.

זי האָט באַמערקט ווי די איסלאַמישע פרויען זענען דאָ שעמעוודיק און באַשיידן. כמעט אַלע זענען געווען טיף פאַרשלייערט. אין סעווילע האָבן די פרויען פון פאָלק ביי דער אַרבעט און ווען זיי זענען געגאַנגען אין מאַרק, אַראָפּגענומען דעם שלייער, וואָס האָט זיי געשטערט, און אין די הייזער

פון אויפגעקלערטע גרויסע הערן, האָבן בלויז פאַרהייראַטע דאַמען גע־טראָגן דינע, טייערע שלייערס, נישט אַזוי צו פאַרהילן דאָס פנים, ווי צו באַווייזן די שיינע באַפּוצונג. אָבער דאָ, כדי עפנטלעך אויסצומיידן די בליקן פון די אומגלויביקע, האָבן אַלע איסלאַמישע פרויען שטענדיק גע־טראָגן לאַנגע און געדיכטע שלייערס.

די יונגע גראַנדן, שטאָלץ מיט זייער שטאָט, האָבן דערציילט רחלען די געשיכטע פון טאָלעדאָ. ווען גאָט האָט אויפן פערטן טאָג פון דער יצירה באַשאַפן די זון, האָט ער זי באַלד אַוועקגעשטעלט איבער טאָלעדאָ. בכן איז די דאָזיקע שטאָט די עלטסטע פון אַלע שטעט אין דער וועלט. אַז די שטאָט איז אוראַלט דערויף זענען פאַראַן אַ סך באַווייזן.

זי, די שטאָט, האָט זיך צוגעקוקט צו דער הערשאַפט פון די קאַר־טאַגענער, צו זעקס הונדערט יאָר רוימישער הערשאַפט, דריי הונדערט יאָר הערשאַפט פון די גאָטישע קריסטן, פיר הונדערט יאָר פון די אַראַבער. איצט, זינט הונדערט יאָר, זינט דעם זיגרייכן קעניג אַלפאָנסאָ, הערשן דאָ ווידער די קריסטן און זיי וועלן דאָ פאַרבלייבן ביזן לעצטן יום־הדין.

די בעסטע און די שענסטע צייט, — האָבן דערציילט די יונגע גראַנדן, — האָט די שטאָט געזען אונטער דער הערשאַפט פון די קריסטלעכע וועסטגאָטישע הערן, די אבות פון די היינטיקע ריטער. דעמלט איז טאָ־לעדאָ געווען די רייכסטע און די שענסטע שטאָט אין דער וועלט. דער קע־ניג אַטאַנאַגילד האָט זיין טאָכטער ברונהילד געגעבן נדן אין ווערט פון דריי טויזנט מאָל טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי. דער קעניג רעקאַרעד האָט גע־האַט אין זיין רשות דעם טיש פון שלמה־המלך, וועלכער איז באַשטאַנען פון איין איינציקן ריזיקן שמאַראַגד, באַזוימט מיט גאָלד. אויך האָט דער קעניג רעקאַרעד געהאַט אַ וווּנדער־שפּיגל, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּ־געשפּיגלט די גאַנצע וועלט, דאָס אַלץ האָבן די מוסולמענער צוגערויבט, צעשטערט און פאַרשליידערט — זיי, די אומגלויביקע, די הינט, די באַרבאַרן.

באַזונדערס האָבן די יונגע ריטער שטאָלצירט מיט זייערע קירכן. ניי־געריק און שטומעדיק האָט רחל באַטראַכט די האַמעטנע געביידעס, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי פעסטונגען. רחל האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי איידל זיי האָבן געמוזט אויסקוקן, ווען זיי זענען נאָך געווען מעטשעטן, אַרומ־גערינגלט מיט ביימער, פאָנטאַנען, קאָלאָנאַדן און לערן־הייזער.

אין פאָדער־הויף פון דער קירכע פון דער הייליקער לעאָקאַדיע האָט זי געזען אַ ברונעם אין אַן אויסשליסלעך שיינער איינפאַסונג מיט אַן

אַראַבישן אויפֿשריפֿט. שטאָלץ דערמיט, וואָס זי האָט געקאָנט לייענען דעם אוראַלטן „קופֿישן" כתב־יד און, טייטלענדיק מיט די פֿינגער אויף די טיף־איינגעקריצטע, טיילווייז אָפּגעווישטע אותיות, האָט זי געלייענט: „אין נאָמען פֿון אַלמעכטיקן גאָט. דער קאַליף אַבד־על־ראַכמאַן דער זיגער — זאָל גאָט פֿאַרלענגערן זיינע טעג — האָט דעם דאָזיקן ברונעם אויסגעבויט אין דעם מעטשעט פֿון דער שטאָט טאָלעיטאָלאַ — זאָל גאָט זי שומר ומציל זיין — אין דער זיבעצנטער וואָך פֿונעם יאָר 323". דאָס איז אַלזאָ געווען מיט צוויי הונדערט און פֿופֿציק יאָר צוריק.

— דאָס איז געווען זייער לאַנג, — האָט מיט אַ טאָן פֿון חוזק זיך אָנגערופֿן איר באַגלייטער דאָן איליאַן.

טיילמאָל האָבן די יונגעלייט איר פֿאָרגעלייגט צו באַווייזן דעם איבערלעבן טייל פֿון אַ קירכע. אין סעווילע האָט מען פֿיל גערעדט פֿון די דאָזיקע „קירכן", הייזער פֿון גרויל און געצנדינעריי, אין וועלכע די צפֿון־באַרבאַרן האָבן פֿאַרוואַנדלט די שיינע מעטשעטן. רחל האָט שטאַרק געוואָלט זען איינעם פֿון די דאָזיקע הייזער, אָבער גלייכצייטיק האָט עפּעס אין איר אַ ציטער געטאָן און מיט אַ געוויסן אויסרייד האָט זי זיך העפֿלעך אָפּגעזאָגט דערפֿון. ענדלעך האָט זי גובר געווען איר שוואַכקייט און אין דער באַגלייטונג פֿון דאָן גאַרסעראַן און פֿון דאָן איליאַן איז זי אַריין אין דער קירך פֿון הייליקן מאַרטין.

ליכט האָבן געבריענט אינעם טונקעלן רוים. עס האָט געשמעקט מיט ווייריך. און דאָ האָט זי דערזען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זען און גלייכצייטיק מורא געהאַט צו זען: בילדער, געצן־בילדער, נאָך פֿון אוראַלטע צייטן פֿאַרבאָטענע דורכן איסלאַם. ווען דער מערב־איסלאַם האָט פֿריי ויסגעטייטשט דעם אָדער יענעם פֿאַרבאָט פֿונעם נביא, האָט דערלויבט טרינקען וויין און פֿרויען צו גיין אָן אַ שלייער, האָט ער זיך אָבער אומבאַרירלעך פֿעסט געהאַלטן ביים געבאָט פֿונעם נביא, אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין שום בילד פֿון אַללאַה און קיין שום בילד פֿון לעבעדיקן וועזן פֿון מענטש אָדער חיה. אַפֿילו אַ געוויקס אָדער אַ פֿרוכט האָט מען קוים געטאָרט אָנצייכענען. און דאָ, אַרום און אַרום, זענען געשטאַנען מענטשן אויסגעפֿורעמט פֿון שטיין און פֿון האָלץ און אַנדערע מענטשן און חיות זענען געווען פֿלאַך און פֿאַרביק געמאָלט אויף האָלץ־פּלאַטן. דאָס זענען אַלזאָ געווען די געצן־בילדער, וואָס רופֿן אַרויס אַן עקל ביים אַללאַה און זיינע נביאים!

וועמען גאָט האָט געשענקט שכל, געפיל און גייסט, זאָל ער זיין אַ ייִד, אָדער אַ מוסולמענער, מוז ער פילן אַ ווידערווילן צו אַזעלכע אָפּבילדער. זיי זענען געווען עקלהאַפט, שטייפע, נישט רעאַל, האַלב טויט, ווי פיש אויפן מאַרק. זיי, די באַרבאַרן, האָבן געהאַט די חוצפה דעם אַללאַה צו קאָפּירן. זיי האָבן געשאַפן מענטשן לויט זיין געשטאַלט און האָבן געהייסן נאַראָנים זיך בוקן פאַר די דאָזיקע שטיינערנע און הילצערנע פסלים, וואָס זיי האָבן אַליין געמאַכט און געגעבן זיי ווייררויך צו שמעקן. אָבער אין די טעג פון לעצטן געריכט וועט דער אַללאַה צווינגען די אַלע, וועלכע האָבן אַזעלכע פסלים געמאַכט, זיי זאָלן אין זיי לעבן אַריינהויכן, און אויב זיי וועלן עס נישט קאָנען טאָן, וועט ער זיי פאַרדאַמען אויף אייביק.

דאָך איז רחל געווען מאָדנע פאַראינטערעסירט. ס'איז פאַר איר געווען אַ חידוש, ווי קאָן מען פאַרפעסטיקן אַ מענטשן, דאָס פאַרגענגלעכע פלייש, דעם מאָמענטאַלן אויסדרוק פון פנים, די באַוועגונגען, דאָס פאַרשווינדן באַלד ווי זיי באַווייזן זיך.

דאָס באַוווסטזיין, אַז שטערבלעכע מענטשן זענען עס ביכולת צו מאַכן, האָט אָנגעפילט איר האַרץ מיט שטאָלץ און גלייכצייטיק מיט שרעק.

די יונגעלייט, וואָס האָבן זי געפירט, האָבן מיט טיפן כבוד און מיט התמדה איר אויפגעקלערט וועמען עס שטעלן פאַר די געצנבילדער. דאָ איז אַ מאַן געמאַכט פון האָלץ, אין אַ מאַנטל און מיט אַ גאַנדז. דאָס איז געווען דער הייליקער מאַרטין, וועמענס נאָמען עס טראָגט די קירך. ער איז געווען אַן אָפיציר און אין שלאַכט איז ער געגאַנגען באַוואָפנט בלויז מיט אַ קרייץ, כדי זיך קעגנצושטעלן דער גאַנצער פיינטלעכער אַרמיי. איינמאָל, ווען עס איז געווען זייער קאַלט, האָט ער זיין מאַנטל אַוועקגעגעבן אַן אָרעמאַן און דערפאַר האָט מען אים פון הימל אַראָפּגעוואָרפן אַן אַנדערן מאַנטל. אַ צווייט מאָל, ווען דער קייזער האָט זיך נישט געוואָלט פאַר אים אויפשטעלן, האָט זיך תיכף אָנגעצונדן דער טראָן און דאָס פייער האָט אים געצוווּנגען אָפּצוגעבן כבוד דעם הייליקן. דאָס אַלץ קאָן מען זען איינגעמאָלט אויף הילצערנע טאָוולען. ביי רחלען האָט געווירבלט אין קאָפּ. נישט אַנדערש, אַז דער דאָזיקער מאַן איז געוויס געווען אַ נזיר.

אויף אַן אַנדער בילד האָט מען געזען אַ מוסולמעניש מיידל מיט אַ פולן קאָרב מיט רויזן און קעגן איר איז געשטאַנען אַ צעטומלטער אַראַבער פון פירשטלעכן אויסזען און אין פירשטלעכן טראַכט. מיט לייכטער איראָניע האָט דאָן גאַרסעראַן דערציילט, אַז דאָס זענען געווען די פרינצעסין קאַסילדאַ און איר פאָטער, דער קעניג אַל-מענאָן פון טאָלעדאָ. קאַ-

סילדאַ איז דורך איר אם געהיים דערצויגן געוואָרן אין קריסטלעכן גלויבן. זי האָט מיט גרויס געפאַר פאַרזאָרגט די קריסטלעכע געפאַנגענע, וועלכע האָבן געהונגערט אין איר טאַטנס אונטערערדישע תפיסות. מען האָט זי אָפּגעמסרט און דער טאַטע האָט זי געכאַפּט ביי דער האַנט. ער האָט שטרענג געפרעגט, וואָס עס געפינט זיך אין קויש. דאָרט איז געווען ברויט. אָבער זי האָט געענטפערט: „רויזן". מיט גרויס צאָרן האָט ער אויפגעהויבן דאָס דעקל, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס ברויט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רויזן. דאָס האָט רחל פאַרשטאַנען, ווייל זי האָט געלייענט אַזאַ מין אַראַביש מעשהלע.

— אַך, — האָט זי אויסגערופן, — זי איז דאָך געווען אַ מכשפה.

דאָן גאַרסראַן האָט שטרענג אויסגעבעסערט, — זי איז געווען אַ הייליקע.

דאָן עסטעבאַן האָט איר פאַרטרויט אַ סוד, אַז אין זיין שווערד איז געווען איינגעשמידט אַ ביינדל פון דער הייליקער אילדעפאָנסאָ, און די דאָזיקע רעליקוויע האָט אים צוויי מאָל דאָס לעבן געראַטעוועט אין שלאַכט. וויפל בישוף־מאַכער האָבן די קריסטן, האָט רחל געטראַכט, און אויך זי, רחל, האָט זיי פאַרטרויט אַ סוד, אַז אינעם טאָג פון אַ שלאַכט איז דער בעסטער שוץ־מיטל זיך ווענדן צו אַ מעקאַ־פּילגרימער, נאָך בעסער צו אַ נזיר — ער זאָל אָנשפּייען אין פרימאָרגן־געטראַנק.

— אַ סך אונדזערע קריגער זענען זיך אַזוי נוהג, — האָט רחל דערקלערט.

אין די אַלע נייעסן, וואָס רחל האָט אין טאָלעדאָ געזען, געהערט און איבערגעלעבט, איז שנעל פאַרזונקען געוואָרן איר איסלאַמישע פאַרגאַנגענהייט. ס'איז איר שוין שווער געווען אַרויפצוברענגען אויפן זכרון די שטריכן פון איר חברטע לאילא, אָדער די גרילצנדיקע דורכדרינגלעכע שטים פון מועדזין, וואָס האָט גערופן צו תפילה אין דעם אזכאַר־מעטשעט. אָבער זי האָט בשום אופן נישט געהאַט בדעה צו פאַרגעסן די אַראַבישע שפּראַך, און זי האָט כסדר געלייענט און זיך געאיבט אין די געדריידלטע שווערע אַראַבישע שריפטן. און הגם זי האָט זיך געפילט אַלס אַ יידיש קינד, האָט זי כסדר אָפּגעהיט די מוסולמענישע מנהגים, זיך געוואַשן לויטן דין און תפילה געטאָן. דער פאָטער האָט איר נישט געשטערט.

די שטענדיקע אָנוועזנהייט פון דער אם האָט איר פאַרלייכטערט נישט צו פאַרגעסן דעם עבר. ביינאַכט, ווען די אם האָט זי אויסגעטאָן,

פּלעגן זיי פּלאַפּלען דערפון, וואָס זיי האָבן געזען און האָבן עס אַלץ באַרגלייכט מיטן לעבן אין סעווילע.

— לאָז זיך נישט צופיל אַריין מיט די אומגלויביקע, רעביאַ, מיין לעמעלע, — האָט איר די אם סאַד געוואָרנט. — זיי וועלן אַלע ברענען אין גיהנום, ווייל זיי זענען אומפאַרשעמט, און זיי ווייסן עס, און דעריבער האַלטן זיי זיך אַזוי גאַווהדיק אויף דער דאָזיקער ערד. זייער סולטאַנקע איז באַזונדערס שטאָלץ. די דאָזיקע אומגלויביקע לעבט צומיינסטן ווייט פון איר מאַגס האַרעם, פינעם סולטאַן אַלפּאָנסאָ; זי וווינט אין אַ צפון־שטאָט, פון וועלכער מען דערציילט, אַז זי איז אַזוי קאַלט און שטאָלץ, ווי זי אַליין.

די אם איז געווען גערעכט. די אומגלויביקע זענען באמת שטאָלץ. רחל האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן דעם קעניג, און אפילו איר פאָטער, וועלכער איז זייער בעל־יועץ, זעט אים, קענטיק, זייער זעלטן.

פון זיין אינטענדאַנט און סעקרעטאַר איבן אָמאַר, וועלכער האָט אַוועקגעשטעלט די אינפאָרמאַציע־דינסט אויף אַ געהעריקער הויך, האָט זיך דאָן־יהודה דערוווסט, ווי די הויכגעשטעלטע מלוכה־לייט האָבן אים פיינט. זינט דער קלוגער איבן שושן איז געשטאָרבן, זענען זייערע פּריווילעגיעס געשטיגן. נאָך דעם קעניגס מפּלה האָבן זיי זיך גענומען נייע רעכט און פּריווילעגיעס. זיי זענען געווען אויפגעבראַכט אויפן ניי־אָנגערעכט קומענעם העברעער, וועלכער איז געווען מער ביטרע און מער גייציק ווי דער פריערדיקער און האָט בדעה ביי זיי אַלץ אַוועקצונעמען. זיי האָבן געשאָלטן, געליאַרמעט, אינטריגירט. יהודה האָט גאַנץ רויק אויסגעהערט דעם באַריכט. ער האָט געהייסן אָמאַרן פאַרשרייבן אַ קלאַנג, אַז דער גייער עסקריוואַנאָ פאַרטיידיקט דאָך אונטערדריקטע פאָלק קעגן די רויבערישע באַראָנען, אַז ער אַרבעט פאַרן וווילשטאַנד פון די בירגער און פויערים.

דער אָנפירער פון דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד קעגן דאָן יהודהן איז געווען דער אַרציבישאָף פון טאָלעדאָ, דער קריגערישער דאָן מאַרטין=דע=קאַרדאַנגאַ, דעם קעניגס אַ נאָענטער פריינד. זינט די קריסטן האָבן דאָס לאַנד ווידער דעראָבערט, האָט די קירך געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די יידישע קהילות. די יידן האָבן נישט געדאַרפט אָפּגעבן דער קירך מעשר, ווי די גאַנצע איבעריקע באַפעלקערונג; זייערע שטייערן האָבן זיי געצאָלט דירעקט דעם קעניג. קיין פויפסטלעכער עדיקט, קיין באַשלוס פון דער קאַר=

דינאַלן-קאָלעגיע האָט דאָ גאָרנישט געקאָנט ענדערן. דער אַרציבישאָף דאָן מאַרטין איז געווען בייז, ווייל די באַשטימונג פונעם כיטרען איבן עזרא וועט די ייִדן מאַכן נאָך מער האַרטנעקיק אין זייער הוצפּהדיקער שטרעבונג אײַנגאַנצן פּטור צו ווערן פון קירך. ער האָט אָנגעווענדעט כלערליי מיטלען קעגן דעם נייעם עסקריוואַנאָ.

מערקווירדיק איז געווען דאָס, וואָס תיכף נאָך יהודהס אָנקומען, האָט דער סעקרעטאַר פון אַרציבישאָף, דער קאַטעדראַל-פּאַרוואַלטער, דעם קעניגס ווידוי-פֿאָטער, דאָן ראָדריגע מיט פריינדלעכע כוונות באַזוכט דאָן יהודהס שלאָס.

דער באַשיידענער, העפלעכער הער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו ביכער, ער האָט געלייענט, געשריבן אויף לאַטיין און אַראַביש. ער האָט אויך געקענט העברעיִש. זיך גוט צונויפגערעדט מיט דאָן יהודה און נאָך בעסער מיט יהודהס קלוגן פריינד מוסא איבן דאאוד.

מוסאס צימערן זענען געווען אײַנגעאָרדנט מיט גרויס קאָמפאָרט. דער דאָזיקער זקן איז צוויי מאָל געווען אין גרויס נויט און צוויי מאָל אָפּגעריכט גלות, אָבער ער האָט באַוויזן, אַז ער איז מסוגל אַריבערצוטראָגן עלנט און נויט, נישט באַקלאָגנדיק זיך. דעריבער האָט ער איצט ליב געהאַט באַקוועמלעכקייט. נישט אָן שטאָלץ האָט ער באַוויזן דעם קאַנאָניק אַ נעץ באַהייצונגען און דעם פּילץ-באַשלאָג פון די געמויערטע ווענט, וואָס אַדאַנק אַ קונציקן סיסטעם ווערן זיי באַוואַסערט און קאָנען אויך אין אַ הייסן טאָג אײַנהאַלטן אָנגענעמע קילקייט. די צאָלרייכע ביכער אין מוסאס צימער זענען געווען באַנטיק פאַנאַנדערגעלייגט, זיין גרויסער געליבטער שרייבטיש איז געווען גוט באַלויכטן און דאָרט, אין גאָרטן איז געשטאַנען אַ שיינער רונדער פּאַוויליאָן פאַר אָפּרו און חשבון-הנפש.

דער קאַנאָניק האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט יהודהס און מוסאס ביבליאָטעקן. ער האָט באַוואונדערט די פאַרשידנאַרטיקייט פון די ביכער, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט, די שיינע קאַליגראַפיע, די ראשי-תיבות, די שריפטן אויף די רוקנס, די געשניטענע און געשניצטע עץ-חיימס פון די מגילות און די עלעגאַנטע פעסטע אײַנבונדן פון די ביכער. אָבער מער פון אַלץ האָט ער באַוואונדערט דעם שטאָף, אויף וועלכן דאָס רוב ביכער זענען געשריבן געוואָרן. דאָס איז געווען יענער שטאָף, וועגן וועלכן די קריסטן האָבן קוים געוווּסט: פּאַפּיר.

אַך, זיי, די געלערנטע פון די קריסטלעכע מדינות, האָבן געמוזט שרייבן אויף הויט פון חיות, און נישט בלויז די טרחה פון שרייבן איז גע-

װען גרעסער, נאָר דאָס מאַטעריאַל האָט געקאָסט מײער און געװען װײניק. אָפטמאָל פלעגן די שרײַבער מוזן אױסנוצן פאַרשריבענעם פאַרמעט און אױסקראַצן מיט גרױס טרחה דאָס, װאָס די פריערדיקע שרײַבער האָבן אָנגעשריבן מיט גרױס טרחה, כדי אױפן אַלטן שטאָף אַרױסברענגען זײערע געדאַנקען. און עס האָט געקאָנט גרײַלעך פּאַסירן, אַז עפּעס אַ כלױמרשטער שרײַבער פון הײַנט זאָל אױסראָטן די אײדלסטע חכמה פון אַ פריערדיקן, כדי צו פאַרהיטן אױף להבא זײַנע אײגענע, טײלמאָל באַנאַלע געדאַנקען.

דאָן יהודה האָט דעם קאַנאָניק דערקלערט, װי אַזױ דאָס פּאַפּיר װערט געמאַכט. מילן אַרבעטן אױס אַ מין פּוּדער פון אַ פלאַנצונג, װאָס הײסט קאַטון, נאָכדעם װערט עס געשעפּט װי װאַסער, געטריקנט און נאָך דעם אַלעם קאָסט עס נישט טײער. דאָס בעסטע פּאַפּיר װערט אױסגעאַרבעט אין כאַטיװאַ, עס איז גראָב־קערנדיק און הײסט כאַטװי. דאָן ראָדריגע האָט גענומען אַ בױך געשריבן אױף כאַטװי אין זײַנע צאַרטע הענט און װונדעריש געשטױנט, װי װײניק שטח און װי װײניק װאָג פאַרנעמען אַזױפיל מענטשלעכע געדאַנקען. יהודה האָט דערצײלט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ געדאַנק אױך דאָ אין טאָלעדאָ אױסצובױען אַזעלכע פאַבריקן. עס איז דאָ גענוג װאַסער און אױך דער באָדן איז צוגעפּאַסט פאַר די דאָזיקע צמחים. דאָן ראָדריגע איז געװען אַנטציקט. יהודה האָט צוגעזאָגט צו באַקומען פאַר אים פּאַפּיר.

שפּעטער זענען דאָן ראָדריגע און דער אַלטער מוסא אַלײן געזעסן אין דעם קלײנעם אָפּגעזונדערטן פּאַװיליאָן און האָבן געפירט אַ שטילן שמועס. דאָן ראָדריגע האָט דערצײלט, אַז אױך אין די קריסטלעכע לענדער האָט מען געהערט פון מוסאס װיסנשאַפטלעכע אַרבעטן, קודם־כל פון זײַן גרױסן היסטאָרישן װערק, װאָס ער שרײַבט און פון די רדיפות, װאָס ער האָט געהאַט אױסצושטײן. מוסא האָט געדאַנקט, פאַרנײגנדיק דעם קאָפּ. דער דאַרער לאַנגער ראָדריגע איז באַקװעם געזעסן פאַרזונקען אין קישנס, עטװאָס אײַנגעבױגן און געקוקט מיט אַ מילדן קלוגן בליק. ער האָט קײן סך נישט גערעדט, אָבער דאָס װאָס ער האָט געזאָגט איז געװען באַזירט אױף גרױס קענטעניש, אױף רײַכע דערפאַרונגען און טיפע מחשבות. עס האָט געקלונגען נײַ און אַנדערגנדיק, הגם צײַטנװײַז עטװאָס פאַרנעפּלט.

װי אין נעפּל האָבן זיך געפונען פיל זאַכן אינעם שלאָס פון איבן עזרא. צװישן די אױפשריפטן, װאָס האָבן געלױכטן עטװאָס נידעריקער

פון די פרעסקן אויף די ווענט, זענען געווען אויך העברעישע. עס איז געווען זייער שווער זיי איבערצולייענען אינעם קונציקן געפלעכט פון אָרנאַמענטן און וועלכע זיי זענען געווען איינגעפאַסט. אָבער דער קאַנאָניק, שטאָלץ מיט זיין קענטעניש פון העברעיש, האָט באַלד דערזען, אַז דאָס זענען פסוקים פון די הייליקע שריפטן, פון ספר קהלת. יאָ,: האָט באַשטעטיקט מוסא, אַזוי איז עס. און נעמענדיק אַ שטעקן האָט ער באַוויזן דעם קאַנאָניק, ווי אין די פאַרפלאָנטערטע אַראַבעסקן לויפן די פסוקים, ווערן פאַרשווונדן און באַווייזן זיך ווידער. ער האָט זיי באַוויזן, געלייענט, איבערגעזעצט אויף לאַטיין: „דער גורל פון די בני־אָדם און דער גורל פון שאָף איז דער זעלבער. ווי דער שטאַרבט, אַזוי שטאַרבן יענע, זייערע נשמות זענען די זעלבע. און עס איז נישט קיין יתרון פון אַ מענטש ביז אַ בהמה, ווייל אַלץ איז הבל, אַלץ ענדיקט זיך אויף אַ גלייכן שטייגער. אַלץ איז שטויב. ווער ווייסט, צי דעם מענטשס נשמה שטייגט אין דער הויך און די נשמה פון בהמות גייט אַראָפּ אין דער נידער". דאָן ראָדריגע האָט געקוקט אויף די העברעישע אויפשריפטן אויף דער וואַנט און האָט זיך איבערצייגט, אַז מוסא גיט אַ ריכטיקע איבערזעצונג. אָבער צי קלינגען די ווערטער אַזוי, ווי אין דער איבערזעצונג פון הייליקן היעראָנים, וואָס ער האָט געדענקט פון זכרון? צי שפירט זיך נישט קיין שוועבל־גערוך פון נאָמס ווערטער, וואָס גייען אַרויס פונעם מויל פון גוטן קלוגן מוסא?

זאָל זיין וואָס עס וויל, אָבער דער מאַן, וועמען עס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די ביבליאָטעק פון קאַסטיליא איבן עזרא, איז דעם קאַנאָניק בעסער געפעלן, ווי די ביבליאָטעק גופא. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער דאָזיקער מוסא, וועלכער איז רואיק געזעסן אין זיינע קישנס, איז אומענדלעך ווי די חכמה אַליין. דאָ האָט אים אויסגעוויזן, אַז מוסא איז קוים עלטער פון אים, אַז ער איז אין די פופציקער און דאָ האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן די עלטער פון דורות. דער גלאַנץ פון זיינע שטילע אויגן, פול מיט שפּאָט, האָבן אים פאַרכאַפּט און באַצויבערט, ער האָט מיט דעם זעלבן מאַן געקאָנט רעדן מיט אַ פרייען געמיט, ווי מיט די קריסטלעכע פרומאַקעס.

ער האָט אים דערציילט פון דער אַקאַדעמיע, פון וועלכער ער איז געווען דער מנהיג. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער באַשיידענער אינסטיטוט קאָן זיך נישט גלייכן מיט ענלעכע אינסטיטוטן ביי די מוסולמענער, אָבער פון דאַנען גייט זיך פאַנאַנדער אין די מערב־לענדער די חכמה פון די אַראַבער און פון דער אַלטער היידן־וועלט.

— גלויב נישט, מוסא, — האָט ער געזאָגט מיט ברען, — אַז איך בין אַ קאַלטער מענטש. איך האָב אפילו געהייסן דעם קאָראַן איבערזעצן אויף לאַטיין. און אין מיין אַקאַדעמיע אַרבעטן עטלעכע אומגלויביקע ייִדן און מוסולמענער. אויב דו וועסט דערלויבן וועל איך אַמאָל אַהערברענגען עמעצן פון מיינע תּלמידים, ער זאָל האָבן דעם כּבֿוד מיט דיר צו שמועסן.

— איך בין מסכּים, חשובֿער ראָדריגע, — האָט מוסא פריינדלעך אָפּגעענטפערט. ברענג אַהער עמעצן פון דיינע תּלמידים, אָבער וואָרן זיי צו זיין פאָרזיכטיק. און דו אַליין זיי אויך פאָרזיכטיק!

ער האָט אָנגעוויזן אַ פּסוק אויף דער וואַנט, און ווידער איז עס געווען אַ פּסוק פון תּורת משה, פון דבֿרים:

— פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס שטעלט אַוועק פאַר אַ בלינדן אַ מכשול.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן באַלעבאָס, — ווייל ער האָט איינגעפונען, אַז ער איז שוין צו לאַנג פאַרבליבן, — האָט ער געזאָגט מיט שפּאַס:

— איך דאַרף אויף דיר זיין אין כּעס, דאָן יהודה. ס'האָט געפעלט אַ האָר, איך זאָל שיר נישט עובר זיין אויפן צענטן געבאָט. עס האָט מיך נישט געגלוסט צו דיין הויז, נישט צו דיינע מויליאייזלען, נישט צו דיינע קנעכט און דינסטן. איך האָב מורא, אַז עס גלוסט מיך צו דיינע ביכער.

דער ראש=הקהילה, דאָן אפרים האָט אויפגעזוכט יהודהן, כּדי זיך אדורכצושמועסן מיט אים וועגן די ענינים פון דער Alajama *)

— ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, — האָט ער אָנגעהויבן, — האָט דיין רום און גלאַנץ געבראַכט פיל ברכה דער ייִדישער קהילה, אָבער אויך נייע דאגות. דיין ע ו ל ה=ל ג ד ו ל ה ווערן האָט אַרויסגערופן אַ קנאה=שנאה ביים אַרציבישאָף, דעם עשׂיו רשע. דאָן מאַרטין האָט אויפגעזוכט דעם פאַרשטויבטן פּאַרמעט פון דער קאַרדינאַל=קאָליציע פון פאַר זעקס יאָרן, ווו עס שטייט געשריבן, אַז נישט בלויז די זין פון אָדום נאָר אויך די קינדער פון אבֿרהם מוזן אָפּגעבן מעשׂר דער קירך. צו יענער צייט האָט דער איידעלער אַלפאָנסאָ איבן שושן, — זכר צדיק לבֿרכה, — אָפּגעשטויסן דעם אָנגריף פונעם גלח. אָבער איצט מיינט דער רשע, אַז

*) ייִדישע קהילה (שפּאַניש).

זיין צייט איז ווידער געקומען. זיין בריוו צו דער אלאבאמא איז פול מיט דראָונגען.

דאַן יהודה האָט געוווּסט, אַז ביים פאָדערן דעם מעשר האַנדלט זיך נישט אַזוי אינגעם געלט, ווי אין עפּעס מער. אויב די קירך וועט זיגן, הענגט אין די הויפּט-פּריווילעגיע פון יידן אין סכנה, ווייל דעמלט וועלן די יידן נישט אַרונטערפאַלן דירעקט דעם קעניג, נאָר די דעה וועט האָבן דער אַרציבישאָף. דאָסמאָל האָט דאַן יהודה טיף אין האַרצן מודה געווען, אַז אפרימס דאגה איז אַ באַגרינדעטע, אַז דער אַרציבישאָף קאָן אַמאָל זיין ציל דערגרייכן. דאָן מאַרטין איז געווען אַ גאָענטער פריינד פון קעניג. ער האָט אים געווים כסדר געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, אַז זיין זינד פאַר דערהייבן דעם ייד איבן עזרא קאָן ער אויסקויפן דערמיט, וואָס מען וועט ענדלעך צווינגען דאָס יידנטום אָפּצוגעבן מעשר דער קירך.

פונדעסטוועגן האָט יהודה אויסגעדריקט זיין בטחון:

— עס וועט הײַנט רשע איצט פונקט אַזוי געלינגען ווי פריער, — האָט ער געזאָגט. — אגב, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו שטייערן געפינט זיך אין מיין רשות. דערלויב מיר צו ענטפערן אויפן בריוו פון אַרציבישאָף.

דאָס איז נישט געווען דאָן אפרימס כוונה. קיין איינע פון זיינע געשעפטן האָט ער נישט געוואָלט אָנפאַרטרויען יהודהן.

— עס ליגט נישט אין מיין כאַראַקטער, — האָט אפרים זיך אָנגערופן, — דיר אַרויפלייגן נייע לאַסטן, מיין האַר און לערער, יהודה. אָבער אַ גאַנץ אַנדערן ענין וואָלט איך דיר געוואָלט באַשיידן אויפקלערן אין נאָמען פון דער אַלאַכאַמאַ. די פּראַכט פון דיין הויז, די שפע פון אַלדאָס גוטס, מיט וואָס גאָט האָט דיר געבענטשט, דעם רום, וועלכן ער האָט דיר געשאָנקען אַדאַנק דעם חסד פון קעניג — דאָס אַלץ איז ווי אַ דאָרן אין אויג ביי אַלע שונאים פון ישראל און ווי אַ מעסער אינעם שוואַרצן האַרץ פון אַרציבישאָף. איך האָב דעריבער ווידער דער אַלאַכאַמאַ, אָנגעזאָגט זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן און דורך גלאַנץ נישט רייצן די געמיינע נפשות. איך וואָלט געוואָלט, אַז אויך דו זאָלסט זיי נישט רייצן, דאָן יהודה.

— איך פאַרשטיי דיינע דאגות, מיין האַר און לערער, דאָן אפרים, — האָט יהודה געענטפערט, — אָבער איך בין דערמיט נישט מסכים. לויט מיין דערפאַרונג שרעקט מען זיך און מען האָט דרך-ארץ פאַר מאַכט. קוים וואָלט איך אַרויסגעוויזן שוואַכקייט אָדער קמצנות, וואָלט דער אַרציבישאָף געוואָרן דרייסטער קעגן מיר ווי קעגן אייך.

דעם נאָענטסטן שבת איז דאָן יהודה געגאַנגען אין שול אַריין. ער האָט געשטיינט, ווי אָרעם און וואָכעדיק עס האָט אינעווייניק אויסגעזען דער בית־מדרש פון די שפּאַנישע יידן. אויך דאָ האָט דאָן אפרים נישט פאַרטראָגן קיין שום פּראַכט.

אָבער ווען מען האָט געעפנט דעם אָרון־קודש האָבן אַרויסגעלויכטן און געגלאַנצט די איידלשטיינער, מיט וועלכע די ס פ ר י־ת ו ר ו ת זענען געווען באַצירט: די פיינע געשטיקטע מענטעלער, די גלאַנצנדיקע מיט גאָלד באַצירטע עטרות.

דאָן יהודה איז אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה. אין דער פרשה פון דער וואָך איז דערציילט געוואָרן, ווי בלעם, דער געצנדינער, איז געקומען שעלטן דאָס פאָלק ישראל, אָבער גאָט אַליין האָט אים געצוואונגען, ער זאָל עס בענטשן. און בלעם, דער עבודה־זרהניק, האָט געזאָגט: „ווי גוט עס זענען דיינע געצעלטן, יעקב, דיינע וווינונגען, ישראל, ווי טאָלן, וואָס שפּרייטן זיך, ווי גערטנער פול מיט וואסער, ווי אַלאָע־ביימער פון גאָט־געפלאַנצט, ווי צעדערן אויפן ברעג פון טייך. דו פאַרצערסט די פעל־קער, די געצנדינער, דיינע שונאים, דו צעשמעטערסט די ביינער פון דיינע פאַרפאָלגער“.

יהודה האָט געלייענט די פסוקים פון דער הפטורה מיטן אוראַלטן ניגון. ער האָט געלייענט מיט אָנשטרענגונג. זיין אַקצענט האָט מעגלעכערווייז געקלונגען פרעמד. אַפילו קאָמיש. אָבער קיינער האָט נישט געלאַכט. אדרבא, די יידישע מענער און פרויען פון טאָלעדאָ האָבן אים אויסגע־האָרכט מיט גרויס יראת־הכבוד און דאָן יהודהס התלהבות איז אַריבער צו זיי. דער דאָזיקער מאַן, וועמען דער גורל האָט אין דער פריסטער יוגנט געמאַכט פאַר אַ משומד, איז איצט ברצון און מיט הכנעה צוריק אַריינ־געטראָטן אין ברית פון אברהם־אבינו און מיט גאָטס הילף וועלן די ברכות, וואָס ער לייענט, מקוים ווערן אויך אויף זיי.

איצט, ווען רחל האָט זיך אָפן געדאַרפט אָנערקענען צו יידישקייט, איז איר א סך שווערער אויסגעקומען זיך צו פילן אַלס יידישקע ווי פריער. זי האָט אָפט געלייענט דעם תנ״ך, שעהן לאַנג האָט זי ליידנשאַפטלעך געטרוימט, פאַרזונקען אין די געשיכטעס וועגן די מעשים פון אירע אָבות, מלכים און נביאים. די גרויסע, דערהויבענע, גאָטספאָרכטיקע מעשים, וואָס דאָרט שטייט פאַרשריבן און אַפילו די שוואכע, קליינע שלעכטע

זאַכן, וואָס זענען דאָרט נישט פאַרבאָרגן געוואָרן — דאָס אַלץ איז איר געוואָרן ליב, און זי איז געווען שטאָלץ און גליקלעך אָפּצושטאַמען פון אַזעלכע חשובֿע אָבות.

מיט די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין טאָלעדאָ איז זי נישט געשטאַנען אין פאַרבינדונג, הגם זי האָט געהאַט אַן ערלעכן פעסטן ווילן אָנצוגעהערן צו זיי.

אָפטמאָל, כדי זיך בעסער מיט זיי צו באַקענען, פלעגט זי באַזוכן די ייִדן=שטאָט, די יודעריאַ.

אויף די דאָזיקע שפּאַצירן האָט איר באַגלייט דאָן בנימין בר=אבא. א יונגער קרובֿ פון ראש=הקהילה. דער קאַנאָניק ר אָ ד ר י ג ע האָט אים אַרייַנגעפירט צום ערשטן מאָל אין קאַסטיליאַ איבן עזראַ; ער איז געווען איינער פון זיינע געלערנטסטע תּלמידים, אַן איבערזעצער אין זיין אַקאַדעמיע.

דאָן בנימין, נישט געקוקט אויף זיין חריפֿות און גרינטלעכן וויסן איז קוים אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר; ער איז געווען בטבֿע קינדעריש, געהאַט אין זיך עטוואָס ווילדערישקייט, ליצנות, מיט וואָס ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי רחלען. זיי זענען גיך געוואָרן גוטע פריינד. זיי האָבן געלאַכט פון אַזעלכע זאַכן, פון וואָס אַן אַנדערער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי לאַכן, און עס זענען געווען אַזעלכע ענינים, וועגן וועלכע זי האָט זיך נישט מיישבֿ געווען נישט מיטן טאַטן און נישט מיטן פעטער מוסאַ, נאָר מיט איר פריינד בנימין.

ער פון זיין זייט, האָט איר פריי דערציילט וועגן זיינע אָנגעלעגנהייטן. למשל, אַז זיין קרובֿ, דאָן אפֿרים, דער פּרנס, געפעלט אים נישט, אַז ער איז צו כיטרע און ווײַן ער אַליין זאָל נישט זיין אַזוי אָרעם, וואָלט ער אין דאָן אפֿרימס הויז נישט פאַרבליבן. רחל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין אָרעמע פריינד. זי האָט אויף אים געקוקט ניגעריק און געשמייכלט.

בנימין האָט אָפּגעהיט די ייִדישע מנהגים, כּדי נישט צו דערצערעגען דאָן אפֿרימען, אָבער געגלייבט האָט ער נישט אין זיי. ער האָט גלייכצייטיק באַוווּנדערט די אַראַבישע חכמה און האָט גערן גערעדט וועגן די אַלטע גרויסע, פאַרגעסענע פעלקער, הויפּטזעכלעך וועגן די גריכן, אָדער יאַנער, ווי ער האָט זיי גערופן. איינעם פון די דאָזיקע יאָנער, אַ געוויסן אַריסטאָטעל, האָט ער גלייכגעשטעלט מיט משה רבינו. ביי דעם

אַלעמען איז ער געווען שטאָלץ, וואָס ער איז א ייד, ווייל יידן זענען דער עם־הספר און האָבן פריי אָפּגעהיט דעם ספר אין משך פון טויזנטער יאָרן.

דער דאָזיקער בנימין איז געווען רחלס באַגלייטער אין דער י ו ד ע ר י אַ. אַריבער צוואַנציק טויזנט יידן האָבן געלעבט אין טאָלעדאָ און פינף טויזנט אויסערהאַלב די מויערן, און הגם דאָס געזעץ האָט זיי נישט געצוואונגען, האָבן דאָס רוב יידן געוווינט אין א באַזונדערן קוואַרטאַל, וואָס איז געווען געשטיצט דורך מויערן און באַפעסטיקטע טויערן.

— די יידן, — האָט בנימין דערציילט, — וווינען דאָ אין טאָלעדאָ זינט כמה יאָרן און די שטאָט טראָגט דעם נאָמען פון העברעישן וואָרט „תולדות, — גענעאַלאָגיע. די ערשטע פון זיי זענען אָנגעקומען אַלס שלוחים פון שלמה המלך, כדי צו באַקומען צינזן פון די באַרבאַרן. א לאַנגע צייט איז זיי זייער גוט געגאַנגען. נאָר אונטער דער הערשאַפט פון די קריסטלעכע וועסטגאָטן זענען זיי געוואָרן פאַרפאָלגט דורך איינעם פון זייער אָפּשטאַם, פון א געוויסן יוליאָן, וועלכער איז אַריבערגעלאָפן צו די קרים=מן און ביי זיי געוואָרן אַרציבישאָף. וואָס ווייטער אַלץ שווערערע גזירות האָט ער אַרויסגעלייגט אויף זיינע פריערדיקע ברידער און צום סוף האָט ער אַרויסגעגעבן א געזעץ, אַז די וועלכע וועלן זיך נישט שמדן, זאָלן פאַרקויפט ווערן אַלס שקלאַפן. דעמלט האָבן די יידן זיך געווענדעט צו די אַראַבער מעבר לים און האָבן זיי געהאָלפן דעראָבערן דאָס לאַנד. די אַראַבער האָבן אַוועקגעשטעלט יידישע גאַרניזאָנען אין די שטעט, אַרויסרוקנדיק פון זיי אויך יידישע קאָמענדאַנטן.

— שטעל דיר פאָר, דאָניאַ רחל, — האָט בנימין אויסגערופן, — ווי אַזוי די לאַגע האָט אויסגעזען, ווען די אונטערדריקטע זענען פלוצלונג געוואָרן הארן און די פריערדיקע אונטערדריקער שקלאַפן.

מיט באַגייסטערונג דערציילט בנימין וועגן ביכער פון פּאָעזיע און חכמה, וואָס זענען אין די פאָלגנדיקע דורות געשאַפן געוואָרן דורך די ספרדישע יידן אונטער דער הערשאַפט פון די מוסולמענער. פון זכרון ציטירט ער די פלאַמענדיקע פערזן פון שלמה איבן גבירול און פון יהודה הלוי. ער דערציילט איר פון די מאַטעמאַטישע, אַסטראָנאָמישע, פילאָזאָפישע ווערק פון אברהם בר חיה.

— אַלץ, וואָס אין דעם דאָזיקן ספרדישן לאַנד איז גרויס, סיי אין גייסט, סיי אין שטיין, — זאָגט ער מיט איבערצייגונג, — האָבן די יידן מיטגעבויט.

איינמאָל האָט אים רחל דערציילט וועגן דעם מיש־מאַש, אין וועלכן

ס'האָט זי אַריינגעוואָרפן דאָס באַקוקן די געצן-בילדער אין דער קירך פונעם הייליקן מארטין. ער האָט זיך צוגעהערט און געשטאַנען אומאַנטשלאָסן. דאַן האָט ער ווילעריש אַרויסגעשלעפּט א קליין ביכל און עס איר באַוויזן אויף א סודות-פולן אופן. אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס ער האָט אָנגערופן נאָטיץ-בוך, זענען געווען צייכענונגען און בילדער פון מענטשן. דאָ זענען געווען בייזע, שפּאַסיקע פנימער, וועלכע האָבן זיך צייטנווייז פאַרוואַנדלט אין פנימער פון חיות. רחל האָט געשטוינט, געווען דערשראָקן און גלייכצייטיק זיך געוויילט. סאַרא אומדערהערטער חטא!

דער דאָזיקער בנימין מאַכט נישט בלויז אַלגעמיינע בילדער, ווי די פסלים פון דער קירך, נאָר ער שאַפט אויך מענטשן, וועלכע מען קאָן בפירוש דערקענען. יאָ, ער וויל נאָכטאָן גאָט. ער ענדערט זייערע געשטאַלטן לויט זיין פרעכן ווילן, פאַרצערט זייערע נשמות. און די ערד עפנט זיך נישט, כדי דעם מורד איינצושלינגען? און זי אַליין, צי נעמט זי נישט קיין אָנטייל אין דעם דאָזיקן חטא, אָנקוקנדיק די צייכענונגען? אָבער ס'האָט איר גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן. דאָ איז געווען אַן אָפּבילד פון א חיה ענלעך צו א פוקס, אָבער דאָס איז גאָרנישט געווען קיין פוקס, — פון דעם כיטרען געזיכט האָבן אַרויסגעקוקט די פרומע אויגן פון דאָן אפרים. נישט געקוקט אויף איר שרעק, אויף אירע ספקות האָט רחל זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן.

צוממייסטן פילט זי זיך פאַרבונדן מיט בנימינען, ווען ער דערציילט איר מעשיות, מערקווירדיקע פּאַסירונגען פון גרויסע יידישע לייט פון טאָלעדאָ.

ער האָט איר דערציילט א מעשה פון רבי חנן בן ראַבוא, וועלכער האָט קאָנסטרואירט אַן אויסטערלישן וואַסער-זייגער. ער איז באַשטאַנען פון צוויי ברונעמס, פון צוויי ציסטערנעס, וועלכע זענען געווען צונויפגעשטעלט אַזוי קונציק און אויסגערעכנט, אַז איינע האָט זיך ביי אַ פולער לבנה לאַנגזאַם אָנגעפילט מיט וואַסער און די צווייטע האָט זיך אויסגעליידיקט, און ביי שקיעת-לבנה איז פאָרגעקומען פונקט פאַרקערט, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט פעסטשטעלן דעם טאָג און די שעה פון טאָג. עס האָבן זיך געפונען קענער, וועלכע האָבן, אויס קנאה, באַשולדיקט רבי חנן אין כישוף. וויסנשאַפט רופט שטענדיק אַרויס חשד, — האָט בנימין קלוג אויפגעקלערט. דער אלקאַדע *) האָט רבי חנן איינגעזעצט.

*) בירגערמייסטער.

דערווייל אָבער האָבן זיך די ציספּערנעס מער נישט אויסגעלייזדיקט און מער זיך נישט אָנגעפילט, ווי פריער. א סברה, אז רבי חנן, איידער מען האָט אים איינגעזעצט, האָט קאַליע געמאַכט דעם קונציקן וואַסער־זייגער, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט דריי מאָל זיבן יאָרן. מען האָט אים גע־וואָלט צווינגען ער זאָל דעם זייגער פאַרריכטן. ער האָט אים אָבער פולשטענדיק קאַליע געמאַכט. האָט מען אים פאַרברענט.

— דער טירעם, אין וועלכן ער איז געלעגן שטייט ביז הייַנטיקן טאָג. — האָט בנימין פאַרענדיקט. — אויך יענע ציסטערנעס קאָנסטו נאָך זען אין *) Hwerta del rey ביים צעשטערטן שלאָס לא גאַליאַנא.

אין אָוונט האָט רחל דערציילט איר אם סאַאַד פון דעם אָרעמען טאַלאַנטירטן געלערנטן רבי חנן, וועלכע שלעכטע מענטשן האָבן פאַר־פייניקט צוליב זיין קונסט און וויסנשאַפט. זי האָט בולט געשילדערט דעם וואַסער־זייגער, די תפיסה און רבי חננס טויט אויפן שייטער. אָבער די אם סאַאַד האָט געזאָגט:

— שלעכטע זענען די מענטשן דא, אין טאָלעדאָ. איך וואָלט געוואָלט, רעביא, מיין לעמעלע, צוריק קיין סעווילע, זאָל דיך דער אללאה שומר ומציל זיין!

*) קעניגלעכער גאָרטן. (שפּאַניש).

# קאַפּיטל דרײַ

די ברידער פערנאַן און גומיערע דע־קאַסטראָ האָבן זיך נישט באַגעגנט בלויז מיט דראָנגען קעגן דעם מאַן, וועלכער האָט אַרײַנגעלאָזט אַ געמלטן אין זײַער שלאָס דע־קאַסטראָ. מיט וואָפן אין די הענט זענען זיי אַרויסגעטראָטן אויף די געביטן פון דאָן אַלפאָנסאָ. אײנמאָל זענען זיי אַפילו אַרײַן אין דער שטאָט קוענקאַ. זיי פלעגן אָנפאַלן אויף רײַזנדיקע בירגער און אַלס געפאַנגענע זיי אַפּפירן אין זײַערע שלעסער. פון קאַסטי־לישע פּויערים האָבן זיי אַוועקגעטריבן גאַנצע סטאַדעס שאָף. מיט זײַער רויב פלעגן זיי זיך צוריקקערן אין זײַער שווער־צוטריטלעכן באַרגיק לאַנד — אַלבאַראַסין.

דאָן אַלפאָנסאָ איז געווען אויפגערעגט. זינט ער געדענקט, האָט ער די דע־קאַסטראָס פײַנט געהאַט, ווען ער איז צו דרײַ יאָר געוואָרן קעניג, האָט אַ דע־קאַסטראָ פאַר אים אָנגעפירט מיט דער מלוכה. ער האָט דעם יונגן קעניג שטרענג און שלעכט באַהאַנדלט און אַלפאָנסאָ האָט געיובלט, ווען מאַנריקע דע לאַראַ האָט ענדלעך אַראָפּגעשליידערט די דע־קאַסטראָס. אָבער דאָך זענען די קאַסטראָס געבליבן שטאַרק אין זײַער גראַפשאַפט און זיי האָבן געהאַט אַ סך אָנהענגער צווישן די גראַנדן פון קאַסטיליע.

זײַערע לעצטע געמיינע גרויל־טאַטן האָבן אים שטאַרק אויפגע־בראַכט. אַזוי קאָן עס ווײַטער נישט גיין. ער וועט מאַכן אַ תל פון זײַערע פּאַלאַצן. ער וועט זיי בײַדן אָפּנאָלן די קעפּ און נאָך פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ קלויסטער, בעסער — ער וועט זיי די קעפּ אַראָפּנעמען.

טיף אין האַרצן האָט ער געוווסט, אַז אַזאַ מין עקספּעדיציע וועט דערפירן צו אַ געפערלעכן קאָנפליקט מיט זײַן פעטער, דעם קעניג פון אַראַגאָן.

שוין גאַנץ לאַנג, ווי סײַ אַראַגאָן, סײַ קאַסטיליע פּרעטענדירן אויף אויבער־הערשאַפט איבער דער גראַפשאַפט דע־קאַסטראָ, דאָס באַרג־לאַנד פון אַלבאַראַסין, וואָס האָט זיך געפונען צווישן קאַסטיליע און אַראַגאָן.

נאָכן טויט פונעם לעצטן רעגירנדיקן גראַף, האָבן ביידע זיינע זין, די ברידער פערנאַן און גוטיערע דע קאַסטראָ זיך געקווענקלט וועמענס פראָטעקטאָראַט זיי זאָלן אָננעמען. ווען ער, אַלפאָנסאָ, וועט אַצינד אויף זיי אָנפאַלן, וועלן זיי זיך ווענדן נאָך הילף צום קעניג פון אַראַגאָן, און זיין פעטער ראַימונדעס, דער קעניג פון אַראַגאָן, וועט זיך פון אַזאַ געלעגנהייט נישט אָפזאָגן, זיי אָננעמען אַלס וואַסאַלן און פאַרטיידיקן זיי קעגן אַלפאָנסאָס אָנגריף. דאָס באַדייט מלחמה מיט אַראַגאָן.

טיף אין האַרצן האָט אַלפאָנסאָ געציטערט פאַר די דאָזיקע געדאַנקען. אָבער ער מוז אַרויסטרעטן קעגן די קאַסטראָס! ער וועט זיך ווענדן צו יהודהן. דער מוז פאַר אים שאַפן געלט.

אויפן וועג צום קעניגלעכן שלאָס איז יהודה געווען אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט נישט געוווסט, וואָס וויל פון אים דאָן אַלפאָנסאָ, וועלכן ער האָט שוין לאַנג נישט געזען, און איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער וועט אים קאָנען אָפגעבן אַ באַריכט. ער וועט אים דערציילן וועגן זיינע דערפאָלגן און אַלס אַן איבערצייגנדיקן באַווייז האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט עפעס אַ קלייניקייט, וואָס וועט וויילן און פרייען דעם קעניג.

ער איז געשטאַנען פאַרן קעניג און אָפגעגעבן זיין באַריכט. געוויסע ריקאָסהאָמברעס (גבירים), בערך ניין מענטשן, וועלכע האָבן אָפגעשלעפט מיט זייערע צאָלונגען, האָבן אונטערגעשריבן און באַשטעטיקט מיט אַ חתימה, אַז אויב זיי וועלן ווייטער פאַרשפעטיקן מיט די צאָלונגען, פאַרלירן זיי זייערע דאָמינירנדיקע רעכט אין געוויסע שטעט לטובת דעם קעניג. יהודה האָט מיטגעטיילט וועגן די עלף נייע מוסטער-ווירטשאַפטן, וועגן דער עקספערימענטאַלער אונטערנעמונג פאַר זייד-צוכט נישט ווייט פון טאַלאַווערא, וועגן נייע גרויסע וואַרשטאַטן אין טאָלעדאָ, בורגאָס, ווי אויך אין אַווילאַ, סעגאָוויע און וואַלאַדאָליד.

ערשט דאָ קומט ער מיט זיין גרעסטער איבערראַשונג.

— דו האָסט מיר, הער קעניג, — האָט ער געזאָגט, — אויסגעדריקט דיין אומצופרידנקייט דערפון, וואָס איך האָב אַהער נישט אַראָפגעבראַכט קיין גאָלדשמידן, קיין מינצן-מייסטער. טאָ דערלויב מיר היינט דיר פאָרצושטעלן די פראָדוקציע פון גאָלדשמידן.

און מיט אַ שמייכל און שטאָלץ האָט ער איבערגעגעבן דאָן אַלפאָנסאָן עפעס, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט.

ווען דער קעניג האָט עס באַטראַכט, איז זיין פּנים אויפגעשטראַלט געוואָרן. ביז איצט זענען אין די קריסטלעכע לענדער פונעם שפּאַנישן האַלב־אינדזל געווען אין אומגאַנג בלויז אַראַבישע מטבעות; און דאָס וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אין די הענט זענען געווען די ערשטע מט־בעות פון דער קריסטלעכער שפּאַניע, א קאַסטילישע מטבע. גלאַנציק און רעליעף האָט געשיינט אויף דער געלב־רויטלעכער מטבע דעם קעניגס פּראָפיל און אַרום איז געווען דער לאַטייניש̇ער אויפשריפט: „אַלפאָנסוס פון גאָטס חסד, דער קעניג פון קאַסטיליע". אויף דער צווייטער זייט האָט מען געזען דעם אַפּוטרופּס פון שפּאַניע, דעם אַפּאָסטאָל יאַקוב פון סאַנ־טיאַגאָ. ער איז געזעסן רייטנדיק אויף א פערד, די שווערד אויפגעהויבן, ווייל אין אַזאַ פּאָזע האָט ער א סך מאָל געהאָלפן די קריסטלעכע אַרמייען פאַרטיליקן די אומגלויביקע.

גיריק, מיט קינדערישן פאַרגעניגן, האָט אַלפאָנסאָ באַטראַכט און באַטאַפּט די דאָזיקע שיינע אַרבעט. אַלזאָ, פון היינט אָן און ווייטער וועט זיין פּנים אויף גומן, שווערן גאָלד אוועקשפּאַצירן אין די קריסטלעכע לענדער ווי אויך אין די לענדער פון איסלאַם און דאָס וועט אַלעמען געבן אָנצוהערן, אז קאַסטיליע געפינט זיך אונטער א גוטער שמירה פון הייליקן סאַנטיאַגאָ און פון אים, דעם קעניג דאָן אַלפאָנסאָ.

— דאָס איז דיר זייער געלונגען, דאָן יהודה, — האָט דער קעניג אויסגערופן, און זיין העל פּנים, זיינע העלע אויגן האָבן געשטראַלט פון שמחה אַזוי, אז יהודה האָט בשעת מעשה פאַרגעסן אַלע עוולות, וואָס דער דאָזיקער מאַן האָט אים פאַרשאַפט.

. אָבער דאָס בילד פונעם קריגערישן סאַנטיאַגאָ האָט דעם קעניג דערמאָנט צוליב וועלכע סיבות ער האָט צו זיך פאַרבעטן זיין עסקרִיוואַנאָ. מונטער, אָן שום קווענקלעניש, האָט ער געזאָגט:

— היות מיר האָבן שוין געלט, קאָן איך דאָך אייגנטלעך אַרויס־טרעטן קעגן די דע־קאַסטראָס. ווי מיינסטו, עס וועט זיין גענוג זעקס טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי?

די פרייד איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן פון דאָן יהודהס פּנים. ער האָט דערקלערט דעם קעניג, אַז די דע־קאַסטראָס אין זייער פאַרצווייפלונג, וועלן זיך ווענדן נאָך הילף צום קעניג פון אַראַגאָן. און דער קעניג ראַימונ־דעס וועט זיי גערן אָננעמען אַלס זיינע וואַסאַלן.

— דיין באַרימטער פעטער ראַימונדעס וועט אָנגרייפן, — האָט ער דערקלערט, — א גאַנץ באַדייטנדיקע אַרמיי שטייט ביי אים צו דער

מלחמה, וואָס ער האָט צוגעגרייט קעגן פּראָוואַנס. אויך זיינע מלחמה־אוצרות זענען אָנגעשטאָפּט מיט געלט. פאַרפירנדיק אַ קריג קעגן מלך פון אַראַגאָן וועסטו זיך, דאָן אַלפאָנסאָ געפינען אין זייער אומגינסטיקע באַדינגונגען.

דאָן אַלפאָנסאָ וויל דערפון נישט הערן.

— גיי שוין, גיי מיט דיין קרומען שכל, — האָט זיך דאָן אַלפאָנסאָ קעגנגעשטעלט. — עטלעכע הונדערט גוטע שפּיזן וועלן זיין גענוג קעגן די דע־קאַסטראָס. איך פאַרשטיי מיך אויף שנעלן אָנגריף. עס וועלן פאַרקומען עטלעכע אַטאַקעס און אַ סוף. קוים וועל איך נעמען אַלבאַראַסין, ווי אויך סאַנטאַ מאַריאַ, וועט זיך מיין שוואַכהאַרציקער פעטער פון אַראַגאָן באַגנוגענען מיט אַ פּאָר קללות און זיך באַרואיקן. שאַף מיר די זעקס טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי, דאָן יהודה!

דאָן יהודה האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס, וואָס דער קעניג האָט געוואָלט אים און זיך איינרעדן, איז בלויז פּוסטע האָפענונג. דאָן ר א י מ ו נ ד ע ס, בטבע זייער אַ געלאַסענער מענטש, וועט איצט האָבן אַן אויסרייד אַרויסצוטרעטן קעגן דאָן אַלפאָנסאָן.

דער קעניג ראַימונדעס האָט צו זיין פּלימעניק דאָן אַלפאָנסאָ געפילט אַ טיפע אַנטיפּאַטיע, וואָס האָט זיך סומך געווען אויף געוויסע סיבות. קאַסטיליע, שטיצנדיק זיך אויף אַלטע דאָקומענטן, האָט פּרעטענדירט אויף סוזערענע *) — רעכט איבער אַראַגאָן. אַזאַ מין אַפּיטרופּסות איז געווען בלויז אַן ענין פון פּרעסטיזש. דער מעכטיקער קעניג פון ענגלאַנד, אַליין אַ באַלעבאָס איבער פיל פראַנקישע מושלים, האָט דאָן אַ ביסל אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פונעם פראַנצויזישן קעניג, הגם דער לעצטער האָט געהערשט איבער אַ קלענערן טייל פון פראַנקרייך, ווי ער זעלבסט. בעצם איז ראַימונדעס, דעם קעניג פון אַראַגאָן, געווען גלייכ־גילטיק, צי ער האָט מער אָדער ווייניקער „פּרעסטיזש“. אָבער אין זיין היציקן פּלימעניק האָט ער איינגעזען די פאַרקערפּערונג פון פּוסטע, אַלטע ריטערישע אידעאַלן, און עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אַ סך הויכע לייט, און צווישן זיי אויך זיין אייגענער זון, האָבן זיך געצויגן צו אַזאַ נישט רעאַלן ריטערטום און געקוקט אויף דאָן אַלפאָנסאָן ווי אויף אַ העלד. דערפאַר האָט ער די פאָדערונג פון דאָן אַלפאָנסאָ — צו אָנער־קענען זיין אויבערהערשאַפט דערקלערט אַלס אַ גרויסע נאַרישקייט. פון

*) אַפּוטרופּס.

זיין זייט האָט אַלפאָנסאָ ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגערוקט זיין פּאָדערונג און זיך באַרימט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דער אומפּאַר־שעמטער קעניג פון אַראַגאָן וועט אים אָנערקענען אַלס פון גאָט־אויס־געוויילטן סיזער און פּאַלן צו זיינע פיס.

זיכער, אויב דאָן אַלפאָנסאָ וועט זיין פּלאַן פאַרווירקליכן, דאַן וועט אומפאַרמיידלעך דערגיין צו אַ מלחמה מיט אַראַגאָן. און דאָן יהודה האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם, ווי אַזוי פּראַקטיש אויפקלערן דעם קעניג, וואָס עס דערוואַרט אים. דאָן אַלפאָנסאָ, פאַרויסזעענדיק יהודהס טענות, פון וועלכע ער האָט נישט געוואָלט וויסן, איז אים פאַר־לאָפן דעם וועג און געזאָגט:

— פאַקטיש ביסטו אין דעם שולדיק, ווייל דו האָסט זיך אַריינגע־קליבן אין דע קאַסטראָס הויז.

אין די לעצטע שווערע חדשים האָט דאָן יהודה אויף זיך אַרויפגע־צויגן אַן אַנדער פּנים, אַ מינע פון שטילער העפלעכקייט. ער קאָן אָבער נישט גובר זיין זיין שטים. ער שטאַמלט און די צונג פאַרטשעפּעט זיך ביי אים פאַר אויפרעגונג. אַזוי האָט זיך אויך איצט באַקומען, ווען ער האָט אָפּגעענטפערט דעם קעניג:

— אַזאַ עקספּעדיציע קעגן די דע קאַסטראָס וועט אָפּקאָסטן נישט זעקס טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי, נאָר צוויי הונדערט טויזנט. דיין מאַיעס־טעט מעג מיר גלויבן, אַז אַראַגאָן וועט באַין אופן נישט בלייבן רואיק, ווען דו וועסט אַרויסטרעטן קעגן די דע־קאַסטראָס.

און לסוף האָט ער דעם קעניג אַנטקעגנגעשטעלט נאָך איין פעסטן אַרגומענט:

— דו האָסט מסתם געהערט, אַז מיין קוזין דאָן יוסף איבן עזרא איז אַלפאַקים (בעל־יועץ) אין אַראַגאָנער הויף און אים זעגען אָנפאַר־טרויט דעם קעניגס אַלע פּלענער. שוין נישט איינמאָל האָט דיין באַרימטער פאָטער געטראַכט צו העלפן די דע־קאַסטראָס מיט כלי־זיין. מיין קוזין און איך האָבן זיך אויסגעטוישט מיט בריוו און מיט עצות, און עס איז געלינגען דאָן יוסף זיין קעניג אָפּצוהאַלטן פונעם דאָזיקן שריט. אָבער ער האָט מיר געוואָרנט, אַז די דע־קאַסטראָס האָבן אַ זיכערן צוזאָג, אַז אַראַגאָן וועט זיי העלפן, אויב דו וועסט זיי אָנגרייפן.

דער יונגער שטערן פון קעניג אַלפאָנסאָ האָט זיך באַדעקט מיט קנייטשן, ער האָט געזאָגט:

— דו און דיין קוזין פאַרנעמען זיך מיט קאָנספּיראַציע.

— דאָן יוספס װאָרענונג האָב איך דיר שוין מיט עטלעכע טעג צוריק איבערגעגעבן, אָבער דיין קעניגלעכע גנאָד האָט מיר גאָרנישט דערויף געענטפערט.

דער קעניג האָט געשפּרייזט מיט שווערע טריט הין און צוריק. דאַן יהודה האָט ווייטער גערעדט:

— איך פאַרשטיי אַז דיין מאַיעסטעט וויל אָנלערנען די חוצפּהדיקע באַראָנען. אויך איך — זאָל מיר דערלויבט זיין צו באַמערקן — וואָלט נישט געהאַט דאָקעגן. אָבער זאָל דיין קעניגלעכע גנאָד אַ ביסל אָפּוואַרטן. ווען מען באַטראַכט אַלץ רואיק דעמלט איז דער שאָדן, וואָס די דע־קאַסטראָס האָבן געמאַכט, גאָרנישט אַזוי גרויס.

— זיי האַלטן מיינע אונטערטאַנען אין תּפיסה! — האָט אויסגע־רופן אַלפאָנסאָ.

— באמת, — האָט יהודה פאַרגעשלאָגן, — און איך לייז אויס אַלע געפאַנגענע. דאָס זענען נישט קיין וויכטיקע לייט. עס פאַרערט זיך בלויז אַ פּאָר הונדערט מאַראַוועדי.

— שוויג, — האָט אויפגעברויזט אַלפאָנסאָ, — אַ קעניג לייזט נישט אויס זיינע געפאַנגענע פון זיינעם אַ וואַסאַל! אָבער דו, קרעמער, קאָנסט עס נישט פאַרשטיין!

יהודה איז בלאַס געוואָרן. דער גאַנצער סכסוך איז דאָך וועגן דעם, צי די דע־קאַסטראָס זענען דאָן אַלפאָנסאָס וואַסאַלן. אָבער די דאָזיקע שטאָלצע באַראָנען זענען אָנגעפאַלן, געהרגעט, גענומען געפאַנגען, כדי אויף אַזאַ אופן צווינגען אַלפאָנסאָן צו אַ מיינונגס־אויסטויש און אויפ־קלערן די לאַגע. צוזאַמען וואָלט געווען, ווען ער, יהודה, וואָלט איצט צום קעניג געזאָגט: „מאַך דיין עקספּעדיציע, דו ריטער און נאַר“ און אַ שליידער טאָן אים די זעקס טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי. אָבער אַלע, זיינע פּלענער וואָלטן געפּלאַצט, אויב עס וואָלט דערגאַנגען צו אַ מלחמה מיט אַראַגאָן. ער מוז מיט אַלע כּוחות נישט דערלאָזן דערצו.

— אפשר, — האָט יהודה געזאָגט מיט ישוב־הדעת, — קאָן מען די געפאַנגענע באַפרייען, נישט אַריינמישנדיק דאָ זיין קעניגלעכע מאַיעס־טעט? אפשר קאָן מען ווירקן, אַז די דע־קאַסטראָס זאָלן די געפאַנגענע איבערגעבן אין אַראַגאָן? דערלויב מיר וועגן דעם צו פירן אונטערהאַנ־דלונגען. אויב דו וועסט עס מיר דערלויבן, וועל איך מעגלעך אַליין אַוועקפאָרן קיין סאַראַגאָסע, כדי זיך צו באַראַטן מיט דאָן יוספן. אָבער כ׳בעט דיך, הער קעניג, זאָג מיר צו איין זאַך: דו וועסט נישט אָנהייבן

קיין שום עקספּעדיציע קעגן די דע־קאַסטראָס ביז וואַנען דו וועסט מיר דערלויבן גאָכאַמאָל וועגן דעם מיט דיר צו רעדן.

— וואָס דרייסטו דעם קאָפּ, — האָט אַלפּאָנסאָ געוואָרטשעט. אָבער דאָך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַלע זיינע כוונות זענען נאַריש, אַז דער ייד איז, ליידער, גערעכט.

ער האָט גענומען אין האַנט די גאָלדענע מטבע, זי געוויגן און באַטראַכט. ער האָט אויפגעשטראַלט.

— איך זאָג דיר גאָרנישט צו, — האָט ער געענטפערט, — אָבער איך וועל זיך מיישב זיין וועגן דעם, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט.

יהודה האָט געזען, אַז מער וועט ער שוין דאָ גאָרנישט אויפטאָן. ער האָט גענומען אורלויב און אוועקגעפאָרן קיין אַראַגאָן.

דער קאַנאָניק ראָדריגע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס יהודה איז געווען אָפּוועזנד, איז געקומען אין קאַסטילאָ איבן עזרא. ער האָט געזוכט די געזעלשאַפט פון אַלטן מוסא.

ביידע זענען זיי געזעסן אין א קליינעם זאַל, דורכן פענצטער באַטראַכט דעם שטילן גאָרטן, האָבן זיך צוגעהערט צום לייכטן, גלייכמעסיקן פאַלן פון די שפּרינגענדיקע פאָנטאַן־וואַסערן און געפירט א שטילן שמועס. לענגאויס די ווענט, וואָס זענען געווען פילפאַרביק באַלויכטן אויף רוים, בלוי און גאָלד, האָבן די פרעסקן שימערירט מיט שפּרוכן פון הכמה. די געצירקלטע אותיות פון דער נייער אַראַבישער שריפט, דורכגעפלאָכטן און באַקרוינט מיט פאַרשידענע בלומענאַרטיקע אָרנאַמענטן, האָבן זיך צונויפגעצויגן אין אַראַבעסקן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בונטע געוועבן, געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די ווענט זענען באַדעקט מיט א טעפּיך. פון צווישן דעם דאָזיקן שריפטן־געמיש האָבן אַרויסגעטויכט דאָ אַראַבישע „קופישע" קאַנטיקע שריפט־צייכנס, דאָ העברעישע בלאָק־אַרטיקע אותיות, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שפּרוכן, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיך צונויפגעמישט, ווידער זיך צוריקגעקערט אין אַ בסדרדיקער משונהדיקער באַוועגונג.

קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן געמיש פון אָרנאַמענטן און אַראַבעסקן, האָט ראָדריגע זיך אָפּגעשטעלט אויפן שפּרוך, וואָס מוסא האָט אים איבערגעזעצט בעת זיין ערשטן באַזוך: „דער גורל פון מענטש און פון בהמה איז איין און דער זעלבער... די זעלבע נשמה... ווער ווייסט, צי די

נשמה פון מענטש שטייגט אַרויף און די נשמה פון דער בהמה גייט אַראָנטער?" שוין דעמאָלט האָט עם דעם קאַנאָניק באַאומרואיקט. ער האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע פסוקים, וואָס מוסא האָט אים איבערגעזעצט, קלינגען גאַנץ, אַנדערש אין דער באַקאַנטער לאַטייניִשער אויפפאַסונג. באַגאַרטלט מיט מוט, האָט ער באַשלאָסן וועגן דעם צו פאַרפירן א דיסקוסיע מיט מוסאן. אָבער מוסא האָט אים פריינדלעך געוואָרנט:

— דו זאָלסט זיך מיט אַזעלכע געפערלעכע געדאַנקען נישט פאַרנעמען, מיין חשובער פריינד. ווען דער הייליקער היעראָנימוס האָט איבערגעזעצט די ביבל, האָט אים דערצו דער הייליקער גייסט אַליין אינספּירירט. אויף אַזאַ אופן זענען די ווערטער פון גאָט צו משהן אין לאַטיין נישט ווייניקער געטלעך, ווי אין לשון-קודש. זוך נישט צופיל חכמה, מיין חשובער ראָדריגע. דער הונט פון ספקות האָט אַ פילבאַר אויער. ער קאָן זיך אויפכאַפּן, צעבילן זיך און דו ביסט פאַרפאַלן. די ברידער פון דיין באַרוף אין אַנדערע קריסטלעכע לענדער האָבן סיי ווי סיי א נאָמען געגעבן טאָלעדאָ — די שטאָט פון שוואַרצן כישוף און אונדזערע אַראַבישע געדרייטלטע שריפטן און דעם העברעישן כתב באַטראַכטן זיי ווי שרייבעכצן פון טייוול. אויב דו וועסט זיין אַזוי נייגעריק, וועלן זיי דיך פאַרשרייען פאַר אַן אַפּיקורס.

אָבער דאָך האָט ראָדריגע נישט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיינע שטילע אויגן די מטושטשע אויפשריפטן. און מער פון אַלץ האָט אים באַאומרואיקט דער מאַן, וועלכער האָט זיי אויפגעשריבן, דער אַלטער מוסא, — וועגן דעם האָט זיך ראָדריגע באַלד דערוווסט, — איז דורך און דורך אַן אַטעיסט, ער גלויבט נישט אין אַללאַה און נישט אין זיין נביא מאַכמעד, אָבער דאָך איז דער דאָזיקער אומגלויביקער גוט, געדולדיק און העלפער. חוץ דעם איז ער א גרויסער געלערנטער. ער, ראָדריגע, האָט שטודירט אַלץ, וואָס די קריסטלעכע וויסנשאַפט האָט געקאָנט געבן, דעם טריוויום און דעם קוואַדריוויום, גראַמאַטיק, דיאַלעקטיק און ריטאָריק, אַריטמעטיק, מוזיק, געאָמעטריע און אַסטראָנאָמיע, אַלע דערלויבטע אַראַבישע חכמות און אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו טעאָלאָגיע, אָבער מוסא ווייסט א סך מער, ער ווייסט אַלץ און אַלץ האָט ער איבערגעטראַכט און ס'איז פשוט א מתנה פון גאָט צו פירן א געשפרעך מיט דעם דאָזיקן גאָטלאָזן מענטשן.

— איך, אַן אַפּיקורס? — האָט ראָדריגע מעלאַנכאָליש געענטפערט אויף מוסאס וואָרענונג. איך האָב מורא, אַז דו ביסט דער אַפּיקורס, מיין

ליבער, קלוגער מוסא. און נישט בלויז אַן אַפּיקורס, נאָר אויך אַן עבֿודה־זרהניק, וועלכער גלויבט נישט אין די אמתן פון זיין אייגענעם גלויבן.

— דערפאַר האָסטו מורא? — האָט א פרעג געטאָן דער ה ע פּ ל ע כ ע ר געלערנטער און אָנגעצילט זיין דורכדרינגלעכן בליק אויף ראָדריגעס שטילן פּנים.

— איך האָב דערפאַר מורא, — האָט ראָדריגע אָפּגעענטפערט, — ווייל איך בין דיר א פריינד און עס טוט מיר לייד, וואָס דו וועסט ברענען אין גיהנום.

— וועל איך ברענען אין גיהנום, — האָט מוסא געפרעגט, — אפשר דערפאַר אַליין, וואָס איך בין א מוסולמענער?

— נישט אומבאַדינגט, ליבער מוסא.

נאָך א רגע טראַכטן, האָט מוסא צווייטייטנדיק דערקלערט:

— כ'מאַך א קליינעם חילוק צווישן אַלע דריי נביאים, אויב דו ווילסט עס וויסן. איך האַלט פון משהן פונקט ווי פון קריסטוסן און קריסטוס איז ביי מיר אַלץ איינס ווי מאַכמעד.

— אַזוינס וויל איך גאָרנישט הערן, — האָט דער קאַנאָניק געזאָגט און האָט זיך אָפּגערוקט אָן א זייט, — קעגן דעם מוז איך פּראָטעסטירן.

— אלזאָ, האָב איך גאָרנישט געזאָגט, — האָט מוסא אויסגערופן.

ווען זיי האָבן אַזוי דיסקוטירט, פלעגט מוסא פון צייט צו צייט אויפשפּיין, צוגיין צו זיין שרייב־טיש און בעתן רעדן געצייכנט פאַרשידענע דריידלעך און אראַבעסקן. ראָדריגע האָט מיט קנאה און פאַרוואורף זיך צוגעקוקט ווי ער מאַכט אומזיסט קאַליע דאָס טייערע פּאַפּיר.

דאָן ראָדריגע האָט גערן געלייענט זיין כראָניק פאַר מוסאן, אריינטראָגנדיק פאַרשידענע דערגענצונגען און אויסבעסערונגען. אין דער דאָזיקער כראָניק האָט זיך א סך גערעדט וועגן טויטע הייליקע, וועלכע האָבן אין געהיים מיטגעקעמפט און אָפטמאָל געשלאָגן די אומגלויביקע. אפילו זייערע רעליקוויעס, וואָס מען האָט מיטגעפירט אין שלאַכט, האָבן נישט איינמאָל געזיגט די קריסטן דעם זיג. מוסא האָט צוגעגעבן, אַז די דאָזיקע רעליקוויעס זענען אויך געווען עדות פון געוויסע קריסטלעכע מפּלות. אָבער אַזעלכע באַמערקונגען האָט ער געמאַכט איידל און זאַכלעך און זיך נישט געוואונדערט פאַרוואָס ראָדריגע האָט אויסגעמיטן דערפון צו רעדן. בכלל האָט אים מוסא אויסגעהערט גאַנץ אויפמערקזאם און באַפעסטיקט זיין גלויבן אין דער וויכטיקייט פון זיין ווערק

ווען מוסא האָט פאָרגעלעזן פון זיין ווערק „די געשיכטע פון די מוסולמענער אין שפּאַניע“, דעמלט האָט זיך דעם אָרעמען, גליקלעכן ראָדריגע אויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס ער האָט אַליין געשריבן איז בלאָז און פּרימיטיוו. היים און קאַלט איז אים געוואָרן, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן, דרייסטן ווערק מיטן נאָמען „מלוכות“. מלוכות זענען נישט קיין געטלעכע אינסטיטוציעס, זיי אנטשטייען אַדאַנק די נאַטירלעכע כוחות פון לעבן. געזעלשאַפטלעכער צוזאמענשלוס איז נויטווענדיק, כדי אויפצוהאַלטן די מענטשלעכע קונסט און קולטור, מלוכה־מאַכט איז נויטווענדיק, ווייל די מענטשן, וועלכע זענען בטבע שלעכט, זאָלן איינער דעם צווייטן נישט אומברענגען. די קראַפט, וואָס פאָרמירט די מלוכה איז אן אייגנהייטלעכע סטרוקטור — דאָס איז איר אינערלעכע פאַרבינדונג פון ווילן, געשיכטע און בלוט. מלוכות, פעלקער, קולטורן, צוגלייך מיט אַלע באַשאַפענע זאכן, האָבן זייער לעבנס־דויער און פונקט ווי אויפן יחיד, אַזוי איז אויך אויף זיי חל פינף צייט־פּאַזן: אַנטשטייונג, אויפשטייג, אויפבלי, אונטערגאַנג, פארשווינדונג. כסדר ענדערט זיך די ציוויליזאציע דורך אויסגעאיידלטקייט, פרייהייט און ספקות; און מלוכות, פעלקער, קולטורן צעשמעלצן איינער העם צווייטן לויטן שטרענגן אייביקן געזעץ, וועלכער איז אייביק און גלייכצייטיק באַוועגלעך ווי דאָס זאַמד אין מדבר.

— אויב איך האָב דיך גוט פאַרשטאַנען, מיין פריינד מוסא, — האָט איינמאָל ראָדריגע זיך אָנגערופן, — גלויבסטו דאָך נישט אין גאָט, נאָר בלויז אין גורל.

— גאָט איז גורל, — האָט מוסא אָפּגעענטפערט, — דאָס איז דער סכום פון באַוווסטזיין סיי לויטן תנ"ך פון די ייִדן, סיי לויטן קאָראַן.

דאָ האָט מוסא אָנגעצילט זיין בליק, און נאָכפאָלגנדיק אים אויך ראָדריגע, אויף א פּסוק פון שלמה המלך:

„אַלץ וואָס פאַסירט אונטערן הימל האָט זיין באַשטימטע שעה: געבוירן און שטאַרבן, פלאַנצן און אויסוואָרצלען, טויטן און היילן, קלאָגן און טאַנצן, ליבן און האַסן, מלחמה און שלום. וואָסער געווינס האָט דער רעכנער און דער באַשעפטיקטער פון זיין גאַנצער טרחה?“

און בעת מוסא האָט באַמערקט, אַז דער קאַנאָניק האָט דעם זאַץ תופס געווען, האָט ער ממשיך געווען:

— אין דער איין און אכציקסטער סורע פון קאָראַן, פאַר זיין פּטירה, זאָגט דער נביא: „וואָס איך בין מכריז, זאָל זיין פאר אייך א

התראה, כדי איר זאָלט גיין אויפן אמתן וועג. אָבער איר וועט עס נישט קאָנען, אויב דער אלמעכטיקער גאָט וועט נישט וועלן". דו זעסט אלזאָ, מיין חשובער פריינד, אז סיי שלמה, סיי מאכמער זענען געקומען צום באַוווסטזיין, אז גאָט און גורל זענען אידענטיש, אָדער אויסדריקנדיק זיך אויפן פילאָזאָפישן לשון: גאָט איז דער סכום פון אַלע צופאַלן.

ווען ראָדריגע האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, איז אים געוואָרן שווער אויפן האַרצן און ער האָט באַשלאָסן מער נישט צו קומען אין קאסטיליאָ איבן עזרא. אָבער מיט צוויי טעג שפּעטער איז ער ווידער געזעסן אין זאַל, מיטן פּנים צו די אַפּיקורסישע אויפשריפטן. טיילמאָל פליגט ער מיטברענגען איינעם פון זיינע תלמידים, ס'רוב דעם יונגן בנימין.

ציטנווייז פלעגט אויך רחל אַריינקומען אין זאַל און זיך צוהערן, ווי ביים שטילן וואַסער-פאַל פון פאָנטאַן זענען ביידע זקנים געזעסן און לאנגזאם ציטירט זייערע פּסוקים.

איינמאָל, אין בנימינס קעגנוואַרט, האָט רחל א פרעג געטאָן דעם קאנאָניק, צי ווייסט ער עפּעס וועגן רבי חנן בן ראַבוא און וועגן זיין ציים-מאַשין, וואָס ער האָט קאָנסטרואירט; און צי איז אמת, וואָס דאָן בנימין דערציילט, אַז מען האָט דעם געלערנטן רבי פאַרפאָלגט, אַז ער האָט געמוזט צעשטערן זיין אייגן ווערק; און ווי מען האָט אים דערנאָך אָנגעטאָן יסורים און שפּעטער פאַרברענט. דאָס אַלץ איז געווען טיף איינגעקריצט אין איר זכרון.

דאָן ראָדריגע האָט נישט געגלויבט, אַז מען זאָל געלערנטע מאַטערן און פאַרברענען צוליב זייער וויסנשאַפט; ביי אים איז דער כראָניק איז אזא פאקט נישט פאַרצייכנט.

— איך האָב יענע ציסטערנעס געזען אין לאַ-פּליאַנאַ, — האָט ער דערקלערט, דאָס זענען גאַנץ פּשוטע ציסטערנעס; איך גלויב נישט, אַז אין יענער צייט האָבן זיי געדינט צום מעסטן די צייט. איך גלויב אויך נישט, אַז יענעם רבי חנן זאָל מען האָבן געמאַטערט און פאַרברענט. אין די דאָקומענטן געפין איך עס נישט.

דאָן בנימינען האָט פאַרדראָסן, וואָס דער קאַנאָניק לייקנט אָפּ זיין געשיכטע מיטן רבי חנן, — האָט ער באַשיידן אָבער זיכער זיך אָפּגערופן:

— אז ער איז געווען א גרויסער געלערנטער, דערמיט ביסטו אויך מסכים, חשובער דאָן ראָדריגע. ער האָט נישט בלויז דערפינדן א זעלטענע

אסטראָליאביִע *), נאָר ער האָט אויך די ווערק פון גאַלענוס איבערגעזעצט אויף אַראַביש און אויף לאַטיין. אַזוי ארום האָט ער די אַלטע מעדיציניִשע וויסנשאַפט געשטעלט אין דינסט פון אונדזער צייט.

ראָדריגע איז מיט דעם נישט מסכים געווען. דאַקעגן האָט ער דערציילט פון גרויסע דאָקטוירים פון די פריערדיקע קריסטלעכע צייטן. דאָס זענען געווען די הייליקע קאָסמאָס און דאַמיאַן, אַגב פון אַראַבישן אָפּשטאַם, וועלכע האָבן צו יענער צייט אויפן מעדיציניִשן געביט באַוויזן נישט ווייניקער ווונדער ווי גאַלענוס. זייערע קעגנער האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי זענען געווען קריסטן. מען האָט זיי פאַראורטיילט און אַריינגעשליידערט אין ים; זענען געקומען מלאכים און האָבן זיי געראַטעוועט. מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין פייער; דאָס פייער האָט אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט. מען האָט זיי באַוואָרפן מיט שטיינער; די שטיינער האָבן געענדערט זייער ריכטונג און געטראָפן אין זייערע שונאים. שוין נאָך זייער טויט האָבן זיי באַוויזן גרויסע נסים. איינער א מאַן האָט געהאַט א בראַנד־מכה אויפן קנאָכן. ער האָט תפילה געטאָן פאַר די בילדער פון ביידע הייליקע. תיכף איז ער אַריינגעפאַלן אין א טיפן שלאָף און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ביידע הייליקע שנייַדן אים אויס דעם קראַנקן ביין און איבערזעצן אים אַן אַנדער ביין פון א טויטן אראַבער. און באמת, ווען ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער דערשפּירט א נייעם געזונטן ביין. מען האָט אויך געפונען דעם טויטן אראַבער, פון וועלכן די הייליקע האָבן גענומען דעם ביין.

— זיי האָבן געמוזט זיין גרויסע מכשפים, — האָט זיך רחל אָנגערופן.

— די מוסולמענישע גרויסע דאָקטוירים, — האָט מוסא געזאָגט, — האָבן געהאַט זייערע בעסטע דערפאָלגן דאַן, ווען זיי האָבן געלעבט. איך קען עפּלעכע קריסטן, וועלכע פאַרבעטן גערן א יידישן אָדער מוסולמענישן דאָקטאָר, ווען זיי ווערן קראַנק.

דאָן ראָדריגע האָט מיט אַן אומצופרידענעם טאָן אָפּגעענטפערט:

— מיר, קריסטן, לערנען, אַז באַשייהנקייט איז א גוטע מידה.

מוסא האָט צוגעגעבן:

— לערנען דאָס טוט איר, מיין הויך־געשעצטער פריינד.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, — האָט דאָן ראָדריגע געשמייכלט,—

---

*) אַסטראָנאָמישער אַפּאַראַט.

אז איך וועל קראַנק ווערן, וועל איך גליקלעך זיין, ווען דו וועסט מיך קורירן, מיין קלוגער מוסאַ.

דאָן בנימין האָט שטילערהייט געצייכנט אין זיין נאָטיץ-בוך. ער האָט באַוויזן רחלען, וואָס ער האָט געמאַכט. א קראָ איז געזעסן אויף אַ בוים מיט א פּנים ענלעך צו מוסאַס פּנים. דאָס איז געווען באַשיינפּערלעך א פּאָרטרעט, וואָס איז געווען צווייפּאַכיק פאַרבאָרגן. אָבער דאָס איז געווען א שיינער לוסטיקער פּאָרטרעט, און רחלען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די צייכענונג, ווי אויך דער צייכענער.

דער קעניג איז נישט ארויסגעטראָטן קעגן די דע-קאַסטראָס, און זייערע אָנהענגער זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ מער חוצפּהדיק. פּונקט ווי אַמאָל האָבן די איינוווינער פון בורגאָס פאַרטיידיקט זייער נאַציאָנאַלן העלד סיד קאָמפּעאַדאָר קעגן אַלפאָנסאָ דעם זעקסטן, האָבן איצט די צערייצטע באַראָנען פאַרטיידיקט די דע-קאַסטראָס קעגן אַלפאָנסאָ דעם אַכטן: „סאַראַ גוטע וואַסאַלן זיי וואָלטן געווען, ווען זיי וואָלטן געהאַט א בעסערן קעניג!“ ווען דער קעניג האָט פון זיי אויפגעפאָדערט די פאַרלעגענע שטייערן, האָבן די באַראָנען דערנוניעס און די פּרעגאַס געהויקט:

— קום, קעניג אַלפאָנסאָ, און שלעפּ אַרויס ביי אונדז די געלטער, ווי דו האָסט אַרויסגעשלעפּט די דע-קאַסטראָס פון זייער שלאָס.

ער האָט צונויפגערופן זיינע פאַרטרויונגס-מענער אויף א קרוין-ראַט. אין ראַט האָבן אָנטיילגענומען מאַנריקע-דע-לאַראַ, זיין זון גאַרסעראַן, דער ארציבישאָף דאָן מארטין דע-קאַרדאָנאַ און דער קאַנאָניק דאָן ראָדריגעז. דער עסקריוואַנאָ מאַיאָר דאָן יהודה איז נאָך געווען אין אַראַגאָן.

אויף זיינע פריינד האָט אַלפאָנסאָ אויסגעלאָזט זיין אָנגעמעכטיקן צאָרן. די דע-קאַסטראָס האָבן אים באַליידיקט אויף יעדן שריט און טריט, און זיין עסקריוואַנאָ האָט אונטערהאַנדלט מיטן צביעותדיקן קעניג ראַימונדעס, כדי א ריטערלעכן סכסוך צו לעזן אויף א סוחרישן וועג. און די הויפּט-שולד אין דעם סכסוך טראָגט דער ייִד, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין דע-קאַסטראָס הויז.

— יצום בעסטן וועט זיין, — האָט דער קעניג קאַטעגאָריש באַשלאָסן, — אַז איך וועל אים ווידער משלח זיין.

— זיי געריכטיק, הער קעניג, — האָט מאַגריקע אים באַרויקט.

— אונדזער ייד האָט דעם שלאָס פאַרדינט. ער האָט געהאַלטן מער וואָרט, ווי ער האָט צוגעזאָגט. די גראַנדן צאָלן דיר שטייער אין פרידנס־צייט. זיבעצן שטעט וועלכע האָבן אָנבאַלאַנגט צו די גראַנדן, געהערן איצט צו דיר. און אויב אפילו די דע־קאַסטראָס האָבן ביי דיר גענומען עטלעכע געפאַנגענע, זענען דאָך איצט אַסך הונדערטער פון דיינע ריטער און קנעכט, וועלכע זענען געווען געפאַנגען אין סעווילִיע, באַפרייט געוואָרן.

דער אַרציבישאָף האָן מאַרטין, א מאַן מיט גרוילעכע האָר און מיט א גראָבן צופרידענעם פּנים, האָט זיך קעגנגעשטעלט. האַלב גייסטלעכער, האַלב ריטער איז ער געזעסן אין א קריגערישער פּאָזע. פון אונטער זיינע חשובע קליידער האָט מען אַרויסגעזען כלי־זיין, ווייל דאָ אין טאָלעדאָ, נישט ווייט פון די מוסולמענער, איז מען שטענדיק געווען אין א הייליקן קריג.

— דו קאַרגסט נישט קיין לויב־ווערטער פאַר דיין ייד, איידעלער מאַנריקע, — האָט ער געזאָגט מיט א גרילצנדיקער שטים, — אמת טאַקע, דער דאָזיקער נייער ייד איבן עזרא האָט הונדערטער מ׳יזגטער גאָלד־מאַראַוועדי אַרויסגעקישופט פון לאַנד און דערפון אויך א ביסל צוגעוואָרפן דיין מאַיעסטעט דעם קעניג. אָבער דערביי האָט ער דער הייליקער קירך א סך שאָדן געבראַכט. פאַרמאַכט נישט אייערע אויגן! די יידן פון טאָלעדאָ האָבן שטענדיק געהאַט חוצפה, שוין פון די צייטן פון אונדזערע גאָטישע אבות, און ווען דו האָסט יהודהן צוגעלאָזן צום אמט איז די אַלאַבאַמאַ געוואָרן גאָר אומפאַרשעמט. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס זייער עלטסטער, אפרים בן אבא, האָט אָפּגעזאָגט דער קירך צו צאָלן מעשר, שטיצנדיק זיך אויף דיר, הער קעניג, האָט ער אויך די העזה צו לייענען אין דער סינאַגאָגע יעקבס ברכה: „עס וועט די רוט נישט וויכן פון יהודה, ווי אויך די הערשאַפט פון אונטער זיינע פיס“. דערביי האָב איך שטיצנדיק זיך אויף די שריפטן פון דער קירך, דעם דאָזיקן מאַן קלאָר געמאַכט אַז אָט די ברכה יעקבס איז פאַר זיי געווען גילטיק ביזן אָנקום פון משיח, און איצט, אַז קריסטוס איז געקומען, האָט זי שוין איר ווערט פאַרלוירן. נאָר מיר קריסטן אַליין פאַרשטייען דעם תמצית פון די שריפטן. די יידן זענען געגליכן צו אומזיניקע חיות, וואָס זעען בלויז די אויסערלעכע וועלט.

— איך מיין אפשר, — האָט זיך רואיק אָנגערופן דער קאַנאָניק,

— אַז מען דאַרף מיט די יידן שטאַרק נישט איינרייסן. אַמאָל, ווען די

בלינדע, זינדיקע און שטאַלצע יידן האָבן אונדזער קריסטוסן געשלעפּט פון ירושלים צו זייער טריבונאַל, האָט די יידישע קהילה פון טאָלעדאָ געשיקט א בריוו צום כהן־גדול קופה און אים געוואָרנט ער זאָל קריסטוסן נישט קרייציקן. אַזוי שטייט ווייטלעך געשריבן אין די אַלטע ספרים.

דער אַרציבישאָף האָט אָפּגעמאָסטן ראָדריגען מיט א בייזן בליק און זיך באַמיט נישט אָפּצוענטפערן. צווישן אים און זיין סעקרעטאַר האָט עקזיסטירט אן אויסטערלישע פאַרבינדונג. דער אַרציבישאָף איז געווען פרום און ער האָט געוווסט, אז זיין קריגערישער טעמפּעראַמענט שטויסט אים טייל מאָל אויף ווערטער און מעשים, וואָס עס פּאַסט נישט פאַר אים, דעם פּרימאַס פון שפּאַניע, דעם נאָכפאָלגער פון הייליקן עוגעניוס און פון דעם הייליקן אילדעפאָנסאָ. דעריבער כדי אויסצוקויפן די האַזיקע חטאים, וואָס זיין קריגעריש געמיט האָט אַרויסגערופן, האָט ער שטענדיק מיט זיך מיטגענומען דעם גוטהאַרציקן דאָן ראָדריגע, אויף וועלכן ער ווייסט קאָנען אָנווייזן, אויב מען וועט אים אויפן יום־הדין פאָרוואַרפן, אַז ציימגווייז האָט דער זעלנער אין אים גובר געווען דעם פּריסטער.

אָנשטאָט צו דאָן ראָדריגען, האָט ער זיך געווענדעט צום קעניג:

— ווען דו ביסט געווען אין נויט און לויט דער עצה פון דיינע ראַטגעבער האָסטו דעם יידן אַהער אַרויסגערופן, האָב איך דיך דעמלט געוואָרנט, דאָן אַלפאָנסאָ, און דיר פאָרויס געזאָגט, אַז עס וועלן קומען טעג, ווען דו וועסט דערויף חרטה האָבן. דאָס הייליקע קאָנזיליום האָט געהאַט וואָגיקע סיבות, ווען עס האָט דעם קעניג פון קריסטנטום אונטער־געזאָגט, ער זאָל חס־ושלום נישט אָנפאַרטרויען אַן אומגלויביקן אַזאַ הויכן אַמט.

— אויך די קעניגן פון ענגלאַנד און פון נאַוואַרע, ווי אויך די קעניגן פון לעאָן, פּאָרטוגאַל און אַראַגאָן, — האָט זיך אָנגערופן מאַנריקע, — האָבן טראָץ די באַשלוסן פון לאַטעראַנישן קאָנזיליום נישט באַזייטיקט זייערע יידישע מיניסטאָרן, זיי האָבן זיך בלויז באַגנוגנט אויסצודריקן דעם הייליקן פאָטער זייער באַדויערונג. אַזוי האָט געטאָן דער קעניג, אונדזער האַר. ער האָט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון זיינע ליכטיקע אבות. אַלפאָנ־סאָ דער זעקסטער, דער קעניג פון שפּאַניע, האָט געהאַט צוויי יידישע מיניסטאָרן, דער זיבעטער אַלפאָנסאָ — פינף. איך זע נישט, ווי אַזוי וואָלט קאַסטיליע געקאָנט אויסבויען אַזויפיל קלויסטערס פאַר די הייליקע, אַזויפיל פעסטונגען קעגן די מוסולמענער אָן דער הילף פון די יידן.

— דערלויב מיר, מיין חשובער פאָטער, — האָט דער קאַנאָניק צו־

געגעבן, — מיט יראת־הכבוד דיר צו דערמאָנען וועגן אונדזער פריינד, דעם חשובן בישאָף פון וואָלאַדאָליד. אויך ער האָט נישט געקאָנט איינקאַסירן זיינע שטייערן און ער האָט געמוזט אָנקומען צו אונדזער דאָן יהודה.

דאָס מאָל האָט שוין דאָן מאַרטין זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פאַר כעס:

— דו האָסט אַ סך גוטע מידות, דאָן ראָדריגע, — האָט ער געשריגן, — דו ביסט כמעט אַ הייליקער, דעריבער פאַרטראָג איך דיך. אָבער איך מוז דיר באַשיידן זאָגן, אַז צייטנווייז גרענעצט זיך דיין גוטמוטיקייט און געדולדיקייט מיט אומפאַרשעמטקייט.

דער קעניג האָט זיך נישט צוגעהערט צו זייערע קריגערייען. ער איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע רעיונות, און ענדלעך האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס, מיט וואָס זיין מוח איז געווען באַשעפטיקט:

— נישט איינמאָל האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס גאָט האָט געגעבן די אומגלויביקע אַזאַ קראַפט און אונדז האָט ער זי אָפּגעזאָגט. און איך טראַכט מיר אַזוי: היות גאָט האָט זיי פאַרשאָלטן אויף דורי־דורות, האָט ער אויף דער קורצער צייט, וואָס זיי פאַרברענגען אויף דער ערד, זיי אַרויסגעוויזן זיין חסד און אויסגעטיילט זיין חכמה, עלאָקווענץ און דעם טאַלאַנט פון זאַמלען אוצרות געלט.

אַלע זענען שטיל געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט. עס איז געווען מערקווירדיק, וואָס דער קעניג האָט אָפּטמאָל אַנטפּלעקט זיינע אינערלעכע געפערלעכע מחשבות, וצו וואָס ער האָט געהאַט די פולע קעניגלעכע רעכט.

דער יונגער דאָן גאַרסעראַן האָט זיך צוריקגעקערט צו דער טאָגאָרדענונג פון דער באַראַטונג, אַריינטראָגנדיק זיין פאָרשלאַג:

— איין זאַך קאָנסטו אויפטאָן, הער קעניג! אויב דו האָסט באַשלאָסן נישט אַרויסצוטרעטן קעגן די דע־קאַסטראָס, טאָ שיק אַריין אַ גאַרניזאָן אויף זייערע גרענעצן און באַזעץ די שטאָט קוענקאַ מיט דיינע קריגסקנעכט.

— ער איז פולשטענדיק גערעכט, — האָט אויסגעשריגן דער אַרצי־בישאָף, — באַזעץ קוענקאַ מיט אַ שפּאָר ביסל קריגס־קנעכט, אַז די דע־קאַסטראָס זאָל זיך אָפּגלוסטן צו מאַכן אַן אָנפאַל אויף דיינע אונטער־טאַנען.

וועגן דעם האָט שוין אַלפאָנסאָ אַליין שטאַרק געטראַכט. אָבער עס איז אים געווען צום האַרצן, ווען אַנדערע האָבן עס אים פאָרגעשלאָגן.

— יאָ, דאָס וועל איך מאַכן, — האָט ער געמאָלדן, — און ווער

ווייסט ווי אונדזער ייִד וועט קענען דעם רעאַגירן, — האָט דער קעניג מיט אַ בייזן שמייכל צוגעגעבן.

דאָן מאַנריקע האָט געהאַלטן, אַז עס זענען גענוג דריי אָפּטיילונגען צו זיכערן קווענקאַ קעגן די דע־קאַסטראָס. דער קעניג האָט באַמערקט, אַז צוקוקנדיק זיך צו די מעשים פון די דע־קאַסטראָס, קאָן אַמאָל דער עמיר פון וואַלענסיע אויך באַקומען אַפּעטיט צו דער דאָזיקער שטאָט. היִריבער וועט ער דאַרפן אַהינשיקן מער סאָלדאַטן, ביי אַן ערך פון צוויי הונדערט שפּיזן. דער אַרציבישאָף, באַהאַוונט אין קריגס־ענינים, האָט געראַטן, אַז אַ געווויסע צאָל קריגס־קנעכט זאָלן זיך שטענדיק געפינען אין וועג, כדי צו שיצן די באַדראָטע פויערישע פאַרמעגנס און צו באַגלייטן די רייזנדע.

— שיק דריי הונדערט שפּיזן, דאָן אַלפאָנסאָ, — האָט ער געפּאָדערט.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט געשיקט פינפהונדערט שפּיזן.

די אָנפירונג מיט דעם דאָזיקן מיליטער האָט ער אָנפאַרטרויט זיין פריילעכן דרייסטן פריינד, דעם יונגן דאָן עסטעבאַן איליאַן.

איידער דאָן עסטעבאַן איז אָפּגערייזט, האָט אים דער קעניג אָנגעזאָגט:

— דערלאָז נישט צו קיין שום נייע באַליידיקונגען, דאָן עסטעבאַן! זאָלסט נישט פאַרשווייגן די קלענסטע געמיינקייט! און ווען די דע־קאַסטראָ־לייט וועלן אויף אונדזערע געביטן צוגנבענען כאָטש איין איינציקע הון, זאָלסטו עס נישט פאַרשווייגן! פאַרפאָלג זיי ביז סאַנטאַ מאַריאַ און נעם ביי זיי אָפּ צוריק די הון, זאָל עס אפילו קאָסטן דאָס לעבן פון צען קריגס־קנעכט!

ער האָט אים דערלאַנגט זיין הענטשקע, אַלס סימן פון ריטערלעכן באַפעל. דאָן עסטעבאַן האָט אים אַ קוש געטאָן אין דער האַנט און געזאָגט:

— דו וועסט זיך נישט האָבן אויף וואָס צו באַקלאָגן, דאָן אַלפאָנסאָ.

די זעלנער זענען אַריינגעטראָטן אין דער קליינער שטאָט קווענקאַ מיט די אַרומיקע דערפער, און האָבן פּאַטרולירט אין דער שווערער באַרגיקער געגנט פון אל באַראַסין. אָבער מען האָט נישט אָנגעזען קיין שום קנעכט פון די דע־קאַסטראָס. עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ וואָך, צוויי וואָכן. דאָן עסטעבאַנס זעלנער האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען פון אומעט, און די איינוווינער פון קווענקאַ האָבן געשאָלטן די אָנוועזנהייט פון די זעלנער, וואָס האָט זיך אויף זיי געלייגט צו לאַסט.

בינו=לבינו איז יהודה געווען אין סאראַגאָסע און אונטערהאַנדלט מיט זיין קוזין דאָן יוסף איבן עזרא. דער דאָזיקער אינטעליגענטער דיקלעכער מאַן מיטן אָנגענעמע, העפלעכן, סקעפטישן אויסזען האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָסערע סיבות האָבן דאָן יהודהן באַוויגן קומען צו אים. היות אָבער ער אַליין איז אויך געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון שלום, איז ער געווען גרייט אים צו העלפן. יהודה האָט געוואָלט, אַז אַראַגאָן זאָל אויסלייזן די געפאַנגענע פון די דע=קאַסטראָס און אָפּגעבן זיי דעם קעניג דאָן אַלפאָנסאָ, וועלכער וועט זיך אָפּזאָגן פון זיינע פרעטענזיעס אויף דער שטאָט דאַראָקאַ. דאָן יוסף האָט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז גאַנץ אָנגענעמבאַר און וועט געפעלן ווערן זיין קעניג. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו איילן. דער קעניג ראַימונדעס איז אין פעלד, וווּ ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט דער גליקלעכער פאַרענדיקונג פונעם קריג קעגן דעם גראַף פון טולוזע. דעריבער מוז דאָן יוסף אַ געוויסע צייט אָפּוואַרטן, ווייל עס איז נישט פאַסיק אין אַזאַ צייט פאַרדרייען אים דעם קאָפּ מיט אַזאַ אומוויכטיקער פראַגע. אומגעפער אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועט ער אַוועקפאָרן צום קעניג ראַימונדעס אין פעלד אַריין. אַלזאָ, דאָן יהודה מוז האָבן געדולד און וואַרטן. און מעגלעך, אַז שפעטער וועט אויך יהודה אויפגענומען ווערן פונעם קעניג ראַימונדעס.

יהודה האָט אויסגענוצט די צוויי וואָכן, איז אַוועקגעפאָרן קיין פערפיניאַן און פאַרענדיקט גליקלעך אַ פאַרפלאָנטערטן געשעפט. נאָכדעם האָט ער אָפּגערייזט קיין טולוז צו זיינעם אַ קרוב מאיר איבן עזרא, דעם באַילו פון שטאָט. לסוף האָט ער זיך באַוויזן ביים קעניג ראַימונדעס, אין פעלד=לאַגער. דאָן יוסף האָט געטריי אים אונטערגעהאָלפן און דאָן ראַימונדעס האָט אים גנעדיק אויסגעהערט. ער איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אויסגערעכנטער מענטש, און עס האָט געדויערט נאָך אַ וואָך, איידער ער האָט זיך באַשלאָסן צו זאָגן: יאָ.

יהודה האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. די סאַמע שווערסטע שטערונגען אויפן וועג פון זיין שלום=ווערק זענען באַזייטיקט געוואָרן. ער האָט אַוועקגעשיקט אַ קוריער צום קעניג אַלפאָנסאָ מיט דער ידיעה, אַז דער געווונטשענער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן און מיט אַ חתימה באַשטעטיקט און אַז ער, יהודה, וועט אין עטלעכע טעג אַרום צוריקקומען.

די ידיעה האָט נאָך נישט באַוויזן אָנצוקומען קיין טאָלעדאָ, ווי דאָן אַלפאָנסאָ האָט דערהאַלטן פון קוענקאַ אַ לאַנגן אומגעלומפערטן בריוו פון זיין פריינד עסטעבאַן איליאַן.

עס איז געשען אַזוינס, וואָס מען האָט נישט פאָרויסגעזען. דע־קאַסטראָס קנעכט האָבן אויף קאַסטילישער ערד געוואָלט אַוועקרויבן אַ סטאַדע שאָף. דאָן עסטעבאַנס מענטשן האָבן זיי פאַרפאָלגט אַזש אויף די־קאַסטראָס טעריטאָריע. דאָרט האָבן זיי זיך אָנגעשויסן אויף אַ מחנה ריטער מיט זייערע וואָפן־טרעגער. עס איז דערגאַנגען צו אַ זידלערײַ און דערנאָך צו אַ צוזאַמענשטויס. דערבײַ איז איינער פון די ריטער דערהרגעט געוואָרן און על פּי צופאַל איז ער געווען איינער פון דע־קאַסטראָס ברידער, דער גראַף פערנאַן. למען האמת, האָט דאָן עסטעבאַן געשריבן צו אַלפאָנסאָ, מוז מען זאָגן, אַז פערנאַן דע־קאַסטראָ, בעת די פייל האָט אים געטראָפן, איז ער נישט געווען באַוואָפנט צום קאַמף, נאָר איז געריטן אויף יאַגד און אויף זיין הענטשקע געטראָגן זיין דרעסירטן געליבטן פאַלק. פאַרוואָס דער קאַסטילישער קנעכט האָט אומזיניק געוואָרפן זיין פייל — איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. דאָך האָט דאָן עסטעבאַן דעם שולדיקן קנעכט תיכף געלאָזט אויפהענגען.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט איבערגעלייענט דאָס שליחות און ס'איז אים שווער געוואָרן אויף דער נשמה. עפּעס ערגערס האָט נישט געקאָנט פּאַסירן. ס'איז אויסגעקומען, אַז אַ געמיינער קנעכט, לויט זיין אייגענעם באַפעל, האָט אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן דערהרגעט אַ ריטער פונעם אדל, וועלכער איז נישט געווען באַוואָפנט. גאַנץ שפּאַניע וועט אים דערפאַר פאַראורטיילן.

איצט האָט גוטיער'ז דע־קאַסטראָ אַ גרינגלעכע סיבה נקמה צו נעמען. ער וועט זיך איצט ווענדן צו אַראַגאָן, און דער קעניג ראַימונדעס, דער זיגער פון פּראָוואַנס, וועט איצט האָבן אַ גלענצנדיקן אויסרייד זיך אָפּצורעכענען מיט זיין פאַרהאַסטן פּלימעניק, אַלפאָנסאָ, און דערקלערן אים מלחמה. דער נאַרישער קריג מיט אַראַגאָן, וועלכן ער האָט געוואָלט אויסמיידן און קעגן וועלכן יעדער איינער האָט אים געוואָרנט, שטייט איצט פאַר זיינע אויגן.

אַלפאָנסאָ האָט זיך געשעמט פאַר דאָן יהודהן, פאַר דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט. און פּאַקטיש האָט ער געטאָן נאָר דאָס, וואָס יעדער איינער ריטער אויף זיין אָרט וואָלט געטאָן. זיין קעניגלעכער חוב האָט אים געצוווּנגען אַוועקצושיקן קיין קוענקאַ מיליטער, כּדי די דאָזיקע שטאָט צו באַשיצן. און אַז ער האָט די אויפגאַבע איבערגעגעבן דעם דרייסטן עסטעבאַן איליאַן, דערפאַר קאָן אים קיינער נישט זידלען. דאָן עסטעבאַן איז זיין פריינד, אַ גוטער ריטער, וואָס טראָגט איינגעשמידט אין זיין

שווערד אַ ביין פֿון הייליקן אילדעפֿאָנסאָ. אַך, די דאָזיקע הייליקע רעליקוויע האָט דעם טייוול נישט אָפּגעהאַלטן. דאָס דאָזיקע אומגליק, וואָס איז געקומען אויף אַזאַ מין אופֿן, איז אַ טייוולאָניש שפּיצל און קיינער איז דערין נישט שולדיק, נישט ער, נישט דאָן עסטעבאַן, נישט פֿערנאַן דע־קאַסטראָ, און אַפֿילו אויך נישט דער ייִד. אָבער דאָך, וועט די גאַנצע קריסטלעכע וועלט אים, אַלפֿאָנסאָן, באַשולדיקן.

ניין, דער דאָזיקער יהודה האָט אים קיין גליק נישט געבראַכט, און איצט, אַז ער נייטיקט זיך אין זיין עצה, איז ער נישטאָ!

עס איז אַפֿילו גוט, וואָס ער איז נישטאָ. ער וואָלט אים סיי ווי איצט נישט געוואָלט זען. ער וואָלט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן זיינע געשפּיצטע רייד. ער האָט זיך גענייטיקט אין אַ מענטש, וואָס זאָל גוט פֿאַרשטיין, אַז ער איז נישט שולדיק אין דעם דאָזיקן צופֿעליקן אומגליק. ער האָט זיך גענייטיקט אין זייער אַ נאָענטן מענטש, וואָס געהערט צו אים.

נישט וואַרטנדיק אויף יהודהן, איז ער מיט אַ קליינער סוויטע אוועקגעריטן קיין בורגאָס צו זיין ווייב, צו דאָניאַ לעאָנאָר.

# קאַפּיטל פיר

דאָניאַ לעאָנאָר האָט אויפגענומען דעם קעניג מיט גרויס פרייד. זיי=
דער ער האָט איר נאָך דערציילט, וואָס עס איז געשען, האָט זי אים פאַר=
שטאַנען. זי האָט געפילט, פּונקט ווי ער. ס'איז פשוט געווען אַ בייזער צו=
פאַל, און איר אַלפאָנסאָ איז דאָ גאָרנישט שולדיק.

אָבער טיף אין האַרצן האָט זי שטאַרק מורא געהאַט, עס זאָל נישט
אויסברעכן קיין מלחמה מיט אַראַגאָן. זי האָט געטראַכט וועגן אַ פאַראיי=
ניקונג פון די ביידע לענדער און דער דאָזיקער קריג וועט צעשטערן אַלע
אירע האָפענונגען. זי האָט אָבער פאַרבאָרגן איר אומרו, און, ווי תמיד,
געווען רואיק, געלאַסן, אין איר אָנוועזנהייט און אין אירע רייד האָט ער
געפונען טרייסט און כוח. צוליב דעם איז ער אַזוי געפאָרן, אויף דעם האָט
ער געהאָפט.

בכלל האָט ער פון טאָלעדאָ געהאַלטן מער, ווי פון בורגאָס. אין טאָ=
לעדאָ האָט ער נאָך אַלס יינגל אויפגעטאָן גרויסע מעשים, פון דאַנען האָט
ער זיין גאַנצע מלוכה דעראָבערט. חוץ דעם האָט זיך טאָלעדאָ געפונען
נאָענט צו זיין עכטן אייביקן מוסולמענישן שונא. יאָ, אין אַזאַ נאָענטקייט
צום שונא האָט ער זיך געפונען, ער, דער קעניג, דער זעלנער. דאָסמאָל
אָבער האָט ער זיך גערן אויפגעהאַלטן אין דער אַלטער אור=קריסטלעכער
שטאָט בורגאָס און די דערינערונגען, מיט וועלכע ער איז געווען פול, האָבן
אים צוגעגעבן כוחות און האָפענונג. אפילו קאַסטיליע טראָגט דעם נאָמען
פון דעם קאַסטיליא (שלאָס) אין בורגאָס. פון דעם דאָזיקן אָרט האָט
איינער פון זיינע אבות פערנאַן גאָנסאַלעס די גראַפשאַפט קאַסטיליע גע=
מאַכט אומאָפהענגיק, גרויס און מעכטיק. און דאָ, אין בורגאָס, האָט זיין
אורזיידע, אַלפאָנסאָ דער זעקסטער, באַוויזן, אַז אַ קעניג טרעט נישט אָפּ אפי=
לו פאַר שפּאַניעס גרעסטן מאַן. יענער אַלפאָנסאָ, ווערנדיק אומצופרידן מיט
דער קריגס=פירונג פונעם גרעסטן העלד פון זיין לאַנד, דעם דרייסטן סיד
קאַמפּעאַדאָר, האָט אים אַרויסגעיאָגט פון דער דאָזיקער שטאָט. אַ קעניג

פון קאַסטיליע איז נישט מוחל קיין סיד, איז נישט מוחל קיין הוצפּהדיקן דע־קאַסטראָ.

אָבער איצט איז סיד קאַמפּעאַדאָר שוין לאַנג טויט. די מלכים האָבן שוין לאַנג מוחל געווען דעם איידעלן ריטער און קעמפער פון שפּאַניע און די שטאָט בורגאָס איז שטאָלץ מיט די אָן אַ שיעור זכרונות וועגן איר העלד.

מיט אַ פינצטערן פאַרגעניגן שטייט אַלפאָנסאָ פאַר אַ קופער, וואָס איז אויפגעהאָנגען אין קלויסטער אועלגאַ. דעם קופער, כלומרשט אָנגעפילט מיט אַ גרויסן אוצר, האָט סיד געגעבן צוויי יידישע באַנקירן אַלס ערבות. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער קאַסטן איז געווען אָנגעפילט מיט זאַמד. דער העלד האָט געהאַלטן, אַז מען מוז אים גלויבן אויפן וואָרט. אַזוי האָט סיד געגעבן אַן אָנשווילעכן ביישפיל, ווי אַ ריטער דאַרף האַנדלען מיט קרעמערישע יידן.

דאָן ראַמודעס פון אַראַגאָן האָט זיך נישט געאיילט אָנצוגרייפן. בטבע איז ער תמיד געווען אַן איינגעהאַלטענער מאַן. דעם קעניג אַלפאָנסאָ האָט אָבער געמאַטערט דאָס וואַרטן און ער האָט זיך מיישב געווען מיט דאָניא לעאָנאָר, צי ער זאָל דער ערשטער נישט אָנגרייפן.

דאָניא לעאָנאָר האָט אויפגעהערט שווייגן. אין קלאָרע ווערטער דערקלערט זי אים, אַז דאָס לאַנד קאָן אים נישט מוחל זיין די מפּלה ביי סעוויליע. ווען מען זאָל אפילו אויף אים אָנפאַלן, וועט דאָס פאָלק מורמלען וועגן אַ נייעם קריג. אָנגרייפן ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ווען דו ביסט באַשולדיקט, וואָלט געווען אַ משוגעת. די דאָזיקע האַרבע ווערטער האָבן דאָן אַלפאָנסאָן אַראָפּגעשלאָגן פון מוט.

ענדלעך איז דאָן יהודה אָנגעקומען קיין בורגאָס. די ידיעה וועגן טויט פון פערנאַן דע־קאַסטראָ האָט ער באַלד באַנומען אין דער גאַנצער טיף. אַרייַנפאַלנדיק אין פאַרצווייפלונג, באַשולדיקט ער זיך אַליין אין אַלץ. זיין אויסרעכענונג איז געווען אַ פאַלשע. ער האָט באַדאַרפט בלייבן אין טאָלעדאָ, כדי דעם קעניג אָפּצוהאַלטן. זיין אינטואיציע האָט אים פאַרפירט.

אָבער דער טיכטיקער יהודה גיט פאָרט נישט אויף די האָפענונג אויסצומיידן אַ קריג. ער פאָרט קיין טאָלעדאָ. דאָ דערוווסט ער זיך, אַז דער קעניג איז אין בורגאָס. ער קערט זיך אום און רייט אַוועק קיין בורגאָס. ער מעלדעט זיך צו דאָן אַלפאָנסאָ. אָבער דער קעניג, אונטער פאַר־

שידענע אויסריידן וויל אים נישט אויפנעמען. דאַקעגן דאָניאַ לעאָנאָר פאַרבעט אים צו זיך.

אין קעגנוואַרט פון דער קלוגער לעאָנאָר האָט יהודה מוט באַקומען.

ווען דיין מאַיעסטעט וועט דערלויבן, — האָט ער פאָרגעשלאָגן, — וועל איך פאָרן קיין טאַראַגאָסע און זיך באַמיען דעם קעניג מילדער צו מאַכן. ווען איך בין דאָ נישט לאַנג געווען אין זיין לאַגער, איז ער צו מיר געווען זייער אויפמערקזאַם.

— ליידער האָבן זיך זינט דאַן די באַדינגונגען געענדערט, — האָט דאָניא לעאָנאָר געזאָגט.

דאָן יהודה האָט פאָרזיכטיק אָפּגעענטפערט:

— פאַרשטייט זיך, מען קאָן נישט אהין קומען מיט ליידיקע הענט.

— וואָס זשע וועסטו אים פאָרלייגן? — פרעגט לעאָנאָר.

— עס וואָלט גוט געווען, — זאָגט יהודה גאָר פאָרזיכטיקער, — אַז דאָן אַלפאָנסאָ זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער שטרייטלעכער קאַסטילישער אויבערהערשאַפט.

— די פראַגע פון קאַסטילישער אַפּיטרופּסות איז אומבאַשטרייט־לעך, — האָט דאָניע לעאָנאָר קאַלט געזאָגט, — אויב עס גייט דערין, איז שוין בעסער מלחמה!

זי האָט עס געזאָגט און אָפּגעמאָסטן יהודהן מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק, פון וואָס עס איז אים תיכף קלאָר געוואָרן, אַז זי איז פון דעם זעלבן שטאָף, וואָס דער קעניג. אויך זי האָט פון דעם דאָזיקן פּונקט, ריי־טערלעכן, לעבערלעכן מיטל בשום אופן זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן. אויך אין אירע אויגן זענען קלוגע ווענ: און גוטע פּלענער בלויז סוחרישע קאָמ־בינאַציעס.

ווען יהודה איז ענדלעך געשטאַנען אויג אויף אויג מיט אַלפאָנסאָ, האָט יענער מיט אַ טאָן פון חוזק געזאָגט:

— דו האָסט מיט התמדה און מיט קאָפּ צונויפגעשטעלט כימרע אָפּמאַכן, מיין עסקריוואַנאָ, סיי אין סאַראַגאָסע, סיי אין טולוזע. איצט זעסטו שוין, וואָסער ווערט זיי האָבן. דו האָסט מיר קיין גליק נישט גע־בראַכט, דאָן יהודה. באַמי זיך איצט צו ברענגען מיר נוצן און שאַפן פאַר מיר געלט. איך האָב מורא, אַז מיר דאַרפן נאָך אַ סך געלט.

אַלפאָנסאָ איז אַוועקגעריטן מיט זיינע אָפיצירן. ער האָט זיך באַ־קענט מיטן מלחמה־פּלאַן, און באַשלאָסן צו געבן אַראַגאָן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. ער האָט אָנערקענט, אַז אַלע שאַנסן זענען אויף דער זייט

מון שונא, אָבער ער פֿאַרלירט נישט דעם בטחון. אַלס קריסטלעכער ריטער האָט ער אָפּגעגעבן זיין גורל אין דער האַנט פֿונעם אַלמעכטיקן, וועלכער וועט נישט דערלאָזן מען זאָל אומברענגען זיין אַלפֿאָנסאָ פֿון קאַסטיליע.

און גאָט האָט באַלוינט זיין אמונה. דאָן ראַימונדעס פֿון אַראַגאָן איז פּלוצלונג געשטאָרבן אין עלטער פֿון זיבן און פֿופֿציק יאָר. אינעם בלי פֿון זיינע יאָרן, אינמיטן זיין זיג אין פּראָוואַנס האָט אים גאָט געשטראָפֿט מיט אַ האַרץ־שלאַג און אים אָפּגערוימט פֿון וועג, נישט געבנדיק אים די מעגלעכקייט אָפּצורעכענען זיך מיט זיין פּלימעניק פֿון קאַסטיליע.

דאָן אַלפֿאָנסאָס לאַגע האָט זיך גליקלעך געענדערט. דער יורש עצר פֿון אַראַגאָן, דער זיבעצניעריקער אינפֿאַנט דאָן פּעדראָ איז נישט געווען ענלעך צו זיין טאַטן. דאָן ראַימונדעס האָט אַלס מלוכה־מאַן זיין לאַנד פֿאַרגרעסערט. מיט ביטערקייט האָט ער זיך אין דער פּראָוואַנס דערוואָרבן רעכט און לאַנד און אָנגעווענדעט מיליטערישע מאַכט האָט ער בלויז דאַן, ווען ער איז געווען זיכער אין זיג. ער האָט זיך נישט געשעמט אַראָפּצובויגן דעם קאָפּ פֿאַר זיינע גראַנדן, אויב ער האָט געקאָנט פֿון זיי אַרויסבאַקומען געלט. דער יונגער דאָן פּעדראָ האָט נישט געהאַלטן פֿון אַזעלכע ווינקל־צוגן, וואָס פּאַסן נישט פֿאַר קיין ריטער. ווי אַ סך אַנדערע זעט ער אין זיין קוזין פֿון קאַסטיליע דאָס אורבילד פֿון די קריסטלעכע ריטער. געווען ווייניק וואַרשיינלעך, ער זאָל אַרויס קעגן אַלפֿאָנסאָן אין קריג.

— גאָט איז מיט מיר, — האָט ער געמורמלט פֿאַר דער קעניגין, און פֿאַר יהודהן האָט ער זיך באַרימט: אָט זעסטו, וואָס עס איז געשען.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט מיט אַ שטילן שמייכל אויפֿגענומען די דאָזיקע פֿרייִקע ידיעה. פֿון שטענדיק אָן האָט זי מיטן גאַנצן האַרצן געלעכצט נאָך אַ פֿאַרבינדונג מיט אַראַגאָן און, הגם זי האָט זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט אָפּזאָגן פֿון קאַסטיליעס אויבערמאַכט, האָט זי מיט אַלע מיטלען געוואָלט אויסמיידן וועלכן ס'איז סכסוך אויף דעם דאָזיקן געביט.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט פּאָליטישע חכמה געירשנט פֿון איר טאַטע־מאַמע און זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז קאַסטיליע אַליין וועט קיינמאָל נישט זיין קיין גרויסע מלוכה, ווי די רוימיש־דייטשע ווי די

ענגלישע אָדער פראַנקישע. פריער זענען קאַסטיליע און אַראַגאָן געווען פאַראייניקט, און דער טרעגער פון ביידע קרוינען האָט זיך מיט רעכט געקאָנט אָנרופן קייזער פון שפּאַניע. דאָניאַ לעאָנאָר האָט אַלע אירע יאָרן געליטן צוליב די קריגערייען צווישן דעם קעניג ראַימונדעס און אַלפאָנסאָ. זי האָט שטאַרק געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די דאָזיקע קריגערייען, כדי ביידע לענדער אויפסניי פעסט צו פאַרבינדן.

דערצו האָט זי געהאַט אַ גוט מיטל. היות זי האָט נישט געהאַט קיין טראָן־יורש, נאָר דריי טעכטער, איז דער, וואָס וועט חתונה האָבן מיט דער עלטסטער דרייצניעריקער טאָכטער בערענגאַריאַ וועט האָבן שאַנסן צו ווערן דער טראָן־יורש פון קאַסטיליע. עס איז געגאַנגען הערין מען זאָל פאַרקנסן די עלטסטע טאָכטער מיטן קרוינפּרינץ פון אַראַגאָן, כדי אויף להבא זאָל ווידער איין הערשער טראָגן די קרוין פון ביידע לענדער. און אויב די דאָזיקע תנאים זענען שוין לאַנג נישט צושטאַנד געקומען, איז עס צוליב די אַרומרייסענישן פון ביידע קעניגן. איצט איז די דאָזיקע שטערונג באַזייטיקט. מען קאָן בערענגאַריאַן פאַרקנסן מיטן יונגן פעדראָ און אַלס אַ פאַרערער פון קעניג אַלפאָנסאָ וועט אים נישט שווער זיין איינצורעדן ער זאָל אָנערקענען די אַפּיטראָפּסות פון זיין שווער, וועלכן ער וועט שפּעטער ירשענען.

העפלעך, מיט לייכטן אומגעדולד האָט דאָן אַלפאָנסאָ זיך צוגעהערט צו דער קעניגינס רייד.

— גוט און קלוג צוגעטראַכט, מיין קלוגע לעאָנאָר, — האָט דער קעניג געזאָגט, — אָבער מיר האָבן נאָך גענוג צייט. דער יונגער פּרינץ איז נאָך נישט אָנגענומען אין ירושה. מיין פעטער ראַימונדעס האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, ער זאָל מיך בעטן צו טאָן זיין זון די דאָזיקע טובה. איך האַלט, אַז איצט דאַרפן מיר פאַרבעטן צו זיך דאָן פעדראָן, כדי ער זאָל פון מיין האַנט באַקומען שווערד און ריטערשאַפט. דאָס איבעריקע וועט קומען פון זיך אַליין.

די קעניגלעכע פּאָר איז מיט גרויס צערעמאָניע אָפּגעפאָרן קיין סאַראַגאָסע, כדי צו נעמען אָנטייל אין דער פייערלעכער לוויה פון דאָן ראַימונדעס.

דער יונגער קעניג, דאָן פעדראָ האָט אַרויסגעוויזן אַלפאָנסאָן דעם גרויסן דרך־ארץ, וועלכן מען האָט פון אים דערוואַרט. ער האָט געכאַפּט התפעלות פון דאָניאַ לעאָנאָר. זי איז געווען די גרויסע דאַמע, וועלכע פּאָעטן האָבן באַזונגען, די אייביקגעוויינלעכע שיינקייט, פאַר וועלכער

ריטער האָבן געברענט פון ריינער ליבע, און ער האָט זיך באַמיט צו געפינען חן אין אירע אויגן.

דאָניא לעאָנאָר האָט מסכים געווען מיט אַלפאָנסאָ, אַז מען זאָל זיך צו שטאַרק נישט יאָגן. אָבער בעת אַ שמועס האָט זי מיט פאַרנעפּלטע ווערטער מרמז געווען איר קוזין, אַז זיי האָבן אַ שטאַרקן חשק זיך ענגער צו פאַרבינדן מיט אַראַגאָן. זי האָט עס געמאַכט פאַרטרוילעך, פריינדלעך, מוטערלעך, אַזוי, אַז דער שלאַנקער יונגער פּרינץ האָט גלייך אַלץ פאַרשטאַנען און איז רויט געוואָרן איבער די אויערן. עס האָט אים געלאָקט נישט נאָר דער געדאַנק צו זיין ענג פאַרקניפּט מיט אַן עלטערן איידעלן ריטער, נאָר אויך די ליכטיקע צוקונפט — טראָגן די קרוין פון די שפּאַנישע פּאַראייניקטע לענדער. ער האָט געקושט דאָניא לעאָנאָרס האַנט און אָפּגעענטפערט:

— עס איז נישטאָ אַזאַ דיכטער, דאַמע, וואָס זאָל געפינען ווערטער צו באַזינגען מיין גליק.

בדרך כלל האָט מען נישט געשמועסט וועגן רעגירונגס־ענינים און נישט וועגן די באַציונגען צווישן קאַסטיליע און אַראַגאָן. מען האָט גערעדט וועגן אַריינגעמען דאָן פּעדראָ אין ריטערשאַפט. ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר, די רעכטע צייט אריינצוטרעטן אין ריטערשאַפט און עס וואָלט גוט געווען ווען די דאָזיקע צערעמאָניע זאָל פּאַרקומען פאַר דער קרוינונג. אַלפאָנסאָ האָט פאַרבעטן דעם פּרינץ אויף שווערד־געפעכט קיין בורגאָס. ער אַליין וועט זיך מיט אים פעכטן און געבן אים דעם ריטער־טיטל ביי פייערלעכקייטן, ווי עס פּאַסט פאַר צוויי גרויסע שפּאַנישע פירשטן.

דאָן פּעדראָ האָט אָנגענומען די איינלאַדונג מיט גרוים שמחה.

גרויסע הכנות זענען געמאַכט געוואָרן אין בורגאָס. דאָן אַלפאָנסאָ האָט אַהין פאַרבעטן זיין גאַנצן הויף. דאָניא לעאָנאָר האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל אויך פאַרבעטן דאָן יהודהס קינדער. דער קעניג האָט מיט וואַקלעניש מסכים געווען.

דאָן יהודה איז געווען מלא שמחה פון דער דאָזיקער איינלאַדונג. ווירדיק, מיט אַ בכבודיקער סוויטע איז דאָן יהודה מיט זיינע קינדער אָפּגעפאָרן קיין בורגאָס.

דאָן גאַרסעראַן און נאָך אַ יונגער מאַן פון דאָניא לעאָנאָרס סוויטע זענען געווען שטאַרק צופרידן צו באַגלייטן דאָניא ראַקעל מיט איר ברודער, און זיי באַוויזן די אוראַלטע שטאָט. אַלאַזאַר, וועלכער איז געווען

זייער נייגעריק צו אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו ריטערטום, האָט גיריק באַטראַכט די פֿאַרשידנאַרטיקע דענקסווערטיקייטן פֿון סיד קאַמפּעאַדאָר: זיין קבֿר, זיינע כלי-זיין און דעם געשפּאַן פֿון זיין פֿערד.

מער פֿון אַלץ האָבן אים באַגייסטערט די הכנות צום טורניר עס זענען געווען איבערגעהאָנגען די הערב-צייכנס פֿון די ריטער, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צום טורניר. ס׳האָט אויך געזאָלט פֿאָרקומען אַ געווער פֿון בויגן-שיסעריי. אַלאַזאַר, שטאָלץ מיט זיינע מוסולמענישע בויגנס, האָט באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אינעם געווער. מיט קינדערישער באַוווּנדערונג איז ער געשטאַנען פֿאַר דער פֿאַרצוימונג, וווּ עס האָט געזאָלט פֿאָרקומען אַ גרויסער אָקסן-קאַמף.

די פֿייערונג לכּבֿוד דאָן פּעדראָ איז פֿאָרגעקומען אין קעניגלעכן שלאָס, אין יענעם קאַסטיליאָ, פֿון וועלכן דאָס לאַנד קאַסטיליע טראָגט זיין נאָמען. עס איז געווען אַן אַלטער, נאַקעטער בנין פֿון שטרענגער אַרכיטעקטור. דעם שטיינערנעם באָדן האָט מען באַדעקט מיט דיקע טעפּיכער און די שטיגן באַשאָטן מיט רויזן. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט גאָבעלינען, וועלכע האָבן פֿאָרגעשטעלט סצענעס פֿון קאַמף און פֿון יאַגד, וואָס דאָניאַ לעאָנאָר האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון איר פּראָווינצישן היימלאַנד. דאָך האָבן די דאָזיקע אַלע אָנשטרענגונגען אַריינגעטראָגן אין דעם שטרענגן שלאָס בלויז אַ קליינעם ניואַנס פֿון היימערקייט.

אין די הויפּט-זאַלן פֿון שלאָס האָט מען אויפֿגעשטעלט לאַנגע טישן און פֿיל קליינע טישלעך. דער פּרינץ פֿון אַראַגאָן האָט מיטגעבראַכט זיין אַלפֿאַקים — דאָן יוסף איבן עזרא. אים און יהודהן האָט מען אַנידערגעזעצט ביי אַ טיש אין הויף. דאָס איז נישט געווען אַזאַ בכּבֿודיק אָרט, אָבער די טיש-צערעמאָניע ביי אַזעלכע פֿייערונגען איז נישט פֿון די לייכטע זאַכן.

די שטאָט בורגאָס איז געווען מפֿורסם מיט איר משונהדיקן קלימאַט. ס׳איז געווען יוני און אין שלאָס-הויף האָט מען געציטערט פֿון קעלט. די קוילן-בעקנס האָבן קנאַפּ געגעבן וואַרעמקייט. און, זיצנדיק די גאַנצע צייט אין אַזאַ אומגעמיטלעכער אַטמאָספֿער, האָבן ביידע ייִדן די גאַנצע צייט געטראַכט, אַז דאָרט אין שלאָס איז פֿיל אָנגענעמער צו זיצן. דער דאָזיקער פֿאַרדרוס האָט אָבער נישט אַזוי שטאַרק געערגערט, ווייל די גאַנצע צייט האָבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן וועגן די פֿריידיקע רעזולטאַטן פֿון דער דערנענטערונג צווישן קאַסטיליע און אַראַגאָן, אַז

די דאָזיקע פאַרבינדונג וועט לייכטער מאַכן דעם סחורה=אויסטויש און וועט גורם זיין אַן אַלגעמיינע אויפלעבונג פון דער ווירטשאַפט.

בעת׳ן געשפּרעך האָט יהודה כסדר געוואָרפן אַ בליק אויף זיין טאָכטער. זיין קלוגע רחל האָט וואַרשיינלעך באַמערקט, אַז דער אַראַגאָנישער שכן, וועלכן מען האָט לעבן איר אַוועקגעזעצט איז געווען נישט פון די אויסדערוויילטע, נאָר פון צווייטראַנגיקן אדל=אָפּשטאַם. אָבער זי האָט זיך קענטיק זייער גוט מיט אים געפילט, געפירט אַ לעבעדיקן שמועס, אויך אַלאַזאַר האָט געהאַט אַ פריילעכן געשפּרעך ביי אַ טיש פון לוסטיקן יונגוואַרג.

פאַרענדיקט דעם מאָלצייט, האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין שלאָס. לענגאויס די ווענט האָבן זיך געצויגן עסטראַדעס. אויף די דאָזיקע עסטראַדעס הינטער נידעריקע פאַראַפּעטן זענען געזעסן די דאַמען און געפירט געשפּרעכן מיט די הערן. רחל איז געזעסן אין דער צווייטער ריי, טיילווייז פאַרשטעלט דורך די פאָרויס=זיצנדיקע. דאָן גאַרסעראַן האָט דעם קעניג אָנגעוויזן אויף איר. אויך אַנדערע יונגעלייט האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער זעלטענער, לעבנס=לוסטיקער טאָכטער פון זיין יידישן בעל=יועץ. ער האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, בעת דאָן גאַרסעראַן האָט אויף איר אָנגעוויזן און הגם זי איז געווען ווייט פון אים, האָט ער אויפגעכאַפּט מיט זיין שאַרפן אויג די שטריכן פון איר געזיכט. קינדעריש האָט אויסגעזען איר צאַרט, בלאַס=ברוינלעך פּנים מיט גרויסע אויגן, שטרענג איינגעפאַסט אין אַ ברייט=פליגלדיקן הוט; איר ביוסט און דער צאַרטער האַלדז האָבן זיך מיט אַ יונגער פרישקייט אויסגעטיילט פון דעם ברייט=אויסגעשניטן דעקאָלט, באַזוימט מיט פוטער.

— יאָ, — האָט אַלפאָנסאָ אַרויסגעזאָגט, — זייער שיין.

דאָניאַ לעאָנאָר, אַלס גוטע באַלעבאָסטע, האָט באַמערקט, אַז דאָן יהודה ווערט נישט באַהאַנדלט מיט אַזאַ כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עסקריוואַנאָ. דורך אַ פּאַזש האָט זי אים פאַרבעטן צו זיך, האָט אים געשטעלט די אויסגעדראָשענע העפלעכע פראַגן: ווי ער פילט זיך, צי האָט מען אים אפשר נישט אַזוי גוט באַהאַנדלט און האָט געפאָדערט, ער זאָל איר פאָרשטעלן זיינע קינדער.

רחל האָט איר געקוקט אין פּנים מיט אומפאַרבאָרגענער נייגעריקייט, און דאָניאַ לעאָנאָר האָט שאָקירט, וואָס די יידישקע האַלט זיך אַזוי פריי אין איר קעגנוואַרט. חוץ דעם זענען די שפּיצן פון איר דעקאָלט אין

די געווען פֿון איר קליינע קינדער פֿאַר אַ מיידל אין אירע יאָרן. אָבער דאָגיאַ לעאָנאָר איז געווען די באַלעבאָסטע, און פֿרײַ די געזעצן פֿון קורטואַזיע, האָבן זי זיך געהאַלטן זייער פֿרײַנדלעך און געגעבן דאָן אַלפֿאָנסאָן צו פֿאַרשטיין, ער זאָל זאָגן אַ פּאָר ליבלעכע ווערטער די קינדער פֿון זיין מיניסטער.

אַלאַזאַר האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווען דער קעניג האָט זיך צו אים געווענדעט. ער האָט אין אים געזען די אָפּשפּיגלונג פֿון העלדישער צניעות. נאַיוו און מיט יראת־הכבוד האָט ער געפֿרעגט דעם קעניג, צי ער וועט אַליין אָנטייל נעמען אינעם טורניר, און האָט אים דערציילט, אַז ער, אַלאַזאַר, האָט זיך געמאָלדן אָנטייל צו נעמען אינעם געוועט פֿון בויגן-שיסערײַ.

— מיין בויגן האָט מיט זיין אייגענער האַנט געמאַכט דער באַרימטער בויגן-שניצער פֿון סעווילע, — האָט ער שטאָלץ געזאָגט. — דו וועסט זען, הער קעניג, אַז דיינע הערן וועלן האָבן אַ שווערע שטיקל אַרבעט.

מיט אין האַרצן פֿאַראינטריגירט, האָט דער קעניג דערזען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ זון פֿון זיין טיכטיקן עסקריוואַנאָ.

נישט אַזוי פּשוט איז צוגעגאַנגען דאָס געשפּרעך מיט רחלען. זיי האָבן גערעדט לאַטיין, באַנוצנדיק אַ פּאָר אַלטמאָדישע זאַצן, דערביי האָט זי אויף אים געקוקט מיט אירע גרויסע בלוי-גרויע אויגן רואיק, פֿאָרשעריש. אויך אים איז נישט געפֿעלן געוואָרן איר פֿרייע האַלטונג. נישט וויסנדיק וועגן וואָס צו רעדן, האָט ער סתּם אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַרשטייסטו וואָס מיינע כאָגלאַרן זינגען?

היות זיינע כאָגלאַרן, זיינע שפּילער, האָבן געזונגען אויף קאַסטיליש, האָט רחל פּראָסט פּשוט געענטפֿערט:

— אַ סך פֿאַרשטיי איך, אָבער עס קומט מיר אָן שווער אויפֿצוכאַפּן זייער וווּלגאַרן לאַטיין.

— „וווּלגאַרער לאַטיין“ — דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינע באַצייכענונג פֿון דער פֿאָלקס-שפּראַך. מסתּם איז די פֿרעמדע נישט אויסן געווען צו זאָגן עפּעס שלעכטס, אָבער אַלפֿאָנסאָ האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דער שפּראַך פֿון זיין לאַנד און האָט איר אָפּגעענטפֿערט:

— די דאָזיקע שפּראַך רופֿן מיר קאַסטיליש. הונדערטער טויזנטער אָנשטענדיקע מענטשן, כמעט אַלע מיינע אונטערטאַנען, ריידן אויף דער דאָזיקער שפּראַך.

קיים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, ווי ער האָט באַלד חרטה געהאַט, ווייל די ווערטער זענען געווען צו שטרענג און דערציִעריש. דערפֿאַר האָט ער סתם אַ זאָג געטאָן:

— דאָס לאַנד קאַסטיליע טראָגט זיין נאָמען פֿון דער היגער קאַסטיליאָ. פֿון דער האָזיקער שטאָט האָט דער גראַף פֿערנאַן גאָנסאַלעס קאַסטיליע דעראָבערט. געפֿעלט דיר דער שלאָס? — און בעת רחל האָט געזוכט דעם פּאַסיקן ענטפֿער, האָט ער צוגעגעבן אויף אַראַביש: — די שטאָט איז זייער אַלט און פֿול מיט דערינערונגען.

רחל, געוווינט צו זאָגן, וואָס עס פֿאַלט אַריין אין זינען, האָט אָפּגעענטפֿערט:

— איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס דיר געפֿעלט די שטאָט, הער קעניג.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אים אויפֿגערעגט. עס קומט אויס, לויט איר מיינונג, אַז אַן אַלט־באַרימטער שלאָס קאָן געפֿעלן ווערן בלויז דעמלט, ווען מען איז מיט אים פֿאַרקניפּט דורך פּערזענלעכע באַציִונגען? ער האָט געזוכט אַ גיפֿטיק וואָרט. אָבער ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי איז זיין גאַסט און ענדלעך, איז עס נישט זיין עסק צו לערנען קורטואַזיע די טאָכטער פֿון זיין ייד. זיי זענען אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע.

הגם דער יונגער אַלאַזאַר איז געווען דעם מיניסטערס אַ זון, וואָלט ער אַזוי לייכט נישט צוגעלאָזן געוואָרן צום בויגן־געוועט, ווען דאָן מאַנריקע וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט. ער האָט אַלזאָ גענומען אָנטייל און געוווּנען דעם צווייטן פּריז. די אָפֿנהאַרציקייט און אומגעצווימטקייט פֿון דעם ייִנגל, זיין פֿרייד צוליבן באַקומען דעם פּריז און גלייכצייטיק די חרפּה, וואָס בלויז דעם צווייטן פּריז, דער שטאָלץ אויף זיין שיס־בויגן, וואָס האָט באמת נישט געהאַט זיין גלייכן אין בורגאָס — דאָס אַלץ האָט ווילנדיק נישט ווילנדיק אַרויסגערופֿן סימפּאַטיע צו אים.

דער קעניג האָט אים גראַטולירט. אַ צופֿרידענער איז ער געשטאַנען פֿאַרן קעניג, אָבער דאָך האָט אים עפּעס געקוועלט. פּלוצעם האָט ער דעם בויגן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, דערלאַנגט דעם קעניג, זאָגנדיק:

— אָט דאָס איז מיין בויגן, הער קעניג, אויב ער געפֿעלט דיר, שענק איך אים דיר.

אַלפאָנסאָ איז געווען איבעראַשט: דער יונג איז גאָרנישט ענלעך צום טאַטן. געלט און חפצים גייען אים אינגאַנצן נישט אָן, ער באַזיצט די הויכע מידות פון אַ ריטער.

— דו ביסט אַן אָנשטענדיקער יונג, דאָן אַלאַזאַר, — האָט אים דער קעניג געריימט.

— דו מוזט וויסן, הער קעניג, אַז עס איז מיר גאָרנישט שווער געווען צו געווינען, — האָט ער אים פאַרטרויט. — איך האָב זיך אָנגעהויבן צו איבן אין בויגן־שיסעריי, ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר. ווער כ'איז אַ שלעכטער שיסער, ווערט נישט אָנגענומען אין קיין שום מוסולמענישן ריטער־אָרדן.

— איז עס באמת אַזוי? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— זיכער, הער קעניג, — האָט אַלאַזאַר אָפּגעענטפערט, און אָנגעהויבן אויסצורעכענען די צען מידות פון אַ מוסולמענישן ריטער אין אַ פליסנדיקן אַראַביש: — גוטסקייט, דרייסטקייט, העפלעכקייט און טאַקט, פעיקייט צו פאָעזיע, צו רעטאָריק, אַ שטאַרקן געזונטן קערפער, פעיקייט צום רייטן, צו שפּיז־וואַרפעריי, פאַר געפעכט און בויגן־שיסעריי.

בעת מעשה איז אַלפאָנסאָ אַריין אַ געדאַנק, אַז ער אַליין מיט זיינע קענטענישן אין פאָעזיע, אין רעטאָריק, וואָלט קוים געקאָנט ווערן אַ מוסולמענישער ריטער.

אויפן דריטן טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן אָקסן־קאַמפן. אין דעם דאָזיקן ספאָרט האָבן נאָר געקאָנט אָנטיילנעמען די איידעלע גראַנדן. זינט דער בישאָף עזעבאַס פון טאַראַגאָנאַ איז אויף אַן אָקסן־קאַמף פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט מען אַלע בישאָפן פאַרבאָטן אָנטייל צו נעמען אין דער דאָזיקער שפיל. שטאַרק געליטן פון פאַרבאָט האָט דער אַרציבישאָף דאָן מאַרטין, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון דעם דאָזיקן ספאָרט.

אויף אַ טריבונע פאַר די ערשטע פון דער מלוכה זענען געזעסן דאָן אַלפאָנסאָ און די קעניגין. ער איז געווען זייער גוט געשטימט. ער האָט געשפירט אַ וואַרעמקייט אין האַרצן, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צום קאַמף פון מענער מיט אָקסן.

אויף אַן אַנדער טריבונע און אויף די באַלקאָנען פון די שכנותדיקע הייזער זענען אַרום און אַרום געזעסן אויסגעפוצטע דאַמען און צווישן זיי אויך רחל. ווידער איז זי געזעסן הינטער אַנדערע, האַלב־פאַרבאָרגן. אָבער דאָן אַלפאָנסאָס געניט אויג האָט זי אויסגעזוכט, און ער האָט באַמערקט, אַז איר בליק איז נישט שטענדיק געצילט אויפן אָקסן־

קאַמף, נאָר צייטנווייז אויך אויף אים. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דאָס דאָזיקע יונגע וועזן האָט אים דרייסט געזאָגט אין פּנים אַריין, אַז זיין קעניגלעכער שלאָס געפעלט איר נישט. און פלוצלונג האָט זיך אים שטאַרק פאַרגלוסט אַליין אָנטיילצונעמען אין אָקסן-קאַמף. ער דאַרף דאָס דרייסטע ווייבל, וועלכער האָט אים געוואָלט שענקען דעם בייגן, נישט אַנטווישן, ער מוז באַווייזן זיין גבורה אויך זיין יונגן קוזין, וועלכער פאַרגעטערט אים. פאַרשטייט זיך, ער מוז אַליין אַרויסרופן דעם אָקס און זיך מיט אים אַן עצה געבן.

דאָן מאַנריקע האָט אים פאַרשווירן נישט ריזיקירן מיט זיין הייליק לעבן אין אַן אומנוצלעכער שפּיל. דאָניע לעאָנאָר האָט אים אויך געבעטן אָפּזאָגן זיך. דאָן ראָדריגע האָט אים דערמאָנט, אַז זינט דעם זעקסטן אַלפאָנסאָ האָט קיין שום שפּאַנישער קעניג נישט אָנטיילגענומען אין אָקסן-קאַמף. דער אַרציבישאָף דאָן מאַרטין וויזט אָן, אַז אויך ער ליידט דערפון, וואָס ער קאָן נישט אָנטיילנעמען אין קאַמף. אָבער דאָן אַלפאָנסאָ, שפּאַסנדיק, פול מיט יונגטלעכער פרייד, לאָזט זיך נישט איבערצייגן.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קיניגלעכן מאַנטל און גלייך האָט מען אים אָנגעטאָן אַ געפלאָכטן פאַנצער-העמד. עס האָבן געהילכט די טראָמייטערס און דער העראָלד האָט אויסגערופן:

— מיטן ווייטערדיקן אָקס קעמפט דאָן אַלפאָנסאָ, מיט גאָטס גענאָד קעניג פון טאָלעדאָ און קאַסטיליע.

ער האָט זייער גוט אויסגעזען, בעת ער איז געריטן צווישן די באַריערן, נישט אין שווערער באַוואָפענונג, נאָר אין באַוועגלעכן פאַנצער-העמד, דעם האַלדז און דעם קאָפּ פריי און בלויז אַן אייזערנע מיץ האָט איינגעהאַלטן זיינע רויטלעך-בלאָנדע האָר. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רייטער, און זיין פערד האָט פאַרשטאַנען זיינע לייכטע באַוועגונגען. נישט געקוקט אָבער אויף זיין גרויסער קונסט האָט ער מיט די ערשטע דריי קלעפּ געהאַט אַ דורכפאַל, דערביי איז דער דריטער געווען אַזוי געפערלעך, אַז אַלע האָבן אויפגעשריען. שנעל האָט ער אָבער באַהערשט זיין פערד און מיט אַ שרייענדיקער שטים אויסגערופן: „פאַר דיר, קעניגין לעאָנאָר!“ און דער פערטער קלאַפּ איז אים געלונגען.

אָוונטצייט, אין וואַנע-צימער, האָט רחל דערציילט איר אם סאאדן:

— ער איז זייער דרייסט, דער דאָזיקער אַלפאָנסאָ, און עס איז געשען, ווי אין דער געשיכטע מיטן סוחר אַכמעד, דעם רייזנדן, ווען

ער איז געגאַנגען איבערן צימער פול מיט נסים. איך האָב פיינט די דאָזיקע אָקסן־קאַמפן און איך האַלט, אַז מען האָט גוט געטאָן, וואָס מען האָט זיי אין סעוויליע אָפּגעשאַפט. אָבער פאַר די קריסטן איז עס אפשר זייער צוגעפּאַסט און ס'איז געווען מערקווירדיק זיך צוצוקוקן, ווי דער קעניג האָט געקעמפט מיט אַ צעווילדעוועטן אָקס. פאַרן לעצטן קלאַפּ האָט ער באַוועגט זיינע ליפּן. דאָס האָב איך אַליין געזען, דער סוחר אַכמעד, איידער ער איז אַריין אין וואונדערלעכן צימער, האָט אָפּגעזאָגט די ערשטע סורע פון קאָראַן. מן הסתם האָט דער קעניג אויך אָפּגעזאָגט אַ הייליקן פּסוק. און דאָס האָט אים געהאָלפן. ער האָט אויסגעזען העלדיש, ווי דער מאָרגנשטערן און האָט געשטראַלט פון גליק, ווען ער האָט דעם אָקס אַוועקגעלייגט. ער איז אַ העלד. אָבער ער איז נישט קיין אמתער ריטער. עס פעלן אים וויכטיקע מידות: ער איז אַ שוואַכער רעדנער און האָט נישט קיין חוש פאַר פּאָעזיע. ווען ער וואָלט געהאַט די דאָזיקע פעיקייטן, וואָלט ער נישט ליב געהאַט זיין אַלטן פינצטערן שלאָס.

דאָן אַלפּאָנסאָ און דאָניאַ לעאָנאָר האָבן געהאַלטן, אַז אין אַזאַ פייערלעכן טאָג פּאַסט נישט צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן באַנייטיקן געוויסע כבֿוכים. אפילו די פראַגע פון פאַרקויפן און פון וואַסאַל־רעכט האָבן זיי געלאָזן הענגען אין דער לופט.

די פייערלעכקייטן האָבן זיך פאַרענדיקט. עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון שווערד־געפעכט, ווען דאָן פעדראָ האָט באַקומען דעם ריטער־טיטל.

גאַנץ פרי האָט דער יונגער פרינץ דורכגעפירט דעם פייערלעכן באָר־צערעמאָניאַל. צוויי גייסטלעכע האָבן אים אָנגעטאָן. דאָס קלייד איז געווען רויט ווי בלוט, וואָס יעדער ריטער איז מחויב צו פאַרגיסן פאַר דער קירך און פאַר דער געטלעכער אָרדענונג; די שיך זענען געווען ברוין, ווי די ערד, צו וועלכער ער וועט זיך צוריקקערן; דער גאַרטל איז געווען ווייס, ווי די ריינע מחשבה, וואָס איז אין אים פאַרזאָגט אָפּצוהיטן.

אַלע גלאָקן האָבן געקלונגען, בעת מען האָט דעם פרינץ געפירט דורך גאַסן פאַרשאָטן מיט בלומען צו דער סאַנטיאַגאָ־קירך. דאָ, צווישן גראַנדן און דאַמען פון קאַסטיליע און אַראַגאָן האָט אויף אים געוואַרט דאָן אַלפּאָנסאָ. דעם צעטומלטן דאָן פעדראָ האָבן פּאַזשן אָנגעטאָן די

קאַסקע, דאָס פּאַנצער־העמד, דערלאַנגט אים דעם הרייעקיקן שילד, דאָס גאַנצע וואָפּן, וואָס האָט זיך געפאָדערט צו פאַרטיידיקונג. ער האָט באַקו־מען די שווערד און צוויי אַדל־פרויען האָבן אים אָנגעטאָן גאָלדענע שפּאָרן. איצט האָט ער געקאָנט אַרויסרייטן צום קאַמף פאַר אמת און יושר.

אַזוי אָנגעטאָן, קניט דאָן פּעדראָ, און דער אַרציבישאָף איז מתפּלל מיט אַ קלינגענדיקער שטים:

— פאָטער אונדזערער, וואָס דו ביסט אין הימל, דער וואָס האָט באַפוילן אויף דער ערד די שווערד צו נוצן, כדי אויסצוהאַלטן דאָס בייז, דער וואָס האָט דעם אמת צו באַשיצן אויפגעשטעלט דאָס קריסטלעכע ריטערטום: מאַך אַז דער דאָזיקער קנעכט דיינער זאָל קיינמאָל נישט באַ־נוצן זיין שווערד אויף אַן אומשולדיקן און זאָל שטענדיק פאַרטיידיקן דיין רעכט און דיין אָרדענונג.

אַלפאָנסאָ האָט זיך בעת מעשה דערמאָנט, ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך יונג געווען, האָט ער די ריטערשאַפט באַקומען נאָכדעם ווי ער האָט בלוטיק באַקעמפט די אויפשטענדלער אויף די גאַסן פון טאָלעדאָ. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער קאַטעדרע פון טאָלעדאָ פאַר דער סטאַטוע פון דעם הייליקן סאַנטיאַגאָ. דאָס הייסט אַז דער אַפּאָסטאָל בכבודו ובעצמו האָט אים געשאָנקען די ריטערשאַפט. מעגלעך, אַז עס זענען גערעכט די אפּיקורסים, וואָס האַלטן נישט פון דער הייליקייט, נאָר די סטאַטוע, באַוועגט דורך קונסטלעכע מעכאַנישע מיטלען, האָט אים דעם שווערד־קלאַפּ דערלאַנגט. אָדער אפשר האָט ווירקלעך פּאַסירט, ווי דער אַרצי־בישאָף האָט פאַרזיכערט, אַז אין יענעם דערהויבענעם אויגנבליק האָט זיך די סטאַטוע צוריק פאַרוואַנדלט אין דעם הייליקן אַפּאָסטאָל, אַליין, פאַרוואָס זאָל ווידער נישט קומען דער הייליקער סאַנטיאַגאָ בכבודו ובעצמו און זאָל ווידער דעם קעניגלעכן דאָן פּעדראָ נישט מכבד זיין מיטן ריטער־קלאַפּ?

מיט גרינגשעצונג און מיטלייד האָט דאָן אַלפאָנסאָ געקוקט אויפן יונגן קוזין, וועלכער איז פאַר אים הכנעהדיק געשטאַנען אויף די קני. וואָס אַזוינס האָט ער שוין נישט אויפגעטאָן, ווען ער איז געווען אין דאָן פּעד־ראָס יאָרן! צעבונטעוועטע ריקאָס־האָמברעס (רויב־לייט) האָבן געפּאָ־דערט פון אים אַ שבועה, אַז ער וועט נאָכגעבן זייערע פּרעטענזיעס. אָבער ער פון גאָטס גנאָד, קעניג פון קאַסטיליע און פון טאָלעדאָ, האָט אויף זיי מיט כעס אָנגעשריגן מיט זיין הויכער ייִנגלשער שטים:

— ניין, ניין, שטעלט אייך אויף די פֿיס, איר מוטיקסטער בערנאַרדאָ, אַז איר זענט!

זיי האָבן אים געדראָהט מיט מלחמה און אַרויסגעשיקט קעגן אים מיליטער, אַ סך מיליטער. ער האָט זיך מיט זיי נישט געחכמעט, נאָר געקעמפֿט, ווי מיט אמתע שונאים. אָבער ער, זיין קוזין, וואָס שטייט דאָ פֿאַר אים אויף די קני, איז בלויז אַ געבעכדיקער קעניג פֿון אַראַגאָן, דאָס ראָזיקע נאַרישע ייִנגל וועט זיך נישט איינשפּאַרן, ער וועט אָפּגעבן אַ קנעכטישע שבֿועה די חוצפּהדיקע גראַנדן, אַט די אַראַגאָנישע גראַנדן, וועלכע האָבן געצוווּנגען זייערע אַזוי־גערופֿענע מלכים בזה הלשון:

— מיר, וואָס זענען מער פֿון דיר, ווילן דיך אַלס קעניג מיטן באַדינג, אַז דו זאָלסט שטיצן אונדזערע רעכט און פּריווילעגיעס און צווישן אונדז מיט דיר וועלן מיר אויסוויילן אַ בורר, וועלכער וועט האָבן מער מאַכט פֿון דיר. ווילסטו נישט איז נישט, ווילסטו יאָ איז גוט.

עס האָט אים אַ גרויס גליק געטראָפֿן, וואָס אַזאַ „קעניג“ וועט זיין דער צוקונפֿטיקער מאַן פֿון זיין טאָכטער און זיין נאָכפֿאָלגער און אויב ער, אַלפֿאָנסאָ, פֿאַרדינט, אַז בעת זיין לעבן זאָל ער האָבן די אויבערמאַכט איבער שפּאַניע, איז עס נאָר אַ קליינע פֿאָדערונג.

דאָן פּעדראָ, פֿול מיט טיפֿער ריטערלעכער פֿרומקייט, האָט געשוווירן:

— איך טו אַ נדר, אַז די דאָזיקע שווערד מייַנע וועל איך קיינמאָל נישט אויפֿהייבן קעגן אַן אומשולדיקן און שטענדיק פֿאַרטיידיקן דעם אמת און גאָטס הייליקע אָרדענונג.

ער האָט פֿאַרבויגט דעם קאָפּ און מיט הכנעה געוואַרט אויפֿן שווערדקלאַפּ, וואָס וועט אים אויף אייביק אַריינפֿירן אין ריטערשאַפֿט.

ער האָט באַקומען דעם קלאַפּ. דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט אים דערלאַנגט איבער דער פּלייצע מיטן דער פֿלאַך פֿון שווערד נישט אַזוי שטאַרק, דאָך גענוג קרעפֿטיק, אַז ער זאָל דערשפּירן ווייטיק אונטער דער גאַנצער מאַסע פֿון דעם פּאַנצער־העמד.

דאָן פּעדראָ האָט נישט ווילנדיק געצוקט מיט די אַקסלען. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און זיך געוואָלט אויפֿהייבן. דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— נאָך נישט, הער קוזין, — האָט ער געזאָגט, — איצט וועלן מיר זיך פֿאַרבינדן מיט שווערד אין מיט ברייטשאַפֿט. גיט אַהער די פֿאַן, — האָט ער באַפֿוילן.

און וואַרטנדיק אויף דער פאָן, האָט ער אַראָפגעצויגן די הענטשקע פון זיין רעכטער האַנט און, נעמענדיק די פאָן פון קאַסטיליע אין דער לינקער, געזאָגט:

— היות די האָסט אויסגעדריקט דיין ווונטש, מיין קוזין דאָן פעדראָ פון אַראַגאָן, נעם איך דיך אָן פאַר מיינם אַ וואַסאַל און איך טו אַ נדר דיך צו באַשיצן, ווען דו וועסט זיך אין מיר נייטיקן. אַזוי העלף מיר גאָט!

ער רעדט נישט הויך, נאָר זיין הערשנדיקע שטים פילט אָן דעם קלויסטער.

דער יונגער דאָן פעדראָ, צעטומלט דורך זיינע באַגייסטערטע הכנעהדיקע איבערלעבונגען פון שווערד-געפעכט און ריטער-קלאַפ, האָט נישט געוווסט גענוי, וואָס מיט אים האָט פאַסירט. דאָניאַ לעאָנאָר האָט אים צוגעזאָגט די האַנט פון איר טאָכטער און די טראָן-ירושה פון קאַסטיליע. צי האָט זי אים עס באמת צוגעזאָגט? און וואָס איז מיט דער צווייטער שבועה וועגן וואַסאַל-רעכט? צי האָט ער זיך אַמאָל נישט אַרויסגעכאַפט מיט אַן איבעריק וואָרט און געגעבן אַ ווייטגייענדיקע הבטחה? און צי איז איצט די צייט פאַר אַזעלכע חשדים? ער האָט דאָך נאָר-וואָס געגעבן אַ ריטערלעכן נדר פון געהאָרכזאַמקייט און שוין ביים ערשטן נסיון חרטה האָבן?

ער, דער יונגער ריטער, האָט געקניט פאַרן עלטערן, וועלכער האָט מיט אַ פינסטער שטים געפאָדערט:

— איצט, דאָן פעדראָ, אַלס סימן, אַז דו וועסט מיר אין נאָמען פון גאָט דינען געטריי צו יעדער צייט, ווען איך וועל זיך אין דיר נייטיקן, קוש מיר אין האַנט!

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט דעם פרינץ, וואָס איז געשטאַנען אויף די קני.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דער אָנגעפאַקטער קירך. דערשלאָגן זענען געשטאַנען די אַראַגאָנישע גדולים. אין משך פון אַ גאַנצן דור האָט אַראַגאָן נישט געשפירט דעם יאָך פון אַ וואַסאַל. צוואָס האָט איצט דער יונגער קעניג געגעבן דעם קאַסטילישן אַלפאָנסאָ אַזאַ שענדלעכע שבועה? צי איז דען שוין פאָרגעקומען אַן אויסטויש פון הייראַט-אַקטן?

דאָן פעדראָ שטייט נאָך אַלץ אויף די קני פאַר דער פאָדערנדיקער

האַנט פון דאָן אַלפאָנסאָ. די אָנוועזנדיקע זענען נייגעריק צו וויסן, וואָס וועט דאָ פאָרקומען.

און געשען איז דאָס, אַז דער יונגער אַראַגאָנער האָט אַ קוש געטאָן די רעכטע האַנט פון דעם מאַן, וואָס האָט אין דער לינקער געהאַלטן די פאָן פון קאַסטיליע. ער האָט אים דערלאַנגט די הענטשקע, און דער אַראַגאָנער האָט זי צוגענומען.

קורץ נאָכדעם, ווען ער איז אַרויס פון דער מינקעלער קירך אויף דער ליכטיקער גאַס, אַרומגערינגלט פון זיין מרה־שחורהדיק־שווייגנדיקער סוויטע, האָט דאָן פעדראָ אויפגעוואַכט פון זיין טרוים און פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

אָבער צי האָט ער עס אָפּגעטאָן? דער אַנדערער האָט אים פאַרפירט און פאַרנאַרט אין אַ נעץ. דער דאָזיקער ווירדיקער מאַן, דער שפּיגל פון ריטערטום האָט די הייליקע האַנדלונג פון שווערד און ריטער־קלאַפּ אויסגענוצט פאַר זיינע שווינדלערישע צוועקן!

צוזאַמען מיט דער קירך־צערעמאָניע האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פאָלקס־פייערונג. די ערן־סוויטע פון די קאַסטילישע באַראָנען האָט זיך שוין צונויפגעזאַמלט און געוואַרט.

פלוצלונג האָט דאָן פעדראָ אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו זיינע גדולים:
— מיר פאָרן אָפּ תיכף! וואָס עס זאָל ווייטער געשען, וועלן מיר באַשליסן אין אונדזער הויפּטשטאָט — און קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, האָט דער יונגער קעניג מיט זיין סוויטע פאַרלאָזן די שטאָט בורגאָס, נישט שענקענדיק קיין בליק און נישט זאָגנדיק קיין „זיי געזונט“ די קאַסטיליער.

דאָסמאָל האָבן אַפילו די קעניגין פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט. אַ סוף צום בונד, וועגן וועלכן זי האָט געטרוימט. דאָס איז נישט געווען קיין העלדישקייט, נאָר אַ קינדערישער קאַפּריז — צו וועלן מיט געוואַלד געווינען דאָס, וואָס מען האָט לייכט געקאָנט דערגרייכן מיט גוטע ווערטער.

איר צאָרן האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. זי האָט געוווּסט, אַז אַלפאָנסאָ איז נישט געווען דער מאַן פון פאַרשלעפּטע אונטערהאַנדלונגען. ער האָט געוואָלט פליען און נישט קלעטערן. אַפילו איר פאָטער פון ענגלאַנד, דער גרעסטער קעניג און דער קלוגסטער מלוכה־מאַן האָט געהאַט ענלעכע משוגעתן. ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיינע ווילדע

ווערטער און אומגעבראַכט דעם אַרציבישאָף פון קאַנטערבערי, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיינע ריטער זענען געווען קעגן און וואָס זיין טאַט האָט געקאָנט גורם זיין דאָס גרעסטע אומגליק.

דאָן מאַנריקע און דאָן יהודה האָבן געבעטן, זי זאָל זיי אויפנעמען. זי האָט זיי פאַרבעטן צו זיך.

יהודה איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. דאָס וואָס ער האָט מיט אַזויפיל שׂמחה און געדולד אויפגעבויט, איז ווידער צעשטערט געוואָרן דורך דעם נאַרישן זעלנערישן איינפאַל פון קעניג. אויך דאָן מאַנריקע איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. אָבער דאָניע לעאָנאָר האָט מיט קעניגלעכער ווירדע פאַרטיידיקט דאָן אַלפאָנסאָן קעגן אַלע פאָרווורפן. שולדיק איז, לויט איר מיינונג, דאָן פּעדראָ, וועלכער איז פלוצלונג, קעגן אַלע געזעצן פון קורטואַזיע אַנטלאָפן געוואָרן, נישט געבנדיק די מעגלעכקייט אויפצוקלערן די פאָרגעקומענע מיספאַרשטענדעניש.

דאָן מאַנריקע האָט געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען אַ סך שענער, ווען דער פּרינץ וואָלט פאַרבליבן אין בורגאָס. אָבער דאָס דאָזיקע אומדערצויגן יינגל איז דער צוקונפטיקער קעניג פון אַראַגאָן. איצט וועט ער בלי ספק אָננעמען אַלס וואַסאַל גוטיערע דע קאַסטראָן און די מלחמה, וואָס גאָט האָט מיט זיין רחמים פאַרהיט, וועט איצט אויסברעכן.

דאָן יהודה האָט פאָרזיכטיק פאָרגעלייגט:

— מען דאַרף נאָך איצט פרוון אויפצוקלערן די מיספאַרשטענדעניש, — און היות דאָניאַ לעאָנאָר האָט געשוויגן, האָט ער צוגעגעבן: — אויב עס געפינט זיך אַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען איבערווייזן דעם פּרינץ פון אַראַגאָן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער און שטילן זיין צאָרן — בּיסטו עס, פרוי קעניגין.

דאָניאַ לעאָנאָר טראַכט און פרעגט נאָכדעם:

— וועט איר מיר העלפן צוגרייטן פאַר אים אַ שליחות?

— איך האָב מורא, אַז אַ שליחות וועט נישט גענוג זיין, — האָט יהודה רואיק געענטפערט.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט אָנגעכמורעט די ברעמען און געפרעגט:

— דאַרף איך אַליין פאָרן קיין סאַראַגאָסע?

— עס איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל, — האָט דאָן מאַנריקע צוגעהאָלפן יהודהן.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט געשוויגן מיט גאווה. דאָן יהודה האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז איר גאווה זאָל נישט גובר זיין דעם שׂכל־הישר.

— איך וויל, — האָט זי איז אַ ווײַלע אַרום געזאָגט, — זיך מיישב זײַן, ווי אַזוי צו האַנדלען, כּדי נישט דערנידעריקן דעם כּבֿוד פֿון קאַס־טיליע.

אַלפֿאָנסאָן האָט זי גאָרנישט געזאָגט, נישט געמאַכט אים קיין פֿאָר־וווּרפֿן און געוואַרט ביז ער אַליין וועט אָנהייבן רעדן. זײַנע רייד האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פֿון פּרעטענזיע:

— איך ווייס נישט וואָס אַלע ווילן פֿון מיר. זיי גייען אַרום מיר, ווי אַרום אַ קראַנקן. ענדלעך, וואָס בין איך שולדיק, אַז דער דאָזיקער שנעק איז פּשוט אַנטלאָפֿן. שולדיק איז זײַן טאַטע, וואָס האָט אים אַזוי דערצויגן.

— אָבער ער איז דאָך גאָר זייער יונג, — האָט דאָניאַ לעאָנאָר זיך געשטעלט אויף זײַן זײַט, — זײַן קורטואַזיע־מאַנגל דאַרף מען נישט באַטראַכטן אַזוי ערנסט.

— אויך איצט ביסטו גוט, ווי שטענדיק, דאָניאַ לעאָנאָר, — האָט ער געענטפֿערט.

— אַ ביסל בין איך אפֿשר שולדיק, — האָט זי ווײַטער געזאָגט, — איך האָב געדאַרפֿט פֿריער מיט אים רעדן וועגן וואָס־אַל־ה־עכט, ס'וואָלט אפֿשר געווען אַ יושר צו פֿאַרריכטן דעם באַגאַנגענעם פֿעלער? ווי קוקס־טו דערויף, אַז איך זאָל צופֿאָרן קיין סאַראַגאָסע און אויפֿקלערן דאָס מיס־פֿאַרשטענדעניש?

— איז עס נישט קיין צו גרויסער כּבֿוד פֿאַר אַזאַ יונגן תּכשיט? — האָט אַלפֿאָנסאָ געפֿרעגט, כמורעדיק די ברעמען.

— ער איז אָבער קעניג פֿון אַראַגאָן, — האָט לעאָנאָר געענטפֿערט.

— און מיר האָבן דאָך געוואָלט מיט אים זיך משדך זײַן.

אַלפֿאָנסאָן האָט די מעשה אַ ביסל פֿאַרדראָסן, אָבער גלײַכצײַטיק איז אים לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן. ווי גוט, וואָס ער האָט אַזאַ לעאָנאָר. פּשוט, אָן שום איבעריקע ווערטער איז זי געווען גרייט אַוועק־צופֿאָרן קיין סאַראַגאָסע, כּדי זיך דאָרט פֿאַרענטפֿערן. דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט זיך אָנגערופֿן:

— דו ביסט די אמתע קעניגין, צוגעפּאַסט צו אַ צײַט, ווען עס פֿאָדערן זיך קונצן און שפּיצלעך. איך בין און וועל בלײַבן אַ רײַטער, וואָס האָט קיין געדולד נישט. נישט קיין לײַכט לעבן האָסטו מיט מיר, דאָניאַ לעאָנאָר.

מער ווי די ווערטער האָט זי איבערצייגט די יונגטלעכע פרייד אויף זיין ליכטיקן פנים און זיין אויפריכטיקע דאַנקבאַרקייט.

פאַרן אָפּפאָרן קיין אַראַגאָן האָט זי זיך באַראַטן מיט דאָן יהודהן און מיט מאַנריקען. מען האָט באַשלאָסן צו מאַכן אין סאַראַגאָסע פאָלגנדיקן פאָרשלאַג: קאַסטיליע וועט צוריקציען איר גאַרניזאָן פון קוענקאַ און נעמט אויף זיך די התחייבות במשך פון צוויי יאָר נישט צו שיקן קיין שום מיליטער אויף דער גרענעץ פון דער גראַפשאַפט דע־קאַסטראָ; דערפאַר מוז אָבער אַראַגאָן אָפּהאַלטן די דע־קאַסטראָס פון זייערע פיינטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן קאַסטיליע. אין פאַל ווען גוטיערע דע־קאַסטראָ וועט זיך אָנשליסן אַלס וואַסאַל פון אַראַגאָן, וועט קאַסטיליע דערויף איינגיין, הגם זי וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון אירע פרעטענזיעס. וואָס שייך דער אויבערמאַכט פון קאַסטיליע אָבער אַראַגאָן בלייבט פאָרלויפיק די פראַגע הענגען אין דער לופט און יענע צערעמאָניע וועט נישט גענומען אין באַטראַכט, ווייל געזעצלעך טרעט די דאָזיקע אַפּיטרופסות אַריין אין קראַפט ערשט דעמלט, ווען אַראַגאָן וועט איינצאָלן הונדערט גאָלד־מאַראַוועדי, אָבער די דאָזיקע צאָלונג וועט קאַסטיליע נישט פאָדערן.

אין סאַראַגאָסע האָט דער יונגער קעניג אויפגענומען דאָניאַ לעאָנאָר מיט דער העכסטער קורטואַזיע. דאָך איז אים געווען שווער צו פאַרבאָרגן זיין אויפרעגונג צוליב דעם, וואָס איז מיט אים געשען אין בורגאָס. זי האָט נישט באַרעכטיקט אַלפאָנסאָן, זי האָט דערקלערט, אַז ער ליידט שטאַרק פון דעם צו לאַנגן וואָפנשטילשטאַנד מיט סעוויליע וואָס זיינע פאָרזיכטיקע מיניסטאָרן האָבן אים אָנגעוואָרפן. ער וואָלט געוואָלט וואָס שנעלער זיך אָפּרעכענען מיט סעוויליע פאַר דער געליטענער מפּלה און אויסקעמפן פאַרן קריסטנטום נייע נצחונות איבער די אומגלויביקע. דער גליקלעכער צוקונפטיקער בונד מיט אַראַגאָן וואָלט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויסצופירן זיינע פלענער, זיין ריטערלעכער אומגעדולד האָט אים צו ווייט פאַרפירט. זי פאַרשטייט זיי ביידן זייער גוט. זי האָט צו אים גערעדט אָפנהאַרציק, מוטערלעך, מיט פרויענצאַרטקייט.

אין קעגנוואָרט פון דער דאָזיקער גוטהאַרציקער, ליבלעכער דאַמע איז דאָן פּעדראָ קוים געלונגען איינצוהאַלטן די חשיבות פון אַ באַליידיקטן ריטער. ער האָט געזאָגט:

— דו מאַכסט ווייכער די באַליידיקונג, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן

בנוגע מיר. איך דאַנק דיר זייער דערפאַר. זאָלן דײַנע ראַטגעבער אונ־טערהאַנדלען מיט מײַנע.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט דאָניאַ לעאָנאָר גערעדט מיט דאָן פעדראָן ווי אַמאָל, מיט זיסע חנודיקע רייד, וועגן אַן ענגער פאַרבינדונג צווישן קאַסטיליע און אַראַגאָן. דאָן פעדראָ האָט אַ פאַררויטלטער געזאָגט:

— איך פאַרגעטער דיך, דאַמע, און ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל אַזוי צו מיר געשמייכלט האָט מײַן האַרץ געקוואָלן פון פרייד. איצט אָבער איז אַנגעקומען דער בייזער ווינטער און האָט אַלץ פאַרפרוירן. — און מיט אָנשטרענגונג האָט ער צוגעגעבן: — איך וועל מײַנע ראַטגעבער אָנווייזן, זיי זאָלן אָנגעמען קאַסטיליעס פאָרשלאָגן — אַלס כבוד צו דיר, גנעדיקע דאַמע, איך וועל אָנהאַלטן שלום מיט דאָן אַלפאָנסאָ. ער אָבער האָט דעם בונד צעריסן. איך וויל זיך מיט אים נישט מתחתן זײַן, איך וויל נישט צוזאַמען מיט אים מלחמה האַלטן.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך צוריקגעקערט קיין בורגאָס. דאָן אַלפאָנ־סאָ האָט געזען, אַז זי האָט אַ סך אויפגעטאָן: די מלחמה איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

— דו ביסט אַ קלוגע פרוי, לעאָנאָר, — האָט ער זי געריימט. — דו ביסט מײַן קעניגין און פרוי.

און אין יענער נאַכט האָט דאָן אַלפאָנסאָ געליבט די פרוי, וועלכע האָט אים געבוירן דריי טעכטער, פונקט ווי אין דער ערשטער נאַכט, ווען ער האָט זי דערקענט.

# קאַפּיטל פינף

נאָכדעם ווי די מוסולמענער האָבן אַ האַלבן יאָרהונדערט געהערשט אין ירושלים, האָט גאָטפריד פון בולאָן זי ווידער דעראָבערט פאַר די קריסטן און האָט דאָרט געגרינדעט דאָס „קעניגרייך ירושלים“. די קריסטלעכע הערשאַפט האָט געדויערט בלויז אַכט און אַכציק יאָר, דערנאָך האָבן די מוסולמענער די שטאָט אויף דאָס ניי אָפּגענומען.

דער מאַן, וועלכער האָט דאָס מאָל צוריק אַריינגעבראַכט די מוסולמענער קיין ירושלים איז געווען יוסוף מיטן געקרוינטן נאָמען סאַלאַדין „דער שומר פון גלויבן“, סולטאַן פון סיריע און מצרים; די שלאַכט, וואָס האָט אים געגעבן אַ פולשטענדיקן נצחון איז פאָרגעקומען אין דער געגנט פון די חטין־בערג, צו מערב פון טבריה. אַן עדות־ראיה פון דער דאָזיקער שלאַכט איז געווען דער מוסולמענישער היסטאָריקער אימאַר אד־דין, אַ ידיד פון מוסא איבן דאַאוד, וועמען ער האָט אין אַ בריוו איבערגעשיקט אַן אויספירלעכן באַריכט פון דער גאַנצער קריגס־אָפּעראַציע.

„די פיינטלעכע געפאַנצערטע ריטער, — האָט ער געשריבן, — זענען געווען אומבאַזיגבאַר, כל־זמן זיי זענען געזעסן אין די זאָטלען, ווייל זיי זענען געווען געשיצט פון קאָפּ ביז די פיס דורך זייערע אייזערנע געפלאָכטענע העמדער. קוים אָבער איז דאָס פערד געפאַלן, איז דער ריטער געוואָרן אומבאַהאָלפן. ווי לייבן האָבן זיי זיך געהאַלטן אין אָנהייב שלאַכט, און ווי צעזייטע שאָף — ווען די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט.

קיינער פון די אומגליקלעכע איז נישט אַנטרונען געוואָרן. פון די פינף און פופציק טויזנט זענען לעבן געבליבן קוים פופצן טויזנט. אַלע זענען זיי גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. אַלע — אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט, אַפילו דער קעניג פון ירושלים, זיינע גראַפן און גראַנדן, עס האָבן נישט געסטאַרט חי שטריק פון געצעלטן. איך האָב געזען דרייסיק־פערציק מאַן געבונדן מיט איין שטריק. איך האָב געזען, ווי מער פון הונדערט געפאַנגענע זענען געווען אונטער דער שמירה פון איין

אײנציקן. איך האָב עס אַלץ געזען מיט מײַנע אײגענע אױגן. דרײַסיק מײַלן זענען דערהרגעט געװאָרן, אָבער הוץ־דעם זענען געװען אַזױפֿיל געפֿאַנגענע, אַז אונדזערע האָבן פֿאַרקױפֿט אַ געפֿאַנגענעם ריטער פֿאַר אַ פּאָר סאַנדאַלן. זינט הונדערט יאָר זענען געפֿאַנגענע נישט געװען אַזױ ביליק.

װי שטאָלץ און פֿאַרריסן די דאָזיקע קריסטלעכע ריטער זענען גע־װען מיט עטלעכע שעה צוריק. איצט זענען די גראַפֿן און באַראָנען גע־װאָרן אַ רױב פֿון יעגערס, און אָנבײסן פֿון לײבן, די שטאָלצע פֿרײַע מענטשן האָט מען געבונדן מיט שטריק און געשמידט אין קײטן. אללאה איז גרױס! דעם אמת האָבן זײ אָנגערופֿן שקר און דעם קאָראַן — שװינדל. ליגן זײ איצט האַלב־נאַקעט, די פּנימער אָפּגעצערט, געשלאָגן דורך דער האַנט פֿון אמת!

די דאָזיקע בלינדע גאַראָנים האָבן אין שלאַכט מיטגעבראַכט זײער הײליקײט — דעם קרײַץ, אױף װעלכן זײער נביא קריסטוס איז גע־שטאָרבן. אױך דער קרײַץ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אונדזערע הענט.

װען די שלאַכט האָט זיך פֿאַרענדיקט, בין איך אַרױף אױפֿן באַרג הוטן. אױף דעם באַרג האָט זײער נביא — קריסטוס — געהאַלטן אַ באַ־ריִמטע דרשה. איך האָב באַטראַכט דאָס שלאַכט־פֿעלד. דעמאָלט איז מיר קלאָר געװאָרן װאָס אַ פֿאָלק, װעלכעס געניסט פֿון אַללאַהס חסד, קאָן אָפּטאָן מיט אַ פֿאָלק, װאָס איז פֿון אים פֿאַרשאָלטן. איך האָב געזען אָפּגעהאַקטע קעפּ, צעקװעטשטע קערפּערס, צעשטערטע גלידער, אומע־טום גסיסה, אױף יעדן שריט טױטע, באַדעקט מיט בלוט און שטױב. און איך האָב זיך דערמאָנט די װערטער פֿון קאָראַן: „די אומגלױביקע װעלן זאָגן: איך בין נישט מער װי שטױב“.

נאָך אַ סך ענלעכע זאַצן, באַאײַנפֿלוסט פֿון איבערלעבונגען, האָט געשריבן דער היסטאָריקער אימאַד אַד־דין און האָט פֿאַרענדיקט מיט די דאָזיקע װערטער: „אָ, זיסער גערוך פֿון נצחון!“

איבערגעלײענט דעם בריװ, איז מוסא שטאַרק פֿאַרדאַגהט געװאָרן. פֿון דער װאַנט האָט צו אים גערעדט דער אַלטער קופּישער שפּרוך: „עס איז בעסער אַ גראַם שלום אײדער אַ טאָן זיג“. אָט, צוליב דעם דאָזיקן שפּריך האָט נישט אײן מוסולמענער בעת דעם הײליקן קריג פֿאַרלױרן זײַן לעבן אַלס אפּיקורס. אַ סך קלוגע לײַט טראָגן דעם דאָזיקן שפּרוך בלױז אין מױל, פּונקט װי זײַן פֿרײַנד, דער שרײַבער אימאַד, װאָס האָט אים דעם בריװ געשריבן. צוליב אַזעלכע רײד איז ער אַמאָל שיר־נישט

דערהרגעט געוואָרן דורך אַ פאַנאַטישן דערוויש. און איצט שרייבט ער אַזאַ בריוו!...

יאָ ס'איז אויסגעקומען פונקט, ווי עס שטייט געשריבן אין תנ"ך: דער יצר־הרע, דער בייזער אינסטינקט איז מעכטיק פון די יונגע יאָרן. מענטשן ווילן רק יאָגן און שלאָגן, ברעכן און שטעכן, און אפילו אַזאַ חכם, ווי זיין פריינד אימאַד, ווערט „פאַרשיכורט פונעם נצחון־וויין".

גאָר בקרוב וועלן ווידער אַ סך מענטשן פאַרשיכורט ווערן פונעם נצחון־וויין. היות ירושלים איז ווידער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די מוסולמענער, וועלן די קריסטן נישט שווייגן און זייערע גלחים וועלן ווידער־אַמאָל פראָקלאַמירן אַ הייליקן קריג און שלאַכט־פעלדער וועלן ווידער אַזוי שוידערלעך אויסקוקן, ווי עס באַשרייבט זיי אימאַד אַד־דין.

און אַזוי האָט פּאַסירט.

די ידיעה וועגן פאַלן פון ירושלים, וואָס די קרייצלער האָבן מיט נייַנציק יאָר צוריק מיט אַזויפיל קרבנות דעראָבערט, האָט אויפגערעגט די גאַנצע קריסטלעכע וועלט. אומעטום תעניתים און תפילות. פירשטן פון דער קירך האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון פּראַכט און תענוגים. אפילו קאַרדינאַלן האָבן געטאָן אַ נדר, אַז זיי וועלן נישט זעצן זיך אויף קיין פערד כל־זמן אויף דער ערד, אויף וועלכער קריסטוס האָט געוואַנדערט, וועט בלייבן כאָטש איין איינציקער עבודה־זרהניק; נאָכמער, זיי וועלן זיך אַוועקלאָזן אין קריסטלעכע לענדער, קלייבנדיק אויפן וועג נדבות און האַלטן דרשות וועגן תשובה און נקמה.

דער הייליקער פאָטער האָט גערופן צו אַ נייעם קרייץ־צוג. ירושלים, דער נאָפּל פון דער ערד, דער גן־עדן התחתון מוז באַפרייט ווערן. יעדן איינעם, וועלכער וועט נעמען דעם קרייץ, האָט ער באַשטימט אַ שכר אויף דער־און אויף יענער־וועלט און פאַרזיכערט אַ וועלט־שלום אויף זיבן יאָר — Truega Dei*)

דער הייליקער פאָטער אַליין האָט געגעבן דעם ערשטן איידעלן ביישפּיל און פאַרענדיקט דעם קאַמף מיטן הערשער פון דייטשלאַנד, מיטן רוימישן קייזער פרידריך. ער האָט געשיקט אַ לעגאַט, דעם אַרציבישאָף פון צירוס, צו די מלכים פון פראַנקרייך און ענגלאַנד און זיי באַ־

*) גאָטס שטילשטאַנד, ד. ה. אַז די מלכים זאָלן זיך אויפהערן צווישן זיך אַרומצוריייסן.

שווירן אַ סוף מאַכן צו זייערע אָרומרייסעניש. מיט אַ דרינגענדיקן שליחות־בריוו האָט ער זיך געווענדעט צו די קעניגן פֿון פּאָרטוגאַל און אַראַגאָן זיי זאָלן באַגראָבן זייערע סכסוכים, זאָלן זיך ברידערלעך פֿאַראייניקן און יעדער זאָל אויף זיין אופֿן אָנטיילנעמען אין קרייץ־צוג. זיי זאָלן אַרויסשליידערן דעם מוסולמענער פֿון זייער האַלב־אינדזל און צעקלאַפּן דעם אַנטיקריסט פֿון מערב, דעם קאַליף יאַקוב אַלמאַנסור אין אַפֿריקע.

ווען דער אַרציבישאָף האָט אים מיטגעטיילט וועגן שליחות־בריוו פֿון פּויפּסט, האָט דאָן אַלפֿאָנסאָ צונויפֿגערופֿן דעם קרוין־ראַט, — די קוריאַ. דאָן יהודה האָט זיך געמאַכט קראַנק און זיך געהאַלטן פֿונדערווייטנס.

דער אַרציבישאָף האָט אין שטאַרקע ווערטער אויפֿגעוויזן, אַז דאָ אין שפּאַניע האָט זיך דער קרייץ־צוג אָנגעהויבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿריער, ווי אין אַנדערע לענדער. גלייך נאָכדעם, ווי די מוסולמענישע פֿעסט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם לאַנד האָבן די קריסטלעכע גאָטן, די אבֿות פֿון די איצטיקע האַרן, געגעבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד...

— אין אונדז איז עס אָנבאַלאַנגט, — האָט ער אויסגערופֿן מיט באַגייסטערונג, — די גרויסע הייליקע טראַדיציע פֿאָרצוזעצן און Deus vult — גאָט וויל עס! — האָט ער פֿאַרענדיקט מיטן רוף פֿון די קרייצלער.

סאַראַ חשק דער רוף האָט דערוועקט אין אַלעמענס הערצער. אפֿילו דער אַלטער רודף־שלומניק, האָן ראָדריגע, האָט זיך אויך צעהיצט. אָבער זיי אַלע האָבן געוווּסט מיט וואָסערע געוואַלדיקע שוועריקייטן די זאַך איז פֿאַרבונדן.

זיי זענען געזעסן פֿאַרחושכטע און געשוויגן.

— איך בין אַליין בייגעווען, — האָט געזאָגט דער אַלטער דאָן מאַנריקע, — ווי מיר זענען אַריינגעדרונגען אין אַנדאַלוזיע ביז צום ים, איך האָב געזען ווי אונדזער האַר דער קעניג האָט ביי די מוסולמענער אָפּגענומען די גוטע שטאָט קוענקאַ, ווי אויך די פֿעסטונג אַלאַרקאָס. איך וואָלט זיך מיטן גאַנצן האַרצן געוווּנטשן, איידער מען וועט מיך לייגן אין גרוב אַריין, אַז עס זאָל מיר באַשערט זיין נאָכאַמאָל אַרויסצוטרעטן קעגן די אומגלויביקע. אָבער מיר האָבן אַ וואָפֿנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט סעווילע, וואָס אונדזער האַר דער קעניג האָט אַליין אונטערגעשריבן און מיט זיין הערב געחתמעט.

— דער דאָזיקער טרויעריקער אונטערשריפט. — האָט געזאָגט מיט צאָרן דער אַרכיבישאָף, — האָט איצט קיין שום ווערט נישט, און קיינער וועט נישט קאָנען פאָרוואַרפן אונדזער קעניג, אויב ער וועט דאָס פּאַפּירל אָפּגעבן דעם הענקער צו פאַרברענען. מיט דעם דאָזיקן אָפּמאַך ביסטו לגמרי נישט פאַרבונדן, הער קעניג, — האָט ער זיך געווענדעט צו אַלפאָנסאָן: Juramentom contra utilitatem eccelesias ticam prestitum non tenet.

— אַ שבועה קעגן דער ווייל פון דער קירך האָט נישט קיין שום ממשות. אַזוי שטייט געשריבן אין דער געזעץ־זאַמלונג פון גראַטיאַנוס.

— עס שטימט, — האָט זיך אָנגערופן דאָן ראָדריגע, מיט הכנעה פאַרנייגנדיק דעם קאָפּ, — אָבער די אומגלויביקע גייט עס נישט אָן. זיי זאָגן, אַז אָפּמאַכן דאַרפן געהאַלטן ווערן. דער סולטאַן סאַלאַדין האָט ס׳רוב פון זיינע געפאַנגענע גוט באַהאַנדלט. אָבער ווי נאָר דער מאַרקגראַף פון שאַטילאָן האָט אים געמאָלדן, אַז ער האָט מיט רעכט געבראָכן דעם וואָפנשטילשטאַנד, ווייל זיין שבועה איז נישט גילטיק בנוגע גאָט און בנוגע דער קירך, — דערמאָנט אייך, מיינע הערן! — האָט דער סולטאַן באַלד געהייסן אים אומברענגען. דער קאַליף פון די מערבדיקע אומגלויביקע טראַכט פּונקט אַזוי ווי סאַלאַדין. ווען מיר וועלן ברעכן דעם אָפּמאַך מיט סעוויליע, וועט ער פון אפריקע איבערן ים אויף אונדז אָנפאַלן און די צאָל פון זיינע זעלנער זענען ווי זאַמד אין מדבר. דעמלט וועט גאָרנישט העלפן, נישט גוטע מידות, נישט דרייסטקייט. אַלזאָ, ווען דער האַר, אונדזער קעניג, וועט ברעכן דעם אָפּמאַך, פאַררופנדיק זיך אויף די געטלעכע רעכט פון דער קירך, וועט עס נישט ברענגען קיין נוצן דער קירך. נאָר שאָדן.

דאָן מאַרטין האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף זיין סעקרעטאַר: שטענדיק קומט ער מיט פאַרשידענע נאַרישקייטן. אָבער דאָן ראָדריגע האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע און ווייטער גערעדט:

— גאָט, וואָס קוקט אַריין אין יעדנס האַרץ, ווייסט ווי שטאַרק ס׳איז אַלע מענטשן ווילן נקמה צו נעמען פאַר שענדן די הייליקע שטאָט. גאָט האָט אונדז אָבער אויך באַשאָנקען מיט שכל, כדי מיט אונדזער איילעניש נישט אַריינטרייבן אַמאָל אין אומגליק די קריסטלעכע וועלט.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט געקוקט פאַר זיך מיט אַ בייזן פאַרטראַכטן בליק.

— ס׳איז אמת, — האָט ער געזאָגט, — אַז די אַפריקאַנער וועלן קומען סעוויליע צו הילף. אָבער איך וועל אויך נישט בלייבן אַליין. די קרייצ=

לער, וועלכע וועלן קומען אויף אונדזערע ברעגן, וועלן אונדז העלפן אין קאמף קעגן די מוסולמענער. זיי האָבן אונדז אויך פריער געהאָלפן.

— די קרייצלער, — האָט מאַנריקע געגעבן צו פאַרשטיין, — וועלן קומען אין קליינע גרופן, און זיי וועלן זיך נישט קאָנען קעגנשטעלן די דיסציפּלינירטע, אָרגאַניזירטע אַרמיי פונעם קאַליף.

היות דער קעניג האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן, האָט אים דאָן מאַנריקע געמוזט אַנטפּלעקן די הויפּט־סיבה, פאַרוואָס קאַסטיליע איז פאַראורטיילט אויף אומטעטיקייט. ער האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים און לאַנגזאַם געזאָגט:

— גוטע אוסזיכטן, הער קעניג, קאָנסטו האָבן בלויז דעמלט, ווען דו וועסט זיך פאַרזיכערן די מיטהילף פון דיין אַראַגאָנער קוזין. און די דאָזיקע הילף מוז קומען פון זיין טיפן האַרצן. דאָן פעדראָ מוז דיר געבן איבערגעבן די הויפּט־קאָמאַנדשאַפט, ווייל אָן אַ הויפּט־אָנפירונג איז די קריסטלעכע אַרמיי פון אונדזער האַלב־אינדזל ווייט נישט דערוואָקסן צום קאַליפס אַרמיי.

טיף אין האַרצן האָט אַלפאָנסאָ געוווּסט, אַז אַזוי איז עס. ער האָט נישט אָפּגעענטפערט. ער האָט געשלאָסן דעם קרוין־ראַט.

ווען ער איז געבליבן אייגער אַליין, איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ געוואַלדיקן צאָרן. ער איז אַלט דריי און דרייסיק יאָר, כמעט אַ מענטש־לעך עלטער דורכגעלעבט און ער קאָן זיך נישט באַרימען מיט קיין באמת גרויסע מעשים. אַלעקסאַנדער דער גרויסער האָט שוין אין זיינע יאָרן די וועלט דעראָבערט. איצט, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ גרויסע געלעגנהייט, דער קרייץ־צוג, שטייען אויפן וועג שטערונגען מיט כיטרע סיבות, וואָס לאָזן אים נישט געווינען רום און ווערן אַ נייער סיד קאַמפּעאַדאָר.

ער וועט אָבער קיינעם נישט פאָלגן. אויב אַפילו דער יונגער שנעק ו. עט אים נישט אָנערקענען אַלס הויפּט־אָנפירער, וועט ער סיי ווי, אָן אים, זיך לאָזן אין וועג אַריין. ער איז פון גאָט אַליין באַשטימט אַלס פירער אין זיין מערבדיקן טייל פון דער וועלט און ער וועט די דאָזיקע הייליקע אַרבעט פון דער האַנט נישט אַרויסלאָזן. ער וועט זיך איינשאַפן הילפס־מיליטער אָן אַראַגאָן, וויפל ער וועט וועלן. די קרייצלער, וועלכע וועלן צו אים קומען, דאַרף ער בלויז אויף עטלעכע חדשים און נאָכדעם זאָלן זיי געזונטערהייט זיך לאָזן אין הייליקן לאַנד. ווען ער וואָלט געהאַט צוואַנציק טויזנט מאַן, חוץ זיינע זעלנער, וואָלט ער פאַרכאַפּט דעם גאַנצן הערלעכן

טייל פון אַנדאַלוזיע, ער וואָלט אַרייַנגעדרונגען אין אַפריקע, איידער דער קאַליף וואָלט אַרויסגעשטעלט זיין אַרמיי. און דעמלט מעג זיך שוין דער דאָזיקער יאַקוב אַלמאַנסור צוויי מאָל איבערלייגן, איידער ער וועט זיינע מזרח־גרענעצן אַנטבלויזן!

נאָר ער מוז האָבן געלט. ער מוז זיין פאַרזיכערט מיט געלט לפּחות אויף אַ האַלב יאָר. ער דאַרף געלט אויף צו דינגען פרעמדע מיליטער.

ער האָט געשיקט נאָך דאָן יהודהן.

ווען מען האָט מכריז געווען דעם קרייץ־צוג, האָט עס דאָן יהודהן פאַרשאַפט גלייכצייטיק קרענקונג און פרייד. מען שטייט פאַר אַן אַלגעמיינער מלחמה, פאַר וועלכער אַלע שרעקן זיך. די גרענעצן פון איסלאַם און קריסטנטום וועלן ווידער ווערן באַדראָט. אָבער יהודהס אויסזיכטן דערהייבן זיך ביזן הימל. ווייל דער עסקריוואַנאָ פון קאַסטילישן קעניג קאָן אויפטאָן מער פון אַלע אַנדערע, כדי איינצוהאַלטן דעם שלום אויפן שפּאַנישן האַלב־אינדזל.

נאָכאַמאָל האָט ער זיך איבערצייגט ווי קלוג זיין פריינד מוסא איז. אַ גאַנץ לעבן האָט מוסא מיט אים איינגעטענהט: זיי געלאַסן, אַרבעט נישט צו פיל, גיב זיך איבער אויפן באַראָט פון גורל, פאַר וועלכן אַלע פּלענער זענען הבל־הבלים. נאָר ער, יהודה, האָט געמוזט רעכענען, פּלאַנירן, אַרבעטן.

בעת דער קעניג האָט געסטראַשעט אַראַגאָן מיט מלחמה, האָט ער, דאָן יהודה, געמאַכט פּלענער, געשעפטלעך אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, אַוועק אויף צפון, שפּעטער אויף דרום און ווידער אויף צפון; ער האָט אונטערגעהאַנדלט, געדרשנט און דאָס זעלבע אַ צווייט מאָל געטאָן; ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז אַלע זיינע פּלענער זענען צערונען געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן מורמלען אויף גאָט. דער בלינדער גורל, קלוג און שפּאַסיק, ווי זיין פריינד מוסא, פאַרוואַנדלט איצט אין אַ ברכה דאָס, וואָס האָט פריער געזאָלט זיין אַ קללה. גראָד דער סכסוך מיט אַראַגאָן, וואָס יהודה האָט זיך באַמיט אויף אַ געשעפטלעכן וועג צו באַזייטיקן, האָט איצט געצוווּנגען אַלפאָנסאָן נישט צו דערלאָזן צו קיין מלחמה. נישט יהודהס קלוגער אויפטו און נישט זיינע אויסרעכענונגען, נאָר די חוצפּה און נאַרישקייט פון דאָן אַלפאָנסאָ וועלן ברענגען גליק און שלום אויפן שפּאַנישן האַלב־אינדזל.

פון סעוויליע איז געקומען דער בוכהענדלער און פאַרלעגער כאַקאַם. ער איז געווען דער גרעסטער בוכהענדלער אויפן מערב. ער האָט באַשעפ־

טיקט פּערציק שרייבער און אין זיין שיין הויז איז פּאַר יעדער וויסנשאַפט געווען אַ באַזונדער אָפּטיילונג. ער האָט געבראַכט דאָן יהודהן אַ געשאַנק פון עמיר אַבדולא די „אויטאָביאָגראַפיע“, אַן אָריגינעלער כתב־יד פון פּערסישן איבן סינא. איבן סינא, וועלכער איז געשטאָרבן מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק, איז געווען דער גרעסטער דענקער פון דער איסלאַמישער וועלט. אפילו די קריסטלעכע געלערנטע, וועלכע האָבן אים געקענט אונטערן נאָמען אַוויצענאַ, האָבן שטאַרק פון אים געהאַלטן. צוליב דעם דאָזיקן כתב־יד, וואָס דער פּאַרלעגער כאַקאַם האָט איצט געבראַכט, זענען אָנגעגאַנגען שטאַרקע קאַמפן. אַ געוויסער קאַליף פון קאָרדאָווע האָט דעם אייגנטימער פון דעם כתב־יד מיט זיין גאַנצער משפּחה אומגעבראַכט, כדי דעם מאַנוסקריפּט צו פאַרכאַפּן. יהודה האָט געקוואָלן פון עמירס מיינען געשאַנק. ער איז גלייך אַוועקגעלאָפן צו מוסאן און ביידע האָבן מיט באַגייסטערונג באַטראַכט דעם כתב־יד, וואָס דער קלוגסטער פון אַלע שטערבלעכע האָט אַ גאַנץ לעבן פון זיינע הענט נישט אַרויסגעלאָזט.

צוזאַמען מיט דער מתנה האָט דער פּאַרלעגער כאַקאַם געבראַכט פון עמיר אַ פאַרטרוילעכע מינדלעכע שליחות. דער עמיר מעלדעט זיין פריינד, אַז דער קאַליף יאַקוב אַלמאַנסור מאַכט געהעריקע הכנות, און ביים ערשטן אָנגריף אויף סעווילע, שטעלט ער זיך אין דער שפּיץ פון דער אַרמיי. וואָס וועט מאַרשירן אויפן האַלב־אינדזל. צוליב דעם דאָזיקן צוועק, האָט ער זיך פון מזרח צוריקגעקערט קיין מאַראָקע. עמיר אַבדולא איז איבערצייגט, אַז זיין פריינד איבראַהים איז פּונקט אַזוי פאַראינטערעסירט אין שלום, ווי ער אַליין. דעריבער זאָל ער אַזוי גוט זיין מעלדן דאָס די מלכים פון די אומגליוביקע.

ווען דעם אַלעם האָט ער איצט געטראַכט, ווען ער איז געקומען צום קעניג.

— דו ביסט מיין עסקריוואַנאָ, — האָט אים אויפגענומען דער קעניג מיט אַ פאַלשער העפלעכקייט, — ביסט שוין געזונט, אומגליקלעכער חולה? אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט געווען אויף מיין קרוין־ראַט.

— איך וואָלט, — האָט געענטפערט יהודה, — נישט געקאָנט האָבן קיין אַנדער מיינונג ווי דיינע איבעריקע ראַטגעבער. אַלס דיין עסקריוואַנאָ מוז איך דיין נייטראַליטעט פאַרטיידיקן מער פון זיי. באַטראַכט דיך גוט, הער קעניג. בעמעסט דעם קרייג אין האַנט וועלן דיר נאָכפאָלגן אַ סך אַזויגע וועלכע דו וואָלסט אַליין נישט געוואָלט האָבן אַלס קריגס־קנעכט. אַ סך פון דיינע לייבאייגענע פּויערים וועלן זיך גערן ווערבירן, כדי צו געניסן

פון די פּריווילעגיעס, וואָס עס באַקומען די קרייצלער. זיי וועלן אַוועקוואַרפן זייערע טעגלעכע שווערע אַרבעט און דו וועסט זיי דאַרפן שפּייזן, אָנשטאָט דעם זיי זאָלן דיך מיט דיינע באַראָנען דערנערן. דאָס וועט זיין אַ טויט פאַר דיין ווירטשאַפט.

— מיין ווירטשאַפט? — האָט אַלפאָנסאָ געחוזקט, — באַרעכן דיך, טרויעריקער בעל־חשבון, דאָ האַנדלט זיך נישט אין ווירטשאַפט. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם כבוד פון גאָט און פונעם קעניג פון קאַסטיליע.

הגם יהודהן איז געווען באַקאַנט די געפערלעכע ווילדקייט דאָן אַלפאָנסאָס, דאָך האָט ער זיך נישט אונטערגעגעבן.

— איך בעט דיך מיט גרויס הכנעה, הער קעניג — האָט יהודה געזאָגט, — זאָלסט שלעכט נישט אויסטייטשן מיינע רייד. אויף קיין שום אופן רעד איך דיך נישט אָפּ פון קריג. אדרבא, איך ראָט דיר, דו זאָלסט זיך גרייטן. יאָ, איך לייג דיר פאָר, זאָלסט שוין אָנהייבן איינצוקאַסירן קריגס־שטייערן און אויך די צוגאָב־שטייערן, וואָס דער פויפסט האָט פאָרגעשריבן. איך גרייט צו אַ מעמאָראַנדום, וואָס קלערט אויף, אַז דו האָסט פולע רעכט די דאָזיקע שטייערן צו העכערן, אפילו ווען די מלחמה האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן.

ער האָט געגעבן דעם קעניג צייט צו באַטראַכטן זיין פאָרשלאַג און דאַן פאָרגעזעצט:

— און נאָך הכנסות וועלן דיר צופאַלן, כל־זמן דו נעמסט נישט קיין אָנטייל אין דער מלחמה. דער האַנדל מיט די לענדער פון מזרח־איסלאַם האָט זיך אָפּגעשטעלט. די גרויסע קריסטלעכע שיף־אייגנטימער און סוחרים פון ווענעדיק, פון פיזע, אפילו די פלאַנדרישע הענדלער קאָנען שוין מער גאָרנישט אַריינפירן פון די מזרח־לענדער. די פּראָדוקטן פון דער רייכסטער העלפט פון דער וועלט קאָנען אַרויסגעפירט ווערן בלויז דורך דער פאַרמיטלונג פון דיינע סוחרים, הער קעניג. ווער עס וויל האָבן פון דער איסלאַמישער וועלט תבואה, שאָף, ראַסעווע פערד, דער מוז זיך ווענדן צו דיר. ווער עס וויל האָבן קינסטלערישע אויסאַרבעטונגען פון די מוסולמענישע שמידן, זייער וואונדערבאַרן וואָפן, אויסטערלישע מעטאַלווערק, ווער עס וויל אין דער קריסטלעכער וועלט האָבן איסלאַמישן זייד, פוטערוואַרג, העלפאַנטביין און גאָלד־שטויב, קאָראַלן און פערל, פאַרשיידענע געווירצן, פאַרבן און גלאָז, דער מוז אָנקומען צו דער פאַרמיטלונג פון דיינע אונטערטאַנען. זיי דיך גוט מיישב, הער קעניג. די אוצרות פון אַנדערע פירשטן ווערן אויסגעליידיקט כל־זמן די מלחמה דויערט, דאַ־

קעגן וואַקסן דײַנע אוצרות. און ווען אַלע אוצרות וועלן ווערן אויסגעשעפּט, דעמאָלט איז דײַן רײ צו שלאָגן, הער קעניג פֿון קאַסטיליע, און דו וועסט דערלאַנגען דעם אַנטשיידענעם קלאַפּ.

דער ייִד האָט גערעדט מיט איבערצײַגונג, דאָס וואָס ער האָט גערעדט האָט אַנגעלאָקט דעם קעניג, אָבער אײַנצײַטיק אים נאָך מער אויפֿגעבראַכט אויף יהודהן.

— שאַף מיר דאָס געלט! — האָט ער געשריגן, — צוערשט צוויי הונדערט טויזנט! איך וויל איצט, דווקא איצט שלאָגן, פֿאַרזעץ וואָס דו ווילסט! נאָר שאַף מיר דאָס געלט!

יהודה, בלאַס ווי קאַלך, האָט געענטפֿערט:

— דאָס קאָן איך נישט, הער קעניג, קיינער וועט עס נישט קאָנען.

אויפֿגעבראַכט אויף זיך אַליין און אויף דער אומגליקלעכער שליחות, וואָס ער קאָן נישט אויספֿילן מיט כּבוד, האָט אַלפֿאָנסאָ זײַן גאַנצן כּעס אויסגעלאָזט צו יהודהן.

— דו האָסט מיר די שאַנד געבראַכט! — האָט ער געבריוועט, — דו מיט דײַן שענדלעכן וואַנשטילשטאַנד און מיט פֿאַרשידענע אַנדערע העברעישע קונצן. דו ביסט אַ פֿאַררעטער! פֿאַר סעוויליע און פֿאַר דײַנע באַשיצטענע פֿרײַנד ליגסטו זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, איך זאָל זיי אַמאָל נישט אָנגרײַפֿן, כּדי מײַן פֿאַרלוירענעם כּבוד צוריקצושטעלן. פֿאַררעטער וואָס דו ביסט!

בלאַסער ווי פֿריער, האָט יהודה געשוויגן.

— גיי! — האָט אַ געשריי געטאָן דער קעניג, — אַוועק פֿון מײַנע אויגן!

דער אויסעראָרדנטלעכער שטײַער, וועגן וועלכן יהודה האָט גערעדט מיטן קעניג, איז געווען דער אַזוי גערופֿענער סאַלאַדין־מעשׂר. אַזאַ עדיקט האָט אַרויסגעגעבן דער פּויפּסט. יעדער איינער אין די קריסטלעכע לענדער, וואָס וועט נישט אָנטיילנעמען אינעם גרויסן קרייץ־צוג קעגן סאַלאַדינען, דאַרף זיך באַשטײַערן מיט אַ צענטל פֿון זײַנע הכנסות און פֿון זײַנע באַוועגלעכע גיטער.

דעם עקריוואַנאַ פֿונעם קאַסטילישן קעניג איז דער דאָזיקער פּויפּסטלעכער עדיקט געווען אויף דער האַנט. דאָן יהודה, זײַנע יוריסטן, זײַנע נאָטאַרן האָבן מסכּים געווען, אַז דער סאַלאַדין־מעשׂר איז אויך חל אויף אַל־

פאָנסאָס קאַסטיליש קעניגרייך, וואָרעם צוליב געוויסע נויטווענדיקייטן איז אונדזער קעניג אַלפאָנסאָ מיט גאָטס ווילן געצוווּנגען צו בלייבן נייטראַל. אָבער די נייטראַליטעט איז אַ צייטווייליקע און דער קעניג איז מחויב זיך גרייטן צו אַ הייליקער מלחמה. וועגן דעם אַלעמען איז געווען געשריבן אין יהודהס מעמאָראַנדום.

דאָן מאַנריקע האָט איבערגעגעבן דעם קעניג יהודהס מעמאָראַנדום. אַלפאָנסאָ האָט געלייענט.

ער איז ביטער, האָט זיך דער קעניג מיט לייכטן צאָרן אָנגערופן, — ער איז אַ ביטערער הונט. ער איז אַ ביטערער הענדלער און אַ הונט. דער ראָזיקער כלב וואָלט מיר געקאָנט שאַפן דאָס געלט, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, אגב, פאַרוואָס קומט ער נישט אַליין? — האָט ער געפרעגט.

— איך מיין, אַז ער וויל דיך ווידער נישט אַריינברענגען אין כעס, — האָט דאָן מאַנריקע געענטפערט.

— איז ער אַזוי פּילבאַר? — האָט אַלפאָנסאָ געחוזקט.

— דו האָסט אים גוט מכבד געווען, הער קעניג! — האָט דאָן מאַנריקע געזאָגט.

דער קעניג איז געווען גענוג קלוג, כדי צו אָנערקענען, אַז דער ייִד איז גערעכט, וואָס ער האָט זיך באַליידיקט. דעם קעניג האָט די מעשה אַ ביסל פאַרדראָסן. אָבער די גאַנצע קריסטלעכע וועלט איז אַרויסגעטראָטן אין הייליקן קריג, און בלויז אים האָט געטראָפן דאָס אומגליק, וואָס האָט אים פאַרמשפּט אויף אומטעטיקייט. געפינענדיק זיך אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד, האָט ער אויסגעלאָזט זיין כעס אויף אַן אומשולדיקן מענטשן. איך האַלט, אַז אַזאַ קלוגער מענטש ווי דער ייִד, וועט עס פאַרשטיין.

ער האָט געזוכט אַ תירוץ יהודהן ווידער צו זען. שוין לאַנג האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אויסצובויען די פעסטונג אַלאַרקאָס, וועלכע ער האָט אַליין דעראָבערט. נאָך דעם אַלעמען, וואָס איבן עזרא האָט דאָ דערציילט, איז דערויף דאָ געלט. ער האָט באַפוילן, אַז יהודה זאָל קומען.

יהודה האָט נאָך נישט פאַרגעסן די באַליידיקונג און איז געווען אין כעס, וואָס אַלפאָנסאָ רופט אים. דער קעניג האָט געוווּסט, אַז ער קאָן איצט אָן אים נישט אויסקומען. אָבער יהודה האָט געהאַט אַמביציע. ער האָט נישט געוואָלט ווידער אויסהערן זיינע זידלערייען, האָט ער זיך הכנעהדיק אַנטשולדיקט מיטן אויסרייד, אַז ער פילט זיך נישט גוט.

נאָך אַ רגע אויפרעגונג האָט דאָן אַלפאָנסאָ זיך באַהערשט און דורך מאַנריקען זיך געהייסן אַרויסשיקן פיר טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי אויף אויס־

צובויען אַלאַרקאָס. יהודה האָט אָן שום טענות צוגעשיקט דאָס געלט און אין אַ בריוו אים הכנעהדיק געווונטשן, אַז מיטן אויסבוי פון דער פעסטונג זאָל ער באַווייזן דער גאַנצער וועלט, אַז ער גרייט זיך צו קריג. אַלפאָנסאָ האָט נישט געוווסט וואָס צו טראַכטן וועגן דאָזיקן ייד.

אַלפאָנסאָ האָט שטאַרק חשק געהאַט אַוועקצופאָרן קיין בורגאָס, כדי זיך מיישב צו זיין מיט דער קעניגין. ער האָט זיך שוין לאַנג אַהין געקליבן. דאָניאַ לעאָנאָר איז געווען שוואַנגער זינט יענער גליקלעכער נאַכט, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט פון סאַראַגאָסע. אָבער בורגאָס איז איצט געווען פול מיט נישט-גיכנסטיקע געסט. די שטאָט איז געלעגן אויפן גרויסן מלוכה-טראַקט, וואָס האָט געפירט צו סאַנטיאַגאָ דע קאָמפּאָסטעלאָ, צו דער קדשי-קדשים פון אייראָפּע. און היות דער דאָזיקער טראַקט איז די גאַנצע צייט געווען פול מיט פילגרימען, בפרט איצט, ווען מען האָט זיך געגרייט מלחמה צו האַלטן מיטן מזרח, זענען געפאָרן אַ סך מער מענטשן, כדי צו נעמען אַ ברכה ביים הייליקן סאַנטיאַגאָ. די דאָזיקע אַלע מענטשן, וואָס פאָרן דורך בורגאָס, באַגריסן העפלעך דאָניאַ לעאָנאָר, און אים, אַלפאָנסאָן, איז נישט אָנגענעם אין קעגנוואַרט פון די דאָזיקע קעמפער צו זיין אַ שטוב-זיצער, נישט אָנטיילנעמען אין דער הייליקער מלחמה.

עס איז אים אָבער דאָ געווען אומעטיק צו זיצן מיט פּאַרלייגטע הענט אין זיין קעניגלעכן שלאָס. ער האָט זיך אויסגעזוכט אַרבעט, אַרומגעפאָרן אַהין און אַהער. ער איז געריטן אין קאַלאַטראַוואַ צו זיינע אָרדן-ריטער, צום קערן פון זיין אַרמיי, כדי זיי צו אינספּירירן. ער איז געריטן קיין אַלאַרקאָס, כדי צו באַטראַכטן די פעסטונג. ער האָט געקיבעצט מיט זיינע פריינד וועגן מלחמה-פּלענער.

ווען ער האָט שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן, פלעגט ער אַוועקרייטן אויף יאַגד.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ יאַגד מיט גאַרסעראַן דע-לאַראַ און מיט עסטעבאַן איליאַן האָט ער, צוליב דער גרויסער היץ באַשלאָסן אָפּצורוען זיך אויף אָפּרו אין לאַ-הוערטאַ-דעל-רעי.

הוערטאַ-דעל-רעי, וואָס איז געלעגן אויפן שלענגלדיקן טאַכאָ-טייך, האָט פאַרנומען אַ שטח פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט געמויערטע חורבות. פאַראייגנאַמט איז געשטאַנען דער טויער. מיט בונטע אַלטערטימלעכע אותיות איז אויף אים געווען אויסגעשניצט די אַראַבישע פאַרמול: אַלאַפיאַ, געזונט, ברכה. אומעטום זענען דאָ געווען קוסטעס, אַ קליין וועלדל, פאַרשידנאַרטיקע ביימער, נאָר דאָרט ווו פריער זענען געווען זעל-

טענע בלומען, האָט איצט דער גערטנער פאַרזייט בוצלעכע פלאַנצן: גריג־וואַרג, קרויט, רעטעך. אינמיטן איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזענער לוסט־שלאָס, אַ באַפּוצטער פּאַוויליאָן און אויפן טייך־ברעג אַ יאַכט־הייזל צום באָדן און צו שווימען.

די הערן זענען געזעסן אונטער אַ בוים אַנטקעגנאיבער דעם שלאָס. דער שלאָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ פרעמדער אויף דער דאָזיקער לאַנד־שאַפט, ווייל ער איז געווען הורכגעדריגגען מיטן איסלאַמישן גייסט. אין אַלטע צייטן איז אויף דעם אָרט, וווּ אין דער קילקייט פון טייך האָט זיך פאַרן אויג געעפנט אַ שיינע פּאַנאָראַמע, געשטאַנען אַ הויז, רוימער האָבן דאָ אויסגעבויט אַ ווילע און אין גאָרטן — אַ דאָרף־הויז און עס דער־וויזן, אַז דעם דאָזיקן פאַרוואָרלאָזטן שלאָס האָט דער אַראַבישער קעניג גאַלאַפרע אויפגעבויט פאַר זיין טאָכטער גאַליאַנאַ. און פּאַלאַסיאָ גאַליאַנאַ הייסט ער ביזן היינטיקן טאָג.

היינט איז דא געווען היים. אַ שווערע שטילקייט איז געלעגן אויפן טייך און אין גאָרטן. דער קעניג און זיינע פריינד זענען געזעסן און גע־פלוידערט.

— הוערטא איז אייגנטלעך גרעסער, ווי איך האָב געמיינט, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ זיך אָנגערופן.

פלוצלונג איז אים אויפגעקומען אַ געדאַנק: זיינע אבות און ער אַליין האָבן אַ סך צעשטערט און קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט עפעס צו בויען, אָבער דער חשק צום בויען איז ביי זיי אַן איינגעבוירענע מידה; זיין לעאָ־נאָר האָט געבויט קירכן, קלויסטערס, שפּיטאָלן; ער אַליין — קירכן, שלעסער, פעסטונגען. פאַרוואָס זאָל ער אייגנטלעך נישט אויסבויען קיין פּאַ־לאַץ פאַר זיך און פאַר זיינע אייגענע? עס וואָלט גאָרנישט שווער געווען די גאַליאַנאַ רעסטאַווירן און שאַפן דאָרט אַלע באַקוועמלעכקייטן צום וווינען. זומער וועט דאָ זיין זייער גוט צו וווינען און אפשר וועט אויך דאָניאַ לעאָנאָר זיך אַראָפּכאַפּן אַהער כדי דאָ צו פאַרברענגען אין די זו־מער־היצן.

— ווי מיינט איר, מיינע הערן? — האָט ער געפרעגט, — לאָמיר, אפשר די גאַליאַנאַ רעסטאַווירן? לאָמיר גוט באַטראַכטן די דאָזיקע חורבה.

זיי זענען אַוועק אַהין. דער קאַסטעלאַן בעלאַרדאָ איז זיי אַנטקעגנ־געקומען שטאַרק צעטומלט. ער האָט מיט הכנעה און יראת־הכבוד אָנגע־וויזן אויפן גאָרטן און אויפגעקלערט וואָס אַזוינס ער האָט אויפגעטאָן

אויף דעם דאָזיקן פּאַרוואָרלאָזטן שטח. אין שלאָס גופא האָט ער אָנגעוויזן אויף די שאָדנס, וואָס עס זענען דאָ אָנגעמאַכט געוואָרן און דערציילט, ווי שיין דאָ איז אַמאָל אַלץ געווען: די מאָזאַיק, די באַפּוצטע סופיטן, ווענט, פּאָדלאָגעס. נאָר דער טאַכאָ פּלעגט כסדר אַרויס פון די ברעגעס און אַלץ אָפּשווענקען. עס טוט אים ווי דאָס האַרץ, וואָס דער פּאַלאַץ איז פּאַרוויסט געוואָרן. אָבער ער איינער אַליין קאָן דאָ גאָרנישט אויפטאָן. ער איז נישט איינמאָל געקומען צו דעם קעניגס ראַטגעבער און זיי פּאָרגעלייגט דעם שלאָס צו רעסטאַווירן, דעם טייך באַצוימען מיט דאַמבעס, שטענדיק אָבער האָט מען אים אָפּגעזאָגט מיטן אויסרייד, אַז עס איז נישטאָ קיין געלט.

דער פּלוידערזאַק האָט רעכט, — האָט אויף לאַטיין עסטעבאַן געזאָגט צו דאָן אַלפאָנסאָן, — דער פּאַלאַץ האָט אַמאָל געמוזט זיין אויסערגעוויינלעך שיין. דער אַלטער באַשײמענער קעניג האָט זיך גוט אָנגעשטרענגט פאַר זיין טאָכטער.

די באַשפּאָרנטע שטיוול פון די הערן האָבן מעכטיק געהילכט איבער דער באַצירטער צעבראָכענער מאָזאַיק פון דער פּאָדלאָגע און זייערע שטימען האָבן אָפּגעקלונגען צווישן די פּוסטע ווענט.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט שווייגנדיק אַלץ באַטראַכט.

— איך דאַרף באמת נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל פון אים ווערן אַ תל.

— עס וועט קאָסטן אַרבעט און געלט, — האָט גאַרסעראַן זיך אָנגערופן, — אָבער איך גלייב, אַז דו קאָנסט פון דער גאַליאַנאַ אַ פּרעכטיקע זאַך מאַכן. דאָן אַלפאָנסאָ, באַטראַכט זיך נאָר אין וואָס דיין ייד האָט פאַרוואַנדלט די אַלטע העסלעכע חורבה קאַסטיליאָ דע־קאַסטראָ.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט זיך איצט דערמאָנט מיט וואָסער דרייסטקייט דעם יידנס טאָכטער האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די אַלטערטימלעכע אומגעלומפּערטקייטן פון זיין שלאָס אין בורגאָס... דאָן עסטעבאַן האָט נאָך גאַרסעראַן אויך אויסגעדריקט זיין מיינונג.

— ווען דו טראַכסט ערנסט צו רעסטאַווירן דעם גאַליאַנאַ־שלאָס דאַרפסטו קודם־כל באַקוקן דאָס הויז פון דיין יידן.

„איך האָב באמת דעם יידן גראָב באַהאַנדלט“ — האָט אַלפאָנסאָ געטראַכט — אויך דאָן מאַנריקע האָט מיר דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט. איך וועל עס פאַרריכטן און אָנקוקן זיין הויז.

— איר זענט אפשר גערעכט, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ אויס יוצא וועגן אָפּגעענטפערט.

ווי יהודה האָט פאָרויסגעזאָגט, האָט קאַסטיליע אויפגעלעבט, בעת די איבעריקע קריסטלעכע מלוכות האָבן מלחמה געהאַלטן. גאַנצע שיפן־קאַראַוואַנען האָבן געבראַכט סחורות פונעם מזרח אין די מוסולמענישע לענדער פון שפּאַניע, פון דאָרטן קיין קאַסטיליע און הערנאָך אין פאַרשידענע אַנדערע קריסטלעכע מלוכות.

ווי נאָר דער קרייץ־צוג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָבן די באַראָנען געזידלט יהודהן און געפאָדערט מען זאָל אים משלח זיין, היות ער שטערט אַריינצוטרעטן אין דער הייליקער מלחמה. אָבער גאָר אינגיכן האָבן זיך אַרויסגעוויזן די גרויסע נוצן, וואָס די נייטראַליטעט האָט געבראַכט קאַסטיליע. מען האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו מורמלען און אין דער שטיל זיך אָנגעהויבן צו באַציען מיט מער אַכטונג צו דאָן יהודהן. אַלץ גרעסערע טיילן פון אדל האָבן אַרויסגעוויזן אַ גינסטיקע באַציונג צו אים. עס האָט זיך שוין אַפילו געפונען איינער מיטן נאָמען גוסטאַן און נאָך איינער, אַ דע־לאַראַ, אַן אָרעמער קרוב פון מעכטיקן מאַנריקע, וועלכע וואָלטן גערן געוואָלט, אַז דער יידישער עסקריוואַנאָ זאָל צונעמען זייערע זין פאַר פּאַזשן אין זיין שלאָס.

ווען יהודה האָט זיך דרך־אגב באַרימט פאַר מוסאַן וועגן דעם, ווי אַזוי עס ברייטערן זיך אויס די געשעפטן פון לאַנד און זיינע אייגענע, האָט דער לעצטער באַקוקט זיין פריינד מיט שפּאָטישער אָנערקענונג, מיטלייד און פאַרגעניגן. דאָס איז אַ מענטש, וואָס קאָן נישט רוען, ער מוז תמיד רודערן — האָט מוסאַ געטראַכט — ער מוז גלייכצייטיק הונדערט געשעפטן טרייבן; ער פילט זיך זייער שלעכט, ווען ער לאָזט נישט אין באַוועגונג מענטשן און זאַכן; וואָס ווייטער אַלץ מער פעדערס מוזן קריצן אין די קעניגלעכע קאַנצעלאַריעס, אַלץ מער שיפן מוז ער שיקן איבער אַלע זיבן ימים און אַלץ מער קאַראַוואַנען אין פאַרשידענע לענדער. ער רעדט זיך איין, אַז ער טוט עס אַלץ צוליבן שלום וועגן און צוליב זיין פאָלק. און אַזוי איז עס טאַקע. אָבער קודם־כל האָט ער הנאה, וואָס זיין אַרבעט פאַרשאַפט אים מאַכט.

— איז עס אַזוי וויכטיק, — האָט מוסאַ געפרעגט, — צו האָבן נאָך מער מאַכט? צי איז נישט אַלץ איינס — האָבן צוויי הונדערט טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי אָדער צוויי הונדערט און פופציק טויזנט? עס קאָן דאָך פּאַסירן, אַז בעת דו זיצט דאָ און טרינקסט רואיק היין געווירצן־געטראַנק, האָט דאָרט אינעם מדבר, פיר וואָכן ווייט פון דיר, אַ שטורעם

פאַרגיכטעט דיינע קראַװאַנען, אָדער דער ים האָט פאַרשלונגען דיינע שיפן.

— איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיין זאַמד־שטורעמס און איך האָב נישט קיין מורא פאַרן ים, — האָט יהודה געענטפערט, — איך האָב מורא פאַר נאָר איין זאַך: פאַר מענטשן. — און ער האָט דעם פרייַנד פאַרטרויט זייַן זאָרג. — איך האָב מורא פאַר דער ווילדער שטימונג פון דעם רימער און קעניג דאָן אַלפאָנסאָ. ער האָט מיך וויכטיקער אומזיניק באַליידיקט, און איצט, ווען ער רופט מיך, מאַך איך זיך קראַנק און באַווייז זיך נישט פאַר אים. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך שפּיל מיט פייער, ווען איך מאַך פון זיך אַזאַ וועזן.

מוסא איז צוגעגאַנגען צו זייַן טיש, געצייכנט מיט זייַן פעדער פאַר־שידענע קרייזן און אַראַבעסקן.

— מאַכסט פון זיך אַזאַ וועזן, — האָט ער אים פון היינטער הער פלייצע געפרעגט, — צוליב שלום־וועגן, אָדער אויס גאווה?

— איך בין שטאָלץ, —ענטפערט יהודה, — אָבער דאָסמאָל גלויב איך איז מיין גאווה אַ גוטע מידה און גוטער חשבון. גאַרישקייט און שׂכל איז אין דעם דאָזיקן קעניג אַזוי וואונדערלעך אויסגעמישט, אַז קיינער קאָן נישט פאָרויסזאָגן, ווי ער וועט צום סוף רעאַגירן.

ער האָט זיך כּסדר געהאַלטן וויַיט פונעם קעניג און יענער פלעגט אים כּסדר שיקן קורצע באַפעליערישע שליחות־בריוו. יהודהס צער איז געוואַקסן. ער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז דער דאָזיקער לייבמזיניקער מאָן וועט אים היינט אָדער מאָרגן אַרויסטרייבן פון זייַן שלאָס, פון זייַן לאַנד, און אפשר וועט ער אים גאָר אַרייַנוואַרפן אין אונטערערד פון זייַן שלאָס. מיטאַמאָל האָט זיך דערוועקט אין אים אַ האָפענונג, אַז אַלפאָנ־סאָ וועט מיט אים שלום מאַכן און פאַר דער גאַנצער וועלט באַווייַזן זייַן כבוד צו אים. אָבער בימער איז אַזאַ מין וואַרטן. גראָד האָט אים זייַן זון אַלאַזאַר אַ פרעג געטאָן מיט נאַיווער דאגה:

— צי האָט זיך אַמאָל דאָן אַלפאָנסאָ נישט געפרעגט וועגן מיר? פאַרוואָס קומט ער דיך נישט באַזוכן?

עס האָט יהודהן ווי געטאָן דאָס האַרץ, ווען ער האָט געמוזט ענט־פערן:

— אין דעם דאָזיקן לאַנד איז עס נישט אָנגענומען.

ווי לייכט האָט ער אָפּגעעטעמט, ווען אַ שליח פון דער רעזידענץ האָט אים אָנגעקינדיקט דעם באַזוך פון דאָן אַלפאָנסאָ.

דער קעניג איז געקומען מיט דאָן גאַרסעראַן און מיט אַ קליינער סוויטע. זיין פאַרלעגנהייט האָט ער זיך באַמיט צו פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ פריינדלעכער פריילעכער מינע.

דאָס הויז איז אים געווען פרעמד, כמעט פיינטלעך, פונקט ווי דער באַלעבאָס אַליין. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז אַלץ איז אייגנאַרטיק פאַרפולקאָמט. אַ סורותפולע האַנט האָט די אַלע פאַרשידנקייטן דערפירט צו אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט. אין יעדן עק, אין יעדן ווינקל — אומעטום אַ שפע פון רייכקייט. אַ גאַנצע מהנה דינער האָבן זיך דאָ געפונען כמעט אומבאַמערקט, אָבער שטענדיק אויפן אָרט. אומעטום האָבן פילפאַרביקע טעפיכער פאַרשלונגען דאָס געוויש, און די שטילקייט אינעם הויז איז געווען נאָך מער פאַרמיפט אַדאַנק דאָס ריזלען פונעם וואַסער. און עפּעס אַזוינס איז געשטאַנען אין דער מיט פונעם רוישנדיקן מאַלעדאָ! אָט וואָס עס איז געוואָרן פון זיין קאַסטיליאַ, דע קאַסטראָ! ער האָט זיך דאָ געפילט פרעמד, ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט.

ער האָט געזען ספרים, מגילות, אַראַבישע, העברעישע, לאַטייבישע.

— האָסטו צייט דאָס אַלץ צו לייענען? — האָט ער געפרעגט.

— אַ סך זאַכן לייען איך, — האָט יהודה געענטפערט.

אין אויפנעם־צימער האָט ער דעם קעניג פאַרגעשטעלט מוסאַן איבן דאאוד, דעם בעסטן דאָקטאָר צווישן די גלויביקע פון אַלע דריי רעלי־גיעס. מוסא האָט זיך פאַרנייגט פאַרן קעניג מיט אַ פאַרשעריישן בליק. דאָן אַלפאָנסאָ האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים איבערזעצן איינע פון די שפּרוכן, וואָס האָבן זיך מיט בונטע און גאָלדענע קאָלירן געצויגן לענג־אויס דער וואַנט. און מוסא האָט איבערגעזעצט, אַזוי ווי ער האָט ראָדרי־גען איבערגעזעצט:

„דער גורל פון בן־אדם איז ווי דער גורל פון שאָף, זייערע נשמות זענען די זעלבע... ווער ווייסט, צי דעם מענטשנס נשמה שטייגט אין דער הויך און די נשמה פון בהמות גייט אראָפּ אין דער ערד?“

— דאָס איז די חכמה פון אַן אַפּיקורס, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת שטרענג געזאָגט.

— דאָס איז פון תנ"ך, — האָט מוסא פריינדלעך דערקלערט — דאָס זענען פסוקים פון קהלת, פון שלמה המלך.

— איך האַלט, אַז אַזעלכע פסוקים זענען בישט קעניגלעך, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ אויסגערופן. אַ קעניג גייט נישט אראָפּ אין דער ערד, ווי אַ בהמה.

ער האָט איבערגעריסן דעם שמועס און געפֿרעגט פֿון יהודהן:

— באַווייז מיר דײַן וואָפן־צימער.

— אויב דו וועסט דערלויבן, הער קעניג, — האָט יהודה געענטפֿערט, — וועט דיר מײַן זון אלעזאַר באַווייזן דעם וואָפן־צימער, און דאָס וועט זײַן דער בעסטער טאָג אין זײַן לעבן.

דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט זיך פֿרײַנדלעך אויסגעדריקט וועגן זײַן סימפּאַטישן יינגל:

— דו האָסט אַ לעבעדיקן, ריטערלעכן זון, דאָן יהודה, — האָט ער געזאָגט. — אויך דײַן טאָכטער וויל איך זען, אויב דו האָסט נישט קעגן,

— האָט ער צוגעגעבן.

דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט געפֿירט אַ פֿרײַנדלעכן שמועס מיט אַלאַזאַרן וועגן די כלי־זיין, וועגן די פֿערד און מויל־אייזלען.

ער איז אַוועק אין גאָרטן, און האָט דאָרט דערזען רחלען.

דאָס איז געווען די זעלביקע ראַקעל, וועלכע האָט אים אין בורגאָס געגעבן נישט אזא אָנגענעמען ענטפֿער, אָבער זי איז געווען אַנדערש געקליידעט. זי האָט געטראָגן אַ קלייד פֿון לײַכטן אויסלענדישן שניט און איז געווען אין דער ראָל פֿון אַ הויז־דאַמע, וואָס נעמט אויף אַ פֿרעמדן הויכגעשטעלטן גאַסט. אויב אין בורגאָס איז זי געווען אַ פֿרעמדע, נישט אויפֿן אָרט, איז זי דאָ צווישן דער מייסטערישער אײַנאָרדענונג פֿון גאָרטן, די שפּרינגענדיקע פֿאָנטאַנען און פֿרעמדע געוויקסן, געווען ווי אײַנגעפּאַסט, און ער, אַלפֿאָנסאָ, איז געווען דער פֿרעמדער און נישט אויפֿן אָרט.

ער האָט זיך פֿאַרנייגט און, ווי די קורטואַזיע האָט געפֿאָדערט, אַראָפּגעצויגן די הענטשקע, גענומען איר האַנט און אַ קוש געטאָן.

— איך בין צופֿרידן, וואָס איך האָב דיך ווידער באַגעגנט, דאַמע,

— האָט ער געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, — איך האָב דעמלט אין בורגאָס נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פֿאַרענדיקן אונדזער שמועס.

די געזעלשאַפֿט האָט זיך פֿאַרגרעסערט. ס'איז צוגעקומען אַלאַזאַר און עטלעכע פֿון יהודהס אדל־יינגלעך. בשעת עס האָט זיך געשאַפֿן אַ קרײַז איז אַלפֿאָנסאָ מיט רחלען געבליבן אין אַ זײַט.

— אַז איך זע דאָס דאָזיקע הויז, דאַמע, — האָט ער געזאָגט אין קאַסטיליש, — פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס מײַן שלאָס אין בורגאָס איז דיר נישט געפֿעלן.

זי איז רויט געוואָרן. עס האָט זי פאַרדראָסן, וואָס זי האָט אים געערגערט, גלייכצייטיק איז זי געווען צופרידן, וואָס ער געדענקט אירע ווערטער. זי האָט געשוויגן און נאָר א לייכטער, קוים באַמערקלעכער שמייכל איז געשוועבט אויף אירע ליפּן.

— פאַרשטייסטו מיין וווּלגאַרן לאַטיין, — האָט ער פאָרגעזעצט.

זי האָט זיך נאָך מער פאַרוויטלט. אַלפאָנסאָ האָט אויפמערקזאַם אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט.

— זינט יענער צייט האָב איך בעסער אויסגעלערנט קאַסטיליש. הער קעניג, — האָט זי געענטפערט.

— איך וואָלט גערן מיט דיר גערעדט אַראַביש, דאַמע, — האָט ער געזאָגט — אָבער דאָס וועט קלינגען שלעכט אין מיין מויל און עס וועט גרילצן אין דיין אויער.

— רעד רואיק קאַסטיליש, — האָט רחל אויפריכטיק געזאָגט, — דאָס איז דאָך די שפּראַך פון דיין לאַנד.

די האַזיקע ווערטער האָבן ביי אים אַרויסגערופן פאַרדראָס. זי האָט למשל געדאַרפט זאָגן: „עס קלינגט מיר אָנגענעם“ וכדומה, ווי עס פאָדערט די קורטואַזיע. אָנשטאָט דעם האָט זי אַרויסגעזאָגט נאָר דאָס, וואָס עס איז איר איינגעפאַלן אין קאָפּ און דערמיט באַליידיקט זיין קאַסטילישע שפּראַך.

— מיין קאַסטיליע, — האָט ער אויסגערופן, — איז פאַר אייך תמיד אַ פרעמד לאַנד, היימיש פילסטו זיך בלויז אין דיין הויז.

— ניין, — זאָגט רחל, — די הערן פון דיין לאַנד זענען זייער פריינדלעך צו אונדז און באַמיען זיך זי צו מאַכן אונדז היימיש.

דאָ וואָלט אַלפאָנסאָ געדאַרפט באַנוצן אַן אויסגעדראָשענע פראַזע ווי למשל: עס איז גאָרנישט שווער פריינדלעך צו זיין מיט אַזאַ דאַמע, ווי דו ביסט. מיטאַמאָל זענען אים די אַלע הילצערנע מאָדישע פראַזן צוגעגעסן געוואָרן. חוץ דעם האָלט נישט ראַקעל פון אַזאַ מין קאָמישער פלאַפּלעריי. ווי זאָל ער מיט איר רעדן? זי געהערט נישט צו די דאַמען, וואָס וואַרטן אויף איבערגעטריבענע פוסטע ליבע-העפלעכקייטן, און נאָך ווייניקער געהערט זי צו די ווייבער, ביי וועלכע מען קאָן אויסנעמען מיט זעלנערישער גראָבקייט. אַלפאָנסאָ איז געווען געוווינט צו וויסן פון יעדן וואָס און ווער ער איז, האָט ער גענוי געוווסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן. אָבער ווי איז מיט ראַקעלן, ווי אַזוי דאַרף ער זיך מיט איר פאַרהאַלטן, האָט ער נישט גע-

ווסט. אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום ראָזיקן ייד איז געווען פֿאַר אים פֿאַרנעפּלט. וואָס האָט ער געוואָלט פֿון דער דאָניאַ ראַקעל? וואָס וואָלט ער געוואָלט מיט איר טאָן? וואָלט ער אפֿשר געוואָלט מיט איר — און דאָ איז אים אין געדאַנק אַריין אַ מיאוס וואָרט פֿון וולגאַרן לאַטיין: דורכשלאָפֿן זיך מיט איר? ער האָט נישט געוווּסט.

בעת דער קאָנפֿעסיע האָט ער געקאָנט מיט אַ ריין געוויסן פֿאַרזיכערן, אַז ער ליבט קיינעם אויסער זיין ווייב דאָניאַ לעאָנאָר. צו דער ריטערלעכער ליבע (מינגע) האָט אים אַבסאָלוט נישט געצויגן. היות די מיידלעך פֿונעם אַדל פֿלעגן זיך באַווייזן בלויז אין הויכער געזעלשאַפֿט און קיינמאָל נישט אַליין, האָט די קורטואַזיע פֿאָרגעשריבן, אַז ריטער זאָלן זיך פֿאַרליבן אין דאַמען און זיי שרייבן קאַנציקע, געגראַמטע ליבע־לידער. ער איז שוין מיט ווייבער פֿון זיין סוויטע געשלאָפֿן, אָדער מיט געפֿאַנגענע מוסולמענישע ווייבער, מיט זיי, האָט מען געקאָנט רעדן און זיך אויפֿפֿירן ווי דאָס האַרץ גלוסט. איינמאָל האָט ער זיך לייכט פֿאַרבונדן מיט אַ ריטערס אַ פֿרוי פֿון נאַוואַרע, אָבער ס'איז דערפֿון אַרויסגעקומען אַזאַ מיאוסע מעשה, אַז ער האָט לייכט אָפּגעעטעמט, ווען זי איז צוריק אָפּגעפֿאָרן צו זיך אַהיים. אויך די קורצע פֿאַרבינדונג מיט דאָניאַ בלאַנקאַ, אַ דאַמע פֿון לעאָנאָרס סוויטע, האָט אים קיין כּבֿוד נישט פֿאַרשאַפֿט, און לסוף איז דאָניאַ בלאַנקאַ האַלב פֿרייוויליק, האַלב קעגן ווילן אַוועק אין אַ קלויסטער. ביין, גליקלעך איז ער בלויז געווען מיט זיין לעאָנאָר.

דאָס אַלץ האָט איצט אויפֿגעטויכט אין זיין זכּרון און ס'האָט אים שוין פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט דער טאָכטער פֿונעם יידן. חוץ דעם, געפֿעלט זי אים גאָרנישט, זי איז נישט מילד, נישט ווייבלעך, עזותדיק. זאָגט אַרויס איר אייגענע מיינונג, הגם זי איז נאָך, אייגנטלעך, אַ קינד. זי איז מיט קיין זאַך נישט געווען ענלעך צו די קאַלטע מאַיעסטעטישע בלאָנדע קריסטלעכע דאַמען און קיין ריטער האָט איר קיינמאָל קיין פֿערזן נישט געווידמעט און זי וואָלט זיי אפֿשר גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.

ער האָט באַשלאָסן צו פֿאַרענדיקן דעם שמועס און פֿאַרלאָזן דאָס הויז. די שטילקייט פֿון גאָרטן מיטן רעגלמעסיקן ריזלען פֿונעם וואַסער און דער שווערער זיסער פּאָמעראַנצן־ריח האָבן געווירקט אויף זיינע נערוון. ער וויל זיך מער נישט מאַכן צום נאַר, גענוג זיך געוואָרפֿלט מיט דער יידישקע, ער וועט זי דאָ לאָזן שטיין און אַ סוף.

אָבער אָנשטאָט דעם הערט ער זיינע אייגענע ווערטער:

— איך האָב אַ גוט נישט ווייט פון הער שטאָט, מיטן נאָמען לאַ־גאַליאַנאַ. דאָס הויז האָט אויסגעבויט אַ מוסולמענישער קעניג. עס איז זייער אַלט און עס גייען אַרום אַ סך געשיכטעס וועגן אים.

רחל האָט זיך גוט צוגעהערט צו זיינע רייד. זי האָט געהערט פון דער לאַ־גאַליאַנאַ. דאָס האָט געמוזט זיין דאָס אָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען רבי יוחנן'ס וואַסער־זייגער.

— איך וויל דעם פּאַלאַץ רעסטאַווירן, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ פאָר־געזעצט, — אויף אַזאַ אופן, אַז דער נייער פּאַלאַץ זאָל זיך נישט אונטער־שיידן פונעם פריערדיקן. איך וואָלט דאָ באַגריסט דיין עצה, דאַמע.

רחל האָט זיך געפילט געטראָפן, כמעט צאָרנדיק. קיינמאָל וואָלט קיין מוסולמענישער אָדון נישט געוואַגט צו פאַרבעטן אַ פרוי אויף אַזאַ אומ־געשיקטן, גראָבן אופן. אָבער זי האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז קריסטלעכע ריטער זענען גאַנץ אַנדערע מענטשן. אַז אויס קורטואַזיע שיטן זיי מיט ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין שום ווערט. וואַרפנדיק אַ זייט־טיקן בליק אויפן קעניג, האָט זי זיך אַליין דערשראָקן. זיין פּנים איז געווען געשפּאַנט און תאוותדיק. דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען מער ווי קורטואַזיע.

דערשראָקן און געקרענקט שליסט זי זיך איין אין זיך. זי ווערט בלויז אַן אָנשטענדיקע הויז־ווירטין און ענטפערט העפלעך אין אַראַביש:

— מיין טאַטע וועט געוויס צופרידן זיין, הער קעניג, דיר צו דינען מיט זיין עצה.

דאָן אַלפאָנסאָס שטערן האָט זיך פאַרכמאַרעט. וואָס האָט ער דאָ אָנגע־מאַכט! ער האָט אַזאַ ענטפער פאַרדינט, ער האָט זיך דערויף געדאַרפט ריכטן. פון אָנהייב האָט ער געדאַרפט זיין אַ ביסל מער פאָרזיכטיק. דאָס מיידל געהערט צו אַ פאַרשאָלטן פאָלק. דאָס האָט דער פאַרשאָלטענער גאָרטן, דאָס גאַנצע פאַרשאָלטענע הויז אים אַריינגעלייגט אין מויל אַזעל־כע ווערטער. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אַוועק גיכער און מיט עטלעכע טריט זיך פאַראייניקט צו די איבעריקע.

אַלאַזאַר איז גלייך צו אים צו. ער האָט דערציילט וועגן וואָפן, ווו די די טיילן פון פּנים־פאַנצער זענען באַוועגלעך און מען קאָן לויטן פאַרלאַנג באַשיצן וואָס מען וויל: די אויגן, די נאָז, דאָס מויל. אָבער די פּאַזשן פון קעניג גלייבן אים נישט.

איך האָב אַזאַ וואָפן אַליין געזען, — רעדט ער מיט היץ — דער וואָפנשמיד אַבדולאַ פון קאָרדאָווע אַרבעט אים אויס, און מיין טאַטע האָט

מיר צוגעזאָגט אַזאַ קאַסקע צו קויפֿן ווי נאָר איך וועל באַקומען היִעם די־מער־מיטל. געווים האָסטו, הער קעניג, אַזאַ וואָפֿן.

דאָן אַלפֿאָנסאָ ענטפֿערט, אַז ער האָט פֿון אַזאַ וואָפֿן געהערט.

— איך אַליין האָב נישט אַזאַ וואָפֿן, — האָט ער טרוקן פֿאַרענדיקט.

— אויב אַזוי, מוז מיין פֿאָטער פֿאַר דיר עס שאַפֿן. דו וועסט הערן פֿון זיין צופֿרידן, — האָט אַלאַזאַר שטורמיש פֿאַרזיכערט. — באַפֿעל מיין פֿאָטער זאָל עס פֿאַר דיר באַשטעלן.

אַלפֿאָנסאָ האָט אויפֿגעלויכטן. ניין, ער וועט זיך נישט נוקם זיין אינעם יינגל, צוליב דעם, וואָס זיין שוועסטער איז אַזוי עזותדיק און שפּירעוודיק.

— דו זעסט, דאָן יהודה, — האָט ער געזאָגט, — איך מיט דיין יונג פֿאַרשטייען מיר זיך זייער גוט. אפֿשר ווילסטו מיר אים שיקן אַלס פּאַזש אין מיין שלאָס?

רחל האָט אויסגעזען פֿאַרגאַפֿט. אויך אַלע אַנדערע האָבן קוים פֿאַרבאָרגן זייער שטוינונג. אַלאַזאַר האָט פֿון גרויס שמחה געשטאַמלט:

— איז עס אויף אַן אמת, דאָן אַלפֿאָנסאָ? צי ווילסטו באמת זיין מיין גנעדיקער האַר?

היות דאָן יהודהס ווונטש איז אַזוי אומגעריכט מקוים געוואָרן, האָט ער טיף פֿאַרנייגט זיין קאָפּ און געזאָגט:

— דיין מאַיעסטעט איז זייער גנעדיק.

אינעם זעלבן אָוונט האָט יהודה געזאָגט צו רחלען:

— עס שיינט מיר, מיין טאָכטער, אַז אונדזער האַר, דער קעניג, האָט מיט דיר געפֿירט אַ פֿריינדלעכן שמועס.

רחל האָט זייער אויפֿריכטיק אָפּגעענטפֿערט:

— איך מיין, אַז דער קעניג איז געווען צו פֿריינדלעך. ער האָט מיך געקרענקט: ער וויל זיין לוסט־שלאָס לאַ־גאַליאַנאַ רעסטאַווּרירן, און פֿון מיר געפֿאָדערט, איך זאָל אים אַן עצה געבן. איז עס נישט אויסערגעוויינלעך, מיין פֿאָטער?

— יאָ, עס איז אויסערגעוויינלעך, — האָט יהודה געענטפֿערט.

באמת, אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער קעניג פֿאַרבעטן דאָן יהודה און דאָניאַ ראַקעל אויף אַן אויספֿלוג אין שלאָס לאַ־גאַליאַנאַ. דאָסמאָל האָט אים באַגלייט אַ גרויסע געזעלשאַפֿט, און דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט קוים געקאָנט איבערריידן אַ פּאָר ווערטער מיט רחלען. די געסט האָבן גע־

קוואַלן פון דעם תמעוואַטן, באַרעדעוודיקן גערטנער בעלאַרדאָ, וועלכן דער קעניג האָט געשמעלט פאַרשידענע פראַגן.

נאָכן שפּאַציר האָט מען אויפן ברעג פון טאַכאָ סערווירט אַ מאָל־צייט. נאָכן עסן, זיצנדיק אויף אַ שטאַם פון אַ בוים, האָט דער קעניג מיט שפּאַסיקער גאווה געמאָלדן:

— כמעט הונדערט יאָר הערשן מיר אין דער שטאָט טאָלעדאָ. מיר האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אונדזער הויפּטשטאָט. מיר האָבן זי פאַרגרע־סערט, אויסגעבעסערט און באַפעסטיקט קעגן די אָנגריפן פון די אומגלוי־ביקע. אָבער די ענינים פון כבוד, פון גלויבן, פון מלחמה האָבן אונדז נישט איבערגעלאָזט קיין צייט פאַר אַנדערע זאַכן, פאַר זאַכן, וואָס פּאַסן פאַר אַ קעניג, פאַר זאַכן פון שיינקייט און פראַכט. אונדזערע פריינד פון דרום, למשל, דער עסקריוואַנאָ און זיין טאָכטער, וועלכע קוקן אויף אונדזערע שטעט און הייזער מיט פרעמדע, אָביעקטיווע אויגן, האַלטן, אַז אונדזער שלאָס אין בורגאָס איז עקלדיק און נישט באַקוועם. אַלזאָ, אין דער דאָזי־קער שעה פון אָפּרו איז מיר אונטערגעקומען אַ געדאַנק דעם דאָזיקן פאַרנאַכלעסיקטן פּאַלאַץ לאַ־גאַליאַנאַ צו רעסטאַווורירן און מאַכן אים שענער ווי פריער, אַזוי אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען, אַז מיר זענען מער נישט קיין בעטלער און אויך מיר קאָנען בויען מיט פראַכט, אויב מיר וואָלטן עס געוואָלט.

דאָס איז געווען אַ לאַנגע, שטאָלצע רעדע, וואָס דאָן אַלפאָנסאָ פלעגט אַמאָל האַלטן ביים דורכפירן מלוכה־אַקטן. די הויפלייט, וואָס זענען נאָך געזעסן ביי די רעשטן פון מאָלצייט, זענען געווען דערשטוינט.

דער קעניג האָט אַראָפּגעלאָזט פון הויכן טאָן און זיך געווענדעט צו יהודהן:

— ווי מראַכסטו, מיין עסקריוואַנאָ? — דו ביסט דאָך אַ מבין אין די דאָזיקע זאַכן.

— דיין לוסט־שלאָס לאַ־גאַליאַנאַ, — האָט זאַכלעך געענטפערט יהודה, — ליגט העל אויפן ברעג פון קילן טאַכאָ און מיט זיין שטאָלצן בליק קוקט ער אויף דיין באַרימטער שטאָט. ס'לוינט זיך די מרחה אַזאַ שלאָס צו רעסטאַווורירן.

— אַלזאָ, נעמען מיר זיך צו דער אַרבעט, — האָט דער קעניג קורץ באַשלאָסן.

— אָבער עס איז דאָ אַ שוועריקייט, — האָט דאָן יהודה מיט הכנעה געמאָלדן. — דו האָסט גוטע זעלנער און טויגלעכע באַלמעלאָכעס, הער

קעניג. אָבער דיינע קינסטלער און דיינע באַלמעלאָכעס זענען נאָך נישט אַזוי באַהאַוונט, זיי זאָלן קאָנען דעם דאָזיקן שלאָס אויפבויען אויף אַן אופן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דיינע ווונטשן.

דער קעניג האָט זיך געבלאָזן.

— האָסטו דען נישט אַליין ווידער אויפגעבויט דיין גרויס הויז מיט אַזאַ פּראַכט, און אין אַזאַ קורצער צייט?

— איך האָב אַראָפּגעבראַכט מוסולמענישע בוימייסטער און האַנטווערקער, — האָט שטיל און זאַכלעד געזאָגט דאָן יהודה.

שטיל זענען אַלע געבליבן. די קריסטלעכע וועלט פירט איצט אַ הייליקע מלחמה מיט די אומגלויביקע. צי פּאַסט עס, אַז אַ קריסטלעכער קעניג זאָל אין אַזאַ צייט פאַרבעטן מוסולמענישע קינסטלער? ווען מוסולמענישע קינסטלער מסכים זיין צו בויען אַ שלאָס פאַר אַ קריסטלעכן קעניג? ׳

דאָן אַלפאָנסאָ האָט באַטראַכט די פּנימער אַרום זיך. נישט קיין חוזק, נאָך דערוואַרטונג איז געלעגן אויף זיי. אפילו אויפן געזיכט פון דער יידישקע האָט מען נישט באַמערקט קיין סימן פון שפּאָט. צי וועט זי אָבער טיף אין האַרצן נישט טראַכטן, אַז ער קאָן בלויז בויען אַלטע אומעטיקע פּאַלאַצן? צי וועט דער קעניג פון טאָלעדאָ און פון קאַסטיליע נישט קאָנען דורכפירן אַזאַ קלייניקייט ווי רעסטאַווירן אַ לוסט־שלאָס?

— שרייב אויס מוסולמענישע אַרבעטער, — האָט ער האַסטיק אַרויסגעזאָגט, — איך וויל לאַ־גאַליאַנאַ אויסבויען, — האָט ער אומגעדולדיק פאַרענדיקט.

— היות דו באַפעלסט, הער קעניג, — האָט דאָן יהודה געענטפערט, — וועל איך געבן אַן אָנווייזונג מיין איבן אָמאַר, ער זאָל אַראָפּברענגען די געהעריקע מענטשן, ער איז אַ פעיקער מאַן.

— פיין, — האָט דער קעניג געזאָגט, — זע, אַז אַלץ זאָל גיין שנעל און גלאַטיק, און איצט, מיינע הערן, לאָמיר פאַרענדיקן, — האָט ער באַפוילן.

צו רחלען האָט ער זיך נישט געווענדעט נישט בעתן שפּאַציר, נישט ביים מאָלצייט.

# קאַפּיטל זעקס

דאָן אַלפאָנסאָ האָט געלעכצט צו זען זײַן צאַרטע לעאָנאָר. חוץ דעם האָט זי געהאַט אַ שווערע שוואַנגערשאַפט, די אַנטשיידונג האָט געזאָלט פאָרקומען אין אַ זעקס־זיבן וואָכן אַרום, דעריבער האָט ער באַשלאָסן זי מער נישט צו לאָזן אַליין. ער האָט איר געמאָלדן, אַז ער קומט קיין בורגאָס.

דאָניאַ לעאָנאָר איז אויף אים נישט געווען ברוגז, וואָס ער איז אַזוי לאַנג צו איר נישט געקומען. זי האָט געפילט, וויפל געזונט עס קאָסט אים זײַן געצוואונגענע אומטעטיקייט. זי האָט זייער גוט פאַרשטאַנען אַז ער האָט אין איר הויף געוואָלט אויסמײַדן צו באַגעגענען זיך מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געקליבן צו דער נסיעה אין הייליקן לאַנד. איצט איז זי געווען זייער צופרידן, וואָס ער קומט.

זי האָט באַוויזן, אַז זי פאַרשטייט אים, אַז זי האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז קאַסטיליע מוז בלײַבן נייטראַל. חוץ דעם האָט זי דאָך געזען מיט אירע אייגענע אויגן, וויפל עגמת־נפש עס האָט אים פאַרשאַפט דער ענין מיט דאָן פּעדראָ. זי האָט געוווּסט, אַז אויב עס וואָלט אפילו דערגאַנגען צו אַ נויטווענדיקן בונד מיט אַראַגאָן, וואָלט דער ביטערער נקמה־געפיל פון קעניג דערפירט צו שטענדיקע פאַרדערבלעכע מחלוקתן איבער דער פראַגע פון איבערמאַכט. די מפּלה איז געווען פאָרוים באַשטימט.

מיט גוטע ווערטער האָט זי באַרואיקט אַלפאָנסאָן. אין דעם, וואָס ער האָט זיך גובר געווען שטעקט מער דרייסטקייט, ווי ווען ער וואָלט זיך געכאַפּט פאַר די כּל־זײַן. אַלע פאַרשטייען, אַז צוליב הער געשאַפענער אומגינסטיקער לאַגע איז ער געצוווּנגען צו אומטעטיקייט.

— אָבער דו ביסט ווי פריער דער ערשטער ריטער אין שפּאַניע, מײַן אַלפאָנסאָ, — האָט זי געזאָגט. — די גאַנצע קריסטלעכע וועלט ווייסט דערפון.

בײַ די דאָזיקע װערטער האָט ער דערשפּירט אַ װאַרעמקײט אין האַרצן. זי איז געװען זײַן פֿרױ און קעניגין. װי אַזױ האָט ער אַזױ לאַנג געקאָנט אױסהאַלטן אין מאַלעדאָ אָן איר טרײסט, אָן אירע עצות און אָן אירע דאגות?

ער האָט זיך באַמיט זי בעסער צו פֿאַרשטײן. ביז איצט האָט ער געטראַכט, אַז דאָס װאָס זי האָט אױסגעװײלט בורגאָס אַלס װױנאָרט אַנשטאָט מאַלעדאָ — איז פּשוט אַ פֿרױען־קאַפּריז, אַ שטימונגס־זאַך. איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס ליגט אין איר כאַראַקטער. זי איז אױסגעװאַקסן אין די הײפֿן פֿון איר פֿאָטער הענריך פֿון ענגלאַנד און פֿון איר מוטער עליִנאָר דע־גיען, װוּ זי האָט באַקומען בילדונג און פֿײַנסטע מאַניערן, און גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז זי האָט זיך שלעכט געפֿילט אין דעם װײַטן מאַלעדאָ. דאַקעגן, פֿון איר בורגאָס, װאָס איז געלעגן אױפֿן פּילגרים־װעג קײן סאַנטיאַגאָ דע קאָמפּאָסטעלאַ, האָט זי לײַכט געקאָנט האַלטן פֿאַרבינדונגען מיט די קריסטלעכע הײפֿן. דאָ האָבן זי שטענדיק באַזוכט ריטער און דיכטער פֿון איר פֿאָטערס הױף און פֿון איר שטיפֿשװעסטער, פֿון דער פּרינצעסין מאַריע־דע־טרואַ, װאָס האָט מיט זיך פֿאַרקערפּערט דעם אידעאַל פֿון אַ קריסטלעכער דאַמע.

דאָן אַלפֿאָנסאָ אַלײן האָט איצט געקוקט מיט אַנדערע אױגן אױף בורגאָס. ער האָט געזען די שטענדיקע באַחנטע שײנקײט פֿון דער אוראַלטער שטאָט, אין װעלכער די אַראַבער האָבן אַרײַנגעלײגט זײער גאַנץ װעזן. איצט איז זי גרױס, דערהױבן, אומצוטריטלעך, קריסטלעך. ער איז געװען אַ שוטה, װאָס ער האָט זײַן אײדעלע ריטערלעכע בורגאָס פֿאַרנאַכלעסיקט צוליב דער פֿלאַפּלערײַ פֿון אַ נאַריש מײדל.

עס האָט אים שױן איצט פֿאַרדראָסן, װאָס ער האָט געהײסן רעסטאַװרירן דעם גאַליאַנאַ־שלאָס אין מוסולמענישן גײסט. אָבער ער האָט דערפֿון נישט דערצײלט לעאָנאָרן. אגב האָט ער געטראַכט, אַז װען דער שײנער באַשאָטנטער שלאָס װעט פֿאַרענדיקט װערן, װעט אים אפֿשר געלינגען לעאָנאָרן איבערצורעדן, זי זאָל עטלעכע זומער־װאָכן פֿאַרברענגען אין מאַלעדאָ. איצט װײסט ער, אַז לאַ־גאַליאַנאַ װעט איר נישט געפֿעלן. זי האָט ליב ממשותדיקע, פֿעסטע, ערנסטע און נישט די װײכע, בונטע רײַכקײט, איבערגעשפּיצטקײט, װאָס איז פֿאַרבײַגײענדיק.

אין די דאָזיקע װאָכן האָט ער זיך באַמיט דאָניאַ לעאָנאָר צופֿרידן צושטעלן. הגם איר צושטאַנד האָט איר נישט דערלױבט צו רײַטן אין צו גײן אױף יאַגד, האָט ער זיך אַלײן אָפּגעזאָגט פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרגע=

ניגן און פלעגט פאַרבלייבן אין שלאָס. ער פלעגט זיך איצט מער ווי אַלעמאָל אָפּגעבן מיט די קינדער, צוזאַמען מיט בערענגאַריאַ. זי איז געווען הויכוווקסיק, נישט מיט קיין שיין, נאָר מיט אַ לעבעדיק פּנים. פון איר מאַמען האָט זי געירשנט ניגעריקייט צו דער וועלט און צו מענטשן און אויך — איר אַמביציע. זי האָט אַ סך געלייענט און געלערנט. עס האָט איר פיל פרייד פאַרשאַפט, וואָס איר פאָטער האָט זיך מיט איר פאַרנומען, נאָר זי איז געווען פאַרשלאָסן אין זיך און ווייניק גערעדט. קיין נאָענטער קאָנטאַקט מיט דער טאָכטער האָט זיך נישט באַקומען.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, וואָס זי האָט נישט קיין יורש=עצר. אויך איצט וועט אַרויסקומען צום גוטן האָט זי געטראַכט מיט אַ שמייכל, ווען זי וועט ווידער געבוירן אַ טאָכטער. דעמאָלט וועט בערענגאַריאַס צוקונפטיקער מאַן האָבן זיכער שאַנסן צו באַקומען די קרוין פון קאַסטיליע און וועט ווערן אונדזער פאַרבינדעטער. זי האָט זיך פון דער דאָזיקער האָפענונג נישט אָפּגעזאָגט. זי האָט דורכאויס געוואָלט געווינען דאָן פּעדראָן און האָט באַשלאָסן גלייך נאָך דער קימפּעט אַוועקפאָרן קיין סאַראַגאָסע, כדי צו פאַרווירקלעכן די תנאים. דער איצטיקער דריטער קרייץ=צוג איז צוגעגאַנגען זייער פּאַוואָליע. דער גרויסער מאַרש אויף מזרח איז פאַרלויפיק דערגאַנגען ביז סיציליע. ובכן, אויב עס וועט געלונגען דורכצוקומען מיט אַראַגאָן, זענען דעמאָלט פאַראַן גוטע אויסזיכטן, אַז דאָן אַלפאָנסאָ זאָל אָנטיילנעמען אין הייליקן קריג.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אויסצופילן זיין פּוסטע צייט, ער זאָל זיך נישט לאַנגווייליקן.

אין קאַסטיליע האָט עקזיסטירט אַ קאַלאַטראַוואַ=אָרדן. די דאָזיקע מיליטער=פאָרמאַציע פון קאַסטיליע איז געווען אין רשות פון קעניג בלויז אין מלחמה=צייטן. אין פרידן=צייט איז זי געווען אומאָפּהענגיק. די הייליקע מלחמה האָט דאָן אַלפאָנסאָ געגעבן גוטע שאַנסן צו ענדערן די דאָזיקע אָרדענונג. לעאָנאָר האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דאָן אַלפאָנסאָ זאָל אַוועקפאָרן קיין קאַלאַטראַוואַ, כדי זיך צונויפרעדן מיטן אָרדן, זיי שענקען אַ סכום געלט זיי זאָלן בויען וואַלן, צוגרייטן כלי=זיין פאַר די ריטער און מיט זייער פּריסטעריש=קריגערישן הויפּט=אָנפירער דאָן גוניאָ פּערעס זיך צונויפרעדן וועגן ענדערן זייערע רעכט און דיסציפּלין.

עס איז נאָך געבליבן די פראַגע וועגן די געפאַנגענע, וואָס דער סולטאַן סאַלאַדין האָט גענומען אין קאַמף פאַר דער הייליקער שטאָט ירושלים. דער פּויפּסט האָט נישט אויפגעהערט צו פאָדערן פון דער קריסט=

לעבער וועלט זיי זאָלן אומבאַדינגט אויסלייזן די געפאַנגענע. אָבער דער הייליקער קריג האָט איינגעשלונגען גרויסע סומעס געלט, האָט מען דערפאַר אַלץ אָפּגעשטעלט און אָפּגעלייגט, ביז עס האָט זיך דערגענענטערט דער לעצטער טערמין. דער סולטאַן האָט באַשטימט אויסלייז־געלט צען גאָלד־קראָן פאַר יעדן מאַנסביל, פינף פאַר אַ פרוי און איין קראָן פאַר אַ קינד... דאָס איז געווען אַ הויכע סומע, אָבער מען האָט זי געקאָנט איינבייטן. ראָניאַ לעאָנאָר האָט געבעטן אַלפאָנסאָן, ער זאָל אַ גרויסע צאָל געפאַנגענע אַליין אויסלייזן. אויף אַזאַ אופן וועט ער קאָנען באַווייזן דער וועלט, אַז ער פילט אויס זיין הייליקן חוב נישט ערגער פון אַנדערע.

די דאָזיקע אַלע פּראָיעקטן האָבן אַלפאָנסאָן געלאָקט, אָבער דערצו דאַרף מען געלט.

ער האָט אַרויסגעפאָדערט יהודהן קיין בורגאָס.

דערווייל איז יהודה געזעסן אין טאָלעדאָ אין זיין שיינעם קאַסטיליאַ איבן עזרא. בעת עס איז אָנגעגאַנגען דער הייליקער קריג, האָט זיין שפּאַניע גענאָסן פון שלום, און די געשעפטן אין לאַנד און זיינע אייגענע געשעפטן האָבן געבליט.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ נייע צרה, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו די יידן פון טאָלעדאָ און פון גאַנץ קאַסטיליע.

לויטן צווייטיימיקן עדיקט פונעם פויפסט האָבן געדאַרפט צאָלן דעם סאַלאַדין־מעשר די אַלע, וועלכע האָבן נישט אָנטיילגענומען אינעם קרייצצוג, אפילו אויך די יידן. דאָן מאַרטין האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם דאָזיקן עדיקט און אויפגעפאָדערט, אַז די אַלאַכאַמאַ זאָל אַריינטראָגן אירביישטייער.

דאָן אפרים האָט יהודהן באַוויזן דעם בריוו פונעם אַרציבישאָף. ער איז געווען געשריבן אין אַ שאַרפן דראָענדיקן טאָן. יהודה האָט דעם בריוו איבערגעלייענט. ער האָט זיך דערוויף שוין פון לאַנג געריכט.

— די אַלאַכאַמאַ, — האָט דאָן אפרים געזאָגט מיט אַ דינער שטים, — וועט זיך צוזויפברעכן, אויב צו אַלע שטייערן וועט איר אויסקומען צו צאָלן אויך דעם סאַלאַדין־שטייער.

— אויב איר האָט בדעה דעם דאָזיקן שטייער נישט צאָלן, דאַן רעכנט נישט אויף מיין הילף.

דאָס געזיכט פון ראש הקהל איז געוואָרן בייז און אויפגערעגט. דעם דאָזיקן יהודה, — האָט ער מיט פאַרביטערונג געטראַכט, — גייט גאָר נישט אָן, וואָס אַנדערע וועלן צאָלן. ער באַקומט זיין פאַרדינסט, דער ווי־כערער, און מיר מעגן אומקומען.

דאָן יהודה האָט אויפגעכאַפּט זיינע געדאַנקען.

— קלאָג נישט איבערן געלט, מיין האַר און לערער אפרים, — האָט ער אים געזאָגט, — איר פאַרדינט גענוג פונעם קאַסטילישן בייטראַלי־טעט. איך וואָלט שוין פון לאַנג פון אייך אויפגעפאָדערט דעם סאַלאַדין־מעשר. עס גייט דאָ נישט וועגן דעם געלט. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן וויכ־טיקערע זאַכן.

דאָן אפרים איז געווען אַזוי צעמישט פון דער אומגעהייערער סומע, וואָס די אַלאַכאַמאַ האָט געדאַרפט באַצאָלן, אַז ער האָט פאַרגעסן אין אַלע אַנ־דערע זאָרגן. אָבער ווען דאָן יהודה האָט אים אַזוי גראָב אַריינגעזאָגט, האָט ער אויפגעעפנט די אויגן אויף די ערגערע סכנות. דער סאַלאַדין־מעשר איז געווען אַ שטייער פאַר דער קירך און נישט פאַרן קעניג. האָט דער אַרציבישאָף אויף זיך גענומען די רעכט איינצוקאַסירן די דאָזיקע שטייערן און די קרוין האָט טיילווייז געמוזט דערויף איינגיין. בנוגע די יידן וועט דאָן מאַרטין געוויס אויסנוצן די דאָזיקע פּריווילעגיע זיינע אויפן שאַרפסטן אופן. אויב דאָס וועט אים געלונגען, דעמלט איז אַ סוף צו דער אומאָפּהענגיקייט פון דער אַלאַכאַמאַ.

דאָס האָט אים איצט יהודה ברוטאַל אויפגעקלערט.

— דו ווייסט דאָך פונקט אַזוי גוט ווי איך אין וואָס עס גייט, — האָט ער געזאָגט, — קיין פרעמדער גליד טאָר נישט אַריינגעשטעלט ווערן צווישן אונדז און דעם קעניג. מיר מוזן בלייבן אומאָפּהענגיק, ווי עס איז פאַרצייכנט אין די אַלטע ספרים. אונדזער פאַרוואַלטונג און געריכטס־וועזן מוז בלייבן אין אונדזערע הענט, פונקט ווי ביי די גראַנדן. דער קעניג מוז די רעכט באַקומען, איך פערזענלעך מוז די רעכט באַקומען די דאָזיקע שטייערן איינצוקאַסירן און נישט דאָן מאַרטין. אין דער ריכטונג וועל איך אָנווענדן מיינע כוחות. און אויב עס וועט מיר געלונגען, און אויב איר וועט אָפּקומען בלויז מיטן געלט, דעמלט קאָנט איר זינגען הללויה!

ווי שלעכט דאָן אפרים איז נישט געווען געשטימט, האָט ער מיף אין האַרצן אָנערקענט, אַז יהודה איז גערעכט. ער איז געווען איבעראַשט פון זיין שאַרפזין, נאָר נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין אַכטונג צו אים. ער האָט שטאַרק געווייטיקט צוליבן געלט, וואָס וועט אויסקומען צו באַצאָלן.

ער איז געזעסן ווי אַ פאַרפרוירענער, מיט די נעגל פון איין האַנט געריבן די פלאַך פון דער צווייטער האַנט און געזאָגט:

— דיין קוזין דאָן יוסף האָט אויסגעפועלט, אַז די יידן פון סאַראַגאָסע זאָלן צאָלן אַ העלפט פונעם מעשר.

— אפשר איז מיין קוזין געשיקטער פון מיר, — האָט יהודה טרוקן אָפּגעענטפערט. — וואַרשיינלעך האָט ער נישט דעם אַרציבישאָף דאָן מאַרטין אַלס אַ קעגנער, — האָט ער זיך צעהיצט. — צי ביסטו בלינד און זעסט גאָרנישט? איך וועל דאָסמאָל צופרידן זיין, אויב עס וועט דעם אַרציבישאָף נישט געלונגען אַרויפצוואַרפן אויף אונדז זיין יאָך. דעריבער וויל איך גערן באַצאָלן דעם קעניג דעם גאַנצן מעשר. און דאָס וועט זיין אַ פעטער מעשר, דאָן אפרים. דו קאָנסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. ס׳איז אַלץ ווערט, אַבי די אַלאַכאַמאַ זאָל בלייבן אומאָפּהענגיק.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אומדערוואַרט היציק, שנעל, פאַרהיקעט זיך, געפּלאָנטערט מיט דער צונג. דאָן אפרים האָט באַמיט זיך קעגנצושטעלן:

— איך ווייס, אַז דו ביסט אונדזערס אַ פריינד, אָבער דו ביסט אַ שטרענגער פריינד.

ווען דער אַרציבישאָף האָט באַקומען פון דער אַלאַכאַמאַ אַ נעגאַטיוון ענטפער, האָט ער שוין קיין צווייט מאָל נישט געשריבן. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בורגאָס, כדי צו פאָדערן ביים קעניג פולמאַכטן קעגן די יידן.

יהודה האָט מורא געהאַט, עס זאָל אַמאָל נישט געלונגען. אַלפאָנסאָ און לעאָנאָר זענען פרום, די קאַסטילישע נייטראַליטעט דריקט זייער געוויסן, דאָן מאַרטין קאָן זיך שטיצן אויפן צווייזייטיקן פויפסטלעכן עדיקט און וואָרענען דעם קעניג, ער זאָל אויף זיך נישט נעמען קיין אייבעריקע זינד. יהודה האָט געטראַכט, צי זאָל ער אַמאָל אַליין נישט צופאָרן קיין בורגאָס. אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט דעם אַלטן מוסאַם ווערטער, אַז דורך „טאָן" קאָן מען אַמאָל אַלץ קאַליע מאַכן, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן.

דאָס איז געווען אַן אצבע אלהים, ווען דער קעניג האָט אים געראָדעמלט אַרויסגעפאָדערט קיין בורגאָס.

דער אַרציבישאָף איז באמת צוגעשטאַנען צום קעניג. ער האָט זיך פאַררופן אויף אַ גאַנצער ריי עדיקטן פון הייליקן טראָן און אויף פאַרשריפטן פון די העכערע קריסטלעכע אויטאָריטעטן. צי האָבן דען די יידן נישט אָפּגעענטפערט פילאַטן: דאָס בלוט פון קריסטוסן איז אויף אונדז

און אויף אונדזערע קינדער", און צי האָבן זיי זיך דערמיט אַליין נישט פאַראורטיילט? דעמלט האָט זיי גאָט פאַרשאָלטן אויף אייביקער קנעכטשאַפט, און אויף די קריסטלעכע פירשטן ליגט אַ חוב צו בייגן די נאַקנס פון די פאַרשאָלטענע יידן. ער האָט זיך געווענדעט צום קעניג:

— אָבער דו, דאָן אַלפאָנסאָ, האָסט די גאַנצע צייט די יידן פּראָטעזשירט, געבאַלעוועט, און אין דער דאָזיקער שווערער צייט, ווען קריסטיסעם קבר איז ווידער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אומגלויביקע און ווען דער פּויפּסטלעכער עדיקט פאַרפליכטעט אַלעמען, אפילו יידן, צו צאָלן דעם סאַלאַדין-מעשר, וואַקלסטו זיך עס דורכצופירן און גיסט מער פּריווילעגיעס די אומגלויביקע ווי דיינע קריסטלעכע אונטערטאַנען.

דעם אַרציבישאָפס רייד האָב ווייך געמאַכט דאָס האַרץ פון קעניג. ער האָט צוגעזאָגט:

גוט, דאָן מאַרטין, אויך מיינע יידן וועלן צאָלן דעם סאַלאַדין-מעשר.

דאָן מאַרטין האָט געיובלט:

— גלייך וועל איך אויסשרייבן די שטייערן.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט אַנדערש געמיינט. דער פּויפּסט קאָן פאַרלאַנגען, אַז דער קעניג זאָל אויפפאָדערן דעם שטייער און זאָל אים אויך פאַרנוצן אויף מלחמה-צוועקן. אָבער איינקאַסירן דאָס געלט און ווי אַזוי צו פאַרווענדן עס — דאָס ליגט שוין אין קעניגס רשות. דאָס איז געווען אַן אַלמער סכסוך און ער האָט ווידער אויפגעטויכט ביי דער ערשטער אויסשרייבונג פונעם סאַלאַדין-מעשר. נישט געקוקט דערויף, וואָס אַלפאָנסאָ האָט געהאַלטן דעם אַרציבישאָף פאַר זיין געטרייסטן ריטערלעכן פריינד, איז ער דאָך נישט געווען געניינט אים דאָסמאָל נאָכצוגעבן.

— זיי מוחל, דאָן מאַרטין, — האָט ער געזאָגט — דאָס איז נישט דיין אַמט. — און ווען דער אַרציבישאָף האָט זיך אויפגערעגט האָט ער אים באַרואיקט. — דו ביסט נישט גייציק אויף געלט און איך בין אויך נישט גייציק. מיר זענען קריסטלעכע ריטער. מיר נעמען רויב פון שונא, אָבער מיר קריגן זיך נישט מיט פריינד וועגן געלט-זאַכן, זאָלן אויך דאָסמאָל אַנטשיידן די פראַגע יוריסטן און שטייער-באַאַמטע.

— הייסט עס, — האָט דאָן מאַרטין מיט פאַרדראָס געפרעגט, — אַז דו ווילסט די יידן אַליין זאָלן באַשליסן וועגן דעם עדיקט פון הייליקן פאָטער?

— עס איז גראָד גוט וואָס דאָן יהודה קומט אַהער, — האָט אַלפאָנסאָ געענטפערט, — איך וועל מיט אים אַלץ דערליידיקן.

— מיטן צווייפּאַכיקן אומגלויביקן ווילסטו זיך מיישב זיין? — האָט דער אַרציבישאָף אויסגערופן, — מיטן טייוולס שליח? צי גלייבסטו, אַז ער וועט דיר אַ נוצלעכע עצה געבן קעגן זיין פריינד, דעם עמיר פון סעוויליע? ווער קאָן דיר גאַראַנטירן, אַז ער קאָנספּירירט אויך היינט נישט מיט אים? פרעה האָט נאָך אַמאָל געזאָגט: „ווען עס ברעכט ביי אונדז אויס אַ מלחמה, וועלן זיך די יידן שטעלן אויף דער זייט פון אונדזערע שונאים".

דאָן אַלפאָנסאָ האָט זיך באַמיט צו בלייבן רואיק.

— דער דאָזיקער עסקריוואַנאָ האָט מיר גוטס געטאָן, — האָט ער געזאָגט, — מער ווי ווער איז דער וועלט. עס הערשט איצט מער אָרדענונג אין דער ווירטשאַפט פון מיין לאַנד און ווייניקער אונטערדריקונג. דו טוסט אַן עוולה קעגן אים, דאָן מאַרטין.

די וואַרעמקייט, מיט וועלכער דער קעניג האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם ייד, האָט איבערגעשראָקן דעם אַרציבישאָף. ער האָט זיך אָנגערופן מער מיט האַנה ווי מיט צאָרן:

— איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז דער הייליקער פאָטער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געוואָרנט קריסטלעכע פירשטן קעגן יידישע ראַטגעבער. — ער האָט ציטירט אַ שליחות פון פויפּסט: — היט אייך, איר פירשטן פון קריסטנטום. ווען איר וועט די יידן אויס רחמנות צולאָזן נאָענט צו אייך, וועלן זיי אייך אָפּדאַנקען ווי אין שפּריכוואָרט ווערט געזאָגט:

**„Mus in pera, serpens in gremio et ignis in sinu"**

דער דאָזיקער מענטש איז דיר נאָענט געוואָרן, דאָן אַלפאָנסאָ, — האָט ער פאַרחאַגהט געזאָגט, — ער איז דיר גוט אַריין אין האַרצן.

געריירט פון זיין פריינדס דאגה, האָט דער קעניג געזאָגט:

— זאָלסטו קיינעם נישט גלויבן, איך וועל דער קירך געבן, וואָס איר קומט. איך וועל גוט באַטראַכטן דיינע טענות און זיינע, און אויב זיינע וועלן נישט זיין וואָגיק, איבערצייגנדיק און נוצלעך, דאַן וועל איך דיך פאָלגן.

דער אַרציבישאָף איז געבליבן פאַרחושכט און פאַרהאַגהט. ער האָט אויסגערופן:

— איז נישט גענוג, וואָס גאָט האָט דיך צוליב דיינע חטאים פאַר=

---

*) ווי אַ מויז אין בייטל, ווי אַ שלאַנג אין בוזעם און ווי פייער אין אַרבל (לאַטיין).

שלאָפֿן צו ליגן אויפֿן יום־טוב־בעט, בעת די גאַנצע קריסטלעכע וועלט קעמפֿט? זאָל נישט נאָך קיין זינד צו דיינע אַלטע חטאים! איך באַשווער דיך, דו זאָלסט אין דיין מלוכה נישט דערלויבן, אַז די אומגלויביקע זאָלן חוזק מאַכן פֿונעם עדיקט פֿון הייליקן פֿאָטער!

דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט גענומען זיין האַנט און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר פֿאַר דיין וואָרענונג. איך וועל איבער דעם טראַכטן און נישט דערלאָזן, אַז דער ייד זאָל מיך אָפּנאַרן.

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געוואַרט אויף יהודהן, זענען אים דעם אַרציבישאָפֿס ווערטער נישט אַרויס פֿון קאָפּ. דער אַרציבישאָף איז געווען גערעכט, ער איז מיטן יידן צו ווייט אַוועק. באמת, דעם דאָזיקן מאַן האָט ער באַהאַנדלט נישט ווי קיין מענטש, מיט וועלכן ער איז געווען פֿאַרבונדן צוליב נויטווענדיקייט אין געלט, נאָר ווי אַ פֿריינד. ער האָט דעם דאָזיקן מאַן באַזוכט אין זיין הויז. ער האָט זיין זון אַרייַנגענומען צווישן די אַדל־יינגלעך, מיט זיין טאָכטער האָט ער געפּלוידערט און, פֿאַרכישופֿט פֿון איר מיידלשער גאווה און שפּאָט, בוים ער צוליב איר דעם מוסולמענישן לוסט־שלאָס. ווען מען נעמט די שלאַנג אין בוזעם, בייסט זי. מעגלעך, אַז זי האָט שוין געביסן.

ער וועט זיך פֿונעם יידן מער נישט לאָזן פֿאַרפּלאָנטערן. זאָל ער זיך פֿאַרענטפֿערן, פֿאַרוואָס ער האָט ביז איצט נאָך נישט אויפֿגעפֿאָדערט פֿון דער אַלאַכאַמאַ דעם סאַלאַדין־מעשר. אויב ער וועט אים נישט פֿאָרשטעלן קיין איבערצייגנדיקע סיבות, וועט דעמלט דאָן אַלפֿאָנסאָ איבערגעבן די יידן צום אַרציבישאָף. זאָלן זיי, די אומגלויביקע, נישט אַזוי הויך פֿאַרדרייען די קעפּ!

אָבער צי דאַרף ער זיינע Patremonio real די קעניגלעכע רעכט אויף די יידן איבערווייזן דער קירך? קיינער פֿון זיינע פֿאָרגייער האָט עס נישט דערלויבט.

ער האָט גענומען די באַריכטן וועגן דער פֿינאַנסיעלער לאַגע אין לאַנד, זיי זענען געווען גינסטיק, מער ווי גינסטיק. מען מוז מודה זיין, אַז דער מאַן האָט אים גוט געדינט. אָבער ער וועט די וואָרענונג פֿונעם אַרציבישאָף טראָגן אין האַרצן, ער וועט זיך פֿון קיינעם נישט לאָזן פֿאַרדרייען דעם קאָפּ.

איצט וועט ער פֿונעם ייד פֿאַרלאַנגען צו שאַפֿן אַ גרויסע סומע פֿאַר דער קאַלאַטראַוואַ־פֿעסטונג און פֿאַר אויסלייזן די געפֿאַנגענע. די תשובה

פון ייִדן וועט באַווייזן, צי ער פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון דער קרוין און פֿון דער מלוכה, אָדער זײַנע אייגענע און אויך די אינטערעסן פֿון זײַן ייִדנטום.

דער קעניג האָט אויפֿגענומען יהודהן מיט אומגעדולד.

יהודה איז אויך געווען אין אַן אומרויִקער שפּאַנונג. זײַן שמועס מיטן קעניג האָט געטראָגן זייער אַן ערנסטן כאַראַקטער, דעריבער האָט ער געמוזט זײַן פֿאָרזיכטיק.

צוערשט האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער לאַגע. ער האָט דערציילט וועגן די וועזנטלעכע דערפֿאָלגן און האָט נישט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען וועגן די קלענערע דערגרייכונגען, וואָס האָבן צו־מייכטן פֿאַרשאַפֿט דעם קעניג פֿאַרגעניגן. ער האָט דערציילט וועגן דער גרויסער פֿערד־פֿירמע. זעכציק ראַסאָווע פֿערד זענען שוין אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פֿון מוסולמענישן אַנדאַלוז און פֿון אַפֿריקע זענען אַרויסגעפֿאָרן קיין קאַסטיליע דרײַ הויך־קוואַליפֿיצירטע פֿערד־ציכטלער. עס זענען שוין דאָ קאַסטילישע מטבעות. גאָלד־מאַראַוועדי ווערן איצט געמינצט אין אַ גרעסערער צאָל, און נישט געקוקט דערויף, וואָס זײַן בילד, פּונקט ווי אַלע אַנדערע בילדער, זענען פֿאַרהאַסט בײַ די מוסולמענער, דאָך ווערן פֿאַרשפּרייט אין די איסלאַמישע לענדער זײַנע מטבעות, אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט זײַן בילד און דער הערב פֿון זײַן מאַכט. אויך דער קע־ניגין וועט ער פֿרייד פֿאַרשאַפֿן דערמיט, וואָס גאָר אינגיכן וועט זי שוין קאָנען טראָגן געוועבן פֿון קאַסטילישן זייד.

דער קעניג האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט און צופֿרידן געווען. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מען טאָר דעם ייִד צופֿיל נישט רימען, כדי ער זאָל נישט פֿאַררייסן די נאָז, דעריבער האָט ער מיט בייזאַרטיקער פֿרײַנדלעכקייט אויסגערופֿן:

— דאָס קלינגט זייער פֿריידיק. און איצט האָבן מיר ענדלעך דאָס געלט, כדי אַרויסצוטרעטן קעגן די מוסולמענער.

דאָ יהודה איז געווען אַנטוישט ציליב אַזאַ מין דאַנקבאַרקייט. דאָך האָט ער אָפּגעענטפֿערט רויִק:

— מיר דערנענטערן זיך צו דער דאָזיקער צײַט שנעלער, ווי איך האָב געהאָפֿט. אָבער וואָס לענגער עס וועט דויערן דער שלום, אַלץ בעסער זע־

נען דיינע אויסזיכטן, הער קעניג, אויפצושטעלן אַן אַרמיי, גרויס און שטאַרק גענוג דיין נצחון זאָל זיין געזיכערט.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט מיט דער זעלבער פאַרשטעלטער פריינדלעכקייט געפרעגט:

—אויב דו האַלטסט, אַז איך דאַרף דעם הייליקן קריג כסדר אויסמיידן, טאָ שאַף מיר לכל הפחות געלט, איך זאָל קאָנען דער קריסטלעכער וועלט אַרויסווייזן מיין גוטן ווילן.

— ווייז אַרויס דיין חסד, הער קעניג, — האָט יהודה געענטפערט, — און לאָז דיין אומפאַרשטענדלעכן דינער — דייטלעכער אויפקלערן דיין געדאַנק.

— איך און דאָניאַ לעאָנאָר האָבן באַשלאָסן, — האָט ער אים איבערגעשלאָגן, — אויסצוקויפן ביי סאַלאַדינען אונדזערע געפאַנגענע, אַ סך געפאַנגענע, — און ער האָט אָנגערופן אַ העכערע צאָל, ווי ער האָט געטראַכט: — טויזנט מענער, טויזנט פרויען, טויזנט קינדער.

דאָן יהודה האָט זיך געפילט געטראָפן. און אַלפאָנסאָ האָט געטראַכט: דאָ האָב איך אים געפאַקט. איצט וועט דער פוקס אַרויסווייזן זיין אמתן פרצוף. אָבער יהודה האָט געענטפערט:

— זעכצן טויזנט גאָלד=מאַראַוועדי איז אַ גרויסע סומע. קיין שום פירשט אויף דעם דאָזיקן האַלב=אינדזל וועט אויף אומנוצלעכע פרומע צוועקן אַזאַ סומע נישט באַקומען. אָבער דו, הער קעניג, קאָנסט עס יאָ באַקומען.

דאָן אַלפאָנסאָ, נישט וויסנדיק, צי ער דאַרף זיך פרייען אָדער ערגערן האָט אויסגערופן:

— און דעם קאַלאַטראַוואַ=אָרדן וויל איך שענקען אַ סומע, זיי זאָלן נישט זיין אַזעלכע קבצנים.

יהודה האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט, אָבער גלייכצייטיק איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער קעניג וויל מסתמא מיטן געלט פאַרן אָרדן אויסקויפן זיין חמא ביי גאָט פאַר זיין נייטראַליטעט אין דעם הייליקן קריג. דעריבער וועט בעסער זיין אויף אַזאַ אופן דערליידיקן די פראַגע מיטן סאַלאַדין=מעשר, איידער עס אָפּצוגעבן אין די הענט פונעם אַרציבישאָף.

— אין אַ וואָסער סומע האַנדלט עס זיך? הער קעניג? — האָט יהודה געפרעגט.

— איך וואָלט געוואָלט הערן דיין מיינונג, — האָט אַלפֿאָנסאָ זיך אָנגערופֿן.

— ווען די ווילסטו קאַלאַטראַוואַ געבן אַזוויפֿיל, וויפֿל אַלאַרקאָס, — האָט יהודה פֿאָרגעשלאָגן, — דאַן פֿאָדערט זיך פֿיר טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי.

— די שפּאַסט, מיין ליבער, — האָט דער קעניג פֿריינדלעך געזאָגט, — איך וועל דאָך מיינע בעסטע ריטער ניט באַהאַנדלען ווי בעטלער. פֿאַרגרעסער דעם געשענק אויף אַכט טויזנט מאַראַוועדי.

דאָס מאָל האָט דאָן יהודה ניט ווילנדיק פֿאַרקניימשט דאָס פּנים. אָן שום טענות האָט ער זיך פֿאַרנייגט און געזאָגט:

— די האָסט אין דער דאָזיקער שעה פֿיר און צוואַנציק טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי געשאָנקען אויף הייליקע צוועקן, הער קעניג. גאָט וועט דיך דערפֿאַר באַשטימט באַלוינען. — און גאַנץ מונטער האָט ער ווייטער גערעדט: — אַפֿילו אָן דעם בין איך זיכער, אַז גאָט וועט אַרויסווייזן זיין חסד צו דיר און איך, פֿון מיין זייט, האָב שוין עפּעס אויפֿגעטאָן אין דער הינזיכט.

דער קעניג האָט געשטויגט.

— איך האָב, — האָט יהודה דערקלערט, — שטיצנדיק זיך דערויף, אַז לויט דיינע פֿאַרדינסטן וועט דיר גאָט געוויס שענקען אַ יורש־עצר, שוין באַצייטנס באַפֿוילן מיינע שטייער־באַאַמטע זיי זאָלן רעווידירן דעם רעגיסטער פֿון טויף־מתנות.

באמת, אין די אַלטע ביכער איז געווען פֿאַרצייכנט, אַז אויב עס ווערט געבוירן אַן ערשטער זון האָט דער קעניג רעכט פֿון יעדן וואַסאַל אויפֿצופֿאָדערן אַ גווירדיקן בייַשטייער לטובֿת דעם יורש־עצר. און די סומע דאַרף זיין אַ גאַנץ הויכע.

דאָן אַלפֿאָנסאָ, פּונקט ווי דאָניא לעאָנאָר, האָט זיך מיאש געווען צו האָבן אַ יורש־עצר, און ער האָט זיך שטאַרק געפֿרייט, וואָס זיין עס־קריוואַנאָ בויט פֿלענער אויף זיין גליק. מונטער, מיט אַ לייכטן שעמעוודיקן שמייכל אויפֿן פּנים האָט ער געזאָגט:

— די ביסט באמת אַן אויסגערעכנטער מענטש.

און אַזוי ווי דער ייד האָט אָן שום וואַקלעניש צוגעשטעלט אין זיין רשות די געפֿאָדערטע סומע, האָט אַלפֿאָנסאָ באַשלאָסן איבערצוגעבן ניט מאַרטינען, נאָר יהודהן, ער זאָל איינקאַסירן דעם סאַלאַדין־מעשר. אָבער

פאַרוואָס דערמאָנט אים דער ייד נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן סאַלאַדין־מעשר פון דער אַלכאַמאַ?

— ווי האַלט עס עפּעס מיט אייער סאַלאַדין־מעשר, — האָט אַלפאָנסאָ פאָרגעזעצט, — מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט באַשווינדלען די קירך. דאָס וועל איך נישט טאָלערירן און מיינט נישט, אַז דאָס וועט זיך אייך איינגעבן.

דער דאָזיקער משונהדיקער אָנגריף האָט אַרויסגעפירט יהודהן פון גלייכגעוויכט. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער גורל פון די שפּאַנישע ייִדן ליגט איצט ביי אים אויף דער צונג. באַהערשט און באַוואָפנט מיט קאַלטער דרייסטקייט און געדולד, האָט יהודה אָפּגעענטפערט:

— מען האָט אונדז פאַרמסרט, הער קעניג. דעם סאַלאַדין־מעשר פון דער אַלכאַמאַ האָב איך שוין לאַנג אַריינגעשטעלט אין מיינע חשבונות, ווייל אַנדערש וואָלט דאָס געלט, וואָס דו פאַרלאַנגסט, נישט געווען. אָבער ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דיינע ייִדישע אונטערטאַנען ווילן דעם דאָזיקן שטייער בלויז דיר באַצאָלן, הער קעניג, און נישט עמעצן אַנדערש, וועלכער קאָן עס פאָדערן, אָדער וועלכער האָט עס שוין געפאָדערט.

דאָן אַלפאָנסאָ, הגם צופרידן דערפון, וואָס דער ייד האָט לייכט אָפּגעוואָרפן דאָן מאַרטינס באַשולדיקונג, האָט אים דאָך אַריינגעזאָגט:

— ווער מיר נישט צו דרייסט, דאָן יהודה! דער „עמעצער“, פון וועלכן דו האָסט גערעדט, איז דער אַרציבישאָף פון טאָלעדאָ.

— דער סטאַטוט, — האָט יהודה אָפּגעענטפערט, — וואָס דיינע אבות האָבן אַרויסגעגעבן דער אַלכאַמאַ און דו האָסט עס באַשטעטיקט, זאָגט בפירוש, אַז די אַלכאַמאַ דאַרף אַלע שטייערן דיר דירעקט איינצאָלן און מער קיינעם נישט. ווען דו וועסט באַפעלן, וועט פאַרשטענדלעך, דער מעשר באַצאָלט ווערן דעם אַרציבישאָף. אָבער דאָס וועט זיין בלויז מעשר און מער קיין פּרוטה נישט. און דער מעשר וועט זיין אַ מאָגערער, ווייל עס איז שווער צו שערן אַ פאַרעקשנטן באָק. דאַקעגן, ווען דער מעשר איז פאַר דיר, הער קעניג, וועט עס זיין אַ פעטער, רייכער מעשר, ווייל דיך האָט מען ליב און דיך פאַרערט די גאַנצע אַלכאַמאַ פון טאָלעדאָ. — און שטיל, איבערצייגנדיק האָט ער פאָרגעזעצט: — וואָס איך זאָג דיר איצט, וואָלט אפשר בעסער געווען ביי זיך אין בוזעם פאַרבאַהאַלטן. אָבער איך בין דיין עלטערער דינער און איך קאָן עס דיר נישט פאַרשווייגן. עס וואָלט פאַר אונדז זייער שלעכט געווען און עס וואָלט שטאַרק געדריקט אונדזער געוויסן, ווען מיר וואָלטן זיך באַשטייערט צו געבן

געלט אויף דערגאָבערן אַ שטאָט, וועלכע איז אונדז הייליק פון אוראַלטע צייטן און וועלכע גאָט האָט אַ נדר אויף להבא צוגעזאָגט. דו, הער קעניג, ווערסט אונדזער געלט נישט פאַרווענדן אויף מלחמה־צוועקן אויפן מזרח, נאָר פאַרשטאַרקן דעם פרעסטיזש און די מאַכט פון דיין קאַסטיליע, וואָס באַשיצט און פאַרזיכערט אויך אונדזער אַנטוויקלונג. מיר ווייסן, אַז דו נייטיקסט זיך אין געלט צו אונדזער גונסטן. און צוליב וואָסערע צוועקן דער אַרכיבישאָף ברויכט דאָס געלט ווייסן מיר נישט.

דער קעניג האָט פולשטענדיק געגלייבט דאָן יהודהן. דער ייד, וועלכער האָט צוליב גאַנץ פשוטע טעמים תמיד זיך געהאַלטן ביים גלייכן וועג, ווי ער אַליין, איז געווען זיין פריינד. אַלפאָנסאָ האָט עס געפילט. אָבער דאָס האָט נישט געטאָרט זיין. „די מויז אין בייטל, די שלאַנג אין בוזעם און דאָס פייער אין אַרבל" — אָט די דאָזיקע ווערטער פון הייליקן פאָטער האָבן אים געקלונגען אין די אויערן. ער טאָר דעם ייד גאַנץ נאָענט צו זיך נישט צולאָזן. דאָס איז אַ חטא, אַ צווייפאַכיקער חטא בעת דעם איצטיקן הייליקן קריג.

— נעם נישט צו אונדזער רעכט, וועלכע מיר האָבן זינט הונדערט יאָר, — האָט יהודה אים באַשווירן, — גיב נישט אַוועק דיינע טרייסטע אונטערטאַנען אין די הענט פון זייערע שונאים. מיר זענען דיין אייגנטום און נישט דעם אַרכיבישאָפס. דערלויב מיר איינצוקאַסירן דעם סאַלאַדין־שטייער, הער קעניג!

יהודהס ווערטער האָבן אַלפאָנסאָן גערירט, אָבער דער, וואָס האָט גערעדט איז געווען אַן אומגלויביקער, און הינטער דעם, וואָס האָט אים געוואָרנט, איז געשטאַנען די קירך.

— איך וועל דיינע טענות באַטראַכטן, דאָן יהודה, — האָט ער גלייכגילטיק אַרויסגעזאָגט.

יהודהס געזיכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. אויב ער האָט איצט נישט געקאָנט איבערצייגן דעם קעניג, וועט עס אים שוין נישט געלונגען. גאָט האָט פון זיינע ווערטער אָפּגעקערט זיין חסד. ער, יהודה, האָט געליטן אַ מפּלה.

אַלפאָנסאָ האָט באַמערקט יהודהס אַנטוישונג. דער דאָזיקער איבן עזרא האָט אים אַזויפיל נוצן געבראַכט, ווי קיינער אין דער וועלט. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט דעם יידן פאַרשאַפט אַזויפיל קרענקונג.

— מיין נישט, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך דערשאַץ נישט דיינע פאַרדינסטן. דו האָסט מיין אויפגאַבע פולשטענדיק דערפילט, דאָן יהודה. — און ער האָט וואַרעם צוגעגעבן: — איך וועל מיינע הערן פאַרבעטן, זיי זאָלן זיך צוקוקן, ווי דו ווערסט מיר צוריקגעבן די הענטשקע אַלס צייכן פון אַ גוטאויסגעפירטער אויפגאַבע.

אויך דאָניאַ לעאָנאָר איז געווען אין פאַרלעגנהייט, צי זאָל מען דעם סאַלאַדין־מעשר איבערלאָזן דעם אַרציבישאָף. אַלס קעניגין האָט זי די קרוין־רעכט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. אַלס קריסטין האָט זי זיך געפילט פאַרזינדיקט, ווייל די מלוכה האָט פון צווייפלהאַפטן נייטראַליטעט געהאַט נוצן און האָט דערפאַר נישט געוואָלט גרינגשעצן דעם אַרציבישאָפס וואָרענונג. איר פיינלעכע שוואַנגערשאַפט האָט פאַרגרעסערט איר ספק. זי האָט נישט געקאָנט איר אַלפאָנסאָ געבן קיין שום עצה.

ער האָט געוואַרט אויף אַ צייכן פון גאָט. ער האָט באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביז דאָניאַ לעאָנאָר וועט געלעגן ווערן. וועט זי אים געבוירן אַ ייִנגל, וועט עס זיין אַ צייכן פון גאָט. דעמלט וועט דער סאַלאַדין־מעשר איינקאַסירט ווערן פאַרן קרוין־אוצר, ווייל ער האָט נישט קיין רעכט צו פאַרקלענערן די ירושה פון זיין זון.

דערווייל האָט ער אַרויסגעוויזן אַכטונג זיין עסקריוואַנאָ. ווי ער האָט פאַרשפּראָכן האָט יהודה געדאַרפט אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אים צוריקגעבן די הענטשקע פון ריטערלעכער שליחות. און אַלפאָנסאָ האָט מיט זיין נאַקעטער האַנט גענומען די נאַקעטע האַנט פון זיין וואַסאַל, האָט אים געדאַנקט מיט האַרציקע ווערטער, אים אַרומגענומען און געקושט אין די באַקן.

דער אַרציבישאָף איז געווען שטאַרק בייז. זיין גייסטלעכע וואָרענונג האָט מרעיש עולם געווען. דער שליח פון אַנטיכריסט האָט פאַרפלאָנטערט דעם קעניג אַלץ ענגער און ענגער. דאָן מאַרטין איז געווען אַנטשלאָסן דאָס מאָל נישט לאָזן זיך אַרויסרייסן דעם זיג פון דער קירך איבער דער סינאַגאָגע. ער איז געווען גרייט אָנצווענדן די העסלעכסטע מיטלען, כדי ביטערקייט באַקעמפן מיט ביטערקייט.

קיין שום זאַך פאַרדריסט אים נישט אַזוי, האָט דאָן מאַרטין אויפגעקלערט דעם קעניג, ווי דאָס קריגן זיך מיט אים איבער געלט. אַלס באַווייז האָט ער אים געמאַכט אַ פאָרשלאָג, וועלכן ער וועט קאָנען מיט גרויס

טרחה פאַרטיידיקן פאַרן פויפסט. שטיצנדיק זיך דערויף, אַז דאָן אַלפאָנסאָ וועט באַנוצן דעם סאַלאַרין־מעשר אויף באַוואָפענונג, לאָזט ער איבער די געלטער אין זיין רשות. וואָס שייך זיך אַליין און דער קירך, לאָזט ער זיך איבער די רעכט בלויז איינצוקאַסירן דעם מעשר און די אַריינגעפלאָסענע סומע וועט ער גלייך איבערווייזן דעם קרוין־אוצר.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט באַטראַכט דאָס געטרייע, כימרע געזיכט פון זיין פריינד, ווי שווער עס איז אים צו גיין אויף אַזאַ קאָמפּראָמיס. פאַר אים אַליין איז געווען קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ פּרינציפּ, און ער האָט דערקלערט:

— איך ווייס, אַז דו ווילסט דאָס בעסטע פאַר מיר. אָבער עס שיינט מיר, אַז אויך מיין עסקריוואַנאָ איז ערלעך, ווען ער מאַכט מיר אויפמערקזאַם, אַז איך טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון די וויכטיקע העכט פון מיין קרוין.

דאָן מאַרטין האָט זיך צעהיצט: — ווידער דער אומגלויביקער! דער פאַרעטער!

— ער איז נישט קיין פאַרעטער, — האָט אַלפאָנסאָ פאַרטיידיקט זיין מיניסטער. — ער וועט ביז אַ פּרוטה איינקאַסירן דעם מעשר פון זיינע יידן. פון דעם דאָזיקן מעשר האָט ער מיר פאַרשפּראָכן אַ ריזיקע סומע פאַר די צוועקן פון קרייץ־צוג: פיר און צוואַנציק מיזנגט גאָלד־מאַראַוועדי.

די סומע האָט איבערראַשט דעם אַרציבישאָף. אָבער נישט וועלנדיק נאָכגעבן האָט ער געשמייכלט:

— ער האָט תמיד אַ סך צוגעזאָגט.

— ער האָט יעדע הבטחה אויסגעפילט, — האָט אָפּגעענטפערט דאָן אַלפאָנסאָ.

אין דאָן מאַרטינס אויערן האָבן געהילכט וואָס פון די פויפּסטלעכע שרייבונגען און פאַראָרדענונגען: די יידן, וואָס האָבן אויף זיך אַרויפגעשלעפּט דעם חטא פון קרייציקונג זענען באַשטימט צו אייביקער שקלאַפעריי, עס ברענט אויף זיי דער צייכן פון קינען און זיי זענען פאַראורטיילט אויף אייביקן נע־ונד. און דאָ שטייט אַ קריסטלעכער פירשט, אַ גרויסער ריטער און אַ העלד און אָנשטאָט צו קלאַפּן די יידן איבער די קעפּ, זיי זאָלן זיך בויגן, ווייזט ער ראַקעגן אַרויס דרך־ארץ און פריינדשאַפט דעם דאָזיקן טיוול, וועלכער האָט זיך איינגעגעסטלט טיף אין זיין האַרצן. דאָן מאַרטין איז געווען גרייט אויף אַ בימרען וועג אַרויסווייזן פאַרן קעניג זיין קריסטלעכע גוטסקייט און מעסיקייט. אָבער איצט האָט ער זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— צי זעסטו דען נישט, דו, פון טייוול פאַרבלענדטער, — האָט ער זיך געהיצט, — וווּהין ער פירט דיך? ער האָט דיין לאַנד געמאַכט אויפ־בליען, זאָגסטו, צי זעסטו דען נישט, אַז די דאָזיקע בליונג איז פאַרסמט? זי שפּראָצט און בליט פון זינד. דו דערנערסט זיך מיטן פאַרברעכן פון דיין נייטראַליטעט, ובעת די קריסטלעכע פירשטן, כדי דעם הייליקן קבר צו באַפרייען, האָבן אויסצושטיין החקות, סכנה און טויט, און דעמלט דווקא נעמסטו זיך בויען אַ פּרעכטיקן, געצנדינערישן לוסט־שלאָס! דער קירך פאַרגינסטו אפילו נישט דעם מעשר, וואָס דער הייליקער פאָטער האָט צוגעפּסקנט!

דאָן אַלפאָנסאָ האָט שוין אַליין חרטה געהאַט, וואָס ער בויט דעם לאַ־גאַליאַנאַ שלאָס, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די פאַר־וואָרפן פונעם פּריסטער.

— איך פאַרווער דיר צו רעדן מיט אַזאַ לשון, — איז ער אויף אים אָנגעפאַלן. און קוים זיך באַהערשט, האָט ער רואיק פאַרגעזעצט: — דו ביסט אַ גרויסער קירכן־פירשט, דאָן מאַרטין, אַ גוטער זעלנער און גע־טרייער פריינד. ווען איך וואָלט עס נישט גענומען אין באַטראַכט, וואָלט איך דיר איצט אויפגעפאָדערט די זאָלסט זיך אַ גאַנצן חודש נישט ווייזן פאַר מיינע אויגן.

נאָך אינעם זעלבן טאָג האָט ער יהודהן אויפגעקלערט:

— איך וועל די יידן נישט איבערגעבן צו דער קירך, איך האַלט זיי פאַר מיין אייגנטום. זאָלן זיי מיר צאָלן זייער מעשר און דו וועסט עס איינקאַסירן. אָבער זאָלסט זען, אַז דער מעשר זאָל זיין פעט, ווי דו האָבסט פאַרשפּראָכן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָניאַ לעאָנאָר געבוירן אַ ייִנגל.

אומבאַגרענעצט איז געווען אַלפאָנסאָס פרייד. גאָט האָט אים אַרויס־געוויזן זיין גרויסן חסד. ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט געפאָלגט זיין אינערלעכע שטים און גאָרנישט אָפּגעטראָטן דער קירך פון זיינע קרוין־רעכט. אויך דעמלט האָט ער גוט געטאָן, ווען ער האָט דעם יונגן פעדראָ געצוווּנגען ער זאָל אים אַלס וואַסאַל אַ קוש טאָן די האַנט. וואָלט ער זיך אַזוי נישט באַנומען, וואָלטן שוין פאַרגעקומען די תנאים צווישן דאָן פעדראָ און זיין יונגער טאָכטער און איצט, מיטן געבוירן פון זיין זון

וואָלן די צוגעזאָגטע ירושה אָפּגעפֿאַלן און ס'וואָלט אויסגעבראָכן נאָך אַן ערגערע מחלוקת.

אין הער קאַפּיטצע פֿון זיין שלאָס האָט דאָן אַלפֿאָנסאָ געקנייטשט און געדאַנקט, וואָס קאַסטיליע האָט באַקומען אַ יורש פֿון זיין בלוט. ער וועט פּראָקלאַמירן אַ גרויסן קריג און נישט געקוקט אויף קיין זאַך וועט ער אַלס דאַנק צו גאָט שלאָגן סעווילע, קאָרדאָווע און גראַנאַדע. די מלוכה וועט גרעסער ווערן און די גרענעצן וועלן זיך אויסברייטערן אויף דרום. און אויב ער וועט דעם גאַנצן האַלב־אינדזל נישט דעראָבערן, וועט גאָט אַרויסווייזן זיין חסד צו זיין זון, וועלכער וועט פֿאַרענדיקן זיין אַרבעט.

אויך דאָן יהודה איז געווען שטאַרק צופֿרידן. טראָץ זיין זיכער־קייט איז ער דאָך געווען שטאַרק פֿאַרדאגהט, טאָמער געבוירט די קע־ניגן ווידער אַ מאָכטער. דעמלט וואָלט דאָן פּעדראָ, אַדאַנק די תּנאים מיט דער אינפֿאַנטין בערענגאריא, זיך באַרואיקט און דער דאָזיקער בונד וואָלט גורם געווען אַ קריג קעגן די מוסולמענער. איצט איז די דאָזיקע סכנה באַזייטיקט.

דאָן יהודה האָט געהאָפֿט, אַז אַלע וועלן אָנטייל נעמען אין זיין פֿרייד. קודם־כּל דער פֿריינדלעכער קלוגער מלוכה־מאַן דאָן מאַנריקע. אָבער דאָן מאַנריקע האָט אים אַריינגעזאָגט:

— דערמאָן זיך, אַז דו רעדסט צו אַ קריסטלעכן ריטער! איך פֿריי מיך, אַז דער קעניג, אונדזער האַר, האָט שוין אַ יורש, אָבער דער גרעס־טער טייל פֿון מיין פֿרייד איז צעשטערט, ווייל אונדזער גוטער קריג קאָן אַמאָל אויף אייביק אָפּגעשלעפּט ווערן. צי מיינסטו, אַז איך וואָלט געוואָלט גיין אין קבר אַריין, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט נאָך איין־מאָל אַרויסצוטרעטן קעגן די אומגלויביקע? צי מיינסטו, אַז אַ קאַסטי־לישער ריטער קאָן זיין צופֿרידן, בעת ער זעט, אַז זיין קעניג ליגט אויפֿן אויוון, ווען די גאַנצע קריסטלעכע וועלט געפֿינט זיך אין הייליקן קריג? דיינע רייד, ייִד, האָבן מיך באַליידיקט.

יהודה איז אַוועק אַ פֿאַרשעמטער. ער האָט געדאַנקט דעם אַלמעכ־טיקן גאָט, פֿאַר דעם ניי־געבוירענעם יורש, וואָס אַ דאַנק וועלכן ס'איז אָפּגעקערט געוואָרן אַ גרויסע סכנה פֿונעם שפּאַנישן האַלב־אינדזל און פֿונעם פֿאָלק ישׂראל.

די פּויפּונג פֿון זיין זון האָט אַלפֿאָנסאָ דורכגעפֿירט מיט גרויס

פֿאַראַד. דער גאַנצער הויף איז פֿאַרבעטן געוואָרן קיין בורגאָס. אָבער רחלען האָט ער נישט פֿאַרבעטן.

דערפֿאַר האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס אויפֿמערקזאַמקייט זיין פֿאַזש, דאָן אַלאַזאַרן. ער האָט אים צוגערופֿן נאָענט צו זיך, אויסטיילנדיק אים פֿון אַלע אַנדערע איידל־קינדער עס האָט אים געוווּנדערט, וואָס דעם ייִנגלס פֿריש שיין פּנים איז קנאַפּ ענלעך צו זיין שוועסטערס געזיכט. עס האָט אים אויך געחידושט, וואָס גראָד איצט איז אים אַריין אַזאַ געדאַנק, פֿון וועלכן ער האָט זיך באַמיט פּטור צו ווערן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טויפֿונג האָט דאָן יהודה געשיקט דעם קעניג און דער קעניגין קאָסטבאַרע מתנות. אויך די אינפֿאַנטין בערענגאַריאַ האָט ער נישט פֿאַרגעסן. ער האָט באַמערקט, אַז זי איז געווען אַנטוישט און פֿאַרדאגהט. פֿאַר אירע אויגן איז שוין געשטאַנען די קרוין פֿון קאַסטיליע און אַראַגאָן, פֿון דער פֿאַראייניקטער שפּאַניע. איצט איז אַלץ פֿאַרזונקען געוואָרן.

דער נייער יורש איז מיט גרויס פּאַראַד געטויפֿט געוואָרן אונטערן נאָמען פֿערנאַן ענריקעז.

דאָן יהודה האָט זיך צוריקגעקערט קיין טאָלעדאָ.

# קאַפּיטל זיבן

שוין ביים ערשטן קרייץ=צוג האָבן די קריסטלעכע קריגער קודם=כל אָנגערופן די אומגלויביקע אין לאַנד, די ייִדן.

די פירער פון דער באַוועגונג האָבן עס נישט געוואָלט. זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר זייער ציל צו באַפרייען דאָס הייליקע לאַנד פון דעם יאָך פון די אומגלויביקע און מער גאָרנישט. אָבער צו די קרייצלער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַזעלכע, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט רעליגיעזע געפילן. רעליגיע האָט זיך אויסגעמישט מיט אַוואַנטורע און עגאָיזם. ריטער, וועלכע מען האָט אין זייער היימלאַנד, אין נאָמען פון געזעץ, פאַרפאָלגט צוליב זייערע שענדלעכע מעשים, האָבן זיך אין די לענדער פון איסלאַם געיאָגט נאָך רויב און רום. פאַרקנעכטע פויערים האָבן זיך געכאַפּט פאַרן קרייץ, כדי פּטור צו ווערן פון לייב=אייגנטום און פון שטייערן.

דער גאָטפאָרכטיקער בן=דור, דער כראָניקער אַלבערטוס אַקוועניוס, האָט פאַרשריבן: „אַ פיין געזינדל האָט זיך איינגעשלאָסן אין דער קרייץ=אַרמיי נישט אַזוי, כדי אויסצולייזן זייערע זינד, נאָר צו באַגיין נייע זינד. אַ געוויסער גיאָם לע קאַרפּאַנטיע פון מרוא=געגנט, אַ ווילדער רעדנער און אַ גאַסן=יונג, האָט צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע מחנה קריגערישע עולי=רגל און אַוועק מיט זיי צום רהיין. וואָס ווייטער אַלץ מער מענטשן האָבן זיך צו אים אָנגעשלאָסן, פראַנקן און דייטשן. איינגיכן האָט זייער צאָל דערגרייכט ביז הונדערט טויזנט. „פּילגרים=ברידער", האָט מען אינעם רהיין=געביט אָנגערופן די דאָזיקע פינצטערע מחנה קרייצלער=חברה".

„עס האָט זיך אָנגעהויבן", האָט געמאָלדן אַ ייִדישער כראָניקער פון יענער צייט, „אַ ווילד, היציק, אַכזריותדיק פאָלק, אַ געמיש פון פראַנקן און דייטשן, וואָס האָבן געמאָלדן, אַז זיי לאָזן זיך אין דער הייליקער שטאָט, כדי פון דאָרט אַרויסצוטרייבן די זין פון ישמעאל. יעדער פון די דאָזיקע פאַרברעכער האָט זיך צוגעניית אַ צייכן פון קרייץ אויף די מל=

בושים. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסע מחנות: מענער, פרויען, קינ־
דער. איינער מיטן נאָמען ווילהעלם דער מעסלער — פאַרשאָלטן זאָל זיין
דער נאָמען פון דעם באַנדיט, — האָט אויפגעהעצט און געזאָגט: „מיר
לאָזן זיך אין וועג אַריין, כדי נקמה נעמען אין די זין פון ישמעאל. אָבער
צו געפינען זיך שוין דאָ נישט קיין ייִדן, וועמענס אבות האָבן אונדזער
גאָט געקרייציקט? לאָמיר זיך צוערשט אָפּרעכענען מיט זיי. פאַרטיליקט
זאָל ווערן יהודהס נאָמען, אויב זיי וועלן זיך אויך ווייטער איינעקשנען
און נישט אָנערקענען ישו דעם גיזאַלבטן. זיי האָבן אים אויסגעהערט
און געזאָגט איינער צום צווייטן: לאָמיר טאָן, וואָס ער וועט אונדז הייסן.
און זיי זענען אָנגעפאַלן אויפן פאָלק פון הייליקן ברית ישראל".

באַלד, אום שבת, דעם זעקסטן טאָג פון חודש אייר, האָבן זיי אויס־
געהרגעט די ייִדן אין דער שטאָט שפּייער. דריי טעג שפּעטער האָט דאָס
זעלבע פּאַסירט אין דער שטאָט וואָרמס. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן קיין
קעלן. דאָ האָט דער בישאָף הערמאַן געוואָלט באַשיצן זיינע ייִדן, אָבער
די שערי־רחמים זענען געווען צוגעשלאָסן, האָט פאַרצייכנט דער כראָני־
קער. די פאַרברעכער האָבן צעממיתט די קריגס־קנעכט און די ייִדן זענען
געבליבן אויף הפקר. אַ סך פון זיי, מענער פרויען, קינדער, נישט וועלנדיק
זיך טויפן, האָבן זיך געוואָרפן אין רהיין מיט שטיינער אויף די העלדזער,
אויסרופנדיק: „שמע ישראל אַדוני אלהינו אדוני אחד".

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין טריער, און אַזוי אויך אין מאַינץ.

וועגן די געשעענישן אין מאַינץ דערציילט דער כראָניקער: דעם
דריטן טאָג אין סיוון האָט אַמאָל משה־רבינו געזאָגט צו די ייִדן: זייט
גרייט, ווייל אין דאָזיקן דריטן טאָג וועל איך צוריקקומען פון באַרג סיני.
דעם דריטן סיוון, מיטאָגצייט, איז עמיכאַ פון לייניגנגען, ימח שמו וזכרו,
מיט זיין גאַנצער מחנה פאַרברעכער צוגעקומען צו דער שטאָט און די
בירגער האָבן אים געעפנט דאָס טויער. די פאַרברעכער האָבן געזאָגט
איינער צום צווייטן: „איצט וועלן מיר נקמה נעמען פאַרן בלוט פונעם
געקרייציקטן". די קינדער פונעם פאָלק ישראל האָבן צוגעגרייט כלי־זיין,
כדי זיך צו פאַרטיידיקן. אָפּגעשוואַכט פון צרות און פון לאַנגן פאַסטן,
האָבן זיי נישט געקאָנט ביישטיין דעם שונא. אין בישאָף־שלאָס האָבן זיי
אַ לענגערע צייט פאַרטיידיקט קעגן די באַנדיטן דאָס שטאַרקע טויער
פונעם אינערלעכן הויף. אָבער צוליב אונדזערע חטאים זענען קיין כוחות
נישט צוגעקומען. ווען זיי האָבן געזען, אַז זייער גורל איז געחתמעט, האָבן
זיי זיך אָנגענומען מיט מוט און איינער צום צווייטן געזאָגט: „אונדזערע

שונאים וועלן אונדז איצט אומברענגען אָבער אונדזערע נשמות וועלן אומבאַרירט אַריין אין ליכטיקן גן־עדן. געבענטשט איז דער, וועלכער גייט אויף טויט אין נאָמען פון איינציקן גאָט". און זיי האָבן באַשלאָסן: „לאָמיר ברענגען אַ קרבן אין נאָמען פונעם אַלמעכטיקן גאָט". ווען די שונאים זענען אַריינגעדרונגען אין הויף, האָבן זיי דערזען, ווי אַלע מאַנצבילן זיצן אומבאַוועגלעך איינגעהילט אין טליתים. די פאַרברעכער האָבן געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּיצל. זיי האָבן זיי באַוואָרפן מיט שטיינער און באַשאָסן מיט פיילן. די איינגעהילטע אין טליתים האָבן אָבער זיך נישט גערירט פון אָרט. די מערדער האָבן זיי צעשניטן מיט זייערע שווערדן. די וואָס האָבן זיך געפונען אין שלאָס גופא האָבן אויסגעהרגעט איינער דעם צווייטן. באמת, דעם דריטן טאָג אין חודש סיוון זענען די ייִדן פון מאַינץ געשטאַנען פאַרן זעלבן נסיון, וואָס אונדזער פאָטער אברהם. פונקט ווי אברהם אבינו בשעתו האָט געזאָגט: „דאָ בין איך און איך בין גרייט מיין זון יצחק מקריב צו זיין", אַזוי האָבן די ייִדן פון מאַינץ געבראַכט זייערע קינדער און זייערע שכנים אַלס קרבן. אַ פאָטער האָט מקריב געווען זיין זון, אַ ברודער זיין שוועסטער, אַ מאַן זיין ווייב, און אַ שכן זיין שכן. צי האָט מען ווען אָנגעזען אַזאַ קרבן? מער ווי עלף הונדערט מענטשן האָבן זיך געלאָזט שעכטן און זיך אַליין אויסגעשאָכטן אין נאָמען פון גרויסן אַלמעכטיקן גאָט פון ישראל.

אין רעגנסבורג האָבן די פּילגרים־ברידער אויסגעשאָכטן זיבן הונדערט פיר און ניינציק ייִדן. זייערע נעמען זענען פאַרצייכנט אין די ספרים פון די קדושים. הונדערט און אַכט ייִדן זענען גרייט זיך צו טויפן. די פּילגרים־ברידער האָבן זיי אַריינגעטריבן אין דונײַ און אַריינוואַרפנדיק אין זייערע וואַסערן אַ גרויסן צלם, האָבן זיי די ייִדן געטובלט, געלאַכט און געשריגן: „איצט זענט איר קריסטן און לאָזט אייך מער נישט אַריינציען אין אייער ייִדישן אָבערגלויבן". זיי האָבן פאַרברענט די שול און דעם פאַרמעגט פון די הייליקע ספרי־תורות האָבן זיי באַנוצט אַלס זוילן פאַר די שיך.

אין די חדשים אייר, סיוון און תמוז זענען אין די רהיין־געביטן אומגעקומען צוועלף טויזנט ייִדן, און פיר טויזנט אין שוואַבן און אין בייערן.

דאָס רוב וועלטלעכע און גייסטלעכע פירשטן האָבן פאַראורטיילט די אכזריות און דעם צוואַנגס־טויף פון די פּילגרים־ברידער. דער דײַטשער קייזער, היינריך דער פערטער, איז אין אַ פייערלעכער רעדע אַרויסגעטראָטן קעגן די שחיטות און האָט דערלויבט די מיט צוואַנג געטויפטע

יידן זיך צוריקצוקערן צום גלויבן פון זייערע אָבות. ער האָט אויך פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן אַרציבישאָף פון מאַינץ, וועלכער האָט נישט גענוגנדיק פאַרטיידיקט די יידן און זיך באַרייכערט אויפן חשבון פון זייערע גיטער. דער אַרציבישאָף האָט געמוזט אַנטלויפן. דער קייזער האָט אָפּגענומען זיין פאַרמעגן און עס אָוועקגעגעבן צוריק די יידן.

ס'רוב פון די עולי־רגל האָבן געהאַט אַ שוואַרצן סוף, איידער זיי זענען נאָך אָנגעקומען אין הייליקן לאַנד. טויזנטער זענען אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די אונגאַרן. די פירער גילאָם, קאַרפּאַנטיע און עמיכא פון לייניגנען האָבן זיך צוריקגעקערט מיט געציילטע מענטשן.

דער כראָניקער הערציילט, אַז גילאָם, איידער ער האָט זיך געריכט אין וועג אַריין, האָט ער געפרעגט דעם רב פון טרוא, ווי אַזוי עס וועט זיך ענדיקן זיין עקספּעדיציע. דער רב האָט אים געענטפערט: „אַ קורצע צייט וועסטו זיין אין גלאַנץ, דערנאָך וועסטו צעקלאַפּט ווערן און וועסט אַנטלויפן מיט דריי קליאַטשעס“. גילאָם האָט דעם רב געדראָט: „אויב איך וועל צוריקקומען מיט מער ווי דריי קליאַטשעס, וועל איך דיך מיט אַלע יידן פון פראַנקרייך אומברענגען“. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געהאַט דריי רייטער אויף פערד, און זיין פערד איז געווען דאָס פערטע. איז ער געווען צופרידן, וואָס ער וועט דעם רב אומברענגען. ווען ער איז אַריינגעריטן אין טויער, איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין און דערהרגעט זיין פערד. גילאָם האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין כוונה און איז אַוועק אין אַ קלויסטער.

די עינויים, וואָס די יידן זענען אַמאָל אויסגעשטאַנען זענען פאַרשריבן אין ספר „עמק הבכה“. און איצט, ווען עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ קרייץ־צוג, זענען די יידן אָנגעפילט געוואָרן מיט שרעק, עס זאָל זיך ווידער דאָס זעלבע נישט איבערחזרן.

אויך איצט האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט. אָבער דאָסמאָל איז די יידן אויסגעקומען אויסצושטיין פאַרשידענע עינויים דער עיקר מצד די פירשטן.

דער הערצאָג וראַטיסלאַוו פון בעהמען האָט געצוווּנגען זיינע יידן צום שמד. און ווען די יידן האָבן געוואָלט אויסוואַנדערן, כדי אויפצוהאַלטן זייער אמונה, האָט ער געמאָלדן, אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגן וועט ביי זיי אָפּגענומען ווערן. לויט זיין אויפטראָג האָט זיינער אַ קאַמער־הער, אַ גע־

בילדעטער מאַן, געהאַלטן אַ דרשה פאַר די אויסוואַנדערער אין לאַטייניש העקזאַמעטער: „קיין שום אוצרות האָט איר פון ירושלים קיין בעהמען נישט געבראַכט. נאַקעטע בעטלער זענט איר געקומען אין אונדזער לאַנד, נאַקעטע קאָנט איר זיך אָפּטראָגן“.

צוממייןסטן האָבן די יידן געליטן אין פּראַנצויזישן קעניגרייך. אַמאָל, אינעם פאָריקן קרייצ־צוג האָט זיך לודוויק דער זיבעטער און עליגאָר דערגיען פאַר זיי אָנגענומען. נאָר דער קעניג, וואָס האָט איצט רעגירט אין פראַנקרייך, פיליפּ אויגוסט, האָט זיך אַליין געשטעלט אין דער שפּיץ פון די, וואָס האָבן געפּריידיקט אויסצוהרגענען און אויסצוראָטן דעם „פאַרשאָלטענעם געשלעכט“. „די יידן, האָט ער דערקלערט, האָבן דורך פאַרברעכערישע קונצן פאַרמאָגט די צאָל הייזער אין פאַריז. זיי האָבן אונדז באַרויבט, ווי זייערע אבות האָבן באַרויבט די עגיפּטער“.

כדי זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן, האָט ער איינמאָל אין אַ שבת־טאָג אַרומגעשטעלט די שול פון פאַריז און פון אָרלעאַן מיט זיינע קריגסקנעכט און האָט פון דאָרט נישט געלאָזט אַרויסגיין די יידן ביז מען האָט באַרויבט זייערע הייזער. זיי האָבן אויך געמוזט אויסטאָן זייערע שבתדיקע קליידער און נאַקעטע אַוועקגיין אַהיים אין זייערע אויסגעליידיקטע הייזער. דאַן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, זיי זאָלן אין משך פון דריי חדשים פאַרלאָזן זיין קעניגרייך און איבערלאָזן זייער גאַנץ האָב און גוטס.

ס׳רוב פון די גרושים זענען אַנטלאָפן אין די שכנותדיקע גראַפשאַפטן, וועלכע זענען געווען וואַסאַלן פון קעניג, דאָך גענוג זעלבשטענדיק.

די האַנט פון קעניג פיליפּ אויגוסט האָט זיי אויך דאָרט דערגרייכט.

אין שאַמפּאַן האָט געוווינט די מאַרק־גרעפין בלאַנש, אַן עלטערע פרוי מיט אַ פרייען גייסט און אַ גוט האַרץ. זי האָט אויפגענומען אַ סך יידישע גרושים. אין יענער צייט האָט אויפן פראַנקישן געביט געהערשט אַזאַ מנהג: אין דער וואָך פון קריסטוסעס ליידן פלעגט די יידישע קהילה, אָדער דער רב שיקן אַ יידישן פאַרשטייער אויפן שטאָט־פּלאַץ און דאָרט פלעגט מען אים פּאַטשן צום אָנדענק פון קריסטוס, דעם מאַרטירער. די גוטע מאַרק־גרעפין האָט דערלויבט די יידן אָנשטאָט דעם דאָזיקן מנהג איינצוצאָלן אַ געוויסע סומע לטובת דער קירך. דער קעניג פיליפּ אויגוסט, אויפגערעגט, וואָס די גרעפין האָט געגעבן אַ מקום־מקלט די יידן האָט ער פאַרלאַנגט פון זיין וואַסאַל־גרעפין, זי זאָל צוריקציען איר פאַראָרדענונג. ער האָט זיך דערביי פאַררופן אויפן הייליקן קריג, זי האָט געמוזט נאָכגעבן.

דער גורל אַליין האָט דערפֿירט די ייִדן צו שפּאָט און צו פֿאַרשידענע עינויים. פֿאַר דער תּשובֿה־וואָך האָט אַ קרייצלער, אַן אונטערטאַן פֿון קעניג פֿיליפּ אויגוסט דערהרגעט אַ ייִד אין דער שטאָט ברעי־סיר־סען אויף דער גרעפֿינס טעריטאָריע. די גרעפֿין האָט פֿאַרמשפּט דעם מערדער צום טויט און דעם אורטייל האָט מען באַשטימט אויסצופֿירן אין יום־טובֿ פּורים, ווען די ייִדן פֿייערן זייער נצחון איבער המן־הרשע, פֿון וועלכן זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן אַדאַנק אסתּר המלכּה און איר אַפּוטרופּים מרדכי. פֿאַרשטייט זיך, אַז די ייִדן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער עקזעקוציע האָבן געטאַנצט פֿאַר שׂמחה. תּיכּף האָט מען געמאָלדן דעם קעניג פֿיליפּ אויגוסט, אַז זייגעם אַן אונטערטאַן, דעם מערדער, האָט מען געבונדן די הענט און אויף זיין קאָפּ אַרויפֿגעלייגט אַ דאָרן־קראַנץ, כּדי אָפּצושפּאָטן פֿון קריסטוסעס ליידן. דער קעניגלעכער גזלן, ווי דער כראָניקער רופֿט אים אָן, האָט געפֿאָדערט פֿון דער גרעפֿין, זי זאָל אַרעסטירן אַלע ייִדן פֿון דער שטאָט ברעי. זי האָט זיך נישט געאיילט אים צו פֿאָלגן. דער קעניג האָט אַוועקגעשיקט מיליטער קיין ברעי, אַרעסטירט אַלע ייִדן און זיי געשטעלט פֿאַר אַן אויסוואַל: שמד, אָדער טויט. פֿיר ייִדן האָבן זיך געלאָזט טויפֿן, ניינצן קינדער ייִנגער פֿון דרייצן יאָר האָט מען אַוועקגעשיקט אין אַ קלויסטער און אַלע איבעריקע ייִדן זענען פֿאַרברענט געוואָרן אויף זיבן און צוואַנציק שייטער־הויפֿנס. צו דער מאַרק־גרעפֿין בלאַנש האָט פֿיליפּ אויגוסט אַזוי געזאָגט: „איצט זענען דיינע ייִדן פּטור פֿון די פּעטש אין דער תּשובֿה־וואָך“. נאָכדעם איז ער אַליין אַוועק אויף דער הייליקער מלחמה.

די ייִדן אין צפֿון־פֿראַנקרייך האָבן זיך אויך נישט געפֿילט זיכער. זיי האָבן געשיקט שליחות־בריוו צו זייערע ברידער אין מער גליקלעכע לענדער, קיין פּראָוואַנס, קיין שפּאַניע, מען זאָל זיי קומען צו הילף.

זייערע גרעסטע האָפֿענונגען האָבן זיי געלייגט אויף דער מעכטיקער ייִדישער קהילה אין טאָלעדאָ. אַהין האָט מען אַוועקגעשיקט אַ מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פֿאַרן גרעסטן און פֿרומסטן ייִדן אין פֿראַנקרייך, דעם רבי טוביה בן שמעון.

קוים איז דאָן יהודה צוריקגעקומען פֿון בורגאָס, ווי רב טוביה איז שוין ביי אים געווען.

אונדזער מר און רבי טוביה בן שמעון החסיד, דער עפּיסקאָפּוס יודעאָרום פֿראַנקאָרום, דער נשׂיא פֿון די ייִדן אין פֿראַנקרייך, איז געווען

עילו און מפורסם אין אַלע תפוצות פונעם פאָלק ישראל. ער האָט געהאַט אַ חשובן אויסזען און אַ באַשיידענע הנהגה. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַן אַלטער יידישער למדנישער משפחה, וועלכע איז צוריק מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט אַנטלאָפן פון די פּילגרים־ברידער פון דייטשלאַנד קיין פראַנקרייך.

ער האָט גערעדט אויף אַ לאַנגזאַמען אומריינעם העברעיש פון די דייטשע יידן, די אַשכנזים. עס האָט געקלונגען גאַנץ אַנדערש, ווי דאָס איידעלע קלאַסישע לשון קודש, אויף וועלכער דאָן יהודה האָט גערעדט. דאָך, האָט יהודה נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין אויסשפּראַך. רבי טוביה האָט דערציילט וועגן די כסדרדיקע ראַפּינירטע, אַכזריותדיקע מעשים פונעם קעניג פיליפּ אויגוסט און פון די גרויזאַמע בלוטיקע געשעענישן אין פּאַריז, אָרלעאַן, ברעי, נאַמור און אין דער שטאָט סען. ער האָט גערעדט מיט אַ צימערדיקער שטימע. ער האָט דערציילט וועגן די קליינע רדיפות, וואָס די פאַרפאָלגער האָבן אָפּגעטאָן די יידן אַזוי געווי און אויספירלעך ווי וועגן די געוואַלדיקע שחיטות. קליינע פאַקטן זענען אַזוי אַרום אויסגעוואַקסן, און גרויסע זענען געוואָרן רינגעלעך אין אַן אַנסופיקער קייט. און כסדר דאָס זעלבע: „זיי האָבן אויסגערופן שמע ישראל און זענען אומגעקומען“.

ס'איז געווען אויסטערליש צו זען דעם דאָזיקן אומגעשיקטן רבין אין דעם שטילן, פרעכטיקן, געשניצטן הויז, דערציילנדיק וועגן אַזעלכע ווילדע געשעענישן. רבי טוביה האָט גערעדט לאַנג און איבערצייגנדיק, און דאָן יהודה האָט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. אַדאַנק זיין לעבעדיקער פאַנטאַזיע האָט ער ממש געזען די געשעענישן אַזוי ווי דער רבי האָט זיי געשילדערט. געוויס'ע אַכזריותדיקע דערינערונגען זענען בולט געשטאַנען אין זיין זכרון. אַמאָל, מיט אַן אַנדערהאַלבן דורות צוריק האָבן די מוסולמענער אין זיין סעווילע פונקט אַזוי געטריבן די יידן, ווי איצט די קריסטן אין פראַנקרייך. אויך זיי זענען צוערשט אָנגעפאַלן אויף די גאָענטסטע „אומגלויביקע“, אויף די יידן, און זיי געשטעלט פאַרן אויסוואַל: אָננעמען זייער גלויבן אָדער טויט. יהודה האָט זיך גענוי אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, וואָס עס טוט זיך דאָרט.

— פאָרלויפיק, — האָט געזאָגט רבי טוביה, — העלפן אונדז גאָר די פּראָווינציאַנעלע גראַפן און באַראָנען פון די אומאָפּהענגיקע געביטן, אָבער דער געזאַלבטער מערדער מאַטערט זיי און לאַנג וועלן זיי זיך

נישט קאָנען קעגנשטעלן. די הערצער זייערע זענען נישט שלעכט, אָבער אויך נישט גוט, און זיי וועלן נישט פירן קיין קריג מיטן קעניג פון פראַנקרייך צוליב געערעכטיקייט לגבי די יידן. שוין גאָר נישט ווייט איז די צייט, ווען מיר וועלן ווייטער מוזן וואַנדערן, און דאָס איז נישט פון די לייכטע זאַכן, ווייל מיר האָבן מער גאָרנישט געראַטעוועט אַ חוץ אונדזער גוף און עטלעכע ספרי־תורות.

שלום ושלמה האָט געהערשט אין דאָזיקן פּרעכטיקן הויז. עס האָבן געריזלט די פריילעכע וואַסערן. אין גאָלד, בלוי און רויט־קאָליר האָבן אַראָפּגעלויכטן פון די ווענט די אותיות פון די באַדייטנדיקע פּסוקים. די דינע, בלאַסע ליפּן אויף דעם רבינס פּנים האָבן גלייכמעסיק אַרויסגע־זאָגט יעדעס איינציק וואָרט. אָבער יהודה האָט געזען פאַר זיך אַ סך, זייער פיל יידן, ווי זיי וואַנדערן מיט מידע פיס, ווי זיי רוען אויפן וועג־ראַנד מיט אַן אָנגעווייטיקטן בליק, טראַכנדיק וועגן דער נייער סכנה, וואָס באַ־דראָט זיי, ווי זיי כאַפּן זיך פאַר די שטעקנס, וואָס זיי האָבן פון אַ בוים אָפּגעבראָכן און גייען ווייטער.

מיט דער לאַגע פון די פראַנצויזישע יידן האָט זיך שוין דאָן יהודה באַשעפטיקט אין בורגאָס. זיין שאַרפער גייסט האָט שוין אָנגעוואָרפן אַ געוויסן הילפס־פּראָיעקט. אָבער בעת ער האָט אויסגעהערט רבי טוביהס באַריכט איז ביי אים אַנטשטאַנען אַן אַנדער פּלאַן. עס וועט זיין אַ דריט־מער שווערער ענין, אָבער עס איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג. דער אָנבליק פונעם אומבאַהאָלפענעם רבין, וואָס האָט גאָרנישט געבעטן און גאָרנישט געמאָנט, האָט דאָך געפאָדערט, און צוגעגעבן יהודהן מוט.

אויפן צווייטן טאָג, ווען אפרים בר אבא איז געקומען אין שלאָס פון איבן עזרא, האָט דאָן יהודה שוין אַלץ באַשלאָסן. דאָן אפרים געדירט פון רבי טוביהס רייד האָט געוואָלט שאַפן אַ פאָנד פון צען טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי און געבעטן ביי יהודהן ביישטייער אויפן דאָזיקן פאָנד. אָבער יהודה האָט אָפּגעענטפערט:

— דאָס וועט די פאַרפאָלגטע וויניק העלפן, אויב מיר וועלן זיי געבן אַ געלט־שטיצע אויף עטלעכע חדשים אָדער אפילו אויף אַ יאָר. די גראַפן און די באַראָנען, ביי וועלכע די יידן געפינען זיך, וועלן דעם קעניג נאָכגעבן, און וועלן זיי ווידער פאַרטרייבן. זיי וועלן אָן אַ שום ציל ווידער אַרומוואַנדערן אויף דער ערד, וועלן אַריינפאַלן צו נייע שונאים אין די הענט און סוף כל סוף וועלן זיי אומקומען. ס'איז דאָ בלויז איין עצה — זיי צו באַזעצן אויף אַן אָרט, וווּ זיי זאָלן זיין זיכער.

דער פּרנס פֿון דער אַלאַכאַמאַ איז געווען שטאַרק איבערראַשט. איצט מען וועט איצט בעתן היילקן קריג אריינפֿירן אין לאַנד גאַנצע מחנות אָרעמע יידן, קאָן עס ברענגען צו זייער שלעכטע רעזולטאַטן. דער אַרצי-בישאָף וועט אויפֿהייבן אַ נייע העצע קעגן די יידן און דאָס לאַנד וועט אים געבן גערעכט. די יידן פֿון מאַלאָרקאָ זענען געבילדעט, פֿאַרמעגלעך, ציוויליזירט, מען האָט פֿאַר זיי דרך-ארץ. אָבער אַז מען וועט איצט אַריינ-לאָזן הונדערטער, אפֿשר טויזנטער פּראָנצויזישע יידן, וועלכע זענען קבצנים און זענען נישט באַקאַנט מיט דער שפּראַך און מנהגים פֿונעם לאַנד — וועלן זיי אַדאַנק זייער קליידונג און זייערע שלעכטע מאַנירן, צו שטאַרק זיך וואַרפֿן אין די אויגן. מען וועט זיי דאָן נישט העלפֿן, נאָר להיפּוך זיך אַליין אַרויסשטעלן אויף סכנות.

די אַלע סיבות, וואָס האָבן אַזוי געשראָקן אפֿרימען, האָבן דעם דרייסטן דאָן יהודה חווקאַ געשטאַרקט אין זיינע כוונות. דרך-אגב האָט ער באַמערקט: — וועלן די פּראַנצויזישע יידן זיך דאָ פֿילן, ווי ביי זיך אינ-דערהיים? זיי זענען קליינע מענטשעלעך. זיי זענען דאָרט געווען ווינ-הענד-לער, געפֿירט צווייפֿלהאַפֿטע געלט-געשעפֿטן. דאָס זענען אָרעמע קרעמער, זייער דענקען איז שמאָל, פֿון קיין גרויסע אונטערנעמונגען האָבן זיי נישט קיין שום השגה. איך בין דאָ נישט אויסן זיי צו פֿאַראורטיילן. זיי האָבן געהאַט אַ שווער, האַרט לעבן. אַ סך פֿון זיי זענען קינדער פֿון יידן, וואָס האָבן געמוזט אַנטלויפֿן פֿון דייטשישע לענדער, אָדער זענען אַליין אויס-געשטאַנען די פֿאַרפֿאָלגונגען אין דייטשלאַנד. איך זע נישט, ווי די דאָ-זיקע פֿאַרחושכטע, איבערגעשראָקענע מענטשן וועלן זיך אין אונדזער לאַנד אַקלימאַטיזירן.

דאָן יהודה איז אַנטשוויגן געוואָרן. דעם פּרנס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער שמייכלט. אפֿרים האָט זיך אָנגערופֿן:

— אונדזער גרויסער גאַסט בכבודו-ובעצמו איז אַ גאָטפֿאַרכטיקער מאַן און אַ באַרימטער למדן. אַ סך זאַכן פֿון זיינע ווערטפֿולע, טיפֿע ספֿרים זענען מיר פֿרעמד. אין הינזיכט פֿון מידות און פֿון אָפּהיטן מצוות בין איך שמרענגער פֿון דיר, דאָן יהודה. וואָס שייך אונדזער האַר און לערער רבי טוביה איז דאָס גאַנצע לעבן ביי אים בלויז אַן ענין פֿון תשובה טאָן. דער צוגאַנג צו ענינים ביי אים און ביי זיינע אָנהענגער איז נישט דער זעלבער ווי ביי אונדז. דעריבער מיין איך, אַז אונדזערע ברי-דער פֿון פֿראַנקרייך וועלן זיך נישט גוט צונויפֿלעבן מיט אונדז און מיר מיט זיי.

אפרים האָט נישט אַלץ ארויסגעזאָגט, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דאָן יהודהן, דעם משומד: אַז רבי טוביה האָט אויפן שאַרפסטן אופן פאַראורטיילט די אַלע יידן אַזויגע ווי ער, וואָס זענען אוועק פון זייער אמונה און ער האָט אַפילו נישט געפונען קיין גוט וואָרט פאַר די אנוסים, פאַר די יעניקע, וועלכע מען האָט אונטער טויט־דראָונג געצוואונגען צו שמד און וואָס האָבן זיך שפּעטער צוריקגעקערט צום יידנטום. דאָן יהודה, וועלכער האָט אויס פרייען ווילן און אָן סכנה אַזוי לאַנג געדינט דעם פרעמדן גאָט, דאַרף וויסן, אַז אין די אויגן פון רבי טוביה און זייַנע אָנהענגער איז ער חייב מיתה און אַז זיין נשמה דאַרף פאַרניכטעט ווערן צוזאַמען מיט זיין גוף. צי קאָן ער מסכים זיין, אַז אַזעלכע לייט, וואָס טראַכטן אַזוי וועגן אים, זאָל ער אַרויפזעצן דער אַלאַכאַמאַ און זיך אַליין אויפן קאַרק?

— געוויס, — האָט געזאָגט דער פאַרטראַכטער דאָן יהודה, — דער דאָזיקער גרויסער מאַן איז נישט ענלעך צו אונדז. מענטשן פון אונדזער שטייגער זענען מסתם זיין נשמה פרעמד און אַזעלכע מענטשן, ווי איך, רופן געוויס ביי אים אַרויס ווידערווילן. נישט ווייניק פון זייַנע אָנהענגער טראַכטן מסתם ווי ער. אָבער יענע פאַרפאָלגטע ברידער, וואָס מיין פעטער דאָן יהודה איבן עזרא הנשיא, דער פירשט, האָט דעמלט אַריינגעלאָזן אין לאַנד, זענען אויך געווען אַזעלכע, און מען האָט שטאַרק געספקט, צי וועלן זיי זיך דאָ איינלעבן, אָבער זיי האָבן דאָך זיך איינגעלעבט. זיי בליען און אַנטוויקלען זיך. איך גלייב, אַז מיר קאָנען אונדזערע פרענקישע ברידער אַהערברענגען, אויב מיר וועלן זיך ערנסט דערצו נעמען.

דער אויסגעמאָגערטער אפרים איז געזעסן אין זייַנע ברייטע מלבושים טיף פאַרזאָרגט און געטראַכט.

— איך בין געווען שטאָלץ, — האָט ער געזאָגט, — אַרויסצוואַרפן צען טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי פאַר די פרענקישע פליטים. אויב מיר וועלן זיי אַראָפּברענגען אין באַדינגונגען, אין וועלכע זיי וועלן זיך נישט קאָנען אויסלעבן, דעמלט וועלן מיר דאַרפן פאַר זיי זאָרגן לאַנגע יאָרן און אפשר אייביק. צען טויזנט מאַראַוועדי וועט אויף לאַנג נישט סטייען: מיר מוזן כסדר צאָלן דעם סאַלאַדין־מעשר. ווייטער גייט דער פאָנד פאַר פדיון־שבויים. דער פאָנד איז זייער מאָגער געוואָרן און מען פאָדערט אַלץ מער און מער. אין היער וועלט גייט איצט אָן אַ הייליקע מלחמה פון די זין פו־

אדום, און הגרם זין האָבן דערוויַיל אַ גוטן אויסרייד צו נעמען יידן אַלס געפאַנגענע און פאָדערן הויכן אויסלייז־געלט. די תורה הייסט געפאַנגענע באַפרייען. דעם דאָזיקן הייליקן געבאָט מוז מען, איז דער ערשטער ריי, אָפּהיטן. אַראָפּצוברענגען אַהער דיינע טויזנטער פּרענקישע קבצנים, דאַכט זיך מיר, איז ווייניקער וויכטיק. דאָס, פאַרשטייט זיך, וואָלט געהייסן האַנדלען מיט רחמנות, עס וואָלט געווען אומפאַרזיכטיק, אומפאַראַנטוואָרטלעך.

יהודה האָט, קענטיק, זיך אינגאַנצן נישט איבערגענומען פון אפרימס רייד.

— איך בין נישט קיין למדן, — האָט ער אָפּגעענטפערט, — אָבער אין מיינע אויערן קלינגט דאָס געבאָט פון משה רבינו: „ווען דיין ברודער איז אָרעם און געפינט זיך נעבן דיר, זאָלסטו אים אויפנעמען, אַז ער זאָל קאָנען לעבן נעבן דיר“. איך גלויב, אַז מיר וועלן באַווייזן די דאָזיקע התחייבותן אויספילן, נישט פאַרנאַכלעסיקנדיק די צווייטע. כל־זמן עס וועט מיר געלינגען אָפּצווענדן די מלחמה פון דער קאַסטילישער ערד, — זיין שטימע האָט געקלונגען שטאָלץ, אָבער העפלעך, — אַזוי לאַנג וועט די אַלאַכאַמאַ אין מאַלעדאָ געשמאַק פאַרדינען. זי וועט נישט דאַרפן צורירן זיך צו די אויסלייז־פאָנדן, כדי צו באַזאָרגן מיט ברויט און מיט פרנסה די טויזנטער פּרענקישע יידן.

אפרים איז געוואָרן נאָך מער פאַרדאגהט. דער דאָזיקער ריזיקאַלישער מענטש וויל נישט זען, ווי געפערלעך ס׳איז זיין אונטערנעמונג. און אפשר זעט ער טאַקע נישט. אפרים האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער האָט געמוזט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס עס האָט אים געדריקט אונטערן האַרצן.

— צי האָסטו זיך מיישב געווען, מיין ברודער אין הער דאָן יהודה, — האָט ער געזאָגט, — וואָסער שטאַרקן וואָפן דיין כוונה גיט אין די הענט פונעם אַרציבישאָף? ער וועט אַרויסרופן צו הילף אַלע בייזע רוחות פון גיהנום, כדי דיינע פּרענקישע יידן נישט אַריינצולאָזן אין לאַנד. ער וועט זיך ווענדן צום זינדיקן קעניג אין פראַנקרייך. ער וועט זיך ווענדן צום פויפסט. מ׳וועט האַלטן דרשות און אויפהעצן דאָס פאָלק, אַז מיר ברענגען אַראָפּ אין קאַסטיליע מחנות בעטלער און אומגלויביקע, בעת עס גייט אָן אַ הייליקער קריג. דו געניסט פונעם חסד פון אונדזער האַר, דעם קעניג. אַלפאָנסאָס אויער איז אָבער אויך נישט טויב צום אַרציבישאָפס

דייד, און אין די איצטיקע צייטן פון הייליקן קריג איז ער פאַר אים און קעגן אונדז. דו האָסט פאַרדינט אייביקע אָנערקענונג, דאָן יהודה, וואָס דו האָסט פאַרטיידיקט קעגן שונא אונדזער האַנדל און אונדזער פרייהייט. אָבער צי וועט עס דיר אַ צווייט מאָל געלינגען?

אפרימס ווערטער האָבן יהודהן שטאַרק געטראָפן. ווידער איז פאַר אים אויפגעשטאַנען די גאַנצע שווערקייט פון דער אונטערנעמונג. אפשר האָט ער טאַקע איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט אפשר פון זיך אַליין פאַרבאָרגן זיינע ספקות. ער האָט געמאַכט, ווי אפרים האָט דערוואַרט, אַ שטאָלצע מינע און טרוקן געזאָגט:

— איך זע, אַז מיין פאָרשלאַג איז דיר נישט געפעלן. לאָמיר, בכן, מאַכן אַן אָפּמאַך: זאַמל דו אויף דיינע צען טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי און איך וועל מיך באַמיען אויספועלן ביים קעניג אַריינצולאָזן די פאַרפאָלגטע יידן און זיי שענקען רעכט און פרייהייט, אין וועלכע זיי נייטיקן זיך. איך וועל עס טאָן גאַנץ שטיל, אָן אונטערשטיצונג פון הי״ר אַלאַכאַמאַ, אָן תפילות אין די שולן, אָן קלאָגערייען, אָן שום פייערלעכע דעלעגאַציעס צום קעניג. אַלע דאגות נעם איך אויף זיך.

זעענדיק פאַר זיך דעם פאַרדאגהטן אפרים, האָט ער זיך צו אים געווענדעט מיט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער:

— אויב עס וועט מיר אָפּגליקן, אויב דער קעניג וועט איינוויליקן, גיב מיר דיין וואָרט, אַז דו וועסט זיך מיר נישט קעגנשטעלן, די דאָזיקע זאַך זאָל אַריינדרינגען אין דיין נשמה און דו וועסט מיר העלפן דורכצופירן מיין אַרבעט מיט דער גאַנצער קראַפט און פאַרשטאַנד, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן. ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

קעגן זיין איינגענעם ווילן מיטגערים, הגם נאָך אין ספק, האָט אפרים גענומען זיין האַנט און געזאָגט:

— זאָל זיין אַזוי.

דאָן אַלפאָנסאָ, אין בייזיין פון דאָניא לעאָנאָר אין בורגאָס, האָט פאַרגעסן אָן טאָלעדאָ און אָן אַלץ וואָס דאָרט איז געשען. ער האָט פאַרבראַכט די צייט אין רו און זיכערקייט, ווייל דאָ אין שלאָס פון בורגאָס זענען דערפילט געוואָרן זיינע וווּנטשן. ער האָט איצט אַ זון און אַ יורש. ער איז געווען שטאַרק צופרידן.

היות ער איז וואַכן און חדשים שוין נישט געווען אין זיין הויפּטשטאָט, זענען זיינע ראַטגעבער צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל אַהינפאָרן.

קוים האָט ער הינטער זיך דערזען די מויערן פון בורגאָס, האָט אים ווידער באַהערשט אַן אומרואיקייט און עס האָט אים געפּייניקט די קללה, וואָס איז אויף אים געהאָנגען: די קללה פון וואָרטן, עס איז אים פאַרווערט צו פאַרגרעסערן זיין מלוכה. אַלפאָנסאָ דער זעקסטער און דער זיבעטער האָבן געטראָגן די קעניגלעכע קרוין, וועגן זייערע נצחונות האָבן געזונגען זינגער. וועגן זיינע טאַטן אָבער גרילצן אַ פּאָר נישטיקע ראָמאַנסן.

קוים האָט ער פונדערווייטנס דערזען די פעלדזן, אויף וועלכע די הייזער פון טאָלעדאָ זענען געווען אָנגעוואָרפן, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געוואַלדיקער אומגעדולד און שוין אין ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען האָט ער אַרויסגעפאָדערט צו זיך זיין עסקריוואַנאָ, דעם מענטש מיט וועלכן ער מוז זיך דינגען אים צו העלפן אויספילן זיין ריטערלעכן חוב, אַריינטרעטן אין דער הייליקער מלחמה.

פון זיין זייט האָט יהודה געוואַרט אויפן קעניגס צוריקקער. ער האָט געוואָלט ביי אַ געלעגנהייט אים אויפקלערן זיין גרויסן פּלאַן און אַרויסבאַקומען ביי אים אַן עדיקט, אַז די פראַנקישע יידן וועלן דערלויבט צו קומען קיין קאַסטיליע. ער האָט געהאַט אויפצוווייזן גרינגלעכע טעמים. היות דאָס לאַנד אַנטוויקלט זיך און אַלץ איז אין וווּקס, דאַרף מען האָבן נייע כוחות, מען מוז פונקט, ווי אין די צייטן פון אַלפאָנסאָ דעם זעקסטן און דעם זיבעטן אַריינברענגען נייע מענטשן.

דאָן יהודה איז געשטאַנען פאַרן קעניג און אָפּגעגעבן אַ באַריכט. ער האָט ווידער דערציילט פון גרויסע דערפאָלגן, פון גרויסע הכנסות, פון דריי נייע שטעט, וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון די ווידערשפּעניקע גראַנדן און געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון זיין מאַיעסטעט. נייע וויכטיקע אונטערנעמונגען זענען אַנטשטאַנען אין לאַנד, אין טאָלעדאָ גופא און אין די אַרומיקע סביבות: אַ גלאָז-הוטע, אַ גרויסער לעדער-וואַרשטאַט, אַ טעפּ-וואַרשטאַט, די פּאַפּיר-פאַבריק, שוין אָפּגערעדט וועגן דער פאַרגרעסערונג פון די מינץ-אויסאַרבעטונגען און פון דער קעניגלעכער פערדבערמע.

בעת יהודה האָט אָפּגעגעבן זיין אויספירלעכן באַריכט, האָט ער שוין אין די ערשטע שעה אַ טראַכט געטאָן, צי עס איז נישט געקומען די צייט, זיך צו ווענדן צום קעניג מיט זיין גרויסער בקשה. דאָן אַלפאָנסאָ האָט געשוויגן און זיין פּנים האָט גאָרנישט געזאָגט.

יהודה האָט ווײַטער געפֿרעגט דעם קעניג, צי ער האָט אויף זײַן צוריקרײַזע באַמערקט גרויסע סטאַדעס אין דער געגנט פֿון אווילאַ, ווי די פֿי־צוכט איז געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג און די לאַנקעס ווערן מיט שׂכל אויסגענוצט, צי האָט ער באַטראַכט די פֿלאַנצן פֿאַר זײַד־אויסאַרבעטונג.

ענדלעך האָט דער קעניג געעפֿנט דאָס מויל. ער האָט געזען די זײַד־פֿלאַנצן, ווי אויך די סטאַדעס און נאָך מער זאַכן, וואָס זאָגן עדות אויף דער התמדה פֿון זײַן עסקריוואַנאָ.

— פֿאַרדרײ מיר מער נישט דעם קאָפּ מיט דעם אַלעם, — האָט ער אומעטיק מיט אַ גראָבן טאָן געזאָגט. — דײַנע פֿאַרדינסטן זענען באַקאַנט און אָנערקענט. איצט אינטערעסירט מיך בלויז איין זאַך: ווען וועל איך ענדלעך די שאַנד אָפּווישן און קאָנען אַרײַנטרעטן אין הייליקן קריג?

יהודה האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פֿײַנטלעכער שטימונג מצד דעם קעניג. מיט גרויס פֿאַרביטערונג און דאגה האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס געשפּרעך וועגן דער אײַנוואַנדערונג פֿון די פֿאַרפֿאָלגטע ייִדן מוז אָפּגעלייגט ווערן. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט אָפּצושלאָגן אַלפֿאָנסאָס נאַרישן פֿאָרשלאַג.

— די צײַט, ווען דו וועסט קאָנען אַרײַנטרעטן אין הייליקן קריג, הער קעניג, — האָט ער געזאָגט, — איז נישט אָפּהענגיק בלויז פֿון די פֿינאַנסן אין לאַנד. זיי זענען אין אָרדענונג. — און ער האָט אים דרייסט אויפֿגעקלערט: — זאָלן די אַנדערע פֿירשטן פֿון שפּאַניע, הײַפּטזעכלעך אַראַגאָן זײַן גענייגט צוזאַמען צו שאַפֿן אַן אַלגעמיינע, אײַנהייטלעכע מי־ליטער־לייטונג קעגן די קאַליפֿן, דעמלט וועסטו, הער קעניג, בײַשטייערן מער, ווי נאָר מיט דײַן אָנטייל. און זײַ זיכער, אַז דאָס קאָן פּאַסירן נאָך מאָרגן.

אַלפֿאָנסאָ האָט געקנייטשט דעם שטערן. כסדר שפּייזט אים דער ייִד מיט געמיינע חוזקדיקע הבטחות: הײַנט, מאָרגן. ער האָט אים גע־לאָזט שטיין און אַליין אָנגעהויבן שפּרייזן הין און צוריק.

פּלוצלונג האָט ער אים הינטן־אַרום, דורך דער פּלייצע, אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָג מיר, וואָס הערט זיך מיט דעם גאַליאַנאַ־שלאָס? די בויונג דאַרף וואַרשײַנלעך שנעל פֿאַרענדיקט ווערן?

— זי איז שוין פֿאַרטיק, — האָט אָפּגעענטפֿערט דאָן יהודה, — און עס איז פּשוט צו שטוינען, אין וואָס מײַן איבן אָמאַר האָט פֿאַרוואַנדלט

־י אַלטע חורבה. אויב דו ווילסט, הער קעניג, קאָנסטו אין ציען טעג, אָדער שפּעטסטנס אין דריי וואָכן אַרום דאָרט ווײַגען.

— מיגלעך אַז איך וועל וועלן, — האָט שטיל אָפּגעענטפערט אַלפאָנ־סאָ. — אויף יעדן פאַל וואָלט איך געוואָלן זען, וואָס איר האָט דאָרט אויפגעטאָן. דאָנערשטיק וויל איך אים באַטראַכטן און אפשר נאָך פריער. איך וועל דיר באַצייטנס מעלדן. דו וועסט מיך באַגלייטן און אַלץ דער־קלערן. און ברענג מיט זיך ווידער דיין טאָכטער ראַקעל, — האָט ער מיט אַן אָנגעצייגענער מינע פאַרענדיקט.

יהודה האָט אויפגעציטערט. ס'איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שרעק, פונקט ווי דעמלט נאָך דאָן אַלפאָנסאָס אומגעווײנלעכער אײַנלאַדונג.

— אויף דיין באַפעל, הער קעניג, — האָט דאָן יהודה געענטפערט.

אין אַ באַשטימטער שעה האָבן יהודה און רחל אָפּגעוואַרט דעם קעניג ביים טויער פון הוערטא־דעל־רעי. דאָן אַלפאָנסאָ איז פּינקטלעך אָנגעקומען. ער האָט זיך מיט, לויטן עטיקעט, פאַרנייגט פאַר רחלען און פריינדלעך באַגריסט זיין עסקריוואַנאָ.

— אַלזאָ, באַווייז מיר, וואָס איר האָט אויפגעטאָן, — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ מין געמאַכטער מונטערקייט.

פאַמעלעך זענען זיי געגאַנגען דורך דעם פּאַרק. עס זענען דאָרט שוין מער נישט געווען קיין גריןוואַרג־בייטן, נאָר בונטע ציפּרים־פלאַנצן, ביי־מער און קוסטן, איינגעאָרדנט מיט געשמאַק. דאָס קליינע וועלדל האָט מען איבערגעלאָזט, ווי פריער. ביים שטילן טייך האָט מען געשאַפן אַן אָפּצווייג, אַזוי אַז אַ שמאָל טייכל אונטער אַריבערגעוואָרפענע בריקן איז געפלאָסן צום טייך טאַכאָ. עס זענען דאָרט געווען פאָמעראַנצן־ביימער און אויף קינסטלעך אויסגעהאָדעוועטע ביימער זענען געהאָנגען אומגעהויער גרויסע ציטרינען, וועלכע מען האָט ביז איצט אין די קריסטלעכע לענדער נישט אָנגעזען. מיט גאווה האָט יהודה אָנגעוויזן דעם קעניג אויף די דאָ־זיקע פרוכטן. „אדמס פּרי“ האָבן די מוסולמענער זי אָנגערופן, ווייל צו־ליב דער דאָזיקער פּרי האָט אדם הראשון עובר געווען גאָטס פאַרבאָט.

דורך אַ ברייטן וועג, אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינדלעך, זענען זיי צוגעקומען צום שלאָס. אויפן טויער איז געהאָנגען אַן אויפשריפט: „אַלאַ־

פיא,*) זיי באַגריסט און געבענטשט" זיי זענען אַריין אינעווייניק. ריוואַ־נען זענען געשטאַנען לענגאויס די ווענט. גאַבעלינען זענען אַראָפּגעהאָנגען אויף קליינע גאַלעריעס. שיינע טעפּיכער האָבן באַדעקט דעם באָדן, און מעטים איז געפלאָסן קילנדיק וואַסער. די מאָזאיק־אַרבעטן פון די פרעסקן און פּולאַפן זענען נאָך נישט געווען פאַרענדיקט.

— מיר האָבן נישט געוואָגט, — האָט דערקלערט יהודה, — אויס־צופאַרטיקן אָן דיין אָנווייזונג פערזן און שפּרוכן. מיר דערוואַרטן דיין באַפעל, הער קעניג.

פיל מיט אײַנדרוקן, האָט אַלפאָנסאָ געשוויגן. עס האָט אים, אייגנט־לעך שטאַרק נישט אינטערעסירט דאָס אויסזען פון אַ שלאָס אָדער פון אַ הויז. איצט האָט ער אויף אַלץ געקוקט מיט אַנדערע אויגן. די יידישקע איז געווען געערבט. דער שלאָס פון בורגאָס איז געווען מוראדיק פינצ־טער, דער גאַליאַנאַ־שלאָס — שיין און באַקוועם. נישט געקוקט דערויף איז אים דער בורגאָס־שלאָס געווען נעענטער צום הארצן. ער האָט זיך נישט ווי צומבעסטן געפילט צווישן דער דאָזיקער ווייכער מוסולמעני־שער שיינקייט. ער האָט אַרויסגעזאָגט עטלעכע באַנאַלע געצוווּנגענע זאַצן, זיינע געדאַנקען האָבן געבלאָנדזשעט, זיינע ווערטער זענען געווען שפּאָר־זאַם. אויך רחל האָט קנאַפּ גערעדט און ביסלעכווייז איז יהודה אויך אַנט־שוויגן געוואָרן.

דער פּאַטיאָ איז געווען מער גאָרטן ווי הויף. אויך דאָ איז געווען אַ גרויסער באַסיין מיט פאָנטאַנען. אַרום און אַרום אַרקאַדן, און מאַ־טע שפּיגלען האָבן געשאַפן דעם אײַנדרוק, אַז דער גאָרטן ציט זיך אָנ־סופיק. נישט געוען האָט דער קעניג מיט שטויגונג געמוזט אָנערקענען, וואָס די מענטשן האָבן דאָ אין אַזאַ קורצער צייט אויפגעטאָן.

— ביסט דאָ קיינמאָל נישט געווען, דאַמע, — האָט ער פּלוצלונג געווענדעט זיך צו רחלען, — אין דער צייט, ווען מען האָט דאָ געבויט?

— ניין, הער קעניג? — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

— עס איז אפשר פון מיין זייט נישט געווען פריינדלעך, — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט, וואָס איך האָב געבעטן דיין עצה.

— מיין פאָטער און אָמאַר, — האָט רחל געענטפערט, — פאַר־שטייען אַ סך מער פון מיר אין דער בוי־ און איינריכטונג־קונסט.

---

*) אַלפאָנסאָ (אַראַביש).

— צי געפעלט דיר די גאַליאַנאַ אַזוי, ווי זי איז איצט? — האָט דאָן אַלפאָנסאָ געפרעגט.

— זיי האָבן דיר אויסגעבויט אַ פּרעכטיקן שלאָס, — האָט רחל אָפּגעענטפערט מיט אַ גאַטירלעכער אַנטציקונג. — ער קוקט אויס ווי אַ פּאַר־בישופטער־פּאַלאַץ פון אונדזערע מעשׂהלעך.

זי זאָגט פון אונדזערע מעשׂהלעך, האָט דער קעניג אַ טראַכט געטאָן. זי איז נאָך אַלץ דאָ אַ פרעמדע, און זי גיט מיר כּסדר צו פאַרשטיין, אַז דאָ וווּ איך געפין זיך, בין איך אַ פרעמדער.

— צי איז דאָ אַלץ אַזוי, ווי דו האָסט זיך פאַרגעשטעלט? — האָט ער געפרעגט. — אפשר געפעלט דיר נישט דאָס אָדער יענץ? ווילסטו מיר קיין שום עצה נישט געבן, אַפילו די קלענסטע?

עפּעס פאַרוווּנדערט, אָבער דרייסט האָט רחל באַטראַכט דעם אומגעדולדיקן מאַן.

— היות דו האָסט באַפוילן, הער קעניג, — האָט זי געענטפערט, — וועל איך זאָגן: מיר געפעלן נישט די שפּיגלען אין דער גערעקטער גאַלעריע. עס איז מיר נישט ליב צו זען אָן אויפהער דאָס אייגענע בילד און עס איז פשוט אומאַנגענעם צו זען דיך, מיין פאָטער, די בײַמער, דעם פאָנטאַן אין דער ווירקלעכקייט און גלייכצייטיק אין אָפּשפּיגלונג.

— אַלזאָ, נעמען מיר די שפּיגלען אַוועק, — האָט דער קעניג באַשלאָסן.

ס׳איז געוואָרן אומגעמיטלעך שטיל.

זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ שטיינערנער באַנק. דאָן אַלפאָנסאָ האָט נישט געקוקט אויף רחלען, ער האָט אָבער זי געזען אין די שפּיגלען פון די אַרקאַדן. ער האָט געקוקט און זי באַטראַכט, ווי ער וואָלט זי געזען צום ערשטן מאָל. זי איז געווען דרייסט און פאַרטראַכט, ווייסיק און נאַיוו, פיל ייִנגער פון אים און פיל עלטער. ווען מען וואָלט אים מיט צוויי וואָכן צוריק געפרעגט, צי ער האָט וועגן איר געטראַכט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען אין בורגאָס, וואָלט ער מיט אַ ריינעם געוויסן געענטפערט, אַז ניין. אָבער ס׳וואָלט געווען אַ ליגן, ווייל טיף אין האַרצן האָט ער זיך פון איר נישט באַפרייט.

זיין בליק פאַרשט זי ווייטער אין שפּיגל. איר מאָגער געזיכט מיט די גרויסע גרוי־בלויע אויגן אונטער די שוואַרצע ברעמען האָט אויסגעזען אויפריכטיק און קינדיש. אָבער הינטער איר נישט־הויכן שטערן האָט

בלי ספק געברויזט מיט דרייסטקייט. נישט גוט איז געווען, וואָס אין בורגאָס איז זיין נשמה קיינמאָל נישט געווען פריי פון איר.

„אַלאַבּיאַ, זיי באַגריסט און געבענטשט!" מיט דעם דאָזיקן אויפשריפט האָט דאָס טויער פון זיין נייעם שלאָס אים מקבל־פנים געווען. אָבער דאָך איז נישט גוט, וואָס ער האָט דעם שלאָס געלאָזט רעסטאַווירן. דאָן מאַרטין האָט אים מיט רעכט פאַרגעוואָרפן, אַז די מוסולמענישע פּראַכט פּאַסט נישט פאַר קיין שום קריסטלעכן רימער, בפרט נאָך אין דער צייט פון קרייץ־צוגן.

דאָן מאַרטין האָט אים אַמאָל אויפגעקלערט: דערלאָזבאַר איז די זינד צו שלאָפן מיט אַ פרוי פון דער סוויטע, ווייניקער דערלאָזבאַר איז די זינד מיט אַ מוסולמענישער געפאַנגענער, נאָך ווייניקער דערלאָזבאַר איז מיט אַ פרוי פון אַדל, אָבער צומשווערסטן איז אָן ספק דער חטא צו ליגן מיט אַ ייִדישקע.

כדי איבערצורייסן דאָס אומעטיקע שווייגן, האָט רחל מיט אַ מונטערער שטים געזאָגט:

— איך בין נייגעריק צו וויסן, וואָסערע פערזן האָסטו באַשטימט פאַר דעם פרעסק, וועלכער דאַרף צוגעבן דעם דאָזיקן שלאָס דעם אמתן זין, און צי וועסטו באַפעלן זיי אויפצושרייבן מיט לאַטייניש, אָדער מיט אַראַבישע אותיות?

סאַראַ דרייסטע און פרייע האַלטונג, האָט דאָן אַלפאָנסאָ געטראַכט, ווי גאווהדיק און שטאָלץ זי איז מיט איר חכמה און געשמאַק. אָבער איך וועל זי האָבן. זאָל דאָן מאַרטין זאָגן, וואָס ער וויל. צום סוף וועל איך אַריינטרעטן אין הייליקן קריג און מיינע חטאים וועלן פאַרגעבן ווערן. ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך מיין, אַז כ'וועל נישט אויסקלייבן קיינע שום פערזן, דעריבער גייט מיך נישט אָן, צי די אותיות וועלן זיין לאַטייניש, אַראַביש, אָדער העברעיש. — מיטאַמאָל האָט ער זיך געווענדעט צו יהודהן: — דערלויב מיר זיין מיט דיר אַזוי אָפנהאַרציק, מיין עסקריוואַנאָ, ווי דאָניאַ ראַקעל איז צו מיר געווען אין בורגאָס. וואָס איר האָט דאָ אויפגעטאָן איז זייער שיין און די קינסטלער, די מבינים וועלן עס לויבן. אָבער מיר געפעלט עס נישט. נאָר טייטש עס נישט אויס אַלס אַ פאָרוואורף. אדרבא, איך חידוש מיך פשוט, ווי שנעל איר האָט עס אַלץ געמאַכט. דו וועסט זיין גערעכט, אויב דו וועסט מיר פאָרוואַרפן און זאָגן: „דו האָסט באַפוילן און איך האָב אויסגעפילט דיין באַפעל". איך זאָג דיר אַזוי, ווי די זאַך

איז: דערמלט, ווען איך האָב דיר געהייסן, האָב איך אַזוי געוואָלט. אָבער בינו־לבינו בין איך געווען אין בורגאָס אין מיין אַלטן שטרענגן שלאָס, אין וועלכן דאָניאַ ראַקעל פילט זיך נישט ווי צום בעסטן. איצט פיל איך מיך דאָ גאָר נישט גוט, און איך מיין, אַז אויב מען וועט אפילו די שפיגלען אַוועקנעמען און אויף די ווענט וועלן לייכטן די שענסטע פערזן, וועל איך מיך נישט גוט פילן.

— עס טוט מיר זייער לייד, הער קעניג, — האָט יהודה געזאָגט מיט געמאַכטער גלייכגילטיקייט. — עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך מרחה און אַ סך געלט אין דער דאָזיקער בויונג און עס ערגערט מיך זייער, וואָס אַ לייכטזיניק וואָרט פון מיין טאָכטער האָט דיך באַוויגן צו בויען אַ הויז, וואָס דיר געפעלט נישט.

ס'איז געווען אַ העזה פון דאָן מאַרטינעץ, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרווערן מיר צו בויען אַ מוסולמעניש הויז, האָט דער קעניג אין זיך געטראַכט און נישט ער וועט מיר פאַרבאָטן צו שלאָפן מיט דער יידישקע.

— צו שנעל נעמסטו זיך צום האַרצן, דאָן יהודה איבן עזרא, — האָט ער געזאָגט, — דו ביסט אַ צו שמאָלציער מאַן, דו וועסט עס נישט אָפּלייקענען. ווען איך האָב דיך מיט אַ צייט צוריק דעם קאַסטיליאָ דע קאַסטראָ געוואָלט געבן אַלס מתנה, האָסטו עס אָפּגעוואָרפן. און אונדזער מסחר איז דעמלט געווען אַ גרויסער מסחר און געפאָדערט אַ גרויסן צו־לייג. דו דאַרפסט איצט די זאַך פאַרריכטן, מיין עסקריוואַנאָ. דער דאָזיקער שלאָס, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן צוליב מיין שולד, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז נישט פאַר מיר, ער איז נישט פאַר אַ זעלנער. אָבער אייך געפעלט ער. דערלויב מיר, אַלזאָ, אַז איך זאָל אים דיר שענקען.

יהודה איז בלאַס געוואָרן. נאָך מער בלאַס איז געוואָרן זיין טאָכטער.

— איך וויים שוין, — האָט דער קעניג פאָרגעזעצט, — דו האָסט שוין אַ הויז, וואָס בעסער קאָן מען נישט ווונטשן. אָבער אויב נישט פאַר דיר, איז אפשר פאַר דיין טאָכטער? די לאַ־גאַליאַנאַ איז דאָך אַמאָל געווען אַ שלאָס פון אַ מוסולמענישער פרינצעסין. דאָ וועט זיך דיין טאָכטער זייער גוט פילן, עס איז אַ צוגעפאַסט הויז פאַר איר.

די דאָזיקע ווערטער האָבן געקלונגען העפלעך, אָבער זיי זענען גע־קומען פון אַ פינצטערער פנים; דער שטערן איז געווען אָנגעכמורעט, די שטראַלנדיקע אויגן האָבן פיינטלעך געקוקט אויף רחלען.

ער האָט אָפּגעריסן פון איר זיין בליק, נאָענט צוגעגאַנגען צו דאָן

יהודהן און אַ זאָג געטאָן אים גלייך אין פּנים אַריין שטיל, אָבער שטאַרק אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט, אַז רחל האָט אים געמוזט הערן:

— דו מוזט פאַרשטיין, איך וויל דיין טאָכטער זאָל דאָ וווינען.

דאָן יהודה איז געשטאַנען פאַר אים העפלעך, הכנעהדיק, אָבער נישט אַראָפּגעלאָזט פאַר אים די אויגן. דאָס זענען געווען אויגן פול מיט צאָרן, שטאָלץ און שנאה. אַלפאָנסאָ האָט נישט געהאַט די פּעיקייט אריינצוקוקן זיך אין דער נשמה פון אַנדערע מענטשן. אָבער דאָס מאָל, ווען ער איז געשטאַנען אויג אויף אויג מיט זיין עסקריוואַנאָ, האָט ער תופס געווען דאָן יהודהס געמיט און אפשר קנאַפּער פון אַ רגע האָט ער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט דעם מאַן געמאַכט אַזאַ אַרויספאָדערונג.

אַלע דריי זענען איינגעהילט געוואָרן אין אַ טיפער שווייגעניש. יהודה האָט מיט גרוים אָנשטרענגונג זיך אָנגערופן:

— דו האָסט מיר אַרויסגעוויזן פיל חסד, הער קעניג. באַגראָב מיך נישט אין צו פיל חסד.

— איך האָב דיר דעמלט מוחל געווען, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ אָפּגעענטפערט, — וואָס דו האָסט מיין געשאַנק אָפּגעוואָרפן. ערגער מיך נישט אַ צווייט מאָל. איך וויל דיר און דיין טאָכטער שענקען דעם דאָזיקן שלאָס. Sic volo*), — האָט ער האַרט אַרויסגעזאָגט, צעטיילנדיק ביידע ווערטער, און זיי איבערגעחזרט אין קאַסטיליש, — אַזוי וויל איך. — און מיט באַפעלערישער העפלעכקייט זיך געווענדעט צום מיידל: — דו דאַנקסט מיר גאָרנישט, דאָניא ראַקעל?

רחל האָט אָפּגעענטפערט:

— דאָ שטייט דאָן יהודה איבן עזרא. ער איז דיין טרייער דינער און מיין פאָטער. דערלויב מיר אים צו בעטן, אַז ער זאָל דיר ענטפערן.

דער קעניג, ווילד, חוצפּהדיק און הילפלאָז, האָט איבערגעטראָגן זיין בליק פון יהודהן אויף רחלען און פון רחלען אויף יהודהן. פאַרוואָס האָבן זיי זיך ביידע איינגעעקשנט? עס קומט אויס, אַז ער שטייט דאָ פאַר זיי, ווי איינער וואָס בעט הילף.

דאָן יהודה האָט זיך אָנגערופן:

— גיב אונדז, הער קעניג, אַ ביסל צייט, כדי אויסצוגעפינען ווערטער פאַר אַ געהעריקן ענטפער און בכבודיקן דאַנק.

---

*) אַזוי וויל איך (לאַטיין).

צוריקוועגס אַהיים, איז רחל געזעסן אין אַ פּאַלאַנקין און יהודה איז לעבן איר געריטן. זי האָט געוואַרט, דער פֿאָטער זאָל געפֿינען אַן אויסוועג פֿאַר זייערע איבערלעבונגען. וואָס דער פֿאָטער וועט זאָגן און באַשליסן, אַזוי וועט גוט זיין.

נאָך דעמאָלט, אין קאַסטיליאַ איבן עזראַ איז זי געווען אויפֿגעבראַכט, ווען דער קעניג האָט זי אויף אַזאַ „אומגעוויינלעכן" אופֿן איינגעלאַדן. זי האָט זיך דעמאָלט באַרויִקט, ווייל ס'איז גאָרנישט נישט געשען. אמת, מאַקע, זי האָט זיך אַ ביסל אַנטוישט, אָבער דערמיט האָט עס זיך פֿאַרענדיקט. די נייע איינלאַדונג פֿון דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט אין איר דערוועקט נייע האָפֿענונגען, הגם איר האַרץ האָט געציטערט פֿון שרעק. אָבער זיין איצטיקע דרייסטע, הוצפּהדיקע, באַפֿעלערישע פֿאָדערונג, האָט זי פֿולשטענדיק דערשלאָגן. ס'איז נישט געבליבן קיין שפּור פֿון דער פֿריערדיקער קירטואַזיע. דער דאָזיקער מאַן האָט פּשוט געוואָלט זי אַרומנעמען, קושן זי מיט זיין פֿרעכן מויל, שלאָפֿן מיט איר. און ער בעט זי נישט, נאָר באַפֿעלט, מעשה מושל: אַזוי וויל איך!

אין סעוויליע פֿלעגט זיך רחל אָפֿט באַגעגענען מיט ריטער און דיכטער, וועלכע האָבן מיט איר געפֿירט העפֿלעכע געשפּרעכן. ווען עמעץ האָט אַרויסגעוויזן אַ גראָבקייט, פֿלעגט זי ווערן שעמעוודיק און צוריקגעהאַלטן. אַפֿילו, ווען די פֿרויען האָבן צווישן זיך געפּלאַפּלט וועגן פֿאַרשידענע אופֿנים פֿון ליבע און תאווה, פֿלעגט זי אין גרויס פֿאַרלעגנהייט און אָן שום חשק זיך צוהערן. אַפֿילו מיט איר חברטע לאילאַ האָט זי וועגן אַזעלכע זאַכן גערעדט מיט האַלבע ווערטער. גאַנץ אַנדערש, ווען פֿערזן פֿון דיכטער האָבן דערציילט, ווי אַזוי מענער און פֿרויען פֿאַרלירן זייער פֿאַרשטאַנד דורך דער ליידנשאַפֿט פֿון ליבע, אָדער ווען דערציילער פֿון מעשהלעך פֿלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ באַגייסטערטער מינע שילדערן פֿאַרשידענע פֿאַסירונגען, דעמאָלט האָבן זיך אין אירע אַלע חושים דערוועקט פֿאַרשידענע רייצנדיקע בילדער.

אויך די קריסטלעכע ריטער האָבן אַ סך דערציילט וועגן ליבע. אָבער דאָס זענען געווען איבערגעטריבענע פּוסטע דיבורים, און זייערע ליבע־פֿערזן זענען געווען שטייף, געפּרוּווט, נישט רעאַל. צייטנווייז האָט זי געוואָלט באַקומען די פֿאַרשטעלונג, ווי וואָלט אויסגעזען דאָס בילד, ווען איינער פֿון די דאָזיקע לייט געקליידעט אין אייזן און אין שווערע בראָקאַטן וואָלט עס אַלץ פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן און זי אַרומגענומען דאָס איז געווען

אַ פֿאַרשטעלונג, פֿון וועלכער עס האָט איר פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. אָבער תּיכף איז עס אַלץ אויסגעקומען לעכערלעך אין אירע אויגן, און די דאָזיקע לעכערלעכקייט האָט פֿאַרשלונגען אירע קיצלדיקע, צווייִדײַטיקע געפֿילן

און דאָ איז געקומען דער קעניג. זי האָט געזען זײַן נאַקעט מויל אינמיטן פֿון זײַן רויט־בלאָנדער באָרד, זי האָט געזען זײַנע העלע, ווילדע אויגן. זי האָט געהערט, ווי ער האָט געזאָגט, הגם נישט הויך, אָבער עס האָט גענוג געגרילצט אין איר אויער און אין איר האַרץ: „אַזוי וויל איך!“ זי איז נישט געווען קיין שרעקעוודיקע, דאָך האָט זײַן שטים אויף איר אָנגעטריבן אַ פּחד. אָבער נישט בלויז שרעק. זײַן שטים האָט אַרײַנגעדרונגען טיף אין איר האַרץ; ער האָט באַפֿוילן, און דאָס איז געווען זײַן אופֿן פֿון קורטואַזיע! אמת טאַקע, אַזעלכע מאַניערן זענען ווײַט נישט צאַרט און נישט איידל, דערפֿאַר זענען זיי מענעריש און בשום אופֿן נישט לעכערלעך.

איצט האָט ער באַפֿוילן: האָב מיך ליב. זי האָט זיך געפֿילט טיף אין האַרצן געטראָפֿן. זי איז געווען, ווי דער דריטער ברודער, וועלכער איז געשטאַנען פֿאַר דער הייל און נישט געוווּסט, צי זאָל ער פֿון דעם העלן זיבערן טאָג אַוועקגיין אין דער מאַט־גאָלדענער דעמערונג. אין דער הייל איז געווען דער פֿירשט פֿון די גוטע גײַסטער, אָבער דאָרט איז אויך געווען דער טויט, דער צעשטערער פֿון אַלע זאַכן און וועמען וועט דאָרט דער דריטער ברודער געפֿינען?

איר פֿאָטער איז לעבן איר געריטן מיט אַ רואיק פּנים. ווי גוט, וואָס דאָ געפֿינט זיך איר פֿאָטער. דעם קעניגס ווערטער האָבן געשאַפֿן אַזאַ לאַגע, אַז זי מוז אַ צווייט מאָל גרינטלעך ענדערן איר לעבן. דער טאַטע אירער דאַרף וועגן אַלץ אַנטשיידן. זײַן קערפּערלעכע נאָענטקייט, זײַן פֿרײַנדלעך־אויפֿמערקזאַם אויג האָט איר געגעבן זיכערקייט.

נישט געקוקט אויף זײַן רואיק פּנים, איז דאָן יהודה אַליין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ געווירבל פֿון פֿאַרשידענע געדאַנקען און געפֿילן.

רחל, זײַן רחל, זײַן טאָכטער רחל, די צאַרטע, קלוגע בלום־שיינע רחל, זי זאָל דעם דאָזיקן מאַן מקריב זײַן איר אומשולד!

דאָן יהודה איז גרויס געוואָרן אין איסלאַמישן לאַנד, ווו דער מנהג און דאָס געזעץ דערלויבן יעדן איינעם צו האָבן עטלעכע ווײַבער. די קעפּס־פֿרוי האָט גענאָסן פֿון פֿיל רעכט. די קעפּס־פֿרוי פֿון אַ וויכטיקער פּערזענלעכקייט האָט אַפֿילו געהאַט אָנזען אין דער געזעלשאַפֿט. אָבער קיינ־

מאָל וואָלט קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז אַזאַ אָנגעזעענער סוחר ווי איבראַהים זאָל באַשליסן אַוועקגעבן זיין טאָכטער אַלס קעפס־ווייב, זאָל זיין אַפילו היים עמיר אַליין.

דאָן יהודה האָט קיינמאָל נישט געליבט קיין אַנדער פרוי, חוץ רחלס מאַמע, וועלכע איז אומגליקלעך געשטאָרבן אַדאַנק אַ נאַרישן צופאַל, נאָכדעם, ווי זי האָט געבוירן אַלאַזאַרן. אָבער דאָן יהודה איז געווען אַ מאַן מיט ליידנשאַפטן. ווען זיין ווייב האָט נאָך געלעבט האָט ער שוין געהאַט אַנדערע פרויען און נאָך איר האָט ער אויך געגוג געהאַט. אָבער ער האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט, אַז רחל און אַלאַזאַר זאָלן וועגן דעם נישט וויסן. ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט מיט טענצערינס פון קאַיר און באַגדאַד, מיט זונות פון קאַדיס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם מיט זייער אויסגעלאַסנקייט. אָפטמאָל, ווען עס האָט אים אָנגעכאַפט אַ פאַר־דרוס, פלעגט ער זיך אָפּשפּילן אין פליסנדיק וואַסער, כדי אַן אָפּגעריי־ניקטער זיך באַווייזן אין דער קעגנוואַרט פון זיין ריינער טאָכטער. ער האָט נישט זיין רחל אָפּגעבן דעם פרעכן רויט־האָריקן באַרבאַר, ער זאָל מיט איר לעבן.

די משפחה איבן עזרא איז געווען מפורסם מיט אירע נדבות. קיין שום משפחה פון די ספרדישע יידן האָט אַזוי פיל נישט אויפגעטאָן פאַרן כלל ישראל ווי די משפחה איבן עזרא. און ווען עס האָט זיך געפאָדערט עפּעס אויפטאָן לטובת דעם פאָלק ישראל, האָבן זיי זיך פאַר קיין שום דערנידעריקונגען נישט אָפּגעשטעלט. עפּעס אַנדערש איז אָבער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיך אַליין און נאָר אַנדערש, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער דערנידעריקונג פון זיין טאָכטער.

יהודה האָט געוווּסט, אַז אַלפאָנסאָ פאַרטראָגט נישט מען זאָל אים ווידערשפּרעכן. ער שטעלט אַלזאָ פאַר אַן אויסוואַל: אָדער אָפּגעבן אים זיין טאָכטער, אָדער אַנטלויפן. און אַנטלויפן דאַרף ער זייער ווייט פון אַלע קריסטלעכע לענדער, ווייל אַלפאָנסאָס תאווה וועט אים און זיין טאָכ־טער אומעטום דערגרייכן. ער מוז בכן אַוועק אין אַ ווייטן מזרח־לאַנד, וווּ אונטער דער סאַלאַדין־הערשאַפט זענען די יידן געשיצט. ער מוז נע־מען זיינע קינדער ווי ער שטייט און גייט, איבערן האַלדז אין חובות, ווייל זיין גאַנץ פאַרמעגן שטעקט אין די לענדער פון דאָן אַלפאָנסאָס הערשאַפט. פונקט אַזוי עלנט ווי דער רבי טוביה איז צו אים געקומען, אַזוי וועט ער קומען קיין קאַסר־עש־שאמא, צו די רייכע און מעכטיקע יידן פון קאַיר.

אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז ער וועט זיין שטאָלץ אַרויסרייסן פון האַרצן און אינערלעך זיך צוגרייטן אויף באַנקראָט, גויט און עמיגראַציע, צי מעג ער עס טאָן? ווען ער וועט ראַטעווען זיין קינד פון שענדלעכער פאַרבינדונג, דעמלט וועט דאָן אַלפאָנסאָ אויסלאָזן זיין כעס אויף אַלע יידן. ווייניק, וואָס די יידן פון טאָלעדאָ וועלן נישט קאָנען העלפן די פראַנ־צויזישע יידן, נאָר זיי וועלן זיך אַליין נישט קאָנען העלפן. אַלפאָנסאָ וועט דעם סאַלאַדין־מעשׂר איבערגעבן אויפצומאָנען דעם אַרציבישאָף און צו־נעמען די רעכט ביי דער אַלאַכאַמאַ. און די יידן וועלן דעמלט זאָגן: „יהו־דה דער משומד האָט אונדז אַלעמען באַגראָבן".

וואָס זאָל ער טאָן?

און רחל האָט געוואַרט. ער שפּירט, אַז דאָס מיידל וואַרט אין פּאַ־לאַנקין, זייט ביי זייט מיט אים. אין האַרצן איז ער מתפּלל די תּפילה פון גרויסער נויט:

„אָ, אַללאַה, איך זוך דיין הילף אין מיין נויט און פאַרצווייפלונג. ראַטעווע מיך פון מיין שוואַכקייט און וואַקלעניש. העלף מיר פון מיין אייגענער פּחדנות און געמיינקייט, העלף מיר פון דער אונטערדריקונג פון מענטשן".

ער האָט זיך געווענדעט צו רחלען:

— מיר שטייען פאַר אַ שווערן נסיון, מיין טאָכטער. איך מוז זיך צוערשט מיישב זיין מיט זיך אַליין, איידער איך וועל מיט דיר רעדן.

— ווי דו וועסט הייסן, טאַטע, — האָט רחל אָפּגעענטפערט.

און אין האַרצן האָט זי אַזוי געטראַכט: עס וועט גוט זיין, ווען דו באַשליסט אַוועקצופאָרן, און עס וועט גוט זיין, ווען דו באַשליסט צו בלייבן.

שפּעט ביינאַכט איז יהודה געזעסן אין זיין ביבליאָטעק, ביי מילדער לאָמפּן־ליכט און געלייענט די תּורה.

ער לייענט וועגן עקדת־יצחק. גאָט האָט אויסגערופן: „אברהם", און ער האָט אָפּגעענטפערט: „דאָ בין איך", און ער האָט זיך געגרייט זיין איינציקן זון צו ברענגען אַלס קרבן.

יהודה האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיין זון אַלאַזאַר, וואָס ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעפרעמדט. ער האָט זיך מיט זיין גאַנץ וועזן אַריינגע־צויגן אין ריטערטום און קערט זיך אָפּ פון דער יידישער און אַראַבישער

חכמה און זייערע מנהגים. אמת, די אַדל־ייִנגלעך גיבן אים אָנצוהערן, אַז ער איז אַ פרעמדער, עס שיינט אָבער, אַז זיין פאַרלאַנג זיך אויסצוגלייכן מיט זיי וואַקסט אין אים צוזאַמען מיטן ווידערשטאַנד, וואָס ער טרעפט אָן. ער פילט זיך געשטיצט דורך דער גוטער באַציונג פונעם קעניג צו אים.

וואָלט, דאַכט זיך, געווען גענוג, וואָס דער קעניג האָט ביי אים אָפּגענומען זיין זון, אייצט וויל ער ביי אים אָפּנעמען זיין טאָכטער. יהודה האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן זיין הויז אָן רחלס קלוגער, פריילעכער אָנוועזנהייט.

ער נעמט אַן אַנדער ספר פון תנ"ך און לייענט וועגן יפתחן, וועלכער איז געווען אַ זון פון אַ זונה און אַ רויבער, אָבער ווען די קינדער פון ישראל האָבן זיך אין אים גענייטיקט, האָבן זיי אים געמאַכט פאַר אַ הויפּט און שופט. און איידער ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די שונאים, קעגן די זין פון עמון, האָט ער געטאָן אַ נדר צו גאָט און געזאָגט: אויב דו וועסט איבערגעבן די קינדער פון עמון אין מיין האַנט, זאָל דער, וואָס וועט אַרויסגיין פון די טירן פון מיין הויז מיר אַנטקעגן, בעת איך וועל זיך אומקערן בשלום, געהערן צו דיר. און איך וועל אים ברענגען פאַר אַ קרבן עולה. ווען ער האָט געזיגט איבער די זין פון עמון און איז געקומען אַהיים, האָט ער דערזען זיין טאָכטער וואָס איז אים אַרויס אַנטקעגן מיט פויקן און טענץ. און אויסער איר האָט ער נישט געהאַט קיין זון און נישט קיין טאָכטער. און ווען ער האָט זי דערזען האָט ער צעריסן זיינע מלבושים און געזאָגט: „אך, מיין טאָכטער, דו ביסט אַריינגעפאַלן אין אַן אומגליק, דו ביסט צווישן מיינע קרבנות". און ער האָט געטאָן לויט זיין נדר, ווי אַזוי ער האָט מנדר געווען.

און יהודה האָט געזען דאָס דינע, בלאַסע אויסגעלאָשענע פּנים פון רבי טוביה און האָט געהערט זיין שוואַכע, אָבער דורכדרינגלעכע שטים, וואָס האָט דערציילט, ווי אַזוי אין די פרענקישע קהילות האָט אַ מאַמע דעם זון און אַ ווייב דעם מאַן מקריב געווען אין נאָמען פון אַלמעכטיקן.

אָבער פון אים האָט מען עפּעס אַנדערש געפאָדערט. עס איז געווען לייכטער און עס איז געווען שווערער אָפּצוגעבן זיין אייגענע טאָכטער צו דער תאווה פון קעניג.

צומאָרגנס איז האָן יהודה אַוועק צו זיין פריינד מיסא און געזאָגט אים אָפן:

— דער דאָזיקער קריסטלעכער קעניג וויל האָבן מיין טאָכטער, כדי מיט איר צו שלאָפן. ער גיט איר אַוועק דעם לוסט־שלאָס לאַ־גאַליאַנאַ, וועלכן איך האָב פאַר אים אויסגעבויט. איך מוז אַנטלויפן, אָדער איך מוז זי אים אָפּגעבן. אַז איך וועל אַנטלויפן וועט ער זיך אָפּרעכענען מיט אַלע ייִדן, וועלכע זענען אין זיין מאַכט און פאַרפאַלן וועט ווערן דער מקום־מקלט פאַר די ייִדן, וואָס ווערן פאַרפאָלגט אין די לענדער פונעם פראַנצויזישן קעניג.

מוסא האָט אים אָנגעקוקט. געזען, אַז זיין פּנים איז פאַרחושכט, ווייל פאַר זיין פריינד האָט יהודה אויסגעטאָן זיין מאַסקע. און מוסא האָט צו זיך געזאָגט: ער איז גערעכט: אויב ער וועט נישט פאָלגן, דעמלט איז נישט בלויז ער און זיין טאָכטער באַדראָט, נאָר אויך איך און אַלע ייִדן פון טאָלעדאָ און דער פרומער, קלוגער, אויסערגעוויינלעכער טפש רבי טוביה און אַלע ייִדן, פאַר וועלכע רבי טוביה איז זיך משתדל. און גרויס איז די צאָל פון די דאָזיקע ייִדן. אַז יהודה וועט אויפהערן צו זיין צווישן דעם קעניגס ראַטגעבער, וועט דער קריג שנעלער אויסברעכן.

יאָ, האָט געטראַכט מוסא: ער האָט ליב רחלען און ער וואָלט איר קיין שום זאַך נישט געראַטן, וואָס עס איז פאַר איר שעדלעך און אין קיין שום פאַל האָט ער נישט בדעה זי צו צווינגען. דאָך אָבער וויל ער איצט, זי זאָל בלייבן און זיך אָפּגעבן דעם קעניג. ער, יהודה, מאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ שווערן נסיון, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער שוין לאַנג באַשלאָסן, אַז ער בלייבט, אַז ער וויל נישט אַנטלויפן אין אָרעמקייט און נויט. ווען ער וואָלט נישט געוואָלט בלייבן, וואָלט ער גלייך געזאָגט מיר מוזן לויפן. אויך איך וויל בלייבן, איך וויל שוין נישט אַ צווייט מאָל אַוועק אין אָרעמקייט און אָפריקאַנער גלות.

וואָס שייך ליבע און תאווה איז מוסע געווען אַן אָנהענגער פון די מוסולמענישע אָנשויונגען. די ראַפינירטע באַגייסטערטע מינע (ליבע) פון די קריסטלעכע ריטער און זינגער האָט אין זיינע אויגן אויסגעקוקט, ווי אַן איינבילדונג, ווי וואַנזין. דאַקעגן די ליבע פון די אַראַבישע דיכטער איז באַגרייפלעך, ממשותדיק. אויך מוסולמענישע בחורים שטאַרבן פאַר ליבע און די מיידלעך גייען אויס נאָך זייער געליבטן. אָבער ס'איז קיין שום אומגליק, אַז דער מאַן שלאָפט זיך אַדורך מיט אַ צווייטער. ליבע איז אַן ענין פון געפיל און נישט פון גייסט. גרויס זענען די פריידן פון ליבע, אָבער טונקל זענען די דאָזיקע פריידן אין פאַרגלייך מיט דער שטראַלנדיקער פרייד פון פאָרשונג און וויסן.

טיף אין האַרצן האָט אויך זיין פריינד יהודה געוווסט, אַז דער קרבן, וואָס מען פאַרלאַנגט פון רחלען איז נישט אומגעהויער גרויס, אָבער אויך מוסא וועט נישט געפינען קיין קלוגן צוגאַנג אים צוצורעדן הערצן, איז כדי צו באַרעכטיקן זיך אַליין און צו באַרימען זיך פאַר אַנדערע, קאָן ער מאַכן אַ פאַלשן טריט און אַנטלויפן פון טאָלעדאָ צום „גונסטן" פון זיין טאָכטער. וואָס וועט עס אָבער זיין פאַר אַ הילף? וואָס דערוואַרט זי דעמולט, ווען זי וועט נישט זיין דעם קעניגס קעפס־ווייב? אין בעסטן פאַל וואָלט זי יהודה חתונה געמאַכט מיט אַ זון פון אַ שטייער־אַרענדאַר, אָדער סתם מיט אַ רייכן מאַן. איז עס נישט בעסער, זי זאָל האָבן שטאַרקע פריידן און שמערצן. זי זאָל האָבן גרויס מזל. אָנשטאָט אַ מיטלמעסיק בלאַסן מזל? אויף דער וואַנט האָט געלויכטן דער אַראַבישער שפּרוך:

„זוך נישט די אַוואַנטורע, אָבער מייד זי נישט אויס".

רחל איז איר טאַטנס אַ קינד. ווען איר וואָלט אויסגעקומען אויס־צוקלייבן צווישן אַן אָנשטענדיקן בלאַסן מזל און אַן אומבאַשטימטן רי־זיקאַליש־לייכטנדיקן, וואָלט זי געוויס אויסגעקליבן דאָס לעצטע.

— פרעג זי אַליין, יהודה, — האָט מוסא געזאָגט, — פרעג דיין קינד.

— זאָל איך איר אויף דער אַנטשיידונג אַליין אָנשטויסן? — האָט יהודה מיט חידוש געזאָגט. — זי איז קלוג, אָבער וואָס ווייסט זי פון דער וועלט? און זי אַליין זאָל אַנטשיידן איבער דעם גורל פון טויזנטער, יאָ, פון טויזנטער!

מוסא האָט אָפּגעענטפערט קלאָר און זאַכלעך:

— פרעג זי, צי דער דאָזיקער מאַן רופט ביי איר אַרויס עקל. אויב נישט, דאַרפסטו בלייבן. דו האָסט אַליין געזאָגט, אַז אייב דו וועסט מיט איר אַנטלויפן, וועסטו גורם זיין צרות אויף סך ייִדן.

יהודה האָט בייז און טרויעריק אָפּגעענטפערט:

— זאָל איך פאַרן טובֿת־הכלל באַצאָלן מיט דער זנות פון מיין טאָכטער?

מוסא האָט צו זיך געזאָגט: אָט שטייט ער אויפריכטיק אויפגערעגט, און ער וויל, אַז איך זאָל מילדערן זיין אויפרעגונג און געפינען אַ באַ־רעכטיקונג פאַר זיין מאָראַל. טיף אין האַרצן איז ער אַנטשלאָסן צו בלייבן. ער מוז זיין טעטיק, עס טרייבט אים צו טעטיקייט, ער פילט זיך שלעכט, ווען ער איז אומטעטיק. און אָנרעגן זיך, ווי ער האָט ליב, קאָן ער בלויז דעמולט, ווען ער האָט מאַכט. און מאַכט האָט ער בלויז דעמלט, ווען

ער בלייבט. מעגלעך, אַז ער וויל זיך אַליין נישט מודה זיין, אָבער דאָך האַלט ער פאַר אַ גליק דאָס, וואָס דער קעניג גלוסט צום מיידל, און ער טרוימט שוין דערפון, אַז פון דעם קעניגס תאווה וועט ער אַרויסשליפּן נוצן און טובות פאַר קאַסטיליע, פאַר זיינע יידן און מאַכט פאַר זיך אַליין. מוסא האָט באַטראַכט זיין פריינד מיט אַ לוסטיקער מינע.

— דו קערסט וועלטן, — האָט מוסא געענטפערט, — דו רעדסט וועגן זנות. ווען דער קעניג וואָלט אונדזער רחל געוואָלט מאַכן פאַר אַ זונה, וואָלט ער זיך געהיים מיט איר אָפּגעזונדערט. אַנשטאָט אַזוי צו האַנדלען באַזעצט ער די יידישקע אין דעם לאַ=גאַליאַנאַ=שלאָס, ער, דער קריסטלעכער קעניג, און איצט, בעת עס גייט אָן דער היילקער קריג.

די דאָזיקע ווערטער האָבן יהודהן גערירט. ווען ער איז געשטאַנען אויג אויף אויג מיטן קעניג האָט ער געפילט כעס און שנאה צו דעם דאָזיקן ווילדן, רויען מאַן, גלייכצייטיק האָט ער געהאַט דרך=ארץ פאַר זיין שטאָלץ און שטאַרקן ווילן. מוסא איז גערעכט: אַזאַ מוראדיקער שטאַרקער ווילן איז מער ווי פּשוטע תאווה.

— אין דעם דאָזיקן לאַנד איז נישט אָנגענומען צו האָבן קעפּס=ווייבער, — האָט יהודה רואיק אַרויסגעזאָגט.

— וועט אַלזאָ דער קעניג איינפירן דעם דאָזיקן מנהג, — האָט מוסא אָפּגעענטפערט.

— מיין טאָכטער וועט נישט זיין קיינעמס קעפּס=ווייב, אפילו אויך נישט דעם קעניגס, — האָט יהודה געזאָגט.

מוסא האָט אים דערמאָנט:

— די קעפּס=ווייבער פון אייערע אבות זענען געווען מוטערס פון אייער איינענעם אָפּשטאַם און ווי איז געווען מיט הגרן, אברהמס קעפּס=ווייב? זי האָט געבוירן אַ זון, וועלכער איז געוואָרן דער אָפּשטאַם=פאָטער פונעם מעכטיקסטן פאָלק אין דער וועלט, און זיין נאָמען איז געווען ישמעאל.

און אַז יהודה האָט געשוויגן, האָט ער אים נאָכאַמאָל געראַטן:

— פרעג דיין קינד, אויב דער דאָזיקער מאַן רופט נישט אַרויס ביי איר קיין עקל.

יהודה האָט געדאַנקט זיין פריינד און אַוועק.

ער איז אַוועק, גערופן זיין טאָכטער און געזאָגט:

— פרווו אויס דיין האַרץ און רעד צו מיר אויפריכטיק. דער קעניג, ווען ער וועט צו דיר קומען אין לאַ=גאַליאַנאַ, צי וועט ער ביי דיר אַרויס=

רופן ווידערווילן? ווען דו וועסט זאָגן, אַז דער דאָזיקער מאַן איז דיר עקלדיק, דעמלט נעם איך דיך פֿאַר דער האַנט, רוף אַרויס דיין ברודער אַלאַזאַר, מיר גרייטן זיך צו און גייען אַוועק דורך די צפֿון־בערג אינעם לאַנד פֿון די טולוזער גראַפֿן, און פֿון דאָרט דורך אַ סך לענדער — אין קעניגרייך פֿון סולטאַן סאַלאַדין. זאָל דער דאָזיקער מאַן דעמלט צאָרענען, זאָל קומען אַפֿילו אַן אומגליק אויף טוליזנטער.

רחל האָט מיט איר האַרצן געשפּירט אַ מין שטאָלצע הכנעה און אַ ווילדע נייגעריקייט. זי איז געווען גליקלעך אויסגעוויילט צו זיין ווי איר מאַמע אַלס אַ שליח פֿון אַללאַה און אַן אומגעדולד האָט זי תיכף באַהערשט.

— דער קעניג רופֿט נישט אַרויס ביי מיר קיין עקל, מיין פֿאָטער, — האָט זי געזאָגט.

יהודה האָט איר געוואָרנט:

— באַרעכן זיך גוט, מיין טאָכטער. אפֿשר זענען די געדאַנקען אין דיין קאָפּ פֿאַרנעפּלט געוואָרן?

— ניין, מיין טאַטע, דער קעניג איז מיר נישט עקלדיק, — האָט רחל איבערגעחזרט.

אָבער בעת זי האָט געענדיקט די דאָזיקע ווערטער, איז זי געפֿאַלן אין חלשות.

יהודה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט אַרייַנגעזאָגט פּסוקים פֿון קאָראַן אין איר אויער. ער האָט גערופֿן די אַם סאַאַד און די דינערין פֿאַטימאַ, זיי זאָלן זי אַוועקטראָגן אין בעט אַריין. ער האָט גערופֿן דעם דאָקטער, מוסא.

ווען מוסא איז אָבער געקומען איז זי געלעגן אין אַ שטילן, טיפֿן, געזונטן שלאָף.

נאָכדעם ווי יהודה האָט אָנגענומען זיין באַשלוס וועגן רחלען, זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן זיינע אַלע ספֿקות און עס האָבן זיך אין אים דערוועקט האָפֿענונגען, אַז ער וועט קאָנען דורכפֿירן אַלע זיינע פּלענער. זיין פּנים האָט געשטראַלט מיט אַזוי פֿיל ענערגיע, אַז רבי טוביה האָט אויף אים געקוקט מיט פֿאָרוווּרף און צער. ווי אַזוי קאָן אַ זון פֿון פֿאָלק ישראל פֿריילעך זיין אין אַזאַ צייט פֿון ליידן! יהודה האָט אָבער צו אים געזאָגט:

— שטאַרק דײַן האַרץ, מײַן לערער און האַר, עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן, און איך וועל דיר אָנזאָגן פֿרײלעכע בשׂורות וועגן אונדזערע ברידער. אומגעדולדיק פֿון וואַרטן, האָט רחלס פּנים דאָ געשטראַלט און דאָ געווען טיף פֿאַרדאגהט. איר אָם סאָאַד איז צו איר צוגעשטאַנען זי זאָל איר אויפֿקלערן, וואָס זי לעבט איבער, אָבער זי האָט איר גאָרנישט געזאָגט. די זקנה האָט זיך דערפֿון שטאַרק געוואונדערט צום האַרצן. רחל איז גוט געשלאָפֿן, אָבער עס האָט לאַנג געדויערט, איידער זי פֿלעגט איינשלאָפֿן. און אַז זי האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן, האָט זי געהערט ווי איר חברטע לאַילאַ זאָגט צו איר: „אָרעם קינד״. און אין אירע אויערן האָט געקלונגען אַלפֿאָנסאָס באַפֿעל: „אַזוי וויל איך!״ אָבער לאַילאַ און געווען אַ קליין נאַריש מיידל און דאָן אַלפֿאָנסאָ איז געווען אַ באַרימטער ריטער און אַ קעניג.

אויפֿן דריטן טאָג האָט יהודה געזאָגט:

— איך האָב איצט בדעה צו געבן דעם קעניג אַן ענטפֿער, מײַן מאַכטער.

— האַרף איך מײַן פֿאָטער אַרויסזאָגן מײַן ווונטש? — האָט רחל געפֿרעגט.

— זאָג אַרויס דײַן פֿאַרלאַנג, — האָט דאָן יהודה געענטפֿערט.

— איך פֿאַרלאַנג, — האָט געזאָגט רחל, — אַז איידער איך וועל קומען אין לאַ־גאַליאַנאַ־שלאָס, זאָלן זיך שוין אויף די ווענט געפֿינען די אויפֿשריפֿטן, וועלכע זאָלן מיר אין דער געהעריקער צײַט אָנווײַזן, ווי אַזוי זיך צו פֿירן.

רחלס פֿאַרלאַנג האָט יהודהן טיף גערירט.

— עס וועט נאָך דויערן — האָט ער געזאָגט, — אַ גאַנצן חודש, איידער די פּרעסקן מיט די אויפֿשריפֿטן וועלן זײַן גרייט.

רחל האָט מיט אַ טריב־פֿרײלעכן שמייכל געענטפֿערט:

— גראָד וועגן דעם האָב איך געטראַכט, מײַן פֿאָטער. טאָ דערלויב מיר די דאָזיקע צײַט נאָך בײַ דיר צו בלײַבן.

דאָן יהודה האָט זי אַרומגענומען, געדריקט איר פּנים צום האַרצן און קוקנדיק אויף איר, האָט ער געזען, אַז אויף איר פּנים איז געלעגן די זעלבע פֿאַרצווייפֿלטע גליקלעכע שפּאַנונג, וואָס ער אַליין האָט איבערגעלעבט.

* *

*

אַ פייערלעכער צוג, אָנגעפירט פון יהודהס סעקרעטאַר איבן אָמאַר, האָט פאַרלאָזט היים קאַסטיליאָ איבן עזראָ. מענער און מויל־אייזלען האָבן געטראָגן די טייערסטע חפצים: וווּנדערבאַרע טעפּיכער, טייערע וואַזעס, זעלטן אויסגעאַרבעטע שווערדן און קינזשאַלן, איידעלע געווירצן. אויף צוויי ראַסעווע פערד זענען געגאַנגען אין דעם צוג, מען האָט געפירט דריי קרוגן מיט גאָלד־מאַראַוועדי. דער צוג האָט זיך געצויגן דורכן מאַרק־פּלאַץ, דורכן צאָקאָדאַווער, אַרויף צום קעניגלעכן שלאָס. מענטשן האָבן געגאַפט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ געשאַנק־קאַראַוואַן.

אין שלאָס האָט דער וואַך־קאַמערהער געמאָלדן דעם קעניג:

— די מתנות זענען אָנגעקומען.

אַלפאָנסאָ האָט פאַרחידושט געפרעגט:

— וואָס זענען עס פאַראַ מתנות?

מיט גרויס שטוינונג האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי מען טראָגט פאַרשידענע חפצים אין שלאָס אַריין. די מתנות האָבן געזאָלט זיין אַ תשובה אויף זיין פאַרלאַנג. דער ייד האָט עס איצט געגעבן, לויטן מנהג פון די אומגלויביקע, כדי אָפּצוזאָלן מיט אַ מתנה פאַר אַ מתנה. אָבער דער ייד איז געבליבן פאַר אים אומפאַרשטענדלעך. די מתנה איז געווען צו פיין. דאָן אַלפאָנסאָ פאַרשטייט עס נישט.

ער הייסט רופן איבן עזראָ.

— צו וואָס האָסטו מיר געשיקט דעם דאָזיקן גאָלדענעם מיש־מאַש? — האָט ער אויסגערופן. — ווילסט מיך אונטערקויפן למובֿת דיינע באַשניטענע? אפשר ווילסטו ביי מיר אָפּקויפן דעם הייליקן קריג? אָדער דו האָסט אויסגעטראַכט עפּעס אַ שפּיצל מיך צו פאַראַטן? ס'איז אַ טייוולאָנישע חוצפּה!

— זיי מוחל דיין דינער, דאָן אַלפאָנסאָ, — האָט יהודה שטייענדיק אומבאַוועגלעך געענטפערט, — אויב ער באַגרייפט נישט דיין צאָרן. דו האָסט מיר, דיין אומווערטיקן, און מיין טאָכטער געשענקט אַ קאָלאָ־סאַל־רייכע מתנה. ביי אונדז איז אַזאַ מנהג אָפּצוגעבן אַ מתנה פאַר אַ מתנה. איך האָב מיך באַמיט פון מיין אייגנטום אויסצוזוכן דאָס שענסטע, כדי עס זאָל געפינען חן אין דיינע אויגן.

אַלאָפונסאָ האָט אָפּגעענטפערט מיט אומגעדולד:

— פאַרוואָס רעדסטו פאַרשטעלט, מענטש איינער? רעד, אַז יעדער קריסט און יעדער ריטער זאָל דיך פאַרשטיין. ווען קומען דיין טאָכטער אין לאַ־גאַליאַנאַ?

ער איז געשטאַנען נאָענט לעבן יידן און אים געוואָרפֿן די ווערטער אין פּנים אַריין. אָבער דער בזיון איז באַצוג צו זיין טאָכטער, איז אים געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. זאָל איך אַרויסזאָגן, האָט ער געטראַכט, זאָל איך מיט טרוקענע ווערטער מסכּים זיין, אַז מיין קינד זאָל זיך לייגן אין בעט אַריין מיט דעם דאָזיקן מענטשן, בעת זיין קעניגין געפֿינט זיך ווייט אין אומדערגרייכבאַר הויך, אין איר קאַלטן בורגאָס. זאָל איך, יהודה איבן עזראַ אַרויסזאָגן מיט מיינע אייגענע ליפּן די שמוציקע, געמיינע ווערטער? אָבער זאָל ער דערפֿאַר באַצאָלן, דער דאָזיקער אויסגעלאַסענער, זאָל ער קעגן זיין אייגענעם ווילן באַצאָלן מיט גוטע מעשׂים!

אַלפֿאָנסאָ האָט אין זיך געטראַכט: איך ברען, איך גיי אויס. ווען וועל איך ענדלעך הערן אַ וואָרט פֿון דעם דאָזיקן כּלבֿ? ווי אַזוי קוקט ער אויף מיר! עס נעמט אָן אַ פּחד פֿון זיין קוקן!

יהודה האָט זיך ענליך פֿאַרנייגט. ער האָט זיך נידעריק פֿאַרנייגט, מיט איין האַנט צוגערירט זיך צו דער פּאָדלאָגע און געזאָגט:

— מיין טאָכטער וועט וווינען אין לאַ־גאַליאַנאַ, הער קעניג, ווי דו האָסט פֿאַרלאַנגט.

דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט פֿאַרגעסן זיין כּעס. אַ געוואַלדיקע יינגלשע התפּעלות האָט באַדעקט זיין ברייט פּנים, וואָס האָט זיך פּלוצלינג צעשטראַלט.

— דאָס איז אויסגעצייכנט, דאָן יהודה! — האָט ער אויסגערופֿן. דאָס איז פֿאַר מיר אַ זעלטענער טאָג!

זיין פֿרייד איז געווען אַזוי קינדעריש אויפֿריכטיק, אַז יהודה האָט זיך כּמעט באַרויִקט. ער האָט געזאָגט:

— נאָר איין בקשה האָט מיין טאָכטער: די אויפֿשריפֿטן אויף די פֿרעסקן פֿון לאַ־גאַליאַנאַ זאָלן געמאַכט ווערן פֿריער איידער זי קומט אַהין.

דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט געפֿרעגט מיט פֿאַרדאַכט:

— וואָס זאָל עס באַדייטן? צי ווילט איר מיך ווידער נישט אָפּנאַרן מיט אייערע אויסריידן?

דאָן יהודה האָט זיך מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ דערמאָנט וועגן יעקבֿ־אָבינו, וועלכער האָט פֿאַר רחלען געמוזט אָפּדינען זיבן יאָר און נאָכדעם נאָכאַמאָל זיבן יאָר, און דער דאָזיקער מענטש וויל אַפֿילו קיין

זיבן וואָכן נישט וואַרטן. מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ האָט ער ערנסט געזאָגט:

— מיט פאַלשקייט און צביעות האָט מיין טאָכטער קיין שום שייכות נישט, דאָן אַלפאָנסאָ. איך בעט דיך דו זאָלסט פאַרשטיין, אַז דאָניאַ ראַקעל וויל אַ קורצע צייט פאַרבלייבן אין איר פאָטערס הויז, איידער זי לאָזט זיך אויף אַ נייעם וועג, וויל אויך פאַרשטיין, אַז אויפן נייעם אומבאַקאַנטן אָרט וויל זי אויך געפינען ווערטער פון טיפער חכמה.

אַלפאָנסאָ האָט ראַש אַ פרעג געטאָן:

— ווי לאַנג וועט מיר אויסקומען צו וואַרטן אויף די אויפשריפטן?

יהודה האָט אָפּגעענטפערט:

— אין קנאַפּע צוויי חדשים אַרום וועט מיין טאָכטער זיין אין לאַגאַליאַניאַ.

(סוף פון ערשטן טייל)

# צווייטער טייל

כמעט פולע זיבן יאָר האָט ער זיך פֿאַרשלאָסן מיט דער ייִדישקע און ער האָט נישט געטראַכט נישט וועגן זיך אַליין, נישט וועגן זיין מלוכה, ס'קימערט אים בכלל קיין שום זאַך נישט מער.

אַלפאָנסאָ דער קלוגער אַלגעמיינע כראָניק 1270 יאָר.

אויף זיבן יאָר בלייבט דער קעניג  
מיט דער יידישקע פאַרשלאָסן, —  
זי זאָל זיך מיט אים נישט שיידן,  
ווייל געליבט זיך האָבןביידע.  
האָט ער סיי אין מלכות זיינעם,  
סיי אין זיך אַליין — פאַרגעסן

פון סעפולוועדא־ראָמאַנסן

# קאַפּיטל איינס

ווי נאָר אַלפֿאָנסאָ האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן, איז גלייך דער שלאָף פֿון אים אַוועק. אין ערגעץ און קיינמאָל האָט זיך אים נישט געפּאָדערט קיין צייט איבערצוגיין פֿון שלאָף און טרוים צו ווירקלעכקייט. אויך איצט האָט ער זיך גלייך צוגעוווינט צום פֿרעמדן אַראַבישן צימער, ווו דורך די טונקעלע פֿאָרהאַנגען פֿונעם קליינעם פֿענצטער האָט זיך אַריינגעריסן אַ בלאַסע פֿרימאָרגן־ליכט.

נאַקעט, שלאַנק, ווייס־הויטיק, רויט־בלאָנד איז ער פֿויל און טיף צופֿרידן געלעגן אויף זיין בונטן בעט.

ער איז אַליין געשלאָפֿן. רחל האָט אים מיט עטלעכע שעה צוריק אַוועקגעשיקט. שוין די דריטע נאַכט האָט זי זיך אַזוי נוהג געווען. זי האָט געוואָלט איינע אַליין זיך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף. יעדן אָוונט און יעדן פֿרימאָרגן, איידער זי האָט זיך באַוויזן, פֿלעגט זי מאַכן לאַנגע הכנות, זיך באָדן אין רויזן־וואַסער און זאָרגפֿעליק זיך אָנטאָן.

ער איז אויפֿגעשטאַנען, זיך אויסגעצויגן און אַ נאַקעטער אָנגעהויבן שפּאַצירן הין און צוריק אין קליינעם צימער און אויסגעשפּרייטן אין טעפּיכער. ער האָט שטיל אין זיך צוגעזונגען, און אַזוי ווי אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט און דער קלאַנג האָט נישט אָפּגעהילכט, האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען העכער, שפּעטער אויפֿן גאַנצן קול פֿאַרצויגן אַ מלחמה־ליד, געבנדיק פֿרייהייט די פֿרייד פֿון זיין האַרץ.

זינט ער האָט זיך געפֿונען אין דער לאַ־גאַליאַנאַ האָט ער אַ חוץ זיין גערטנער בעלאַרהאָ קיין שום קריסטלעך וועזן נישט אָנגעזען. ער האָט אַפֿילו צו זיך נישט צוגעלאָזט זיין פֿרײַנד גאַרסעראַן, וועלכער פֿלעגט יעדן פֿרימאָרגן קומען אויסצוהערן זיינע ווונטשן און באַפֿעלן. פֿריער איז יעדע שעה געווען פֿאַרפֿילט מיט מענטשן און מיט טעטיקייט. ער איז געווען באַשעפֿטיקט, געהאַלטן דרשות און איצט איז ער געווען אַליין אָן אַ שטאָך אַרבעט. אַלץ איז פֿאַרזונקען געוואָרן: טאָלעראָ, בורגאָס, דער הייליקער

קריג, גאַנץ שפּאַניע, אַלץ. עס האָבן עקזיסטירט בלויז ער און רחל. ער האָט אַליין נישט געגלויבט, אַז ער געניסט איצט אין פולן זין פון אַ בײַ לעבן. ווי ער לעבט איצט — דאָס איז לעבן, פריער איז געווען האַלב־לעבן — האַלב־שלאָף.

ער האָט אויפגעהערט צו זינגען, זיך אויסגעגליכט, אַ גענעץ געטאָן און אָן ישום סיבה זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

דערנאָך איז ער אַוועק צו רחלען. זיי האָבן צוזאַמען געפרישטיקט. ער האָט געגעסן היגער־זופּ מיט פלייש־פּאַשטעטן, זי — אַן איי, זיסוואַרג און פרוכטן. ער האָט געטרונקען וואַסערדיקן געווירץ־ווײַן, זי — ציטרין־וואַסער מיט צוקער. ער האָט זי באַטראַכט שטאַרק און מונטער. זי האָט געטראָגן אַ קלייד פון לײַכטן זײַד, און דאָס פּנים איז געווען אויף דער העלפט באַדעקט מיט אַ קליינעם שלייער לויטן מנהג פון פאַרהייראַטע פרויען. ווי זי זאָל זיך נישט אָנטאָן, ווי זי זאָל זיך נישט אײַנהילן, האָט זי פאַר זײַן אויג קיין זאַך נישט געקאָנט פאַרבאָרגן, ווײַל ער האָט געקענט יעדעם פּיצעלע פון איר.

זיי האָבן לעבעדיק געפּלאַפּלט. זי האָט געמוזט דערקלערן און דערציילן. ווײַל פיל זאַכן, וואָס איר האָט אינטערעסירט, איז אים געווען פרעמד, און אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן. ער האָט זי פאַרשטאַנען אַלץ איינגס, צי זי האָט גערעדט אַראַביש, לאַטײַן אָדער קאַסטיליש. אויך איז זענען אײַנגעפאַלן פאַרשידענע זאַכן, וואָס האָבן זי אינטערעסירט און וואָס ער האָט איר געמוזט תיכף דערקלערן. יעדעס וואָרט, וואָס עמעץ פון זיי האָט אַרויסגעזאָגט, איז געווען פאַר זיי וויכטיק. ווען זיי זענען געווען אַליין, פלעגן זיי יעדע אַרויסגעזאָגטע נאַרישקייט איבערחזרן, גוט עס באַטראַכטן און לאַכן. הערלעך איז געווען דאָס, וואָס איינער דעם צווייטן האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען. און עגלעך זענען ביי זיי ביידן געווען די בעסטע געפילן. ביידע האָבן געשפּירט איינס און דאָס זעלבע: גליק, אָן אַ שיעור גליק!

אַך, געבענטשט איז דאָס גליק, ווען מען גיסט זיך צונויף. מען שפּירט, ווי די דאָזיקע צוזייפגיסונג קומט אָן געענטער, זייער נאָענט. עס דויערט בלויז אַן אויגנבליק און אָט איז דאָס גליק. מען בענקט נאָך דעם, מען פרווט עס אײַנהאַלטן, ווײַל דאָס שטרעבן איז אַזוי הערלעך, ווי די דערגרייכונג.

לאַ־גאַליאַנאַ האָט געהאַט אַ גרויסן פּאַרק. אין די ווייסע געמויערטע ווענט, וואָס האָבן אים שטרענג אײַנגעשלאָסן, האָט מען שטענדיק געקאָנט

געפינען אומעטום עפעס נייעס. אין דעם קליינעם וואַלד, אין דער אַלטאַגע, ביים טייך, און אַפילו אין דעם שלאָס גופא האָבן זיך געקניפּט פאַרשידענע מעשיות און דערינערונגען. דאָרט האָבן זיך געפונען די צוויי האַלב-צעשטערטע ציסטערנעס. די דאָזיקע רעשטלעך פון רבי חננס אוראַלטער צייט-מאַשין האָט מען איבערגעלאָזט אין זעלבן צושטאַנד ווי זיי זענען געווען. רחל האָט דערציילט אַלפאָנסאָ וועגן רבי חננס לעבן און זיין טויט. אַלפאָנסאָ האָט זיך צוגעהערט, קנאַפּ דערפון פאַרשטאַנען און האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט.

ביידע, קענענדיק די געשיכטע פון דער פרינצעסין גאַליאַנאַ וועמענס נאָמען עס טראָגט זייער שלאָס, האָבן זיי אָפט וועגן איר געשמועסט. איר פאָטער, דער טאָלעדער קעניג גאַלאַפרע, האָט פאַר איר דעם שלאָס אויסגעבויט. געלאָקט פון איר זעלטענער שיינקייט, האָבן זיך געמאָלדן א סך חתנים, צווישן זיי בראַדאַמאַנטע, דער קעניג פון דער שכנותדיקער גוּאַדאַלאַכאַראַ, אַ מענטש אַ ריז, און דער קעניג גאַלאַפרע האָט אים פאַרשפּראָכן זיין טאָכטער. אָבער אויך דער פראַנקישער קעניג קאַרל דער גרויסער האָט זיך דערוווּסט פון דער שיינער פרינצעסין גאַליאַנאַ. ער איז געקומען קיין טאָלעדאָ אינטערן צונאָמען מיינעט, האָט זיך געשטעלט צו דינסט ביים קעניג גאַלאַפרע און האָט באַוויזן זיין מעכטיקסטן שונא, דעם קאַליף פון קאָרדאָווע. גאַליאַנאַ האָט זיך פאַרליבט אין דעם העלדישן קאַרל, און דער דאַנקבאַרער קעניג האָט אים פאַרשפּראָכן איר האַנט. דער אַנטוישטער חתן בראַדאַמאַנטע האָט דערקלערט מלחמה טאָלעדאָ און אַרויסגערופן מיינעט-קאַרל אויף א דועל. ער האָט אָנגענומען דעם אַרויסרוף און געהרגעט דעם ריז. קאַרלס שנעלער אויפשטייג האָט אים פאַרשאַפט א סך שונאים. זיי האָבן איינגערעדט דעם קעניג גאַלאַפרע, אַז ער שטרעבט נאָך זיין קרוין, און גאַלאַפרע האָט באַשלאָסן אים אָפּצורוימען פון וועג. די פרינצעסין גאַליאַנאַ האָט מגלה-סוד געווען איר געליבטן, איז אַנטלאָפן מיט אים אין שמאָט אַכען, האָט זיך געטויפט און געוואָרן זיין קעניגין.

רחל האָט געגלויבט, אַז גאַליאַנאַ האָט זיך פאַרליבט אין פראַנקישן קעניג און אַז זי איז מיט אים אַנטלאָפן. אָבער זי האָט נישט געגלויבט, אַז קאַרל האָט באַזיגט דעם ריז. און נאָך מער האָט זי נישט געוואָלט גלויבן, אַז גאַליאַנאַ האָט זיך געטויפט. אַלפאָנסאָ האָט געזאָגט:

— די דאָזיקע מעשה האָט דאָן ראָהריגאָ אויסגעגראָבן פון די אַלטע ביכער, און ער איז זייער א געלערנטער מאַן.

— איך וועל דעם פעטער מוסא פרעגן, — האָט רחל באַשלאָסן.

אַלפאָנסאָ, עטוואָס אָנגערעגט, האָט געזאָגט:

— דער גאַליאַנאַ-שלאָס איז צעשמעטערט געוואָרן, ווען מיין אור-זיידע האָט איינגענומען טאָלעדאָ. מען האָט אים דעמאָלט נישט רעסטאַווירט, ווייל טאָלעדאָ איז געלעגן אויפן סאַמע גרענעץ. איצט געפינט זיך קאַלאַטראַוואַ און אַלאַרקאָס פעסט אין מיינע הענט, און טאָלעדאָ איז געזיכערט. דעריבער האָב איך אָן שום סכנה דעם שלאָס פאַר דיר רעסטאַווירט.

רחל האָט לייכט געשמייכלט. ער האָט איר נישט געדאַרפט דערציילן, וואָסער העלד, ריטער און גרויסער קעניג ער איז. אַלע האָבן דערפון געוווּסט.

אַלפאָנסאָ האָט געבעטן, אַז רחל זאָל אים אויסטייטשן געוויסע אויפשריפטן אויף די ווענט. עס האָבן דאָרט פיגורירט א סך אַלטערטימלעכע קופישע אותיות. רחל האָט זיי איבערגעלייענט אָן שום טרחה. זי האָט אים דערציילט, ווי אַזוי זי האָט זיך געלערנט לייענען און שרייבן. צוערשט פשוטע קאָראַן-פסוקים און די נײַן און נײַנציק נעמען פון אללאה אין דער געוויינלעכער נאַשי-שריפט. שפּעטער האָט זי זיך געלערנט די אַלטע קופישע שריפט און צולעצט העברעיש מיטן לערער מוסא. אַלפאָנסאָ האָט איר מוחל געווען דעם דאָזיקן ים פון וויסן, ווייל זי איז געווען רחל.

צווישן די שפּרוכן אויף דער וואַנט איז געווען אן אוראַלטער אַראַבישער שפּרוך, וואָס דער פעטער מוסא האָט ליב געהאַט: „ס'איז בעסער א פעדער-געוויכט פון שלום, איידער אן אייזן-געוויכט פון נצחון". זי האָט אים געלייענט דעם דאָזיקן זעלטענעם שפּרוך, וועלכער האָט אויסטערליש געקלונגען אויף אירע קינדערישע ליפּן. היות ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, האָט זי עס איבערגעזעצט אין אומגעגלעכן לאַטיין:

— אַז אונץ פון שלום איז מער ווערט, ווי א גאַנצער טאָן נצחון.

— דאָס איז אומזין, — האָט אַלפאָנסאָ דערקלערט, — דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַר פויערים און פאַר בירגער, נישט פאַר קיין ריטער.

— אָבער כדי רחל זאָל זיך נישט פילן באַליידיקט, האָט ער צוגעגעבן: — אָבער אינעם מויל פון א דאַמע קאָן עס אָנגיין.

— איך האָב אַמאָל פאַרפאַסט א גאַנצן מוסר-השכל, — האָט אַלפאָנסאָ דערציילט. — דאָס האָט פּאַסירט, ווען איך האָב אַלאַרקאָס גענומען. איך האָב באַזעצט דעם באַרג-קאַם צו דרום פון גאַר-על-אַביאַד און אַוועקגעשטעלט א שטאַרקע וואַך אונטער דער אויפזיכט פון א געוויסן דיעגאָ, א וואַסאַל פון מיין באַראָן דע האַראָ. דער דאָזיקער מאַן האָט זיך

אומגעריכט געלאָזט באַפֿאַלן. דאָס האָט מיר שיעור נישט געקאָסט אַלאַרקאָס. ער איז פּשוט געשלאָפֿן דער דאָזיקער דיעגאָ. איך האָב אים געהייסן בינדן און צופֿעסטיקן צו אַ געצעלט-פּלאָקן. דאַן האָב איך פֿאַרפּאַסט מיין מוסד-השכל. לאָמיר זען, צי איך האָב נישט פֿאַרגעסן.

„וואַכן מוז דער, וואָס וויל האָבן דעם שונאס קאָפּ און דעם שונאס פֿאַנצער. דער וואָלף, וואָס שלאָפֿט, פֿאַנגט נישט. דער מאַן, וואָס שלאָפֿט, קאָן נישט זיגן“.

— דאָס האָב איך געהייסן אויפֿשרייבן מיט זייער גרויסע אותיות, און דיעגאָ האָט עס געמוזט לייענען דעם ערשטן פֿרימאָרגן, דעם צווייטן און דעם דריטן. דערנאָך האָב איך אים געהייסן אויסשטעכן די אויגן, וועלכע האָבן גאָרנישט געזען. דאַן האָב איך גענומען אַלאַרקאָס.

רחל האָב נאָכדעם אַ גאַנצן טאָג געשוויגן.

אין די הייסע שעהן האָט רחל געוויינלעך פֿאַרבראַכט אין איר טונקעלן צימער, וווּ עס איז אונטער אַ פֿילץ-באַשלאָג געפֿלאָסן קיל וואַסער. אַלפֿאָנסאָ האָט זיך דעמאָלט געלייגט אין פּאַרק אונטערן שאָטן פֿון אַ בוים אָפּטמאָל אין שכנות פֿון זיין גערטנער בעלאַרדאָ, וועלכער האָט אַפֿילו אין די הייסע טעג געאַרבעט, אָדער ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געאַרבעט. צום ערשטן מאָל האָט בעלאַרדאָ געוואָלט אויסמיידן דעם קעניג, אָבער אַלפֿאָנסאָ האָט אים צוגערופֿן, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיט מענטשן פֿון פֿאָלק. ער האָט גערעדט מיט זייער שפּראַך, מיט זייער אַקצענט, אַזוי, אַז זיי האָבן געהאַט צו אים צוטרוי און האָבן אים אַ סך מאָל אַרויסגעזאָגט דעם אמת. בעלאַרדאָס קיילעכדיק, פֿעט, כיטרע פּנים און זיין אָרט רעדן האָבן אַרויסגערופֿן שפּאַס ביים קעניג, אָפּטמאָל פֿלעגט ער אים צורופֿן און פֿאַרפֿירט מיט אים אַ געשפּרעך.

בעלאַרדאָ האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטים און אַלפֿאָנסאָ האָט אים געהייסן זינגען, ס'הויב ראָמאַנסן. דאָס זיינען געווען ראָמאַנסן פֿון דער דאַמע פֿלאָרינדע, וועלכע האָט אויך געהייסן לאַ-קאַוואַ. פֿלאָרינדע און אירע פֿריילינס, מיינענדיק, אַז קיינער זעט נישט, האָבן אַנטבלויזט זייערע צאַרטע פֿיס און זיי געמאָסטן מיט אַ געלער זיידענער סטענגע. מער ווייס און שענער זיינען געווען די פֿיס פֿון פֿלאָרינדע. פֿאַרבאָרגן אונטער אַ פֿאָרהאַנג פֿון אַ פֿענצטער האָט זיך דער קעניג ראָדריגאָ צוגעקוקט צו דער דאָזיקער שפּיל און אַ געוואַלדיק פֿייער האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין האַרצן. ער האָט צוגערופֿן פֿלאָרינדען צו זיך און געזאָגט:

„פלאָרינדע בליענדיקע, איך בין בלינד און קראַנק פון ליבע. הייל מיין ווייטיק און איך וועל דיר באַדאַנקען מיט מיין סצעפּטער און מיט מיין קרוין".

צערשט האָט זי נישט געענטפערט, ווייל זי איז געווען באַליידיקט, אָבער צום סוף איז געשען, ווי דער קעניג האָט געוואָלט, און פלאָרינדע, די בליענדיקע, האָט תיכף פאַרלוירן דעם בלי פון איר אומשולד. אינגיכן האָט דער קעניג זיך געדאַרפט שלאָגן על חטא פאַר זיין ווילדער תאווה און מיט אים גאַנץ שפּאַניע. און ווען מען פרעגט: ווער פון זיי ביידן איז געווען מער שולדיק? ענטפערן די מענער — פלאָרינדע און די פרויען זאָגן — ראָדריגאָ.

אַזוי האָט געזונגען דער גערמאַנער בעלאַרדאָ און אַלפאָנסאָ האָט זיך צוגעהערט. אין אַ געוויסער רגע האָט זיך אין אים דערוועקט א חשד, אַז בעלאַרדאָ האָט מיט אַ שלעכטער כוונה אים אָנגעוויזן אויפן גורל פון ראָדריגאָ, דעם לעצטן גאָטישן קעניג, ווי אַנדערע ראָמאַנסן דערציילן, האָט דער פאָטער פון דער פאַרפירטער פלאָרינדע, גראַף יוליאַן, זיך פאַרבונדן מיט די אַראַבער, כדי זיך נוקם צו זיין אינעם קעניג ראָדריגאָ. ער האָט די אַראַבער אַריינגעפירט קיין שפּאַניע, אַזוי אַז צוליב דער זינדיקער תאווה פון קעניג ראָדריגאָ איז געקומען א סוף צו דער קריסטלעכער גאָטישער מלוכה. דער גערמאַנער בעלאַרדאָ האָט אָבער געמאַכט א נאַריש־אומשולדיק, רירעוודיק פּנים; ער האָט קיין שום בייז נישט געמיינט.

נאָך מיטאָג פלעגט זיך רחל באָדן אין טייך. זי האָט געפאָדערט פון אַלפאָנסאָן, ער זאָל מיט איר שווימען. ער האָט זיך געשעמט פאַר איר אויסצוטאָן, און ער האָט געהאַלטן, אַז עס פּאַסט נישט, זי זאָל זיך פאַר אים אויסטאָן. אַלטע פאָראורטיילן האָבן אים באַהערשט. מאַכמעד האָט זיינע גלויביקע באַפוילן פינף־פינף מאָל א טאָג זיך צו וואַשן, אויך די יידישע רעליגיע הייסט ריינוואַשן. די קירך האָט קרום געקוקט אויף די, וואָס וואַשן זיך צו אָפט.

מיט א לייכטן פריילעכן געשריי האָט רחל אַריינגעשטעקט א פוס אין וואַסער, נאָכדעם האָט זי זיך האַסטיק און אַנטשלאָסן א וואָרף געטאָן און אַוועקגעשווומען. ער איז נאָכגעשווומען, מאַכנדיק שפּאַס בעתן שווימען אין טייך.

זיי זענען ביידע נאַקעט געזעסן אויפן ברעג פונעם וואַסער און זיך געטריקנט אויף דער זון.

עס איז געווען הייס. די לופט האָט געבריט. אַ שווערער ריח האָט

זיך געטראָגן פֿון די בלומען־ביימער און פֿון די פּאָמעראַנצן־ביימער. גרילן האָבן געזשומעט. פּלוצלונג האָט אַלפֿאָנסאָ אַ פֿרעג געטאָן:

— איז איר באַקאַנט די מעשה פֿון ראָדריגאָ מיט פֿלאָרינדען?

יאָ, רחל האָט די מעשה געקענט.

— אַז צוליב דער דאָזיקער ליבע זאָל האָבן אומגעקומען די גאָטישע מלוכה, — האָט איז אַ באָבע־מעשה, — האָט זי דערקלערט מיט אַ טאָן פֿון אַן אַלטן חכם. דער פֿעטער מוסאַ האָט איר געגעבן דערקלערט: די קריסטלעכע מלוכה איז אַלט געוואָרן, די גאָטישע קעניגן און זייערע זעלנער זענען ווייך געוואָרן, דעריבער האָבן אונדזערע אין אַ בליץ־שנעלן קאַמף זיי באַזיגט מיט אַ גאַנץ קליינער אַרמיי.

עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס זי האָט זיך אויסגעדריקט „אונגרזע רע". אָבער די אויסטייטשונג פֿונעם פֿאַרדעכטיקן מוסאַ איז אים געפֿעלן געוואָרן.

— דיין אַלטער פֿעטער מוסאַ איז אפֿנים גערעכט, — האָט אַלפֿאָנסאָ געזאָגט, — דער קעניג ראָדריגאָ איז געווען אַ שלעכטער זעלנער, דעריבער האָט ער זיך געלאָזט באַזיגן. אָבער אין צווישן־צייט האָבן מיר די מלחמה־קונסט געלערנט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ העכערער שטים, — און איצט זענען ווייך געוואָרן דיינע מוסולמענער מיט זייערע טעפּיכער, מיט זייערע פֿערזן און מיט זייערע ביין און גייציק געמען פֿון אַללאַה, וואָס זיי האָבן דיר איין קאָפּ אַריינגעקלאַפּט. מיר וועלן זייערע מויערן און טורעמס צעשמעטערן, זייערע פֿירשטן וועלן מיר טרעטן מיט די פֿיס און זייערע שטעט וועלן מיר אויסגלייכן מיט דער ערד און באַשיטן מיט זאַלץ. מיר וועלן דיינע מוסולמענער איין ים אַריינשליידערן. דאַמע, די וועסט עס נאָך זען מיט דיינע אויגן.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, נאַקעט, פֿאַרעקשנט און פֿריילעך איז ער געשטאַנען אונטער די שטראַלן פֿון דער הייסער זון.

איר גאַנצער גוף האָט זיך צונויפֿגעצויגן אונטער אַ געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט. הערלעך שיין האָט אַלפֿאָנסאָ אויסגעזען אין זיין שטייענדיקער פּאָזע: שטאַרק, לוסטיק, שטאָלץ, מענעריש. יאָ, ער איז ווערט מען זאָל אים ליבן! און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן מער באַשיידן, ווי ס'האָט זיך איר געדאַכט. ער איז באמת געווען הערלעך, דער הערשער פֿון קאַסטיליע און אפֿשר אויך פֿון גאַנץ אַנדאַלוזיע. אָבער דאָס בעסטע, וואָס געפֿינט זיך אונטערן הימל איז אין הימל, איז פֿאַר אים געווען פֿאַרשלאָסן, ער האָט נישט געוווסט דאָס וויכטיקסטע, ער האָט נישט געוווסט פֿון

גייסט. זי אָבער האָט דערפֿון געוווּסט. ווײַל זי האָט געהאַט איר טאַטן יהודה און מוסאַן, ווײַל זי געהערט צום פֿאָלק, וואָס האָט באַקומען בירושה דעם תנ״ך.

ער האָט געפֿילט וואָס אין איר קומט פֿאָר. ער האָט געוווּסט, אַז זי ליבט אים מיט איר גאַנצער נשמה, אַז זי ליבט אַלץ אין אים, זײַן העלדישקייט, זײַן ענערגיע. דאָס בעסטע אָבער אין אים, דאָס ריטערלעכע, קאָן זי העכסטנס ליבן, נאָר פֿאַרשטיין קאָן זי עס נישט. וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ריטער און וואָס אַ קעניג — דאָס וועט זי קיינמאָל נישט באַגרײַפֿן. מײַנע הינט האָבן אַ גרעסערע השגה אין די דאָזיקע זאַכן, ווי גראָב עס זאָל נישט זײַן דער פֿאַרגלײַך. און אין דער רגע האָט ער באַדויערט, וואָס ער האָט זײַנע גרויסע הינט נישט געבראַכט אין לאַנגאַליאַנאַשלאָס. אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער געפֿילט, אַז אין רחלס נשמה איז פֿאַרבליבן אַ פּוסט אָרט, וואָס איז פֿאַר אים נישט צוטריטלעך. דאָרט איז געווען דאָס אַראַבישע, דאָס העברעישע, דאָס אור־פֿרעמדע, וואָס ער וועט עס קיינמאָל גוט נישט באַגרײַפֿן, וואָס ער קאָן העכסטנס פֿאַרניכטן. און נאָך טונקעלער און נאָך ווײַניקער אויסדריקלעך דערשפּירט ער אין איין אויגנבליק, אַז אַזוי איז עס מיט גאַנץ שפּאַניע. דאָס לאַנד געהערט צו אים, ער איז דער הערשער, גאָט האָט עס אים געגעבן. ער איז דער קעניג און ער ליבט עס. אָבער אין דער דאָזיקער שפּאַניע געפֿינט זיך אַ גרויסער, גרויסער טייל — דאָס אַראַבישע, דאָס ייִדישע, דער דאָזיקער טייל איז אים אונטערטעניק, אָבער דאָך אָפּגעצוימט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף רחלן, ווי זי איז געזעסן אַ צונויפֿגעקאָרטשעטע. יאָ, זי איז געווען זײַנע, אינגאַנצן אים אָפּגעגעבן און פֿילנדיק, אַז מיט אַ רגע צוריק האָט זי זיך פֿון אים געפֿילט באַליידיקט, האָט זיך אין אים דערוועקט זײַן ריטערלעכער חוש.

— נאָך נישט מאָרגן און נאָך נישט איבערמאָרגן וועל איך דײַנע מוסולמענער אין ים אַרײַנשליידערן, — האָט ער זי געטרייסט. — איך בין גאָרנישט אויסן געווען דיר צער צו פֿאַרשאַפֿן.

עס זענען קוים אַוועק עטלעכע טעג און זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי פֿאַרברענגען שוין דאָ אַ גאַנץ לעבן און נישט געקוקט דערויף פֿילן זיי נישט קיין שום מידקייט, קיין מאָנאָטאָנקייט. די טעג זענען געווען צו קורץ,

די נעכט זענען געווען צו קליין און כסדר איז געווען עפּעס ביים צו זאָגן, עפּעס ביים צו פרעגן.

רחל איז געזעסן אין הויף ביים פאָנטאַן, ווו דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט און זי, אין דער ראָל פון אַ מעשה־הערציילערין, האָט דערציילט צוואַנציק מעשיות, הונדערט מעשיות, איינע נאָך דער אַנדערער, וועלכע האָבן זיך געצויגן ווי די אויפשריפטן אויף די ווענט. זי האָט אים דערציילט אַ מעשה פון שלאַנגען־פאַרשווערער מיט זיין ווייב, פון אַ הונט — אַ גנבֿ, וועגן דעם מייט פונעם פאַרליבטן פון אוזרא־שטאַם און וועגן דעם פאַרדאַגהטן לערער. זי האָט דערציילט די געשיכטע פון דעם איינצאָניקן און פונעם צווייצאָניקן און פונעם אָנגעזעגנעם הער, וועלכער איז שוואַנגער געוואָרן. זי האָט דערציילט די לעגענדע פון דעם איי פון אַ פויגל ראָק און די לעגענדע פונעם פּאָמעראַנץ, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעפּנט, ווען אַ דיכטער האָט אים געוואָלט אויפעסן, און ער איז אַריין אין פּאָמעראַנץ, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסע שטאָט און דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף די מערקווירדיקסטע פּאַסירונגען.

זי איז געזעסן אויפן ראַנד פון פאָנטאַן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף אַ האַנט און אָן אויפהער דערציילט. זי האָט דערציילט אויפן אַראַבישן שטייגער, ווי למשל: „אָבער אויף צומאָרגנס — גוט מאָרגן, ליבער צוהערער און קעניג — איז אונדזער אַלמנה אַוועק צום סוחר...“ אָדער זי האָט איבערגעריסן אין דער מיט און געפרעגט: „אַלזאָ, ליבער צוהערער און קעניג, וואָס וואָלסטו געטאָן אויפן אָרט פונעם רופא?“

ער האָט זיך צוגעהערט און, צוהערנדיק זיך מיט וואָסערע פּלאַיִפּלאים די וועלט איז פול, האָט ער פּלוצלונג אויפגעפּאַסט ווי ווונדערלעך עס איז זיין אייגענע געשיכטע, וואָס ער האָט ביז איצט דורכגעמאַכט און אויף וועלכער ער האָט ביז איצט געקוקט, ווי אויף אַ נאַטירלעך געשעעניש. יאָ, זיינע איבערלעבונגען זענען נישט ווייניקער פאַנטאַסטיש פון אירע דערציילונגען: ווי די גראַנדן האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער אַפּוטרופּסות, בעת ער איז צו דריי יאָר געוואָרן קעניג, ווי זיי האָבן אים אַרומגעשלעפּט פון איין פעלד־לאַגער צום צווייטן, פון איין שטאָט אין דער צווייטער, ווי ער, דער פערצן־יאָריקער, האָט פונעם טורעם פון דער סאַן־ראָמאַן־קירך אין טאָלעדאָ מיט אַ ציטערנדיקער ייִנגלישער שטים אויפגעפאָדערט זיינע בירגער, זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַר זייער קעניג און אים ראַטעווען פון די הענט פון זיינע באַראָנען. און ווי ער, דער יונגער קעניג,

האָט זיך געשדכנט צו דער ענגלישער פּרינצעסין, וועלכע איז נאָך אויך געווען אַ קינד און כּדי זי זאָל קאָנען קומען און חתונה האָבן מיט אים, האָט זי געמוזט זיך לאָזן אויף אומוועגן, ווייל דעמאָלט איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה מיטן קעניגרייך לעאָן. און ווי ער האָט זיין גאַנץ יונג לעבן מלחמה געהאַלטן און זיך אַרומגעשלאָגן מיט די אומגלויביקע, מיט די צעבונטעוועטע גראַנדן, מיט דעם קעניג פון אַראַגאָן, פון לעאָן, פון נאַוואַרע און פון פּאָרטוגאַל. און אויך מיטן הייליקן פאָטער איז אים אויסגעקומען צו שטרייטן וועגן פרומקייט. און ווי ער האָט געבויט קירכן, קלויסטערס, פעסטונגען און לסוף דעם האַזיקן לוסט-שלאָס, לאַ-גאַליאַנאַ. און איצט זיצט ער דאָ, און דאָ האָט ער ענדלעך געפונען דעם זין פון לעבן, אַדאַנק איר, רחלען, און אַדאַנק די האַזיקע מעשיות, וואָס זענען אידענטיש מיט זיין לעבן.

זי האָט כּסדר אויסגעטראַכט נייע פאַרוויילונגען. זי באַווייזט זיך פאַר אים אין אַ ייִנגל-טראַכט, אין וועלכן זי פלעגט זיין אָנגעטאָן אויף דער רייזע. זי גאַרטלט זיך אַרום מיט אַ קינזשאַל און שטאָלצירט צאַרט, שיין, הויך מיט אַ געוויסער אומגעשיקטקייט. זי האָט אים געשענקט אַ רייך-געשטיקטן שלאָפראָק פון שווערן זייד און פאַנטאָפל אַרומגעזוימט מיט פּערל. מיט אַ געוויסן ווידערשטאַנד האָט ער אָנגעטאָן דעם שלאָפראָק און בעת זי האָט פאַרלאַנגט ער זאָל זיך זעצן מיט די פיס אונטער זיך, האָט ער מיט אַ גראָבן טאָן אָפּגעזאָגט זיך אויסצופירן איר פאַרלאַנג.

וועלנדיק פאַרגלעטן די עוולה, וואָס ער האָט נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט איר מתנה, האָט ער זיך באַוויזן פאַר איר אין זיין פולער באַוואָפענונג, וואָס ער פלעגט אָנטאָן אויף פייערונגען. זי איז געווען אויסערגעוויינלעך אַנטציקט פון דעם, ווי שלאַנק דרייסט און עלעגאַנט ער האָט אויסגעזען, און זי האָט אים דערציילט, ווי זי האָט געציטערט פאַר זיין לעבן דעמאָלט, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן אויפן אָקסן-קאַמף. אָבער בעת זי האָט אים געבעטן ער זאָל זיך פאַר איר באַווייזן אין זיין אמתער באַוואָפענונג, וועלכע ער טראָגט אין שלאַכט, האָט ער זיך געמאַכט כּלא-יודע און ווען זי האָט אים געבעטן ער זאָל אָנטאָן זיין באַרימטע שווערד Fulmen dei (גאָטס בליץ) האָט ער געגעבן אַ פאַרנעפּלטן ענטפער.

זי האָט אים גערימט פאַר איר אַם סאַאַד. און בעת די אַם האָט זיך אָנגעבלאָזן און געשוויגן, האָט רחל איר אַריינגעזאָגט:

— דו האָסט אים פיינט, דו קאָנסט אים נישט פאַרטראָגן.

— ווי זאָל איך אים נישט קאָנען פאַרטראָגן, אויב ער איז מיין לעמעלע געפעלן! — האָט סאַאַד געענטפערט. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן: — מיך פאַרדריסט בלויז דאָס, וואָס ער מאַכט דיך נישט פאַר זיין סולטאַנקע. ער האָט זיך נישט מיט דיר וואָס צו שעמען, דו ביסט נאָך צו גוט פאַר זיינער אַ סולטאַנקע.

די אַם איז געווען פאַרזאָרגט און אומגליקלעך. אין אַ געוויסן טאָג האָט זי אַרויסגעצויגן פון איר גרויסן בוזעם דאָס בעסטע וואָס זי האָט געהאַט, אַ זילבערנע קמיע מיט פינף שטראַלן לויטן מספּר פון פינף פינגער אויף דער האַנט. דאָס איז געווען אַ „האַנט פון פאַטימאַ". אַ קמיע, וואָס איז געווען פאַרבאָטן, דערפאַר אָבער — אַ זעלטענע סגולה און זי האָט באַשווירן רחלען, זי צו טראָגן. רחל האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און זי צוגענומען.

ווען די אַם האָט עפּעס געדאַרפט ברענגען פון שטאָט, האָט זי זיך געמוזט ווענדן צו בעלאַדאָן. זיי פלעגן זיך מיט גרויס מי צונויפרעדן. זי האָט אָבער דעם משומדיקן אומגלויביקן געהאַסט. ביידן האָט זיך אָבער געוואָלט פלוידערן, פלעגן זיי זיך אַנידערזעצן אויף אַ באַנק אונטערן שאָטן פון אַ בוים און זידלען. פאַרדעקט מיט אַ געדיכטן שלייער, האָט זי מיט אַ גאָרגלדיקן שנעלן אַראַביש קריטיקירט דעם קעניג, מיינענדיק, אַז ער פאַרשטייט זי נישט. און ער האָט אין אַ פּראָסטן קאַסטיליש פאַראורטיילט דעם געמיינעם פאַרברעכן פון אַ קריסטלעכן קעניג, וועלכער שלאָפט מיט אַ יידישקע אין דער צייט פון הייליקן קריג. זיי האָבן איינער דעם צווייטן נישט פאַרשטאַנען, און ביידע האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלס צייכן פון הסכמה.

דערווייל האָט אַלפאָנסאָ אַראָפּגעבראַכט זיינע הינט. רחל האָט זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט זיך געפּאָרעט מיט די הינט, פלעגט זיי וואַרפן ביים עסן שטיקער פלייש. דאָס האָט ביי רחלען אַרויסגערופן אַן עקל, ווייל זי איז געוויינט געווען צו עסן רואיק און שטיל. ווען ער האָט באַמערקט איר אויפרעגונג האָט ער אויפגעהערט צו רייצן און צו פיטערן די הינט און זיך גענומען צו עפּעס אַנדערש. ער האָט מיט איר געשפּילט אין שאָך. זי האָט געשפּילט גוט און לאַנג געטראַכט, איידער זי האָט געמאַכט אַ צוג. דאָס האָט אים אַרויסגעפירט פון געדולד און ער האָט געפאָדערט, זי זאָל ענדלעך מאַכן אַ גאַנג. זי האָט געהאַסט, ווייל אין דער מוסולמענישער וועלט איז מען זיך אַזוי נישט באַגאַנגען. שפּילנדיק שנעל, האָט ער איינמאָל פאַרלאַנגט זי זאָל אים דערלויבן צוריקצונעמען אַ גאַנג. אַזאַ

אויפן פון שפילן איז איר געווען פרעמד. און זי האָט אים העפלעך אויפֿגעקלערט, אַז לויט די תקנות פון שאַך מוז ער אַרויס מיט דער פיגור, וואָס האָט ער זיך צו איר צוגערירט.

— ביי אונדז איז נישט אַזוי, — האָט ער זיך אָנגערופן און גענומען דעם גאַנג צוריק.

נאָך אַזאַ האַנדלונג שווייגט זי ביזן סוף פון דער שפיל און לאָזט זיך באַזיגן.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פיש־פאַנג. זיי האָבן זיך געשיפט אויפן מאַבאָ. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר אויפמערקזאַם מאַכן אויף אירע פעלערן אין לאַטיין און קאַסטיליש און זי פון איר זייט וועט אים אָנווייזן אויף זיינע פעלערן אין אַראַביש. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, אָבער נישט געמאַכט דערפון קיין ווערן.

אין דער לאַ־גאַליאַנאַ זענען געווען זאַמד־זייגערס, זון־זייגערס און וואַסער־זייגערס. רחל האָט אויף זיי נישט געלייגט קיין אַכט. איר איינציקער זייגער זענען געווען די בלומען. האָרט זענען געווען רויזן פון שיראַז, וועלכע האָבן זיך מיטאָג־צייט פאַנאַנדערגעעפנט. עס זענען געווען מולי־פאַנען פון קאָנכאַ, וועלכע פלעגן אויפגיין באַכמיטאָג און זשאַסמינען, וואָס האָבן אָנגעהויבן שמעקן בלויז נאָך האַלבער נאַכט.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז צו אַלפאָנסאָן אַריינגעדרונגען זיין פריינד גאַרסעראַן און געמאָלדן:

— מיין פאָטער איז געקומען.

אַלפאָנסאָס ברייטער קלאָרער שטערן האָט זיך ביז פאַרכמורעט, ער האָט אויסגערופן:

— איך וויל קיינעם נישט זען, קיינעם נישט!

גאַרסעראַן האָט אַ רגע געשוויגן און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

— מיין פאָטער, דיין ערשטער מיניסטער, וויל דיר צו וויסן טאָן, אַז ער האָט אַזוי פיל עניגים וויפל גרויע האָר אויף זיין קאָפ.

אַלפאָנס האָט אומגעדולדיק געשפרייזט אַהין און צוריק אין זיינע שטעקשיך. גאַרסעראַן האָט מיט מיטלייד באַטראַכט יעדע באַוועגונג פון זיין פריינד. ענדלעך האָט אַלפאָנסאָ מיט כעס זיך אָנגערופן:

— זאָג דיין פאָטער, ער זאָל אַ ביסל צוואַרטן, איך וועל אים אויפנעמען.

דאָן מאַנריקע האָט אים קיין שום פֿאָרוואורף נישט געמאַכט. ער האָט געהערט וועגן עניינים, פּונקט ווי ער וואָלט ערשט נעכטן פֿאַרלאָזן דעם קעניג. דער אָרדן־מייסטער פֿון קאַלאַטראַוואַ פֿאַרלאַנגט אַן אוידיענץ צוליב וויכטיקע עניינים. דער בישאָף פֿון קוענקאַ איז אין טאָלעדאָ און בעט דעם קעניג, ער זאָל אים דערלויבן אים פֿערזענלעך אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן זיין שטאָט. מיט אַן ענלעכער בקשה ווענדעט זיך אַ דעלעגאַציע פֿון דער שטאָט לאָגראָניאָ און אַ דעפּוטאַציע פֿון וויליאַ־נועוואַ. מען איז שטאַרק באַאומרואיקט, וואָס דער קעניג וויל מיט קיינעם נישט רעדן. אַלפֿאָנסאָ האָט העפֿטיק אָפּגעענטפֿערט:

— צי מוז איך די גאַנצע צייט זיצן און וואַרטן ביז עמעץ וועט קומען מיט אַן אומפֿאַרשעמטער בקשה? עס זענען נאָך נישט אַריבער קיין גאַנצע צוויי חדשים, ווי איך האָב דעם בישאָף פֿון קוענקאַ איבערגעשיקט צוויי טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי, איך וויל נישט אָנקוקן זיין פֿרומען גיריקן פּרצוף.

דאָן מאַנריקע האָט זיך געמאַכט כּלא־יודע און פֿאָרגעזעצט:

— וויליאַ־נועוואַ האָט געוויסע הבטחות און זי וואַרט. די פּריווילעגיעס פֿון לאָגראָניאָ זענען אומגילטיק אָן דיין אונטערשריפֿט. עס מוז באַשלאָסן ווערן דער ענין וועגן לאָפּע דע באַראָ, ווייל אַזאַ באַשלוס האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט אָנגענומען ווערן. דער אָרדן־מייסטער קאָן אָן דיין באַשלוס ווייטער נישט פֿאָרזעצן די בויונג פֿון קאַלאַטראַוואַ. בירגער פֿון דיין שטאָט קוענקאַ שמאַכטן אין די קעלערס פֿון דע־קאַסטראָ.

דער פֿאַרזאָרגטער דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט געענטפֿערט אָן שום חשק:

— ווער־ווער, אָבער דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז מיר אַליין איז אויסגעקומען נישט איינמאָל לאַנג צו וואַרטן. — און ער האָט צוגעגעבן: — מאָרגן וועל איך זיין אין טאָלעדאָ.

ער איז אַוועק צו רחלען. פֿון דאגה און צער איז ער געוואָרן אָפּהענטיק. ער האָט זיך געווענדעט צו רחלען:

— איך מוז מאָרגן אַוועקפֿאָרן קיין טאָלעדאָ.

זי איז בלאַס געוואָרן.

— מאָרגן? — האָט זי נישט טראַכטנדיק איבערגעפֿרעגט.

— איך בלייב דאָרט נישט לאַנג, אויפֿן דריטן טאָג בין איך דאָ צוריק, — האָט ער פֿאַרזיכערט.

— אויפן דריטן טאָג, — האָט זי איבערגעחזרט אומבאַוווּסטזיניק. פּונקט ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך. — גיי נאָך נישט אַוועק, — האָט זי נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעחזרט, — גיי נאָך נישט אַוועק.

ער איז אַוועקגעריטן אויף צומאָרגנס אינדערפרי, און רחל איז פאַרבליבן איינע אַליין.

דער מאָרגן איז געווען אָנגעפּיק און הערנאָך וועט קומען נאָך אַ מאָרגן און אַ דריטער, איידער ער וועט צוריקקומען.

זי איז אַוועק אין גאָרטן, זי איז אַוועק צום טאַטאָ, זי האָט זיך צוריקגעקערט אין שלאָס, איז ווידער אַוועק אין גאָרטן, האָט באַטראַכט די פּונצטערע שטאָט טאָלעדאָ, און די רויז פון שוראַן האָט זיך נאָך נישט געעפנט און ס׳איז נאָך ווייט צו מיטאָג. און ווען די רויז האָט זיך אויפגעעפנט, האָבן זיך די שעהן נאָך מער לאַנגזאַם געצויגן. באַלד נאָך מיטאָג האָט זיך רחל אַוועקגעלייגט אינעם שאָטן פון איר צימער, ווו עס איז געווען זייער הייס, און דער אָוונט קומט נאָך אַלץ נישט. צי וועט אַמאָל אָנקומען דער אָוונט? און זי איז ווידער אַוועק אין גאָרטן, אָבער די טוליפּאַנען זענען נאָך געווען טונקל, די שטימונג האָט זיך ביי איר פאַרערגערט.

נאָך אַן אייביקער נאַכט איז אָנגעקומען דער שוואַרץ-גרוילעכער פרימאָרגן, וועלכער איז ביסלעכווייז געוואָרן העל-גרוי און ווייסלעך זיך דורכגעזיפּט דורך די פאָרהאַנגען. זי איז אויפגעשטאַנען, זיך געלאָזט אויסבאָדן, זאַלבן און אָנקליידן, נאָך טייט זענען געווען אירע באַוועגונגען. מען האָט איר געבראַכט פרישטיק, די פרוכטן זענען אָבער געווען קנאַפּ זאַפטיק, די בעסטע זיסוואַרג זענען געווען נישט זיס. אינגערלעך האָט זי געזען אַלפאָנסאָן נישט דאָ, נאָך דאָרט, ווו ער האָט אומגעלימפּערט און גיריק געגעסן און געטרונקען. זי האָט צו אים גערעדט, נישט צו אים, נאָר צו זיין אויסגעטראַכט בילד, צו וועלכן זי האָט זיך געווענדעט מיט ליבע-ווערטער, געריימט זיין מאָגער מענלעך פּנים, זיינע רויט-בלאָנדע האָר, די קליינע שאַרפע ציין, זי האָט געגלעט זיינע היפטן, זיין גאַנצן קערפּער. זי האָט אים געזאָגט אומפאַרשעמטע ווערטער, וועלכע זי וואָלט אים פריִענלעך נישט געוואַגט צו זאָגן און דערביי האָט זי זיך געריטלט און געלאַכט.

זי האָט זיך אַליין דערציילט מעשיות. דאָס זענען געווען מעשיות וועגן ריזן, פאַרזעעניש, וואָס האָבן אַלץ אַרום זיך צעשמעטערט און געזויגי

דעם מאַרך פֿון אירע שוואַכע ביינער. זיי האָבן אַרויסגעזאָגט אַלפֿאָנסאָס געדאַנקען, אָבער שטאַרק איבערגעטריבן. אַלפֿאָנסאָ איז געווען איינער פֿון די דאָזיקע פֿאַרשוינען, אָבער וועלכער פֿון זיי איז געווען אַלפֿאָנסאָ האָט זי נישט געקאָנט דערגיין. אייגנטלעך איז עס אפֿילו נישט געווען ער, נאָר אַ פֿאַרוואַנדלטער, אַ פֿאַרכישופֿטער אַלפֿאָנסאָ, וועלכער וואַרט אויף זיין געליבטע, וואָס זאָל אים באַפֿרייען פֿון זיין פֿאַרכישופֿט געשטאַלט. און זי וועט אים באַפֿרייען.

זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט צום ערשטן מאָל מיט אים גערעדט אין בורגאָס און ווי זי האָט צו אים געזאָגט, אַז זיין פֿינצטערער שלאָס געפֿעלט איר נישט. זי האָט זיך דערמאָנט וועגן זיין סילטאַנקע, דאָניאַ לעאָנאָר, וועלכע האָט זי באַגליקט מיט איר קאַלטן בליק און זי אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. דאָס האָט ביי איר אַרויסגערופֿן אַ שלעכט געפֿיל און זי האָט זיך באַמיט דערפֿון פּטור צו ווערן.

זי האָט געשריבן צו אַלפֿאָנסאָן אַ בריוו, נישט כּדי ער זאָל לייענען, נאָר כּדי זי זאָל זיך אַליין איבערצייגן ווי שטאַרק און פֿאַרוואָס זי ליבט אים. האָט געשריבן מיטן גאַנצן האַרצן:

„דו ביסט הערלעך, דו ביסט דער גרעסטער ריטער אין שפּאַניע. דו שטעלסט דיין לעבן אין סכּנה צוליב נאַרישע זאַכן, ווייל אַ ריטער מוז אַזוי האַנדלען, כאָטש דאָס איז נאַריש, אָבער עס לאָקט און דעריבער ליב איך דיך, מיין ליבער, אומגעדולדיקער, קריגערישער אַלפֿאָנסאָ, דו ביסט רויִק און שטורמיש ווי אַן אומגעצוימטער ווילדער פֿויגל און איך וויל דיך גערן אין מיין שוים האַלטן".

זי האָט איבערגעלייענט, וואָס זי האָט אָנגעשריבן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט אַן ערנסטער ווילדער מינע.

כּדי צו שטודירן די שפּראַך האָט זי געלייענט אַ קליין ביכל מיט פֿראַנקישער דיכטונג. איין ליד האָט ביי איר באַזונדערס אויסגענומען. זי האָט אויסגעזוכט דאָס ביכל און האָט דאָס ליד אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק.

„און די דאַמע האָט געזאָגט: יעדן נדר וועל איך טאָן פֿאַר דיר, מיין פֿריינד און מיין אמתער געליבטער". האָט צו איר געזאָגט דער ריטער: „מיט וואָס האָב איך מיר, דאַמע, פֿאַרדינט, וואָס דו ליבסט מיך אַזוי?" האָט געזאָגט צו אים די דאַמע: „ווייל דו ביסט אַזאַ, ווי איך האָב דיך אויסגעטרוימט". **Mon ami et mon vrai désir**

זי איז אַוועק אין פּאַרק. דער גערטנער בעלאַרדאָ האָט האַרט פֿון בוים אַראָפּגענומען אַבריקאָסן, און זי האָט געבעטן, אַז ער זאָל, ווי מען איז זיך

נוהג אין סעווילע, איבערלאָזן עטלעכע פּרות אויפֿן בוים, כדי דער בוים זאָל נישט האָבן אַזאַ טרויעריקן אויסזען. בעלאַרדאָ האָט גלייך אויפֿגעהערט צו רייסן, אָבער זי האָט דערשפּירט אַ שנאה צו זיין געהאָרכזאַמקייט.

זי איז געזעסן אויפֿן ברעג פֿון טאַבאַ, געקוקט אויף מאָלעראָ און געטרוימט. זי האָט זיך אַלפֿאָנסאָן פֿאָרגעשטעלט אין אַ זילבערנעם פּאַנצער. זי וועט אים שענקען אַ בלוי=שוואַרצלעכן פּאַנצער מיט באַזונגלעכע טיילן, זייער עלעגאַנט און חוץ דעם אַ בעסערע שוץ, ווי די קריסטלעכע פּאַנצער=העמדער. איר טאַטע וועט פֿאַר איר אַזאַ פּאַנצער באַשטעלן ביים וואָפֿן=שמיד פֿון קאָרדאָווע.

פּלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט דעם טאַטן צוגעזאָגט, אויב עס וועט נאָר מעגלעך זיין, צו קומען צו אים ערב=שבת, כדי דעם גאַנצן שבת=קודש צו פֿאַרברענגען ביי אים אין שלאָס. ער האָט עס פֿון איר נישט פֿאַרלאַנגט. זי האָט עס אים אַליין פֿאָרגעשלאָגן, און זי האָט די גאַנצע צייט דערפֿון פֿאַרגעסן.

מיט ווייטיק אין האַרצן האָט זי פֿעסטגעשטעלט, ווי ווייט איר טאַטער איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון איר לעבן.

דעם נאָענטסטן פֿרייטיק וועט זי צו אים גיין. אָבער ניין, אַלפֿאָנסאָ קומט דאָך צוריק. זי וועט גיין מיט אַ פֿרייטיק שפּעטער און קיין זאַך וועט איר דערפֿון נישט אָפּהאַלטן.

אין מאָלעראָ האָט קיינער פֿון זיינע בעלי=יועצים אַלפֿאָנסאָן נישט נעמאַכט קיין שום פֿאָרוואורף און אַפֿילו נישט אַרויסגעוויזן קיין פֿאַרווונדערונג. דאָך אָבער האָט ער געפֿילט אומצופֿרידנקייט אַרום זיך. ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. בלויז פֿאַר איין איינציק פּנים, פֿאַר דאָן יהודהס פּנים האָט ער זיך געשראָקן. יהודה האָט זיך אָבער נישט באַוויזן.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פֿאַרנומען מיט געשעפֿטן, אויפֿנאַמעס, באַראַטונגען און באַקענט זיך מיט פֿאַרשידענע דאָקומענטן. ער האָט גערעדט, געפֿירט וויכוחים, געוויגן פֿאַר און קעגן, אָנגענומען באַשלוסן, געמאַכט און אונטערשריבן. ער האָט זיך באַמיט צו קוקן אויף מענטשן און זאַכן אין אַ געהעריקער ליכט, אָבער כסדר ווי פֿון נעפּל אַרויס האָט אויפֿגעטויכט די פֿאַרצויבערטע לאַ=גאַליאַנאַ, און בעת ער האָט גערעדט, גע=

אַרבעט און אונטערגעשריבן האָט ער געטראַכט: וואָס טוט זי דאָרט? אין פּאַוויליאָן אָדער אין הויף? צו טראָגט זי איצט דאָס גרינע קלייד?

ביינאַכט האָט ער געברענט פֿון תאווה. ער האָט זיך באַמיט צו טראַכטן וועגן דער פֿעסטונג קאַלאַטראַוואַ, אָדער וועגן סכסוך מיטן בישאָף פֿון קוענקאָ. אָבער אַנשטאָט דעם האָבן אויפֿגעטויכט אין זיינע רעיונות אַראַבישע פּערזן, וואָס רחל האָט אים געלייענט, און ער האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען דעם גאַנצן געדיכט, נישט געקוקט אויף זיין גלענצנדיקן זכרון איז אים נישט געלונגען צו געפֿינען די געהעריקע ריטמען, פֿון וואָס ער האָט זיך שטאַרק געערגערט. ער האָט דייטלעך געזען רחלס ליפּן, פֿון וועלכע די פּערזן זענען אַרויסגעקומען, און ער האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען. זי האָט זיך באַמיט אים צו העלפֿן. זי האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס און געוואַרט אויף אים. ער האָט באַקומען היץ, דער פּולס האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן און ער האָט נישט געקאָנט איינליגן אויפֿן אָרט.

ענדלעך איז די דריי-טאָגיקע אייביקייט פֿאַרבייגעגאַנגען, ער איז ווי-דער אין דער לאַ-גאַליאַנאַ. אַן אומבאַגרענעצטע, ברויזנדיקע פֿרייד האָט זיי ביידן באַהערשט.

זי האָט אים געגעבן אַלץ וואָס ער האָט באַגערט, אָבער ס'איז אים נישט געווען גענוג. קיין באַרירונג, קיין קוש, קיין אַרומנעמען, קיין באַ-העפֿטונג האָט אים שוין נישט באַפֿרידיקט. ער האָט זי באַגערט טיפֿער און איז געווען אויפֿגערייצט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט זעטיקן זיין תאווה.

ער איז געווען מער מיט איר, ווי מיט זיך אַליין. ער האָט געקאָנט דערציילן זאַכן, וואָס ער האָט נאָך קיינעם נישט דערציילט: שטאָלצע, קינ-דערישע, קעניגלעכע, נאַרישע זאַכן. און ווען ער איז שוין געווען זיכער, אַז ער האָט איר אויפֿגעקלערט דעם גאַנצן סוד, דעמלט האָט ער אין איר נאָענטקייט אויפֿגעדעקט נאָך מער סודותדיקעס, וואָס אין איר איז געווען פֿאַרבאָרגן. ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן, ווען רחל האָט אים געענט-פֿערט. ווייל כמעט שטענדיק האָט זי געענטפֿערט דאָס, אויף וואָס ער האָט זיך נישט געריכט און וואָס ער האָט גלייך פֿאַרשטאַנען. ס'איז אים אָבער אויך געווען ליב, ווען זי האָט געשוויגן. ווייל ווער נאָך אַזוי ווי זי האָט גע-קאָנט אַזוי שיין און פֿילדייטיק שווייגן, צושטימען, אָפּלייקענען, זיך פֿרייען, זיך באַקלאָגן, מאַכן פֿאָרוואורפֿן?

און ווידער האָבן זיי נישט געוווּסט פֿון קיין צייט. ס'איז ביי זיי נישט געווען קיין נעכטן, קיין מאָרגן, נאָר אַן אויסגעפֿילטער היינט.

מיטאָמאָל האָט רחל איבערגעריסן דאָס אומענדלעכע גליק. זי האָט געמאָלדן:

— היינט נאָך מיטאָג גיי איך צו מיין טאַטן קיין טאַלעראַ.

ער האָט זי אָנגעקוקט, פולשטענדיק צעטומלט. איז זי משוגע? אָדער אפשר איז ער גאָר אַראָפּ פון זינען? זי האָט אַזאַ זאַך נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט שטאַמלענדיק. זי האָט באַשטעטיקט:

— היינט נאָך מיטאָג גיי איך צו מיין טאַטן, זונטיק פרי קום איך צוריק.

ער איז אויפגעציטערט געוואָרן.

— דו האָסט מיך נישט ליב, — האָט ער געשריגן. — מיר קענען זיך נאָך כמעט נישט, און דו אַנטלויפסט שוין פון האַנען. דאָס איז פאַר מיר אַ טויט=קלאַפּ. דו ליבסט מיך שוין נישט מער!

און בעת ער האָט זי מכבד געווען מיט האַרבע ווערטער און וואָס ווייטער אַלץ האַרבערע, האָט זי געטראַכט: ער איז שרעקלעך, דער דאָזיקער שטאָלצער קעניג. ער האָט קיינעם נישט אַ חוץ מיך. איך אָבער האָב אַ חוץ אים אויך אַ טאַטן.

נישט געקוקט אויף איר זיג, האָט זי דאָך נישט געקאָנט איינשטילן איר ווייטיק ביים געדאַנק, אַז זי וועט אים פאַרלאָזן אויף היינט אין אָוונט, אויף היינטיקע נאַכט און נאָכאַמאָל אויף אַ גאַנצן לאַנגן טאָג און אויף אַ גאַנצער לאַנגער נאַכט.

# קאַפּיטל צוויי

דאָן יהודה האָט רחלס אָפּוועזנהייט איבערגעלעבט שטאַרקער, ווי ער האָט גערעכנט. צייטנווייז האָט ער געפילט אַ געוואַלדיקע אייפערזוכט צו אַלפאָנסאָן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי דער פאַרהאַסטער אַלפאָנסאָ, אַריינפאַלנדיק אין אַ שלעכטער שטימונג, וועט אָפּשיקן רחלען אַהיים אַ צע־בראָכענע, אַן אויסגעמאַטערטע.

אויך אַלאַוואַר האָט אים ליידן פאַרשאַפט. רחלס צווייזייטיקע לאַגע, דער שענדלעכער רום פון זיין שוועסטער און פאָטער האָט אַלץ שווערער געמאַכט זיין לעבן אין קעניגלעכן שלאָס. ער האָט אָבער נישט געזוכט קיין עצה ביי זיין פאָטער, אויף וואָס יהודה האָט מיט שרעק געהאָפט. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט, באַוויזן זיך זעלטענער און ווען ער פלעגט קומען צום טאַטן איז ער געזעסן פאַרזאָרגט און צעבראָכן.

עס איז אָנגעקומען דער ערשטער שבת נאָך רחלס אַוועקגיין. דער שבת איז שוין פון לאַנג, נאָך אין סעוויליע, געווען אַ גרויסער טאָג פאַר דאָן יהודהן. דעם זיבעטן רו־טאָג האָט גאָט געשאָנקען זיין פאָלק, כדי אפילו אין די ביטערע ציטן זאָל זיך ישראל פילן פריי און דערהויבן צווישן די פעלקער.

דער טיכטיקער יהודה פלעגט זיך שבת אויסטאָן פון אַלע געשעפטן, גענאָסן פון עונג שבת און זיך געפרייט, וואָס ער און זיין פאָלק זענען אויס־דערוויילטע פון גאָט.

קעגן שכל־הישר האָט ער געהאָפט, אַז רחל וועט דעם ערשטן שבת צוריקקומען. היות זי איז נישט געקומען, האָט דער שכל געזיגט איבער זיין אַנטוישונג. אויפן צווייטן שבת האָבן סיי זיין שכל, סיי זיין אָנגעשטרענג־טער ווילן מער נישט געקאָנט צוימען זיין טיפן צער. ער האָט אויסגעזוכט הונדערטער סיבות, וואָס האָבן געקאָנט אָפּהאַלטן רחלען. אָבער וואָס מער ער האָט זיך געגריבלט, אַלץ מער האָט אים געעקבערט דער געדאַנק: וואָס איז מיט מיין קינד? פאַרוואָס פאַרלאָזט מיך מיין קינד?

אַלפֿאָנסאָ איז אָנגעקומען קיין טאָלעדאָ. יהודה האָט געהאַט חשק צו קומען צו אים מיטן איסרייד פֿון דרינגלעכע געשעפֿטן. ער האָט זיך אָבער געשראָקן פֿאַר זיך און פֿאַר זיין האַרץ, איז ער נישט געגאַנגען זען אַלפֿאָנסאָן. ער האָט געוואַרט, אַז אַלפֿאָנסאָ זאָל אים רופֿן. ער האָט געוואַרט דעם ערשטן טאָג, דעם צווייטן, דעם דריטן און ער איז געווען צופֿרידן, וואָס דער קעניג האָט אים נישט גערופֿן. דאָך איז ער געווען איבערגעגט, ווען דער קעניג האָט פֿאַרלאָזט טאָלעדאָ און אים נישט גערופֿן.

דער דריטער שבת איז געקומען און רחל האָט זיך אַלץ נישט געוויזן. זיי האָבן זיך פֿאַראייניקט, דער קריסט, דער זעלנער, דער מאַן אָן גייסט און אָן געוויסן מיט זיין אַמאָל־געליבטער טאָכטער. זיי האָבן זיך צונויפֿגערעדט, כּדי הורג שווייגן אים צו פּייניקן, אים דאָס האַרץ אַרויסרייסן. ער האָט זיין רחל פֿאַרלוירן.

אָבער דאַן איז פֿון איר אָנגעקומען אַ בריוו, און פֿרייטיק פֿאַר זון־אונטערגאַנג איז זי אָנגעקומען.

יהודה האָט זיך תּחילת געשראָקן זיך צוצורירן צו איר, אָבער נאָכדעם האָט ער זי שטאַרק אַרומגענומען, אַריבערגעוואָרפֿן איר קאָפּ און געזויגן איר בליק. זי האָט זיך אָפּגערוט אין זיינע אָרעמס. די אויגן געשלאָסן און ער האָט נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס זי לעבט איבער. איין זאַך איז אים קלאָר געוואָרן: זי איז נישט געבראָכן, זי איז זיין רחל און זי איז נאָך שענער.

ער האָט זי געבעטן זי זאָל אָנצינדן די לייכטער, וואָס אַ פֿרוי האָט געדאַרפֿט טאָן לויטן מנהג און זיי האָבן געדאַרפֿט לייכטן ביז זיי זענען נישט אויסגעברענט געוואָרן. דער אָוונט איז געווען אַ פּרעכטיקער. ער האָט געזונגען דאָס שבת־ליד פֿון יהודה הלוי: „לכה דודי...“ און מיט התלהבות אַ קאַפּיטל תהילים: „פֿרייט אייך, איר הימלען, פֿריי דיך, ערד! ברויז אויף ים, ביימער און וועלדער, לויבט גאָט!“

זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש און מיט זיי אויך מוסא. רחל האָט געשוויגן, אָבער זי איז געווען פֿריילעך. מוסא האָט, קענען זיין געוויינהייט געגלעט איר האַנט און געזאָגט:

— ווי שיין דו ביסט, מיין טאָכטער.

בעתן מאָלצייט האָט מען גערעדט וועגן פֿאַרשידענע זאַכן, אָבער נישט דערפֿון וועגן וואָס מען האָט געטראַכט.

רחל איז נישט געשלאָפֿן אין דער האָזיקער נאַכט. יהודה איז נאָך

געווען פול מיט ספקות און אפשר איז ער נאָך געווען אייפערזיכטיק, אָבער דער צער, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געפילט, איז אַריבער.

אויפן צווייטן טאָג, ווען רחל איז אַליין מיטן טאַטן געזעסן אין גרויסן הויף ביים פאָנטאַן, האָבן זיי איינער צום צווייטן געשמייכלט, געוואָרפן אויף איינאַנדער פילזייטיקע בליקן און רחל האָט דעמלט אַליין אָפּגעענטפערט אויף דער אומגעפרעגטער שאלה:

— עס איז אַלץ גוט, מיין טאַטע, — האָט זי געזאָגט, — איך בין נישט אומגליקלעך. איך בין גליקלעך. — און אויפריכטיק צוגעגעבן: — איך בין זייער גליקלעך.

יהודה האָט זיך פאַרלוירן, האָט נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן. אַ גרויסע לאַסט איז פון אים אַראָפּגעפאַלן. דאָס איז באַשטימט, אָבער ער האָט נישט געוווסט, צי דאַרף ער זיך פרייען.

אין לאַ=גאַליאַנאַ איז זי ווידער אַלץ מער אָנגעוואַקסט געוואָרן מיט מוסולמענישקייט. איצט דערמאָנט זי זיך אָן איר יידישקייט. אויף די טירן פונעם קאַסטיליאָ איבן עזרא זענען, פונקט ווי אין אַלע יידישע הייזער, געווען צוגעקלאַפּט מזוזות. רחל האָט באַשלאָסן איין מזוזה אויפצוהענגען אין לאַ=גאַליאַנאַ=שלאָס.

שבת=צו=נאַכט איז אָנגעקומען די צייט פון הבדלה, די צעשייהונג. די ליבע און ביטערע צערעמאָניע, וואָס טיילט אָפּ דעם שבת פון דער וואָך, בין קודש לחול. יהודה האָט אָנגעצונדן די גרויסע הבדלה, אָנגעגאָסן אַ בעכער וויין, גענומען דאָס בשמים=ביקסל, געמאַכט אַ ברכה איבערן וויין און אַ טרונק געטאָן, געמאַכט אַ ברכה איבער די בשמים און אַ שמעק געטאָן דעם לעצטן שבת=ריח. נאָך אַלע ברכות האָט ער אויסגעלאָשן די הבדלה איבעם וויין.

זיי האָבן זיך געווונטשן אַ גוטע וואָך און נאָכדעם אַ גוטע נאַכט. רחל האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן, אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געוואַרט אויפן פרימאָרגן, ווען זי וועט קאָנען צוריקקערן אין לאַ=גאַליאַנאַ.

דער קאַנאָניק דאָן ראָדריגע האָט געהאַט אַ מענטשלעך האַרץ; דאָן ראָדריגע האָט זיך באַמיט אויסצופילן דעם חוב פון קריסטלעכער געהאָרכזאַמקייט, און צוליב זיין גוטהאַרציקייט פלעגט צייטנווייז ביי אים פאָרקומען אַ קאָנפליקט צווישן זיין מענטשן=ליבע און דעם חוב פון געהאָרכזאַמקייט. דער הייליקער פאָטער האָט פּראָקלאַמירט דעם הייליקן קריג,

און גאַנץ שפּאַניע איז געווען מחויב אין אים אָנטיילצונעמען. ווען דער קאַנאָניק האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז די מענטשן הרגענען איינער דעם צווייטן אין דער גרויסער קריג, וואָס גייט איצט אָן, האָט עס אים הנאה געטאָן, וואָס זיין האַלב-אינזל איז לכל הפּחות אויסער געפאַר. דאָס איז געווען אַ זינדיקע שמחה און, בעת ער האָט בייגאַכט געטראַכט, אַז טויזנטער קריסטן ווערן געניזוקט און געהרגעט אין נאָמען פון הייליקן קריג און ער און זיין שפּאַניע געניסן פון ווילשטאַנד, דערמאָנט האָט ער נישט געקאָנט באַהערשן זיין חרפּה, ער איז אַראָפּ פון זיין געלעגער און זיך געלייגט שלאָפן אויף דער נאַקעטער ערד.

זיין צער צוליב די אַלגעמיינע צרות האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט צוליב דאָן אַלפאָנסאָ. זיין וויהוי-קינד. דער קאַנאָניק האָט ליב געהאַט אַלפאָנסאָן, ווי מען ליבט אַ יינגערן ברודער. און ער, דער ליכטיקער ריטער און קעניג, האָט אים אַזאַ זאַך אָפּגעטאָן! זינט דאָן ראָדריגע האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זיין כראָניק, האָט ער זיך שוין פאָרויס געפרייט, אַז ער וועט קאָנען אָפּשליסן זי מיט דער שילדערונג איבער דער מלוכה-אָנפירונג פון זיין טייערן תלמיד און וויהוי-קינד. ער האָט שוין אפילו צונויפגעקליבן די געהעריקע לאַטייניש ווערטער צו באַצייכענען אַלפאָנסאָן: Vultu vivax, memoria tenax, intelectu capax.*) און איצט האָט אַלפאָנסאָ פאַלשטענדיק דעם קאָפּ פאַרלוירן, האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט, עובר זייענדיק אויפן דריטן געבאָט פון די עשרת הדברות!

אויף אים, אויף ראָדריגען איז געלעגן דער חוב צו באַוועגן אַלפאָנסאָן, ער זאָל תשובה טאָן, כדי אים צו ראַטעווען פון גייסטיקן טויט. אָבער דאָן ראָדריגע איז געווען אַ גוטער פּסיכאָלאָג, ער האָט געזען, אַז דער בעל-עבירה איז פאַרשיכורט פונעם ווילדן גערוך פון זיין חטא. און קיין שום וואָרענונג וועט דאָ נישט העלפן. ראָדריגע האָט זיך געמוזט באַגרענעצן דערמיט, וואָס ער האָט פאַר אַלפאָנסאָן תפילה געטאָן. טייל מאָל, ווען ראָדריגע האָט זיך געשלאָגן על-חטא, איז ער געווען זיכער, אַז דערמיט נעמט ער אַראָפּ אַ טייל פון אַלפאָנסאָס זינד, הגם ער האָט גוט געוווסט, אַז אַ פּשוטער בשר-ודם טאָר נישט אויף זיך אָננעמען די חטאים פון אַנדערע, לויטן ביישפּיל פון ישו-הנוצרי. אָבער נישט געקוקט דערויף האָט אַ ביסל אַ פּ י ק ו ר ס ו ת געהאַט אַ גינסטיקע ווירקונג ביים אָפּריכטן זיינע תפילות.

*) העלדישער אויסזען, פעסטער זכרון, שטאַרקער שכל (לאַטיין).

האָן ראָדריגעס שלאָגן זיך על־חטא האָט אים אין לעצטן סך־הכּל נאָר פאַרשאַפט דאָס געפיל פון דערפילטער פליכט. אין אַזעלכע שעהן פון דבקות האָט ער געשפּירט אַ הייליקע מתיקות־דיקע דערלייכטערונג. ער פלעגט זיך דעמלט אויסטאָן פון זיין חומר, דער עולם־הזה איז צע־שוווּמען געוואָרן און ער פלעגט אַריינפאַלן אין געוואַלדיקער התלהבות, ווען עס האָט פאַר אים בלויז עקזיסטירט גייסט און גאָט.

האָן ראָדריגע האָט שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג אַרויס־צוראַטעווען דעם קעניג פון זיין אינערלעכער נויט, אָבער אין אַ געוויסער שעה פון התלהבות זענען מיטאַמאָל אַלע זיינע ספקות פאַרשוווּנדן. ער האָט דערשפּירט, אַז זיינע תפילות זענען דערהערט געוואָרן, זיין גאַנץ ווען האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען גאָט וועט אים אין מויל אַריינלייגן די געהעריקע ווערטער איבערצוציילן דעם קעניג.

ער איז שטאַרק נישט געווען צופרידן, ווען אין די טעג פון אַזעלכע גרויסע האָפענונגען, האָט זיך דער אַרציבישאָף צו אים פלוצלונג גע־ווענדעט:

— ווי לאַנג וועסטו נאָך גלייכגילטיק זיך צוקוקן, — האָט אים געמוסרט מאַרטין, — ווי דער קעניג אַלפאָנסאָ ווערט פאַרזונקען אין בלאָטע? און נישט וואַרטנדיק אויף זיין ענטפער, האָט ער פאָרגעזעצט:

— דערמאָן זיך אין פּנחסן, אהרן הכּוהנס אייניקל, ווי ער איז זיך באַ־געגאַנגען מיטן מאַן, וואָס האָט זיך באַהעפט מיט דער זונה פון מדין.

האָן ראָדריגע האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר פאַרטראַכטע אויגן און שטיל מיט אַ לייכט געלעכטער געזאָגט:

— איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז כּדי צו געפינען ליטווּעליקייט אין גאָטס אויגן זאָל איך אונדזער האַר דעם קעניג צוזאַמען מיט דאָניאַ ראַקעל דורכשטעכן מיט אַ שפּיז.

— דו דאַרפסט וויסן, אַז דאָס האָב איך געזאָגט סתם, אַלס ביישפּיל, — האָט דער אַרציבישאָף גערעוועט, — אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז מען דאַרף מער טעטיק זיין.

— איך לייג בטחון אויף גאָט, — האָט ראָדריגע געזאָגט, — און ער וועט אין דער געהעריקער צייט געפינען די געהעריקע ווערטער.

דער אַרציבישאָף האָט איינגעזען, אַז עס האָט נישט קיין שום צוועק לענגער צו פירן אַ שמועס מיט ראָדריגען. זינט עטלעכע וואָכן האָט ער זיך פאַרטראַכט דערויף. צי איז ער אַליין נישט מחויב אָנצווייזן

דעם קעניג אויף זיינע אומגעהייערע פאַרברעכנס. אָבער נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט ער באַשלאָסן די האַזיקע מיסיע איבערצוגעבן דעם פרומען, גוטן, כמעט הייליקן דאָן ראָדריגע. און איצט, אַז אויף זיין אייזעלער בקשה האָט ער באַקומען אַ פרומע, גישט־זאַכלעכע תשובה, האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן.

ער האָט איצט געזוכט אַ נייעם אויסרייד, כדי זיך צוצושטעלן צו זיין סעקרעטאַר און אַרויסווייזן זיין אומצופרידנקייט.

עס האָט צווישן זיי עקזיסטירט אַן אַלטער סכסוך. בעת דאָס גאַנצע קריסטלעכע צפון־לאַנד האָט לויטן ביישפּיל פון רוימישן אַבאַט דיאָני־סיוס עקזיגוס אָנגעהויבן זיין ערע פון קריסטוס געבוירן־יאָר, האָבן די שפּאַנישע פירשטן אָנגעהויבן זייער ציילונג מיט אַכט און דרייסיק יאָר פריער, דאָס הייסט, פונעם יאָר, אין וועלכן דער קייזער אויגוסטוס האָט אויפן האַלב־אינדזל געגרינדעט אַן איינהייטלעכע מלוכה. היות דער דאָ־זיקער חילוק אין די דאַטעס האָט גורם געווען אַן אומאָרדענונג אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד, האָט דאָן ראָדריגע געפּרוּווט די בריוו פונעם אַרציבישאָפס קאַנצעלאַריע צוצופּאַסן צו דער אויסלענדישער ציילונג. ווען אַלץ איז געגאַנגען כשורה, האָט זיך דער אַרציבישאָף גע־מאַכט כלא־יודע אויף די נאָוואַטאָרישע איינפאַלן פון זיין סעקרעטאַר. ווען ער איז אָבער געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, האָט ער אים דערפאַר אָנגעגריפן. אויך דאָסמאָל האָט ער שטרענג געזאָגט:

— צום באַדויערן זע איך, מיין ליבער הער און ברודער, אַז די האָסט ווידער אָנגעהויבן צו דאַטירן אונדזערע בריוו מיט דער יאָר־ציילונג פון דער פּויפּסטלעכער קאַנצעלאַריע. איך האָב דיך שוין נישט איינמאָל געוואָרנט, אַז דו זאָלסט זיך צופּאַסן צו דער אייגנאַרטיקייט פון דער שפּאַנישער קירך. איך האָב נישט בדעה אָפּצוזאָגן זיך פון די רעכט, וועלכע זענען עלטער פון די פּויפּסטלעכע. און ענדלעך איז אויך מיין פאָרגייער דאָ אין טאָלעדאָ אַוועקגעזעצט געוואָרן דירעקט דורכן אַפּאָס־טאָל פעטרוס.

דאָן ראָדריגע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, פאַרוואָס דאָן מאַרטין באַנייט דעם אַלטן סכסוך וועגן דער יאָר־ציילונג. ער איז מיט אים נישט אַריין אין קיין שום וויכוחים, נאָר העפלעך אָפּגעענטפערט:

— האָב צוטרוי, מיין הויך־געשעצטער פאָטער. מיט גאָטס גענאָד וועל איך נאָך ראַטעווען די נשמה פון אונדזער הער, דעם קעניג.

אַלפֿאָנסאָ איז געשטאַנען פֿאַר דער מזוזה, וואָס רחל האָט צוגע־פּעסטיקט אויף דער טיר פֿון איר צימער אין לאַ־גאַליאַנאַ־שלאָס.

— וואָס איז עס? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ לייכטן טאָן פֿון חוזק — ווערסט נאָך אַ סך ענדערונגען דאָ אַרייַנפֿירן?

— פֿאַרשטייט זיך, — האָט רחל פֿריילעך אָפּגעענטפֿערט. — וועג־דאָס הויז איז פֿאַרטיק קומט דער טויט, — האָט זי ציטירט אַז וואַראַבישן שפּרוך.

— אוודאי, — האָט אַלפֿאָנסאָ מסכים געווען, — אַ קמיע קאָן נישט שאַדן.

רחל האָט נישט געענטפֿערט. זי האָט אים מוחל געווען, וואָס דעם דאָזיקן צייכן פֿון איר גלויבן באַטראַכט ער ווי אַ קמיע. וואָס פֿאַרשטייט ער, דער קריסט, וואָס בוקט זיך פֿאַר די פּסלים פֿון דריי געטלעכקייטן, פֿון וועלכע בלויז אײנער איז דער אמתער, נישט־זעעוודיקער גאָט פֿון ישראל? ער איז בלויז ריטער און זעלנער, עס שרעקט אים נישט קיין העכערער כוח. זי האָט עס שוין לאַנג געוווּסט. פֿונדעסטוועגן איז ער נישט געפֿאַלן אין אירע אויגן. ווי גאָמלאָז און פֿאַרדאָרבן ער זאָל זיין, האָט זיין העלדישקייט האָך געוואָרעמט איר האַרץ.

אַלפֿאָנסאָ, פֿון זיין זייט, גיט זיך איצט אָפּ אַ דין־וחשבון איבער זאַכן, וועלכע ער האָט אַמאָל שוואַך משיג געווען. מעגלעך, אַז זיין לעבן דאָ, אין דער לאַ־גאַליאַנאַ איז נישט ריטערלעך, מעגלעך, אַז ער פֿאַראַכט זיינע קעניגלעכע פֿליכטן. ער איז אָבער גרייט פֿאַר דעם דאָזיקן גליק צו באַצאָלן מיט פֿאַראַט. צו לעבן מיט רחלען — איז דער זין פֿון זיין עקזיסטענץ. ער ליידט, ווען זי וועט פֿאַרפֿאַלן אַפֿילו אויף עטלעכע מינוט. אָן איר איז זיין לעבן קיין לעבן נישט. ער האָט עס געפֿילט, ער האָט עס געוווּסט. דאָס איז שרעקלעך, און דאָס איז גליק.

און פּונקט ווי ער, אַזוי איז אויך רחל פֿולשטענדיק גליקלעך. זי האָט דאָ געלעבט נישט צוליב אַ וועלכער עס איז „שליחות“. זי האָט דאָ געלעבט, ווייל זי האָט אַזוי געוואָלט, ווייל דאָס איז גליק. און אַלפֿאָנסאָ, דער קריסט, דער ריטער, דער באַרבאַר איז איר געווען ליב, אַזוי ווי ער איז. ער איז קעניג, אויף אים איז חל זיין אייגן געזעץ, זיין אײנערלעכע קעניגלעכע שטים, און די דאָזיקע שטים האָט רעכט צו הייסן אויסשטעכן די אויגן פֿונעם זעלנער, וואָס איז געשלאָפֿן אויף דער וואַך, אָדער אַ פֿיינטלעכע שטאָט אויסגלייכן מיט דער ערד און זי באַשיטן מיט זאַלץ.

מיט אים און צוליב אים איז זי געווען שטאָלץ אויף זאַכן, וואָס

האָבן איר פריער אויסגעזען קאָמיש. ער האָט איר דערציילט וועגן די ווילדע גאָטישע און גאַרמאַנדישע קעניגן, וועלכע זענען געווען זיינע אבות, און זי האָט זיי באַוווּנדערט מיט אים צוזאַמען. ער האָט געריסט די גראָבע שפּראַך פון זיין וווּלגאַרן לאַטיין, פון זיין קאַסטילישן און זי באַמיט זיך מיט התמדה די שפּראַך אויסצולערנען.

ער האָט זיך געפרייט, ווי א קינד, ווען זי האָט באַנוצט ווערטער און אויסדרוקן פון זיין קאַסטילישער זעלנער־שפּראַך. דערפאַר, כדי פון זיין זייט אַרויסצווייזן זיין דאַנקבאַרקייט, פלעגט ער איר צוליב טאָן און אָנטאָן דעם אַראַבישן מאַנטל, ווען זי פלעגט אים ביים ברונעם דערציילן אירע מעשיות. ווען זי האָט אים אָבער געבעטן, ער זאָל זיך אָפּשערן די באָרד, זי זאָל זען זיין נאַקעט פּנים, האָט ער איר בקשה גראָב אָפּגעוואָרפן.

— האָס טען זשאָנגלערן און קונצן־מאַכער, — האָט ער זיך קעגנגעשטעלט.

זי האָט זיך נישט באַליידיקט. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. זיי האָבן פון אַזעלכע זאַכן נישט געמאַכט קיין ווערט און ס׳האָט צווישן זיי געהערשט אַ גוט לעבן, ווי אין די ערשטע צייטן.

עס איז אָנגעקומען דער פרייטיק. זי האָט אים געמאָלדן, אַז זי וויל גיין צום טאַטן. דאָסמאָל האָט אַלפאָנסאָ נישט געפרווּוט זי אָפּרעדן, אָבער ער איז געזעסן מיט א בייז פּנים, ווי א פאַרדראָסנט קינד. זי האָט אים פאַרלאָזן, פונקט אַזוי אומגערן, ווי צום ערשטן מאָל. ווען זי האָט זיך געפונען אויפן וועג צום שלאָס איבן עזרא האָט זי ערשט דערפילט א טיפע בענקשאַפט נאָך איר פאָטער. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געניטיקט אין זיין הילף און אויפמונטערונג.

זי פילט זיך שטאַרקער אין איר טאַטנס נאָענטקייט. אין לאַ־גאַליאַנאַ איז זי געווען א טייל פון אַלפאָנסאָן און נישט זי אַליין. זי האָט באַוווּנדערט אַלפאָנסאָס מאָנאָליטקייט און אַליין האָט זי זיך געפילט באַזיגט צוליב איר אינערלעכער שפּאַלטונג. אין אָנוועזנהייט פון איר פאָטער, האָט זי געוווּסט, אַז איר צעצווייטקייט איז א מעלה, וואָס איז הגם ווייט פון גליק, אָבער האָט גליק.

דאָסמאָל איז אַלפאָנסאָ נישט געגאַנגען קיין טאָלעדאָ. ער האָט נישט געוואָלט האָבן אַרום זיך די שטומע, חוצפּהדיקע פּנימער פון זיינע

לײט. עס איז אים ליבער געװען צו לײדן, װאַרטנדיק אין דער לאַ־גאַליאַנאַ אויף רחלען.

װײַבאַלד זי איז דאָרט נישט געװען, האָט ער זיך געפֿילט פֿרעמד אין דעם דאָזיקן הויז. די פֿרעכטיקע קישנס, די פֿאַרביקע שריפֿטן און אָרנאַ־מענטן, דאָס גערויש פֿון די פֿאָנטאַנען האָבן אַרײַנגעטראָגן אומרואיקײט אין זײַן האַרצן.

ער איז געשטאַנען פֿאַר אַ העברעישן טראַנספּאַרענט. אַדאַנק זײַן גוטן זכרון האָט ער זיך געגוי דערמאָנט די װערטער, װאָס רחל האָט אים איבערגעזעצט. דער ייִדישער גאָט פֿאַרזיכערט זײַן אויסדערװײלט פֿאָלק זײַן אייביקן חסד און דעם זיג איבער אַלע אַנדערע פֿעלקער. אַלפֿאָנסאָ האָט געשפּירט אַ ברענענדיקע בענקשאַפֿט נאָך רחלען, אָבער באַטראַכטנ־דיק גלײַכצײַטיק דעם העזהדיקן אומפֿאַרשעמטן אויפֿשריפֿט, זאָגט ער צו זיך: עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, װאָס ער לײדט אַזױ צוליב איר. די ייִדן זענען באַשעפֿעניש, אויף װעלכע דער טײַװל האָט מיטן הסכם פֿון גאָט באַקומען שליטה. ער דערמאָנט זיך װעגן „דער שלאַנג אין בוזעם און דעם ציגנדער אין אַרבל“. אויך רחל איז קעגן איר װילן אַ מכשפֿה אין זי האָט אים פֿאַרכּישופֿט.

ער איז אַרויס אויף דער פֿרײַ און זיך געלייגט אונטער אַ בוים.

ער האָט צוגערופֿן דעם גערטנער בעלאַרדאָ, כּדי צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס.

— װאָס טראַכטסטו אײַנגעטלער װעגן מײַן לעבן דאָ?

בעלאַרדאָס רונדיק, פֿלײשיק געזיכט האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פֿאַרחידושטע נאַרישע אויגן.

— װאָס איך טראַכט הערפֿון, הער קעניג? — האָט ער ענדליך אָפּגעענטפֿערט, — דאָס פּאַסט מיר נישט צו זאָגן און אַפֿילו צו טראַכטן.

— אַלזאָ, זאָג, — האָט אַלפֿאָנסאָ אומגעדולדיק באַפֿוילן.

— אויב איך מוז זאָגן, — האָט בעלאַרדאָ געענטפֿערט, — דאַן זאָג איך: אַזאַ אומגעהױער גרויסע זינד פּאַסט בלויז פֿאַר אַן אומגעהױער גרויסן האַר.

— רעד װײַטער, — פֿאָדערט אַלפֿאָנסאָ.

— און עס איז אַ שאָד, — האָט בעלאַרדאָ פֿאַרטרוילעך פֿאָרגע־זעצט, — װאָס מיר אַלע, און מעגלעך דו אַלײן, הער קעניג, װעלן זיך מוזן שײדן מיט דער פֿרייד פֿון אונדזער האַרץ און מיטן גרעסטן פֿאַר־גענינגן אין אונדזער לעבן.

— רעד רואיק ווייטער, — האָט אים דער קעניג צוגעגעבן מוט.

— אין די לעצטע חדשים, — האָט דער גערמאַנער געפּלוידערט; — מוז איך כּסדר טראַכטן וועגן מיין פאַרשטאָרבענעם זיידן. ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג פלעגט ער דערציילן פון זיין גרויסן הייליקן פעלד־צוג. און פּאַסירט האָט עס אויף אַזאַ אופן, הער קעניג: ווען דער דעמאָלטיקער גריכישער קייזער אַלעקסיס האָט זיך געווענדעט צום הייליקן פאָטער נאָך הילף פאַרן הייליקן לאַנד, האָט ער אים געשריבן וועגן דער גרויסער שאַנד, וואָס די קריסטן מוזן אויסשטיין, ווי ביי אַלע הייליקע בילדער פון קריסטוסן זענען אָפּגעהאַקט הענט, פיס, אויערן און נעז און ווי די מאַכמעדאַנישע עבודה־זרה׳ניקעס שענדן קריסטלעכע טעכטער און זייערע מוטערס מוזן דערביי זינגען. שפּעטער, ווען זיי נעמען זיך צו די מאַמעס, צווינגען זיי די טעכטער צו זינגען העסלעכע ראָמאַנסן. חוץ דעם האָט געשריבן דער גריכישער קייזער, אַז נישט רעכענענדיק זיך מיט דער הייליקייט פונעם קריג, קאָן מען פון דאָרט אַרויסשלעפּן גרויסע אוצרות און אַז יענע ווייבער זענען אומפאַרגלייכלעך שענער פון די צפונדיקע ווייבער. אַלע קריסטן זענען געווען גערירט פון דעם האָזיקן בריוו און צווישן זיי אויך מיין זיידע עליו־השלום. ער האָט זיך צו דער ברוסט צוגענייט אַ צלם. ער האָט געקויפט אַן אַלטע לעדערנע קורטקע און אַ לעדערנע קאַסקע און מיט דער גנעדיקער דערלויבעניש פון דיין געבענטשטן עלטער־זיידע, האָט ער זיך געלאָזן אין לאַנגן וועג אַריין. איך קאָן נישט פאַרשטיין, ווי ער איז עס אַלץ איבערגעקומען, הגם דעמאָלט איז ער געווען אַ סך יונגער. ווען ער איז אָנגעקומען אויפן אָרט, האָבן שוין אַנדערע אַלץ דעראָבערט: אוצרות און ווייבער. און אַ סך זענען שוין געווען טויט.

אַלזאָ, ער האָט די מלחמה פאַרשפּעטיקט און אַהיים האָט ער גאָר נישט געבראַכט. ער האָט אָבער דערגרייכט דאָס בעסטע, וואָס ער האָט זיך אין לעבן געווינטשן, ווייל ער איז געזעסן אויפן שטיין, אויף וועלכן קריסטוס איז געזעסן, געטרונקען פונעם וואַסער, פון וועלכן קריסטוס אליין האָט געטרונקען, און געטובלט זיין לייב אין ירדן. און ווען מיין זיידע איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט ער דערפון דערציילט, און הייליקע זענען געווען זיינע אויגן.

בעלאַחאָ איז אַנטשוויגן, פאַרטיפט אין זיינע דערינערונגען.

— נו, און וואָס ווייטער? — פרעגט אַלפאָנסאָ.

— עס וואָלט געווען זייער שיין, — האָט בעלאַחאָ געזאָגט מיט אַ

באַרישן בליק, — ווען איך יעדער איינער פֿון אונדז וואָלט איבערגעלעבט אַזאַ הייליקע פֿרייד. וואָס קאָן מיט אונדז פּאַסירן אינעם קריג מיט די פֿאַרשאָלטענע מאַכמעדאַנער? ווען עס וועט אונדז געלינגען, וועלן מיר דעראָבערן געלט און ווייבער און ווען עס וועט שלעכט זיין, דעמלט גייען מיר אַריין, מיט גאָטס חסד, גלייך אין גן־עדן.

— אַלזאָ, — האָט אַלפאָנסאָ פֿאַר אים פֿאַרענדיקט, — דו האַלסט, אַז עס איז אַ חילול־השם, וואָס איך געפֿין זיך דאָ און טו גאָרנישט.

— זאָל מיך גאָט שומר ומציל זיין פֿון אַזעלכע שרעקלעכע געדאַנקען קעגן דיין קעניגלעכער מאַיעסטעט! — האָט בעלאַרדאָ פֿאַרזיכערט.

ווי גאַריש די רייד פֿונעם פּיפּיקן גערטנער האָבן נישט געקלונגען, האָט אַלפאָנסאָ זיך פֿאַרטראַכט. אַלע האָבן געפֿילט, אַז ער האָט פֿאַרנאַכלעסיקט זיין ריטערשאַפֿט און זיין קעניגלעכן חוב, אַז ער איז „איינגעשלאָפֿן" ווי די אַמאָליקע העלדן הערקולעס און אַנטאָניוס, ווי דער העברעישער ריטער שמשון מיט זיין דלילה. ס'איז אים פֿאַרמיאוסט געוואָרן צו זיצן אין שלאָס, ער האָט פֿאַרבראַכט די צייט אין גאָרטן, ער איז אפֿילו געשלאָפֿן אויף דער פֿרייער לופֿט, דאָס איז אָבער נישט געווען קיין שלאָף.

ווי נאָר רחל איז צוריקגעקומען איז ווידער אויף אים אַרויף דער אַלטער כישוף. די אַראַבישע אַטמאָספֿער אַרום זיך האָט אים מער נישט אָפּגעשטויסן. דאָס לעבן אין לאַ־גאַליאַנאַ איז פֿאַר אים גוט געווען, פֿון קיין בעסער לעבן האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. מיט יינגלשן אויפֿברויז האָט ער געשעפּט זיין גליק. בטבע איז ער געווען אַן עקשן, און ווען ער האָט זיך דאָ באַזעצט, האָט ער זיך אַליין באַרעכטיקט, אַליין דערויף מסכים געווען און עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס מען פּלאַפּלט וועגן חטא און חרטה. אַזאַ טייער גליק, ווי ער באַקומט איצט פֿון רחלען קומט נישט פֿון טייוול. ניכער פֿון אַלץ קומט עס פֿון גאָט, וועלכער האָט אים אַלס קעניג אַרויסגעוויזן באַזונדערן חסד, און דאָס איז געווען אַ נייער באַווייז, ווי גאָט איז צו אים גענייגט. ער איז געווען דאָן אַלפאָנסאָ, Alfonsus Rex (מלך), דער אַכטער. ער אַליין איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם, וואָס ער טוט. ער לעבט מיט האַנדלען לויט דער געטלעכער השגחה און לויט זיין קעניגלעכן ווילן.

ווען זי האָט זיך דעם קומענדיקן פֿרייטיק געקליבן צו איר טאַטן, האָט ער געזאָגט:

— איך וויל נישט דו זאָלסט זיך אַריינגנבענען אין מיין הויפּט־

שטאָט. איך וויל נישט, אַז די דאָמע, וואָס דער קעניג אַלפאָנסאָ האָט אויסדערוויילט, זאָל זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר מענטשן.

זי האָט זיך געהייסן טראָגן קיין טאָלעדאָ אויף אַ פּאַלאַנקין. ער ווידער האָט אין לאַ־מאַליאַנאַ אַרויסגערופן זיין סוויטע און מיט גרויס פּאַראַד אַוועקגעריטן אין שטאָט, הערנאָך אין זיין שלאָס.

דער פּאַזש אַלאַזאַר האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צום קעניג. דער נושא־כּלים סאַנטשאָ האָט געחוזקט פון זיין ליבע צו דאָניאַ בונאַ, ווייל ער איז דערפאַר אַרויסגערופן אויף אַ דועל. ער האָט געבעטן דעם קעניג, אַז ער זאָל מיט זיין חסד אים דערהייבן צו אַ נושא־כּלים, כּדי ער זאָל האָבן רעכט אַרויסצורופן סאַנטשאָן.

דעם יינגלס בקשה איז געווען אַ גערעכטע. ער האָט שוין אַ לענגערע צייט געאַרבעט אָן שום פאָרוואָרף און ער האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז דער קעניג וועט מסכּים זיין צו דערהייבן זיין ראַנג. מען האָט אָבער נישט געטאָרט מאַכן קיין ייִדן פאַר אַ וואָפן־טרעגער.

דער קעניג האָט זיך פאַרטראַכט און פריינדלעך געזאָגט:

— דו האָסט, מיין אַלאַזאַר, אַלע גוטע מידות פון אַ ריטער, אָבער דעם דאָזיקן ראַנג קאָנען מיר געבן נאָר קריסטלעכע ריטער.

אַלאַזאַר איז רויט געוואָרן און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז מיר באַוווּסט. נאָך איידער איך האָב זיך געווענדעט צום חסד פון דיין מאַיעסטעט, האָב איך פריער מיין געוויסן אויסגע־פאָרשט: פאַר און קעגן, און איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ קריסטלעכער ריטער.

אַלפאָנסאָ איז געווען איבערראַשט, צעטומלט. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער ייִדן האָבן זיך געלאָזט טייטן, איידער זיך אָפּצוזאָגן פון זייער אמונה, און דאָ קומט אַ יינגל, פון קיינעם נישט געצוווּנגען, פון קיינעם נישט אויפגעפאָדערט און וויל זיך אָפּזאָגן פון זיין גלויבן.

— צי האָסטו גערעדט מיט דיין פאָטער? — האָט ער פון גרויס איבערראַשונג געפרעגט.

— ניין, — האָט קורץ געענטפערט דאָס יינגל, און דערנאָך מיט עקשנות צוגעגעבן: — קיינער האָט מיך נישט צוגערעדט און קיינער וועט מיך נישט אָפּרעדן.

אַלפאָנסאָ האָט אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן די גאַנצע מעשה: דאָ־לעבן אינעם הויף פון קאַסטיליע, אין זיין קעניגלעכן הויף, האָט דעם דאָ־זיקן יונגן בחור אויפגעעפנט די אויגן. און פּלוצלונג איז דעם קעניג אַריי

אַ געדאַנק, וועגן וועלכן עס וואָלט אים ביז איצט נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז זיין טייערע געליבטע קאָן אויך באַלויכטן ווערן פונעם הייליקן ליכט. צי האָט זי שוין נישט תופס געווען דעם זין, צי האָט זי שוין נישט באַקומען דאָס געפיל פאַר זיין ריטערישקייט, פאַר זיין קריס־ געריישקייט, וואָס איז פריער פולשטענדיק פרעמד געווען איר נשמה? בלויז ביים געדאַנק, אַז עס וועט אים געלינגען צו געווינען ראַקעלן פאַר דעם אמתדיקן גלויבן, האָט צוגעגעבן אַ נייעם זין זיין פאַרפלאָנטערטער ליבע. און אויף אַזאַ אופן וועט זיין זינדיקע תאווה געפינען איר תיקון. זיין פרייד איז געווען אַזוי אומגעצוימט, אַז ער האָט זיך פשוט אָנגע־ שטרענגט הויך צו ענטפערן אַלאַזאַרן:

— וואָס דו האָסט מיר געמאָלדן, מיין יינגל, — האָט ער געזאָגט, — פאַרשאַפט מיר גרויס פרייד. איך האָב אָבער נישט קיין השגה אין גאָטס ענינים און וויים נישט וואָס דיר צו ראָטן, כדי זאָלסט צוגעלאָזן ווערן צום סאַקראַמענט. איך וועל זיך מיישב זיין מיט דאָן ראָדריגען.

ווייבאַלד גאָט האָט זיך אַזוי פרייגדלעך דערמאָנט אין אים, באַשליסט ער זיך דורכצושמועסן מיטן פריסטער וועגן זיינע אייגענע ענינים. איידער ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַלאַזאַרן, האָט ער אָפּגעהאַרציק זיך מודה געווען פאַר ראָדריגען וועגן זיינע ענגע פאַרבינדונגען מיט רחלען.

— זאָלסט מיר נישט זאָגן, מיין הויך־געשעצטער פאָטער, — האָט ער מיט באַגייסטערונג גערעדט, — זאָלסט מיר נישט זאָגן, אַז די האָזי־ קע תאווה איז זינד. אויב דאָס איז יאָ זינד, איז עס אַ גוטע הייליקע זינד און איך האָב נישט קיין חרטה. — און פאַרענדיקט מיט ברען: — איך ליב די דאָזיקע זעלטענע פרוי מער פון אַלץ אין דער וועלט, און גאָט, וועלכער האָט זי מיר צוגעשיקט, וועט מיר אַלץ מוחל זיין.

ווען דאָן אַלפאָנסאָ האָט אָנגעהויבן צו רעדן, איז ראָדריגע פול גע־ וואָרן מיט פרומער דאַנקבאַרקייט, וואָס גאָט האָט גערירט דאָס האַרץ פונעם זינדיקן קעניג. באַלד אָבער איז זיין פרייד פאַרביטן געוואָרן מיט גרויל, ווען ער האָט דערזען דעם צעווילדעוועטן אויסזען פון קעניג.

— דו דערסט אַ סך, — האָט ראָדריגע טרויעריק געזאָגט, ווען אַלפאָנסאָ האָט פאַרענדיקט, — און דו ווילסט מיך וואָרענען און מיר שטערן דיר זאָגן דאָס אמתע שטרענגע וואָרט. אין דיין האַרצן אָבער ווייסטו אַלץ, וואָס איך דאַרף דיר זאָגן, און ווייסט שוין פון גאַנץ לאַנג בעסער־פון מיר, וואָס איך וויל דיר זאָגן.

אַלפאָנסאָ האָט באַמערקט זיין טרויעריק פּנים, האָט ער שטיל א פרעג געטאָן:

— האָב איך שוין פאַרלוירן דעם גאַנצן חסד, מיין פאָטער? בין איך אויף אייביק פאַרשאָלטן? — היות דער קאַנאָניק האָט טרויעריק געשוויגן, האָט אַלפאָנסאָ געענדערט דעם טאָן: — גוט, — האָט ער לייכטזיניק געזאָגט, — איך בין מסכים פאַרשאָלטן צו ווערן. ווו אָבער זענען די אורעלטערן פון מיינע אורעלטערן? — האָט ער שטרענג געפרעגט, — די קעניגן, וועלכע האָבן נאָך קריסטוסעס תורה נישט אָנגענומען? איך ווייס ווו זיי זענען. זאָל מיך גאָט שיקן צו זיי!

דער פאַרצווייפלטער ראָדריגע האָט געלאַסן געוואָרנט:

— פאַרטיף נישט נאָך מער דיינע זינד, מיין זון. מיט אַזאַ לעסטערנדיקן שפּאַס! טיף אין האַרצן גלויבסטו אויף קיין האָר נישט אין דיינע געצנדינערישע דיבורים. לאָז אונדז בעסער הכנעהדיק א טראַכט טאָן, וואָס מיר קאָנען טאָן פאַר דיין נשמה.

מיט א יונגטלעכן שמייכל אויף די ליפּן בעט דער קעניג:

— זיי נישט פאַרזאָרגט, מיין ליבער הויף-געשעצטער פאָטער און פריינד. גאָט איז פול מיט חסד און ער איז גאָר נישט אַזוי שלעכט צו מיר, צום אָרעמען בעל-עבירה. זיי ווייסן, אַז גאָט האָט מיר געגעבן אַ צייכן.

און ער האָט דערציילט וועגן אַלאַזאַר.

דער קאַנאָניק האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און ס'איז אים תיכף לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט גוט געוווּסט, ווי די איינוווינער פון קאַסטיליאַ איבן עזרא זענען פאַרעקשנט אין זייער גאווהדיקן וויסן, אין זייערע גאווהדיקע פעלערן, און אים אַליין איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק צו וועלן ברעכן דאָס האַרץ פון אַן איבן עזרא. ס'ווייזט אָבער אויס, אַז דער דאָזיקער אַלפאָנסאָ איז באמת געבענטשט פון גאָט. ווייל קוים האָט ער דאָס ייִנגל אַריינגענומען אין זיין שלאָס און שוין האָט ער אים מיטן מילדן אויסלייזער באַהעפט. מיט אַזאַ טאַט קאָן מען אויסקויפן א סך חטאים.

זעענדיק דעם איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף ראָדריגען, האָט אַלפאָנסאָ אים פאַרטרויט דעם טיפסטן סוד פון זיין האַרצן.

— סיי דער קעניג, סיי דער פּריסטער, — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט, — זענען באַשענקט פון גאָט מיט א סודותפולן וויסן, וואָס עס ווערט נישט געגעבן א פּשוטן בשר-ודם. איך בין זיכער, אַז גאָט האָט מיר

צוגעשיקט די דאָזיקע װוּנדערלעכע פֿרױ, כּדי איך זאָל זי אױפֿװעקן און אױסלײזן איר נשמה.

יאָ, אַלפֿאָנסאָ האָט אים פֿאַרשאַפֿט עגמת־נפֿש, — האָט דער קאַנאָ־ניק געטראַכט, — אָבער אַ קערנדל פֿון אמת מוז שטעקן אין זײַנע רײד. גאָטס װעגן װעגן ניט אומזיסטע װעגן. מעגלעך, אַז פֿון דער תּאװה, אין װעלכער דער קעניג איז פֿאַרזונקען, װעט באמת אַרױסשפּראָצן ניט קײן קללה, נאָר אַ ברכה.

װי עס זאָל ניט זײַן: דאָן ראָדריגעס אױפֿגאַבע איז פֿאָרלױפֿיק געװען זײער אַ שװערע. גאַנץ פֿײַן, װאָס אַלפֿאָנסאָ האָט זיך פֿאַר אים ערלעך מודה געװען, אַז ער װיל האָבן רחלס נשמה, דאָס אָבער גיט אים ניט קײן רעכט מסכּים צו זײַן מיטן קעניגס אײגן קערפּערלעכער פֿאַרבינדונג מיט דער ייִדישקע. ער האָט אױך געװוּסט, אַז דער קעניג װעט אים סײַ װי סײַ ניט פֿאָלגן, אַז קײן שום פֿאַרבאָט װעט ניט העלפֿן.

— ס'איז אַ גוטע כּװנה, העכער קעניג, מײַן זון, — האָט ער געזאָגט, — װאָס דו װילסט דאָניאַ ראַקעל געװינען פֿאַר דער קירך, דאָך קאָן איך ניט פֿאַר אַזאַ לײַכטן פּרײַז דיך מכפּר זײַן.

— װאָס זאָל איך נאָך טאָן? — האָט אַלפֿאָנסאָ מיט לײַכטן אומגע־דולד געפֿרעגט.

ראָדריגע, כּלומרשט אין כּעס, האָט אים געראָטן:

— האַלט זיך אָפּ אױף אַ געװיסער צײַט, אױף צװײ װאָכן, אַפֿילו אױף אײן װאָך פֿון דײַנע װעלטלעכע ענינים. צי דיך צוריק אין אײנעם פֿון די גײַסטיקע אָפּגעזונדערטע מקומות פֿון דײַן לאַנד, פֿאַרשלאָס אין זיך אַלײן און װאַרט ביז גאָט װעט װידער צו דיר רעדן.

— דו פֿאָדערסט פֿון מיר פֿיל, — האָט אַלפֿאָנסאָ געזאָגט.

— איך פֿאָדער קנאַפּער, װי ס'איז מײַן חובֿ, — האָט דאָן ראָדריגע געענטפֿערט. — עס איז מיר זײער שװער פֿון מײַן געליבטן זון צו פֿאָדערן אַלץ, װאָס איך װאָלט געדאַרפֿט פֿאָדערן.

רבי טוביה, װעלכער האָט געװױנט אין דאָן אפֿרימס הױז, האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט אין זײַן צימער. ער האָט געפֿאַסט, געדאַװנט און זיך פֿאַרטיפֿט אין די הײליקע ספֿרים. יעדע רגע איז ער געקומען צום

באַשלוס, אַז אַלץ, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו גאָט און צו זיין אַנטפּלעקונג, איז הבל=הבלים.

רבי טוביה איז געוואָרן שטרענג און פאַנאַטיש צוליב די צרות, וואָס אים און זיין קהילה איז אויסגעקומען אויסצושטיין. צום שווערסטן האָט ער איבערגעלעבט דאָס לעצטע יאָר, ווען דער קעניג פיליפּ אויגוסט האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון פאַריז, און ער מיט די מיטגלידער פון דער קהילה זענען אַנטלאָפן קיין ברע=סיר=סען. דעמאלט ווען די מאַרקגרעפין בלאַנש האָט באַגייט דעם עדיקט, לויט וועלכן, אַלס חרטה אויף קריסטו=סעס יסורים, האַרף אין ל יי ד נ ש אַ פ ט=פרייטיק א פאָרשטייער פון די יידן ווערן עפנטלעך אויסגעפּאַטשט, האָט די קהילה באַשלאָסן, אַז רבי טוביה דאַרף זיך באַצייטנס אָפּטראָגן, ווייל לויט זייער השערה האָט מען זיך געקליבן אים צו דערנידעריקן. אין זיין אָפּוועזנקייט האָט דער קעניג דורכגעפירט זיין אכזריותדיקע שטראָף=עקספּעדיציע, בעת וועלכער דאָס ווייב פון רבי טוביה איז פאַרברענט געוואָרן און זיינע קינדער האָט מען אַוועקגעשיקט אין א קלויסטער. דאָ אין טאָלעדאָ האָט רבי טוביה כסדר דערציילט פון די יידישע עינויים, אָבער נישט פון זיינע, אַפילו די מענטשן, וועלכע האָבן געוווסט פון זיין גורל, האָט ער פאַרבאָטן דערפון צו רעדן, נאָר ביסלעכווייז זענען די יידן פון טאָלעדאָ דערגאַנגען, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

אין דער איינזאַמקייט פון זיין צימער טראַכט דער רבי אָפטמאָל איבער די געשעענישן אין ברע און תמיד מאַטערן אים ספקות, צי האָט ער ריכטיק געהאַנדלט, וואָס ער האָט געפאָלגט די קהילה און פאַרלאָזן די שטאָט. ווען ער וואָלט פאַרבליבן און זיך געלאָזט דערנידעריקן, וואָלט אים דעמאלט באַשערט געווען צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער אַוועק=צוגעבן זיין לעבן אויף קידוש=השם.

תשובה און עינויים זענען ביי רבי טוביה פון אלעמאָל געווען דער גרעסטער חסד פון גאָט, קיין בעסערע קרוינונג פאַר זיין ערדישן גוף, ווי מסירת=נפש, ברענגען זיך אַלס קרבן, גיין צו דער „עקדה“. קאָן ער זיך נישט פאָרשטעלן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער גרעסטער חטא, פאַר וועלכן מען איז חיב מיתה, — איז אַרויסשטעלן פאַרן הויז אַ צלם, אָדער אָנגייען זיך אויפן מלבוש אַ צלם, בעת די קרייצלער דערנענטערן זיך. ווען די באַנ=דיטן, — לערנט ער, פאָדערן מען זאָל זיי אַרויסגעבן א מאַנסביל אויף צו הרגענען, אָדער א פרוי צו שענדן, נעמט זיך בעסער דעמאלט אַליין דאָס לעבן, איידער אויספירן זייער ווילן. פאַרשאָלטן זאָל זיין דער יעניקער,

וועלכער נעמט אָן שמד, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן. ער גלייבט פֿאַר־שאָלטן אויף הורי־דורות, אויב אַפֿילו אין אַ וואָך אַרום טרעט ער ווידער אַריין אין ברית־ישׂראל.

די פּראַקטיקסטע קרוין, האָט רבי טוביה געלערנט, איז הכנעה, דער בעסטער קרבן איז אַ צעבראָכן האַרץ, די העכסטע צניעות איז מסירת־נפֿש. דער פֿרומער, וואָס ווערט אויסגעלאַכט און עפֿנטלעך געשלאָגן, דאַנקט דעם אַלמעכטיקן פֿאַר דער שטראָף און ס'ווערט אים לייכטער אויפֿן האַרצן. ער איז זיך נישט נוקם אין די, וואָס טוען אים שלעכטס, ער איז מוחל זיינע רוצחים, ער געדענקט שטענדיק וועגן דעם טאָג פֿון זיין טויט. נעמט מען ביי אים אַוועק דאָס טייערסטע, ווייב און קינד, בייגט ער זיך הכנעהדיק פֿאַר דער גערעכטיקייט פֿון הימל. ווען די שׂונאים צווינגען אים, ער זאָל זיך אָפּקערן פֿון זיין גלויבן, דעמאָלט איז ער מקריב מיט פֿרייד זיין לעבן. זיך נישט איבערנעמען מיטן ווילשטאַנד און מיט דער גאווה פֿון די געצנדינער. גאָטס וועגן זענען פֿול מיט חסד, אַפֿילו אויב זיין כוונה איז פֿאַרבאָרגן אויף צענדליקער און הונדערטער יאָרן.

אַזאַ הכנעה איז אים נישט תמיד לייכט אָנגעקומען. ער האָט געהאַט אַ שטורמיש האַרץ. נישט ווייניק יידן האָבן זייער האַס אויסגעלאָזט אויף זייערע פֿאַרפֿאָלגער, אין ווילדע פּערזן פֿון קללות און צאָרן אויף די „וואָגלער און שאַקאַלן", אויף די „געקרייציקטע געצן", אויף דעם „טבילה־וואַסער". און אַז אויפֿהער האָבן זיי געיאָמערט און געדופֿן צו גאָט וועגן נקמה: „גאָט פֿון גערעכטיקייט, פֿאַרגעס נישט דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט! דערלאָז נישט, אַז די ערד זאָל דאָס בלוט צודעקן! פֿיר אים אויף מיינע שׂונאים דיין פּסק־דין, וואָס דיינע נביאים האָבן פֿאַרויסגעזאָגט! אונטן, אין עמק ישפֿט צעשמעטערט דיין האַנט מיינע קעגנער!" אויך קעגן גאָט אַליין האָט זיך דער נביא באַקלאָגט: „ווער ביסטו, גאָט, וואָס לאָזט זיך נישט באַנרייפֿן? פֿאַרוואָס דערלאָזטו, אַז אַדום זאָל ווידער גזלגען און טאַנצן פֿאַר שׂמחה? די העלדן האָבן זיך אַריינגעבראָכן אין דיין טעמפּל און דו שווייגסט! עשׂו מאַכט צו שפּאָט דיינע קינדער און דו שווייגסט! באַווייז זיך, שטיי אויף, זאָל דיין שטים שאַלן, דו שטומסטער פֿון אַלע שטומע!"

ווען רבי טוביה האָט געלייענט די דאָזיקע דיכטערישע פּסוקים, האָט זיך אויך אין זיין האַרץ דערוועקט אַ ווידערשפּעניקייט. תיכף אָבער האָט ער חרטה געקראָגן. „צי קאָן דאָס ליים זאָגן צום טעפּער: וואָס טוסטו?" האָט ער זיך אַליין אויסגעזידלט און זיין פֿאַנאַטיזם האָט זיך געשטאַרקט.

די גליוויקע האָבן געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ נביא. ווען ער איז געזעסן אַליין אין זיין חדר־מיוחד, פֿאַרטיפֿט אין די הייליקע ספֿרים, פֿלעגט ער אַראָנגק זיין כּוח־הדמיון צייטנווייז זיך פֿאָרשטעלן וווּנדערלעכע בילדער און די ווערטער צוגעבן פֿאַרשיידענע פֿאָרמען. ער האָט געזען די פֿרומע, די צדיקים, ווי זיי זיצן אין גן־עדן און די שכינה רוט אויף זיי.

ער האָט געזען, ווי די רשעים ברענען אין גיהנום, און ער האָט זיי געפֿרעגט, און די רשעים פֿון דער פֿינפֿטער ריי האָבן אים אָפּגעענטפֿערט: „דאָס קומט אונדז דערפֿאַר, וואָס בעת אונדזער לעבן אויף דער ערד האָבן מיר אָפּגעלייקנט גאָט און פֿאַרערט דעם געקרייציקטן. זיי האָבן אים ווייטער דערציילט, אַז זיי מוזן צוועלף חדשים ברענען, ביז זייער נשמה וועט פֿאַרניכטעט ווערן, ווי זייער לייב: דעמאָלט וועט דער גיהנום אויס־שפּייען זייער אַש און דער ווינט וועט עס אַוועקטראָגן צו די פֿיס פֿון די צדיקים. און ער האָט זיך געזען, נאָך חצות, אין בית־מדרש און אַרום אים האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די מתים פֿון די לעצטע זיבן יאָר. און צווישן זיי האָבן זיך אויך געפֿונען די שאָטנס פֿון די, וואָס דאַרפֿן שטאַרבן במשך פֿונעם נאָענטסטן יאָר. און בעת ער איז געזעסן מיט פֿאַרטראַכטע אויגן איבער די ספֿרים, האָט ער אין דמיון אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן פֿון פּאַריז און איבער די גאַסן פֿון טאָלעדאָ, און ער האָט געזען באַקאַנטע מענטשן, און ער האָט געזען, אַז זיי וואַרפֿן נישט אָפּ קיין שאָטן, און ער האָט געוווּסט, אַז מען האָט אויף זיי גוזר געווען זיי זאָלן אומגליקלעך אומקומען אויף אַן אכזריותדיקן אופֿן. נישט אָן צופֿרידנקייט האָט ער אויך געזען, אַז צווישן די מענטשן אַן אַ שאָטן געפֿינט זיך יהודה אבן עזרא, דער משומד, וועמענס טאָכטער שטייט אין אַ טריפֿער פֿאַרבינדונג מיטן געצנדינערישן קעניג.

בינו־לבינו זענען אָנגעקומען נייע שלעכטע ידיעות וועגן די פֿראַנקישע ייִדן. ווי רבי טוביה האָט פֿאָרויסגעזען האָבן די גראַנדן און די גראַפֿן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פֿון זייער קעניג. זיי האָבן באַראַבעוועט די ייִדן און זיי אַרויסגעטריבן מחוץ פֿון זייערע גרענעצן. ווען רבי טוביה האָט דערהערט וועגן די דאָזיקע נייעס האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און אַוועק צום פּרנס אפֿרים.

ווי פֿרעמד און ווי צווייפֿלהאַפֿט רבי טוביה האָט נישט אויסגעקוקט אין דאָן אפֿרימס אויגן, האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿונעם ציִונגס־כּוח, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פֿונעם גאַנצן וועזן פֿון דעם

דאָזיקן גרויען, בלאַסן מאַן. און איצט, אַז ער איז ווידער צו אים געקומען, האָט ער מיט יראה און גיריקייט געוואַרט, וואָס ער וועט אים זאָגן.

רבי טוביה האָט אים אויף זיין שטילן שטייגער דערקלערט, אַז ער וויל פאַרלאָזן טאָלעדאָ און זיך צוריקקערן צו זיינע יידן. די סכנה ווערט גרעסער, און ער גלויבט ניט, אַז פון טאָלעדאָ זאָל קומען די ישועה פאַר די באַדראָטע יידן. די פליטים קאָנען שוין לאַנג ניט בלייבן אויפן פרענקישן געביט, און היות די שפּאַנישע גרענעץ איז פאַר זיי געשלאָסן, האָט ער בדעה זיי צו פירן קיין דייטשלאַנד, פונוואַנען זייערע אבות זענען געקומען.

פאַרשידנאַרטיקע, ווידערשפּרוכיקע געדאַנקען און געפילן האָבן זיך דערוועקט אין האַן אפרימען. די צאָל גוטבאַדערפטיקע יידן אין שפּאַניע פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג, און עס וואָלט געווען אַ ברכה פאַר דער אַלכאַמאַ, ווען זי קאָן פּטור ווערן פון די דאָזיקע געסט, ווייל וואָס מער זייער צאָל פאַרגרעסערט זיך, אַלץ מער וואַקסט די סכנה. אין דייטשלאַנד וואַרט אָבער אויף די פליטים אַ פינצטערע צוקונפט. דער קייזער פרידריך וועט זיי וואַרשיינלעך אַריינלאָזן. ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז ביז איצט זענען די יידן אין קיין שום לאַנד ניט באַהאַנדלט געוואָרן מער אכזריותדיק, ווי אין דייטשלאַנד. אגב, געפינט זיך איצט דער קייזער אויפן מזרח, און צי וועט גענוג זיין בלויז זיין נאָמען, כדי צו שיצן די יידן? וועגן דעם האָט רבי טוביה געוווּסט פּונקט אַזוי גוט ווי ער. די פאַנאַטישקייט פון רבי טוביה איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, נעמלעך: יסורים און נסיונות פאַר זיינע ברידער. צי האַרף ער דעם רבין ניט אָפּהאַלטן דערפון?

היות דאָן אפרים האָט שווייגנדיק געטראַכט, האָט טוביה פאָרגעזעצט:

— איך זאָג דיר גאַנץ אָפן, אַז ס'וואָלט מיר געווען ליב, ווען דער מאַן איבן עזרא זאָל אונדז ניט ברענגען די הילף, וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן. עס טוט מיר וויי, אַז אונדזער ישועה זאָל קומען פון אַ משומד, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן אַ געצנדינער די שאַנד פון זיין טאָכטער. איך וויל ניט זיין געלט און וויל ניט זיין הילף, ווייל עס שטייט געשריבן: „זאָלסט דעם לוין פון אַ זונה ניט ברענגען אין גאָטס הויז".

דער שטילער, גלייכמוטיקער אופן פון רבי טוביהס רייד האָט בולטער געבראַכט צום אויסדרוק די שנאה און פאַראַכטונג פון זיינע ווערטער. אייגנטלעך האָט דאָן אפרים מיט פאַרגעניגן אויפגענומען די אָפּשאַצונג פונעם פרומען רבי טוביה בנוגע איבן עזרא. זי איז געווען אין הסכם מיט

זיין אייגענער פיינטלעכער באַציִונג צו אים, דאָך האָט ער אים פאַרטיידיקט.

— אויב אין דער מערב=וועלט, — האָט אפרים געענטפערט, — געפינט זיך עמעצער צווישן אונדזערע ברידער, וועלכער האָט די מאַכט אייך צו העלפן, איז עס דאָן יהודה, און בלי ספק האָט ער דעם בעסטן ווילן. האָט געדולד און וואַרט אונטער נאָך אַ קורצע צייט, מיין האר און לערער. מיט דיין אומגעדולד און שטרענגקייט פאַרווער נישט דיינע פאַרפאָלגטע ברידער צו געפינען אַ מקום=מקלט אין דעם מילדן שפּאַניע.

רבי טוביה האָט חרמה געקראָגן, וואָס זיין כעס האָט אים גובר געווען. ער האָט צוגעזאָגט צייטווייליק צו פאַרבלייבן.

דאָן יהודה איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט. אים האָט געמאַטערט דער געדאַנק וועגן דער מיינונג פון די מאָלעדער ייִדן בנוגע אים און זיין טאָכטער. צי שפּירן זיי נישט אַמאָל אַ פאַראַכטונג צו אים און צו זיין טאָכטער?

אויך פון אַלאַזאַרן האָט ער געהאַט גרויס עגמת=נפש. הגם דאָס ייִנגל האָט נאָך מיט אים נישט גערעדט וועגן זיין כוונה אָנצונעמען די קריסטלעכע אמונה, איז פאַר אים שוין געוואָרן קלאָר, אַז די ייִדישע תורה און די אַראַבישע חכמה זענען פאַר אים פאַרלוירן. און דאָס איז זיין שולד. אַנשטאָט נישט צו דערלאָזן זיין זון אין דעם הויף פון ריטער און זעלנער, האָט ער אים אַליין דאָרט אַוועקגעשיקט.

שולדיק! שולדיק! ער האָט אויף זיך אַ שווערן חטא אַרויפגעשלעפּט!

ער האָט זיך געגרויסט מיט זיין שליחות. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט געבראַכט זיין טאָכטער אַלס קרבן צום כבוד פון גאָט. גאָט אָבער זאָגט זיך אָפּ פון זיין קרבן, דאָס ווערט קלאָרער פון טאָג צו טאָג. ער האָט געטראַכט, אַז די פאַרבינדונג פון רחלען מיטן קעניג אַלפאָנסאָ וועט אים לייכטער מאַכן אַריינצוברענגען די פרענקישע פליטים קיין קאַסטיליע, אָנשטאָט דעם האָט די דאָזיקע פאַרבינדונג גאָר אָפּגעשטעלט די רעטונגס=אַקציע און מעגלעך זי איינגאַנצן צו נישט געמאַכט. דער קעניג מיידט אים אויס, ער האָט אים פון שטענדיק אָן נישט זייער גערן אויפגענומען און ער האָט די גאַנצע צייט נישט געהאַט די געלעגנהייט אים אַרויסזאָגן זיין בקשה, וואָס האָט געברענט אין זיין גאַנץ וועזן.

אין אזא מין שטימונג איז געווען דאָן יהודה, ווען דער פרנס דאָן אפרים איז צו אים געקומען. ער האָט געהאַלטן פאַר זיינעם א חוב אים צו מעלדן וועגן רבי טוביהס כוונות.

דאָן יהודה איז געווען שטאַרק אויפגערודערט. דער דאָזיקער אפרים בר אבא האָט תמיד אין אים געצווייפלט און איצט וועט ער זיין מלא שמחה און וועט אים זאָגן גלייך אין פנים אַריין, אַז זיין צוזאָג רבי טוביהן צו שאַפן פאַר די פאַרפאָלגטע יידן אַ מקום־מקלט אין קאַסטיליע זענען געווען דברים בטלים. אייידער לענגער צו וואַרטן אויף יהודהס צוזאָג, האָט רבי טוביה באַשלאָסן אַוועקצופירן די פרענקישע יידן אינעם סכנותדיקן דייטשלאַנד. דאָס האָט ער אים שוין נישט איינמאָל געזאָגט. און דער פרומער רבי טוביה וויל נישט קומען אין זיינע פאַרפעסטעטע ד' אמות.

— איך ווייס, — האָט יהודה — בימער און פול מיט ברענענדיקער חרפה געזאָגט, — רבי טוביה האָט מיך פיינט בתכלית־השנאה, מיט זיין גאַנץ, שטרענג, גאיוו האַרץ.

— די האָסט אונדזער האַר און לערער טוביהן לאַנג געלאָזט וואַרטן, — האָט אפרים געענטפערט. — ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער באַמיט זיך אויסצוזוכן אַן אַנדער ישועה. איך ווייס, אַז דיין צוזאָג איז געווען אַן אויפריכטיקער, איך האָב אָבער מורא, אַז אין דעם דאָזיקן ענין איז גאָטס ברכה נישט מיט דיר.

ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן אויף דאָן אֶפרימען, וואָס ער האָט אים אָפן באַשולדיקט אין פוסטער גאווה. און זיין כעס האָט אים אָנגעשטויסן אויף אַן איינפאַל.

— כדי די דאָזיקע פריווילעגיע צו באַקומען מוז איך האָבן מער צייט, ווי איך האָב געמיינט, און דיין מורא איז מיר פאַרשטענדלעך. אָבער פאַרגעס נישט אַז די צייט האָט זיך געענדערט צום ערגערן. ווען איך האָב געמאַכט מיין פאָרשלאַג האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן פופצן הונדערט, אָדער העכסטנס וועגן צוויי טויזנט פאַרפאָלגטע. איצט זענען זיי אויסגעוואָקסן צו פינף ביז זעקס טויזנט. איך פאַרשטיי דיינע ספקות, ווייל מען קאָן אַזוי פיל בעטלער נישט אַריינלאָזן אין לאַנד.

ער האָט זיך אָפגעשטעלט אויף א ווייל, אַריינגעשטאָכן זיין בליק אין אפרימען און פאָרגעזעצט:

— איך גלייב אָבער, אַז איך האָב די לייזונג געפונען. די פליטים דאַרפן נישט זיין קיין בעטלער, ווען זיי וועלן אַריבערגיין די גרענעץ. מיר

דאַרפֿן פֿאַר זיי שאַפֿן געלט. איך מיין, אַז פֿיר גאָלד־מאַראַוועדי פֿאַר יעדן איינעם וועט גענוג זיין.

דאָן אפֿרים איז געבליבן אָפֿהענטיק.

— דו רעדסט וועגן זעקס טויזנט פּליטים, — האָט ער אויסגערופֿן מיט זיין דיגער שטים, — ווו וועסטו נעמען אַזויפֿיל געלט?

יהודה האָט פֿריינדלעך געענטפֿערט:

— איך אַליין קאָן אַזויפֿיל נישט שאַפֿן. דאָס ביסטו גערעכט. אָבער אַ העלפֿט פֿון דעם האָזיקן סכום, בערך צוועלף טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי — דאָס גיב איך. וואָס שייך דעם איבעריקן סכום, דאָס מוזטו אַליין שאַפֿן, מיין הער און לערער.

דאָן אפֿרים איז געזעסן פֿאַרזונקען אין זיינע וואַרעמע מלבושים. קעגן זיין ווילן האָט דאָן אפֿרים באַוווּנדערט יהודהס העזהדיקע איינפֿאַלן און פּלענער און ער איז אַפֿילו געווען צופֿרידן, וואָס דער האָזיקער שמאָלצער מאַן ווענדעט זיך צו אים נאָך הילף. אָבער ווי אַזוי קאָן ער אים העלפֿן? אַ קלייניקייט — צוועלף טויזנט מאַראַוועדי! נאָך די אומגעהויערע סכומים, וואָס די אַלאַכאַמאַ האָט געגעבן פֿאַר די פֿאַרפֿאָלגטע ייִדן, איז זי נישט אימשטאַנד אַזאַ ריזיקע סומע צו שאַפֿן. עס וועט גאָרנישט העלפֿן. דעם פֿרומען פֿאַנאַטישן רבי טוביה וועט אויסקומען אַוועקצופֿירן זיינע פּליטים קיין דייטשלאַנד אויף אַ זיכערן אונטערגאַנג.

אָבער דאָס טאָר נישט פּאַסירן! דאָן אפֿרים טאָר נישט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך! פֿון איצט אָן וועט ער נישט האָבן קיין רואיקע שעה. ער מוז איבן עזראן קומען צו הילף! ער מוז דאָס געלט אויסקוועטשן פֿון דער אַלאַכאַמאַ. מעגלעך, — האָט זיך אין דאָן אפֿרימען דערוועקט אַ שטיקל זינדיקע האָפֿענונג, — מעגלעך אַז פֿון דאָן יהודהס פּלענער וועט אפֿשר גאָרנישט אַרויסקומען. ער האָט זיך איינגערעדט דער קונצנמאַכער, פֿאַרברעכער און נביא, אַז ער קאָן ביים געצנדינערישן קעניג אַלץ אויספֿועלן, ווייל ער האָט זיין טאָכטער צו שאַנד אים אָפּגעגעבן. ער קען אָבער נישט געווינען די קריסטן און זייערע איינגעבילדעטע קעניגן.

זאַכלעך, מיט קוים באַמערקלעכן שפּאַס, האָט דאָן אפֿרים פֿעסטגעשטעלט:

— הייסט עס, אַז ווען דו באַקומסט פֿון דער אַלאַכאַמאַ דעם געפֿאָדערטן סכום, דאַן גיסטו אַ גאַראַנטיע, אַז דו וועסט אויספֿועלן די זעקס טויזנט ייִדן זאָלן אַריינגעלאָזן ווערן אין לאַנד. צי האָב איך דיך גוט פֿאַרשטאַנען?

אויך יהודה האָט זאַכלעך באַשטעטיקט:

— עס זאָל פאַר זעקס טויזנט פרענקישע ייִדן געשאַפן ווערן צו פיר גאָלד=מאַראַוועדי פאַר יעדן איינעם. איך, פון מיין זייט, גיב צוועלף טויזנט מאַראַוועדי. אויב די אַלאַכאַמאַ גאַראַנטירט פאַר דעם איבעריקן סכום, דאַן בין איך זיך מתחיב אויסצופועלן א קעניגלעכן עדיקט אויף אַריינצולאָזן די פּליטים קיין קאַסטיליע.

דאָן אפרים האָט אָן שום צערעמאָניעס ווייטער געפרעגט:

— און אין וועלכן טערמין, מיין הער און לערער, נעמסטו זיך אונטער אויסצופועלן דעם דאָזיקן עדיקט?

יהודה האָט באַמערקט זיין ווילדן בליק, אַ גרויסע חוצפה האָט ער, דער דאָזיקער אפרים בר אבא. דאָס האָט פּאַסירט צום ערשטן מאָל. ווען יהודהן איז עפּעס נישט געלונגען, און שוין האָבן אַלע חוצפה באַקומען. ער האָט אָבער א טראַכט געטאָן, אַז אפשר איז די אַלאַכאַמאַ גערעכט, וואָס זי באַהאַנדלט אים, ווי אַ שלעכטן בעל=חוב, ווייל ער האָט דאָך זיין צוזאָג נישט געהאַלטן.

ער איז אָבער נאָך נישט באַנקראָט. מעגלעך, ווען ער וועט זיך אָנשטרענגען מיט אַלע זיינע כוחות, וועט גאָט אָננעמען זיין קרבן און ער וועט ברעכן דעם קעניגס ווילן.

ער איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען, אַ ווונק געטאָן אפרימען, ער זאָל בלייבן זיצן, אַריין אין ביבליאָטעק, אַרויסגענומען פון אָרון=קודש אַ ספר=תורה, זי אויפגעוויקלט, געזוכט, אוועקגעלייגט די האַנט אויף אַן אויסגעזוכטן פּסוק און ווילד אויסגערופן:

— דאָ, אין דיין קעגנוואַרט, מורינו ורבינו אפרים בר אבא, טו איך א נדר: נאָך פאַר אונדזער יום=טוב סוכות, וועל איך פון קעניג אַלפאָנסאָ דעם אַכטן אויספועלן אַן עדיקט, וועלכער וועט געבן די מעגלעכקייט זעקס טויזנט פרענקישע ייִדן זיך צו באַזעצן אין דעם דאָזיקן שפּאַנישן לאַנד.

שטאַרק צערודערט, איז דאָן אפרים אויפגעשטאַנען. מיט דער זעלבער ווילדער שטים ווי פריער, האָט יהודה פון אים געפאָדערט:

— איצט זיי אַן עדות, רב אפרים. נעם זיך אַריין אין זינען מיין נדר, וואָס איך האָב געטאָן און לייען איבער די פּסוקים פון דער תורה, ווי אַן עדות דאַרף טאָן.

אפרים האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער תורה און געלייענט מיט זיינע בלאַסע ליפּן:

— ווען דו מוסט א נדר, זאָלסטו נישט אָפּשטעלן אים אויסצופּילן, ווייל גאָט וועט עס פון דיר פאָדערן און דאָס וועט זיין פאַררעכנט פאַר אַן עבירה. וואָס פון דיינע לעפצן איז אַרויסגעגאַנגען, זאָלסטו האַלטן און זאָלסט טאָן לויט דיין נדר.

— אמן, — האָט יהודה געענטפערט. — און אויב איך וועל נישט מקיים זיין מיין נדר, דעמלט מעגסטו מיך אַריינלייגן אין חרם.

— אמן, — האָט אפרים געזאָגט.

די צייט פון זיין אָפּגעזונדערטקייט האָט אַלפאָנסאָ פאַרבראַכט אין תשובה=הויז פון קאַלאַטראַוואַ. ער פּרוווט חרטה האָבן אויף דעם חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען אין לאַ=גאַליאַנאַ. ער באַמיט זיך תשובה צו טאָן. ער האָט אָבער נישט תשובה געטאָן. אַדרבא, ער פרייט זיך דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און ווייסט, אַז ער וועט זיך דערפון נישט אָפּזאָגן. די שטילע טעג פון דער קלויסטערישער אָפּגעזונדערטקייט האָט פאַרשטאַרקט זיין יוגנטלעכע עקשנות, וואָס ער האָט קעגנגעשטעלט דאָן ראָדריגען מיט זיינע תחינות. אויב ער האָט איצט געברענט פון בענקשאַפט נאָך רחלען, איז עס נישט געווען קיין גיהנום=פייער, נאָר אַ חסד פון גאָט. און ער איז געווען זיכער, אז ער וועט ראַטעווען איר נשמה.

אין אַזאַ שטימונג האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין טאָלעדאָ. אָנגערעגט דורך אַן אויסערלישן חרטה=געפיל, ווי ער וואָלט דורך אים געוואָלט געווינען דאָס, וואָס עס האָט פאַרנאַכלעסיקט בעת זיין אָנוועזנהייט אין קלויסטער, באַשליסט ער דעם טאָג צו פאַרבלייבן אין טאָלעדאָ און ערשט אויפצומאָרגנס זיך צוריקקערן אין לאַ=גאַליאַנאַ.

ער האָט זיך מיט התמדה א נעם געטאָן צו די ענינים, וואָס האָבן אים צוזאַמשטאַרקסטן אינטערעסירט.

דאָן פּעדראָ פון אַראַגאָן האָט צוגעגרייט א גרויסע אַרמיי, כדי אין דער נאָענטסטער צייט אַרויסצוטרעטן קעגן די מוסולמענער פון וואַלענסיע=געביט. דער ארציבישאָף האָט אים וועגן דעם געמאָלדן. דאָן מאַרטין האָט מיט פרייד אויפגענומען די ידיעה, אַז דעם קאָנאָניק איז געלונגען צו באַוועגן דעם קעניג זיך אָפּצוזונדערן אין שטילע קלויסטערישע געשפּרעכן מיט גאָט און אַז ער האָט אַן אויער פאַר גייסטלעכן מוסר. מיט קרעפטיקע ווערטער האָט דער אַרציבישאָף געמוסרט דעם קעניג, אַז עס איז א חרפּה און א שאַנד פאַר דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט,

וואָס דער גרעסטער קעניג פונעם שפּאַנישן האַלבאינדזל איז אומטעטיק, בעת אַראַגאָן טרעט שוין אַריין אין הייליקן קריג.

צו אַלפאָנסאָס שטויגונג איז דער קלויסטער אַרויסגעטראָטן מיט לויב געזאַנגען פאַרן זשאָנגלער כואַן וועלאַסקעז. געווייגלעך האָט זיך די קירך זייער שלעכט באַצויגן צו דער צווייזייטיקער קונסט פון די דאָזיקע פאָלקסטימלעכע זינגער. אָבער כואַן וועלאַסקעז האָט געוווּנען דעם אַרציבישאָפס האַרץ, אַזוי ווייט אַז ער האָט אים אַפילו דערלויבט צו זינגען און שפּילן אין זיין פּאַלאַץ. דאָן מאַרטין האָט געהאַלטן, אַז אויך דאָ: אַלפאָנסאָ וועט זיין צופרידן, ווען כואַן וועלאַסקעז וועט זינגען אויף קרעפטיקן קאַסטיליש וועגן דער טעטיקייט פון ראָלאַנד און סיד, שוין אָפּגערעדט פון דעם זשאָנגלערס אַקראָבאַטישע שטיק.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט פאַרבעטן צו זיך דעם זשאָנגלער. יאָ, מאַרטין האָט געטראָפן: די פּשוטע זאַפטיקע ראָמאַנסן האָבן אים גערירט.

ער טאָר מער נישט דערלאָזן, אַז זיין שווערד זאָל זשאַווערן. ער האָט געמאָלדן זיין אַלטן אויפריכטיקן דאָן מאַנריקע, אַז ער וועט ענדלעך אַרויסטרעטן אין קאַמף.

מאַנריקע האָט אָפּגעענטפערט, אַז זיין אומגעדולד איז נישט קלענער פון קעניגס. אָבער ווען דער הער עסקריוואַנאָ האָט, לויט זיין בקשה, אויסגערעכנט וויפל עס וועט קאָסטן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די האָפענונג אויף קריג איז פאַרלוירן. דאָן יהודה האָט אויסגערעכנט מיט אַראַבישע ציפערן. היות אָבער דאָן מאַנריקע איז צוגעוווינט צו רוימישע זענען אים די אַראַבישע ציפערן, וועלכע די קירך האָט אים פאַרווערט, געווען שווער צו לייענען. לייַדער זענען די סכומים, מיט וועלכע מען האָט אָפּערירט, געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געמוזט אָנקומען צו אַראַבישע ציפערן.

— זאָלסט זיך אַליין דורכשמועסן מיט דיין עסקריוואַנאָ, הער קעניג, — האָט מאַנריקע אויסגערופן, — וואָס אַזאַ קריג קעגן די קאַליפן דאַרף קאָסטן.

אַלפאָנסאָ האָט די גאַנצע צייט פּשוט מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט רחלס פאָטער, הגם ס'איז אים געווען טשעקאַווע זיך מיט אים צו באַגעגענען. אַזוי אָבער ווי דאָן מאַנריקע האָט זיך פאַררופן אויף אים, האָט ער באַשלאָסן אים צו פאַרבעטן צו זיך.

אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט געשיקט אַ שליח אין שלאָס איבן עזרא, האָט ער אויך אַוועקגעשיקט אַ שליחות צו דאָניאַ ראַקעל אין

לאַ־גאַליאַנאַ, ווו עס איז געווען קורץ געשריבן אויף אראביש, לאַטיין און קאַסטיליש:

— ביז מאָרגן, ביז מאָרגן, ביז מאָרגן.

בעת יהודה האָט געקריגן דעם אַרויסרוף פון קעניג האָט ער זיך אָפּגעשטעמט. וואָס עס זאָל נישט פּאַרקומען אויף דער באַגעגעניש, איז אַלץ בעסער ווי דאָס וואַרטן.

זיי זענען ביידע געשטאַנען איינער אַנטקעגנאיבער דעם צווייטן און ביידע האָבן אָנטדעקט ביי יעדנס אין יעדנס פּנים. יהודה האָט געזוכט שטריכן אינעם פּנים פון באַרבאַר, וועלכער האָט פאַרפירט זיין רחל, און דער קעניג האָט אויפגעכאַפּט אין יידנס פּנים שטריכן ענלעך צו די שטריכן פון זיין געליבטער.

— מיר שיינט, מיין עסקריוואַנאָ, — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט מיט אָנגעשטרענגטער מונטערקייט, — מיר זיצן געמיטלעך אייגנהיילט און וואָל אַדאַנק דיין פאָרזיכטיקייט און איך זע נישט קיין תכלית. איך וויל סוף־כל־סוף זיך אָנהייבן צו שלאָגן. דו האָסט אויסגערעכנט, אַז עס פּאָדערט זיך צוויי הונדערט טויזנט מאַראַוועדי. צי קאָן איך זיי באַקומען.

יהודה איז געווען גרייט אויסצוהערן און אָפּצוענטפערן אויף אַלע נאַרישע פּלאַפּלערייען פון קעניג, איידער ער וועט מיט אים פאַרפירן א שמועס וועגן די וויכטיקע אויפגאַבן. ער האָט אָפּגעענטפערט:

— דו קאָנסט עס באַקומען, הער קעניג, אָבער אין דעם פּאַל האַנדלט עס זיך נישט וועגן א מלחמה קעגן די קאַליפן, נאָר קעגן אַראַגאָן.

מענלעך, אַז איידער דער קעניג האָט נאָך אויפגעפּאַסט דעם עצם פון דער זאַך, איז ער שוין געווען צופרידן מיט יהודהס באַוואָרעניש, האָך איז ער צוגעשטאַנען:

— אויב אַראַגאָן קאָן אַרויסטרעטן אין קאַמף, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען?

— ווייל דיין קוזין פון אַראַגאָן האָט נישט געהאַט קיין וואָפנשטיל־שטאַנד מיטן עמיר פון וואַלענסיע, — האָט יהודה אָפּגעענטפערט.

— א מאַן, — האָט אַלפאָנסאָ טרויעריק געזאָגט, — וואָס האָט אַזויפיל ביינעטראַגן מיר אָנצוּוואַרפן דעם האָזיקן אומגליקלעכן שטיל־שטאַנד, וואָלט בעסער געטאָן, ווען ער וואָלט מיר וועגן דעם נישט דערמאָנט.

יהודהס פּנים איז פאַרבליבן אויסדרוקסלאָז.

— פּאַקטן, — האָט ער געזאָגט, — בלייבן, צי מיר רעדן וועגן זיי, צי ניין. איבעריקנס האַלט איך עס נישט פאַר ווארשיינלעך, אַז דאָן פּעדראָ גייט מלחמה האַלטן. מיין קוזין דאָך יוסף איבן עזרא האָט געגעבן מוט, כדי זיין קעניג אַריינצוזאָגן נישט קיין געשמאַקע זאַכן. ער וועט אים דערמאָנען, אַז דער קאַליף האָט בדעה זיך צוריקצוקערן פון מזרח אין זיין הויפּטשטאָט, און ער וועט אַריין אין אַנדאַלוזיע, אויב אַראַגאָן וועט אַרויסטרעטן. וואָס שייך אַראַגאָן קאָן זי אין מלחמה נישט אַריינ־טרעטן, כל־זמן זי איז איינע אַליין און נאָך ווייניקער קאָן אַרויסטרעטן קאַסטיליע.

דאָן אַלפאָנסאָ איז געזעסן די ליפּן צונויפגעפּרעסט און דעם שטערן שטאַרק אָנגעכמורעט. דאָס איז געווען כסדר דער זעלבער אויסרייד, אַז אַ קריג איז אוממעגלעך, כל־זמן מען וועט זיך נישט איבערבעטן מיטן תכשיט פון אַראַגאָן.

— איך ווייס, הער קעניג, — האָט יהודה געזאָגט מיט אַ האַסטיקער שטים, — אַז דיין האַרץ גליסט צו מלחמה. דיין מאַיעסטעט קאָן מיר גלויבן, אַז איך מיט מיין קוזין, דאָן יוסף, האַלטן מיר אין איין טראַכטן, ווי אַזוי איינצושטעלן אַן אמתן שלום צווישן אונדזערע ביידע ליכטיקע פירשטן.

דער קעניג האָט זיך נאָך מער אויפגערעגט. קיין שום איבן עזרא איז נישט אימשטאַנד צו דערגרייכן אַ שלום מיט אַראַגאָן. דאָס ווייסט דער ייד גאַנץ גוט, פּונקט ווי ער אַליין. צי חוזקט ער נישט פון אים?

דאָן יהודה האָט באַמערקט די אויפרעגונג פון קעניג עס איז איצט נישט די פּאַסיקע שעה, ער זאָל אים בעטן וועגן אַריינלאָזן די פּליטים. אָבער ער האָט דאָך געטאָן אַ נדר, פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען דער פינ־צטערער חרם. ס'איז שוין פאַרבליבן קנאַפּ צייט. און ווער קאָן וויסן, ווען עס וועט אים אויסקומען צו זען דעם קעניג אַ צווייט מאָל? ער מוז איצט רעדן. .

און ער האָט גערעדט.

אַלפאָנסאָ האָט זיך בייז צעגעהערט. איצט באַווייזט דער פּוקס זיין פּרצוף.

— צי האָסטו מיר דען נישט פאַרזיכערט, — האָט ער געזאָגט, — אַז דו וועסט מיר העלפן ענדלעך אָנצוהייבן דעם קריג? און איצט פאַרלאַנגסטו, איך זאָל דיינע יידן אַריינלאָזן קיין שפּאַניע? איך זאָג עס דיר אָפּן אין דיין כיטרען פּנים: דו ווילסט מיר שטערן מלחמה צו האַלטן.

הו טוסט אַלץ, כדי איך זאָל מיך פּאַראייניקן מיטן תכשיט פון אַראַגאָן. דו רייצסט מיך אָן אויף אַראַגאָן און דיין קוזין רייצט אָן אַראַגאָן אויף מיר. איר פויזעט, איר שקרנט און שווינדלט, איר עכטע באַנקירן, הענדלער און יחדן וואָס איר זענט!

דער קעניג האָט זיך נישט געקאָכט, ער האָט גערעדט געלאַסן. אין דערמיט איז זיין רעדע געוואָרן געפערלעכער.

— איך האָב נישט געוואָלט רעדן, — האָט יהודה געטראַכט, — אָבער איך האָב געמוזט רעדן. איך האָב דאָך געגעבן אַ שבועה צו גאָט און איך קאָן עס נישט צוריקציען.

— אומזיסט, הער קעניג, — האָט ער געזאָגט, — פאַרשאַפסטו מיר און מיין קוזין עגמת־נפש. מיר טוען, וואָס מיר קאָנען, אָבער לײדער איז אונדז נישט געלונגען, — און ער האָט מיט נאָך מער ברען צוגעגעבן: — איך ווייס פון עמעצן, וואָס קאָן מער אויפטאָן. דאָס איז דיין פרוי, די קעניגין. זי איז קלוגער פון אונדז אַלע. גיי צו איר, בעט זי, אַז זי זאָל זיך אונטערנעמען שלום צו מאַכן מיט דאָן פּעדראָ.

דער קעניג האָט געשפּריזט הין און צוריק.

— דו האָסט גרויס חוצפּה, הער עסקריוואַנאָ, — האָט ער אים פאָרגעוואָרפן און זיין געדריקטע שטים האָט קוים פאַרבאָרגן זיין כעס.

היות יהודה האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, האָט ער דרייסט פאָרגעזעצט:

— אויב אפילו דיין פרוי דער קעניגין וועט געלונגען דעם שלום הערבצופירן, דאַרף דאָס דויערן חדשים. זיי מוחל דעם פלאַכן סוחרישן מוח, אויב ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס זאָלן מיר די דאָזיקע פאָר חדשים נישט אויסנוצן אַרייגצוברענגען די פּליטים אין אונדזער לאַנד? זיי האָבן הענט און קעפּ, וועלכע מיר וועלן קאָנען אויסנוצן. דיינע לענדער זענען נאָך אַלץ אַנטבלויזט צוליב די אָפטע מלחמות. נעם אויף די דאָזיקע נוצלעכע איבערוואַנדערער. איך בעט דיך זייער, הער קעניג, וויש נישט אָפּ מיט אַ שנעלער האַנט מיינע גוטע כוונות. לייג דאָס אַלץ אויפן וואָגשאָל און זיי דיך מיישב.

אלפאָנסאָ האָט שטאַרק געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דעם דאָזיקן אומגעוואונטשענעם געשפּרעך. מעגלעך, אַז דער ייד איז גערעכט אין וואַרשיינלעך איז ער טאַקע גערעכט, און דער קעניג איז שוין געווען גרייט נאָכצוגעבן. דער קעניג האָט זיך פאַרטראַכט: דאָס וואָס דער ייד

האָט חוצפּה איז עס נישט צוליב זיינע וואָגיקע באַווייזן, נאָר צוליב עפּעס אַנדערש.

— זאָל זיין, אז דיינע באַווייזן זענען גוטע, — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט מיט כּעס, — אָבער עס זענען אויך פאַראַן קאָנטער־באַווייזן און די ווייסט זיי.

יהודה איז שוין געווען גרייט אים אָפּצוענטפערן, אָבער אַלפאָנסאָ איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— איך וויל דערפון מער נישט הערן, — האָט ער געשריגן.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען דאָס בלאַסע צעטומלטע פּנים פונעם ייִדן, ער האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם דאָזיקן מאָגם טאָכטער און האָט שנעל געענדערט דעם טאָן:

— זאָל זיין אַזוי, איך וועל אַלץ באַטראַכטן, נישט בלויז די קעגן־אַרגומענטן, נאָר אויך דיינע באַווייזן. — און מיט דער פריערדיקער געצווונגענער פריילעכקייט האָט ער צוגעגעבן: — און איך וועל אויך נישט פאַרגעסן די וואָל אין וועלכער דו האָסט מיך איינגעהילט.

זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. דער קעניג פול מיט חסד און דער ייִד פול מיט בלומרישטער הכנעה און האָפענונג, ביידע מיט אומצו־פרוי איינער צום צווייטן.

# קאַפּיטל דריי

רחל האָט זיך די גאַנצע צייט געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס עס האָט געקאָנט געשען מיט אַלפאָנסאָ, אַז ער זאָל זי אַ גאַנצע וואָך איבערלאָזן איינע אַליין. אומעטיקע געדאַנקען האָבן זי באַהערשט. זי האָט זיך שוין געהאַט איינגערעדט, אַז זיין גאָט האָט זיך צו איר גענומען.

דערווייל האָט זי באַקומען אַ בריוול געשריבן אין דריי שפּראַכן פון זיין לאַנד מיט איין איינציקן וואָרט: מאָרגן, מאָרגן, מאָרגן. און נאָכדעם איז ער אַליין געקומען.

קוים האָבן זיי דערזען איינער דעם צווייטן, ווי די אָפּשייד־טעג זענען תיכף פאַרשוווּנדן. אין דער פאַרגאַנגענער אומענדלעכער וואָך האָבן זיי בלויז געאָטעמט און נישט געלעבט. איצט לעבן זיי. מחוץ די ווענט פון דער לאַ־גאַליאַנאַ האָט פאַר זיי קיין שום לעבן נישט עקזיסטירט. זיי האָבן פאַר זיך אויסגעטראַכט אַ באַזונדערע שפּראַך, געמישט פון לאַטיין און אַראַביש, פול מיט קליינע סודותפולע כללים, און זיי האָבן קיין שום אַנדער שפּראַך נישט געדאַרפט. און נאָך בעסער האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען, בעת זיי האָבן געשוויגן.

חוץ דעם האָט זיך ביי זיי אַ סך געענדערט. זיי האָבן בעסער דערקענט איינער דעם צווייטן. אַלפאָנסאָ האָט פון צייט צו צייט דערשפּירט אין רחלס הנדלעך און ווערטער דאָס אומפאַרשטענדלעכע, צווייפלהאַפטע, וואָס פאַרבינדט זי מיט איר פאָלק, אַ פאַרשאָלטנס פון גאָט. און מיט אַ בייזער צופרידנקייט האָט ער זיך אַריינגענומען אין זינען אויסצוראָטן ביי איר די דאָזיקע אייגנשאַפטן. זי פון איר זייט, האָט נישט פאַרבאָרגן איר אומצופרידנקייט בנוגע זיין ליבע צום גרויסן הונט. עס האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז זי איז מיט עקל אַנטלאָפן פאַר זיינע הינט, וואָס זענען אויף איר גוטמוטיק געשפּרונגען. דעמלט האָט ער איר דערציילט מיט בייזער פריילעכקייט:

— מיר, שפּאַנישע פירשטן, ליבן אונדזערע חיות. מיינע אבות, די

אַלטע גאָטישע קעניגן, זענען געווען זיכער, אַז אין גן=עדן וועלן זיי געפינען זייערע הינט. אין קעגנפאַל, וואָס איז עס פאַר אַ גן=עדן. וואַרשיינלעך האָבן זיי געגלויבט אין דער חכמה פון דיין פיל געליבטן מוסא, אַז די נשמה פון דער בהמה גייט אינעם זעלבן אָרט, ווו די נשמה פונעם מענטש.

ער האָט דערזען, אַז זיין שפּאַס איז אים נישט געלונגען, האָט ער זיך שנעל צוריקגעצויגן:

— זיי מיר מוחל, מיין טייערע. דו פאַרטראָגסט נישט מיינע הינט, זיי פאַרשאַפן דיר עגמת=נפש, דאַן קאָן איך זיי אַוועקשיקן.

היות זי איז געווען אָנגעבלאָזן, האָט ער מיט נאָך מער ברען געוואָלט פאַרגלעטן זיין שולד.

— אויב דיר געפעלט אפשר נישט מיין גערטנער בעלאַרדאָ, קאָן איך אים אויך משלח זיין. — בלויז מיט גרויס מי האָט ער זיך געלאָזט אָפּזאָגן פון זיין כוונה.

צייטנוויז פלעגט אים אַריין אַ געדאַנק זי איבערצוצייגן אָנצונעמען דעם אמתן גלויבן. באַרירנדיק אָבער נאָענט דעם דאָזיקן ענין, האָט ער געפילט, אַז זיין אויפגאַבע איז אַ סך שווערער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. זי האָט נאָך אַפילו קיינמאָל נישט משיג געווען, וואָס איז אַ ריטער, וואָס איז ער אַליין. ער דאַרף זי צוערשט אַריינפירן אין דער ריטערישער אַטמאָספער, איר אויפקלערן דעם ריטערישן רום.

ער האָט פאַרבעטן דעם זשאָנגלער כואַן וועלאַסקעז אין לאַ=גאַליאַנאַ=שלאָס.

ווען רחל האָט זיך צוגעהערט צו דער פּשוטער גראָבער קריסטלעכער גיטאַרע, האָט זי זיך דערמאָנט אין די דעליקאַטע אַראַבישע האַרפעס, לוטניעס און פלייטן, ביים אויספירן זייער מיסמאר, שאַרוד און באַרבוט. אַדאַנק אָבער איר שנעלן, פיינעם געהער, אַדאַנק איר אָפענעם שכל, האָט זי שנעל תופס געווען דאָס לעבעדיקע אין דעם זשאָנגלערס פערזן און לידער. נישט תמיד האָט זי פאַרשטאַנען דעם גענויעם באַדייט פון זיין ווולגאַרן לאַטיין, דאָך האָט אויף איר געמאַכט אַ רושם די העלדיש ריטערלעכע פרייד פון זיינע לידער.

כואַן וועלאַסקעז האָט באַזונגען די העלדישקייט און דעם טויט פונעם מאַרקגראַף ראָלאַנד ברעטאַניע: ווי אין טאָל ראָנסעוואַל האָט ער מיט אַ האָפענונגסלאָז קליינער צאָל מענטשן זיך קעגנגעשטעלט גרויסע מחנות געצנדינער; ווי זיין פריינד אָליוויע האָט אים געראָטן בלאָזן אין זיין מעכטיקן אליפאַנט=האָרן און צוריקצורופן די חיילות פונעם גרויסן קייזער

קאַרל; ווי ראָלאַנד האָט זיך געוואַקלט, ווי זיינע ריטער האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע העלדישקייט, ווי זיי ווערן איינער נאָכן צווייטן דערהרגעט. און ווי ראָלאַנד אַליין איז פֿאַרווונדעט, ווי ער גייט איבערן שלאַכט־פֿעלד, אויפֿצוקלייבן זיינע טויטע פּאַלאַדינען און זיי אַוועקצוטראָגן צום אַרכיבישאָף טורפּין, ער זאָל זיי געבן די לעצטע ברכה. און ווי ראָלאַנד צולעצט, שוין צו שפּעט, שאַלט אין זיין האָרן און זיין קלאַנג הילכט איבער ווייטע בערג און טאָלן. און ווי ער איז אַ צווייט מאָל פֿאַרווונדעט געוואָרן, דאָסמאָל שווער. ווי ער וואַכט אויף פֿון דויערנדיקער אָנמאַכט, ווי ער איינער אַליין איז נאָר לעבעדיק אויפֿן ווייטן טויטן־פֿעלד. ער שפּירט, ווי דער טויט קומט אָן פֿון קאָפּ און לאָזט זיך אַראָפּ צום האַרץ. ער שלעפּט זיך צו מיט די לעצטע כּוחות אונטער אַ יאַדלעבוים, לייגט זיך אַוועק אין די גרינע גראָזן מיטן קאָפּ צו דרום, צו שפּאַניע, צום שונא און הייבט אויף די רעכטע הענטשקע צו גאָט. און דער הייליקער מלאך גבֿריאל האָט ביי אים צוגענומען די הענטשקע פֿון דער האַנט.

רחל האָט זיך צעגעהערט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם און געשטוינט ווי אַ קינד. זי האָט זיך פֿאַרטראַכט און עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז איינס איז איר נישט קלאָר: פֿאַרוואָס האָט דער העלד ראָלאַנד באַצייטנס נישט געבלאָזן אין האָרן, דעמאָלט וואָלט ער און זיינע ריטער לעבעדיקערהייט באַזיגט דעם שונא. דעם קעניג האָט פֿאַרדראָסן די האָזיקע שאלה. רחל האָט אָבער געבעטן דעם זינגער, ער זאָל איבערחזרן די פֿערזן פֿון ראָלאַנדס טויט. און אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט פֿרייד און באַגייסטערונג, און אַלפֿאָנסאָ איז געווען זיכער, אַז איר נשמה איז באַהערשט געוואָרן פֿון דער ריטערישער גרויסקייט.

אַז דאָס איז אַזוי, האָט עדות געזאָגט די צוגעגרייטע מתּנה, דאָס פֿאַנצער־העמד, וועגן וועלכן זי האָט אַמאָל מיט אים גערעדט.

דאָס פֿאַנצער־העמד איז געווען פֿון זעלטענעם בלוי־שוואַרצלעכן שטאָל און מיט זיינע לייכטע, עלעגאַנטע טיילן איז עס געווען אַ קונסט־ווערק. אַלפֿאָנסאָס העלע אויגן האָבן געשטראַלט. זי האָט אים געהאָלפֿן אָנטאָן דעם פֿאַנצער. ס'איז פֿאַקטיש געווען אַן ענין פֿון מעגלעכקייט און ס'איז אים נישט געפֿעלן, וואָס זי העלפֿט אים. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ איר עס אָפּצוזאָגן.

זי האָט אים אָנגעטאָן דאָס פֿאַנצער־העמד און, שפּאַסנדיק איז ער בעת מעשה געווען באַגייסטערט. העלדיש איז ער געשטאַנען אין זיין

שוואַרץ־בלויִלעכן פֿאַנצער. באַוועגלעך האָבן שימערירט די שופּן פֿון דעם אײַזן־העמד אַרום זײַן קרעפֿטיק אָטעמענדיקער ברוסט. העל האָבן אַרויסגעקוקט די אויגן דורך די שפּאַלטן פֿון וויזיער. זי האָט געפּאַטשט מיט די הענט און מיט קינדערישער אַנטציקונג אויסגערופֿן:

— אָ, מײַן טײַערער, דו ביסט דער גרעסטער פֿון גאָטס וווּנדער!

זי האָט געשפּרײַזט הין און צוריק, געדרייט זיך אַרום אים, געטאַנצט און געזונגען אַראַבישע פּערזן:

— אָ, איר העלדן, איר טראָגט די בלאַנקע שווערד, איר פּאָכעט מיטן שלאַנקן שפּיז, געוואַלדיק שטורמיש וואַרפֿט איר זיך אויף אײַערע שונאים. ס׳איז אַ גרויסע פֿרייד אײַך אין לידער צו באַזינגען!

צופֿרידן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט ער זיך צוגעהערט צו איר רייד. קיינמאָל האָט זי אים נישט געזונגען קיין קריגערישע לידער. איצט איז עס געקומען דערצו. איצט פֿילט זי, וואָס ס׳איז אַזוינס אַ קריגער. איצט קאָן ער מיט איר רעדן וועגן גרויסע, הייליקע זאַכן, וואָס וועט זי אויף אײביק פֿאַרבינדן מיט אים.

ער האָט זי צופֿעליק אַ פֿרעג געטאָן, צי וויל זי נישט גײן הערן מיט אים די מעסע. זי האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען איינער פֿון זײַנע שפּאַסן. זי האָט נישט ווילנדיק געשמייכלט. איר שמייכל האָט אים געערגערט. ער האָט זיך גלײַך באַהערשט און ערנסט־קינדעריש געזאָגט:

— זעסטו, מײַן ליבע פֿרוי, ווען דו וועסט זיך טויפֿן, דאַן ליידסטו אים נישט בלויז דײַן נשמה, נאָר באַפֿרײַסט אײַך מיך פֿון אַ שווערן חטא און דעמלט קאָנען מיר אָן זינד און אָן תשובה זיך פֿאַראייניקן אויף שטענדיק.

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ גליוביק און אומשולדיק פּנים, אַז רחל איז אומווילק געווירט געוואָרן.

מיטאַמאָל איז דער גאַנצער פֿינצטערער פּתרון פֿון זײַנע ווערטער דערגאַנגען צו איר באַוווּסטזײַן, און האָט זי שטאַרק אויפֿגערעגט. ער איז נישט צופֿרידן דערמיט, וואָס זי גיט אים, ער וויל חוץ דעם אויף אַ נאַריש־קריגערישן און גיריקן אופֿן אַוועקנעמען איר אומשטערבלעכע ירושה. צי איז פֿאַר אים נישט גענוג, וואָס זי האָט שוין אַרויסגערופֿן קעגן זיך גאָטס צאָרן דערמיט, וואָס זי האָט זיך פֿאַרבונדן מיט דעם אומגלויביקן — זי רעדט, עסט, באָדט זיך און שלאָפֿט מיט אים? איר לעבעדיק פּנים האָט עדות געזאָגט אויף איר צער און עגמת־נפש.

אלפאָנסאָ האָט זיך אומגעלומפּערט באַמיט זי צוצורעדן. איר ווידערשטאַנד איז געווען א שטילער, שווייגנדיקער און אַנטשיידענער.

זי האָט געוווסט, אַז ער איז געווען אַן ענערגישער קעמפער, אַז ער וועט זיך נישט באַרואיקן און ווי זיכער זי איז נישט געווען אין איר גלויבן, האָט זי געזוכט אונטערשטיצונג ביי איר פאָטער און ביי מוסאן.

זי האָט דערציילט דעם טאַטן, אז אַלפאָנסאָ שטייט צו איר צו, זי זאָל זיך טויפן. דאָן יהודה איז בלאַס געוואָרן. זי האָט שטיל געזאָגט:

— איך בעט דיך, מיין פאָטער, ערגער מיך נישט מיט דיין צער. דו האָסט מיך געלערנט, אַז איך בין אַן איבן עזרא און האָב א חלק אינעם גרויסן הייליקן ספר. איך האָב עס גוט פאַרשטאַנען.

מיט מוסאן האָט זי גערעדט גאַנץ אָפן. אים האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט מורא פאַרן העפטיקן קאַמף, וואָס שטייט איר פאָר.

מוסא האָט געהאַלטן איר האַנט און איר דערציילט וועגן די יידישע פרויען פונעם נביא מאַכמעד. צוערשט האָט דער נביא געוואָלט מיט גוטן געווינען די יידן פאַר זיינע אַנטפּלעקונגען. היות די יידן זענען געווען פאַרעקשנט, האָט ער זיי באַקעמפט מיטן שווערד און א סך פון זיי אויסגעהרגעט. אויף איינעם פון זיינע פעלד־צוגן איז צו אים אין לאַגער געקומען א יידיש מיידל מיטן נאָמען זאַינאַב. וועמענס טאַטע און ברודער זענען דערהרגעט געוואָרן הורך מוסולמענישע זעלנער. זאַינאַב האָט דער־קלערט, אַז לויט איר געדאַנק איז נישטאָ קיין אַנדער גאָט אַחוץ אללאה. זי האָט געשמייכלט צום נביא מיט ווערטער און באַוועגונגען, זי האָט אים אַרויסגעוויזן גרוים ליבע, און זי האָט אויסגענומען אין זיינע אויגן, ער איז געשלאָפן מיט איר, האָט זי געבראַכט אין זיין האַרעם און זי איז ביי אים געוואָרן די אויסדערוויילטע פון אַלע זיינע ווייבער. און זאַינאַב האָט אים געפרעגט, וואָסער עסן ער האָט צומערסטן ליב. און ער האָט געענטפערט: „דעם רוקן פון א יונגן לאַם“. זי האָט אויסגעבראָטן א לאַם פאַר אים און פאַר זיינע פריינד און זיי האָבן געגעסן. אָבער אינעם רוקן פונעם לאַם האָט זי אַריינגעגאָסן זאַפט פון א שטאַרקן סם. איינער פון זיינע פריינד האָט געגעסן און איז גלייך געשטאָרבן. דער נביא האָט תיכף אויסגעשפּיגן דעם ערשטן ביסן און דאָך איז ער קראַנק געוואָרן, די יידישקע זאַינאַב האָט דערקלערט, אַז זי האָט געוואָלט געבן דעם נביא א געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז ער איז דער געליבטער פון א ל ל א ה. אזא איינעם קאָן קיין שום סם נישט שאַדן. און ווער עס איז נישט זיין

ליבלינג, דער האָט פֿאַרדינט צו שטאַרבן. אייניקע זאָגן, אַז דער נביא האָט איר מוחל געווען, אַנדערע ווידער, אַז ער האָט זי אומגעבראַכט.

די שטאָט קאַיבאַר מיט כמעט אַן אויסשליסלעכער יידישער באַפֿעלקערונג, האָט געשטעלט מאַכמעדן אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד. ס'רוב מענער זענען אומגעקומען. די איבעריקע, בערך זעקס הונדערט יידן, האָט דער נביא געהייסן, נאָכן איינעמען די שטאָט, אָפּהאַקן די קעפּ. צווישן די געפֿאַנגענע פֿרויען איז געווען אַ געוויסע סאַפֿיאַ. איר מאַן איז געהרגעט געוואָרן און איר פֿאָטער געקעפּט. סאַפֿיאַ איז נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט געווען, נאָר זי איז געווען אַזוי שיין, אַז מאַכמעד האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין האַרעם, הגם זי האָט שוין געלעבט מיט אַ מאַן. ער האָט זי שטאַרק געליבט, ער האָט פֿאַר איר געבויגן די קני, עס זאָל איר לייכטער זיין אַרויפֿצושטייגן אויף אַ קעמל, ער האָט זי באַוואָרפֿן מיט אוצרות און ער האָט זיך מיט איר נישט געקאָנט אָנזעטיקן ביזן סאַמע טויט. זי האָט אים איבערגעלעבט צו פֿינף און פֿערציק יאָר. אַזוי האָט דערציילט מוסאַ.

— הייסט עס, אַז די האָזיקע אַלע פֿרויען האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אמתן גאָט? — האָט רחל געפֿרעגט.

— ווען מאַכמעדס לערע וואָלט באמת באַגייסטערט דאָס מיידל זאַינאַב, — האָט מוסאַ אָפּגעענטפֿערט, — דעמלט וואָלט זי נישט געפֿרווט אים אָפּצוטמען. און וואָס שייך סאַפֿיאַ, האָט זי איר גאַנצע עשירות אָפּגעגעבן אירע קרובים, וועלכע זענען פֿאַרבליבן יידן.

שפּעטער האָט רחל געפֿרעגט:

— דו רעדסט זייער אָפֿט אָן יראת הכבוד וועגן דעם נביא, טאָ פֿאַרוואָס פֿאַרבלייבסטו ביים איסלאַם, פֿעטער מוסאַ?

— איך גלויב אין דריי רעליגיעס, — האָט מוסאַ געענטפֿערט. — יעדע איינע האָט איר גוטע זייט און יעדע איינע לערנט זאַכן, וואָס דער גלויבן איז אין סתירה מיטן שכל־הישר.

ער איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש, געצייכנט קרייזן, אַראַבעסקן און פֿון הינטער דער פּלייצע האָט ער צו איר געזאָגט:

— כּל־זמן איך בין איבערצייגט, אַז דער גלויבן פֿון מיין פֿאָלק איז נישט ערגער פֿון אַנדערע גלויבנס, וועל איך צו זיך אַליין שפּירן אַן עקל, ווען איך וועל פֿאַרלאָזן די געמיינשאַפֿט, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן.

ער האָט געערעדט רואיק, מיט אַ גלייכמעסיקער שטים, און זיינע ווערטער האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין רחלס זכרון.

ווען מוסא האָט זיך געפונען אַליין, האָט ער געוואָלט אַרבעטן איבער זיין „מוסולמענישע געשיכטע". ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט רחלען. ער האָט זיך געוווּנדערט איבער די שטאַרקע ווערטער, וואָס ער האָט באַנוצט, און ס'איז אים געווען אוממעגלעך צוצופעסטיקן זיינע געדאַנקען צו זיין ווערק.

אַנשטאָט דעם האָט ער געשריבן פּערזן: „ס'איז איצט אַ צייט פון כלי־זיין, ריטערס, אייזן און געפּילדער, די ווערטער פון חכמים סקריפּען, אַנשטאָט זיי זאָלן שטיל זיין, ווי דאָס רוישן פונעם מערב־ווינט אויף די שפּיצן פון די ביימער".

דאָן ראַדריגע האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם חסד, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין גורל, וועגן זיין התלהבות, וועגן די פרוכטן פון זיין אַסקעטיזם. ער איז געווען מיט לייב און לעבן אַ פאָרשער, אַ געלערנטער ער איז געווען אויפריכטיק. נישט געקוקט אויף זיין פרומקייט, האָט עס איבגעצויגן צום שאַרפן ספקותדיקן דענקען. אים האָט געלאָקט די וווּנדערלעכע שפּיל פון פאַרשטאַנד, און ער האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן מיט זיך אַליין אָדער מיט אַנדערע צו באַהאַנדלען טעזן פאַר און קעגן. צווישן די טעאָלאָגן פון זיין צייט האָט ער צוממערסטן ליב געהאַט אַבעלאַרן, ווייל פון זיין לערע, וואָס איז געשטיצט אויף דער גרויסער היירנישער פילאָזאָפיע, איז דער וועג צו דער עוואַנגעליע אַ סך קירצער, ווי צום תנ"ך. אָט דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און דערפאַר האָט ער זיך כסדר אַליין מער און מער פאַרטיפט אין אַבעלאַרס חריפותדיקע ווערק, וועגן דעם Sic et non*) אין די הייליקע שריפטן, וווּ איין זאַץ איז אין סתירה מיטן צווייטן און דעם לייענער ווערט איבערגעלאָזן די בחירה אַליין צו אַנטשיידן.

דאָן ראַדריגע האָט געשפּירט, אַז ער וועט זיך מוזן לאָזן אויף די ווייטסטע געפערלעכסטע גרענעצן פון דעם דאָזיקן געביט. נאָר אין זיין נשמה איז פאַרבליבן אַ שטח, וווּהין די ספקות פון נייגעריקן פאַרשטאַנד

*) יאָ און ניין (לאַטיין).

האָבן נישט דערגרייכט. אָט דאָרט האָט ער געפונען א מקלט פאַר זיינע אַלע נסיונות.

די דאָזיקע שטילע פעסטע אמונה דערלויבט אים צו באַזוכן דעם קאַסטיליא איבן עזרא און פירן פריינדשאַפטלעכע וויכוחים מיטן אַפּיקורס מוסא.

מוסא, פון זיין זייט, האָט געוווסט, אז מיטן קאַנאָניק דאַרף ער נישט מורא האָבן צו רעדן וועגן וואָס ער וויל, און ער האָט זיך אַפילו נישט געשעמט צו כאַפּן א שמועס וועגן אַזעלכע געשעענישן, ווי למשל: „דעם קעניגס ליבע=אינטריגע".

— אונדזער פריינד יהודה, — האָט ער געזאָגט — האָט געהאָפט, אז רחל מיט אירע אומשולדיקע, צאַרטע זיטן וועט צוימען דעם ווילדן זעלנער אַלפאָנסאָ. אָנשטאָט דעם איז זי פאַרכישופט פון דעם דאָזיקן ענערגישן פאַרשוין. איך האָב מורא, אַז דאָס לעבן אין לאַ=גאַליאַנאַ וועט גיכער אין אונדזער רחלען אַריינהויכן דעם ריטערישן גייסט, איידער דעם קעניג פאַרוואַנדלען אין א רודף=שלומניק.

— עס איז שווער צו פאַרלאַנגען, — האָט אָפּגעענטפערט ראָדריגע, — אז דאָן אַלפאָנסאָ זאָל אין דעם איצטיקן קרייץ=צוג זיין א בעלן אויסצוהערן שלום=געזאַנגען.

מוסא איז רחבותדיק געזעסן אין א ווינקל, עטוואָס איינגעבויגן פאָרויס און אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען:

— אייערע קרייץ=צוגן! עס לייגט זיך מיר נישט אין קאָפּ! איר האָט אייער משיח געקרוינט מיטן נאָמען פירשט פון שלום און גלייכצייטיק מיט פרומקייט און גלויבן רופט איר אין זיין נאָמען צום קריג.

— עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס האָט איר אויסגעטראַכט דעם הייליקן קריג, — האָט מילד געזאָגט דער קאַנאָניק, — צי האָט נישט מאַכמעד פאַרעפנטלעכט די לערע וועגן דזשיכאַד? אונדזער Bellum sacrum (הייליקער קריג) איז בלויז א פאַרטיידיקונג קעגן אייער דזשיכאַד.

— אָבער דער נביא, — האָט מוסא אויסגעטייטשט, — האָט דעם קריג פאָרגעשריבן בלויז דעם, וועלכער איז זיכער אין זיין נצחון.

מוסא האָט דערשפירט, אז דער דאָזיקער ענטפער האָט אויפגערעגט זיין גאַסט, האָט ער תיכף העפלעך געענדערט דעם געשפרעך.

— דער גורל מאַכט אויסטערלישע אומוועגן, — האָט ער אויסגעפירט, — כדי אונדזער האַלב=אינדזל זאָל אויסמיידן דעם קריג. מיר

האָבן אַלע מורא געהאַט, אַז די איצטיקע ליידנשאַפט פֿון אונדזער קעניג וועט צו אומגליק דערפֿירן, און ס'ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז זי ברענגט גליק. ווייל כל־זמן אונדזער רחל וועט איינהאַלטן דעם קעניג, וועט ער קענען די קאַליפֿן נישט אַרויסטרעטן. ס'איז הפקרות און קינדערישקייט, ווען די מאַכט שפּילט זיך דערמיט, וואָס איך באַצייכן עס מיטן באַגריף קאַדאַר און דו, מיין ליבער פֿריינד, רופֿסט אָן השגחה.

נאָך אַזאַ מין אַרויסרוף האָט דער קאַנאָניק פּראָטעסטירט קעגן מוסאס לעסטערונגען:

— אויב דו לעסטערסט די געטלעכקייט דערפֿאַר, ווייל זי איז בלינד, אומזיניק און אומבארעכנט, טאָ וואָס שטרעבסטו נאָך חכמה. צו וואָס טויג דיר די חכמה?

— קיין סך נוצן, — האָט מוסא גערן צוגעגעבן, — ברענגט זי טאַקע נישט אין אויפֿצוקלערן די צווייַדייטיקייט פֿון געשעענישן און זייערע אינערלעכע ווידערשפּרוכן, אָבער די דערקענטעניש וואַרעמט מיין האַרץ, און איך מוז מודה זיין, מיין הויך־געשעצטער פֿריינד, אַז אויך דיר פֿאַרשאַפֿט עס גרויס פֿרייד.

נאָך אַזעלכע געשפּרעכן מאַכט זיך דאָן ראָדריגע פֿאַרוואָרפֿן הלמאַי עס פֿרייט אים דער קאָנטאַקט מיטן גאָטלאָזן מוסא און שלאָגט זיך מיט דער דעה, צי זאָל ער נישט איינגאַנצן אויפֿהערן, אָדער לפּחות באַגרענעצן זיינע באַזוכן אין קאַסטיליאָ איבן עזרא.

אָבער דאָ אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אים גאָטס־פֿינגער: דער קעניג, וועלכער האָט אים דערקלערט, אַז אים אַליין וועט זיין שווער צו ברעכן די אומגלייביקע קאָרע פֿון רחלס האַרץ, האָט זיך צו אים געווענדעט נאָך הילף און ער טאָר אים נישט אָפּזאָגן אין אַזאַ פֿרומען פֿאַרלאַנג, דעריבער האָט ער באַשלאָסן פֿאָרצוזעצן זיינע באַזוכן אין שלאָס איבן עזרא.

און אָט זיצן זיי ווידער אינעם רונדיקן זאַל, מוסא, רחל, דער קאַנאָניק און דער יונגער דאָן בנימין. אים האָט דאָן ראָדריגע ספּעציעל געבראַכט אהער, כּדי מיט אים צו פֿאַרמאַסקירן זיין כּוונה צו באַקערן רחלען צום קריסטנטום.

ס'איז בנימינען נישט לייכט אָנגעקומען בלייבן גלייכגילטיק בנוגע רחלען. אין די לעצטע פֿאַר וואָכן האָט ער כּסדר געטראַכט וועגן איר גורל, וואָס האָט איר אָנגעוואָרפֿן אַזאַ שווער און געפֿערלעך גליק. איצט, ווען זי איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין דער לאַ־גאַליאַנאַ, האָט ער דערפֿילט,

וואָס זי איז פאַר אים געווען, און תאווה געמישט מיט ביטערער הכנעה האָט איצט באַפאַרבט און פאַרטיפט זיין פריינדשאַפט צו איר.

ער האָט געמיינט, אַז ער וועט באַגעגענען אַ שטאַרק־פאַרענדערטע רחל. אָבער זי, וואָס איז פאַר אים געווען, איז געווען די זעלבע פריערדיקע רחל, ער איז געווען אַנטוישט, אָבער גלייכצייטיק גליקלעך. דער יונגער בנימין, מיט סיסטעמאַטישער וויסנשאַפט, האָט נישט געקאָנט ברענגען אין אָרדענונג זיינע געדאַנקען. אומבאַמערקט האָט ער אָן אויפהער געפאָרשט איר פּנים, מיט איין אויער זיך צוגעהערט, וואָס אַנדערע רעדן און אַליין געשוויגן.

פון זיין זייט, האָט דאָן ראָדריגע געוואַרט אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט, פאַנאַנדערצוּוויקלען זיין טעמע וועגן באַקערונג. ער איז בטבע נישט געווען קיין היציקער מענטש, ער האָט פיינט געהאַט אומגעלומפּערטקייט, האָט ער געוואַרט אויפן געהעריקן וואָרט, צו וועלכן ער זאָל קאָנען אָנקניפּן זיינע געדאַנקען. און אַזאַ מאָמענט איז אָנגעקומען, ווען מוסאַ האָט אַנטוויקלט זיין באַליבטע טעמע, אַז דאָס בליען און אָפּלעבן פון פעלקער איז פאָרויס באַשטימט דורך זייער גורל.

דער קאַנאָניק איז מיט דעם מסכים געווען, ער האָט אָבער זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז ווייניק פעלקער גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, ווען זייער צייט איז פאַרביי.

— אָט לאָמיר נעמען דאָס יידישע פאָלק — האָט ראָדריגע געזאָגט, — מען קאָן נאָך דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אין הונדערט אָדער אין צוויי הונדערט יאָר נאָך קריסטוסעס באַווייזן, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי זייער תנ"ך און געהאָפט, אַז דאָס קעניגרייך פון ישראל וועט ווידער אויפשטיין. אָבער איצט איז שוין פאָריבער טויזנט יאָר, ווי זיי לעבן אין עלנט און ווילן בשום אופן נישט מסכים זיין, אַז די נביאות פון ישעיה איז דערפילט געוואָרן מיט דעם אָנקום פון קריסטוסן. זיי ווילן איבערקלייבן די צייט און, נישט געקוקט אויף אַלע וואַרשיינלעכקייטן, האָבן זיי זיך פאַרעקשנט אין זייערע פאַרבלענדעניש.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף רחלען, נאָכדעם אויף בנימינען. ס'איז אויסגעקומען, אַז ער פרעדיקט נישט, נאָר פירט אַ געשפרעך מיט מוסאַן, ווי איין פילאָזאָף מיטן צווייטן. בנימין האָט אָבער דערשפירט, צו וואָס ער שטרעבט, אַז ער וויל אויף אַ פרומען אכזריותדיקן אופן אַרייסרופן ביי רחלען אַן עקל צום יידנטום, און בנימין האָט זיך תיכף אויפגעכאַפּט פון זיינע טרוימען און אָנגעהויבן רעדן.

— מיר ווילן באין אופן נישט איבערכיטרעווען די צייט, הויך־געשעצטער פאטער, — האט בנימין פארטיידיקט רחלס און אויך זיין אמונה, — ווייל מיר ווייסן, אז די צייט איז נישט קעגן אונדז, נאר מיט אונדז. מיר טײַטשן אויס די זיג־הבטחות פון אונדזערע הייליקע ספרים נישט סתם ווערטלעך. נישט זיגן פון שווערד האבן אונדזערע נביאים פארשפראכן, און נישט צו אזעלכע נצחונות שטרעבן מיר. מיר האלטן נישט שטארק פון ריטער, קריגס־קנעכט און באלאגערונגס־מאשינען. אזעלכע הערפאלגן האבן נישט קיין שום קיום. אונדזער ירושה איז דער תנ"ך. אין א משך פון צוויי טויזנט יאר האבן מיר זיך ביי אים געהאלטן. ער האט אונדז צוזאמענגעבונדן אין אונדזער עלנט, אין אונדזער גלות, פונקט אזוי, ווי אין אונדזער גלאנץ. בלויז מיר אליין פארשטייען זיין באדייטונג. זיין געבאט — דאס איז נצחון פון גייסט, און דעם דאזיקן נצחון קאן ביי אונדז נישט אוועקנעמען קיין שום קרייץ־צוג, קיין הזשיכאד.

— יא, — האט ראדריגע געזאגט מיט אומעטיקן שפאס: „Eritis sicut dii, scientes bonum et malum“*) כסדר גלויבט איר אין די ווערטער פון דער גן־עדן־שלאנג. און היות איר זענט פריער פון אנדערע געבענטשט געווארן מיט פארשטאנד, מיינט איר, אז איר ווייסט אלץ. אט, גראד די דאזיקע פינצטערניש מאכט אייך בלינד און שטערט אייך צו באגרייפן דאס, וואס לאזט זיך ממש אנטאפן מיט דער האנט, אז משיח איז שוין לאנג געקומען. די צייט האט אלץ אויסגעפילט, די צוזאגן זענען מקוים געווארן. אלע זעען עס, נאר איר אליין ווילט עס נישט זען.

— צי זענען באמת געקומען משיחס צייטן? — האט פארביטערט אפגעענטפערט דאן בנימין — איך זע דאס נישט. איך זע נישט, אז איר זאלט אייערע שווערדן איבערשמידן אויף אקער־אייזנס און אייערע שפיזן אויף מעסער. איך זע נישט, אז אלפאנסא זאל זיך חברן מיטן קאליף. אונדזער משיח וועט ברענגען דער וועלט דעם אמתן שלום. וואס ווייסט איר פון שלום? איר פארשטייט צומאל נישט דעם באדייט פון דעם דאזיקן ווארט! איר קענט אפילו נישט דאס ווארט איבערזעצן אויף אייערע ארעמע שפראכן!

— דו פארטיידיקסט אייער קריגעריש דעם שלום, מיין ליבער דאן בנימין, — האט מוסא זיך באמיט אים צו בארואיקן.

*) איר וועט זיין צוגלייך מיט געטער, וואס ווייסן פון גוטס און שלעכטס (בראשית ג') (לאטיין).

אָבער בגימין האָט אים נישט געהערט, באַגייסטערט פון רחלס נאָענט־קייט, האָט ער אויסגערופן:

— וואָסער ווערט האָט אייער נישטיקער פּאַקט (שלום), אייער truga dei (גאָטס וואָפנשטילשטאַנד). דער יידישער שלום, דאָס איז שלימות, דאָס איז גליק, און אַלץ וואָס איז נישט שלום איז שלעכטס. אונ־זער דוד המלך איז נישט באַשערט געווען צו בויען דעם בית־המקדש, ווייל ער איז געווען בלויז אַ דעראָבערונגס־מאַן און אַ גרויסער מלך. ערשט שלמה המלך, דער קעניג פון שלום, האָט אים געבויט, ווייל אין זיינע צייטן האָט יעדער איינער זיכער געלעבט אונטער זיין ווייגאָרטן, אונטער זיין פייגנבוים. אויב עס הענגט וועלכע עס איז וואָפן אויפן מזבח איז ער דער־מיט פאַרשוועכט, ער איז גאָט נישט געפעלן. אָט דאָס איז אונדזער תורה. אָבער איר גיט אָפּ כבוד אייער משיח און גלייכצייטיק צעשטערט איר און פאַרברענט זיין שטאָט ירושלים, די שטאָט פון שלום. מיר זענען אָרעם און נאַקעט, אָבער די נאַראָנים זענט איר מיט אייער גאַנצן גלאַנץ און וואָפן־באַפּוצונגען. אונדז איז דאָס לאַנד פאַרשפּראָכן, צו אונדז געהערט עס. און ווייל עס שטייט אַזוי געשריבן אין תנ"ך, האַלט איר דעריבער מלחמה, איר און די מוסולמענער. עס איז פשוט צו לאַכן, ווען עס וואָלט נישט געווען אַזוי האַרץ־רייסנדיק, אַזוי טרויעריק.

דאָן בגימינס התלהבות האָט ווייכער געמאַכט דאָס האַרץ פונעם קאַ־נאָניק.

— דו רעדסט וועגן גליק מיין זון, — האָט ער געזאָגט, — און האָסט זיך אויסגעדריקט, אַז שלום קומט אייך בירושה. אויך מיר ווייסן וואָס עס איז אַזוינס גליק. דער חילוק איז דער, וואָס ביי אונדז הייסט עס אַנדערש. ס'איז אָבער נישט וויכטיק. ביי אייך הייסט עס שלום און מיר האָבן עס אַ נאָמען געגעבן גלויבן, חסד. — און דאָ האָט דער שעמעוודיקער ראָדריגע געמוזט אויסזאָגן דאָס, וואָס עס איז געווען פאַרשטעקט אין זיין בוזעם. — דער חסד, מיין זון, איז נישט קיין געבאָט פון דער ווייטער צו־קונפט, ער געפינט זיך אין דער וועלט. איך בין נישט אַזאַ רעדנער ווי דו און איך קאָן דעם חסד פינקטלעך נישט אויסטייטשן. דאָס קאָן מען נישט משיג זיין מיט דער אָנשטרענגונג פון שכל און מען קאָן עס נישט זען מיטן אויג. עס איז דאָס העכסטע געשאַנק פון גאָט. דערצו איז דאָ איין עצה: תפילה טאָן — און מיט גרויס באַגייסטערונג האָט ער צוגעגעבן: — איך ווייס, אַז חסד עקזיסטירט. איך בין גליקלעך אין מיין גלויבן. און איך בעט ביים אויבערשטן, אַז ער זאָל אויך אַנדערע באַגליקן מיט זיין חסד.

אַזעלכע געשפּרעכן, וואָסער גלויבן איז בעסער, האָט געפירט דער גאַנצער מערב. איבער דער דאָזיקער מחלוקת וועגן דער בכורה פונעם קריסטנטום איז געפירט געוואָרן די מלחמה. און צעפלאַמט האָבן זיך די הערצער ביי די דאָזיקע דיסקוסיעס.

אויך אין מוסאס רונדיקן זאַל האָבן זיך אָפט געפירט דיסקוסיעס וועגן גלויבן צווישן דעם קאַנאָניק און דאָן בנימין. איצט אָבער האָט זיך בנימין אַ ביסל איינגעהאַלטן, ער האָט נישט געוואָלט זיין חשובן לערער פאַרשאַפן עגמת־נפש מיט זיינע בייזע אָנגריפן. אָבער רחל האָט קענטיק נישט געדאַרפט קיין שום אויפמונטערונג אין איר גלויבן. נאָך ביי זיין ערשטן אָנגריף האָט בנימין מיט פרייד באַמערקט איר אויפמערקזאַמקייט צו זיינע רייד. אין זיינע שפּעטערדיקע וויכוחים האָט ער בלויז אָנגעוויזן אויפן אינערלעכן שכל־הישר פונעם יידנטום, וועמענס גאָט פאָדערט נישט פון זיינע גלויביקע קיין שום קרבנות מצד זייער פאַרשטאַנד. מיט וויסנשאַפטלעכער געלאַסנקייט האָט ער ציטירט פּערזן פונעם פּאָעט רב יהודה הלוי, פונעם בוך „צו פאַרטיידיקונג פונעם אָפּגעשוואַכטן גלויבן“, אָדער ער האָט געבראַכט בולטע ראיות פון די ווערק פונעם גרויסן משה בן מימון, וועלכער בליט איצט אין קאַיר. דער קאַנאָניק האָט אים אַנטקעגנגעשטעלט אַרגומענטן פונעם הייליקן אויגוסטין, אָדער פון אַבעלאַרן. רחל האָט זעלטן גערעדט און זעלטן געשטעלט פראַגן. זי האָט זיך צוגעהאָרכט מיט גרויס התמדה און פאַרשטאַנען זיינע רייד. זי און בנימין זענען ווידער געוואָרן נאָענט איינער צו דעם אַנדערן.

בנימין האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, אַז ער האָט זי ליב. אָבער ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט זיך געהאַלטן ווי אַ פריינד. רחל און ער האָבן זיך געפילט יונג אין קעגנוואַרט פון די עלטערע מענער, זיי זענען געווען גוטע חברים.

איינמאָל, בעת מוסאַ מיט ראָדריגען זענען געבליבן איינע אַליין, האָט מוסאַ אים געשטעלט אַ שאלה, פאַרוואָס ער וויל רחלען אַנטפּלעקן אין איר גלויבן. אַפילו אַבעלאַר, וועלכן ראָדריגע האָט פאַרגעטערט, האָט געלערנט, אַז מען דאַרף טאָלערירן פרעמדע גלויבנס כל־זמן זיי ווידערשפּרעכן נישט די געבאָטן פונעם נאַטירלעכן פאַרשטאַנד.

— צי ווייס איך אַרויס צו דיר קנאַפּ טאָלעראַנץ, מיין חשובער מוסאַ? — האָט געפרעגט דער קאַנאָניק. — דו קאָנסט זיך גאָרנישט פאַרשטעלן סאַראַ גרויסע פרייד עס וואָלט פאַר מיר געווען, ווען אַזאַ „Mens regalis“ אַזאַ קעניגלעכער גייסט ווי דיינער, וואָלט געקרוינט געוואָרן

מיט גאָטס חסד. איך בין אָבער נישט אַזוי פאַרריסן זיך איינצורעדן, אַז מיר וועט באַשערט זיין דיין וועג צו באַלייכטן. בטבע קאָן איך נישט אַרויסווייזן קיין צו גרויסע התמהה און עס ליגט נישט אין מיין כאַראַקטער יענעם צו באַקעמפן. דו ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט. אָבער ווען איך באַטראַכט דאָס צאַרטע, בילדלעך אומשולדיק פנים פון אונדזער רחל, דערמלט דערוועקט זיך אין מיר אַ פאַרלאַנג איר נשמה צו ראַטעווען. היות די דאָזיקע גוטע פאַרקינדיקונג איז מיר באַוווּסט, וואָלט איך געווען אַ גרויסער בעל־עבירה, ווען איך פאַרשווייג זי.

דער קעניג איז געוואָרן אומגעדולדיק, זעענדיק, אַז זיינע און ראָן ראָדריגעס באַמיונגען צו ראַטעווען רחלס נשמה האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

ער איז געשטאַנען מיט רחלען פאַר אַ באַנד העברעיִשע שפּרוכן. מיט וואָכן צוריק האָט זי אים די דאָזיקע פסוקים איבערגעלייענט און איבערגעזעצט און אַדאַנק זיין גוטן זכרון האָט ער זיי איצט איבערגעחזרט וואָרט ביי וואָרט:

„איך וועל דיינע גאַסן אויסברוקירן מיט איידל־שטיינער און דיינע הייזער אויסבויען פון קרישטאָל. קיין שום כלי־זיין זאָל נישט האָבן אויף דיר קיין שליטה און פאַרשאָלטן זאָל ווערן די צונג, וואָס טוט דיך זידלען".

מיט אַ טאָן פון חוזק האָט געקלונגען זיין שטים, זיינע שמאָלע ליפּן האָבן זיך צונויפגעצויגן אין אַ בייזן שמייכל.

— איך פאַרשטיי באמת נישט, האָט ער געזאָגט, — פאַרוואָס דו האָסט גראָד דעם דאָזיקן שפּרוך איבערגעזעצט. צי מאַכסטו דיך בלינד? ווו זענען איירע גאַסן פון איידלשטיינער? שוין העכער טויזנט יאָר זענט איר עלנט און אָנמעכטיק און לעבט פון אונדזער מיטלייד צו אייך. ווי לאַנג נאָך וועט איר אייער טרויעריקע גאַקעטקייט באַפּוצן מיט בונטע פּוסט־געוואָרענע געבאָטן? עס טוט מיר לייד, וואָס אויך דו ביסט אַזוי פאַרטעמפּט.

צום ערשטן מאָל האָט ער גערעדט צו איר אויף אַזאַ גראָבן אופן. אך, זי וואָלט געקאָנט אָפּענטפערן אויף זיינע פאַלשע בייזע רייד, נאָר זי האָט געוואָלט אויסמיידן קריגערייען. זי האָט זיך רואיק אָפּגערופן:

— אייער גרויסער דאָקטאָר אַבעלאַרוס האָט אייך געלערנט, אַז יע־

דער קריסט דאַרף אַרויסווייזן טאָלעראַנץ לגבי יעדער פּאַרגונפטיקער רע־ליגיע.

— אייער רעליגיע אָבער איז נישט קיין פּאַרנונפטיקע, — האָט דער קעניג פּייגטלער גערעוועט, — אַט וועגן דעם האַנדלט עס זיך.

ראַקעלן האָט געקרענקט, — וואָס איר ליבסטער מענטש האָט באַשמוצט דאָס בעסטע, וואָס זי פאַרמאָגט. טיף אין איר נשמה האָבן גע־קלונגען די ווערטער פון בנימין, ווען ער האָט פּאַרטיידיקט דעם יידישן גלויבן מיט באַווייזן פון זיין פאַרשטאַנד. אויב אָבער אפילו דער קלוגער באַרעדעוודיקער בנימין האָט נישט געקאָנט איבערצייגן דעם מלך ראָ־דריגע, צי איז דען מעגלעך, אַז זי זאָל דעם אכזריותדיקן דאָן אַלפאָנסאָ קאָנען אויפקלערן דעם אמתן זין פון תנ"ך? און דערצו אויף זיין אָרעמען לאַטיין.

מיט אירע גרויסע בלוי־גרויע אויגן האָט זי פאַרטראַכט אים אַריינ־געקוקט אין פּנים. יאָ, וואַרשיינלעך גלויבט ער אין די ווערטער, וואָס אַנ־דערע האָבן אַריינגעלייגט אין זיין מויל אַריין. די דאָזיקע קריסטן האָבן טויזנט מאָל טויזנט ריטער און קנעכט אַוועקגעשיקט אינעם הייליקן לאַנד און האָבן עס נישט געקאָנט געווינען. צי וועלן זיי דען נישט ביזן היינטיקן טאָג פאַרשטיין, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד איז נישט פאַר זיי באַשטימט. און דאָ שטייט ער, איר אַלפאָנסאָ, און מאַכט חוזק פון די הייליקע הבטחות צו די יעניקע, צו וועלכע דאָס לאַנד געהערט. און קוקנדיק אויף אים, האָט זי זיך פּלוצלונג פאַנאַנדערגעלאַכט איבער דער בלינדקייט פון מענטש׃, הויפטזעכלעך טאַקע פון איר אַלפאָנסאָ.

איר שווייגן און איר קוקן אויף אים האָט אים געגוג אויפגעבראַכט, איר לאַכן אָבער האָט אים אָנגעפילט מיט צאָרן׃ אונטער זיין געקנייטשטן שטערן האָבן געפּערלעך־העל אַרויסגעלויכטן זיינע אויגן.

— לאַך נישט! — האָט ער איר באַפוילן. — שווייג! לעסטער נישט אונדזער הייליקן קריג, דו אומגלויביקע!

— נישט ענטפערנדיק, האָט זי פאַרלאָזן דאָס צימער.

אין צוויי שעה אַרום האָט ער זי געזוכט אומעטום אין הויז, אין גאָרטן. אויך זי האָט אים געזוכט. ווען זיי האָבן זיך אויסגעזוכט, האָט ער געלאַכט ווי אַ ייִנגל, אויך זי האָט געלאַכט, זיי האָבן זיך געקושט.

— און קושנדיק אים, זאָגט זי:

„און אויב איר זענט אויף עמעצן אין כעס, מיידט נישט אויס זיין באַגעגעניש. זוכט אים אויס, באַגריסט אים און רעדט זיך דורך מיט אים

צאַרט, אָן שאַרפע ווערטער, זאָגט אים אַרויס אַלץ, מיט וואָס ער האָט פאַריבימערט אײַער האַרץ. באַגייט ווערט דאַן דער קוואַל פון ליבע. און דער בעסערער פון אײַך וועט זײַן דער, וועלכער וועט קומען דער ערשטער זיך איבערצובעטן — אַזוי שטייט געשריבן אין קאָראַן. מיר זענען ביידע געקומען, הייסט עס, אַז קיינער פון אונדז איז נישט בעסער.

שוין עטלעכע חדשים, ווי יהודה האָט שטאַרק איבערגעלעבט דאָס, וואָס זײַן זון דערנענטערט זיך צו קריסטן. אָבער ווען אַלאַזאַר האָט זיך באמת געטויפט, האָט אים באַהערשט אַ שרעק, ווי דאָס וואָלט אים געטראָפן אומגעריכט.

איצט האָט יהודה זיך אַרומגעזען, אַז ער אַליין איז דער שולדיקער. ער האָט אַלאַזאַרן נישט גענוג ליב געהאַט, ער האָט אים נישט ליב געהאַט ווי רחלען. אַלאַזאַר האָט זײַן גאַנצע קינדהייט דורכגעלעבט ווי אַ מוסולמענער צווישן מוסולמענער און אייידער ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז אַזוינס יידישקייט, האָט ער אים אַוועקגעשיקט אין דעם לאָקנדיקן הויף פונעם קריסטלעכן קעניג. איצט איז זײַן זון געוואָרן אַ פאַרעטער, ער האָט זײַן בכורה פאַרקויפט פאַר אַ רימערישן טאָפּ ליינזן, ער איז פאַרלוירן און פאַרטיליקט אויף אייביק, אויסגעמעקט פונעם ספר פון די יעניקע, וועלכע וועלן אויפשטיין צום יום־הדין.

יהודה האָט נאָך אים געטרויערט, ווי נאָך אַ מת. ער האָט געריסן קריעה און אָפּגעזעסן שבעה.

דאַן אפרים איז געקומען אים מנחם אבל זײַן. דאַן יהודהס אויסזען האָט אויף אים אָנגעטריבן אַ שרעק. ער האָט אים געטרייסט אין זײַן טרויעריקן גורל. וואָס קאָן זײַן שרעקלעכער, ווי די אָפּטרינקייט פון אַן אייגענעם זון. די משומדים זענען פון שטענדיק אָן געווען די ערגסטע שונאים פון יידנטום און איצט איז זײַן יונגער זון געוואָרן אַזאַ מין משומד. אָבער לויטן דין איז ער מחויב צו טרייסטן אַן אבל. דאַן אפרים האָט גובר געווען זײַן עקל אין שווער, ער איז געקומען, זיך צוגעזעצט צו יהודהן און אָפּגעזאָגט דעם פסוק: „ברוך דיין אמת“. ער האָט אויך צו אים געשיקט די צען בעסטע מענער פון דער אַלכאַמאַ, כדי זיי זאָלן אָפּזאָגן די געהעריקע תפילות.

נישט בלויז דאָס טרויערן נאָך זיין זון האָט יהודהן געקאָסט געזונט. ער האָט אויך געהאַט גרויס צער צוליב זיין דרייסטן נדר, אַז פאַר די פּרענקישע ייִדן וועלן אויפגעעפנט ווערן די גרענעצן פון קאַסטיליע. דער טערמין, נאָך וועלכן ער האָט געדאַרפט באַשטראָפט ווערן מיט חרם, האָט געהאַלטן ביים אויסגיין, און ער קומט נישט מער צום קעניג. דער קעניג וועלכער האָט ביי אים אַוועקגעגנבעט ביידע קינדער, צעורשט דאָס מיידל, דערנאָך דעם זון, וועט זיך איצט געוויס באַמיען אים אויסצומיידן.

ס'איז אָנגעקומען ניי=יאָר, דער יום=טוב ראש=השנה, דער טאָג פון יום=הדין.

רחל האָט דעם יום=טוב פאַרבראַכט ביי איר טאַטן אין שטוב. ער האָט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן אַלאַזאַרס באַקערונג. דאָך האָט זי באַמערקט, ווי שטאַרק ער ליידט דערפון. וואָס שייך איר אַליין, האָט איר ברודערס שמד נאָך מער באַפעסטיקט איר הייליקן ווילן צו דינען גאָט מיטן גאַנצן האַרצן.

ער האָט צו זיך אין הויז פאַרבעטן אַ בעל=תוקע, ווייל אין דעם דאָזיקן יום=טוב איז יעדער ייד מחויב צו הערן שופר=בלאָזן. אין דעם טאָג עפנט גאָט אויף דאָס ספר פון אַלע מענטשן און אַ בית=דין של מעלה באַשטימט יעדנס גורל. די גרילצנדיקע דורכדרינגלעכע קולות פונעם שופר האָבן אָנגעטריבן אויף רחלען אַ פרומען שוידער און, גלייבנדיק אין לעגענדעם האָט זי בולט געזען, ווי אַן אומבאַמערקלעכע האַנט נעמט די געמען פון די צדיקים און טראָגט זיי אַריין אין ספר=החיים, צום געזונט און לעבן, און די נעמען פון די רשעים ווערן אויסגעמעקט. וואָס שייך די יעניקע, וועלכע זענען נישט גוט און נישט שלעכט, ווערט אָפּגעלייגט זייער פסק ביז יום=כיפור, כדי אין די צען טעג זאָלן זיי קאָנען תשובה טאָן.

נאָך מיטאָג זענען יהודה מיט רחלען אַוועק לויטן מנהג צו פליסנדיקן וואַסער, צו תשליך. זיי זענען אַוועק צום טאַכאָ. זיי האָבן געוואָרפן שטיקלעך ברויט אין וואַסער, האָבן אָפּגעשאָקלט זייערע זינד, כדי דער טייך זאָל זיי אַוועקטראָגן אין ים אַריין און האָבן דערביי געזאָגט פסוקים פון די נביאים.

„ווו איז דאָ אַזאַ גאָט, ווי דו ביסט, וועלכער פאַרגיבט חטאים, איז מוחל די זינדיקע, וואָס האַלט נישט אויף אייביק זיין צאָרן, ווייל ער איז אַ בעל=רחמים. ער דערבאַרעמט זיך אויף אונדז, ער מעקט אויס אונדזערע פשעים און מאַכט איינזינקען אונדזערע חטאים אין די טיפענישן פון ים“.

ס'איז שוין געווען בין־השמשות, ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהיים. דער דינער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט. יהודה האָט אָבער אַ ווונק געטאָן, ער זאָל דאָס ליכט באַזייטיקן, אַזוי, אַז רחל האָט שוואַך געזען איר טאַטנס פּנים, ווען ער האָט גערעדט.

די מצבות פון די פֿריערדיקע איבן עזראס באַווייזן, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר שטאַמען פון דוד המלכס משפחה. און אָט האָט מיין זון און דיין ברודער, אַלאַזאַר, זיין קעניגלעכע ירושה פאַראַכט און פאַרשוועכט. דיין פאָטער נעמט נישט אַראָפּ פון זיך די שולד. דאָס איז אַ שווערער חטא. איך קלאַפּ זיך אין האַרצן. און אויב אפילו גאָטס חסד איז טיף ווי דער ים, קאָן מיין חטא נישט ווערן אויסגעקויפט.

צום ערשטן מאָל האָט דער טאַטע צו איר גערעדט וועגן שולד, תשובה און חטאים, און רחל האָט זיך געשטיקט אויס רחמנות. יהודה האָט איר דערציילט, אַז ער האָט געטאָן אַ תשובה־נדר. און אַז דער נדר איז נישט קיין לייכטער און ער האָט איר געשילדערט זיין פּלאַן צו באַזעצן די פרענקישע ייִדן אין קאַסטיליע.

רחל האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, אָבער גאָרנישט געענטפערט און גאָרנישט געפרעגט. ער האָט גערעדט מיט אָנשטרענגונג.

— איך האָב, — האָט ער געזאָגט, — אונדזער האַר דעם קעניג רעספּעקטירט, און ער האָט נישט געזאָגט ניין און נישט געזאָגט יאָ. איך האָב געטאָן אַ נדר און די צייט לויפט.

זינט זי האָט געלעבט אין דער לאַ־גאַליאַנאַ האָט ער צום ערשטן מאָל מיט איר גערעדט וועגן אַלפאָנסאָן און עס האָט אויף איר געווירקט דאָס, וואָס ער האָט דעם קעניג באַצייכנט מיטן נאָמען אונדזער האַר. ווען דער פאָטער האָט גערעדט, האָט זי געפילט, ווי מען וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט אייז־קאַלט וואַסער. זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, און זי איז נישט געווען צופרידן. ס'איז זייער נישט גוט פון זיין זייט, וואָס ער וויל אויף איר אָנלאָדן די משא, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו טראָגן.

ער האָט אויפגעהערט צו רעדן, ער איז מער צו איר נישט צוגעשטאַנען. ער האָט געהייסן אָנצינדן ליכט און דאָס אויסערגעוויינלעכע, דאָס סודותפולע איז פאַרשוונדן געוואָרן. ביים ווייכן שיין פון די ליכט און פון די אייל־לאָמפּן, האָט ער געקוקט אויף די צאַרטע שטריכן פון איר פּנים. צום ערשטן מאָל אין יענעם טאָג האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזן אַ שמייכל און ער האָט געזאָגט:

— דו ביסט, מיין קינד, באמת אַ פּרינצעסין פון הוד־המלכּס אַפּ־שטאַם.

אויפגעמאָרגנס, איידער רחל האָט זיך צוריקגעקערט אין לאַ־גאַליאַ־נאַ־שלאָס, האָט זי געזאָגט צו איר טאַטן:

— איך וועל רעדן מיטן קעניג, אונדזער האַר, וועגן די פראנקישע ייִדן.

ווען רחל האָט געמאָלדן דעם קעניג, אַז זי וועט פאַרברענגען ראש־השנה אין איר טאַטנס שלאָס, האָט דער קעניג נישט שטאַרק אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנקייט. ער איז פאַרבליבן אין לאַ־גאַליאַנאַ. עס האָט זיך אים נישט געוואָלט פאָרן קיין טאָלעדאָ, וואָס איז איין פון זייט נאָענט צו דער לאַ־גאַליאַנאַ, פון דער צווייטער זייט אָבער ווייט פון רחלען. ער איז געווען איבערגעבראַכט אויף רחלען, אויף יהוהס גאָט און אויף זיינע יום־טובים.

עס זענען געשטאַנען וווּנדערלעכע, ליכטיקע האַרבסט־טעג, נאָר ער האָט נישט געפילט קיין שום פרייד פון זיי. ער איז געגאַנגען אויף יאַגד, אָבער נישט געהאַט קיין הנאה פון דער יאַגד און פון זיינע הינט. אין דער פינצטער האָבן זיך פאַר אים אויסגעשיילט די קאָנטורן פון זיין פּרעכטיקער שטאָט טאָלעדאָ. אויך אין איר האָט ער קיין פרייד נישט געשפּירט. ער האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרגעניגן ביי מאַכאַ־טייך און האָט קיין חשק נישט געהאַט זיך אונטערצוהאַלטן מיט זיין גערטנער בעלאַרדאָ. ער האָט געטראַכט דערפון, וואָס רחל האָט אים דערציילט וועגן איר יום־טוב ראש־השנה, ווי אַזוי זי וויינט און בעט איר גאָט, ער זאָל איר מוחל זיין אירע זינד, הויפּטזעכלעך איר תאווה און ליבע צום קעניג.

ווען זי איז געקומען צוריק, איז זיין בייז געמיט פאַרשווונדן. הגם רחל האָט אַרויסגעוויזן גרויס פרייד ביי איר צוריקקומען, האָט אָבער אַלפאָנסאָ גלייך דערפילט, אַז ס'איז נישט די זעלבע רחל. אויף איר פּנים האָט געהערט אַן אויסערגעוויינלעכע, פאַרטראַכטע צופרידנקייט. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און פריינדלעך, מיט ליכטן שפּאָט זי אַ פרעג געטאָן, צי זי האָט שוין רעגולירט אַלע אירע חשבונות מיט איר גאָט. זי האָט זיך אויף אים נישט באַליידיקט, מעגלעך, אַז זי האָט דעם

שפּאַס נישט באַמערקט. זי האָט אים בלויז שטום אָנגעקוקט, פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען. איר שווייגן האָט אים אויפגעבראַכט מער, ווי זי זאָלט זיך אים קעגנגעשטעלט. ער אַליין טאָר גאָרנישט טראַכטן וועגן ווידוי. קיין פּריסטער וועט אים קיינמאָל קיין מחילה נישט געבן, און זי האָט זיך מיט איר גאָט איבערגעבעטן. ער האָט געטראַכט, וואָס איר צו זאָגן, כּדי עס זאָל איר ווי טאָן.

מיטאַמאָל האָט זי אָנגעהויבן רעדן, יאָ, האָט זי געזאָגט, מיט אויסערגעוויינלעכער רואיקער ערנסטקייט, איצט האָבן זיך אָנגעהויבן די פּורכטיקע טעג, ווען יעדער בעל־חטא קאָן דורך תשובה זיך ראַטעווען. ווייל אין ראש־השנה פאַרשרייבט גאָט דעם אורטייל, אָבער אין צען טעג אַרום, יום־כּיפּור, חתמעט ער אים. און תפילה, תשובה און מעשים־טובים האָבן דעם כּוח אָפּצווענדן דעם פּסק־דין. פּלוצלונג האָט זי מיט אַנטשלאָסנקייט צוגעגעבן:

— ווען דו וואָלסט נאָר געוואָלט, מיין אַלפאָנסאָ, וואָלסטו מיר געקאָנט העלפן איך זאָל געפינען גרויס לייטזעליקייט אין גאָטס אויגן. דו ווייסט אפשר פון דער נייט פון מיין פאָלק אין פראַנקרייך. אפשר וואָלסטו געוואָלט פאַר מיינע ברידער עפּעס דייגע גרענעצן?

אַ כוואַליע פון צאָרן האָט אַרומגעכאַפּט אַלפאָנסאָן. אָט אין וואָס עס באַשטייט איר תשובה, וואָס אירע פּריסטער האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט, זי זאָל אויף אים ווירקן, אַז אין סאַמע ברען פון דער הייליקער מלחמה, זאָל מיט זיין הסכּמה, זיין לאַנד פאַרפלייצט ווערן מיט אומגלויביקע און אויף אַזאַ אופן זאָל געשאַפן ווערן אַ מחיצה, וואָס זאָל אים צעטיילן מיט זיין פאָלק און מיט זיין גאָט. און נאָך דערמיט וועט איר גאָט מכפּר זיין אירע אַלע חטאים. דאָס איז אַ פאַרשווערונג פון איר, פון איר פאָטער און פון אירע פּריסטער. דאָס איז דער ערנסטער, שמוציקסטער האַנדל, וואָס מען וויל אים אָנוואַרפן. מען וויל אים אָפּנאַרן, ווי דעם גרעסטן שוטה, און פאַר איר ליבע און איר לייב זאָל ער באַצאָלן מיט זיין נשמה. אָבער עס וועט זיי נישט געלינגען די שווינדלער אים אָפּצונאַרן. ער וועט זיך נישט לאָזן שאַנטאַזשירן.

מיט פאַרביסענער אָנשטרענגונג האָט ער דערשטיקט אין זיך די דאָזיקע גראָבע ווערטער, וואָס זענען אים געלעגן אויף דער צונג. מיט אַ בייזער פאַרקרימטער מינע און מיט אַ דייטלעכער באַפעל־שטים, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פיינטלעכע גראַנדן,

האָט ער מיט סקאַנדירטע לאַטייניש ווערטער איר אַריינגעזאָגט אין פּנים:

— וועגן מלוכה־ענינים וויל איך נישט רעדן אין לאַ־גאַליאַנאַ. וועגן מלוכה־ענינים וויל איך מיט דיר נישט רעדן.

ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן און איז אַוועק.

ווען ער איז צו איר ביינאַכט געקומען, האָט זי אים דערקלערט, אַז לויטן מנהג מוזן יידישע פרויען אין די עשרת ימי־תשובה שלאָפן אַליין. זיין צאָרן האָט צעשטערט אַלע צוימען. זאָל ער זיך רעכענען מיט איר נאַריש אָבערגלויבן? אָדער איז עס אפשר גאָר אַ נייער שווינדלערישער שפּיצל, כדי אויסצופּרעסן ביי אים אַן עדיקט פאַר אירע יידן? אפשר צוליב דעם זאָגט זי אים אָפּ? מיט אַ ווילדן בליק האָט ער זיך דראָענדיק־שטיל אָנגערופן:

— וואָס, דו שטעלסט מיר גאָר באַדינגונגען? איך זאָל דיינע יידישע בעטלער אַריינלאָזן אין מיין לאַנד און ערשט דעמלט וועסטו מיך אַריינלאָזן צו דיר אויף היינטיקע נאַכט? איך וועל עס נישט טאָן. איך בין באַלעבאָס דאָ אין הויז און דאָ אין דער מלוכה!

זי קוקט אויף אים מיט ברייט־אָפענע גרויע אויגן, פול מיט טרויער, פאָרוואורף און שרעק, און דאָך אָן מורא. דאָס האָט אים פולשטענדיק אויפגערייצט. ער האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן, אַוועקגעשליידערט אַריבן בעט און זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע מוסקולעזע הענט, פונקט ווי ער וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ שונא. זי האָט זיך געוועהרט, קוים געצאָמטע. ער וואַרפט זי אום איינמאָל, נאָכאַמאָל און סאַפּענדיק צעפליקט ער אירע קליידער אויף פיצלעך און באַהערשט זי טעמפּ, ביז מיט געוואַלד, אָן שום הנאה.

אין דער זעלבער נאַכט האָט זי פאַרלאָזן לאַ־גאַליאַנאַ, זי איז אַוועק אין קאַסטיליאָ איבן עזראָ.

אַלפאָנסאָ האָט געהערט, ווי זי האָט פאַרלאָזן צוזאַמען מיט איר אַם סאַאַד דאָס הויז. דער פעלזיקער וועג קיין טאָלעדאָ איז געווען אַ קורצער, ביינאַכט אָבער נישט אומגעפערליך. ער האָט זיך צוערשט געוואַקלט, נאָכדעם האָט ער אַוועקגעשיקט אַ באַוואָפנטן זי צו באַגלייטן. ער האָט זי נישט איינגעהאַלטן. זאָל זי האָבן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, האָט ער געטראַכט מיט אַ געפיל פון נקמה. זי האָט עס אַליין גורם גע=

זיצן. עס איז גוט, וואָס עס האָט אַזוי פּאַסירט. דאָס האָט גאָט אַליין אַזוי געוואָלט. איצט וועט מיך שוין קיין זאַך נישט אָפּהאַלטן. איצט טרעט איך אַרויס קעגן די מוסולמענער. בלויז זי איז שולדיק, וואָס איך האָב זיך באַדעקט מיט שאַנד. דער תכשיט פֿון אַראַגאָן האָט זיך טועה געווען. עס וועט דערצו נישט דערגיין, אַז איך זאָל רוען אין בעט, ווען ער וועט אַרויסטרעטן קעגן די מוסולמענער.

אויף מאָרגן האָט אַלפֿאָנסאָ באַשלאָסן צו זיין גרויסמוטיק און נאָך אַ טאָג פֿאַרבלייבן אין לאַ־גאַליאַנאַ, אפֿשר וועלן זי קומען צוריק. נישט געקוקט אויף זיין באַרעכטיקטן צאָרן, האָט ער געוואָלט זיך מיט איר צעשיידן אויף אַ פֿריינדלעכן אופֿן. אַ צייט, וואָס איז אַזוי שיין געווען, טאָר זיך נישט ענדיקן אַזוי נאַריש און מיאוס.

מיט נערוועזער פֿריילעכקייט האָט ער געשפּרייזט אַהין און צוריק אין שלאָס און אין פּאַרק. דלילה האָט אים געוואָלט איבערגעבן אין די הענט פֿון די פּלשתים, אָבער ער איז נישט געווען דער נאַרישער שמשון, ער האָט נישט געלאָזט אַוועקגנבענען זיין כוח. דאָס שיינע לעבן אין דעם שלאָס האָט זיך באַוויזן, ווי אַן עספּעכיזמאָ (שפּיגל), ווי אַ טרוים, ווי אַ מיראַזש אינעם מדבר, איצט אָבער האָט אַ פֿרישער ווינט עס צעיאָגט און אַרום אים האָט אויפֿגעטויכט די אמתע ווירקלעכקייט.

ער איז געשטאַנען ביי דער מזוזה, וואָס זי האָט צוגעפֿעסטיקט צו דער טיר. דאָס איז געווען אַ טייער מעטאַל־הילזל מיט אַ באַגלאָזטער עפֿענונג, פֿון וואַנען עס האָט דראָענדיק אַרויסגעקוקט דאָס וואָרט „שדי“. ער האָט געוואָלט דאָס געצנדינערישע שפּילכל אַראָפּרייסן, אָבער ער האָט מורא געקריגן, ער זאָל אַמאָל נישט אָנטרייבן אויף זיך דעם צאָרן פֿון איר גאָט. ער האָט זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט מיט דער פֿויסט צעבראָכן דאָס גלאָז. אַ שפּליטער האָט אים צעשניטן די האַנט, זי האָט געבלוטיקט, ער האָט אָפּגעווישט דאָס בלוט, זי האָט ווייטער געבלוטיקט. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיין האַנט מיט אַ בייז געלעכטער. זאָלן איצט שטוינען די, וואָס האָבן געגלייבט, אַז ער וועט בלייבן אומטעטיק. איצט וועט ער קעמפֿן. ער וועט האַקן מיט זיין שווערד, מיט זיין פֿולמען דעי (גאָטס בליץ). ער וועט אַרויסשלאָגן פֿון זיין נשמה אַלע נאַרישע געדאַנקען, מיט פֿרומקייט און מיט גאָטס גענאָד קעמפֿן ווי אַן אמתער ריטער. ער וועט פֿון זיין בלוט אויסראָטן אַלע זיינע חטאים, זיינע ספֿקות, אַלדאָס שווערע אָפּשוואַכנדיקע געצנדינערישע טרוימען.

צו זיין גערטנער בעלאַרדאָ האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט:

— מעגלעך, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן, מיין טייערער, און דיינע שענסטע האָפענונגען וועלן דערפילט ווערן. זוך אויס דיין יידנס לעדערנע וועסט און זיין לעדערנע מיץ. איך וועל דיר געבן די געלעגנהייט זיי אויסצולופטערן.

דער גערטנער בעלאַרדאָ איז געווען מער צעטומלט ווי דערפרייט.

— איך שטיי גרייט צו דינען דיין מאַיעסטעט, מיט אַלץ, וואָס איך האָב, — האָט ער געזאָגט, — אַפילו מיט דער לעדערנער וועסט פון מיין זיידן, אָבער עמעץ מוז דאָ בלייבן, כדי דאָ ווייטער צו אַרבעטן מיט דער לאָפּאַטע. ווילסטו דיין גאָרטן פאַרלאָזן, הער קעניג?

דעם גערטנערס וואַקלעניש צווינגט אַלפאָנסאָ זיך צו פאַרטראַכטן.

— מאָרגן טרעט איך נאָך נישט אַרויס, — האָט ער ביז אָפּגעענטפערט, — און היות זיי זענען געשטאַנען ביי די אייַנגעפאַלענע ציממערנעס, די צייט-איינריכטונגען, וואָס רבי חנן האָט צעשטערט, האָט ער שטרענג באַפוילן:

— פאַרלויפיק לאָמיר זיי פאַרשיטן, ווייל עמעץ קאָן נאָך אין זיי אַריינפאַלן.

אַזוי ווי רחל איז דעם צווייטן טאָג אויך נישט געקומען, איז ער אַוועקגעריטן קיין טאָלעדאָ. אין שלאָס האָט מען שוין קענטיק געוווסט, אַז ער איז זיך מיט רחלען פאַנאַנדערגעגאַנגען און צו דער ליבע איז געקומען אַ סוף.

אַלפאָנסאָ האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

עס איז געווען אַזוי, ווי דער ייד האָט פאָרויסגעזאָגט: דאָס לאַנד האָט אויפגעבליט, די אוצרות פון קאַסטיליע זענען געוואַקסן. אפשר איז דער ייד אויך גערעכט. בעת ער טענהט, אַז עס איז נאָך צו קנאַפּ געלט, כדי מלחמה צו האַלטן מיט די קאַליפן. אָבער ער האָט אַ גרויסן טעות דער ייד. ווען ער מיינט, אַז מיט אַזעלכע אויסריידן וועט מען אים אָפּהאַלטן אַריינצוטרעטן אין הייליקן קריג. אין משך פון לאַנגע יאָרן זענען די יידן פעט געוואָרן אין זיין לאַנד. ער דאַרף זיך מיט זיי אַזוי נוהג זיין, ווי זיין קוזין פיליפּ אויגוסט פון פראַנקרייך: אַוועקנעמען זייער געלט און עס וועט אים גענוג זיין מלחמה צו האַלטן מיט די קאַליפן.

ער האָט זיך געווענדעט צו מאַנריקען:

— איך וויל מער נישט זיין קיין Eques adfirmacem פעטשע־רע־רימער, בעת די גאַנצע קריסטלעכע וועלט פירט מלחמה. איך האָב גערעכנט, איבערגערעכנט און אויסגערעכנט, אַז איך קאָן אַרויסטרעטן.

— דיין עסקרימאַנאָ, וועלכער איז אַ גוטער בעל־חשבון, רעכנט אַנדערש, — האָט מאַנריקע געענטפערט.

— אונדזער ייִד, — האָט אַלפאָנסאָ אויסגערופן, — האָט אין זיין רעכענונג איין פּאָזיציע פאַרפעלט: כ ב ו ד. וואָס איז אַזוינס כבוד פאַרשטייט ער פּונקט אַזוי פיל, ווי איך אין זיין תלמוד.

מאַנריקע האָט זיך שטאַרק פאַרדאַגהט.

— פּאַקטיש האָסטו דאָך אים אַוועקגעשטעלט אַלס שומר פון דיין ווירטשאַפט, — האָט ער געענטפערט, — און דווקא ער איז מחויב צו רעדן וועגן דיין ווירטשאַפט, לאָז דיר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ פון דאָן מאַרטינעז, הער קעניג. דער נסיון פון מלחמה איז זייער גרויס, און דאָס איז אַ פרומער נסיון. אָבער ווען עס וועט אונדז אויספעלן געלט דורכצוהאַלטן די מלחמה אַ יאָר צוויי, האָן קאָן קומען אַ סוף צו דער מלוכה פון אַזאַ פעלד־צוג.

טיף אין האַרצן האָט אַלפאָנסאָ נישט געהאַט קיין צוטרוי צו איבן עזראָס אָפּשאַצונגען. ער איז געווען זיכער, אַז יהודה האָט אויסגעזוכט פאַרשידענע סיבות, כדי אויסצומיידן דעם היילִיקן קריג, ווייל אויב עס וועט זיין שלום, וועט ער קאָנען זיינע פרענקישע יידן אַריינברענגען אין לאַנד. און דעם קעניגס זינדיקע תאווה האָט אים צוגעגעבן מער מוט אויסצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן. אַלפאָנסאָ האָט זיך פשוט געשעמט צו אַנטפּלעקן דעם האָזיקן סוד פאַר זיין אַלטן פריינד מאַנריקע. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שרייען:

— איר קוואָקעט און קוואָקעט, אָבער ביי וועמען צופט דאָס קריסטנטום די באָרד אויב נישט ביי מיר?

— פיר אונטערהאַנדלונגען מיט אַראַגאָן, דאָן אַלפאָנסאָ, — האָט מאַנריקע אויסגערופן קורץ און מיט געפיל, — קום צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דאָן פּעדראָ. שליס מיט אים אַן אָפּמאַך.

מיט פאַרדרוס האָט דער קעניג אָפּגעלאָזן זיין פריינד און בעל־יועץ. עס קוועטשט אים כסדר די אַלטע קייט. פאַרשטייט זיך, אַז מאַנריקע איז גערעכט, אַז אַ מלחמה איז נאָר מעגלעך אין דעם פאַל, ווען מען וועט זיך צונויפרעדן מיט אַראַגאָן. עס מוז אַלץ אויפגעקלערט ווערן

און עס דאַרף געשלאָסן ווערן אַ בונד. אָבער בלויז איין מענטש קאָן עס פאַרווירקלעכן און דער דאָזיקער מענטש איז לעאָנאָר.

ער וועט אַוועק קיין בורגאָס. ווי לאַנג האָט ער שוין לעאָנאָר נישט געזען? אַ גאַנצע אייביקייט. זי האָט צו אים קורצע העפלעכע בריוו געשריבן, און ער האָט, מיט לאַנגע הפסקות, איך קורץ און העפלעך איר אָפּגעענטפערט. ער שטעלט זיך גוט פאָר, וואָס עס וועט זיין, ווען זיי וועלן זיך ווידער טרעפן. ער וועט זיך האַלטן האָפערדיק און זי וועט אים ענטפערן מיט אַ פריינדלעכן, עטוואָס געצוווּנגענעם שמייכל. עס וועט נישט זיין קיין פריילעכע באַגעגעניש.

ער וועט זיך באַמיען איר אויפצוקלערן, וואָס עס האָט פאַסירט. אָבער ווי נעמט מען ווערטער, כדי אַ צווייטן אויפצוקלערן די הערלעכ־קייט און שרעקלעכקייט פון אַזאַ איבערלעבונג, ווען אַן אומגעהויערע כוואַליע כאַפּט דיך אונטער, טראָגט דיך אַוועק זייער הויך און דערנאָך וואַרפט זי דיך ווידער אַראָפּ?

דעמלט, האָט ער זיך פאַר ראָדריגען שמאָלץ און דרייסט מודה געווען וועגן זיין תאווה צו ראַקעלן, און דער קאַנאָניק, נישט געקוקט אויף זיין פרומקייט, האָט אים פאַרשטאַנען. אָבער לעאָנאָר, די רואיקע, פריינדלעכע, ווייבלעכע לעאָנאָר וועט אים נישט פאַרשטיין. פאַר איר וועט ער שטאַמלען און וואָס ער וועט זאָגן וועט קלינגען, ווי אַ פּרווו פון אַ נאַרישן יינגל, וואָס טראַכט אויס פאַרשיידענע מעשיות, כדי זיך צו באַרעכטיקן. דאָס וועט זיין די ערגסטע דערנידעריקונג אין זיין לעבן.

עס איז נישטאָ אַזאַ מענטש אין דער וועלט, פאַר וועלכן אַ קעניג זאָל זיך דאַרפן אַזוי דערנידעריקן. עס איז נישטאָ קיין שום זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין ווערט אַזאַ דערנידעריקונג.

אָבער עס איז דאָ איין־איינציק וועזן, איין הערלעך וועזן, פאַר וועלכן עס לוינט זיך צו דערנידעריקן און דערנאָך אויף אייביק פאַרדאַמט צו ווערן!

מיטאַמאָל האָט פאַר אים ווידער אויפגעשטיגן די לאַ־גאַליאַנאַ מיטן גאַנצן נישט־קריסטלעכן פּראַכט. ער שפּירט ווי ראַקעל דריקט זיך צו אים, ער שפּירט איר ווייכע אָנגענעמע הויט, ער שפּירט איר בלוט, איר צאַפּלענדיק האַרץ. זיינע פינגער גליטשן זיך איבער אירע האָר, צופּן אירע האָר ביז זי זאָגט מיט אַ שמייכל: „מי עס נישט, אַלפאָנסאָ, עס טוט וויי, אַלפאָנסאָ". ווער קאָן אַזוי מאָדנע קאָמיש און האַסטיק אַרויס־זאָגן „אַלפאָנסאָ" ווי זי, אַזוי אַז עס זאָל שטעכן און אַריינדרינגען אין

בלום? ער זעט אירע טויבן־פאַרביקע אויגן, זיי זענען פאַרלאָשן, די לעפּ־לעך לאָזן זיך אַראָפּ לאַנגזאַם, שווער, און הייבן זיך ווידער אויף.

עס קומען אויף אין זיין זכרון אַראַבישע פּרעזן, וואָס זי האָט אים געגעבן צו לייענען:

„אָפּטמאָל האָב איך געהערט, ווי פּיילן פּייפן אַרום קאָפּ און נישט געציטערט, אָבער ווען איך הער, ווי איר קלייד רוישט, ציטער איך מיט מיין גאַנצן לייב. אָפּט האָב איך העם אָנקומענדיקן שונאס טראָמפּייטן, און מיין האַרץ און מיין הויט בלייבט קאַלט, אָבער ווען איך הער איר שטים ברענט אַ פייער אין אַלע מיינע גלידער". די האָזיקע פּערזן האָבן אים פאַרשאַפט עגמת־נפש. ביז אַזאַ מדרגה טאָר זיך אַ ריטער נישט פאַר־לירן. אָבער זיי זאָגן דעם אמת, די האָזיקע זיסע קנעכטישע פּערזן, זיי זענען כשר־ווישר, ווי די שוואַנגעליע. אויך אין אים ברענט אַ פייער, ווען ער טראַכט פון ראַקעלן. ווי אַזוי האָט ער נאָר געקאָנט טראַכטן אָפּצוזאָגן זיך פון ראַקעלן, פון זיין ראַקעלן, פונעם הערלעך העזהדיקן זין אין זיין לעבן?

ער מוז ראַקעלן ווידער זען, ער מוז זיך מיט איר איבערבעטן.

עס איז דאָ בלויז איין וועג, ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט. אָבער עס איז פאַרבליבן נאָר דער דאָזיקער איין־און־איינציקער וועג.

ער האָט געשיקט נאָך דאָן יהודהן.

יהודה, נישט געקוקט אויף זיין שטאַרקן כאַראַקטער, האָט זיך באמת איבערגעשראָקן, ווען רחל איז צו אים ביינאַכט געקומען אַן אויפ־געערגטע. זי האָט געזאָגט:

— ער האָט מיך באַליידיקט אַזוי, ווי קיינמאָל האָט מען נאָך קיין פרוי אַזוי נישט באַליידיקט.

יהודהן האָבן שטאַרק אינטערעסירט די פּרטים, אָבער ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ער האָט אויפגעוועקט מוסאן און אים געבעטן, ער זאָל איר געבן אַ באַרויאיקונגס־געטראַנק.

— רו זיך אויס, מיין טאָכטער, — האָט ער געזאָגט, — און שלאָף געזונט.

שטאַרק באַונרואיקט, האָט יהודה געפּרוווט זיך משער זיין, וואָס דאָרט האָט פּאַסירט. געוויס האָט זי אים געבעטן, ער זאָל אַריינלאָזן די

פראַנקישע ייִדן. פון זיין אייגענער דערפאַרונג האָט יהודה געוווּסט, ווי געמיין און ברוטאַל דער דאָזיקער מאַן באַציט זיך צו מענטשן, ווען ער איז אויפגערעגט. רחל האָט עס בכן נישט פאַרטראָגן און איז אַנטלאָפן. דער דאָזיקער מאַן איז אָבער אַ נוקם־ונוטר, ער וועט געוויס זיין כעס אויסלאָזן צו אים און צו אַלע ייִדן. אומזיסט האָט ער רחלען און זיך אַליין מקריב געווען.

ער האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. עס קאָן נישט זיין, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. עס איז געוויס פאַרבליבן עפּעס, ווו האָפענונג טליעט נאָך. ער האָט געזוכט און זיך געגריבלט. דער דאָזיקער קריסטלעכער קעניג, וועלכער רעדט שטענדיק פון כבוד, האָט נישט אין זיך קיין שום אַמביציע. שוין צוויי מאָל, נאָכדעם ווי ער האָט אים באַליידיקט און באַשפּיגן, האָט ער אים ווידער פאַרבעטן, און ווידער אַמאָל זיך צו אים צוגעלעקט, ווען ער האָט זיך אין אים געניטיקט. ער האָט ליב רחלען און קאָן אָן איר נישט לעבן. ער וועט זיך ווידער מיט איר איבערבעטן, ער וועט אויסבעטן, זי זאָל זיך צוריקקערן.

עס איז געווען דער פינפטער טאָג פון חודש תשרי. אין קנאַפּע דריי וואָכן שפּעטער גייט אויס דער טערמין פון זיין נדר. אין דער דאָזיקער שלאָפלאָזער נאַכט האָט יהודה פאַרשטאַנען, אַז עס שטייען אים פאָר נאָך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט, אַז ער וועט נאָך נישט איינמאָל זיין אין פאַרצווייפלונג, נאָכדעם ווידער אַרויסקריכן און זיך קלאַמערן אין פאַרשידענע האָפענונגען און אויסטראַכטענישן.

אַזוי האָט געהאַלטן מיט יהודה איבן עזרא, אָבער ווי האַלט עס מיט דיר, רחל? בלאַס, שווייגעוודיק, גייסטו אַרום ווי אַ שאָטן און וואַרטסט אומזיסט אויף אַ שליח. דו שפּירסט דעם פאַרזאָרגטן צערטלעכן בליק פון דיין פאָטער, אָבער דאָס גיט דיר נישט קיין וואַרעמקייט און נישט קיין טרייסט. דו הערסט די פיינלעכע פלאַפּלעריי פון דיין אַם. אָך, איר סגולה „די האַנט פון פאַטימאַ“. האָט נישט קיין ממשות, און איר פלוידעריי קריכט דיר אין קאָפּ נישט אַריין. דו רופסט אַרויס דאָס פּנים, די געשטאַלט, די זשעסטן פון דעם מאַן, וועלכן דו האָסט געזען אין יענע גוטע, גליקלעכע שעהן, ווען נשמה און גוף האָבן זיך צוזאַמען באַהעפט. אָבער דאָס דאָזיקע בילד ווערט אָפּגעווישט דורך אַ צווייט בילד, און דו זעסט זיין ווילדע, גייציקע, אַכזריותדיקע פּנים. אָט אַזוי זעט אויס די ריטערשאַפט, פון וועלכער ער איז באַגייסטערט. און פונדעסט־

וועגן בענקסטו נאָך אים און ווייסט, אַז ווי נאָר ער טוט דיר אַ רוף, גייסטו צו אים צוריק אַוועק, לויפסטו צו אים.

די טעג זענען געלאָפן, דאָן אַלפאָנסאָ איז געווען אין טאָלעדאָ און האָט נישט געשיקט נישט נאָך רחלען און נישט נאָך יהודהן. בלויז דאָן מאַנריקע פלעגט קומען, כדי אָפּצוגעבן אַ באַריכט איבער מלוכה־ענינים.

ס'איז אָנגעקומען דער הייליקער יום־טוב יום־כיפור. דער מערקווירדיקער פּיליטיקער יהודה איז אין יענעם טאָג גאָר אַן אַנדער יהודה געוואָרן. ער האָט זיך באַפרייט פון אַלע קליינע אַמביציעס, האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז זיין „שליחות“ איז בלויז אַ מאַסקע פאַר זיין שטרעבונג צו מאַכט. אָבער אינדעראמתן איז ער פאַר גאָט בלויז אַ צעבראָכענער, עלנטער זינדיקער גאָרנישט, און אויב ער האָט זיך פריער געהאַלטן שטאָלץ ובנוגע אַנדערע, האָט ער איצט אַרויסגעוויזן גרויס הכנעה, זיך געשלאָגן על־חטא און געבעטן מיט תחנונים:

„איך האָב געזינדיקט מיט מיין קאָפּ, פול מיט חוצפּה און שטאָלץ. איך האָב געזינדיקט מיט מיינע אויגן, וואָס קוקן מיט שנאה און קנאה; איך האָב געזינדיקט מיט מיין האַרץ, געשוואָלן פון פוסטער גאווה. איך בין זיך מודה ומתוודה און האָב חרטה. זיי מיר מוחל, גאָט מיינער, און פאַרגיב מיינע זינד“.

איצט איז ער געווען גרייט נישט בלויז מיטן שכל, נאָר אויך מיט לייב און לעבן אָננעמען באהבה אַלץ, וואָס גאָט וועט אויף אים אָנשיקן.

ווען דער קעניג האָט אים אין צוויי טעג אַרום צו זיך גערופן, האָט ער אויף קיין זאַך נישט געהאָפט און פאַר קיין זאַך מער נישט מורא געהאַט. וואָסער „ברוך הבא“ וועט ער אים מאַכן? אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן, אַלץ איינס, האָט ער געטראַכט, גייענדיק צום קעניגלעכן שלאָס. גאווהדיק איז געווען אַלפאָנסאָס אויסזען און גלייכצייטיק צעטומלט. ער האָט לאַנג גערעדט וועגן קליינע געשעפטן, וועגן די שוועריקייטן, וואָס די באַראָנען פון אַראַגאָן מאַכן, און אַז ער איז נישט גרייט לענגער צו וואַרטן. זאָל יהודה באַשטימען אַ קירצערן טערמין, ווי ער האָט פריער געטראַכט, און אויב די דאָזיקע הערן וועלן נישט צאָלן, וועט ער פון דעם דאָזיקן ווידערשפעניקן דאָרף נעמען מיט געוואַלד. יהודה האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט:

— איך וועל טאָן ווי דיין מאַיעסטעט באַפעלט.

אַלפאָנסאָ האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעטל מיט די הענט אונטערן נאַקן און געזאָגט:

— און ווי שטייט דער ענין מיט מיין קריג? האסטו נאך אליין צו ווייניק געלט?

יהודה האט זאכלער אפגעענטפערט:

— פאראייניק זיך מיט אראגאן און דו קאנסט אריינטרעטן אין מלחמה.

— תמיד דאס זעלבע, — האט אלפאנסא געווארטשעט, און אויפ־הייבנדיק זיך אויפן בעט, האט ער נישט איבעררייסנדיק זיינע רייד א פרעג געטאן:

— און וואס איז מיט די יידן, וואס דו האסט געוואלט אריינברענגען אין מיין לאנד? באמי זיך צו זיין ערליך און רעד נישט ווי זייערער א ברודער, נאר ווי מיינער א בעל־יועץ. צי וועלן דען אלע מיינע אונ־טערטאנער מיר נישט פארווארפן, אז בעת עס גייט אן די הייליקע מלחמה, לאזט דער דאזיקער קעניג אריין מויזנטער יידישע בעטלער אין לאנד?

אין איין אויגנבליק האט זיין אוטעם, זיין געצווונגענע רואיקייט זיך פארוואנדלט אין ווילדער פרייד.

— קיינער וועט אזוינס נישט זאגן, הער קעניג, — האט יהודה אפ־געענטפערט מיט יראת־הכבוד, פול מיט אינערלעכער גאווה און זיכער־קייט. — איך וואלט צומאל נישט געוואגט דיך צו בעטן, אז דו זאלסט אריינלאזן בעטלער אין דיין לאנד. דערביי וויל איך מיט הכנעה דיר פאר־לייגן, אז פון יעדן פליט, וואס וועט אריבערגיין די גרענעץ פון דיין לאנד זאל מען פאדערן באווייזן א געוויסע סומע, וואס זאל זיין, לאמיר זאגן, נישט קנאפער פון פיר גאלד־מאראוועדי. די נייע איינוואנדערער וועלן אלזא נישט זיין קיין בעטלער, נאר סאלידע לייט, באהאוונטע האנטווער־קער און סוחרים, וואס וועלן צאלן פעטע שטייערן.

אלפאנסא, געניגט צו לאזן זיך איבערצייגן, האט א פרעג געטאן:

— צי גלויבסטו, אז מיינע גראנדן און מיין פאלק וועלן זיך לאזן אויפקלערן דעם דאזיקן ענין?

— דיינע גראנדן מעגלעך נישט, אבער דיין פאלק — געוויס, — האט יהודה געענטפערט. — דיינע קאסטיליער וועלן באמערקן זייער פארמעגלעך לעבן.

דער קעניג האט געלאכט.

— דו האסט ליב איבערצוטרייבן, דו האסט שוין אזא טבע, — האט ער געזאגט. און ווי דרך־אגב האט ער צוגעגעבן: — אלזא, גרייט צו אן עדיקט.

יהודה האָט זיך טיף פאַרנייגט, צולייגנדיק אַ האַנט צו דער ערד.

איידער יהודה האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט דער קעניג פאַרן אַוועקגיין געזאָגט:

— די דאָקומענטן שיק מיר צו אין לאַ־גאַליאַנאַ. היינט בין איך דאָרט צוריק. און גיב איבער דיין טאָכטער, אַז אויב זי וויל זיין ביים אונטערשרייבן, וועט עס פאַר מיר זיין אַ פרייד.

נאָך מיט פינף טעג פאַרן טערמין האָט דאָן יהודה געמאָלדן דעם פרנס אפרים, אַז דער קעניג האָט דערלויבט איינצוואַנדערן זעקס טויזנט פרענקישע יידן אין זיין לאַנד.

— און איצט קאָן איך דיר איינשפּאָרן די אַרבעט פון אַריינלייגן מיך אין חרם, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ ביטערער גאווהדיקער מינע.

— די צוועלף טויזנט מאַראַוועדי פאַר די פרענקישע יידן קאָן איך דיר פאַרשטייט זיך, נישט איינשפּאָרן. — און ער האָט גרויסמוטיק צוגעגעבן:

— זייער קומען אין לאַנד בלייבט דיין פאַרדינסט. אָן דיין צוזאָג און אָן דיין הילף וואָלט איך עס נישט געקאָנט דורכפירן.

דאָן אפרים האָט מיט זיינע בלאַסע ליפן געמאַכט די ברכה, וואָס מען זאָגט ביים באַקומען אומגעריכט אַ גוטע בשורה:

— געלויבט זאָלסטו זיין אדוני, אונדזער גאָט, וועלכער איז גוט און טוט גוטס.

— נפתלי אלהים נפתלתי, גאָטס זיג האָב איך געזיגט, — האָט יהודה געיובלט.

ער איז געשטאַנען מיט אַ שטראַלנדיק פנים, עס האָט אים געטראָגן, ער האָט נישט געשפּירט דעם באָדן. צי איז דאָס דער זעלבער מאַן, וועלכער איז נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק געווען צעשמעטערט פונעם באַוווסטזיין אַז ער איז נישטיק? זיין גאווה איז געוואַקסן ביזן הימל. אין האַרצן האָט ער חוזק געמאַכט פון די נאראָנים, וואָס פירן אַ הייליקן קריג איבער אַ לאַנד, וואָס וועט צו זיי קיינמאָל נישט געהערן. דעם אמתן הייליקן קריג, גאָטס קריג, פירט ער, יהודה, בעת יענע רויבן און הרגענען, ראַטעוועט ער זעקס טויזנט יידן. ער זעט שוין, ווי זיי אַרבעטן מיט זייערע פלינקע קעפּ און מיט זייערע געשיקטע הענט, ווי זיי שטעלן אַוועק וואַרשטאַטן, פּראָדוצירן פאַרשידענע וויינען, פאַרשידענע נוצלעכע זאַכן און טוישן זיי אויס אויף עפּעס אַנדערש.

מיט זיין פריינד מוסא האָט ער געפייערט זיין זיג. מיט אים, וועלכער איז געווען אַ מבין אויף געשמאַקע זאַכן און גוטע וויינען, האָט ער איינגעאָרדנט אַ דונוגישן מאָלצייט אויפן מאַניר פון די ברידער רונון, די באַרימטע לעבע־יונגען פון דער מוסולמענישער וועלט. צוזאַמען מיט מוסאן האָט ער זיך געפרייט מיטן גליק, וואָס האָט אים געטראָפן. צי איז ער נישט גאָטס אויסדערוויילטער? ווען גאָט שיקט אָן אויף אים צייטנווייז אַן אומגליק איז עס צוליב דעם, כדי ער זאָל בעסער פילן זיין גליק.

— איך ווייס, מיין פריינד, — האָט מוסא געענטפערט מיט אַ ליבלעכן שפּאַס, — אַז דו ביסט פון דוד המלכס אָפּשטאַם און גאָט טראָגט דיך אויף דער פלאַך פון זיין האַנט, עס זאָל דיר קיין שלעכטס נישט געשען. דעריבער דאַרפסטו קיינמאָל נישט רופן צו הילף דיין פאַרשטאַנד, נאָר דאַרפסט „טאָן" לויטן אינערלעכן רוף פון דיין ברויזנדיק האַרץ, פונקט ווי יענער ריטער, וועלכן דו האָסט פיינט בתכלית־השנאה. מיט דיין שכל פאַרשטייסטו זיי זייער גוט, דיינע געשעפטן אָבער פירסטו לויט זייער שפּרוך: „נישט זיצן רואיק, תמיד עפּעס טאָן, בעסער נישט ריכטיק, איידער גאָרנישט".

זיי האָבן געטרונקען די טייערסטע וויינען, און אויך יהודה האָט פון זיין זייט פריינדלעך געשפּאַסט איבער מוסאן:

— יאָ, דער חכם דאַרף זיין קאַלטבלוטיק ביי יעדער געלעגנהייט אין לעבן, ער דאַרף זיך גיכער לאָזן הרגענען, איידער זיך אַליין דערהרגענען. דו האָסט דערפון געהאַלטן, איך קאָן עס באַשטעטיקן. און ווען איך וואָלט ווען דעם נישט געזאָגט, וואָלסטו שוין צוויי אָדער דריי מאָל געהרגעט געוואָרן און וואָלסט איצט נישט געקאָנט טרינקען דעם וויין פון דעם ראָנע־טייך.

און זיי האָבן געמאַכט אַ כוסה.

— איך בין צופרידן, — האָט מוסא געזאָגט, — וואָס לכל־הפּחות אויפן היינטיקן אָוונט האָסטו דיין איבן אַמאַר פאַרבאַטן צו קומען מיט אַ פּראָיעקט פון אַ מלוכה־אָפּמאַך, אָדער וועגן אַן אָהיצר פאַרן אַרויספאָר פונעם האַנדלס־פלאָט. אַ שאָד, וואָס זעלטן זענען די שעהן, ווען מיר קאָנען פריינדלעך פאַרברענגען צוזאַמען. דו האַלטסט אין איין פרעדיקן וועגן שלום, און אַליין געניסטו פון אים זייער ווייניק.

— ווען איך וואָלט מער געגאָסן, — האָט יהודה אָפּגעענטפערט, — דעמלט וואָלט פאַר אַנדערע גאָרנישט פאַרבליבן.

מיט שטילע, שמייכלדיקע, פאַרשערישע אויגן האָט מוסא באַטראַכט זיין פריינד.

— דו לויפסט שנעל, מיין יהודה, און לויפסט אָן אויפהער, — האָט מוסא זיך אָנגערופן. — איך מיין, אַז דו אַנטלויפסט פון דיין נשמה און זי קאָן דיך נישט איינהאַלטן. מיט דיין לויפן דערגרייכסטו אָפט דעם ציל, אָבער פאַרגעס נישט, אַז טיילמאָל פעלט דיר אויס אָטעם. — און ער האָט צוגעגעבן: — בלויז יהודי סגולה פאַרשטייען, אַז מיר לעבן נישט, נאָר מען פירט אונדז אין לעבן, איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז איך בין נישט די האַנט, וואָס וואַרפט דעם שפיל־ביין, נאָר דער שפיל־ביין אַליין. איך האָב מורא, אַז דו וועסט עס קיינמאָל נישט באַגרייפן. אָט גראָד דער־פאַר האָב איך דיך ליב און בין דיין פריינד.

לאַנג זענען זיי געזעסן, געגעסן געפלוידערט און געטרונקען. נאָכ־דעם האָבן זיי זיך פאַרווילט מיט די מענצערינס, וואָס יהודה האָט צו זיך פאַרבעטן.

ווען יהודה האָט אין עטלעכע וואָכן אַרום זיך פאַרטראַכט איבער מוסאס רייד, האָט ער מיט צופרידנקייט געשמייכלט. אַלץ איז געגאַנגען כשורה. צוויי ריזיקע סחורה־טראַנספּאָרטן, וועלכע ער האָט אויף גאָטס באַראָט אָפּגעליפערט פונעם ווייטן מזרח, האָבן דורכגעמאַכט אַלע ימים און קריג־סכנות און זענען אָנגעקומען בשלום אין היימישן פאָרט. אין ברען פונעם הייליקן קריג, האָט יהודה אָפּגעשלאָסן מיט די פאַרשטייער פון סולטאַן סאַלאַדין אַן אָפּמאַך, זייער אַ גינסטיקן פאַר אים און פאַר קאַסטיליע. מיט איבערלעכער שטויננונג האָט יהודה געזען, ווי עס ווערט פאַרווירקלעכט זיין טרוים, וועגן וועלכן ער האָט אַמאָל געטרוימט ביים איינגעפאַלענעם פאָנטאַן. זיין שטאָלץ האָט געשיינט, ווי אַ מאַט־באַ־לויכטענער וואָלקן.

ער האָט זיך געהייסן מאַכן אַ הערב, אויף וואָס דער קעניג איז מסכים געווען. דאָס איז געווען אַ מנורה, אַ זיבן־רערנדיקער לייכטער, ווי אין בית־המקדש און אַרום אָנגעשריבן אויף העברעיש יהודהס נאָמען און זיין אַמט. ער האָט באַשטעלט אַ חתימה מיט דעם דאָזיקן הערב, און די דאָזיקע חתימה האָט ער געטראָגן אויף זיין ברוסט, לויטן מנהג פון זיינע אורעלטערן, די מענער, וועגן וועלכע עס שטייט געשריבן אין תנ"ך.

דער סאַלאַדין־מעשׂר, וואָס די אַלאַכאַמאַ האָט געצאָלט, איז געווען זייער גרויס, אַזוי הויך זענען געווען די פּראָצענטער, וואָס יהודה האָט באַקומען. ער האָט באַשלאָסן דאָס געלט נישט איבערלאָזן פאַר זיך. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יידישע גרושים פון פּאַריז האָבן באַוויזן צו ראַטעווען אַ ספר־תורה, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאַר דער עלטסטער פון משה רבינוס חומשים, דער ספר הילאלי. יהודה האָט באַצאָלט פאַרן ספר דריי טויזנט מאַראַוועדי. קיינער וואָלט די פּליטים אַזאַ אומגעהויערן סכום נישט באַצאָלט.

יהודה און מוסא זענען געזעסן פאַרן אויפגעוויקלטן, קאָסטבאַרן פאַרעלטערטן פּאַרמעט, וואָס האָט איבערגעגעבן גאָטס וואָרט און די איידעלע דערהויבענע שריפטן פון יידישן פאָלק פון דור צו דור, פון משפחה צו משפחה. גיריק מיט יראת־הכבוד האָבן זיי באַטראַכט דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן ספר און פאָרזיכטיק זיך צוגערירט מיט די הענט.

יהודה האָט געהאַט בדעה די דאָזיקע ספר־תורה איבערגעבן דער אַלאַכאַמאַ. אָבער דער אָרעמער אויסזען פון די יידישע שולן אין טאָלעדאָ האָט אויף אים געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. פאַר אַזאַ זעלטענער ספר־תורה וועט ער אויסבויען אַ נייַ הייליק הויז, וואָס זאָל זיין ווירדיק פאַר דעם דאָזיקן טייערן כתב־יד, ווירדיק דעם פאָלק ישׂראל, דער אוראַלטער אַלאַכאַמאַ פון טאָלעדאָ און אויך אים אַליין, יהודהן איבן עזראַ.
מוסא האָט אים געגעבן אָנצוהערן:

— צי וועסטו דערמיט נישט דערוועקן דעם צאָרן פונעם אַרציבישאָף און פון די באַראָנען?

אויף יהודהס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ גרינגשעצנדיקער שמייכל:

— איך וועל דעם גאָט פון ישׂראל אויסבויען אַ בכבודיק הויז, — האָט ער געזאָגט.

מוסא האָט פריינדלעך, אָבער מיט מער ערנסט ווי פריער אים געוואָרנט:

— מיין פריינד יהודה, טו נישט אָן דיין פערד אַ צו פּרעכטיקן געשפּאַן, ווייל דו קאָנסט נאָך צום סוף בלייבן ביים געשפּאַן און דאָס פערד זאָל אַוועק.

יהודה האָט אים פריינדלעך געקלאַפּט איז פּלייצע און ווייטער געגאַנגען מיט זיין אייגענעם דרייסטן וועג.

# קאַפּיטל פיר

ווען דאָניא לעאָנאָר האָט אין בורגאָס באַקומען דעם ערשטן באַריכט וועגן אַלפאָנסאָס ליבע, האָט זי גאָר נישט גענומען ערנסט. אַפילו נאָכדעם, ווי ער האָט שוין עטלעכע וואָכן אַליין אָפּגעלעבט מיט דער ייִדישקע אין לאַ־גאַליאַנאַ, איז זי געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ צייטווייליקע אַוואַנטורע. אין משך פון די פופצן יאָר, וואָס זי האָט מיט אים געלעבט, האָט ער פון צייט צו צייט געהאַט אַ געליבטע, תמיד אָבער פלעגט ער מיט יונגנטלעכער שעמעוודיקייט צוריקקומען צו איר. זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל זיך האָבן ערנסט פאַרליבט, און אין וועמען, אין דער דאָזיקער ייִדישקע! ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען האָט ער אויף איר קנאַפּ אַכט געלייגט. אַפילו זי אַליין האָט אים געמוזט מאַכן אויפמערקזאַם, ער זאָל איר זאָגן אַ ביסל העפלעכקייטן. זי איז געווען אומבאַשיידן, די דאָזיקע ייִדישקע. זי איז געווען פרעמדאַרטיק און משונהדיק געקליידט, און דאָס האָט געדאַרפט אָפּשטויסן דעם קעניג.

גיין, דאָניא לעאָנאָר איז נישט געווען אייפערזיכטיק. אַ שרעק האָט אויף איר אָנגעטריבן די געשיכטע פון איר מוטער עלינאָר דע גיזן, וועלכע האָט איר פאָטער דעם ענגלישן קעניג הענריק געקוועלט מיט ווילדער אייפערזוכט, און ער האָט זי זינט יאָרן געהאַלטן געפאַנגען. זי וועט איר נישט נאָכטאָן. אַלפאָנסאָס ליבע מיט דער ייִדישקע רחלען וועט פאַרבייגיין, ווי אַלע זיינע פריערדיקע ליבעס.

עס זענען פאַרביי וואָכן, חדשים און אַלפאָנסאָ האָט נישט אָפּגעטראָטן פון רחלען. אָבער לעאָנאָר האָט פאָרלויפיק אינגאַנצן דערויף נישט רעאַגירט. זי האָט פון שטענדיק אָן געהאַלטן, אַז די שיינע פערזן־ראָמאַנען, וואָס איר שוועסטער שיקט איר פין טריא און וועלכע אויך די פראַנקישע ריטער און זינגער טראָגן איר צו, זענען בלויז פאַנטאַזיע. זי האָט אַליין געטרוימט פון יענע שיינע, גייסטרייכע פרויען, פון זשעניעוור און

איזאָלדע, צוליב וועלכע די הערלעכע ריטער לאַנצעלאָט און טריסטאַן האָבן מקריב געווען זייער כבוד און זייער לעבן. און אָט די אַלע ווילדע, משוגענע געשיכטעס זענען נישט קיין איינבילדונג פון פערזאָן-מאַכער, נאָר דאָס רעאַלע לעבן אַרום איר, די שרעקלעכע ווירקלעכקייט. אין וועלכער עס האָט געלעבט איר מאַן, איר ריטער, איר געליבער, איר אַלפאָנסאָ!

מיטאַמאָל האָט זיך אין איר דערוועקט אַ שרעקלעכער כעס אויף אַלפאָנסאָן, וועלכער האָט פאַרשוועכט איר ליבע, אירע ווייבלעכע געפילן, דעם געבורט פון זיין יורש, און אַן אומבאַגרענעצטער האַס צום יידישן מיידל, די זונה, וועלכע האָט פאַרפירט און אַוועקגעגנבעט ביי איר דעם מאַן, וואָס געהערט צו איר שוין פופצן יאָר געזעצלעך, לויט דעם קריסטלעכן הייראַט.

אָבער זי טאָר נישט אַזוי פאַרצווייפלען, ווי איר מאַמע, זי טאָר נישט פאַרלירן דעם שכל, ווייל איר קעגנער איז הײַנט קלוגסטער מאַן אין דער מלוכה, איבן עזראָ, וועלכן זי אַליין, דער נאַר, די אומגליקלעכע, האָט געשטיצט.

זי איז געווען קלוג. זי האָט דערשטיקט אין זיך דעם כעס. זי האָט זיך געמאַכט כלא-יודע. און דאָס, וואָס איז געשען האָט זי פאַרלייקנט אַפילו פאַר אירע נאָענטע לייט. דער אַרציבישאָף פון בורגאָס, איר איבערגעגעבענער פריינד, איז געקומען שטאַרק פאַרזאָרגט. ווען ער אָבער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם אומגליק, האָט איר קעניגלעך געזיכט אים מכבד געווען מיט אַזאַ קאַלטן בליק, אַז דער פרומאַק האָט צוגעמאַכט דאָס מויל.

ניין, דאָניאַ לעאָנאָר האָט גאָרנישט געוווסט פון דער לאַ-גאַליאַנאַ. זי האָט גאָרנישט אונטערגענומען קעגן אַלפאָנסאָן און זיין געליבטער. זי האָט זיך פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט.

זי האָט אָבער געענדערט איר פאָליטיק. כדי צו צעטומלען די הערן פון איר הויף, האָט זי פליצלונג געמאָלדן, אַז קאַסטיליעס נייטראַליטעט איז אַ פאַרברעכן און אַ גרויסע נאַרישקייט. יעדער איינער זעט גאַנץ בולט, אַז די מלוכה האָט איצט גענוג מיטלען אַריינצוטרעטן אין הייליקן קריג. מען דאַרף סוף-כל-סוף אַרויסטרעטן.

זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז אַלפאָנסאָ וועט תיכף אויסגעניכטערט ווערן, ווי נאָר ער וועט אַרויסטרעטן אין קאַמף. דאָס איז ביי איר געווען זיכער, ווי דער „אמן“ אין קירך

זי מוז און וועט זיך געווים דערשלאָגן, ער זאָל אַריינטרעטן אין קריג. זי וועט דערפירן צו אַ בונד מיט אַראַגאָן. זי האָט בייז געשמייכלט. אָט די דאָזיקע נאַרישע תאווה אַלפאָנסאָס וועט זי איצט אויסנוצן ווי־בער צו מאַכן דאָן פעדראָ. ווייל איצט, ווען דאָן פעדראָ ווייסט שוין וועגן אַלפאָנסאָס בייז משוגעתן, וועט מען אים מוזן אויפקלערן, ער זאָל זיין אַמאָליקע כּאַט טראַקטירן ווי אַ צופעליקע לייכטזיניקייט, וואָס ער דאַרף מוחל זיין און פאַרגעסן.

זי האָט דאָן פעדראָ געשיקט אַ פאַרטרוילעכן שליחות־בריוו, ווו זי האָט מיט ווייבלעכע צאַרטע ווערטער אים געגעבן אָנצוהערן, אַז זי לעכצט זיך צו זען מיט אים. דעם בריוו האָט זי איבערגעשיקט דורך דאָן לואיס, דעם סעקרעטאַר פון איר פריינד, דעם אַרציבישאָף פון בורגאָס.

דאָן אַלפאָנסאָס ליבע־אַוואַנטורע, האָט אויפגעטרייסלט דעם יונגן דאָן פעדראָ. ווי פיינט ער האָט נישט געהאַט אַלפאָנסאָן, האָט ער אויף אים געקוקט ווי אויפן שפיגל פון ריטערטום, און די איצטיקע משוגענע תאווה זיינע האָט געגעבן אַ נייעם בולטן באַווייז, ווי לאַנצעלאָט און טריסטאַן, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייערע דאַמען, אַזוי שטעלט אויך אַלפאָנסאָ זיין ריטער־ און קעניג־נאָמען אין קאָן צוליב אַ פרוי, פאַר וועלכער ער גייט אויס. מיט דעם וואָס די פרוי איז אַ יידישקע, באַקומט די אַוואַנטורע אַ באַזונדערע סודותפולע באַלייכטונג. אַ סך ווילדע דער־ציילונגען קורסירן וועגן ריטער, וועלכע האָבן זיך אויפן נאָענטן מזרח איינגעליבט אין מוסולמענישע ווייבער, דאָן פעדראָ איז אויפגעציטערט געוואָרן פון זיין קוזין, וועלכער האָט פאַרלייקנט זיין קריסטלעכן גלויבן און פאַרשפּילט זיין נשמה. דאָך אָבער האָט ער באַוואונדערט זיין דרייסט־קייט.

גראָד דעמלט, ווען ער האָט זיך געפינען אונטערן איינפלוס פון אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע געפילן, האָט ער געלייענט דאָניאַ לעאָנאָרס שליחות. אינגערלעך האָט ער געהערט איר שטים. די צאַרטע דאַמע איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן, ער האָט געפילט אַ געוויינלעכן מיטלייד צו דער דאָזיקער איידעלער פרוי, וועלכער אַלפאָנסאָ האָט מיט זיין פאַרשאָלטענער משוגעת, און פאַרפלאָנטערט פון מיוול, פאַרסמט דאָס לעבן. זי איז איצט אַ פרוי אין נויט, און זיין חוב איז איר קומען צו הילף.

פון סאַמע אָנהייב פונעם קרייץ־צוג האָט אויך דאָן פעדראָן גע־קוועלט זיין אומטעטיקייט. ער האָט געשאַרפט זיינע כלי־זיין, כדי אָנצו־

באַלן אויף דער מוסולמענישער שטאָט וואַלענסיע. יאָ, ער האָט געשיקט שליחים צום עמיר פּון וואַלענסיע, וועלכע האָבן אויף אַ חוצפּהדיקן אופן געפּאָדערט פּון אים צינזן, שטיצנדיק זיך אויף אַלטע אָפּמאַכן, און דאָן יוסף איבן עזרא איז קוים מיט צרות געלונגען דעם עמיר צו באַרואיקן. דער מיניסטער האָט כסדר געמוזט אָנווענדן נייע שפּיצלעך, כדי צו צוימען זיין קעניג און איינהאַלטן דעם „שענדלעכן" שלום.

דאָניאַ לעאָנאָרס שליחות האָט געטראָפן דאָן פּעדראָן אין אַ מלחמה-שטימונג. ער האָט אָבער נישט געקאָנט ביי זיך פּועלן, ער זאָל דער ערשטער גיין קיין בורגאָס, כדי זיך איבערצובעטן. אין בורגאָס האָט מען דאָס פאַרגעסן, און דאָניאַ לעאָנאָרס שליח, דער פרומער און כיטרער סעקרעטאַר דאָן לואיס האָט געפונען אַן אויסוועג. צי וואָלט נישט געווען אַ יושר, אַז אין אַזאַ שווערער צייט זאָל אַ קריסטלעכער קעניג עולה-רגל זיין אין קלויסטער פּון סאַנטיאַגאָ דע קאָמפּאָסטעלאַ? אויב דאָן פּעדראָ וועט איינגיין אויף אַזאַ פּילגרים-נסיעה דורך בורגאָס, וועט דאָניאַ לעאָנאָר זיין גליקלעך.

דאָן פּעדראָ איז געפאָרן דורך בורגאָס.

דאָניאַ לעאָנאָר איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זי רופט אַרויס ביים יונגן ריטער די זעלבע אַנטציקונג ווי פריער. ער האָט אַרויסגעזאָגט עטלעכע אומגעלונגענע ווערטער, אַרויסווייזנדיק מיטגעפיל צו איר אומגליק. זי האָט זיך נישט באַמיט אים צו פאַרשטיין. זי האָט אָבער נישט פאַרבאָרגן פון אים איר צער. זי האָט אים גאַנץ דייטלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען ער וואָלט געשלאָסן אַ בונד מיט קאַסטיליע און דערמיט געגעבן די מעגלעכקייט די שפּאַנישע מלוכות אַריינצוטרעטן אין הייליקן קריג, וואָלט עס געווען אַ גרויסער אויפטו נישט בלויז פאַר דער קריסטלעכער וועלט, נאָר אויך פאַר איר, לעאָנאָר, פערזענלעך. ווייל ער וואָלט דעמלט באַפרייט פון די נעגל פון בייזע גייסטער אַ גרויסן פירשט און האַר, וואָס שטייט נאָענט צו איר און גלייכצייטיק וואָלט מען אים, אַלפאָנסאָן, געהאָלפן ווערן דער פריערדיקער אידעלער ריטער. ער איז געזעסן אַ ציטומלטער, האָט זיך געשפּילט מיט דער הענטשקע און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. זי פאַרשטייט גאַנץ גוט, האָט זי דאָן פּעדראָן געגעבן אָנצוהערן, אַז עס איז אים שווער צו שליסן אַ בונד מיט אַ מאַן, וועלכער האָט לויט זיין מיינונג, אים באַליידיקט. אָבער אפשר וועט מען קאָנען באַווירקן אַלפאָנסאָן, ער זאָל מיט מעשים צעשטערן פּעדראָס אומצוטרוי.

לויט ווי זי האָט פֿאַרויסגעזען, האָט דאָן פּעדראָ געשטעלט אַ שאלה: אין וואָס וועלן זיך אויסדריקן די דאָזיקע מעשים. זי איז שוין אָבער פֿון פֿאָרויס צו אַלץ געווען צוגעגרייט. לויט איר מיינונג, דאַרף אַלפֿאָנסאָ אָנערקענען די אויבערמאַכט פֿון אַראַגאָן איבערן באַראָן דע קאַסטראָ. און כּדי אַרויסצוווייזן זיין גוטן ווילן, וועט ער דעם באַראָן גוטיערע דע קאַסטראָ אַלס שטראָף באַצאָלן אַ גרויסן סכום פֿאַר זיין דערהרגעטן ברודער, און מעגלעך, אַז אַלפֿאָנסאָ וועט זיך לאָזן איינרעדן מען זאָל דעם באַראָן גוטיערע אַוועקגעבן זיין שלאָס אין טאָלעדאָ.

זי האָט געהאַלטן, אַז אַלפֿאָנסאָ וועט גערן מסכּים זיין אויף דער געלט-אַנטשעדיקונג, ווייסנדיק, אַז דערמיט עפֿנט זיך פֿאַר אים דער וועג אַריינצוטרעטן אין קרייץ-צוג. און אַז מען וועט אָפּנעמען ביי יהודהן דעם שלאָס, וועט דער חוצפּהדיקער ייד נישט מוחל זיין די באַליידיקונג און עס וועט מוזן דערגיין צו אַן איבערדרייס מיט די איבן עזראָס.

דאָן פּעדראָ האָט זיך פֿולשטענדיק פֿאַרלוירן. אַזאַ מין הנחה וועט פֿאַרגיטיקן אַ סך אומגערעכטיקייטן. ער האָט דערשפּירט דאָניאַ לעאָנאָרס רחמנותדיקן בליק. טיף אין זיין האַרץ האָט זיך איינגעקריצט איר רמז, אַז ער וועט איר אַרויסווייזן אַ ריטערישקייט און אַ ליבע-טובה, ווען ער וועט אַלפֿאָנסאָן אַרויסרייסן פֿון די מיוולאָגישע נעגל פֿון די ייִדישקע. דער ערנסט און מילדקייט פֿון דער טרויעריקער קעניגין האָבן אים שטאַרק גערירט. ער האָט געקושט איר האַנט און געזאָגט, אַז ער וועט איר פֿאָרשלאָג אויף אַ פֿריינדלעכן אופֿן באַטראַכטן. קיין שום שענערע זאַך קאָן ער זיך נישט ווינטשן, ווי אַרויסצוטרעטן אין קאַמף אין נאָמען פֿון קריסטוס און אין איר, דאָניאַ לעאָנאָרס, נאָמען.

ווען רחל איז צוריקגעקומען אין לאַ-גאַליאַנאַ, האָט אַלפֿאָנסאָ זי נאָך מער ליב געקריגן ווי פֿריער. טייל מאָל, ווען ער האָט געקוקט אויף איר איידל פּנים, האָט ער זיך געשעמט, וואָס ער האָט זי אַזוי געמיין באַהאַנדלט. זי איז אַ דאַמע, די דאַמע פֿון זיין האַרץ, און ער איז זיך אַזוי נישט אָנשטענדיק מיט איר באַגאַנגען! ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זי דעמלט באַהערשט, בעת זי האָט זיך פֿאַרצווייפֿלט געווערט, האָט ווידער אין אים זיך דערוועקט אַ בייזע תאווה. ער האָט דערשפּירט אַ וויסטן פֿאַרלאַנג זי ווידער צו דערנידעריקן, און ווען זי האָט זיך אין זיינע אָרעמס שטאַרקער פֿאַרגעסן פֿון אים, האָט ער געקוואָלן, גלייך ער וואָלט אָפּגעהאַלטן עפּעס אַ ווילדן נצחון.

אגב, איז ער איר געווען זייער דאנקבאר, וואָס זי האָט מיט קיין שום וואָרט, מיט קיין שום זשעסט אים נישט דערמאָנט וועגן יענער שרעקלעכער שעה. גלייך נאָך איר צוריקקער האָט זי אים פאַרהאַגהט געפרעגט, וואָס איז עס פאַר אַ וואונד אויף זיין האַנט, ווייל די וואונדן, שנימן און ריסן פון דער צעבראָכענער מזוזה־גלאָז, היילן זיך זייער פאַוואָליע. ער האָט איר אומגערן אָפּגעענטפערט און ער איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אים מער נישט איבערגעפרעגט. זי האָט אויך נישט געפרעגט, פאַרוואָס רבי חננס ציסטערנעס זענען פאַרשאָטן.

אינגדעראמתן האָט זי וועגן יענע מינוטן נישט פאַרגעסן. אַלץ האָט אָבער פאַסירט אַזוי, ווי זי האָט פאַרלאַנגט און פאַרוואָס זי האָט מורא געהאַט: אין זיין אָנגענעמער קעגנוואָרט איז די שאָנד שוין נישט געווען שענדלעך און דאָס געמיינע איז נישט געווען געמיין. אין זיינע אָרעמס האָט זי צייטנווייז אפילו געלעכצט צו זען דאָס צעווילדעווועטע געזיכט פון יענע תאוותדיקע מינוטן.

איר שטרעבונג איז צו ענדערן, צו מאַכן אים פאַר אַ מענטש אָנשטאָט אַ רימער, איז געווען אַזוי נאַריש, ווי דאָס שלאָגן זיך פון די בוואַליעס אָן פעלזן. דאָס האָט זי אָבער שטאַרק נישט געערגערט, ווייל זי האָט ליב געהאַט דעם רימער. זיין אומזיניקע העלדישקייט, זיין מאָגער, קנאָכיק מעגלעך פנים ווי פון האַלץ געשניצט, דאָס געמיש פון עלעגאַנץ און ברוטאַליטעט האָט זי אָן אויפהער אָנגערעגט.

פון אַלע ספרים פונעם תנ״ך האָט זי איצט ס׳רוב ליב געהאַט דעם שיר־השירים. אַ סך פסוקים האָבן באַצירט די ווענט פון איר שלאָפצימער:

„וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט,
האַרט ווי דער קבר — די אייפערזוכט.
אירע פלאַמען זענען פלאַמען פייער —
אַ פלאַקער פון גאָט.
גרויסע וואַסערן קאָנען נישט פאַרלעשן די ליבשאַפט
און טייכן וועלן זי נישט אַוועקפלייצן״.

זי האָט איבערגעזעצט אַלפאָנסאָן די דאָזיקע פסוקים. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַן ערנסט פנים. זי האָט אים געמוזט די פסוקים איבערחזרן. זי האָט אים געמוזט איבערטייטשן די העברעישע ווערטער.

— דאָס קלינגט נישט שלעכט, — האָט ער באַמערקט, — ס'איז גוט.

זינט זי האָט אים געשענקט די אַראַבישע כלי־זיין, האָט ער געוווּסט, אַז זי ליבט דעם ריטער אַלפאָנסאָ. די אײפערזוכט צו איר טאַטן און צום אַלטן מוסא האָט אים אָבער אונטערגעזאָגט, אַז איר פאַרשטאַנד, פּונקט ווי פריער, וויל נישט אָנערקענען דאָס, וואָס אין אים איז גוט און העלדיש.

מיט ברען, כמעט ליידנשאַפטלעך, באַמיט ער זיך צו דערקלערן: מלחמה — דאָס איז אַ געטלעכער געבאָט, דער מלחמה־רום איז דאָס העכסטע, וואָס אַ מאַן קאָן דערגרייכן. ערשט בעתן קריג ווייזן זיך אַרויס די גוטע זייטן פון אַ מאַן און פון אַ פאָלק. צי האָבן די ייִדן נישט געהאַט זייער שמשון, זייער גדעון, זייער דוד און זייער יהודה המכבי? און ווי קאָן אַ קעניג הערשן אָן מלחמה? אַ קעניג מוז האָבן געטרייע מענער, וואָס דערוואַרטן מיט רעכט פון אים זייער לוין. ער מוז תמיד נייע געביטן דעראָבערן, כדי זייער טרײשאַפט צו באַלוינען. פונוואַנען זאָל ער די דאָזיקע געביטן נעמען, אויב נישט פון שונא? אַ קעניג איז פון גאָט באַשטימט, כדי צו זיגן און זיין לאַנד צו פאַרגרעסערן. ער, אַלפאָנסאָ, איז איינגעהאַלטן, ער איז נישט אַזוי גייציק, ווי זיין שווער הענריק פון ענגלאַנד, אָדער ווי דער רוימישער קייזער פרידריך. ער וויל נישט די גאַנצע וועלט דעראָבערן. ער זאָגט זיך אָפּ דערפון, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון די פירענעען. ער וויל בלויז שפּאַניע, אָבער ער וויל גאַנץ שפּאַניע, סיי דאָס קריסטלעכע, סיי דאָס מוסולמענישע.

דרייסט און אומברחמנותדיק, ווי דער גורל, האָט ער אויסגעזען אין רחלס אויגן. ער לאַכט און איז פול מיט דראָונגען, דאָס דאָזיקע שפּראָצל פון די פרענקישע און גאָטישע באַרבאַרן. ער איז איבערצייגט, אַז גאָט אַליין האָט פאַר אים באַשטימט די הערשאַפט איבערן שפּאַנישן האַלבאינדזל.

ער האָט איר דערציילט וועגן דער גרויסער איידעלער סטראַטעגיע־קונסט. ער האָט איר אַלץ גרינטלעך און גענוי אויפגעקלערט און, הגם ער איז נאָך ביז איצט נישט קיין אַלעקסאַנדער און נישט קיין צעזאַר, איז ער דאָך געבוירן, כדי מלחמה צו האַלטן. עס ליגט אין זיין בלוט די פעיקייט ווען מען דאַרף אַרויספירן אויפן קריגס־פלאַץ לייכטע רייטער און ווען שווערע; פון ערשטן בליק שאַצט ער אָפּ דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד. קיינער, ווי ער, קאָן אַזוי שנעל נישט אויסזוכן קיין לויער־פּונקט, כדי אָנצופאַלן אויפן שונא. אויב עס האָט זיך אים נישט שטענדיק איינגעגעבן צו זיגן

איז עס דערפֿאַר, וואָס עס פֿעלט אים אַ לאַנגווייליקע קריגערישע מידה: געדולד.

ווען ער פֿלעגט איר דערציילן, וויפֿל בלוטיקע שלאַכטן ער האָט דורכגעמאַכט און וויפֿל מענטשן ער האָט דערהרגעט, פֿלעגט זי אים קיינמאָל נישט ענטפֿערן, הגם ער האָט געוואַרט אויף איר תשובה. זי האָט אים געקאָנט שטעלן אומגעפֿער אַזאַ מין פֿראַגע:

— וויפֿל מענטשן זאָגסטו? דריי מיזנט פֿון יענער זייט און צוויי טויזנט פֿון דיין זייט?

אין איר פֿראַגע האָט זיך נישט געשפּירט קיין פֿאָרוווּרף און נישט קיין אַנטציקונג. עס האָט זיך געשפּירט אַ ווייטערדיקע שטילונג. נאָכדעם פֿלעגט זי זיך פֿאַרשפּאַרן און פֿאַרזינקען אין איינזאַמקייט, פֿון וועלכער עס איז איר שווער געווען אַרויסצורייסן. צום ערגסטן איז געווען, ווען זי פֿלעגט אים אָנקוקן און שווייגן. דאָס איז געווען אַ פּילזאָגנדיק שווייגן, וואָס האָט אים מער געשטאָכן, ווי אַ בייזער ווידערשפּרוך.

איינמאָל, ווען זי האָט אַזוי געשוויגן, האָט ער פּלוצלונג פֿייַנטלעך זיך אָנגערופֿן:

— הו ווייסט, ווער עס האָט דאָס גלאָז פֿון דיין אמולעט, פֿון דיין מזוזה צעבראָכן? איך אַליין, מיט דער דאָזיקער האַנט. אויך די ציטערנעס פֿון דיין רבי חנן האָב איך געהייסן פֿאַרשיטן.

זי האָט נישט אָפּגעענטפֿערט, שטאַרק אָטעמענדיק איז ער אויפֿגעשטאַנען, געמאַכט אַ פּאָר טריט אַהין און צוריק, האָט זיך צו איר צוגעזעצט און פֿאַרפֿירט אַן אַנדער שמועס. ער האָט איבערגעריסן זיינע רייד. ער האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן. זי האָט לייכט צוגעלייגט איר האַנט צו זיין מויל.

ער האָט אין איר פֿיינט געהאַט דאָס פֿרעמדע. ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט אים געפֿאַנגען און אויף אייביק. Et nunc et semper in secula seculorum, amen.*) האָט ער אײַנערלעד זיך אַליין געלעסטערט. ער האָט ביי גאָט פֿאַרשפּילט זיין חסד, ווייל איצט האָט ער קלאָר געוווּסט, אַז ער וועט זי נישט איבעררעדן צום שמד. איצט איז ער שוין אַפֿילו געווען צופֿרידן. ער האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעזאָגט אַרויסציקריכן פֿון דעם קרייז, אין וועלכן ער איז אַליין פֿאַרזונקען. ער האָט זיך פֿעסט איינגעשלאָסן אין זיינע זינד.

---

*) און איצט, און אייביק, און אויף דורי־דורות, אמן (לאַטייו).

דאָן ראָדריגע האָט מער מיט אים נישט פאַרפירט קיין שמועס וועגן לאַ־גאַליאַנאַ. עס האָט מער קיין זין נישט געהאַט דערפון צו רעדן, ווײַל זיי האָבן ביידע איינער דעם צווייטן אַרויסגעזאָגט, וואָס מען האָט נאָר געהאַט אַרויסצוזאָגן. הגם אַלפאָנסאָ האָט זיינע זינד באַטראַכט אַלס א קעניגלעכע פּריווילעגיע, וואָס קיין שום גייסטלעכער קאָן ביי אים נישט אַוועקנעמען, דאָך האָט אים געקרענקט דער שטילער טרויער פונעם מאַן, וועלכער איז געווען זיין פריינד, און ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן, ווי אַזוי ער זאָל אים אַרויסווייזן א סימן פון ליבע און פון דאַנקבאַרקייט.

אָן דעם ווייסן פון אַרציבישאָף האָט ער אַרויסגעגעבן און עדיקט, וואָס שאַפט אָפּ פאַר זיינע לענדער די שפּאַנישע צייט־ציילונג און פירט איין דעם רוימישן קאַלענדאַר לויטן מוסטער פון די מערב־לענדער.

דאָן ראָדריגע, נישט געקוקט אויפן צער, וואָס דער קעניג האָט אים פאַרשאַפט, איז אים געווען דאַנקבאַר און שטאַרק צופרידן.

— דאָס האָסטו זייער גוט געטאָן, דאָן אַלפאָנסאָ, — האָט ער מסכים געווען.

היות דער אַרציבישאָף האָט נישט געוואַגט צו אַפּעלירן צום קעניגס געוויסן וועגן דער ענדערונג פונעם קאַלענדאַר, האָט ער מיט שאַרפע ווערטער קריטיקירט דעם עדיקט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בריוו־אויטוויש פון דער קירך. ער האָט אַלפאָנסאָן פאָרגעוואָרפן, אַז אָן שום נויטווענדיקייט, פשוט כדי איינצושפּאָרן א פאָר אויסלענדער קאָפּ־ברעכעניש, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ וויכטיקער פּריווילעגיע, וואָס די שפּאַנישע קירך האָט געהאַט אין איר האַנט. קיינער פון זיינע פאָרגייער האָבן אַזאַ אבן־טוב לייכט פון דער האַנט נישט אַרויסגעלאָזט. אַלפאָנסאָ האָט געוווּסט, אַז עס גייט אים נישט אַזוי אָן דער עדיקט, ווי די גאַליאַנאַ, וועלכע איז דעם בישאָף ווי א ביין אין האַלדז, האָט ער שטרענג אָפּגעזידלט דעם א י נ ט ר י ג אַ נ ט. נאָכדעם, ווי ער, אַלפאָנסאָ, האָט געמוזט אָפּזאָגן דעם פויפּסט אין עטלעכע וויכטיקע פאָ־דערונגען, איז ער איצט געווען צופרידן, וואָס ער האָט געקאָנט דעם היילקן פאָטער אַנטקעגנקומען מיט אַזאַ קלייניקייט. בכלל, אין דעם ענין איז רוים גערעכט. עס איז באמת נישט קיין קריסטלעכער שטאָלץ, ווען די שפּאַניער רעכענען די צייט לויט די גרעסטע געשעענישן פון זייער אייגענער געשיכטע. פאַרשטייט זיך, אַז זייער וויכטיק איז דאָס, וואָס דער קייזער אויגוסטוס האָט זיי געשאָנקען בירגער־רעכט, אָבער ס'איז

א פאקט, אַז פאַר דער גאַנצער וועלט און ממילא פאַרן שפּאַנישן האַלב־אינדזל איז קריסטוס־געבורט געווען נאָך באַדייטנדיקער.

דאָן אַלפאָנסאָס פרייד, וואָס ער האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן דעם פאַרזאָרגטן ראַדריגעז, האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. זיינע חטאים האָבן אים געמאַטערט. איינמאָל נאָך דער פרימאָרגן־מעסע, האָט ער א פרעג געטאָן דעם פריסטער פון קעניגלעכן שלאָס:

— זאָג מיר, חשובער ברודער, וואָס איז אייגנטלעך זינד?

דער יונגער פריסטער האָט ביי דער האַזיקער פראַגע פון דאָן אַלפאָנסאָ א שמייכל געטאָן און אָפּגעענטפערט:

— דערלויבט מיר, הער קעניג, דיר ציטירן די מיינונג פונעם הייליקן אויגוסטין. זינד, זאָגט ער, הייסט טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס דער מענטש אַליין ווייסט, אַז זיי זענען פאַרבאָטן און די ברירה איז ביי אים.

— איך דאַנק דיר, חשובער ברודער, — האָט דער קעניג אָפּגעענטפערט.

ער האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט איבער די ווערטער פון דעם גרויסן קירכן־פאָטער, נאָכדעם האָט ער א צוק געטאָן מיט די אַקסלען און צו זיך געזאָגט, אַז אין ערגסטן פאַל וועט ער דורכן קרייץ־צוג זיך באַפרייען פון זיינע זינד, אויב מען קאָן דאָס אָנרופן זינד.

קיינער האָט נישט געוואַגט עפנטלעך צו באַשמוצן דעם קעניג. אָבער בייזע צינגער האָבן וועגן אים גערעדט. דער גערטנער בעלאַרדאָ האָט דערציילט אַלפאָנסאָן, אַז שלעכטע מענטשן האַלטן אונדזער האַרין, דאָניאַ ראַקעל, פאַר א מכשפה און אַז זי האָט דעם הער קעניג פאַרכישופט.

די שמועסן האָבן נאָך מער געשטאַרקט זיין ווילן און ער האָט רחלען נאָך מער ליב געקריגן. אַלפאָנסאָ האָט געהאַלטן, אַז דעם קורצן וועג פון גאַליאַנאַ ביז דעם שלאָס איבן עזרא קאָן זי דורכמאַכן אין א טראָג־שטול. אָבער אויפן וועג האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אומפאַר־שעמט איבער איר געחוזקט, אָדער פשוט אָנגערופן: מיזול, כישוף־מאַכערין. רחל אָבער האָט נישט געהאַט קיין אויסזען ווי א פאַרשטייער פון גיהנום; — זי האָט אויסגעקוקט ווייניקער ייִנגלש. זי האָט באַקומען א נייע, קלוגע אויסטערלישע שיינקייט, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען. קנאה איז געוואָרן די צאָל פון די חוזק־מאַכער. ס'רוב האָבן זיך שוין מער נישט געחידושט, וואָס דער קעניג האָט אויסדער־ווײלט אַזאַ אויסדערוויילטע שיינקייט פאַר א געליבטע און האָבן עס נישט באַטראַכט פאַר קיין עוולה. „אָט די שיינע“ — פלעגן זיי אויסרופן.

זיי האָבן זיך מיט איר געפֿרייט. זיי האָבן זי געקרוינט מיטן נאָמען פֿערמאָסאַ. זיי האָבן פֿאַרפֿאַסט און געזונגען פֿריינדלעכע, התלהבותדיקע, וווּנדערלעכע ראָמאַנסן וועגן איר ליבע מיטן קעניג.

אַלפֿאָנסאָ פֿלעגט טיילמאָל זי באַגלייטן אין שטאָט אַריין. ער פֿלעגט רייטן נעבן איר טראָג=שטול און זיך צוגעהערט צו די אויסרופֿן:

— זאָל לעבן דער איידעלער אַלפֿאָנסאָ! זאָל לעבן די שיינע!

פֿון די אויסרופֿן פֿון פֿאָלק האָט זיך רחל דערוווּסט, אַז מען האַלט זי פֿאַרן קעניגס באַראַגאַנאַ, פֿאַר זיין קעפּסווייב. זי האָט זיך דערמיט נישט געשעמט.

אַלפֿאָנסאָ האָט זיך כּסדר אַלץ מער פֿאַרטיפֿט אינעם לעבן פֿון דער גאַליאַנאַ. ער איז געווען איבערצייגט, אַז גאָט האָט אים גענומען אונטער זיין ספּעציעלער שוץ, און יעדער אומוועג, אויף וועלכן דער גורל שטויסט אים, וועט אים ענדלעך דערפֿירן צום געהעריקן ציל.

איצט האָט ער גאַנץ נאָרמאַל דערלידיקט מלוכה=ענינים אין דער לאַ=גאַליאַנאַ. ס'רוב פֿון זיינע גראַנדן, ווען זיי זענען פֿאַרבעטן געוואָרן אין לאַ=גאַליאַנאַ, האָבן עס באַטראַכט אַלס אַ באַווייז פֿון קעניגלעכן חסד און פֿון אויסצייכענונג. עס האָט פּאַסירט, אַז איינער פֿון זיי האָט מיט שטוינונג באַטראַכט די מזוזה. אַלפֿאָנסאָ האָט אויפֿגעקלערט.

— דאָס איז אַ זעלטענע קמיע. זי העלפֿט קעגן אַ שלעכט אויג און דערלאָזט נישט, מען זאָל מיר קריכן אויפֿן קאָפּ.

אַנדערע גראַנדן ווידער האָבן אויסגעזוכט וויכטיקע אויסריידן און זיך געהאַלטן ווייט פֿון דער לאַ=גאַליאַנאַ. אַלפֿאָנסאָ האָט פֿאַרשריבן אין זכרון זייערע נעמען.

אין אַ זאַכלעך פֿריינדלעכן בריוו האָט דאָניאַ לעאָנאָר מיטגעטיילט דעם קעניג, אַז דאָן פּעדראָ האָט זי באַזוכט און זי האַלט, אַז אַלע שטערונגען פֿאַר אַ בונד מיט אַראַגאָן קענען באַזייטיקט ווערן, דעריבער זענען דאָ אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוטרעטן קעגן די אומגלויביקע. זי וואָלט אַליין גערן געקומען קיין טאָלעדאָ, כּדי מיט אים זיך צו באַראַטן, אָבער היות דער אינפֿאַנט ענריקע איז קראַנק, קאָן זי צו אים נישט קומען, דעריבער בעט זי אַלפֿאָנסאָן, ער זאָל צו איר אומבאַדינגט קומען קיין בורגאָס.

אַלפֿאָנסאָ אָנערקענט, אַז ער מאָר די דאָזיקע באַגעגעניש מיט דאָניאַ לעאָנאָר אויף לאַנג נישט אָפּלייגן. ער טרייסט זיך אָבער דערמיט, וואָס די וויכטיקע מלוכה־ענינים וועלן אַוועקרוקן אין אַ זייט די פּערזענלעכע רייבונגען, דעריבער וועט די באַגעגעניש מיט לעאָנאָרן נישט זיין אַזוי שרעקלעך.

ער האָט געמאָלדן דאָן יהודהן, אַז אין צוויי טעג אַרום וועט ער זיין אין בורגאָס.

איצט איז ער זייער אָפט געווען צוזאַמען מיט זיין עסקריוואַנאָ. ביידע האָבן זיך געפֿילט אויסערגעוויינלעך געקניפּט. דער קעניג האָט זיך געניטיקט אין דער ביטערקייט פֿון זיין ייִד. ער האָט געלעכצט אַריינצוטרעטן אין הייליקן קריג, ער האָט אָבער זיך נישט געוואָלט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון איילעניש און אויסהערן די מיינונג פֿון זיין דאָן יהודה. פֿון זיין זייט, האָט יהודה געקענט דעם קעניג בעסער, ווי ער אַליין האָט זיך געקענט. ער האָט געוווּסט, אַז אַלפֿאָנסאָ האָט זיך נישט געקאָנט שיידן מיט דער לאַ־גאַליאַנאַ און טיף אין האַרצן וועט ער, באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק, זיין צופֿרידן, ווען יהודה וועט אים אָפּרעדן פֿונעם בונד מיט אַראַגאָן און נישט דערלאָזן צו אַ מלחמה. זינט דאָן אַלפֿאָנסאָ האָט געגעבן זיין הסכמה אַריינצולאָזן די פֿרענקישע ייִדן, האָט יהודה אים געהאַלטן פֿעסט אין דער האַנט. און ער פֿרייט זיך מיט זיין מאַכט אַריינצובלאָזן אין דעם דאָזיקן באַרבאַרישן פֿירשט אָטעם און זין, ווי גאָט האָט געטאָן מיט אדם הראשון.

פֿאַר יהודהן איז נישט געווען קיין איבעראַשונג, ווען ער האָט דערהערט וועגן אַלפֿאָנסאָס פֿאָרשטייענדיקער נסיעה. זיין קוזין דאָן יוסף האָט אים צוויסן געטאָן וועגן די אונטערהאַנדלונגען פֿון דער קעניגין מיט אַראַגאָן. די קעניגין איז געווען קלוג, יהודה האָט זיך אָבער פֿאַרשטאַנען אויף אַזעלכע זאַכן, דעריבער האָט ער צוגעגרייט קעגן־פֿאַרשלאָגן.

— איך האָב מורא, — האָט יהודה געגעבן צו פֿאַרשטיין אַלפֿאָנסאָן, — אַז די קעניגין, פֿאַרפֿירט פֿון איר רצון, דערשאַצט נישט די שוועריקייטן פֿונעם בונד מיט אַראַגאָן. אויב דעם קעניג איז עס ניחא קאָן ער מיט זיך מיטנעמען קיין בורגאָס דעם איידעלן דאָן מאַנריקע און אים, יהודהן, כדי זיי זאָלן קאָנען מיט זייערע באַשיידענע כוחות אונטערשטיצן דאָניאַ לעאָנאָרס שטרעבונגען.

אַלפֿאָנסאָ איז געווען אין פֿאַרלעגנהייט. ער האָט זייער געוואָלט זיינע ראַטגעבער זאָלן אים באַגלייטן. ווען ער וועט מיט א גרויסער סוויטע דערשיינען אין בורגאָס, וועט דער צוזאַמענטרעף מיט דאָניא לעאָנאָר פֿאַרלירן דעם פּערזענלעך־אינטימען כאַראַקטער. חוץ דעם האָט ער געוואָלט, אַז אירע מיינונגען זאָלן אַלזייטיק באַהאַנדלט ווערן דורך זיינע ראַטמענער. אָבער ווי אַזוי וועט לעאָנאָר רעאַגירן, ווען ער וועט מיטברענגען דעם פֿאָטער פֿון זיין געליבטע?

— זאָלן מיר דאָ דאָניא ראַקעל אַליין איבערלאָזן? — האָט ער אומגעשיקט אַ פֿרעג געטאָן.

די דאָזיקע אויפֿמערקזאַמקייט צו ראַקעלען האָט זייער דערפֿרייט יהודהן און אים געשטעלט אין ענגערע פֿאַרבינדונגען מיטן קעניג. דאָניא ראַקעל, האָט ער געזאָגט מיט הכנעהדיקער פֿאַרטרויַלעכקייט, וועט די דאָזיקע צייט קאָנען פֿאַרברענגען אין קאַסטיליאָ איבן עזרא. דאָרט וועט זי פֿאַרברענגען אין דער געזעלשאַפֿט פֿונעם קלוגן מוסא איבן דאַאוד. אויך דער חשובער דאָן ראָדריגע קומט אָפֿט אַהין צו גאַסט.

דאָניא לעאָנאָר האָט אויפֿגענומען דעם קעניג פֿריינדלעך, נאַטירלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך נעכטן צעשיידט. ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט, ווי די קורטעזיע האָט געפֿאָדערט. ער האָט זיך באַגריסט מיט זיינע קינדער. ער האָט געגלעט דעם בלאַסן קליינעם יורש, אין וועמענס קראַנקהייט ער האָט נישט געגלייבט. ער האָט מונטער און צאַרט גערעדט מיט דער איינגעהאַלטענער פּרינצעסין בערענגאַריאַ, וועלכע האָט באַבאַשיינפּערלעך געוווּסט וועגן זיין לעבן אין דער גאַליאַנאַ. און איז געווען שטאַרק אומצופֿרידן. זי האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און אָנגעצויגן. דאָן פּעדראָס באַזוך האָט אין איר אַרייַנגעהויכט נייע האָפֿענונגען, הגם זי האָט געוווּסט, אַז אָן די אויסזיכטן אויף דער קרוין פֿון קאַסטיליע, איז זי אים נישט שטאַרק געוווּנטשן אַלס קעניגין פֿון אַראַגאָן.

דאָניא לעאָנאָר האָט אויך פֿאַרבעטן דאָן פּעדראָן קיין בורגאָס. דער יונגער קעניג האָט אָבער נישט געקאָנט גובר זיין זיין כעס אויף אַלפֿאָנסאָן. אַנשטאָט אַליין צו קומען, האָט ער געשיקט זיין מיניסטער יוסף איבן עזרא.

ביידע איבן עזראס האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן אויפֿן קרוינראַט, וואָס איז פֿאָרגעקומען ביי דאָניא לעאָנאָר. דאָן יוספֿס אַנטיפּאַטיע צו זיין

קרוב איז געוואַקסן. ער איז געווען אין כעס און שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דאָן יהודה האָט פאַרקויפט זיין טאָכטער צום קעניג, כדי מיט אים זיך ענגער צו פאַרבינדן. אויך ער, כדי נושא חן זיין ביי גאָט, האָט א קליינע צאָל פרענקישע יידן אַריינגעבראַכט קיין אַראַגאָן. ער, יוסף, האָט זיך געהאַלטן ביי דער זעלבער מיינונג, ווי אפרים, אַז עס איז ריזיקאַליש אַריינצולאָזן קיין שפּאַניע א גרויסע צאָל יידן, ווי ס'האָט געטאָן יהודה אויך דאָס וואָס יהודה האָט מקריב געווען זיין טאָכטער, כדי צו געווינען דעם קעניג און אָנפירן מיטן גורל פון לאַנד און פון ייִדנטום, איז א ריזיקאַלישע גאָט־לעסטערנדיקע שפּיל, אָבער פונקט ווי פריער האָט זיי ביידן געאייניקט די שטרעבונג איינצוהאַלטן דעם שלום אויפן האַלב־אינזל אין ממילא דעם שלום פאַר זייערע יידן. צוליב דער סיבה האָט ער באַצייטנס געוואָרנט זיין קוזין וועגן די אינטריגעס פון דאָניא לעאָנאָר, און דעריבער קומט ער זיך איצט מיט איר צונויף.

— איך וויל דיר מיטגליקעד דאַנקען, יוסף, פאַר דיינע בריוו, — האָט יהודה אָנגעהויבן. — איך האָב דערפון אַרויסגעזען, אַז איר האָט זיך צונויפגערעדט און געפונען אן אויסוועג פאַר א בונד און פאַר אַן אַלגעמיינער אויבער־קאָמאַנדע.

— יאָ, — האָט יוסף טרוקן געענטפערט. — די מלחמה קעגן די מוסולמענער האָט זיך שטאַרק א רוק געטאָן פאָרויס. דיין דאָניא לעאָנאָר האָט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע ענערגיע און געלאָזן אין גאַנג פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, כדי אירע פאָרשלאַגן זאָלן אָנלאָקן מיין יונגן האַר. — ער האָט שטרענג אויף אים א קוק געטאָן און ערנסט פאָרגעזעצט: — עס האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז וועגן דעם חשק צום קריג, דאָן יהודה, וואָס דיין קעניגין ווייזט אַרויס אַזוי גרויסמוטיק. — און דאָ האָט ער אים אַנטפּלעקט א סוד, וועלכן ער האָט אים בריוולעך ניט מיטגעטיילט. דאָניא לעאָנאָר ליגט פאַר אַוועקצוגעבן דיין שלאָס דע קאַסטראָ, אַלס אַנטשעדיקונג פאַר זיין דערהרגעטן ברודער.

יהודה איז בלאַס געוואָרן. ער האָט דערפילט א ווייטיק אין האַרץ ביים געדאַנק, אַז ער וועט ווידער מוזן פאַרלאָזן דאָס הויז פון זיינע אבות. ער האָט זיך אָבער תיכף גאַוואַלדיק געטרייסט. ער האָט זיך אין טאָלעדאָ א שענערן, שטאַרקערן, א נישט־זעעוודיקן שלאָס אויסגעבויט, וועלכער איז פרעכטיקער פון יעדן בנין פון שטיין. ער האָט גאַנץ רויק געענטפערט:

— איך זאָג מיך נישט געזען אָפּ פון דעם דאָזיקן הויז, צוליב די סיבות, וואָס זענען דיר באַקאַנט, דאָן יוסף. אויב אָבער מיין קעניגין האָט עס צוגעזאָגט אַראַגאָן, דאַן וועט פון מיין זייט נישט זיין קיין מניעה, אַז דער בונד זאָל געשלאָסן ווערן.

יוסף איז געווען איבערראַשט. יהודה איז געווים זיכער, אַז ער וועט זיין שלאָס נישט אַוועקגעבן. אַנדערש וואָלט ער אַזוי רואיק נישט גערעדט.

מיטאַמאָל האָט יהודה ווידער דערוואָרבן זיין זיכערקייט, דאָס געפיל פון הדרייסטער זיכערקייט, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט נישט פאַרפירט. גראָד איצט, ביים ריידן, איז אים אַריין א געדאַנק צו שלאָגן דאָניא לעאָנאָרס קאָמבינאַציעס מיט א בעסערער קאָמבינאַציע. פאָרלויפיק האָט זיך אים זיין פּלאַן פאָרגעשטעלט בלאָס, אין קאָנטורן בלויז, ער איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז אין דער געהעריקער צייט וועט ער באַקומען פעסטע פאָרמען.

יהודה האָט תיכף געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר זיין פּלאַן. זאַכלעך, מיט דער אויסרעכענונג פון א געשעפטס־מאַן, האָט ער געזאָגט:

— איך האָף, אַז אייער איינקונגס־פאָרמול וועט בייקומען אַלע שטערונגען, וואָס איך מיט דיר מוזן געמען אין באַטראַכט. אָבער אָפן גערעדט זע איך נאָך געוויסע שוועריקייטן.

און ער האָט אויסגערעכנט א סך ווירטשאַפטלעכע פראַגן, איבער וועלכע אַראַגאָן און קאַסטיליע קאָנען זינט צענדליקער יאָרן נישט קומען צו קיין הסכם. עס האַנדלט זיך וועגן שטייער־רעכט פון געוויסע שטעט, סכסוכים וועגן אימפּאָרט — און עקספּאָרט־צאָל, סכסוכים וועגן מאַרקפּריווילעגיעס.

— ווען איך זאָל דיר אין די דאָזיקע אַלע פראַגן נאָכגעבן, דאָן יוסף, — האָט ער געזאָגט מיט א ביטערער פריילעכקייט, — דאַן וועט דיין אַראַגאָן אין א קורצער צייט איבעריאָגן מיין קאַסטיליע.

יוסף האָט זיך תיכף אָנגעשטויסן, וואוהין יהודה צילט. די ווירטשאַפטלעכע סכסוכים זענען זייער האַרבע. און דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז הדער גאַנצער בונד זאָל נישט צושטאַנד קומען. אָנערקענענדיק אין זיך יהודהס ביטערע כוונות, האָט יוסף אים אָפּגעענטפערט מיט דער זעלבער געשעפטלעכער שפּילעוודיקער צווייזייטיקייט.

— נאָך דעם ווי מיין קעניג באַמיט זיך צו פאַרגעסן די קרענקונג, וואָס איר האָט אים דערמיט פאַרשאַפט, דאַרפט איר אים אייגנטלעך אַנטקעגנקומען אין די פראַגן פון ווירטשאַפט.

— דו ווערסט זיך אַליין פעסט האַלטן ביי דיינע פאָדערונגען? — האָט יהודה געפרעגט.

— דאָס מוז איך טאָן, — האָט דאָן יוסף אָפּגעענטפערט, — און באַשטימט וועל איך עס פאָדערן, — האָט ער דערקלערט מיט אַ געקינצלטער אַנטשלאָסנקייט.

מיט אַן ערנסטן און פאַרטראַכטן טאָן האָט יהודה געזאָגט:

— מיין קעניג, נישט ווייניקער פון דיין קעניג, ווינטשט זיך מיט גאַנצן האַרצן אָנצוהייבן דעם קריג קעגן די מוסולמענער, ווען איר אָבער זענט אַזוי נישט-נאָכגיביק, האָט איך מורא, אַז פונעם בונד וועט גאָר נישט אַרויסקומען.

— עס וואָלט מיר שטאַרק לייד געטאָן, דאָן יהודה, — האָט יוסף געזאָגט, — ווען עס זאָל אונדז נישט געלינגען קומען צו א הסכם.

ביידע מיניסטאָרן האָבן איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט אין צומאָל נישט קיין שמייכל געטאָן.

די קוריע, אויף וועלכער עס האָט געדאַרפט באַהאַנדלט ווערן די פראַגע וועגן א בונד מיט אַראַגאָן, איז פאָרגעקומען אין גרויסן אויפנאַם-זאַל פון שלאָס. דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט די פאָנען פון קאַסטיליע און אַראַגאָן. וואַכן זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. אויף א ד ע ר ה י י ב ו נ ג זענען געווען צוגעגרייט שטולן פאַר דאָן אַלפאָנסאָ און דאָניא לעאָנאָר. אויך דער אַרציבישאָף איז דאָ געווען. פון די קוריע-מיטגלידער האָט געפעלט בלויז דאָן ראָדריגע.

מאַיעסטעטיש אין איר פּרעכטיקן קעניגלעכן קלייד און פול מיט חן איז דאָניא לעאָנאָר געזעסן אויף א הויכן שטול. פריינדלעך, מיט ווייבלעכער געלאַסנקייט האָט זי באַטראַכט דעם קרייז פון די הערן. זי האָט אינערלעך טריומפירט. אַלע, וואָס זענען דאָ געזעסן, זענען געווען אַנטשלאָסן אַרויסצורייסן דאָן אַלפאָנסאָ פון דער פאַרפּעסטעטער לאַגאַליאַנאַ און אַרויספירן אים אויף דער פרייער לופט, צום הייליקן קריג. אַלפאָנסאָ אַליין האָט עס געוואָלט. דער איינציקער שונא איז געווען דער ייד. עס איז א חרפה און א בושה, וואָס אַלפאָנסאָ האָט אים אַהער

מיטגעבראַכט. זי איז אָבער געווען זיכער, אַז ער וועט קענען איר נישט אַרויסטרעטן.

דאָן מאַנריקע האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט. די ידיעה וועגן די אונטערהאַנדלונגען האָט ווייט אָפּגעהילכט. אַפילו דער הייליקער פּאָטער האָט, דערפון געוווּסט, און זיינער אַ לעגאַט דער קאַרדינאַל גרעגאָר פון אַנדזשעלאַ, איז שוין געווען אין וועג, ער דאַרף העלפן אויסצוגלייכן דעם סכסוך צווישן ביידע קעניגן.

— ווער האָט דעם פּויפּסט געמאָלדן וועגן די אונטערהאַנדלונגען?

— האָט אַלפאָנסאָ פאַרהאַנגהט געפרעגט. — געווים דאָן פּעדראָ?

— איך האָב אים געמאָלדן, — האָט פריינדלעך זיך אָנגערופן דאָניא לעאָנאָר.

דאָן מאַנריקע האָט פאָרגעלייענט די אָנגעוואָרפענע פּונקטן פונעם פּאַקט: די אַרמייען פון ביידע לענדער דאַרפן האָבן אַן איינהייטלעכע אָנפירונג. קאַסטילישע ריטער דאַרפן זיין פאַרטראָטן אין אַראַגאָנישן שטאַב און אַראַגאָנישע ריטער אין קאַסטילישן שטאַב. דאָן פּעדראָ איז מתחייב אויפמערקזאַם אויסצוהערן דעם ראַט פון דאָן אַלפאָנסאָ, לויטן מנהג, ווי אַ יונגערער ריטער לגבי אַן עלטערן.

— אויסצוהערן? — האָט דאָן אַלפאָנסאָ געפרעגט.

— אויסצוהערן, — האָט באַשטעטיקט דאָן מאַנריקע.

— צי האָט איר נישט געקאָנט צונויפשטעלן אַ מער דייטלעכע פאָרמולירונג? — האָט אַלפאָנסאָ געפרעגט.

— ניין, — האָט דאָניא לעאָנאָר געענטפערט.

קיינער האָט נישט געגומען דאָס וואָרט.

— וואָסערע באַדינגונגען זעט נאָך פאָר דער אָפּמאַך? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— אַראַגאָן שטעלט, — האָט מאַנריקע דערקלערט, — דריי באַדינגונגען. דער ערשטער באַדינג איז, קאַסטיליע דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דער איבערמאַכט איבער אַראַגאָן.

הגם אַלפאָנסאָ האָט פון דעם באַדינג געוווּסט, האָט זיך דאָך ביי אים אַרויסגעריסן אַן אויסרוף פון אומצופרידנקייט.

— אין צווייטן באַדינג, — האָט מאַנריקע פאָרגעזעצט, — פאָדערט אַראַגאָן, אַז די פרעטענזיע פון איר וואַסאַל גומיערע דע קאַסטראָ וועגן קאָמפּענסאַציע זאָל דערפילט ווערן.

פֿון דער דאָזיקער פֿאָדערונג האָט מען אַלפֿאָנסאָן נישט געמאָלדן. ער האָט זיך עטוואָס אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און איבערגעוואָרפֿן זיין בליק פֿון מאַנריקען אויף לעאָנאָרן.

— איך זאָל דע קאַסטראָן אַנטשעדיקונג צאָלן? — האָט ער געפֿרעגט שטיל, אָבער אויפֿגערעגט.

— פֿון אַנטשעדיקונג ווערט נישט גערעדט, — האָט אים מאַנריקע באַרואיקט. — דאָס וואָרט אַנטשעדיקונג איז אויסגעמיטן געוואָרן.

— ער וויל אויסנוצן מיין שווערע לאַגע, — דער דאָזיקער תּכשיט פּעדראָ, — האָט דער קעניג אַרויסגעזאָגט מיט ביטערקייט. — ער נעמט זיך אָן פֿאַר דע קאַסטראָן, כּדי מיך צו דערנידעריקן. אין רוים שיקט אַהער זיין קאַרדינאַל, כּדי ער זאָל זיין אַן עדות פֿון מיין שאַנד.

— עס איז נישט קיין שאַנד, — האָט זיך לעאָנאָר אָנגערופֿן פֿריינדלעך, מיט איר פֿריילעכער שטים, — צו ברענגען אַ קרבן אין נאָמען פֿון הייליקן קריג. עס וואָלט געווען שאַנד, ווען דער קאַרדינאַל פֿאָרט אַוועק מיט גאָרנישט. דעמאָלט וועט די גאַנצע קריסטנוועלט זיין גערעכט, ווען זי וועט טייטלען מיט די פֿינגער אויפֿן אומטעטיקן אַלפֿאָנסאָ.

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט די בעלי־יועצים. ווי פֿאַרשלאַפֿטע האָבן אַראָפּגעהאָנגען פֿון זייערע שטאַנגען די פֿענער פֿון קאַסטיליע און אַראַגאָן. בלאַס, פֿול מיט צאָרן האָט אַלפֿאָנסאָ געקוקט אויף לעאָנאָרן. מיט קיין איינציק וואָרט האָט זי אים די גאַנצע צייט נישט פֿאָרגעוואָרפֿן די לאַגאַליאַנאַ. קאַלט און אויסגערעכנט האָט זי ביז דעם דאָזיקן קרוין־ראַט געוואַרט, כּדי דאָ, פֿאַר זיינע בעלי־יועצים, פֿאַר זיינע נאָענטע פֿריינד, פֿאַר זיינע פֿענער אַריינזאָגן אים אין פּנים אַריין וועגן אַלע זיינע געמיינקייטן, וועגן אַלץ, וואָס וויקלט זיך איר אויפֿן האַרצן, — דאָ, איצט, אָפּרעכענען זיך מיט אים, נקמה נעמען, ווי אַן אמת קינד פֿון איר ווילדער מוטער.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט די גאַנצע צייט נישט אָפּגעקערט אירע גרויסע גרינע אויגן פֿון די בייזע פֿייערדיקע בליקן, וועלכע אַלפֿאָנסאָ האָט געוואָרפֿן אויף אַלע זייטן, און אַפֿילו אַ לייכטער אומבאַשטימטער שמייכל האָט די גאַנצע צייט גערוט אויף איר שטילן פּנים. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער דערשטיקט זיין כּעס. אין קעגנוואַרט פֿון זיינע לייט האָט ער זיך נישט געקאָנט מיט איר קריגן, און חוץ דעם האָט ער געוווּסט, אַז קיינער וועט אים נישט באַרעכטיקן, אַפֿילו דער ייִד אויך נישט.

— וואָסער אַנטשולדיקונג פֿאָדערט פֿון מיר דע קאַסטראָ? — האָט ער היים אַ פֿרעג געטאָן.

אָנשטאָט דאָן מאַנריקען, האָט אים אָפּגעענטפֿערט דאָניאַ לעאָנאָר.

— שווערע זענען זיינע פֿאָדערונגען, — האָט זי געזאָגט, — אָבער בעצם — גערעכטע. מיר באַדאַרפֿן אים באַצאָלן אויסלייז־געלט פֿאַר די געפֿאַנגענע און קוענקאַ און אים צוריקגעבן זיין קאַסטיליאָ פֿון מאָלעראָ.

ווידעראַמאָל איז געוואָרן טויט־שטיל. מען האָט בלויז געהערט דאָס שטאַרקע אָטעמען פֿון קעניג. ס׳איז אפֿשר נישט געווען אָנשטענדיק, אַלע האָבן אָבער גיריק צוגעפּעסטיקט זייערע בליקן צו דאָן יהודהן.

דער אַרציבישאָף, וועלכער איז געזעסן ווייט פֿון ייִדן און האָט זיך מיט אים נישט באַגריסט, האָט איצט גענומען דאָס וואָרט. זיין שטים האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצן זאַל:

— אמת, דיין כבוד ליידט דאָ זייער שטאַרק, דער קעניג, — האָט ער געזאָגט, — אָבער דער הייליקער קריג וועט אָפּווישן אַלע דערנידעריקונגען.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך פֿריינדלעך געווענדעט צו יהודהן:

— און וואָסער עצה קאָנסטו געבן, הער עסקריוואַנאָ? — האָט זי געפֿרעגט.

מיר דאַכט זיך, — האָט יהודה אָפּגעענטפֿערט, — אַז דער באַראָן, דער אויפֿשטענדלער דע קאַסטראָ, שפּילט צו שטאַרק אויף די נערוון פֿון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט. איך בין אָבער נישט שטאַרק באַהאַוונט אין די ענינים פֿון כבוד, און דער חשובער אַרציבישאָף פֿאַרזיכערט דאָ, אַז די צילן פֿון הייליקן קריג זענען מער וואָגיק ווי די דערנידעריקונג. וואָס שייך מיר, וועל איך מיט האַרצווייטיק פֿאַרלירן דאָס הויז פֿון מיינע אבות, וואָס איך האָב צו מיין גרויס פֿאַרגעניגן דערוואָרבן אַדאַנק דעם חסד פֿון גאָט און פֿונעם קעניג, באַצאָלנדיק דערפֿאַר אַ היפּשע סומע. אָבער מיינע פֿאַרלאַנגען, מיינע אַמביציעס, מיין חשיבות, אַלץ ווערט בטל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן הויכע צילן פֿון אונדזער האַר דעם קעניג. און איצט, ווען עס גייט וועגן אַ בונד מיט אַראַגאָן און וועגן הייליקן קריג, גיב איך מיט גרויס פֿאַרגעניגן אַוועק אין דיינע הענט, הער קעניג, דעם קאַסטיליאָ איבן עזרא, מיט אַלץ, וואָס איך האָב צוגעבויט און פֿאַר אַ העלפֿט געלט, וואָס איך אַליין האָב אָפּגעסילוקט אין דיינע אוצרות.

קיינער האָט זיך נישט גערעכנט, אַז דער דאָזיקער מאַן זאָל אַזוי שנעל אַוועקגעבן אַזאַ קאָסטבאַרן פֿאַרמעגן. אַלפֿאָנסאָ האָט געשטוינט

קוקנדיק אויף זיין עסקריוואַנאָ. אפילו דאָניאַ לעאָנאָר האָט נישט געקאָנט פאַרבאָרגן איר פרייגדלעכע ווייבלעכע מינע. וואָסערע קאָמבינאַציעס פאַרבאָרגט דער מאַן הינטער דעם אָפּזאָג?

גאַרסעראַן דע לאַראַ האָט דער ערשטער איבערגעריסן די שטילקייט.

— אַלזאָ, — האָט ער פריילעך אויסגעשריגן, — קאָנען מיר שוין מאָרגן אַרויסטרעטן אין קאַמף.

— פאַרוואָס אָבער האָסטו נישט דערמאָנט וועגן אַראַגאָנס דריטער פאָדערונג, איידעלער דאָן מאַנריקע? — האָט יהודה געפרעגט.

— יאָ, — האָט אָפּגעענטפערט מאַנריקע, — דער דאָזיקער פונקט האָט נישט קיין גרויסע באַדייטונג. אַראַגאָן פאַרלאַנגט נאָך אַלץ הנחות אין דעם אַלטן סכסוך וועגן צאָלן, וועגן מאַרק־פּריווילעגיעס און אַנדערע קלייניקייטן.

מיט אינערלעכער פרייד האָט יהודה באַמערקט, וואָסער רושם עס האָט אויף אַלעמען געמאַכט זיין שנעלער אָפּזאָג פונעם פּלאַן. אַרום אים זענען געזעסן די שונאים, וועלכע האָבן געשטרעבט צו מלחמה, האָבן געוואָלט צעשטערן אַלץ, וואָס ער האָט מיט גרויס חכמה און מיט גאָטס גענאָד אויפגעבויט. אָבער די ריטער, די דאָזיקע פאַרשטאָפּטע מוחות, זיי וועלן קיין מלחמה נישט האָבן און זיין פּלאַן וועט בלייבן ביי אים. ער האָט זיין פּלאַן באַצייטנס גוט צוגעגרייט מיט אַלע פּרטים און איז געווען גאַנץ זיכער אין זיין דערפאָלג. גליק איז אַן אייגנשאַפט, און גאָט האָט אים די דאָזיקע אייגנשאַפט צוגעטיילט. ווי אַ יעגער, וואָס רייצט זיינע הינט, אַזוי האָט ער געפילט זיין איבערמאַכט איבער אַלע אַנדערע.

— האָסטו געמאַכט אַ רשימה וועגן די פאַרלאַנגטע הנחות, דאָן מאַנריקע? — האָט ער געפרעגט.

מאַנריקע האָט דערלאַנגט אַ פּאַפּיר. יהודה האָט איבערגעלייענט.

— די דאָזיקע ניינצן פונקטן זענען נישט אַזוי אומשולדיק, ווי עס דאַכט זיך. מיר דאַרפן זיך, למשל, אָפּזאָגן פון די הכנסות פון דער שטאָט לאָגראָניאָ, און לאָגראָניאָ איז געוואָרן דער צענטער פון אונדזער ווייןהאַנדל. מיר האָבן די שטאָט לאָגראָניאָ און די געגנט פון ריאָכאַ אויף גאַנצע דריי יאָר באַפרייט פון שטייערן, כדי בעסער צו אַנטוויקלען דעם וויין־האַנדל.

— ווי איך פאַרשטיי דעם ייִדן, — האָט זיך מיט פאַראַכטונג אָנגערופן דער אַרציבישאָף, — קלאָגט ער איבער דעם, וואָס בעת דעם הייליקן קריג וועלן אפשר די הכנסות פון דעם מלוכה־אוצר עטוואָס מאָגערער

ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער היגזיכט איז ער גערעכט. ווער עס וויל אָבער דאָס צוגעזאָגטע לאַנד דערגרייכן, דער דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר די וואַנדערונגען אינעם מדבר און דאַרף נישט יאָמערן נאָך די פיש פון מצרים.

יהודה האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך געווענדעט צום קעניג:

דיין ווירטשאַפט, הער קעניג, האָט אין די לעצטע יאָרן דערלאַנגט די ווירטשאַפט פון אַראַגאָן. אַ סך אונטערנעמונגען, וואָס מיר האָבן נישט לאַנג געגרינדעט, האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט. גראָד וועגן דער אויסנוצונג פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען רעדט זיך אין פאַקט, וואָס די יועצים פונעם אייהעלן האָבן פעדראָ האָבן צוגעטראַכט צום גונסטן פון אַראַגאָן. דאָס, וואָס מען לייגט דיר פאָר, הער קעניג, איז אַ געפערלעכער האַנדל. אויב דו וועסט איינגיין אויף די דאָזיקע ניינצן פונקטן, דאַן וועט אַראַגאָן אין קנאַפּע עטלעכע יאָר באַדייטנדיק איבעריאָגן קאַסטיליע. דער קעניג פעדראָ האָט זייער אַ פעיקן פינאַנס־מיניסטער. מיר וועלן אויף אַ לאַנגער צייט אָפּשטיין פון אַראַגאָן, אויב דו וועסט די דאָזיקע באַדינגונגען אָננעמען.

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. דאַן מאַרטין האָט געדונערט:

— זאָלן מיר, אַלזאָ, צוליב דעם וויין־האַנדל פון לאַגראָניאָ פאַרקויפן קריסטום?

— דאָן פעדראָ איז נישט געלט־גייציק, — האָט דאָניאַ לעאָנאָר געזאָגט, — ווען מיר וועלן מסכים זיין אויף די באַדינגונגען, וואָס שטייען אים נאָענט צום האַרצן, וועט ער זיך וועגן די קלייניקייטן נישט אײנעקשנען.

— זיי מוחל, פרוי קעניגין, — האָט יהודה געענטפערט מיט יראת־הכבוד: — עס האַנדלט זיך איצט נישט וועגן קלײנע געווינסן. עס האַנדלט זיך וועגן דער אייבערמאַכט איבערן שפּאַנישן האַלב־אינדזל. נישט סתם צוליב אַרומקריגן זיך, קעמפן ביידע לענדער שוין עטלעכע צענדליק יאָר וועגן די דאָזיקע רעכט. איך האָב מורא, אַז נישט אַזוי שנעל וועלן מיר זיך קאָנען פאַרשטענדיקן מיט אַראַגאָן.

אומבאַהאָלפן זענען געזעסן די הערן. די שטרייט־פראַגן, וועגן וועלבע עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט, זענען געווען פאַרנעפּלט. מעגלעך, אַז אַראַגאָן האָט פון קאַסטיליע געפאָדערט באַדייטנדיקע פּריווילעגיעס, גיכער

אָבער פֿון אַלץ האָבן ביידע יידישע מיניסטאָרן קאָמבינירט, נישט צו דערלאָזן צום הייליקן קריג.

אַלפֿאָנסאָ איז געווען פּונקט אַזוי איבערראַשט און צעטומלט, ווי אַלע אַנדערע. ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן, וואָס ער האָט געהאַט אַ יסוד אויסצומיידן אַלע דערנידעריקונגען, וואָס דאָניאַ לעאָנאָר און פֿעדראָ, דער תכשיט, האָבן פֿאַר אים צוגעגרייט. זינט דעם האָבן זיך געשאַפֿן גינסטיקע אויסזיכטן נאָך אַ לאַנגע צייט צו פֿאַרבלייבן מיט ראַקעלן. זיכער איז דער ייד גערעכט. וואָרום אויב ער זאָל מסכים זיין אויף די שטייערן און אויף פֿאַרשידענע אַנדערע קלייניקייטן, דעמלט גיט ער אַוועק דעם תכשיט פֿעדראָ די איבערמאַכט אין שפּאַניע און די ירושה פֿון זיין זון. טיף אָבער אין האַרצן האָט ער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, חושד געווען יהודהן, אַז ער וויל אים אָפּנאַרן און אַוועקנעמען ביי אים אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוטרעטן אין הייליקן קריג.

פֿול מיט געמישטע געפֿילן פֿון פֿרייד און צער, האָט ער ביים זיך אָנגערופֿן צו יהודהן:

— אַלזאָ, קומט אויס, אַז מיר דאַרפֿן ווידער חדשים און אפֿשר יאָרן אונטערהאַנדלען, ווייל איר ביידע, דו מיט דיין קוזין, קאָנט איר צווישן זיך נישט דורכקומען? וואָס שלאָגסטו פֿאָר? — האָט ער גראָב געפֿרעגט.

יהודה, צוגעגרייט צו אַזאַ פֿראַגע, האָט אָפּגעענטפֿערט:

— דער האַנדל איז אַ שווערער ענין און אַ לעזונג איז נישט לייכט צו געפֿינען. אפֿשר זאָל מען גאָר דעם גאַנצן ענין איבערגעבן אַן אָנפּניותדיקן בורר־געריכט פֿון אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן?

קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אָנשטויסן, וואָס דער ייד איז דאָ אויסן. דער אַרציבישאָף האָט אויסגערופֿן מיט באַגייסטערונג:

— לאָמיר זיך ווענדן צו הייליקן פֿאָטער. דער קאַרדינאַל־לעגאַט קומט אינגיכן.

— אין אַזעלכע וועלטלעכע ענינים, — האָט דער ייד באַשיידן זיך אָנגערופֿן, — זאָל אפֿשר אַ וועלטלעכער אויטאָריטעט אַנטשיידן. די פֿירשטן קאָנען אויסקלייבן אַלס שליש דעם פּראָמינענטן פֿאָטער פֿון איר מאַיעסטעט דער קעניגין. דאָס איז אפֿילו אַ דעליקאַטע אויפֿגאַבע, ווייל דערפֿון איז אָפּהענגיק דער הייליקער קריג און גאָטס שלום, דער קעניג אָבער פֿון ענגלאַנד וועט זיך געווים דערפֿון נישט אָפּזאָגן.

יהודהס פֿאָרשלאַג איז געווען זייער אַ זאַכלעכער. קעניג הענריק פֿון ענגלאַנד איז געווען אַ קרוב פֿון בײדע הויפֿן, סײ פֿון אַראַגאָן, סײ פֿון קאַסטיליע, ער האָט געגעבן גענוי געוווּסט זייערע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט געשמט פֿאַר אַ קלוגן מלוכה־מאַן און פֿון אים האָט מען געקאָנט דערוואַרטן אַ גערעכטן אורטייל. היות אָבער דעם פֿאָרשלאַג האָט אַרייַנגעטראָגן דער ייִד, דאָן יהודה, האָבן זיך אַלע צו אים באַצויגן מיט אומצוטרוי.

דאָניאַ לעאָנאָר איז געווען זיכער, אַז יהודהס איצטיקער פֿאָרשלאַג האָט אַזאַ שייכות מיט זיינע אמתע איבערגעשפּיצטע און כיטרע כוונות, פּונקט ווי הער אויפֿגעברויזטער איבערפֿלאַך פֿון ים האָט אַ שייכות צו זיין אייביק שטילן ים־גרונט. שנעל און מיט כעס האָט זי געפּרוווט אויפֿדעקן זיין אמתע כוונה. איר פֿאָטער הענריק, וועלכער שטופּט אַלץ ווייטער אָפּ זיין אייגענעם אָנטייל אין קרייץ־צוג, פֿאַרשטייט געווים וועגן די נוצן, וואָס די נייטראַליטעט איז גורם פֿאַר שפּאַניע. ער האָט אויך באַשטימט געוווּסט, אַז אויב די שפּאַנישע קעניגן וועלן אַרייַנטרעטן אין דער פֿרומער מלחמה קעגן די מוסולמענער, וועלן זיי זיך געווים ווענדן צו אים נאָך מיליטערישער הילף, און ער איז נישט דער מאַן, וואָס האָט ליב צו געבן. דער קעניג הענריק האָט נישט, בכן, קיין שום וואָגיקע סיבות צו פֿאַרשנעלערן די פֿאַרשטענדיקונג צווישן קאַסטיליע און אַראַגאָן. אדרבא, ער וועט לאַנג טראַכטן און טראַכטן, וועט אָפּשלעפּן דעם אורטייל און וועט קיינעם נישט באַפֿרידיקן. דאָס איז אַ בייזע קאָמבינאַציע, וואָס דער ייִד האָט אויסגעטראַכט. בליץ שנעל פֿאַרטראַכט זי זיך, ווי אַזוי צו צעשטערן זיינע פּלענער. זי וועט אַוועקפֿאָרן קיין סאַראַגאָסע און איבערעדן מיט דאָן פּעדראָ, ער זאָל זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿלאָנטערן פֿון זיין ייִדן. זי וועט איר טאַטן אין אַ פֿאַרטרויליכן שליחות־בריוו אויפֿווייזן איר גאַנץ ביטער האַרץ און אים בעטן, ער זאָל נישט פֿאַרציען מיט זיין אורטייל. אָבער, אַך, אַז זיין מאַיעסטעט פֿון ענגלאַנד איז אַליין אויך געשטרויכלט געוואָרן פֿון יצר־הרע און פֿון אים גענאָסן. ווער־ווער, אָבער איר פֿאָטער הענריק וועט געווים אַרויסווייזן גרויס פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די ווילדע פֿריידן און זאָרגן פֿון דאָן אַלפֿאָנסאָ. פֿול מיט האַרצווייטיק האָט זי געזען, אַז זי וועט גאָרנישט קאָנען אויפֿטאָן קעגן דעם כיטרען איבן עזרא.

אויך אַלפֿאָנסאָ מיט זיין היציקן שכל האָט אויף זיין אופֿן אויסגעטייטשט יהודהס כוונות. ווי תמיד האָט ער אויך איצט אים חושד געווען, אַז ער וויל נישט דערלאָזן צו אַ הייליקן קריג צוליב די פּליטים, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט אין לאַנד. דער ייִד האָט אָבער אַ גרויסן טעות,

האָט אַלפֿאָנסאָ געטראַכט. איך וועל זיך מיט פּעדראָן נישט אַרומרייסן צוליב קלייניקייטן. איך וועל זיך אויך נישט ווענדן צום פֿאָטער הענריק, וועלכער וועט מיר אַ ווונק טאָן: איך ווינטש דיר, מיין יונגער איידעם, פֿאַרגעניגן און גליק אין דיין בעט־שפּיל. איך וועל נישט דערלאָזן, אַז דער ייִד זאָל מיך פֿאַרפֿירן. איך וועל נישט פֿאַר ראַקעלס ליבע באַצאָלן מיט העסלעכע אונטערהאַנדלונגען און שטערענישן.

אַזוי האָט געפֿילט און געטראַכט אַלפֿאָנסאָ בעת דער קורצער שטיל־שווייגעניש נאָך דעם ייִדנס רעדע.

אָבער פּלוצלונג דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין, דערהערט ער זיינע אייגענע ווערטער:

— וואָס טראַכסטו, דאָניאַ לעאָנאָר, און איר, מיינע הערן? מיר שיינט, אַז דער עסקריוואַנאָ האָט געפֿונען אַ גוטן אויסוועג. פֿאַר אַזאַ פֿאַרפּלאָנטערטן ענין, ווער וועט מען קוים געפֿינען אין דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט אַ בעסערן ריכטער, ווי דער אַדעליקער פֿאָטער פֿון אינדזער קיניגין. איך טראַכט, דאָן יהודה, צו טאָן, ווי דו האָסט פֿאָרגעלייגט.

# קאַפּיטל פֿינף

כּדי צו פֿאַרזיכערן זײַנע פּלענער, האָט יהודה אַװעקגעשיקט אַ פּאָר טרײַלעכן בריװ קײן ענגלאַנד צו זײַן געשעפֿטס־פֿרײַנד אהרן פֿאַן לינקאָלן, דעם פֿינאַנסיעלן ראַטגעבער פֿונעם קעניג הענריק, אים אױפֿגעקלערט דעם סכסוך צװישן בײדע שפּאַנישע קעניגן, און געבעטן בײַ אים זײַן מיטהילף.

פֿאַר זײַן אַװעקפֿאָרן קײן טאָלעדאָ, האָט ער, װי ס׳האָט געפֿאָדערט די העפֿלעכקײט, אַװעקגעשיקט דער קעניגין מתּנות: אײדעלע פּערפֿומען, אַ גרױסן טואַלעט־קאַסטן פֿון העלפֿאַנטבײן מיט קאַמען, האָר־מכשירים און שמינקע, דערצו אַ פֿײַן־אױסגעאַרבעט שאַכטל מיט בראָשן, רינגען, אַגראַפֿקעס, אײדלשטײנער, און שיך באַדעקט מיט קלײנע שפּיגעלעך, אַז די טרעגערין זאָל צו יעדער צײַט קאָנען זען, װי זי קוקט אױס. אומפֿאַרשעמט האָבן אין אירע אױגן אױסגעזען די דאָזיקע טײַערע מתּנות. זי איז געװען אױפֿגערעגט פֿון יהודהס דרײסטקײט. ער האָט איר צוגעװאָרפֿן די דאָזיקע קאָסטבאַרע קלײניקײטן אַלס טרײסט פֿאַר דער מפּלה, װאָס ער האָט פֿאַר איר צוגעגרײט. זי האָט געװאָלט אים די מתּנות צוריקשיקן. אָבער אַזױ װי זי האָט זיך ביז איצט געהאַלטן, װי אַ דאַמע מיט פֿײַנע מאַניערן, האָט זי אױף װײַטער אױך געװאָלט פֿאַרבלײַבן אין איר דאַמען־ראָל. חוץ דעם, זענען איר די מתּנות געפֿעלן. זי האָט זײ צוגענומען און אָפּגעשיקט אַ דאַנק־בריװ.

בינו־לבינו זענען קײן קאַסטיליע אָנגעקומען די ערשטע יידישע פּליטים פֿון פֿראַנקרײַך, און װי דאָן אפֿרים האָט פֿאָרױסגעזאָגט האָט זײער אָנקום אַרױסגערופֿן נײַע העץ־דרשות מצד דעם אַרציבישאָף און די פֿײַנטלעכע גראַנדן. דער ייִד, האָבן זײ געטענהט, באַנוצט די הכנסות פֿונעם סאַלאַדין־מעשר נישט אױף די צװעקן פֿון הײליקן קריג, נאָר פֿאַרװענדט זײ אױף אַרײַנצוברענגען אין לאַנד נײַע מחנות אומגלױביקע און שװינדלער.

די דרשות האָבן נישט געהאַט קײן דערפֿאָלג, װײַל די דערגרײכונגען

פון דער נייער פאַרוואַלטונג האָבן זיך געלאָזט אָנטאַפּן מיט די הענט. די רייכקייט פון לאַנד איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און יעדער איינער האָט עס געשפּירט. מענטשן האָבן געהאַט מער געלט ווי פריער, ס'האָבן זיך באַוויזן סחורות, וועלכע מען האָט פריער נישט אָנגעזען. נייע פּלאַנצונגען, וואַרשטאַטן, נייע קראָמען האָבן זיך געעפנט. צו אַלץ, צו וואָס יהודה האָט זיך צוגערירט איז געקומען מזל=ברכה.

אין יענער צייט איז פון דער נאַוואַרישער שטאָט טודעלאַ צו אים געקומען אַ געוויסער געלערנטער בנימין, אַ מאַן מיט גרויס אָנזען. דער דאָזיקער בנימין פון טודעלאַ האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער וויסנשאַפט, לענדער=פאָרשונג און ערד=באַשרייבונג. ער האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט זיין צווייטע גרויסע פאָרש=רייזע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם דאָזיקן מערב=טייל פון דער וועלט, און זיך געצויגן ביז זיינע מזרח=גרענעצן, ביז כינע און טיבעט. קודם כל האָט ער שטודירט די לאַגע פון די יידן אין די גלות=לענדער, האָט געזאַמלט נוצלעכע מאַטעריאַלן איבער דער דאָזיקער פראַגע, אומעטום זיך באַגעגנט מיט אָנפירנדיקע מענער, האָט געהאַט אַ צוזאַמענטרעף מיטן סולטאַן סאַלאַדין און מיטן פּויפּסט. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ בוך וועגן די רעזולטאַטן פון זיין רייזע. דאָס בוך האָט געזאָלט הייסן מסעות בנימין, און אַ סך יונגע געלערנטע פון דאָרטיגע אַקאַדעמיע האָבן אים צוגעזאָגט דאָס דאָזיקע בוך איבערצוזעצן אויף לאַטיין און אַראַביש.

דער געלערנטער בנימין פון טודעלאַ איז געקומען מיט אַ וויזיט צו אונדזער העלד און לערער יהודה אבן עזרא. ער האָט דרינגלעך געוואָלט זיך באַקענען מיטן מאַן, וועלכער האָט אין די לאַנגע יאָרן פון זיין אָפּוועזנהייט אַזויפיל מזל=ברכה אַריינגעבראַכט אויפן שפּאַנישן האַלב=אינדזל. יהודה האָט דעם באַרימטן פאָרשער אַרויסגעוויזן גרויס כבוד. ער האָט אים באַוויזן זיין ביבליאָטעק מיט די זעלטענע ביכער און מגילות, די שול, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען, געפירט אים איבער די פאַבריקן, וואָס ער האָט געגרינדעט. רבי בנימין האָט אַלץ געזען און אויסגעהערט מיט זאַכקענערישער אויפמערקזאַמקייט.

ביים טיש, אין מוסאַם אָנוועזנהייט, האָט רבי בנימין אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיין נסיעה. אויף די פראַגן פון יהודהן האָט ער דערציילט וועגן די מזרח=יידן. אין מלכות יוון, אין גריכנלאַנד, און אינעם הייליקן לאַנד ליידן די יידן שטאַרק פון די קרייץ=צוגלער, אין קאַיר אָבער און אין באַגדאַד לעבן זיי אין פרידן און וווילשטאַנד. ער האָט דערציילט פון

דעם ראש־הגולה, פונעם פירשט פון די מזרח־יידן. ער וווינט אין באַגדאַד, און דער קאַליף האָט אים אָנערקענט אַלס פירער פון יידנטום. ער האָט באַקומען די פולמאַכט צו געוועלטיקן איבער זיינע ברידער מיט אַ פעס־טער האַנט. ער האָט רעכט איינצוקאַסירן שטייערן, משפטן, און געוויסע אַנדערע פולמאַכטן איבער די יידן פון בבל, פרס, תימן, אַרמעניע, איבער די יידן פון די לענדער ביים מיטללענדישן ים און פון קאַווקאַז. ביז צו די גרענעצן פון טיבעט און אינדיע איז אויסגעשפרייט זיין מאַכט. ווען דער קאַליף האָט דעם איצטיקן ראש־הגולה, אונדזער האַר און לערער דניאל בן חסדאי, איבערגעגעבן די מאַכט, האָט ער דערקלערט בפני כל עם ועדה: „איך בין דער נאָכפאָלגער פון נביא מאַכמעד און דער דאָזיקער גרויסער פריינד מיינער איז דער נאָכפאָלגער פון דוד המלך". דער ראש־הגולה האָט איך אַ גרויסן אָנזען ביי די מוסולמענער. ווען ער פאָרט אַרויס, לויפן שטאַפעטן פאָרויס און שרייען: „מאַכט אַ וואַרע פאַר אונ־זער האַר, דעם זון פון דוד!" און אַלע וואַרפן זיך אויף דער ערד, ווי פאַרן קאַליף.

די דאָזיקע פאַרביקע שילדערונגען האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינ־דרוק אויף יהודהן. בנימין האָט ממשיך געווען:

דער ראש־הגולה האָט הרד־אגב וועגן דיר, יהודה, גערעדט. מען ווייסט אויך אויפן מזרח, אַז דו האָסט אויפגעגעבן דיין הויכע שטעלונג אין סעווילע, כדי פון טאָלעדאָ אַרויסהעלפן דיינע ברידער. — און ער האָט פאַרענדיקט: — שוין דרייצן יאָר פאָר איך אַרום איבער דער גאָרער וועלט און קומענדיק צוריק האָב איך דאָ פשוט פלאי־פלאים באַגעגנט.

די דאָזיקע ווערטער פון רבי בנימין, וועלכער איז געווען אומאָפהענגיק און האָט אין קיין פאַל נישט געחנפעט, האָבן אריינגעגאָסן אַ וואַרעמקייט אין זיין גאַנץ וועזן, און היות ראָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין מיסאַם קעגנוואַרט, איז זיין פרייד נאָך שטאַרקער געוואַקסן.

ער האָט זיך איצט געשפירט, ווי אַן אמתער עיקר הרים, ווי אַ מאַן, וואָס קאָן בערג איבערקערן און האָט נישט קיין מורא נישט לאַנג טראַכ־טנדיק זיין מאַכט צו געברויכן. ווען דער קעניג האָט פאַרבראַכט אין ביר־גאָס לענגער, ווי מען האָט גערעכנט, האָט יהודה אויף זיין אייגענער אחר־ריות אַרויסגעגעבן געפערלעכע פאַראָרדענונגען. אויף צו להבעים די פיינט־לעכע פראַלאַטן און באַראָנען, האָט ער געוויסע פרענקישע פליטים אַוועק־געזעצט אויף פעטע פאָסטנס. אַ געוויסן נתן פון געמור, וועלכער האָט

שוין פריער אַרומגעריזט איבער קאַסטיליע, האָט ער באַשטימט פאַר אַ באַילע, פאַר אַן אויפזעער אין סוריטאַ.

עס איז אָנגעקומען דער יום־טוב פורים, דער טאָג ווען אסתּר־המלכּה האָט געראַטעוועט די יידן פון אַ גרויסער צרה. המן־הרשע, דער ליבלינג פון קעניג אחשוורוש האָט געוואָלט אויסראָטן אַלע יידן פון שושן און פון גאַנץ פּרס, ווייל דער ייד מרדכי האָט אים פונע בכבוד געווען. אָבער מרדכים פּלימעניצע, דאָס מיידל הדסה מיטן נאָמען אסתּר, האָט געפונען ליטזעליקייט אינעם קעניגס אויגן. ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ קעניגין און אָנגעפירט דורך איר פעטער מרדכי, האָט זי זיך אַ נעם געטאָן צו צעשטערן המנס פּלענער. זי האָט געבעטן דעם קעניג פאַר איר פאָלק, און דער קעניג אחשוורוש, גערירט פון איר שיינקייט און חכמה, האָט אַראָפּגעלאָזן דעם סצעפּטער, באַגנעדיקט איר פאָלק און המן־הרשע האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון די יידן. זיי האָבן אים אויפגעהאָנגען אויף דער תּליה, אויף וועלכער מרדכי האָט געזאָלט הענגען. זיי האָבן אויך אויפגעהאָנגען זיינע צען זין און האָבן אויסגעהרגעט אַלע זייערע שונאים אין הונדערט זיבן און צוואַנציק לענדער פון דעם קעניג אחשוורושס הערשאַפט.

עס זענען דאָ ביי יידן יום־טובים, וועלכע דערמאָנען אָן גרעסערע געשעענישן, קיין איין יום־טוב אָבער ווערט ביי די פרומע יידן נישט געפייערט מיט אַזאַ שטורמישער שמחה, ווי פּורים. מען פּראַוועט רייכע סעודות, מען שיקט אייגער דעם אַנדערן שלח־מנות, מען גיט נדבות אָרעמעלייט, מען אָרדנט איין פאָרשטעלונגען, מען טאַנצט און מען שפּילט. מיט פרייליכע העוויות, מיט ליאַרם און געפילדער לייענט מען די מגילה, וווּ עס ווערט באַשריבן די האָזיקע גרויסע געשעעניש.

אויך יהודה איז געווען יום־טובדיק געשטימט. ביי אים אין שטוב האָבן זיך אויפגעזאַמלט געסט צו הערן די מגילה, צו עסן און טרינקען, צו זען פּורים־שפּילער און זיך לאָזן ווילגיין אין פאַרשידענע נאַרישע געשפּרעכן.

די לעגענדאַרע געשיכטע מיט אסתּרן האָט געזאָלט פאָרקומען אין 3400 יאָר נאָך דער וועלט יצירה, און איצט האָט מען שוין געציילט דאָס 4950 יאָר, און פון יאָר צו יאָר איז אין דעם דאָזיקן טאָג ששון־ושמחה ביי צענדליקער טויזנטער, ביי הונדערטער טויזנטער יידן. אָבער במשך פון דער גאַנצער צייט האָט קיינער נישט געהאַט אַזויפיל פרייד, ווי יהודה. די נסיונות און נצחונות פון די מרדכים און אסתּרס זענען געווען זיינע

און רחלס. ווער קאָן אַזוי אינערלעך שפּירן דעם מוט און די טויט־שרעק פון אסתרן, בעת זי האָט זיך געשטעלט פאַרן קעניג? ווער קאָן אַזוי איבערלעבן די פרייד פון מרדכין בעת ער איז געזעסן אויפן פערד און המן הרשע האָט אים געפירט איבער די גאַסן פון שטאָט מיטן אויסרוף: „ככה יעשה לאיש, אַשר המלך חפץ ביקרו״? און ביים סוף פון דער מגילה, ווען מרדכי ווערט אַ משנה למלך און דער באַפולמעכטיקטער פון דעם קעניגס חתימה, דעמלט טאַפּט יהודה מיט גרויס פרייד זיין הערב־התימה אויף זיין ברוסט און מיט צופרידנקייט באַטראַכט ער די דריי פרענקישע פליטים, וועלכע מ'האָט אין דעם דאָזיקן טאָג פאַרבעטן צו דער סעודה.

די ישבה־בחורים, און צווישן זיי דאָן אפרים בר אבא, האָבן לויטן מנהג פון יענעם טאָג פאַראַדירט זייערע לערער און איינער דעם צווייטן געשטעלט פאַרשיימטע שאלות.

דער יונגער בנימין האָט איינגעפונען, אַז מרדכי און אסתר זענען באַגאַנגען צוויי חטאים. זייער ערשטער חטא באַשטייט דערין, וואָס זיי האָבן נישט געוווּסט פון קיין שום רחמנות.

— פּסח ביים סדר, — האָט ער געזאָגט, — גיסן מיר אָפּ פון כוס צען טראָפּן וויין צום אָנדענק פונעם שונאס יסורים. מרדכי און אסתר אָבער האָבן מיט גרויס פרייד אויפגעהאָנגען המנען און זיינע צען בנים און מיט טריומף פאַרטיליקט אַלע זייערע שונאים.

אַנדערע האָבן זיך קעגנגעשטעלט. המן, האָבן זיי געטענהט, איז געווען אַ רשע־מרושע, אַזוי אַז אַפילו דער פרומסטער מענטש האָט מיט זיין גאַנצן האַרצן געמוזט אים און זיינע זין עוקר מן השורש זיין. ס'איז באַוווּסט, אַז מרדכי האָט אים שוין איינמאָל פון טויט געראַטעוועט, אָבער המן האָט אים געוואָלט אָפּדאַנקען מיט אכזריות. ער איז געווען אַזאַ רשע, אַז די אומשולדיקע ביימער האָבן זיך געשטעלט פאַר גאָטס טראָן און יעדער פון זיי האָט זיך געבעטן, מען זאָל פון אים מאַכן אַ תליה. קענטיק, אַז דאָס האָלץ פאַר דער תליה איז געווען פון נחס תיבה, וואָס איז פון ששת ימי בראשית צו דעם צוועק צוגעגרייט געוואָרן.

יהודה האָט זיך אַליין געשטעלט די פראַגע, צי ער איז אַן אכזר. יאָ, ער איז אַן אכזר און שטאָלצירט דערמיט. ער וואָלט גערן אַוועקגעגעבן די צוויי און צוואַנציק שיפן פון זיין פלאָט פאַר דעם איין און איינציקן פאַרגעניגן צו זען, ווי דער אַרציבישאָף הענגט אַראָפּ פונעם צווייג פון אַ הויכן בוים. ער גיט גערן אַוועק דעם פאַרדינסט פון זיינע אונטערנעמונגען אין דער פּראָוואַנס און אין פלאַנדריע פאַרן פרייז צו זען, ווי מען צעשניידט

אויף שטיקער דע קאַסטראָן, וועלכער האָט אים אָנגערופן שמוציקער הונט. אַ מענטש מוז אַזוי פילן, סיידן ער איז אַזאַ חכם, ווי מוסא, אָדער אַ נביא. אָבער ער, יהודה, איז נישט דער און ער וויל עס נישט זיין.

אַזוי טראַכטנדיק האָט יהודה דערהערט ווי בנימין רעדט וועגן מרדכים צווייטן חטא, וועגן זיין גאווה.

— קוקט אים נאָר אָן, — האָט זיך בנימין געהיצט, — מיט וואָסער גאווה ער איז געריטן איבער די גאַסן פון שושן, געפירט דורך המנען!

אָבער מיט אַ צייט פריער, ווען דער קעניג האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל, פאַרוואָס האָט מרדכי נישט געקניט פאַר המנען? די געזעצן פון לאַנד זענען אייערע געזעצן, זאָגן די געלערנטע. יאָ, מיט זיין שטאָלציקייט האָט מרדכי גורם געווען דאָס אומגליק אויף די יידן. אַזוי שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין דער מגילה. מרדכי האָט געקענט די מענטשן, האָט געקענט המנען און ער האָט גוט געוווסט מיט וואָסערע פאָלגן איז פאַרבונדן זיין אומגעהאָרכזאַמקייט. טאָ פאַרוואָס האָט ער נישט גובר געווען זיין גאווה, כדי צו ראַטעווען זיין פאָלק פון דער גרעסטער סכנה?

דער אויסדרוק פון יהודהס פנים האָט זיך געענדערט. ער האָט געוווסט, אַז אים אַליין האַלט מען פאַר אַ בעל־גאווה, און פאַר אַלע זיינע געסט איז געווים נישט קיין סוד, אַז זיין און רחלס גורל איז שטאַרק ענלעך צום גורל פון מרדכין און אסתר. געווים פאַרגלייכן זיי אים מיט מרדכין. און בעת בנימין האָט קריטיקירט מרדכים גאווה, האָט זיך אין יהודהן דערוועקט אַ חשד, אַז ער מיינט אים. אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו ברענגען מזל־ברכה די יידן פון טאָלעדאָ, אָבער נישט געקוקט דערויף, צי קוקן זיי נישט אויף אים מיט אויגן פול מיט עקל, ווי רבי טוביה? מרדכין האָט קיינער נישט פאָרגעוואָרפן, וואָס ער האָט זיין שטיפטאָכטער אַוועקגעשיקט צו אַ געצנדינערישן קעניג אין שלאָס און אין בעט. מרדכי האָט אָבער געלעבט מיט הונדערטער יאָרן צוריק אין דער שטאָט שושן, וועלכע איז ווייט פון דאַנען. ער, יהודה, לעבט היינט, און די גאַליאַנאַ איז קוים צוויי מייל פון טאָלעדאָ. מיט פאַרדראָס האָט ער געקוקט אויף די פנימער פון זיינע געסט און מיט נאָך מער פאַרדאַכט אויפן יונגן בנימין. אים האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווייל זיינע בליקן זענען געווען קאַלטע, פאַרשערישע און עס האָט זיך אין זיי נישט געפילט קיין שום דרך־ארץ צו אַ ייד, ווי יהודה איבן עזרא.

גיין, זיינע געסט האָבן נישט קיין שום הינטער־כוונות. מיט גרויס היץ וואַרפֿן זיי אָפּ דעם יונגן בנימינס טענות. און פֿאַרטיידיקנדיק מרדכין, פֿאַרטיידיקן זיי ממילא אים, יהודהן. מיט צופֿרידנקייט האָט ער פֿעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן אויף אים נישט קיין פֿאַראיבל, וואָס ער האָט זיי ווילשטאַנד געבראַכט.

פֿייערדיק זענען געווען די אַרגומענטן, מיט וועלכע זיי האָבן פֿאַרטיידיקט מרדכין. ווען מרדכי וואָלט געווען שטאָלץ, צי וואָלט ער דעמלט פֿאַרבאָרגן, אַז ער איז אַ שטיף־פֿאָטער און פֿעטער פֿון דער מלכה? און צי וואָלט דען אַ שטאָלצער מאַן זיך אַרומגעשלעפּט, ווי אַ בעטלער אַרום דעם קעניגלעכן שלאָס? אויך אסתרן האָט ער דערצויגן אין גייסט פֿון הכנעה. נישט מיט פֿאַלשער זיכערקייט איז זי אַוועק אויפֿן שווערן וועג צום קעניג, וואָס האָט געקאָנט ווערן פֿאַר איר דער וועג פֿון טויט. זי איז געגאַנגען מיט טיפֿער הכנעה. זי האָט אומגעפֿער אַזוי תּפֿילה געטאָן:

„דו ווייסט דאָך, גאָט, אַז איך האָב דעם גלאַנץ פֿון דעם דאָזיקן קעניגלעכן שלאָס נישט באַגערט. ניין, און געכאַמאָל ניין. פּונקט אַזוי ווי עס עקלט דער פֿרוי פֿון אירע קליידער, וואָס זי טראָגט אין די טעג פֿון איר אומריינקייט, אַזוי עקלט מיך פֿון מיינע פּרעכטיקע געוואַנדן און פֿון דער קרוין, וועלכע איך מוז טראָגן. קיין שום פֿרייד האָב איך נישט זינט איך בין דאָ. מיין גאַנצע פֿרייד איז צו דיר, גאָט מיינער. אָך, גאָט, טרייסט פֿון אַלע צעבראָכענע הערצער, העלף מיר אין מיין נויט, אַז איך זאָל געפֿינען חסד ביי דעם דאָזיקן געצנדינערישן קעניג, פֿאַר וועלכן איך ציטער, ווי אַ ציג פֿאַר אַ וואָלף“.

יהודהס ספֿקות זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. די יידן פֿון מאָלעדאָ האָבן אויף אים נישט קיין פֿאַראיבל. אין אים זעען זיי אַזאַ מאַן, ווי מרדכי, אַ מאַן, וועלכער איז געוואָרן אַ גדול בישראל, געליבט פֿון גאַנצן כּלל, וואָס טראַכט לטובֿת זיין פֿאָלק און באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות אויסצובעסערן זיין לאַגע.

— דיין האַרץ ברויזט פֿון שׂמחה, ליבער יהודה, — האָט מוסא צו אים געזאָגט, — דו מוזט זיך פֿילן ווי מרדכי?

יהודה האָט געענטפֿערט האַלב וויציק, האַלב ערנסט:

— דאָס זענען דיינע ווערטער.

ווען ער איז געגאַנגען שלאָפֿן, איז ער געווען אַזוי גליקלעך, אַזוי שטאַרק אויסגעמאַטערט.

זיין גייסט האָט ווייטער געאַרבעט אויך אין שלאָף און ווען ער האָט אויפן צווייטן טאָג אויפגעוואַכט, האָט זיך ביי דעם דאָזיקן מערקווירדיקן, פילזייטיקן מאַן, אַדאַנק די איינדרוקן און שפּירונגען פון פאַריקן טאָג, אַנטוויקלט אַ געדאַנק, ווי אַזוי אויסצוברייטערן זיינע געשעפטן.

המן האָט גורל געוואָרפן, אין וועלכן טאָג ער זאָל פאַרטיליקן די ייִדן, ס'איז אָבער דווקא אויסגעפאַלן דער טאָג פון זייער באַפרייונג, פון זייער דערהייבונג. און דעם גורל־יום־טוב פּורים, האָבן די ייִדן אַ נאָמען געגעבן אסתר־יום־טוב. וואַרפן גורל, אַרויספאָדערן דאָס גליק, צו ווענדן גאָט באַציט זיך מיט חסד און צו ווענדן נישט, דאָס לאָקט יעדן מענטש. וואָס וואָלט, למשל, געווען, ווען ער, יהודה, זאָל פּרוּוון אויסנוצן די דאָזיקע מענטשלעכע נייגונג? ער וועט אין נאָמען פון קעניג איינאָרדענען אַ גרויסע שפּיל, ער וועט אַוועקשטעלן אַ גרויסע גליק־אורנע, פון וועלכער יעדער איינער וועט פאַר קליינע געלט קאָנען אַרויסציען זיין צעטל. ווען יעדער איינציק צעטל וועט אין מלוכה־אוצר אַריינברענגען בלויז אַ קליינעם געווינס, וועט דאָך די סומע ביי אַ גרויסן אומזאַץ זיין אַ ריזיקע.

נאָך אינעם זעלבן טאָג האָט יהודה געמאַכט אויסרעכענונגען פאַר אַ גרויסער קאַסטילישער לאָטעריע.

ווען נאָכן לעצטן קרוין־ראַט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיט אַראַגאָן פאָדערן נאָך לאַנגע חדשים, האָט אַלפאָנסאָ באַשלאָסן אַוועקצופאָרן צוריק קיין טאָלעדאָ. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָניאַ לעאָנאָר פאַרשטייט זיך אויף זיין פאַלשער שפּיל. אמת, זי איז געווען געלאַסן, פריינדלעך ווי תמיד. ער וועט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי זי האָט אים אין פּנים אַריינגעזאָגט: די גאַנצע קריסטלעכע וועלט וועט אויף דיר טייטלען מיט די פינגער. אין איר קלאָרן געזיכט האָט ער געלייענט איר פאַראַכטונג צו אים, און דאָס האָט אים געצווּנגען צו פאַרבלייבן. אים איז אויסגעקומען נאָך איין פּייַנלעכע וואָך צו פאַרברענגען אין בורגאָס, הגם עס האָט אים געצויגן צו רהלען און צו דער גאַליאַנאַ, איז ער דאָך פאַרבליבן.

אין אָנהייב פון הריטן חודש האָט ער זיך געזאָגט, אַז ער האָט עס שוין גענוג און זיך געקליבן אָפּצופאָרן.

אומגעריכט, צוליב אַ ביטערן צופאַל, האָט ער געמוזט בלייבן.

עס איז געווען אמת דאָס, וואָס לעאָנאָר האָט אים דערמלט געמאָלדן, אַז דער קליינער אינפאַנט ענריקע איז קראַנק. פּלוצלונג האָט זיך זיין קראַנקהייט פאַרערגערט. די דאָקטוירים זענען געווען הילפלאָז.

דער פאַרצווייפלטער אַלפאָנסאָ האָט אין דעם דאָזיקן אומגליק איינגעזען אַ שטראָף פון גאָט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך אַמאָל גערייצט מיט דאָן ראָדריגען, אַז ער, אַלפאָנסאָ, איז צופרידן, ווייל גאָט איז מיט אים, און אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען האָט ער הצלחה. ראָדריגע האָט אים אָבער אָפּגעענטפערט, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז דער עונש פון דעם בעל-עבירה פיל שרעקלעכער אויף יענער וועלט. געבענטשט איז דער, וועמען גאָט באַשטראָפט ביים לעבן, אויף דער וועלט. אויב דאָס ווערט אָנגערופן חסד, איז עס אַ שרעקלעכער חסד. אַלפאָנסאָ האָט אָבער די שטראָף פאַרדינט. ער איז נישט געווען אויפריכטיק אויפן קרוין-ראַט, ער האָט מסכים געווען מיט די פאַלשע, כיטרע באַווייזן פונעם ייד און אַרויסגעוויזן פחדנות בנוגע זיין הייליקן חוב, בנוגע דעם קריג. דאָס, וואָס גאָט טוט מיט זיין יורש, באַווייזט ווי שטאַרק ער האָט געזינדיקט.

אויך דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך געמאַכט אַבערגלויבישע פאָרווורפן. די שוואַכקייט פונעם אינפאַנט האָט זי דערפירט ביז אַ קראַנקהייט, כדי אַוועקצורייסן אַלפאָנסאָן פון דער יידישקע און אים פאַרנאַרן קיין בורגאָס. איצט איז זיך גאָט נוקם. אירע עגאָיסטישע ליגנס זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן. הילפלאָז און פאַרצווייפלט איז זי געזעסן נעבן איר פיבערדיק-הייסן, גוססדיקן קינד.

צו יענער צייט איז פון טאָלעדאָ אַרויסגעפאָרן דער אַלטער מוסאַ איבן דאַאוד, כדי מיטצוהעלפן די דאָקטוירים אין בורגאָס.

יהודה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס קינד איז געפערלעך קראַנק. אויב עס וועט מיטן אינפאַנט עפּעס געשען, דעמאָלט וועט לעאָנאָר פאַרווירקלעכן די פאַרהייראַטונג פון דער פרינצעסין בערענגאַריאַ מיט דאָן פעדראָן און עס וועט נישט זיין קיין שום עצה צו שטערן דעם בונד מיט אַראַגאָן און אָפּצוהאַלטן דעם קריג. יהודה האָט תיכף אויפגעפאָדערט די אַלכאַמאַ, מען זאָל תפילה טאָן פאַרן געזונט פון אינפאַנט. די טאָלעדער יידן האָבן פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון דער זאַך. דעריבער האָבן זיי תפילה געטאָן מיט גרויס התלהבות. יהודה האָט גלייכצייטיק געבעטן מוסאַן, ער זאָל תיכף פאָרן קיין בורגאָס. דער אַלטער דאָקטאָר האָט זיך געקרימט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וואַרט אויפן קעניגס רוף. יהודה אָבער איז צוגעשטאַנען, ער זאָל תיכף פאָרן.

מוסאַ איז אָנגעקומען קיין בורגאָס. דער קעניג, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט דעם אַלטן מורק, האָט אויפגעלעבט ווען ער איז געקומען און מיט פרייד מיטגעטיילט לעאָנאָרן,

אַז דאָ געפינט זיך דער בעסטער דאָקטאָר פון שפּאַניע, מוסא איבן דאַאוּד, און אַז ער וועט געווים אָפּראַטעווען דאָס קינד.

דאָ האָט אָבער דאָניא ליאָנאָרס קלאָרע, שטילע געזיכט זיך צעקרימט. איר גאַנץ וועזן איז מוראדיק פאַרענדערט געוואָרן. זי האָט אויסגערופן מיט אַ טאָן פון טיפער פאַראַכטונג:

— נאָך קנאַפּ צרות האָסטו מיט דיין יידישקע אָנגעבראַכט: ווילסט איר נאָך מיין זון אומברענגען?

זי האָט אים געשריגן אין פּנים אַריין, און איר שיינע שטים האָט מיאוס געגרילצט. זי איז אַריינגעפאַלן אין איר פראַנצויזישער קינדערישקייט.

— איך שווער מיט גאָטס אויג, — האָט זי איבערגעחזרט איר טאָגנס געליבטע קללה, — איך וועל גיכער דעם דאָזיקן מענטש מיט מיינע הענט אומברענגען, איידער אים צולאָזן צו מיין קינד.

אַלפאָנסאָ האָט פאַרשוויגן. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַנדער לעאָנאָר. נישט ענלעך צו דער, וועלכער ער האָט געקענט אין משך פון פופצן יאָר. אַפילו אויפן קרוין־ראַט, בעת זי האָט אים פאַרשעמט, האָט זי דאָך געצוימט איר טאָן און אירע זשעסטן. איצט, צום ערשטן מאָל, האָט פון איר אַרויסגעשלאָגן די לייַדנשאַפט, וואָס האָט איר טאַטן און איר מאַמען דערפירט צו אומפאַראַנטוואָרטלעכע מעשים. און ער, אַלפאָנסאָ, איז שולדיק. ער האָט דערפירט זיין דאַמע, די קעניגין, צו אַזאַ משוגענעם צושטאַנד.

דער אינפאַנט ענריקע איז געשטאָרבן אין שווערע ליידן.

עפּעס ווי פאַרגליווערט איז געווען דאָניאַ לעאָנאָר. בעת אָבער אָט די אומבאַגרענעצטע ליידן איז אין איר געוואַקסן אַ ביטער־זיסלעך באַוווסטזיין, אַז גראָד דער דאָזיקער פאַרלוסט האָט זי געפירט צום ציל. איצט, נאָכן טויט פונעם אינפאַנט, איז בערענגאַריאַ ווידער די יורשטע פון קאַסטיליע, איצט איז איר פאַרהייראַטונג מיט דאָן פעדראָ אַ חוב פאַר דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט. איצט קאָן קיין שום ייד, קיין שום טייוול נישט אָפּהאַלטן דעם קריג. איצט מוז אַלפאָנסאָ אַרויסטרעטן אין קאַמף, און זיין צעשיידונג מיט דער יידישקע וועט ווערן אַ פאַקט. בעת זי האָט מיט אַ בייזער איראָניע באַטראַכט איר געווינס, פאַר וועלכן זי האָט באַצאָלט אַזאַ הויכן פּרייז, האָט זי שוין פאַר אירע אויגן געזען אַ באַוואָפנטן אַלפאָנסאָ, גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין און, זיצנדיק אויפן פערד, פאַרגייגט ער זיך פאַר איר מיט אַ פּרייַלעכער, ריטערלעכער זיכערקייט.

בעת אין משך פון לאַנגע חדשים האָט זי אַנדערש נישט געטראַכט, ווי נאָר אים צו באַשטראָפן, האָט זיך איצט אין איר דערוועקט צוריק די אַלטע ליבע.

אַלפאָנסאָ האָט זיך געפילט אינגאַנצן צעבראָכן. ער איז געזעסן מיט אַ שרעקלעך פנים, די האָר צעשויבערט, די אויגן פאַרגליווערט, פאַרלאָשן. דאָס געוויסן האָט אים געמאַטערט. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז עס וועט אים געלונגען רחלען צו באַקערן, טיף אין האַרצן אָבער האָט ער איצט געוווּסט, אַז דאָס וועט אים נישט געלונגען. די דאָזיקע פרוי האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט, ווי אַ קראַנקהייט. ער האָט דערפון געוווּסט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געגאַנגען בלינד. איצט האָט אים גאָט אויפגעריסן די אויגן און ער האָט דערזען אַלץ אַרום אין אַ שרעקלעכער אומברחמנותדיקער באַלויכטונג.

אין דער דאָזיקער נאַכט, בעת אַרום האָט זיך געטראָגן דער ריח פון ווייִרויך, ליכט האָבן געצאַנקט, פריסטער אויף דער וואַך האָבן געברומט זייערע תפילות און דער טויטער אינפאַנט איז געלעגן אויף אַ בעטל אין דער קאַפּליצע פון שלאָס, האָבן אַלפאָנסאָ און לעאָנאָר געהאַט צווישן זיך אַן אָפענעם שמועס. אָן שום צערעמאָניעס האָט ער אַ פרעג געטאָן, ווי לאַנג דאַרף עס דויערן עס זאָל צושטאַנד קומען דאָס קאָנסמאָל צווישן בערענגאַריען און דאָן פעדראָן. זי האָט געענטפערט, אַז די אָפמאַכן קאָנען שוין אין עטלעכע וואָכן אַרום געשלאָסן ווערן.

— אַלזאָ וועל איך אין צוויי חדשים אַרום אַרויסטרעטן אין קאַמף, — האָט דאָן אַלפאָנסאָ דערקלערט, — און דאָס איז זייער גוט, — האָט ער אויסגערופן.

זי איז געזעסן רואיק, שטיל, טרויעריק און פול מיט חשיבות. זי האָט געטראַכט וויפל עגמת־נפש האָבן זיי ביידע געדאַרפט איבערלעבן איידער ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון בלאָטע. אַ פאָר ווערטער, וואָס איר מוטער האָט פון געפענגעניש געשריבן צום הייליקן פאָטער, האָבן ביז היינט געקלונגען אין אירע אויערן: „מיט גאָטס צאָרן, די קעניגין פון ענגלאַנד“. בעתן שמועס האָט זי אַלפאָנסאָן אַריינגעזאָגט אַ פאָר קלוגע, קאַלטבלוטיקע ווערטער, וועלכע האָבן געקלונגען: מיט גאָטס צאָרן, די קעניגין פון קאַסטיליע.

געלאַסן מיט איר קלאָרער שטים האָט זי אים געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז איידער ער וועט אַריינטרעטן אין הייליקן קריג, וואָלט גוט געווען, ווען ער זאָל פטור ווערן פון אַלע התחייבותן. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס זי

מיינט. עס האָט אין אים געברענט די דערינערונג, ווען זי האָט אים פאַר מענטשן געוואָרפן זיין שאַנד אין פּנים אַריין, און ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט זי מיט קללות און חרמות אַרויסגעוויזן איר שנאה צו אים. איצט אָבער איז איר פּנים און שטים רואיק, גלייך זי האָט אויף אים רחמנות געקריגן. איר מויל האָט איצט נישט געשפּריצט מיט צאָרן און נקמה, האָס איז ווידער געווען די ליבע לעאָנאָר.

— איך וועל זי משלח זיין! — האָט ער שטורמיש צוגעזאָגט.

בעת דער קעניג איז צוגעקומען צום טויער פון לאַ־גאַליאַנאַ, און האָט דערזען דעם אויפשריפט: „אַלאַפּיאַ*), זיי באַגריסט און געבענטשט" און גאָכדעם די מזוזה, אָן וועלכער ער האָט זיך צעשניטן די האַנט, איז ער געווען פול מיט פרייליכער גאווה, אַז ער וועט זאָגן ראַקעלן: „איך גיי מלחמה האַלטן, מיר מוזן זיך שיידן, ווייל גאָט וויל אַזוי". און ווען ער וועט איר שוין דאָס האָבן געזאָגט, וועט ער תיכף ומיד זיך צוריקקערן קיין טאָלעדאָ.

אָבער אָט שטייט זי פאַר אים. אירע גרוי־בלויע אויגן לייכטן, איר גאַנץ פּנים שיינט און ער שטייט מיט זיין באַשלוס. ער טראַכט וועגן זיין פייערלעכן צוזאָג. ער וויל אים נישט אַרויסלאָזן פון קאָפּ. ער וועט זיין צוזאָג האַלטן, ער וועט מיט איר רעדן וועגן זייער שיידונג, אָבער נישט איצט, נישט היינט.

ער האָט זי אַרומגענומען, זיי האָבן צוזאַמען געגעסן, ער האָט געפלוידערט מיט איר און דערנאָך אַוועק אין גאָרטן. זי האָט איצט געהאַט אַן אַנדער אויסזען ווי פריער, זי איז געווען אַ סך שענער, און ס'האָט אים גאָרנישט געקאָנט איינפאַלן, אַז זי באַזיצט אין זיך כישוף.

עס איז אָנגעקומען דער בין־השמשות. ער האָט פאַרגעסן דעם טויט פון זיין קינד, פאַרגעסן דעם הייליקן קריג. די נאַכט איז צוגעפאַלן. ס'איז געווען אַ געבענטשטע נאַכט.

אינדערפרי האָבן זיי צוזאַמען געפרישטיקט, ווי פאַר זיין אַוועקפאָרן. איצט האָט ער געשוויגן, און ער מוז רעדן, ער טאָר לענגער נישט שווייגן, ווייל יעדע רגע פון פאַרבאַהאַלטן זיין כוונה איז נאַריש און פאַרברעכעריש.

*) אַלפאָנסאָ (אַראַביש).

זי האָט דערציילט גאַנץ נאַטירלעך וועגן קליינע געשעענישן בעת זיין אָפּוועזנהייט. זי האָט דערציילט, ווי איר פֿעטער מוסאַ האָט געהאַלטן אַ דרשה וועגן דעם בוי־וועזן אין בורגאָס. ער האָט דערקלערט, אַז ער פֿילט זיך גוט אין מוסולמענישע שטעט און הייזער, אָבער אַן אייגנאַרטיקן סטיל פֿאַרמאָגט אויך די פּשוטע גאָטישע שטרענגע נאַקעטקייט פֿון די קריסטלעכע שטעט און שלעסער. זיי זענען מאַיעסטעטיש.

רחלס רייד און דער אַרט פֿון איר רעדן האָט פֿאַרדראָסן אַלפֿאָנסאָן. עס האָט אויפֿגעלעבט אין זיין זכרון בורגאָס, די קראַנקהייט פֿון זיין קינד און די אויפֿגערעגטע דאָניאַ לעאָנאָר. ער האָט אויך נישט פֿאַרגעסן זיין ערשטן שמועס מיט רחלען, ווען זי האָט געשפּאַסט איבער זיין שלאָס אין בורגאָס. עס האָט אים מיטאַמאָל ווידער באַהערשט די שלעכטע שטימונג, מיט וועלכער ער איז אַהער געקומען. און מיט אַ שטרענגן בייזן טאָן האָט ער געזאָגט:

— עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער אמת  ביי דיין מוסאַ. די מוסולמענישע פּראַכט ווערט שוין צוגעגעסן. אויך איך בין שוין זאַט מיט דער גאַליאַנאַ. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום טרעט איך אַריין אין הייליקן קריג. אין דער גאַליאַנאַ וועט שוין מער מיין פֿוס נישט אַריבערטרעטן.

זי האָט אים אָנגעקוקט, גלייך זי האָט אים נישט פֿאַרשטאַנען. זי איז געפֿאַלן אין חלשות. ער האָט זיך איינגאַנצן פֿאַרלוירן. ער האָט געהאַט בדעה גאַנץ פּשוט איר אַרויסזאָגן דעם ביטערן אמת, אַז אַזוי מוז עס זיין, און זאָל זי קלאָגן און יאָמערן. אָבער איצט שטייט ער פֿאַר איר ווי אַ טיפּש, נישט ווי קיין ריטער. ווען ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי זיינע פֿריינגוסן, האָט ער תּפֿילה געטאָן, אָפּגעזאָגט דעם פֿאַטער־נאָסטער און ווידער געקעמפֿט. און דאָ איז ער געשטאַנען אומבאַהאָלפֿן און הילפֿלאָז. ער האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס, זי געגלעט, לייכט זי צוגעדריקט, באַגעצט איר שטערן.

ס'האָט געדויערט אַ גאַנצע אייביקייט ביז זי האָט געעפֿנט די אויגן. נאָכדעם האָט ווידער לאַנג געדויערט, ביז זי איז געקומען צו זיך.

— זיי מיר מוחל, וואָס איך בין אַזוי שוואַך, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב געוווסט, אַז דאָס קאָן אייביק נישט דויערן. מען האָט מיר אויך דערציילט, וואָס אין בורגאָס איז פֿאָרגעקומען. מיין אַם סאַאַד האָט עס מיר געזאָגט, און איך האָב דאָס געדאַרפֿט נעמען אין באַטראַכט און דיר נישט דערמאָנען בורגאָס. אָבער זיי מיר מוחל. איך בין איצט שטאַרק פֿילבאַר, ווייל איך בין שוואַנגער.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט קעלבערנע אויגן, דאָס מויל האַלב אָפֿן. מיטאַמאָל האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק פֿריילעך געלעכטער.

— דאָס איז דאָך גרויסאַרטיק, — האָט ער טריומפֿירט. — איך בין באמת אַ בר־מזל.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצולויפֿן אַהין און צוריק, געטופּעט מיט די פֿיס, געטאַנצט, געכאַפּט זי אין די אָרעמס און געדריקט.

— זייער גוט, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — וואָס איך בין נישט באַפֿאַנצערט, ווייל איך וואָלט דיר דיין גאַנצע צאַרטע ברוסט צעקוועטשט.

איצט האָט ער געטראַכט, אַז ער האָט די דאָזיקע פּרעכטיקע פֿרוי באַהאַנדלט גראָב און פּרעד ווי אַ פּויער, און בעת ער האָט גערעדט האָט ער געוווסט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז שקר. ווי קאָן ער זי פֿאַרלאָזן!

ער האָט זי צוגעדריקט און געהאַלטן אין איין רעדן; ער האָט געשטאַמלט קאַסטיליש דורכגעפֿלאָכטן מיט אַראַביש. ער האָט זיך געזידלט, דערקלערט זיך אין ליבע צו איר און גערעדט נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן.

ער האָט ביי זיך געטראַכט: איך בין באמת אַ קינד, געליבט פֿון גאָט. ער שפּילט זיך מיט מיר, ווי אַ טאַטע מיט זיין קליינטשיקן זון. ער רייצט זיך מיט מיר אויף אַ ביזן כיטרען אופֿן, נאָכדעם פֿאַרשאַפֿט ער מיר גרויס פֿרייד. ער האָט מיר אָנגעוואָרפֿן די אומגעלומפּערטע מלחמה אין דאַן דעם אַלטן פֿעטער ריימונדעס מיט אַ האַרץ־שלאַג געפּטרט. ער האָט ביי מיר צוגענומען דעם קליינעם ענריקע און איצט וועט ער מיר געבן אַ זון פֿון דער דאָזיקער געליבטער, פֿון דער אייניציק געליבטער פֿרוי. איך האָב עס געהאַלטן פֿאַר אַ שטראָף און ס'איז אַרויסגעקומען אַ ברכה.

ער מוז זיך אָבער איינהאַלטן. רחלען טאָר ער עס נישט זאָגן. וועגן אַזעלכע שטאָלצע זאַכן דאַרף אַ קעניג טראַכטן, ער טאָר זיי אָבער נישט אַרויסזאָגן.

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן דאָניאַ לעאָנאָרן. איצט איז דער צוזאָג קיין צוזאָג נישט. ביי אַזאַ מין לאַגע איז ער בטל. אויב האַקעל וועט אים איצט געבוירן אַ זון, איז אַ סימן, אַז גאָט האָט אים מוחל געווען און איז מיט אים מסכים. יאָ, האָט ער געטראַכט: דער קעניג האָט אַן אינערלעכע שטים און בלויז צו דער דאָזיקער שטים דאַרף ער זיך צוהערן. גאָט וויל נישט, אַז איך זאָל איצט גיין מלחמה האַלטן, דאָס שפּיר איך מיט מיין גאַנץ וועזן. איך וועל אַרויס־

טרעטן, איך מוז אָבער נאָך וואַרטן, ביז וואַנען גאָט וועט מיר צו וויסן געבן.

אָבער זי פאַרלאָזן! ניין, בעסער טויזנט מאָל שטאַרבן! ער איז געווען אויסערגעוויינלעך גליקלעך. און אויסערגעוויינלעך גליקלעך איז זי געווען.

און דאָס לעבן אין דער לאַ־גאַליאַנאַ איז אַוועק מיטן פריערדיקן וועג.

דער קאַרדינאַל גרעגאָר פון סאַנט אַנדזשעלאָ, דער ספּעציעלער שליח, האָט געבראַכט דעם קעניג אַ בריוו, געשריבן מיט דער האַנט פון הייליקן פאָטער. דער פּויפּסט האָט דערמאָנט זיין ליבן זון, דעם קעניג פון קאַסטיליע, וועגן דעם באַשלוס פונעם לאַטעראַנישן צוזאַמענפאָר, וואָס פאַרבאָט די קריסטלעכע פירשטן אָנצופאַרטרויען יידן די מאַכט איבער קריסטן, און מיט פאָטערלעכער שטרענגקייט האָט ער אים געוואָרנט, אַז ער זאָל ענדלעך אַראָפּנעמען פון זיין פּאָסטן דעם טרויעריק־באַרימטן איבן עזרא. ווען נישט דער שטן־מקטרג, וואָס צעטיילט די איידעלע פירשטן פון שפּאַניע, — האָט געשריבן דער פּויפּסט, — צוליב די אינטריגעס פון יידישן מיניסטער, וואָלטן זיי זיך שוין פון לאַנג פאַראייניקט.

אַלפאָנסאָ האָט געהאַט אַ חשד, אַז היינטער דעם דאָזיקן שרייבן שטעקט דער קאָפּ פון דאָניאַ לעאָנאָר אָדער פונעם אַרציבישאָף. ער איז אָבער נישט געווען אין כעס, ער האָט זיך געפילט לייכט און מיושבדיק. ער האָט געפאָלגט זיין אינערלעכע שטים: „שיק פאָרלויפיק נישט אַוועק דעם ייד. מעגלעך שפּעטער, אין אַ צייט אַרום“.

מיט יראת הכבוד האָט אַלפאָנסאָ געענטפערט דעם קאַרדינאַל, אַז עס טוט אים לייד, וואָס ער האָט זיך אַזאַ לאַנגע צייט באַנוצט מיט אַ ראַטגעבער, וואָס האָט נישט געפונען קיין חסד ביים הייליקן פאָטער. די הילף פון דעם דאָזיקן איבן עזרא האָט אים אָבער געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַוואָפענען קעגן די מוסולמענער. אַלזאָ, ווי נאָר עס וועט אים געלונגען אָפּצוהאַלטן אַ זיג און ער וועט זיך שוין מער נישט נייטיקן אין די פעיקייטן פונעם ייד, וועט ער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ טרייען זון, אויספילן דעם ווילן פון הייליקן פאָטער.

דער קאַרדינאַל גרעגאָר, אַ גרויסער רעדנער, האָט געפּרעדיקט פון דער קאַטעדרע. מיט הונדערטער יאָרן צוריק, לאַנג פאַר דער איבעריקער קריסטלעכער וועלט, האָבן שוין די איינוווינער פונעם שפּאַנישן האַלבאינדזל פאַרפירט אַ מלחמה מיט די מוסולמענער. אָבער דער שטן־מקטרג

האָט געזייט קנאה־שנאה צווישן די קעניגן, און זיי האָבן זייערע שווערדן באַנוצט איינער קעגן דעם צווייטן, אַנשטאָט זיי צו קערעווען קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא פון קריסטנטום. דער אַלמעכטיקער גאָט האָט אויפגעטרייסלט זייערע הערצער, און איצט וועט שפּאַניע מיט גרויס התלהבות אויפנעמען דעם אַלטן קאַמף קעגן די אומגלויביקע, אַזוי וויל גאָט!

נאָכן טויט פונעם קליינעם אינפאַנט זענען שוין די קאַסטילער געווען צוגעגרייט, אַז דער קריג וועט זיך אָנהייבן, דעריבער האָט דעם קאַרדינאַלס דרשה זיי גערירט. די דערהויבענע אומעטום עקזיסטירנדיקע קירך האָט פון קינדהייט אָן איינגעפלאַנצט אין זייער באַוווסטזיין דעם באַגריף, אַז די וועלט איז הבל־הבלים. איצט האָט פאַר זיי דער עולם־הזה בכלל פאַרלוירן זיין ווערט, וואָרום מען זעט שוין בולט, אַז די צייט פון אייביקן חסד דערנענטערט זיך. יעדער איינער, וואָס וועט אָנטיילנעמען אין הייליקן קריג, וועט באַפרייט ווערן פון אַלע חטאים, וועט ריין ווערן, ווי אַ קינד, און אויב ער וועט אפילו אריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, אָדער געהרגעט ווערן, וועט ער באַקומען זיין שכר אויף יענער וועלט. אפילו די, וואָס האָבן די לעצטע גליקלעכע יאָרן גענאָסן פון איבערפלוס און רואיקייט האָבן נישט געדאַגהט איבער דעם, וואָס עס וועט זיי אויסקומען אין דער צוקונפט צו פאַרלירן זייער רייכקייט. דאַקעגן האָבן זיי זיך געקוויקט מיט דער אומפאַרמיידלעכקייט פונעם קריג, אַדאַנק וועלכן עס וואַרט אויף זיי אַ גרעסערע פרייד אין גן־עדן.

מענטשן, וואָס זענען פעיק געווען צו טראָגן כלי־זיין, האָבן זיך באַמיט פטור צו ווערן פון זייער האָב און גוטס. מען האָט געקאָנט קויפן זייער ביליק קליינע גיטער, וואַרשטאַטן ובדומה. דערפאַר זענען געשטיגן אַלע מלחמה־מכשירים. אַ גוטע צייט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר וואָפן־שמידער, פאַר לעדער־הענדלער, פאַר הענדלער פון רעליקוויעס. דער גערטנער בעלאַרדאָ האָט אַרויסגעשלעפּט די לעדערנע קורטקע, די מיץ פון זיין זיידן און געריבן די לעדער מיט אייל און אַנדערע פעטסן.

דערשפּירט די נאָענטקייט פון קריג, האָט דער אַרציבישאָף אויפגעלעבט. אונטער דער גלחישער סוטאַנע האָט ער שטענדיק געטראָגן געווער. ער האָט פאַרגעסן זיין צאָרן קעגן אַלפאָנסאָן און קעגן דער גאַליאַנאַ, און געלויבט גאָט, וואָס ער האָט מיט זיין קרעפטיקער האַנט צוריקגעבראַכט דעם בעל־עבירה אויפן ריטערלעכן דרך־הישר.

דערזען, אַז האָן ראָדריגע נעמט נישט קיין אָנטייל אין דער אַלגעמיינער התלהבות, האָט דער אַרציבישאָף צו אים אויף אַ פריינדלעכן אופן

גערעדט. דער קאַנאָניק האָט זיך ווידער אָפּגעגעבן דין וחשבון, אַז דעם אַרציבישאָפס דראַנג צו דער פרומער אונטערנעמונג איז ווי אַ טראָפּן בלוט אין אַ בעכער וויין, און אַז דער דאָזיקער באַגריף איז פאַרבונדן מיט מאַסן טויטע, וואָס דער קריג וועט פאָדערן פונעם שפּאַנישן האַלבאינדזל. דער אַרציבישאָף האָט אים באַוויזן דעם היפּוך: גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש צו עמפּערונג און קאַמף. און ער האָט אויסגעפירט:

— גאָט האָט אים געגעבן די הערשאַפט איבער די חיות. ער האָט עס אַזוי געטאָן, דער מענטש זאָל זיך מוזן די דאָזיקע הערשאַפט אויסקעמפן. צי מיינסטו, אַז דער ווילדער אָקס האָט זיך געלאָזט אָן קאַמף איינשפּאַנען אינעם אַקעראייזן? נאָך ביי הייַנטיקן טאָג קוועלט גאָט פונעם ריטער, וואָס האָט באַקעמפט דעם אָקס. פון אַלע קריסטוסעס ווערטער געפעלט מיר צום בעסטן זיין שליחות, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן אַפּאָסטאָל מאַטיאַס: „מיינט נישט, אַז איך בין געקומען, כדי שלום צו ברענגען אויף דער ערד. איך בין נישט געקומען, כדי שלום צו ברענגען נאָר די שווערד“. ער האָט איבערגעחזרט די שטעל אין אוראַלטן טעקסט. „אַלאַ מאַכאַ ראַן“, האָט ער פייערלעך אויסגערופן. אָט די דאָזיקע ווערטער פון דער עוואַנגעליע האָבן אין גריכיש געקלונגען אַ סך שענער און מער קריגעריש, ווי אינעם וולגאַרן לאַטיין: Sed gladium *)

דאָן ראָדריגע האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס דער געלערנטער אַרציבישאָף האָט זיך דערמאָנט פון דער עוואַנגעליע גראָד אָט די געפערלעכע שליחות וועגן דער שווערד. אַנשטאָט דעם דאָזיקן זאַץ וועגן מלחמה, האָט מען אין דער עוואַנגעליע געקאָנט געפינען אַ סך אַנדערע שטעלן, ווו עס ווערט מילד און האַרציק געריימט דער שלום. אָבער גאָט האָט אינעם אַרציבישאָפס האַרץ אַריינגעלייגט אַ שטיק אייזן. ער קאָ הערן בלויז דאָס, וואָס ער וויל הערן. דאָן ראָדריגע האָט פאַרדאַגהט געשוויגן.

דאָר מאַרטין האָט ווידער צו אים גערעדט:

— מיטן אָנקום פון פרילינג וועלן אַלע קאָנען אַרויסטרעטן אויף מלחמה. אַזוי שטייט געשריבן אין צווייטן ספר פון שמואל, אַזוי איז באַשטימט געוואָרן פון אויבן. לייען, מיין ליבער ברודער! לייען אין תנ"ך, אין שופטים, אין מלכים איבער גאָטס מלחמות! וואַרף אַוועק דיין ירמיהו-

*) נאָר מיטן שווערד (לאַטיין).

פנים און לייען, ווי גאָט נעמט אָנטייל אין קריג, ווי ער פּאַראייניקט די גאָטפּאָרכטיקע, ווי ער פּאַראייניקט זייער קעניגרייך און פאַרטיליקט די אומגליוביקע! זיי גייען אַרויס אויפן קריגספעלד, די גאָטפּאָרכטיקע העברעער, זיי לאָזן אַרויס זייער קריגס־געשריי און פאַרטיליקן זייערע שׂונאים. זייער רוף איז געווען: היוהד! דו האָסט מיר וועגן דעם אַליין דערציילט. היוהד, האָב קלינגט לויטער און גוט. אָבער אונדזער: דעוס וואָלט (גאָט וויל) קלינגט אויך נישט שלעכט און מען קאָן דערמיט דערלאַנגען אַ געהעריקן קלאַפּ. זיי מסכים, ליבער ברודער! רייס זיך אַרויס פון דיין אומעט און דערהויב דיין האַרץ!

היות דער קאַנאָניק איז כסדר געווען פאַרזונקען אין שווייגעניש, האָט ער אים פאַרטרוילעך צוגעגעבן:

און פאַרגעס נישט, אַז די מלחמה וועט אַרויסרייסן אונדזער טייערן אַלפאָנסאָ פונעם פוילן שלאָף און פונעם שטייענדיקן זומפּ.

דאָן ראָדריגע איז נישט געווען אַזוי זיכער, ווי דער אַרציבישאָף. ער האָט געהאַט אַ לייכטן ספק, צי דער טויט פונעם קינד האָט באמת אויפגעוועקט דעם קעניג פון זיין זינדיקן שלאָף; ער האָט מורא געהאַט, אַז אַלפאָנסאָ וועט ווייטער זוכן אַ מיטלוועג צווישן זיין חטא און זיין חוב.

ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט זיך געווענדעט צו זיין ווידוי־קינד:

— היות דו טרעטסט איצט אַרויס אויף מלחמה, מיין זון און קעניג, — האָט ער געוואָרנט, — זאָלסטו וויסן זיין, אַז עס איז נישט גענוג בלויז מיטן שווערד צו שלאָגן. דיינע חטאים קאָנען אויפן קריג פאַרגעבן ווערן בלויז אין דעם פאַל, ווען דו וועסט מיט אַן ערלעך האַרץ און מיט מעשים חרטה האָבן. הער מיך אויס, מיין זון אַלפאָנסאָ, און נאַר מיך נישט אָפּ, ווי דו האָסט ביז איצט דיך אַליין, מיך און אַנדערע אָפּגענאַרט. עס איז נישט מכריז געוואָרן פון אויבן צו ראַטעווען די נשמה פון דער דאָזיקער פרוי, ווי דו ווייסט עס מסתם אַליין. נישט געקוקט אויף דיין טרחה, איז דיר נישט געלונגען אַריינצודרינגען אין איר געמיט, און אויך פון מיינע ווערטער האָט גאָט צוגענומען די קראַפט. עס איז דיר נישט דערלויבט מער מיט איר צו לעבן. רייס אַרויס דעם חטא פון דיין האַרצן. שלעפּ נישט מיט די חטאים אויפן קריג. גאָט האָט דיין זון געטויט, פּונקט ווי ער האָט געטויט דעם זון פונעם מצרישן פּרעה, וועלכער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זיינע זינד. נעם דאָס אין באַטראַכט. פאַרלאָז די דאָזיקע פרוי איצט, באַלד.

אַלפֿאָנסאָ האָט נישט איבערגעשלאָגן דעם קאַנאָניק. ער האָט זיך געפילט לייכט, ווי אויף פליגלען, די בייזע ווערטער האָבן אים נישט אויפגערעגט. ער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ כמעט פריילעכער שטים:

— איך מוז דיר זאָגן, מיין פֿאָטער און פֿריינד, דאָס, וואָס איך האָב דיר שוין אפשר פון לאַנג געדאַרפט זאָגן: ראַקעל איז שוואַנגער. — ער האָט געלאָזן יענעם זיינע ווערטער אַראָפּשלינגען און פֿאַרטרויליך פֿאָרגעזעצט: — יאָ, גאָט האָט ווידעראַמאָל צו מיר אַרויסגעוויזן זיין חסד. אויב ער האָט מיר ביז איצט פאַרבאָטן ראַקעלס נשמה צו ראַטעווען, איז עס געווען גאָטס אומווילן, אַ קליינער שפּאַס. איך וועל איצט נישט בלויז איין נשמה געווינען פֿאַרן קריסטנטום! — האָט ער טריומפֿירט. — איך וועל האָבן אַ קינד פון ראַקעלן, און צי האָסטו נאָך אַ צווייפל, אַז די מוטער וועט זיך באַקערן, ווען מיר וועלן דאָס קינד טויפֿן? איך בין זייער גליקלעך, מיין פֿאָטער און פֿריינד, דאָן ראָדריגאָ.

זיינע ווערטער האָבן שטאַרק געווירקט אויפן קאַנאָניק. ער האָט זיך געשטאַרקט און האַרב געערדט צו זיין זון און בעת מעשה האָבן זיך אים אויפגעעפנט די אויגן. „מיינע געדאַנקען זענען נישט אייערע, און מיינע וועגן זענען נישט אייערע", האָט געזאָגט דער אַלמעכטיקער גאָט. אָט דאָס האָט אַלפֿאָנסאָ בעסער פון אים משיג געווען.

דער קעניג האָט ווייטער געערדט:

— איצט וועסטו שוין מער נישט פאַרלאַנגען, איך זאָל מיך מיט איר שיידן. — ער האָט געשמייכלט, זיין פנים האָט געשיינט. שמייכלענדיק האָט ער אים געבעטן: — זאָל אַזוי בלייבן, ווי עס איז, ביז איך וועל אַרויסטרעטן אין מלחמה. גאָט האָט מיר געווייסע זינד מוחל געווען. און איצט, אַז איך וועל פֿאַר אים קעמפן, וועט מיר גאָט אַנטקעגן קומען אין פֿאַל, ווען איך וועל צו דער ליבער פרוי נישט אַרויסווייזן קיין אַבזריות.

ראָדריגאָ האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך דאָ אַריינגעמישט. ער האָט אַלפֿאָנסאָן זייער גוט פאַרשטאַנען. אַלפֿאָנסאָ האָט ליב געהאַט רחלען, און צי האָט ער נישט באַזונגען דעם כישוף פון ליבע לויט דעם פֿאָרגייער פֿון קריסטנטום ווירגיליוס*), וואָס איז געווען דער פרוממער צווישן געצנדינער? זי, די ליבע, באַצויבערט דאָס גאַנצע וועזן, באַרויבט די פרייהייט פון ווילן און בינדט דעם מענטש מיט איבערמענטש=

*) רוימישער פּאָעט.

לעבער מאַכט. און דאָניאַ ראַקעל איז ווערט מען זאָל זי ליבן. זי איז שיין, און מיט רעכט האָט דאָס פֿאָלק איר אַ נאָמען געגעבן לאַ פֿערמאָסאַ, די שיינקייט. איר שיינקייט האָט אפילו אין אים, ראָדריגען, געוועקט די פֿרומסטע געפֿילן. ער האָט נישט געוואָלט אפילו פֿאַר זיך אַליין דעם קעניג פֿאַרטיידיקן. אָבער ווען גאָט האָט אים די דאָזיקע פֿרוי צוגעשיקט אויף זיין לעבנס־וועג, איז אפשר — כּדי אים האַרבער אויסצופּרוּוון ווי אַנדערע, און דערנאָך מיט גאָטס גרויס חסד אויסלייזן.

בשעת אַלפֿאָנסאָ האָט גערעדט מיט זיין ווידוי־פֿאָטער, האָט ער געפֿילט חרפּה און חרטה. אָבער גלייכצייטיק, ווען דער פֿאָטערלעכער פּריסטער און פֿריינד האָט אים פֿאַרגעוואָרפֿן זיינע ליבנס, האָט ער אים נאָך שטאַרקער אָפּגעגאַרט. ער האָט געהאַנדלט אַזוי, ווי דער קריג וואָלט געשטאַנען אוממיטלבאַר ביי דער טיר, און דערפֿאַר זיך גענומען דאָס רעכט צו זינדיקן נאָך אַ קורצע צייט. ער האָט דאָך אָבער געוווסט, אַז עס האַלט נאָך נישט ביי מלחמה. ער אַליין איז גורם די מלחמה זאָל אָפּגעלייגט ווערן.

צו די אַלע ווירטשאַפֿטלעכע שטרייט־פֿראַגן, וועלכע זענען געווען אַן אבן נגף אויפֿן וועג צום בונד מיט אַראַגאָן, איז צוגעקומען נאָך אַ פֿראַגע וועגן דעם הייראַטס־אָפּמאַך פֿון דער אינפֿאַנטין בערענגאַריאַ, וואָס האָט אויך פֿאַרהאַלטן דאָס אָפּשליסן פֿון בונד. יוסף פֿון סאַראַגאָסאַ האָט אַרויסגערוקט אַלץ נייע און נייע פֿראַגן, און אויך דער קעניג הענריק פֿון ענגלאַנד האָט געפֿאָדערט אויפֿקלערונגען.

אַלפֿאָנסאָ האָט גענוי געוווּסט, אַז דאָס האָט יהודה אַרויסגערופֿן די אַלע שוועריקייטן. און ער אַליין האָט דאָ כּלומרשט געשפּילט די ראָל פֿון אַ בעל־כּעסן און אַן אומגעדולדיקן, אין דער אמתן אָבער האָט ער געוואָלט און מיטגעהאָלפֿן, אַז יהודה זאָל נישט דערלאָזן צו אַ מלחמה. ביידע האָבן אַריינגעקוקט אייגער דעם צווייטן אין האַרצן, ביידע האָבן געוווּסט אייגער דעם צווייטנס געהיימסטע פֿאַרלאַנגען, זיי האָבן דאָס אָבער איינער דעם צווייטן נישט אַרויסגעזאָגט, זיי האָבן זיך געמאַכט כּלא יודע. ס'איז צווישן זיי געווען אַ שטילע פֿאַרשווערונג, וווּ דער קעניג און זיין מיניסטער זענען געווען די פֿאַרשווערער.

אַלפֿאָנסאָ איז געווען אייפֿערזיכטיק צום ייד, ווייל רחל האָט זיך אין אים געקלאַמערט און יהודה איז געווען אייפֿערזיכטיק צו אַלפֿאָנסאָן, ווייל רחל האָט אים געליבט. באַטראַכטנדיק רחלס שטריכן, האָט יהודה זיך געפֿרייט, ווייל זי איז געראָטן אין אים, און אַלפֿאָנסאָ האָט מיט כּעס

פעסטגעשטעלט, אַז זי איז ענלעך צו איר פאָטער. ביידע האָבן אָבער ווייטער געשפּילט זייער אויסטערליש שפּיל, אויסמוישנדיק זיך פון צייט צו צייט מיט בייזן שפּאַס. אפילו אונטער פיר אויגן האָבן זיי ביידע געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן זיך שטאַרק באַמיט, דער בונד מיט אַראַגאָן און דער קאָנסמאָל פון בערענגאַריאַ זאָל וואָס שנעלער צושטאַנד קומען, באַלד אָבער האָבן זיי אַליין אַלץ צונישט געמאַכט.

ווען דאָן מאַרטין איז געוואויר געוואָרן, אַז דער קעניג פאַרברענגט נאָך אַלץ דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט אין דעם גאַליאַנאַ־שלאָס, און צוליב זיינע העסלעכע מעשים לייגט ער אָפּ דעם הייליקן קריג, האָט ער אָפן אַרויסגעוויזן זיין קעגנערשאַפט. ער האָט געפּריידיקט קעגן דעם קעניג, וועלכער איז זיך שואל עצה מיט די יידישע שווינדלער, און אַדאַנק דעם זענען די קריסטן אויסגעשטעלט אויפן באַראַט פון די אורטיילן און מיינונגען פון די באַשניטענע. דעריבער איז גאָטס קירך אונטערדריקט און די סינאַגאָגע פון שטן אַנטוויקלט זיך. אַ גרויסער מיט זיינע מעשים־טובים באַקאַנטער שריפטשטעלער פון די אַמאָליקע צייטן האָט געזאָגט:

Sicut titulis primi, fuere sicet vitlis *)

דאָס זעלבע קומט איצט פאָר אין דער אומגליקלעכער קאַסטיליע. און ער האָט געבראַכט אַ ביישפּיל פון שלמה המלך, וועמען די זונות האָבן דערפירט צו עבודה־זרה.

אין גאַנצן לאַנד האָבן די גלחים נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון אַרצי־בישאָף. זיי האָבן אָפן דערקלערט, אַז דער ייד האָט אַ דירעקטע שליחות פון גיהנום, אַז פאַרן סאַלאַדין־מעשר האָט ער אויסגעבויט דעם צויבער־שלאָס לאַ־גאַליאַנאַ און דאָרט באַזעצט זיין טאָכטער. כדי דעם קעניג צו פאַרכישופן. „שטורעמפויגל פון שטן“, האָבן זיי רחלען אַ נאָמען געגעבן.

די קאַסטילער זענען נישט געווען צופרידן, וואָס מען האָט זיי אָפּגענאַרט. ער לאָזט נישט געניסן פון די פרוכט פונעם הייליקן קריג. סטודענטן האָבן פאַרפאַסט שפּאָט־לידער אויף דאָ אַלפאָנסאָ, האָבן אים אָנגערופן דער ריטער פון דער פעטשערע און געפרעגט, ווען ער וועט זיך לאָזן באַשניידן. דאָס לאַנד איז געווען באַליידיקט און אויפגערעגט.

אָבער נישט געקוקט אויף הייליקן צאָרן, זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען געווען צופרידן וואָס דער קריג ווערט אָפּגעלייגט. „עס איז בעסער

*) פונקט ווי זיי זענען געווען די ערשטע צו כבוד, אַזוי זענען זיי געווען די ערשטע צו זינד (לאַטיין).

אַ געקאָכט איי אין פֿרידן-צייט, איידער אַ געבראָטענער אָקס בעתן קריג“, — האָבן זיי איבערגעחזרט דאָס אַלטע שפּריכוואָרט. קאַסטיליע איז געווען אַ גאָטפֿאָרכטיק לאַנד, און גאָט איז נישט ניחא, אַז מען ווערט פֿאַרגליווערט אין פֿרידן, דעריבער האָבן אַפֿילו די רודף-שלומניקעס אַרויסגעוויזן זייער צופֿרידנקייט, וואָס דער קריג ווערט אָפּגעלייגט, בלויז אין די פֿיר ווענט פֿון זייער הויז, אויף דער גאַס אָבער און אין שענקען האָבן זיי געמאַכט דעם אָנשטעל, ייִי זיין וואָלטן געלעכצט נאָכן הייליקן קריג און האָבן געבעטן גאָט, ער זאָל באַלייכטן דעם קעניגס פֿאַרשטאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד האָט אָנטיילגענומען אין דער צביעותדיקער שפּיל פֿונעם קעניג מיט דער ייִדישקע.

אַ גלח פֿון אַ קליין שטעטל איז געקומען זיך שואל-עצה זיין מיט דאָן ראָדריגען. איינער אַ שטריק-ציער, אַ טיכטיקער פֿרומער מאַן, האָט אים געפֿרעגט:

— אין דעם לעצטן יאָר האָט גאָט געשיקט מזל-ברכה אין מיין געשעפֿט, און איך האָב אָפּגעשפּאָרט בערך צוויי גאָלד-מאַראַוועדי, טאָ פֿאַר וואָס שיקט ער מיך גראָד איצט אויף מלחמה קעגן די אומגלויביקע און מאַכט אַ תל פֿון מיין גוטן וואַרשטאַט?

דאָן ראָדריגע האָט בולט געזען דעם קעניגס פֿאַלשע שפּיל, אָבער ער איז געווען שטאַרק צופֿרידן, וואָס דער שלום דויערט. בכן, איז ער דער זעלבער בעל-עבירה, ווי דער שטריק-ציער. דער האָזיקער שכל-הישר האָט אים באַוואָפֿנט מיט קאַלטבלוטיקייט און ער האָט אָפּגעענטפֿערט דעם גלח מיט אַזאַ גייסטרייכן לייכטזין, ווי זיין פֿריינד מוסאַ וואָלט עס בעסער נישט געקאָנט טאָן. ער האָט אים פֿאַרציילט אַ מעשה פֿונעם הייליקן אויגוסטין, וועמען איינער האָט אַמאָל געשטעלט אַ שאלה: „מיט וואָס האָט זיך גאָט באַשעפֿטיקט, איידער ער האָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד?“ אויגוסטין האָט אים אָפּגעענטפֿערט: „ער האָט באַשאַפֿן דעם גיהנום, כדי אַריינצוואַרפֿן דאָרט מענטשן, וואָס פֿרעגן אַזעלכע שאלות“.

די ידיעה וועגן רחלס שוואַנגערשאַפֿט האָט פֿאַרשטאַרקט די אויפֿרעגונג צווישן די פֿיינטלעך געשטימטע גראַנדן און פּריסטער. אָבער דאָס פֿאָלק האָט גוטמוטיק אויפֿגענומען די דאָזיקע ידיעה. די מענטשן האָבן זיך דערמיט געקוויקט, וואָס דער שלום ווערט נישט געשטערט. אַז ער וועט זיך פֿאַרציען לכל הפּחות ביז נאָך דער קימפּעט פֿונעם קעניגס קעפּסוייב. ביז יענער צייט וועט מען זיי לאָזן צורו. רירעוודיק און צאַרט האָבן

זיי געהערט וועגן דער שוואַנגערער ראַקעל און אַפילו זייער פריינדלעך זיך אָפּגערופן איבער דאָן אַלפאָנסאָס מענטשלעכער שוואַכקייט. זיי האָב געווונטשן דעם קעניג אַ זון פון דער שיינער ראַקעל. אין איר שוואַנגערשאַפט האָבן זיי געזען אַ צייכן פון גאָט, ווײַלכער וויל דעם געזאַלבטן הערשער, איידער ער טרעט אַרויס אויף אַ מלחמה, שענקען אַ זון, אָנשטאָט זיין פאַרשטאָרבענעם יורש.

די שיינע יידישקע האָט זייער קלוג געטאָן! קענטיק, די קמיעות, וואָס זי האָט געהייסן אָנקלאַפּן אויף די טירן פון דער לאַ=גאַליאַנאַ, זענען אַ מעכטיקער כישוף. און אַ סך מענטשן האָבן זיך באַמיט צו באַקומען די דאָזיקע קמיע, די מזוזה.

גלחים און באַראָנען זענען געווען אויפגעבראַכט פון דעם קעניגס זינדיקע נאַרישקייטן. עס איז אַוועק אַ סדרה מיט פּליאָטקעס און בייזע פאַרויסזאָגונגען. דער גערטנער פון לאַ=גאַליאַנאַ זאָל האָבן כלומרשט דערציילט, אַז בעת רחל האָט מיטן קעניג געפאַנגען פיש אינעם טאַכאָ, האָט זי פון וואַסער אַרויסגעשלעפּט אַ טויטן=שאַרבן.

די אַלע מעשיות האָבן אָבער נישט געמאַכט קיין איינדרוק און האָבן נישט געשטערט די קאַסטיליער צערטלעך אויפצונעמען די ליבע=שפּיל פון דעם גאָט=געזאַלבטן אידעלן דאָן אַלפאָנסאָ מיט דער שיינער יידישקע.

און נישט געקוקט אויף דער בייזער צונג פונעם אַרציבישאָף, האָט דאָס פאָלק ווי אים אויף צו להכעיס רחלען כסדר גערופן: „ראַקעל די שיינע" און נישט ווי ער האָט איר אַ נאָמען געגעבן „שטורעמפויגל פון טייוול".

# קאַפּיטל זעקס

אַלפאָנסאָ האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט: פֿון איין זייט דורכזעצן דעם בונד מיט אַראַגאָן און פֿון דער צווייטער זייט אים סאַבאָטירן. דאָס האָט אים געצוווּנגען צו פֿאַרברענגען אַ לענגערע צייט אין טאָלעדאָ און רחל פֿלעגט בלייבן איינע אַליין. זי האָט אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז אַלפאָנסאָ אַרבעט אויס אין זיין שלאָס, צוזאַמען מיט איר פֿאָטער, פֿאַרשידענע פּלענער צו איר טובה וועגן. דעריבער האָט זי איצט אין איר איינזאַמקייט נישט געפֿילט אַזאַ בענקשאַפֿט און האָט אַזוי פֿיל נישט געליטן ווי פֿריער.

אָפֿט פֿלעגט זי אַוועקגיין אין קאַסטיליאָ איבן עזראָ. דאָרט פֿלעגט זי זיך אַנידערזעצן אין אַ ווינקל אין מוסאַס אַרבעט־צימער און אים בעטן, ער זאָל אויף איר נישט קוקן. זי, פֿון איר זייט האָט אים באַטראַכט, ווי ער איז פֿאַרטיפֿט אין זיינע געדאַנקען, ווי ער שפּרייזט אַהין און צוריק, ווי ער שטייט ביי זיין טיש, שרייבט אָדער גריבלט זיך אין אַ בוך.

היות אין די לעצטע וואָכן האָט דער קאַנאָניק אויסגעמיטן זיך צו טרעפֿן מיט רחלען, האָט דער יונגער בנימין אָנגעהויבן אָפֿטער זי צו באַזוכן. דערווייסנדיק זיך, אַז די פֿרוי, וועלכע איז אים געווען זייער טייער, די האָזיקע איבן־עזראָ־פּרינצעסין פֿון דוד המלכם הויז איז שוואַנגער, האָבן זיך אין אים דערוועקט פֿאַרשידענע געדאַנקען און ברויזנדיקע געפֿילן. ער האָט זיך זייער געשראָקן פֿאַר איר גורל, פֿאָרויסגעזען די קאַמפֿן, וואָס וועלן געפֿירט ווערן צוליב איר און איר קינד, און ס'האָט זיך אים געוואָלט איר צוגעבן מוט אין דעם דאָזיקן קאַמף.

ווען בנימין האָט איצט גערעדט וועגן דער דערהויבנקייט פֿון דער יידישער אמונה, האָט ער זיך נישט געשפּירט געצוווּנגען, ווי דעמאָלט אין דער אָנוועזנהייט פֿון דאָן ראָדריגע, צו האַלטן זיך אין די ראַמען פֿון וויסנשאַפֿטלעכער געלאַסנקייט. איצט האָט ער מיט זיינע אייגענע געפֿילן אויפֿגעפּאַסט די פּסוקים, מיט וועלכע די יידישע געלערנטע און דיכטער

האָבן זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די יידישע וועלט־אָנשויונג שטייט העכער פון דער געצנדינערישער חכמה און פון דער שליחות פון ישו הנוצרי. ווען די לערע פונעם גרויסן העלענישן אַריסטאָטעל נערט בלויז דעם פאַרשטאַנד, באַפרידיקט די יידישע חכמה די האַרצבּתוֹ נישט בלויז פון שכל, נאָר אויך פון די געפילן, זי פירט אַרויף אויפן דרך־הישר נישט בלויז די געדאַנקען, נאָר אויך די מענטשלעכע מעשים. און ווען דער גרינדער פון דעם קריסטנטום איז מכריז, אַז ליידן איז די בעסטע מענטשלעכע צניעות, דער הייליקסטער מענטשלעכער תכלית, דאָ איז דען דאָ נאָך אַ נאַציע אויף דער וועלט, ווי דאָס פאָלק ישראל, וועלכעס האָט די האָזיקע תורה פאַרווירקלעכט אין לעבן? ישראל טראָגט די קרוין פון ליידן זינט לאַנגע דורות: ישראל איז אין דער הינזיכט אַ ביישפּיל פאַר דער מענטשהייט.

בנימין האָט החלען דערציילט וועגן דעם גרויסן מאַן, וועגן דעם לעצטן גרעסטן יידישן נביא, יהודה הלוי, וועלכער האָט קוים מיט פופציק יאָר צוריק אין איידעלע פסוקים פאַרשפּרייט די דאָזיקע תורה. ער האָט איר אויספירלעך דערציילט וועגן יהודהס לייב־געזאַנג צום ייהנטים און האָט איר ציטירט פון זיינע ציון־לידער:

„אָ ציון די קעניגלעכע היים. ווען איך האָב פליגלען, וואָלט איך צו דייר געפלויגן. מיט יראה און פרייד וואָלט איך געקושט דיין שטויב, ווייל פון דיין שטויב טראָגן זיך ריחות פון באַלזאַם. ווי קאָן איך לעבן, ווען הינט צערייסן דיינע טויטע לייבן? די דומפּולע ווויגונג פון גאָט, ווי רחבותדיק האָט זיך דאָס שקלאַפן־געזינדל פאַנאַנדערגעזעצט אויף דיין פּחעכטיקן טראָן!"

און ביים סוף פון זיין לעבן, — האָט דאָן בנימין פאַרגעזעצט, — האָט דער שלאָפער יהודה קוים מיט צרות זיך דערקליבן אינעם הייליקן לאַנד און, האָבנדיק שוין פאַר די אויגן די הייליקע שטאָט, איז ער דערהרגעט געוואָרן דורך אַ מוסולמענישן רייטער.

ווען בנימין האָט געגעבן פרייהייט זיינע געפילן, פלעגט ער אַריינפאַלן אין עולם־הדמיון און האָט דערנאָך מיט לייכטן שפּאָס געפּרוווט זיך צוריקצוקערן צו דער ווירקלעכקייט. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט ער מיטאַמאָל אַרויסשלעפּן אַ נאָטיץ־ביכל און בעטן רחלען זי זאָל זיך לאָזן צייכענען. זי האָט באַמערקט מיט אַ שמייכל:

— ווי פרום דו ביסט, און ווי אַפּיקורסיש!

דריי צייכענונגען האָט ער פֿון איר געמאַכט; זי האָט געבעטן, ער זאָל זיי איר שענקען. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי קאָן אַרונטערפֿאַלן אונטער דער מאַכט פֿון דעם, וואָס וועט באַזיצן איר בילד.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך געפֿילט זייער אײנטים מיט איר, האָט ער איר פֿאַרטרויט זיינע געדאַנקען:

— מיר שטרעבן צום הייליקן לאַנד, — האָט ער געזאָגט, — מיר בעטן אויף ביאת המשיח, אָבער, — און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אַזוי שטיל, אַז זי האָט אים קוים פֿאַרשטאַנען, — אָבער אונדזערע אמתן ווילן מיר גאָרנישט, אַז ער זאָל קומען. ער וועט זיין אַן אַבן־נגף אין אונדזער דירעקטער פֿאַרבינדונג מיט גאָט, ער וואָלט ביי אונדז אַוועקגענומען אַ טייל פֿון גאָט. אַנדערע האָבן מלוכות, הייס און גאָט, און דאָס איינאיינעם פֿאַרערן זיי, דאָס אַלץ ווערט אויסגעמישט אין זייער באַוווסטזיין. גאָט איז בלויז אַ טייל דערפֿון, וואָס זיי פֿאַרערן. מיר יידן, האָבן בלויז גאָט, און דעריבער באַזיצן מיר אים אין זיין גאַנצער ריינקייט. מיר זענען נישט אָרעם אין גייסט, מיר דאַרפֿן נישט קיין פֿאַרמיטלער צווישן אונדז און גאָט, קיין קריסטוס, קיין מאַכטמער, מיר האָבן גענוג דרייסטקייט אָן פֿאַרמיטלער משיג צו זיין גאָט און אים פֿאַרערן. אויף ציון צו האָפֿן איז בעסער ווי ציון צו האָבן, דאָס מאַכט דאָס לעבן רייכער. די האָפֿענונג, אַז משיח וועט אַמאָל קומען, — דאָס באַוועגט אונדז די ערד פֿאַר אים גרייט צו מאַכן, דאָס איז אָבער אַ טרוים און נישט קיין ווירקלעכקייט. און דאָס איז גוט. צו וואָס זאָלן מיר פֿילן און פֿאַרשימלט ווערן באַזיצנדיק די האָזיקע געטלעקייט. מיר ווילן שטרעבן, מיר ווילן קעמפֿן פֿאַר איר.

— — נישט געקוקט דערויף, וואָס רחל האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַר בנימינס וויסן און גייסט, זענען איר דאָך נישט געפֿעלן געוואָרן זיינע רייד וועגן משיחן. די אַפּיקורסות מוז אויך האָבן אַ גרענעץ. זי האָט נישט געוואָלט הערלאָזן דעם געדאַנק, אַז עס איז בכלל נישטאָ קיין משיח און אַז ער וועט קיינמאָל נישט קומען.

דאָס האָט זי בעסער געוווסט.

עס זענען געמאַכט געוואָרן אַ סך פֿאָרויסזאָגונגען וועגן דער צייט פֿון ביאת המשיח. טויזנט יאָר, האָט עס געהייסן, וועלן ישראלס צרות דויערן. גירוש און גלות. די טויזנט יאָר זענען שוין לאַנג אַריבער. אויפֿדאָסניי ציען די שונאים אויף ירושלים, און עס איז שוין אָנגעקומען די

צייט, אויף וועלכער ישעיהו דער נביא האָט אָנגעוויזן, אַז די יונגפרוי וועט געבוירן אַ זון, עמנואל, משיח וועט זיין זיין נאָמען. אויך אין די לעצטע יאָרן זענען דאָ יידישע פרויען, וועלכע ווערן באַהאַנדלט בעת זייער שוואַנגערשאַפט מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. און ווי געלערנטע זאָגן, קאָן גאַנץ מעגליך זיין, אַז יעדע איינע קאָן אויסגעוויילט ווערן צו געבוירן עמנואלן.

אַדאַנק איר אויסערגעוויינלעכן גורל, האָט זיך רחל איינגערעדט, אַז זי טראָגט משיחן אין איר איינגעווייד. פון דוד המלכם הויז דאַרף ער קומען, און צי איז זי דען נישט אַן אייניקל פון עזרא, אַ פרינצעסין פון דודס אָפּשטאַם? און דאָס גרויסע געפערלעכע גליק, וואָס אַ קריסטלעכער קעניג האָט איר אויסדערוויילט, צי האָט עס נישט קיין אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג? זי האָט אַ טאָפּ געטאָן איר ליב, זי האָט אָנגעשטרענגט איר אויער, טיף אַ שמייכל געטאָן און וואָס ווייטער אַלץ מער האָט זי זיך באַפעסטיקט אין איר גלויבן, אַז זי טראָגט דעם פירשט פון שלום, אַז זי טראָגט משיחן. זי האָט אָבער פאַר קיינעם דערפון נישט גערעדט.

די אַם סאַאַד האָט זיך שטאַרק וועגן איר געזאָרגט, זי האָט איר אָנגעוויזן, וואָס זי מעג עסן און וואָס נישט, ווען זי דאַרף רוען און ווען זיך באַוועגן, רחל פלעגט מאַכן אַ פריינדלעכע מינע, זי האָט אָבער נישט געלייגט קיין אַכט אויף אירע רייד. זי האָט באַמערקט, אַז דער קנעכט-שער בעלאַרדאָ וואַרפט אויף איר פון צייט צו צייט בייזע בליקן. זי האָט אָבער נישט מורא געהאַט פאַר זיינע בייזע בליקן. זי האָט זיך געפילט זיכער אין דער רואיקייט פון איר גליק. זי האָט זיך דערמאָנט וועגן איר חברטע לאַילא פון סעוויליע, וועלכע האָט צו איר געזאָגט: „אָרעמע ראַקעל“, און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

זי האָט געלייענט דעם תהילים. דאָרט האָט זי אויסגעזוכט אַ מזמור, וועלכער איז איר געווען מער צום האַרצן, ווי אַלע אַנדערע. זי האָט נישט פאַרשטאַנען אַ סך פאַרצייטערטע ווערטער, האָט אָבער אויפגעפאַסט דעם זין:

„און דער מלך וועט גלוסטן דיין שיינקייט, וואָרום ער איז דיין האר, דרום בוק זיך צו אים. און טעכטער פון צור, די רייכסטע פון פאָלק, וועלן בעטן דיין ליטזעליקייט מיט געשאַנק. לויטער פראַכט איז די בת-מלכה אינעווייניק, פון געקעסטלטן גאָלדוועב איר מלבוש — אויף געשטיקטע געוואַנטן ווערט זי צום מלך געפירט... אַנשטאָט דיינע פאָטערס וועלן זיין דיינע זין. וועסט זיי

אויפזועצן פאַר האַרן אין גאַנצן לאַנד. איך וועל מאַכן דערמאָנען דיין נאָמען אויף דור דורות. דרום וועלן פעלקער דיך לויבן אויף אייביק און שטענדיק“.

און רחל איז געזעסן שטאָלץ ווי איר פאָטער.

אָפטמאָל, ווען אַלפאָנסאָ האָט געקוקט אויף רחלען, פלעגט אים באַהערשן אַ קרענקלעכע צאַרטקייט. איר פּנים איז געוואָרן מאָגערער און אין די אויגן פון קעניג מער קינדעריש, אָבער מער אויפגעקלערט; אויסערגעוויינלעך ווייך זענען געווען אירע באַוועגונגען און די ברייטע קליידער האָבן פאַרבאָרגן די רונדקייט פון איר לייב. אינערלעך איז זי געווען פריי פון יעדער אנגסט. אָבער צייטנווייז דאַכט זיך אים, אַז עס שטראַלט פון איר אַרויס אַ ווילד גליק.

עס האָט אים זייער לייד געטאָן, וואָס זיינע געשעפטן פלעגן אים אָפרייסן פון איר. איינמאָל האָט ער צו איר געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ער לאָזט זי אַזוי אָפט איינע אַליין איז נישט דערפאַר, וואָס ער האָט זי ווייניקער ליב. אין קעגנטייל, האָט ער זי פאַרזיכערט.

אויפן וועג אין זיין קעניגלעכן שלאָס האָט ער געטראַכט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן מיט דעם האָזיקן „אין קעגנטייל“. עס איז אים געוואָרן קלאָר, אַז וואָס לענגער ער וועט זיך אָפגעבן זיין זינדיקער תּאווה, אַלץ מער און מער מאַכט ער אינדערשטיל אַ תּל פון זיין הייליק ווערק, אַ זבער וועלכן ער האָט אַזויפיל געליאַרעמט פאַר דער וועלט. דאָס וואָס ער מיינט ייִד טוען איצט, האָט ער אַליין באַטראַכט אַלס אַ פאַרשווערונג. דער פויפסט איז געווען גערעכט. ער האָט געשלאָסן אַן אָפמאַך מיטן טייוול, כדי נישט דערלאָזן צום הייליקן קריג. ער האָט געשפּירט, אַז זיין נשמה האָט אים פאַראַטן.

ער ווייס אָבער פון אַ רפואה. ער וועט רחלען באַקערן צום אמתן גלויבן און אויב עס וועט אויסקומען, וועט ער עס טאָן מיט געוואַלד. איצט, באַלד, נאָך פאַר איר קימפּעט. זי זאָל זיין אַ קריסטן האַן, ווען זי וועט אים זיין זון געבוירן. אַזוי וויל ער.

ווען ער איז אָבער געקומען צוריק אין דער גאַליאַנאַ און דערזען די צאַרטקייט פון דער שוואַנגערער רחל און פאַרשטאַנען, אַז בלויז די זיכערקייט פון איר גליק גיט איר צו כוחות, האָט ער נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צו פאַרפירן מיט איר אַזאַ געפערלעכן געשפּרעך.

נישט האָבנדיק אַרויסגעזאָגט איר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, איז ער ווידער פאַרזונקען אין זיין טאָג־טעגלעכן גליק.

פּונקט ווי פריער, האָבן זיי אויך איצט גאַנצע טעג גאָרנישט געטאָן און בלויז זיך באַשעפטיקט מיט זיך. ווידער האָט אים רחל דערציילט פאַרשידענע מעשיות און ער האָט געשמייכלט, ווי לייכט די ווערטער זענען ביי איר געפלאָסן, ווי זיסע מעשהלעך האָבן זיך צווישנגעפלאָכטן, ווי זי אַליין האָט צוגעטראַכט משלים, אין וועלכע זי האָט געגלייבט און אים געצוווּנגען צו גלייבן.

יאָ, רחל האָט געקאָנט אויסגעפינען געהעריקע ווערטער פאַר אַלץ, וואָס עס האָט זי אינערלעך באַוועגט.

דאָך אָבער נישט פאַר אַלץ. זי האָט נישט געקאָנט אַלפאָנסאָן אַרויסזאָגן, ווי שטאַרק זי האָט אים ליב. קיינער האָט אַזוינס נישט געקאָנט אַחוץ די אַלטע לידער פון תנ״ך. און זי האָט גערעדט וועגן די קלינגענדיקע, טריומפירנדיקע, התלהבותדיקע פערזן פון שיר־השירים. זי האָט געפרוּווט זיי איבערזעצן פאַר אים אויף אַראַביש, אויף זיין וווּלגאַרן לאַטיין און אין דער געהיימער שפּראַך, וואָס נאָר זיי ביידע האָבן פאַרשטאַנען. בלויז אויף אַזאַ אופן האָט זי אים געקאָנט אַרויסזאָגן, ווי שטאַרק זי ליבט אים. זי האָט אים אויך ציטירט יענע פאַרגעסלטע פערזן פון תהילים, וווּ עס האָט זיך גערעדט וועגן דער שיינקייט פון דער בת־מלכה און וועגן דעם קעניגס רום, וואָס וועט דערמאָנט ווערן אויף דור דורות. אים, אַלפאָנסאָן, האָט אָבער געחידושט דאָס, וואָס די אַלטע העברעישע מלכים זענען געווען שטאָלצער פון די קריסטלעכע ריטער.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און זי געבעטן, זי זאָל ענדלעך צעברעכן די וואַנט, וואָס טיילט זי אָפּ פון אים און זי זאָל אָננעמען דעם אמתן גלויבן, כדי זי זאָל אַלס קריסטין אים געבוירן אַ קריסטלעכן זון. רחל האָט אויף אים געקוקט מער מיט שטוינונג ווי מיט אויפרעגונג. שטיל אָבער אַנטשיידן האָט זי צו אים געזאָגט:

— איך וועל דאָס נישט טאָן, אַלפאָנסאָ, און רעד מיר מער נישט דערפון.

אין אַ טאָג אַרום האָט זי באַוויזן אַלפאָנסאָן די דריי צייכענונגען, וואָס בנימין האָט פון איר געמאַכט. ער האָט באַטראַכט די בילדער לאַנג

און אויפֿמערקזאַם. רחל האָט אים דערציילט, אַז זי האָט געדאַרפֿט האָבן מוט, כּדי זיך לאָזן צייכענען. מאַכן בילדער איז פֿאַרווערט דורך משה רבינוס געבאָט און דורכן געבאָט פֿון מאַכאָמעדן. אַלפֿאָנסאָ איז נישט געפֿעלן געוואָרן, וואָס זי האָט מגע־משא מיט בנימינען. עס איז אים אויפֿגעקומען אַ פֿאַרדאַכט, אַז דער דאָזיקער בנימין שטאַרקט זי אין איר עקשנות.

— אויב צייכענען איז פֿאַרווערט, — האָט ער גראָב געזאָגט, — טאָ זאָל ער זיך דערמיט נישט פֿאַרנעמען. איך וועל נישט פֿאַרטראָגן קיין אַפּיקורסים. מײַנע אונטערטאַנען דאַרפֿן היטן די געזעצן פֿון זייער רעליגיע.

רחל האָט געשוויגן. צי פֿאַרלאַנגט ער דען נישט פֿון איר די ערגסטע אַפּיקורסות, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון איר גלויבן?

אַלפֿאָנסאָ האָט באַמערקט איר שטוינונג.

— עס מוזן זײַן מענטשן, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — וואָס מאַכן די געזעצן. דאָס זענען קעניגן און גייסטלעכע. די נידעריקערע שיכטן דאַרפֿן זיך אין זיי נישט חקרענען, זיי דאַרפֿן זיי אויספֿילן.

ווען זי האָט אָבער געוואָלט די צייכענונגען צוריקנעמען, האָט ער געבעטן, זי זאָל זיי בײַ אים פֿאָרלויפֿיק איבערלאָזן. און ווען ער איז געבליבן איינער אַליין, האָט ער אויפֿהאָסגיי באַטראַכט די בילדער לאַנג און אויפֿמערקזאַם. אויפֿן ערשטן בליק איז עס געווען זײַן רחל, אָבער דאָך איז זי געווען אַן אַנדערע. ער האָט אין איר אַנטדעקט שטריכן, וועלכע ער האָט ביז איצט נישט באַמערקט. און ער האָט דאָך זי געקענט בעסער, ווי עמעץ אַנדערש. קיין שום גרענעצן האָט נישט געהאַט איר שיינקייט און פֿאַרשידנאַרטיק איז געווען איר גאַנץ וועזן, ווי די וואָלקנס אויפֿן הימל, ווי די כוואַליעס פֿון טאַכאָ.

מוסולמענישע מוזיקאַנטן זענען אָנגעקומען קיין טאָלעדאָ. מען האָט געטראַכט זיי נישט צו לאָזן שפּילן. אין דער צײַט ווען עס גייט אָן דער קרייץ־צוג. אַלפֿאָנסאָ האָט אָבער לײַכטזיניק דערקלערט, אַז דאָס שפּילן זיי צום לעצטן מאָל פֿאַרן גרויסן קריג און דעריבער זאָל מען הנאה האָבן פֿון דער קונסט פֿון די מוסולמענישע זינגער. זיי זענען געבליבן, און מענטשן מיט בילדונג און פֿײַנערע זיטן האָבן זיי פֿאַרבעטן צו זינגען און שפּילן אין זייערע הײַזער.

אַלפֿאָנסאָ האָט זיי פֿאַרבעטן אין גאַליאַנאַ־שלאָס. עס זענען געווען

צוויי מענער און צוויי יונגע מיידלעך. די מענער, ווי דאָס רוב מוזיקאַנטן, זענען געווען בלינד, ווייל די פּרייען, וועלכע האָבן זיך געלאַנגווייליקט אין האַרעם און האָבן געוואָלט הערן מוזיק, האָבן זיך נישט געטאָרט באַווייזן פאַר זעעוודיקע מענער. די שפּילער האָבן געהאַט גיטאַרעס, פלייטן, לויטן און אַ מין קלאַוויר, וואָס האָט געהייסן קאַנון. זיי האָבן געזונגען און געשפּילט לאַנגזאַם, צוערשט אייגנטאָניקע און דערנאָך רייצנדיקע מעלאָדיעס. זיי האָבן געזונגען העלדן־לידער, דערמאָנט דאָס אוראַלטע ליד פון סיד קאַמפּעאַדאָר, וואָס דער ייה איבן אלפאַנגבע, וועלכער האָט געוווינט אין מוסולמענישן אַנדאַלוז, האָט עס פאַרפאַסט לכבוד דעם פיינטלעכן ריטער. דערנאָך האָבן זיי געזונגען נייע מעלאָדיעס, וועלכע זענען געווען אין דער מאָדע אין גראַנאַדע, קאָרדאָווע און סעווילע. זיי האָבן באַזונגען די שיינקייט פון די ראָזיקע שטעט, זייערע גערטנער, פאָנטאַנען, מיידלעך און ריטער. די אַם סאַאַד האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן אירע טרערן. אויך רחל האָט דערשפּירט אַ בענקשאַפט נאָך סעווילע. ס'איז אָבער געווען אַ מילדע בענקשאַפט, וואָס האָט נישט געשטערט איר גליק אין דער לאַ־גאַליאַנאַ, נאָר אדרבא, זי גאָר מער פאַרטיפט.

דערנאָך האָבן די בלינדע געזונגען ראָמאַנסן, באַלאַדן, וואָס האָבן איבערגעגעבן געשעענישן פון נעכטן און פון היינט. אָבער דאָס וואָס זיי האָבן געזונגען האָבן זיי באַפאַרבט מיט געוויסע צייט־קאָנטורן, אַזוי אַז עס האָט געקאָנט אויסזען ווי געשעענישן פון מיט פינף יאָרהונדערטער צוריק, פּונקט אַזוי גוט ווי איצטיקע. זיי האָבן אויך געזונגען וועגן אַן אומגלויביקן קעניג, אַ קריסט, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַן אומגלויביקער יידישקע און האָט אָפּגעלעבט מיט איר אין זיין שלאָס טעג, חדשים, יאָרן, ער אין זיין אומגלויבן און זי אין איר אומגלויבן. צי וועט דער אללאה דערלאָזן דאָס זאָל זיך גליקלעך ענדיקן? די בלינדע האָבן געזונגען מיט געפיל, און איין מיידל האָט אַקאָמפּאַנירט אויף דער לויטע און די צווייטע האָט געצימבלט אויפן קאַנון. רחל האָט זיך צוגעהערט און געשמייכלט. זי איז געווען איבערצייגט, אַז אללאה וועט דערפירן צו אַ גוטן סוף. אַלפאָנסאָ האָט זיך געפילט אין פאַרלעגנהייט, אָבער האָט אויך צוזאַמען מיט איר געשמייכלט.

די יידישע פּליטים פון פראַנקרייך, כמעט אַלע זעקס טויזנט, האָבן זיך מיט ליבע און זעל איינגעשלאָסן אין לעבן פון לאַנד. די העצעס פון

די פּרעלאַטן און באַראָנען האָבן געפֿונען אַ שוואַכן אָפּקלאַנג צווישן דעם פֿרייליכן טומל פֿון דעם אַלגעמיינעם וווילשטאַנד.

יהודהס „גליקס־אורנע“, די לאָטעריע, וואָס די מגילת־אסתּר האָט אים אינספּירירט, האָט אַדאַנק דעם אַלגעמיינעם וווילשטאַנד געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג. מען האָט געקויפֿט אַ צעטל פֿאַר שמאָלע סומעס און געקאָנט האָט מען געווינען צען גאָלד־מאַראַוועדי. אַלע האָבן געשפּילט: גראַנדן, בירגער און לייבאייגענע פּויערים. זיי האָבן זיך געפֿרייט מיטן געווינס און עס אויסגעטיישט, ווי אַ פּערזענלעך פֿאַרדינסט. און אויב זיי האָבן פֿאַרשפּילט, האָבן זיי וואָכן־לאַנג געוואַרט אין טיפֿער שפּאַנונג אויף דער נאָענטסטער לאָטעריע.

יהודהס געשעפֿטן מיט אויסלאַנד האָבן זיך צעבליט, אַזוי אַז בעסער האָט ער זיך אַפֿילו נישט געקאָנט ווינטשן. זיין נאָמען האָט געקלונגען אין לאָנדאָן און אין באַגדאַד.

פֿאַר דער וועלט און אַפֿילו פֿאַר זיך אַליין איז יהודה אויסגעוואַקסן צו אַ עוקר הרים, אַלס מאַן וואָס רירט בערג פֿון אָרט. און נישט איינמאָל ביינאַכט אויף זיין געלעגער פֿלעגט ער זיך שטעלן די פּיינלעכע פֿראַגע: וועט מיין גליק נאָך לאַנג דויערן? ער האָט נאָך נישט פֿאַרגעסן וועגן דער מוראַדיקער פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט, בעת ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער אינפֿאַנט איז געשטאָרבן. ער איז דעמאָלט געווען איבערצייגט, אַז אַלפֿאָנסאָ וועט גלייך אַרויסטרעטן אין קאַמף און עס וועט זיין אַ סוף צו זיין און צו זיין טאָכטערס גליק. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רחלס שוואַנגערשאַפֿט האָט דעם קעניג נאָך ענגער מיט איר פֿאַרבונדן. און ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט געצווייפֿלט אין זיין גליק. דאָך האָט ער זיך פֿולשטענדיק נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿון די דערינערונגען וועגן איבערגעלעבטע פֿאַרצווייפֿלטע שעהן און דער עיקר ביינאַכט פֿלעגט זיין שטאַרקע פֿאַנטאַזיע אַרויסברענגען שרעקלעכע בילדער. עס האָט דאָך פֿאָרט געקאָנט פּאַסירן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע זיינע אָנשטרענגונגען, וועט פֿריער אָדער שפּעטער אויסברעכן דער קריג. עס וועט זיין אַ לאַנגע שווערע מלחמה מיט דערפֿאָלגן און דורכפֿאַלן. און ביי דער ערשטער מפּלה וועט מען די גאַנצע שולד אַרויפֿלייגן אויף אים, יהודהן, און אויף דער אַלכאַמאַ פֿון טאָלעדאָ. גרויסע צרות וועלן דעמאָלט אויסשטיין די ייִדן פֿון קאַסטיליע, און דער גאַנצער כעס פֿון די זין פֿון אדום וועט פֿאַלן אויף אים און אויף זיין טאָכטער.

אויך די נאָענטסטע צוקונפט איז אומזיכער. וואָס וועט זיין, ווען
רחל וועט געבוירן אַ קינד? צייטנווייז האָט יהודה געהאַט דרייסטע משוגה=
דיקע חלומען וועגן דער צערעמאָניע אַרום זיין צוקונפטיק אייניקל. די
קעפס=פרוי, די Uxor inferiori conditionis געניטט פון
אַ סך רעכט אַפילו אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. און דאָס קינד,
וואָס זי געבוירט איז כמעט אַזוי באַרעכטיקט, ווי די געזעצלעכע קינדער.
שפּאַנישע קעניגן האָבן אַ סך אומגעזעצלעכע קינדער געמאַכט פאַר גראַנדן.
דער טרוים, אַז זיין אייניקל קאָן נאָך אַמאָל ווערן דער פּרינץ פון קאַס=
טיליע, האָט יהודהן שטאַרק געלאָקט.

אָבער דער שכל=הישר האָט צעטריבן זיין טרוים און האָט אים אָנ=
געוויזן אויף דער סכנה, וואָס קאָן אַנטשטיין פאַר אים און פאַר רחלען, ווען
זי וועט געבוירן אַ קינד. דאָן אַלפאָנסאָ וועט, פאַרשטייט זיך, וועלן זיין
קינד טויפן. עס וואָלט פּשוט געווען אַ משוגעת צו פאַרלאַנגען, אַז דער
קעניג פון קאַסטיליע זאָל דערלאָזן, אַז זיין קינד זאָל בלייבן „אומגלוי=
ביק". און האָך מוז יהודה פון אים די דאָזיקע משוגעת פאַרלאַנגען.
גאָט מאַכט פון אים חוזק. גאָט האָט אים נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס
ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ משומד. גאָט האָט אים געפּרוּווט, אָבער
ער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו און ער האָט פאַרלוירן זיין זון
אַלאַזאַר. איצט שטעלט ער אים אַ צווייטן מאָל פאַר אַ נסיון.
נישט בלויז דער קורצזיכטיקער, שטרענגער רבי טוביה, נאָר אויך
דער פרייסטער פון די יידישע דענקער, וואָס לעבט נאָך ביים היינטיקן
טאָג, אונדזער מורינו ורבינו משה בן מימון לערנט אונדז, אַז אַפילו אין
דער גרעסטער נויט מוז זיך אַ ייד האַלטן פעסט ביי זיין גלויבן און טאָר
זיין קינד נישט אַוועקגעבן אויף הפקר צו די קריסטן. צום צענטן מאָל
האָט יהודה איבערגעלייענט די „שליחות וועגן שמד": ווער עס גייט אי=
בער, אונטער דראָונג פון טויט, צום נביא מאַכמעד, איז נאָך נישט
פאַרלוירן — אַזוי לערנט בן מימון. פאַרלוירן איז דער, — וואָס לאָזט
זיך טויפן, און האָס אַריבערגיין צו דער דרייאייניקייט איז אַלץ איינס ווי
ער וואָלט געוואָרן אַ געצנדינער. יזאָלסט נישט עובר זיין דעם צווייטן
געבאָט. און משה בן מימון ברענגט די פאָלגנדיקע פסוקים: „ווער עס
גיט איבער זיין קינד צו עבודה=זרה, דער איז חייב מיתה. און אויב די
קינדער פון לאַנד וועלן קוקן דורך די פינגער און אים נישט טייטן, וועל

איך אָבער מיין בליק פון אים נישט אָפּקערן און וועל אים מיט זיין גאַנץ געשלעכט אויסראָטן פון זיין פאָלק".

יהודה האָט זיך אָנגעשטויסן אויף מוסאן. מוסא האָט פאַרשטאַנען, אַז יהודה וועט בשום אופן נישט דערלאָזן, מען זאָל זיין אייניקל מלן.

— ווי קאָנסטו גאָר וועלן, — האָט מוסא געפרעגט, — דעם קעניג פון מאָלעדאָ און פון קאַסטיליע שטערן, אַז ער זאָל זיין קינד נישט מאַכן פאַר קיין קריסט?

יהודה האָט געטראַכט צו אַנטלויפן מיט רחלען, איידער זי וועט דאָס קינד געבוירן. מוסא האָט דערמיט נישט מסכים געווען. יהודה האָט זיך בשום ביי אים מיט רחמים געבעטן:

— דו מוזט מיך פאַרשטיין. דו אַליין, נישט געקוקט אויף דיין פריי־דענקערישקייט, טרעטסטו נישט אָפּ פון דיין איסלאַם. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז צוליב מיין שוואַכקייט האָב איך מיין זון אַלאַזאַרן נישט איינגע־האַלטן, און איך אַליין בין שולדיק אין זיין אומטערגאַנג. איך קאָן איצט נישט דערלאָזן, אַז דער קעניג זאָל מיין אייניקל מבול זיין מיטן וואַסער פון זיינע געמער.

מוסא האָט אים מיט אַ לייכטן שמייכל אָפּגעענטפערט:

— דו זאָגסט אייניקל, און דערמיט מיינסטו, אַז עס וועט געוויס געבוירן ווערן אַ יינגל. מאָמער אָבער וועט דאָס קינד זיין אַ מיידל? און אויב דו וועסט זען, אַז ער דערציט אין קריסטלעכן גלויבן אַ טאָכטער און נישט קיין זון, וועסטו עס אויך באַטראַכטן אַלס אַ חטא, וואָס ליגט זיך אויף דיין נשמה?

יהודה האָט זיך פאַנאַנדערגעשריגן:

— איך וועל דערצו נישט דערלאָזן. אונטער קיין שום באַדינג וועל איך דערצו נישט דערלאָזן.

און זיך אָבער האָט ער געטראַכט, אַז די זינד איז אַ סך אַ קלענערע, אויב ער וועט זיך נישט מקריב זיין צוליב אַ מיידל.

פאַרלויפיק, כדי זיינע דאגות צו פאַרטרייבן, האָט ער פאַרגעזעצט זיין דרייסטע שפּיל מיטן קעניג. מיט אַ בייזער צופרידנקייט האָט ער אויסגעפירט זיין מאַכט איבער קעניג.

די שול, וואָס די אַלאַכאַמאַ האָט געבויט איז פאַרענדיקט געוואָרן. דעם חנוכת־הבית האָט יהודה געוואָלט פייערן מיט גרויסע צערעמאָניעס.

אפרים האָט זיך קעגנגעשטעלט. ער האָט געהאַלטן, אַז אין אַזאַ צייט וועט אַזאַ פייערונג בלויז אויפרייצן די געמיטער. יהודה האָט נישט נאָכגעגעבן.

— האָב נישט קיין מורא, מיין הער און לערער אפרים, — האָט ער געזאָגט און אים פאַרזיכערט: — איך וועל מאַכן, אַז אונדזערע שונאים, די פאַרברעכער וועלן האַלטן זייערע מיילער.

שוין אויף מאָרגן איז ער אַוועק פאַרווירקלעכן זיין צוזאָג. ער האָט געבעטן דעם קעניג ער זאָל באַערן די נייע שול מיט זיין באַזוך. אַלפאָנסאָ האָט געשמייכלט פון דער דאָזיקער חוצפה. גאַנץ שפּאַניע האָט אים פאַרורטיילט פאַרן אָפּשלעפּן דעם הייליקן קריג, און איצט, אַז ער וועט קומען מיט אַ באַזוך אין אַ יידישער שול, וועלן עס די פרעלאַטן אויסטייטשן אַלס אַ פּראָוואָקאַציע. ער האָט געטראַכט, צי זאָל ער דעם עסקריוואַנאָס ביטע אָפּזאָגן מיט צאָרן, אָדער מיט שמאָלצן שפּאַס. יהודה איז געשטאַנען אין אַן הכנעהדיקער פּאָזע און פאַרטרויליך אים אַ זאָג געטאָן:

— דיינע אורעלטערן האָבן נישט איינמאָל באַערט יידישע שולן מיט זייער באַזוך.

— אָבער נישט אין אַ צייט, ווען עס גייט אָן דער הייליקער קריג, — האָט אַלפאָנסאָ געענטפערט, און היות יהודה האָט געשוויגן, האָט ער צוגעגעבן: — דאָס וועט באַשטימט פאַרשאַפן בייז בלוט.

— אַ געוויסער טייל פון דיינע אונטערטאַנען, — האָט געזאָגט יהודה, — זענען אַזוי געשטימט, אַז וואָס דו וועסט נישט טאָן, וועט זיי נישט געפעלן ווערן.

און דער קעניג איז געקומען.

דער מייסטער מאיר אבדעלי, אַ תלמיד פון די גרעסטע מוסולמענישע און גריכישע אַרכיטעקטן האָט די שול געבויט מיט איידעלן געשמאַק. אַרקאַדעס און באַלקאָנען זענען מיט גרויס חכמה איינגעגלידערט געוואָרן אין שול־רוים. די ביזאַנטישע און אַראַבישע קונסט האָבן זיך אָרגאַניש צונויפגעגאָסן. אַלץ איז געווען געווענדעט צום ארון־קודש. דאָס גאַנצע הויז איז געבויט געוואָרן, כדי גוט איינצופאַסן און באַצירן דעם ארון־קודש מיט די ספרי־תורות. ער איז געווען אויסגעשמידט פון מאַט־גלאַנציקן זילבער. עפנט איר אויף דעם ארון, זעט איר גלייך אַ פרוכת, דאַן שיינט אַרויס די צירונג פון די הייליקע ספרי־תורות. נישט קיין סך זענען זיי דאָרטן געווען אין ארון, אָבער דאָרטן האָט זיך געפונען דער אוראַלטער כתב־יד פון די חומשים, די עלטסטע ספר־תורה אין דער וועלט, דער ספר

הילי. איינגעהילט אין אַ געשטיקטן מענטעלע פון די זעלטנסטע שטאָפן איז געשטאַנען דער אַלטער פּאַרמעט־ספר באַצירט מיט אַ גאָלדענער פּלאַטע, באַזעצט מיט טייערע שטיינער. די עץ־החיים צו וועלכע דאָס פּאַרמעט איז צוגעפעסטיקט געווען האָבן געטראָגן אַ גאָלדענע עטרה.

די ווענט פון דער שול זענען געווען באַדעקט מיט פרעסקן, אויסשריפטן זענען אויך זיי געווען דורכגעמישט מיט אַראַבעסקן און אָרנאַמענטן, אין ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל דורכגעוואָרפן אַ סאָסנע־שישקע, דער סימבאָל פון אייביקער פרוכטבאַרקייט, פון אומשטערבלעכקייט און אויך דער הערב מיט דריי טורעמס, — איז דאָס געווען דער הערב פון קאַסטיליע, אָדער די חתימה פון יהודה איבן עזראַ? אַ שלל מיט העברעאישע שפּרוכווערטער האָבן באַדעקט די ווענט. עס זענען געווען שפּרוכן, וואָס האָבן געריטמט גאָט, דאָס פאָלק ישראל, קאַסטיליע, דעם קעניג און יהודהן אבן עזראַ. יונגע געלערנטע און דיכטער האָבן זיי אויסגעזוכט און קלוג זיי צונויפגעבונדן. ריטמירטע פּראָזע און פּסוקים פון דער תורה זענען אַזוי צונויפגעמישט און פּאַראַפראַזירט, אַז מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי דאָס ריטמט מען דעם קעניג אָדער זיין מיניסטער. דאָרט איז געווען פרעה, דער קיסר פון מצרים, וואָס האָט דערהויבן יוספן און האָט געמאָלדן, ווי ס'שטייט געשריבן אין דער תורה: „אָן דיין ווילן זאָל קיינער זיין האַנט און זיין פוס נישט צורירן אין מיין גאַנצן לאַנד, און דו זאָלסט זיין מיין בעל־יועץ“.

און אָט אין דעם דאָזיקן היכל, וואָס יהודה האָט אויסגעבויט, כדי אָפּצוגעבן כבוד גאָט און זיך אַליין, איז געקומען מיט אַ באַזוך דאָן אַלפאָנסאָ, דער קעניג פון טאָלעדאָ און פון קאַסטיליע.

מיט גרויס יראת הכבוד האָט אים ביים טויער באַגעגנט אפרים און די אָנגעזעענסטע לייט פון דער אַלכאַמאַ. מען האָט אים אַריינגעפירט אינעווייניק. אויסגעצויגן זענען געשטאַנען די ייִדן מיט באַדעקטע קעפּ, און האָבן געזאָגט די ברכה, וואָס מען דאַרף מאַכן, בעת מען דערזעט אַ פירשט פון דער וועלט: „געבענטשט ביסטו אדוני אונדזער גאָט, וואָס האָט אויסגעטיילט פון זיין כבוד צו אַ בשר־ודם“.

יהודה איז געווען שטאַרק גערירט און שטאָלץ ביי זיך פון די דאָזיקע ווערטער. אויך אַלפאָנסאָ האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמ־

קיים. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם זין, אָבער אין די קלאַנגען האָט ער געשפּירט אַ האַרציקייט, וואָרעם נישט איינמאָל האָבן ענלעכע טענער געקלונגען איבערן מויל פֿון זיין ליבסטער פֿון די ליבע..

לויט דער מוסולמענישער לערע נעמט דער עמבריאָ אָן אין דער מוטערס טראַכט די פֿאָרמען פֿון אַ וועזן אויפֿן הונדערט און דרייסיקסטן טאָג נאָך זיין אַנטשטיין. נאָך דעם האָזיקן טערמין האָט רחל געפֿרעגט מוסאַן צי איז אמת, אַז אין איר לייב עקזיסטירט שוין אַ לעבעדיק וועזן. מוסאַ האָט געענטפֿערט:

— ס'איז אַזוי, אָדער אומגעפֿער אַזוי, ווי מיין גרויסער לערער היפּאָקראַט פֿלעגט ענטפֿערן אויף אַזעלכע פֿראַגן.

אַז עס האָט זיך דערנעענטערט די צייט פֿון קימפּעט, זענען כסדר פֿאָרגעקומען באַראַטונגען און פֿאָרבערייטונגען. די אַם סאַאַד האָט געוואָלט, אַז דעם גאַנצן לעצטן חודש זאָל מען אין רחלס צימער רויכערן פֿאַרשידענע קטורת, כדי אָפּצוהיטן זי פֿון בייזע רוחות, און זי איז געווען שטאַרק אומצופֿרידן, ווען מוסאַ האָט עס פֿאַרווערט. יהודה האָט אין רחלס צימער אַריינגעשיקט אַ ספֿר־תּורה און אויף די ווענט געהייסן אויסהענגען „שיר־המעלותן“, קימפּעט־כּולות, כדי די כּישוף־מאַכערין לילית און איר סוויטע זאָלן נישט האָבן קיין שליטה אויף רחלס צימער. אַלפֿאָנסאָ האָט דערויף געקוקט מיט אַ ווידערווילן, אָבער אויך ער פֿון זיין זייט, האָט לויט בעלאַרדאָס ראָט, אַריינגעשלעפּט אין דער גאַליאַנאַ פֿאַרשידענע הייליקע פּסלים און קמיעות. ער האָט אויך געבעטן דעם גלח פֿונעם קעניגליכן שלאָס, ער זאָל בעת זיין געבעט אָפּריכטן אַ תּפֿילה פֿאַר ראַקעלן. און יהודה האָט טאָג־טעגלעך אויפֿגערופֿן אַ מנין ייִדן, זיי זאָלן תּפֿילה טאָן פֿאַר אַ גליקלעכן אויסגאַנג פֿון זיין טאָכטערס קימפּעט.

זיין פּוס איז נאָך נישט אַריבערגעטראָטן די גאַליאַנאַ, זינט זיין טאָכטער איז דאָרט אַוועק. אַפֿילו אין דער האָזיקער שעה, ווען ער האָט געוואָלט זיין נאָענט צו רחלען, איז ער אויך אַהין נישט געקומען. ער האָט אָבער אַריינגעשיקט מוסאַן, און אַלפֿאָנסאָ איז געווען צופֿרידן, וואָס רחל געפֿינט זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דעם באַרימטן דאָקטער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן הויערנדיקע קראַמפּן און צוליב דעם זענען אויסגעבראָכן רייבונגען צווישן דער אַם סאַאַד און מוסאַן איבער די מיטלען, וואָס האָבן געדאַרפֿט באַנוצט ווערן. אָבער דאָס קינד איז צום גליק

געבוירן געוואָרן. די אַם האָט דאָס קינד גלייך אריינגעכאַפּט איר אירע הענט, אין רעכטן אויער עס אַריינגעזאָגט אַ תפילה און אין לינקן דעם אני־מאמין: „אללאה איז אללאה און מאַכמעד איז זיין נביא". זי איז איצט געווען זיכער, אַז דאָס קינד באַלאַנגט שוין צום איסלאַם.

אין די האָזיקע שעהן האָט יהודה געוואַרט אין זיין שלאָס און זיך געוואַקלט, צי דאַרף ער האָפן אָדער דאַרף מורא האָבן, צי וועט דאָס קינד זיין אַ יינגל אָדער אַ מיידל. עס זענען אין אים אויפגעקומען נייע ספקות. דער פאַלשער גלויבן, אין וועלכן ער איז געווען אַזוי פיל יאָרן פאַרגליווערט, — צי האָט ער אים נישט פאַרסמט זיין נשמה, צי וועט ער קאָנען מאָן, וואָס אַ ייד דאַרף מאָן, צי איז ער שוין טאַקע געוואָרן אַן אמתער ייד, אָדער אין האַרצן איז ער נאָך פאַרבליבן אַ משומד?

דעם קרעדאָ פון יידנטום האָט משה בן מימון איבערגעגעבן אין דרייצן פסוקים פון זיין אני־מאמין. יהודה האָט זיך פאַרטראַכט, צי ער גלויבט באמת אין דעם האָזיקן אני־מאמין, וו יעדער פסוק הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך גלויב באמונה שלימה". לאַנגזאַם האָט יהודה אי־בערגעחזרט איין פסוק נאָכן צווייטן: „אני מאמין באמונה שלימה, אז נאָר צום בורא אַליין דאַרף מען מתפלל זיין און מער צו קיין שום אַנדערן. איך גלויב באַמונה שלימה, אַז די נבואה פון משה רבינו עליו השלום איז געווען אַן אמתע, אַז ער איז געווען אַ פאָטער פון אַלע נביאים פאַר אים און פון די, וואָס וועלן קומען נאָך אים". יאָ, ער האָט הערפון געוווסט, ער האָט דערין געגלויבט, אַזוי איז עס און קיין שום קריסטלעכע, קיין שום מוסל־מענישע לערע קאָנען נישט אויסלעשן אונדזער תורה־משה. מיט התלה־בות האָט ער פאַרענדיקט די תפילה: „לישועתך קויתי אדוני, קויתי אדוני לישועתך, אדוני לישועתך קויתי". ער האָט געבעטן, האָט געגלויבט און איז גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין לעבן פאַר דעם האָזיקן גלויבן.

אָבער זיינע מסירת־נפשדיקע אָנשטרענגונגען האָבן נישט געקאָנט שטערן זיינע געדאַנקען אַרומצובלאָנקען אין לאַ־גאַליאַנאַ. ער האָט גע־וואַרט, געטראַכט, געציטערט און געהאָפט.

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ שליח, און איידער ער האָט נאָך באַקו־מען די ידיעה, האָט יהודה אויסגערופן:

— אַ יינגל איז געקומען אויף דער וועלט, אַ ברכה איז געקומען אויף דער וועלט.

אָן אַ שיעור און אָן אַ ערך איז געווען יהודהס פרייד. גאָט האָט אים אַרויסגעוויזן זיין חסד, גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ פאַרטרעטער אויפן

אָרט פון זיין זון אַלאַזאַר. אַ ייִנגל איז געבוירן געוואָרן, אַ נייער איבן עזרא, אַ נאָכפאָלגער פון דוד המלך, יהודה איבן עזראָס אייניקל.

אָבער באַלד איז זיין פרייד פאַרפינצטערט געוואָרן. אמת טאַקע, רחלס זון איז אַ נאָכפאָלגער פון דוד המלך, ער איז אָבער גלייכצייטיק דער נאָכפאָלגער פון בורגונדישן הערצאָג און פונעם גראַף פון קאַסטיליע. דאָן אַלפאָנסאָ האָט די זעלבע רעכט, ווי ער, און דאָן אַלפאָנסאָ קאָן אָנווענדן די מאַכט פונעם קריסטנטום און ער, יהודה, וועט בלייבן איינער אַליין.

— אָבער איך גלויב באמונה שלימה און וויל מיט מיין גאַנצן ווילן, אַז דאָס זאָל דעם אומגלויביקן קעניג נישט געלונגען. איך וועל עס דערגרייכן מיט דער הילף פון גאָט און מיט מיין שכל-הישר".

אין דער זעלבער צייט האָט אין דער לאַ-גאַליאַנאַ רחל באַטראַכט און געגלעט איר זון. זי האָט צו אים געשמייכלט, זיך געפרייט מיט אים און אים אָנגערופן עמנואל, מיטן נאָמען פון משיח.

אַלפאָנסאָ, ווי דאָס האָט געפאָדערט די קורטעזיע און אויך זיין האַרץ, האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַר רחלען אויף אַ קני און געקושט איר האַנט.

מיט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט זיך צו דעם צוגעקוקט רחלס אַם סאַאַד. רחל איז איצט אומריין. אַ קימפעטאָרין איז אומריין אַ לאַנגע צייט, און דאָ קומט דער האָזיקער טאָג, דער פאַרשטאָפּטער מוח, דער הערשער, דער אומגלויביקער, וועלכער רירט זיך-צו איר צו און שיקט אָן אַלע בייזע גייסטער אויף איר, אויף רחלען, אויף זיך אַליין און אויף דעם קינד. שנעל האָט זי דאָס קינד אַריינגעלייגט צוריק אין דער וויג, האָט אָפּגעשניטן עטלעכע האָר פון איר קאָפּ אַלס קרבן פאַר אים, האָט אַוועקגעשטעלט נעבן זיין וויג צוקער, כדי זיין לעבן זאָל זיין זיס און גוט, אַוועקגעשטעלט גאָלד, כדי עס זאָל זיין רייך, און ברויט — אַלס סגולה אויף אריכת-ימים.

אַלפאָנסאָ איז געווען גליקלעך. איידער ער איז נאָך אַרויסגעטראָטן אין מלחמה האָט אים שוין גאָט פאָרויס באַלוינט און אים געשענקט אַן אַנדער זון אָנשטאָט זיין פאַרשטאָרבענעם. ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס קינד זאָל אויפן דריטן טאָג געטויפט ווערן, און הייסן זאָל ער סאַנטשאָ. סאַנטשאָ, דער לאַנג-דערוואַרטער איז געווען דער נאָמען פון זיין טאַטן. ער האָט עס געוואָלט זאָגן רחלען. אַזוי ווי זי איז נאָך געווען זייער שוואַך, האָט ער עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, אויף איבערמאָרגן.

ער האָט געוואָלט מיט עמעצן זיך אַדורכשמועסן וועגן זיין פרייד. ער איז אַוועקגעריטן קיין טאָלעדאָ, פאַרבעטן צו זיך זיינע ראַטגעבער און זיינע בעסטע פריינד. ער האָט געשטראַלט פאַר שמחה און צו אַ סך מענטשן אַרויסגעוויזן זיין חסד.

היות אַ געוויסער טייל פון זיינע ראַטגעבער זענען אַוועק אין אורלויב, האָט ער האָן יהודהן אַרויסגערופן אין שלאָס און אים דאָרט פאַרהאַלטן. דרך־אגב האָט ער צו אים געזאָגט:

— איך וועל דעם יינגל אַ נאָמען געבן סאַנטשאָ, נאָך מיין טאַטן. די טייפונג וועט פאָרקומען דאָנערשטיק. איך ווייס, אַז מיין לאַ־גאַליאַנאַ געפעלט דיר נישט, אָבער אפשר וועסטו דיך גובר זיין און פאַרשאַפן מיר פרייד מיט דיין קומען צו מיר צו גאַסט אין יענעם טאָג.

ס'איז געווען אַן ערנסטע רגע פאַר יהודהן. ער האָט אָבער זיך געהאַלטן גאַנץ רואיק. ער וואָלט זייער געוואָלט זיך צוערשט זען מיט רחלען, איידער ער וועט זיך פאַנאַנדערווערטלען מיט אַלפאָנסאָן. זי האָט שטאַרק געליבט דעם דאָזיקן מאַן און עס וועט איר שווער זיין אַרויסצוזאָגן דעם שרעקלעכן ניין, און ווידער און כסדר ניין. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז זי איז שטאַרק אין איר גלויבן, זי איז זיין טאָכטער, זי וועט עס קאָנען.

ער האָט געזאָגט מיט יראת־הכבוד:

— איך מיין, הער קעניג, אַז עס וואָלט בעסער געווען די דאָזיקע פראַגע אָפּצולייגן. איך גלויב, אַז מיין טאָכטער רחל וועט זיך ווינטשן, אַז איר זון זאָל אויסוואַקסן לויט די געזעצן פון פאָלק ישראל און אַז ער זאָל דערצויגן ווערן לויט די מנהגים און זיטן פון די איבן עזראס.

דעם קעניג איז נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז רחל און דער אַלטער יהודה זאָלן האָבן אַזאַ כוונה. ער האָט אַפילו איצט נישט געוואָלט גלויבן, אַז דער ייד מיינט עס ערנסט. עס איז געווען אַ נאַרישער שפּאַס, נישט קיין פּאַסיקער שפּאַס. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיין ברוסט־פּלאַטע און פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— אַלזאָ, וואָס און ווי וועט עס זיין? איך שלאָג זיך מיט די מוסולמענער און מיין זון זאָל אַרומלויפן אַ באַשניטענער!

ער האָט געלאַכט. יהודה האָט שטיל זיך אָנגערופן:

— איך בעט דיך מיט יראת־הכבוד, הער קעניג, זאָלסט נישט לאַכן. צי האָסטו שוין מיט דאָניאַ ראַקעל גערעדט?

אַלפאָנסאָ האָט געצוקט מיט די אַקסלען אויף אַ פרעכן אופן. ער

שפּאַס איז געווען זייער אַן ערנסטער. אָבער אַלפּאָנסאָ האָט זיך אין יענעם טאָג נישט געוואָלט קאַליע מאַכן די שטימונג. ער האָט אָנגעהויבן צו לאַכן אויפן קול. יהודה האָט געזאָגט:

— מיט גרויס הכנעה בעט איך דיך צום צווייטן מאָל, דו זאָלסט נישט לאַכן. מיט דיין לאַכן קאָנסטו אונדז פון דיין לאַנד אַרויסלאַכן!

אַלפּאָנסאָ איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— דו ביסט משוגע! רופט ער קורץ אויס.

יהודה האָט אָבער מיט זיין מילדער דורכדרינגלעכער שטימע פאָר־געזעצט:

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין נישט געווען אין דער גאַליאַנאַ און איך האָב מיט רחלן נישט גערעדט און אויך אין די גאָענטסטע טעג וועל איך מיט איר נישט העדן. אָבער איך זאָג דיר: פּונקט ווי די זון וועט היינטיקן אָוונט אונטערגיין, פּונקט אַזוי זיכער וועט ראַקעל די גאַליאַנאַ און דאָס לאַנד פאַרלאָזן, איידער צו געבן איר הסכמה דעם קאָפּ פון איר זון אַרונטערצושטעלן אונטערן מיך־וואַסער פון דיין גלויבן, — און ווייטער שטיל אָבער העפלעך האָט ער פאַרענדיקט: — אַ סך פון אונדז האָבן זייערע קינדער אומגעבראַכט, איידער צו דערלאָזן, מען זאָל האָס וואַסער פון אומגלויבן גיסן אויף זייערע קעפּ.

אַלפּאָנסאָ האָט געוואָלט מיט שטאָלץ און פאַראַכטונג אים אָפּענט־פערן, אָבער יהודהס ווערטער האָבן נאָך געקלונגען אין צימער און יהודהס זילן, וואָס האָט זיך געשפּירט אַרום אים איז געווען נישט ווייניקער שטאַרק פון זיין אייגענעם ווילן. אַלפּאָנסאָ האָט זיך פאַרטראַכט. אפשר איז יהודה גערעכט. ער, אַלפּאָנסאָ, וועט ראַקעלן פאַרלירן, אויב ער וועט דעם זון טויפן. ער איז געשטאַנען פאַרן אויסוואַל: אָפּזאָגן זיך פון קינד, אָדער פון ראַקעלן?

פיל מיט הילפלאָזן צאָרן, האָט ער מיט אַ טאָן פון חוזק זיך אָנגע־רופן:

— און דיין אַלאַזאַר?

יהודה, אַ בלאַס געוואָרענער, געענטפערט:

— דאָס קינד וועט נישט גיין אויפן וועג פון דיין וואָפן־טרעגער אַלאַזאַר!

דער קעניג האָט געשוויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם שפּרוך: די שלאַנג אין בוזעם און דאָס פייער אין אַרבל. ער האָט מורא געהאַט,

ער זאָל דעם יידן אין דער נאָענטסטער רגע נישט אומברענגען. ער איז שנעל אַרויס פון זאַל.

יהודה האָט לאַנג געוואַרט. אַלפאָנסאָ איז נישט צוריקגעקומען. יהודה האָט פאַרלאָזט דעם שלאָס.

איצט האָט דער קעניג שוין מער נישט געהאַט קיין שום איבערלעבן תירוץ דעם קרייץ־צוג אָפּצולייגן, און ער האָט באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין בורגאָס, כדי אָפּצושליסן דעם בונד, אָבער פריער טויפן זיין זון. ער האָט זיך בלויז געוואַקלט, ווען דער קריג זאָל אויסברעכן, אין אַ וואָך אָדער אין צוויי, אָדער שפּעטסטנס אין דריי וואָכן אַרום.

דערווייל האָט ער באַקומען אַ ידיעה, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין וואַקלעניש: קעניג הענריק פון ענגלאַנד איז געשטאָרבן אין זיין פעסטן שלאָס שינאַן אין דעם עלטער פון זעקס און פופציק יאָר.

ער האָט געזען דאָניאַ ליאָנאָרס פאָטער, דעם מיטלוועקסיקן, פעסטגעבויטן פעטן מאַן מיטן אָקסן־נאַקן, מיט ברייטע פלייצעס, מיט קרומע רייטער־פיס. עס האָט געשפּרודלט פון אים כוח. ער איז געשטאַנען פאַר אים אויף דער נאַקעטער האַנט, דער פאַלק, האָט זיך מיט זיינע נעגל איינגעשניטן אין זיין הויט. אַלץ, וואָס דער דאָזיקער הענריק האָט באַגערט, האָט ער געפאַנגען מיט זיינע נאַקעטע, רויטע שרעקלעכע הענט: לענדער און פרויען. ער האָט צו אַלפאָנסאָן געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איך זאָג דיר פאַר גאָט, מיין זון, אַז פאַר אַ פירשט, וואָס האָט אַ קאָפּ און אַ פויסט, איז די וועלט צו קליין.

ער האָט געהאַט דעם קאָפּ און די פויסט דער דאָזיקער קעניג פון ענגלאַנד, הערצאָג פון נאָרמאַנדיע, הערצאָג פון אַקוויטאַניע, גראַף פון אַנזשו, האַר פון טור, האַר פון בערי, דער מעכטיקסטער פירשט אין מערב־אייראָפּע. אַלפאָנסאָ האָט אים שטאַרק באַוואונדערט, און אַראָפּגעמענדיק די הענטשקע האָט ער זיך איבערגעצלמט.

בעת ער האָט צוריק אָנגעטאָן די הענטשקע, האָט ער מיט זיין שנעלן פאַרשטאַנד זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דער באַדייטונג, וואָס דער טויט פון דעם מאַן האָט גורם געווען פאַר אים, אַלפאָנסאָן, און זיין לאַנד. דער פאַרשטאָרבענער האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט נישט צו דערלאָזן צו אַ בונד מיט אַראַגאָן און צו קיין מלחמה. הענריקס זון און יורש איז נישט געווען קיין מלוכה־מאַן. ער איז געווען ריטער און זעלנער, גרייט צו שלאָגן זיך מיט יעדן שונא. ער וועט נישט, ווי הענריק, הורך פאַרשידענע אויסריידן, אָפּשלעפּן דעם קרייץ־צוג. ער וועט גלייך אַרויסטרעטן מיט אַ

אַרמיי אין הייליקן לאַנד און וועט גלייכצייטיק ווירקן אויף די שפּאַנישע פירשטן, זיינע קרובים, זיי זאָלן ענדלעך באַקעמפן זייערע מוסולמענער. אַלזאָ, די מלחמה שטייט פאַר דער טיר.

אַלפאָנסאָ איז געווען צופרידן. ער ציט זיך אויס, שמייכלט און לאַכט.

— Ave bellum — זאָל לעבן די מלחמה! — האָט ער הויך און פריילעך אויסגערופן אין פוסטן זאַל.

ער האָט דיקטירט אַ בריוו צו דאָניאַ לעאָנאָר. ער האָט איר אויסגעדריקט מיטגעפיל צוליבן טויט פון איר פאָטער, איר מיטגעטיילט, אַז ער קומט קיין בורגאָס, און האָט פאַרענדיקט דעם בריוו מיט אַ חוצפּהדיק־תמעוואַטן טאָן, אַז היות עס עקזיסטירט שוין מער נישט קיין פאַרבאָט פון דעם קעניג הענריק, קאָן מען אָן שום שטערונגען שליסן, אונטערשרייבן און חתמענען דעם הייראַטס־אָפּמאַך און אויך דעם בונד מיט דאָן פּעדראָן.

אָבער איידער ער וועט אַוועקפאָרן, האָט ער גאָר אַן ענין צו דערליידיקן. הגם ער איז געווען זיכער, אַז גאָט וועט אים שומר ומציל זיין, דאָך האָט ער געוואָלט פאָרויס געבן געוויסע פאַראָרדענונגען אין פאַל, אויב ער וועט אַוועק פון דער וועלט. ער וועט ראַקעלן אָפּשרייבן אַ רייכן גוט און זיין קינד סאַנטשאָ, זיין ליבן, קליינעם ממזר, וועט ער שענקען דעם געהעריקן טיטל וכדומה.

ער האָט באַפוילן יהודהן קומען צו זיך אין שלאָס.

וואָס זאָגסטו, מיין פריינד? — האָט ער אים באַגריסט מיט שפּאָס.

— איצט איז געקומען אַ סוף צו דיינע קאָמבינאַציעס און שפּיצלעך. איצט איז ער שוין דאָ, דער הייליקער קריג!

— די אַלאַכאַמאַ פון טאָלעדאָ, — האָט יהודה געזאָגט, — וועט אויסבעטן אַ ברכה פון הימל פאַר דיין מאַיעסטעט און דיר אויך העלפן מיט מלחמה־כוחות, כדי זאָלסט זיך נישט האָבן מיט וואָס צו שעמען פאַר דער קריסטלעכער וועלט.

— אין אַ דריי טעג אַרום, — האָט אַלפאָנסאָ געמאָלדן, — פאָר איך אָפּ קיין בורגאָס. איך וועל דאַרפט האָבן זייער ווייניק צייט און איך וועל שוין אפשר דאָ נישט צוריקקומען. וויל איך דעריבער שוין איצט מאַכן פאַראָרדענונגען, ווייל עס קאָן פּאַסירן, אַז נישט געקוקט אויף אייערע תפילות און אייערע זעלנער, וועט גאָט אין דער איצטיקער מלחמה הייסן

שטאַרבן מיט אַ קריסטלעכן טויט. גרייט צו אַלע האָקימענטן, איך זאָל זיי קאָנען אונטערשרייבן.

— איך הער, מיין קעניג, — האָט יהודה געזאָגט.

— איך וויל, — האָט דער קעניג געמאָלדן, — דאָניאַ ראַקעלן שענקען גיטער, וואָס זאָלן איר ברענגען מינדעסטנס דריי טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי. און דעם קליינעם סאַנטשאָ וויל איך שענקען דעם טיטל און די רעכט פון דער פריי־געוואָרענער גראַפשאַפט און די שטאָט אָלמעדאָ.

יהודה האָט פאַרביסן די ליפן און זיך באַמיט צו בלייבן רויִק. דאָן אַלפאָנסאָס זשעסטן זענען געווען דרייסט און קעניגלעך. יהודה האָט שוין געזען, ווי זיין אייניקל ווערט גראַף פון אָלמעדאָ. ער האָט געזען, ווי דער קעניג שענקט אים פאַרשידענע טיטלען און הערשאַפטן און מעגלעך אויך דעם טיטל פון קאַסטיליעס אינפאַנט. משוגעדיק און אויסטערליש האָט יהודה אין זיינע רעיונות דערזען דעם טרוים, ווי זיין אייניקל, דער פּרינץ פון איבן עזראָס אָפּשטאַם, וועט ווערן קעניג פון קאַסטיליע.

זיין טרוים איז צערונען געוואָרן. פון דער רגע אָן ווען ער איז געוויר געוואָרן פון קעניג הענריקס טויט, האָט ער געוווסט, אַז עס שטייט אים פאָר דער שווערסטער קאַמף. ער האָט געזאָגט:

— דיין חסד איז באמת אַ קעניגלעכער. אָבער דאָס געזעץ פאַרווערט צו מאַכן אַ גישט־קריסט פאַר אַ גראַפשאַפט־וואַסאַל.

— דו האָסט אוודאי געמיינט, — האָט אַלפאָנסאָ שטיל געענטפערט, — אַז איך וועל די טויבונג פון מיין זון אָפּלייגן ביז איך וועל זיך צוריקקערן פונעם קריג? מאָרגן וועל איך סאַנטשאָן טויפן.

יהודה האָט זיך דערמאָנט אין רבי טוביהס רייד: „אַלע מוזט איר אויף זיך נעמען דעם טויט, איידער מקריב צו זיין כאָטש איינעם פון אייך“. ער דערמאָנט זיך דעם פסוק פון די שריפטן: „ווער עס וועט אַוועקגעבן זיין קינד צו עבודה־זרה, דער איז חייב מיתה“.

— האָסטו שוין מיט דאָניאַ ראַקעל גערעדט, הער קעניג? — האָט יהודה געפרעגט.

— איך וועל עס איר היינט זאָגן, — האָט אַלפאָנסאָ געענטפערט, — אויב אָבער דו ווילסט, קאָנסטו איר עס אַליין זאָגן.

יהודה האָט אין זיך תפילה געטאָן: אויף דיין הילף האָף איך, גאָט, איך האָף אויף דיין הילף, גאָט. און ער האָט געזאָגט צום קעניג:

— דו ביסט דער נאָכפאָלגער פון בורגונדישע הערצאָגן און פון

גאָטישע קעניגן, אָבער דאָניאַ ראַקעל איז אַן איבן עזרא פון דוד-המלכס הויז.

אַלפאָנסאָ האָט געטופּעט מיט די פיס און באַפעלעריש געזאָגט:

— הער שוין אַמאָל אויף מיט דיין מאַלפּישער פּלאַפּלעריי! דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי איך, אַז איך קאָן נישט האָבן קיין יידישן זון.

— אויך קריסטוס איז געווען אַ ייד, הער קעניג, — האָט יהודה שטיל און פאַרביסן געענטפערט.

אַלפאָנסאָ וואָרטשעט. עס האָט נישט געהאַט קיין שום זין מיט יהודהן צו דיספּוטירן וועגן רעליגיע. ער וועט אַליין איבערגעבן ראַקעלן, אַז דאָס קינד וועט מאָרגן געטויפט ווערן. אָבער ראַקעל איז נאָך אָפּגעשוואַכט. און אויב אַפילו יהודה טרייבט איבער איר איבערלעבן ווידערשטאַנד, קאָן זי זיך האָך שטאַרק איבערנעמען און אפשר קראַנק ווערן, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז איר זון וועט מען טויפן.

— גרייט צו די דאָקומענטן, ווי איך האָב דיר געזאָגט, — האָט ער באַפוילן, — און זיי זיכער, אַז מיין זון וועט געטויפט ווערן, איידער איך וועל אַרויסטרעטן אין פעלד. עס וואָלט זייער גוט געווען, ווען דו וואָלסט מיט דיין שכל ראַקעלן דערצו צוגעגרייט.

יהודה האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. פאָרלויפיק פאָרט דער קעניג קיין בורגאָס. צייט איז שוין געוווּנען, וואָכן זענען געוווּנען. ס'וועט זיין אַ צייט פון עגמת-נפש, איצט אָבער איז ער געווען זיכער, אַז פאַרן קעניג איז עס אַן ערנסטער ענין און אַז ער וועט נישט אַרויסטרעטן אין פעלד, איידער ער וועט דאָס קינד נישט טויפן. אָבער צייט איז נאָך געווען, און גאָט, וועלכער האָט אים ביז איצט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל חסד, וועט אים אויך דאָסמאָל אָנווייזן דעם וועג.

— און עס זאָל דיר נישט איינפאַלן, — האָט אים אַלפאָנסאָ געוואָרנט, — מיר אָפּצוטאָן עפּעס אַ קונץ, ווען איך וועל זיין אין בורגאָס. ראַקעל איז איצט אין אַ שוואַכן צושטאַנד, וויל איך זי נישט אויפרעגן. אָבער אויך דו זאָלסט צו איר נישט צושטיין מיט דיינע דרשות, דראָונגען און צוזאָגן. ביז מיין צוריקקער זאָל מיין זון בלייבן אַזאַ ווי ער איז: נישט קיין קריסט, אָבער אויך נישט קיין ייד.

— עס וועט זיין, ווי דו זאָגסט, הער קעניג, — האָט יהודה געענטפערט.

זיי זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן און פיינטלעך, פאַרדעכטיקט באַטראַכט איינער דעם צווייטן.

— איך גלייב דיר נישט, מיין יהודה, — האָט אים אַלפאָנסאָ גלייך אין פּנים אַרייַנגעזאָגט, — דו מוזט מיר געבן אַ שבועה.

— איך בין גרייט, הער קעניג, — האָט יהודה געענטפערט.

— אָבער דאָס מוז זיין אַ האַרבע שבועה, כדי דו זאָלסט זיין געבונדן, — האָט אַלפאָנסאָ פאָרגעזעצט.

ער איז געפאַלן אויף אַ שרעקלעכן אייַנפאַל. עס האָט עקזיסטירט אַן אַלטע שבועה נאָך פון דער צייט פון זיין קינדהייט; מען האָט זי דעמלט געצוואונגען די יידן צו שווערן. דאָס איז געווען אַ נאַרישע, שרעקלעכע פאָרם פון אַ שבועה, אויסגעטראַכט אויף זיך אַלדאָס בייז, אויב די שבועה וועט געבראָכן ווערן. שפּעטער — לויט דער בקשה פון יידן און פון דאָן מאַנריקע — האָט ער די דאָזיקע שבועה אָפּגעשאַפט. ער געדענקט נישט גענוי די ווערטער, אָבער ער ווייס, אַז דאָס איז געווען אַ מיאוסע, אָפּשטויסנדיקע, אומגעלומפּערטע שבועה.

— איך ווייס, אַז עס איז דאָ ביי אייך אַ האַרבע שבועה, — האָט אַלפאָנסאָ אים דערקלערט, — וועלכע איר האָט פריער געמוזט שווערן, אָבער איך בין אפשר צו מילד געווען, וואָס איך האָב אייך פון דער דאָזיקער שבועה באַפרייט. אָבער דיך, יהודה, באַפריי איך נישט.

יהודה איז בלאַס געוואָרן. ער האָט געהערט וועגן דעם שווערן קאַמף, וואָס די אַלאַכאַמאַ האָט דעמלט געמוזט פירן, כדי פטור צו ווערן פון דער שפּלדיקער צערעמאָניע פון שווערן. עס איז אויסגעקומען דערפאַר אַ סך געלט צו באַצאָלן. ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, וואָס אים וועט אויסקומען זיך צו דערנידעריקן.

— באַפריי מיך פון דער דאָזיקער שבועה, הער קעניג, — האָט זיך יהודה געבעטן.

יהודהס ווידערשטאַנד האָט איבערצייגט דעם קעניג, אַז ער האָט געפונען דעם ריכטיקן מיטל דעם כיטרען צו בינדן.

— דו ווילסט דיך ווייטער מיט מיר דינגען און קאָמבינירן? — האָט דער קעניג אָנגעגריפן. — דו שווערסט מיר די האַרבע שבועה, אָדער איך טויט נאָך הייַנט דאָס קינד.

די אַלטע שבועה איז אויפגעזוכט געוואָרן. נישט לייכט האָט מען געקאָנט געפינען עמעצן, וואָס זאָל ביי יהודהן אָפּנעמען די שבועה, כדי אָבער יהודה זאָל נישט באַשווינדלען, האָט מען געדאַרפט אויסזוכן דעם העברעיִשן טעקסט. אַלפאָנסאָ האָט זיך געווענדעט צום יונגן פּריסטער

פון זיין שלאָס, ווען ער האָט אַמאָל געשמעלט די שאלה: „וואָס איז אַזוינס זינד?"

דער יונגער פּריסטער, גליקלעך, וואָס דער קעניג האָט צו אים צו־טרוי, און צעטומלט פון דער לעכערלעכער אימהדיקער צערעמאָניע, האָט אין קענגווארט פון אַלפאַנסאָן אָפּגענומען ביי יהודהן די שבועה.

יהודה האָט געמוזט שווערן, אַז ביז צוריקקער פון קעניג וועט ער לאָזן דאָס קינד און זיין טאָכטער אין דעם איצטיקן צושטאַנד: נישט גלויביק און נישט אומגלויביק, נישט קריסט און נישט ייד. יהודה האָט געמוזט אָפּגעבן די שבועה אין נאָמען פון גאָט, וועלכער האָט מיט זיינע פינגער די שטיינערנע לוחות געשריבן, וועלכער האָט פאַרברענט סדום און עמורה, וועלכער האָט באַפוילן, אַז די ערד זאָל איינשלינגען קורחן, וועלכער האָט דערטרונקען פּרעהן מיט זיינע פערד און רייטווענ. און דער פּריסטער האָט לויטן נוסח פון הצר שבועה אים באַפוילן:

— „און איך שווער ביי גאָט, אַז אויב איך וועל נישט מקיים זיין מיין שבועה, זאָל ער אויף מיר אַראָפּשיקן די צען מכות, מיט וועלכע ער האָט געשלאָגן די עגיפּטער און די אַלע פּלאָגן פון דער תוכחה, וואָס ער שיקט אַראָפּ אויף די, וועלכע זענען נישט מקיים זיינע געבאָטן".

און יהודה האָט געמוזט אַוועקלייגן זיין האַנט אויף תורת משה, דאָרט ווו עס געפינט זיך דער אכט און צוואַנציקסטער קאַפּיטל פון ספר דברים, און דער קריסטלעכער פּריסטער האָט אים פאָרגעלייענט די תוכחה פּסוק ביי פּסוק אין דער העברעישער שפּראַך, און יהודה האָט געמוזט נאָכזאָגן פּסוק ביי פּסוק, און דער קעניג האָט פריילעך און גיריק נאָכ־געקוקט פּסוק ביי פּסוק דעם לאַטייניש טעקסט.

און יהודה האָט אַלע ווישטע קללות זיך אויסגעבעטן אויף זיין אייגענעם קאָפּ. און דער קעניג און דער פּריסטער האָבן אָפּגעענטפערט: אָמן.

(סוף פון צווייטן טייל)